STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04384

YUDISHE GESHIKHTE

Y. E. Leyzerovitsh

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די יודישע געשיכטע

ניי בעארבייט

נאך פראפעסאר גרעטץ און אנדערע קוועלען

דורך י. ל. לייזעראוויטש.

מיט א פאררעדע פון הלל צייטלין.

I-טער באנד

פון דער אורעלטער צייט ביז די חשמונאים.

פערלאג ב. שימין. ווארשא, תרע"ג.

ווי דארף מען פערשטעהן די יודישע געשיכטע?

I.

דאס יודישע פאלק איז אין גלות; די יודישע תורה איז אויך אין גלות. איבערן יודישען פאלק הערשט די פיזישע מאכט פון די פעלקער; איבער דער יודישער תורה הערשט די גייסטיגע מאכט פון די פעלקער. דאס יודישע פאלק איז שוין צום גלות געוואהנט; אין א משך פון טויזענדער יאהרען ווערט מען צו אלץ געוואהנט. די יודישע תורה איז אבער נאך צו דעם ניט געוואהנט: איהר גלות האט זיך ערשט אנגעהויבען. איהר וועהטאג איז פריש, איהר געשריי איז שטארק. ווער עס האט אויערען, יענער הערט עס!

אמאל פלעגט מען יודישע ספרים ברענען. די תורה האט אבער פון דעם גאר נישט געליטען. די פארמעטען פלעגען פערברענט ווערען, די אותיות פלעגען אבער אין לופטען פליהען...

היינט ברענט מען קיין יודישע ספרים ניט. מען וויל אבער די תורה זעלבסט אויסראמען דורך בלומר'שט קריטיק און בלומר'שט וויסענשאפט...

בעשאפען האבען אונזערע פיינד א בעזונדער צווייג פון וויסענשאפט, וועלכען זיי רופען אן „ביבעל-קריטיק“. בעשאפען האבען עס אונזערע פיינד; און אונזערע בעסטע פריינד האבען זיי צוגעהאלפען. די ווער-

טער „קריטיק“ און „וויסענשאפט“ האבען אלעמען די אויגען פערבלענדעט. געקומען איז עס דערצו, אז פיעל פון די בעסטע יודישע געלעהרטע האבען אנגענומען אלע ווייטסטע און קרומסטע השערות פון די ביבעל־קריטיקער פאר תורת משה...

און די תורה שטעהט אין א ווינקעלע און קלאגט: וועה, וועה צו אזא „ליכט“, וועלכע לייכט ניט, נאר עס פערברענט און פערוויכערט דאס היילינגסטע און דאס שענסטע אינים מענשענס לעבען.

וועה, וועה צו מיינע קינדער, וועלכע געהען אויך נאך דעם פאלשען ליכט פון זייערע בלוטיגע שונאים. זיי לויפען דורשטיג צו צום קוואל פון ז י י ע ר „וויסענשאפט“ און זיי בעמערקען ניט, אז דער קוואל איז דורך קנאה און שנאה פערשמוציגט און פערגיפטעט...

„מיר האבען איין א מ ת'ע תורה, — זאגט קראכמאל, — און זי האט אלזא קיין מורא ניט פאר קיין קריטיק, פון ו א נ ע ן די קריטיק זאל ניט קומען“.

יא, מיר האבען איין אמת'ע תורה און זי האט קיין מורא ניט פאר קיין א מ ת'ע קריטיק. ווען די קריטיק איז אבער אין ג ר ו נ ד פ א ל ש און זי ווערט געשטיצט דורך פערשיעדענסטע אייראפעאישע געלעהרטע און מעכטע נאר אויס טיעפער, אפענער אדער בעהאלטענער, שנאה צום יודישען פ א ל ק, — וואס קען דא העלפען דאס, וואס מיר האבען איין „אמת'ע תורה“?

די ביבעל־קריטיק איז פון איהר געבורטס־טאג אן ט ע נ ד ע נ צ י ע ז. די שנאה צום יודישען פאלק האט זי אויף דער וועלט געבראכט, די שנאה צום יודישען פאלק האט זי גרויס געמאכט, די שנאה צום יודישען פאלק שפייזט זי ביז היינטיגען טאג.

פיעל געלעהרטע תמימים פערשטעהען עס אבער ניט און זיי בויגען דעם קאפ פאר דער ביבעל־קריטיק, ווי פאר איין עקזאקטע וויסענשאפט. ניט פערשטעהענדיג איהר אורשפרונג, איהר ענטוויקלונג און איהרע טענדענצען, מיינען זיי, אז די ביבעל־קריטיקער האבען פאר זיך נאר די ריינע וואהרהייט.

און קומען זיי צו דער יודישער געשיכטע, רעכנען זיי זיך אויף שריט און טריט מיט די ווילדסטע פאראדאקסען פון יעדען אנטיסעמיט ביבעל־קריטיקער און די יודישע ג ע ש י כ ט ע ווערט, ניט בעמערקטערהייד, א גרויסער בעשולדיגונגס־אקט געגען דעם יודישען פאלק.

און קאמיש קומט עס אויס, ווען פאר אזא מלאכה נעהמען זיך עכט־יודישע נאציאנאליסטען און זאגאר נאציאנאליסטען־שאוויניסטען. מען איז דאך עפעם מענשען פון צוואנציגסטען יאהרהונדערט, ווי־זשע זאל מען

אָבלייקענען אַ וואָרט פון וועלהויזען און פון דעליטש? נו, מוז מען טריט ביי טריט געהן נאָך די לעצטע. קומט דאָך אָבער אויס, אַז דאָס יודישע פאָלק איז קליין און געמיין, שלעכט און פערדאָרבען, אונפעהיג און טאַלאַנטלאָז. וואָס־זשע טהוען אונזערע היסטאָריקער „נאַציאָנאַליסטען"?— פערדעקען זיי אונזער שאַנד מיט מליצות און מיט פערשיעדענע פשט׳לעך.

וואָס קאָנען אָבער העלפען מליצות און פשט׳לעך דאָרטען, וואו די ביבעל־קריטיק, אין וועלכער זיי גלויבען באמונה שלמה, ווייזט אויף, אַז דאָס יודישע פאָלק האָט קיינמאָל גאָר נישט געשאַפען, אַז אויב אין דער יודישער קולטור איז יאָ עטוואָס פאָזיטיוועס פאַרהאַן, איז עס נאָר פון לייטען גענומען און שלעכט גענומען און אַז דאָס יודענטהום איז ניט קיין אָרגאַניש־געוויקס, ניט קיין פאָלקס־שעפפונג, נאָר עפּעס אַ שווינדעל פון אַ באַנדע „כהנים" און נאַכהער „סופרים" און „פרושים"?...

די יודישע היסטאָריקער־נאַציאָנאַליסטען פערהיטען זיך דערמיט, וואָס זיי ערקלערען אין די הקדמות צו זייערע ספרים, דאָס זיי געהען ניט בלינד נאָך וועלהויזען און אַנדערע. זיי טהוען טאַקי אַזוי. אין פיעל פרטים געהען זיי זיך פונאַנדער מיט די קריסטליכע ביבעל־קריטיקער. וואָס העלפט אָבער דאָס פונאַנדערגעהן זיך אין פרטים, ווען מען שטימט איין אין עיקר, אין כלל, אין די הויפט־יסודות?

אדרבה! עס שאַדט גאָר ניט צו געהן נאָך די עקסטע ביבעל־קריטיקער אין פיעל פערשיעדענסטע פרטים, דאָרטען וואו זיי שטיצען זיך אויף פאַקטען. אויסמיידען דאַרף מען אָבער גראַדע זייערע הויפט־הנחות, וועלכע זענען באמת נאָר בויך־סברות, מאָדערנע קאָפּ־דרעהעניעשען און בלבולים אויף דעם אונגעליעבטען פאָלק.

אונזערע היסטאָריקער־נאַציאָנאַליסטען טהוען אָבער גראַדע פערקעהרט. די היפּאָטעזען און פּאַראַדאָקסען פון די ביבעל־קריטיקער נעהמען זיי צו פאַר ריינע וואַהרהייטען און זייער חובת יודישקייט זענען זיי יוצא דערמיט, וואָס זיי ווייזען אָן דעם טעות פון דעם אָדער יענעם קריטיקער אין דעם אָדער יענעם פרט.

און נאַכהער צוגיסט מען זיך ערשט אין לאַנגע מאמרים וועגען די אייגענאַרטיגקייט און גרויסקייט פונ׳ם יודישען פאָלק, וועגען „יודישען גייסט", וועגען „יודישען מוסר", וועגען דער „יודישער נשמה", נישט פערשטעהענדיג און נישט פיהלענדיג, אַז נאָך דער תורה פון וועלהויזען און דעליטש און אפילו רענאַן (האָטש ער האָט ליעב אַמאָל וועגען יודען זיסינקע רעדעלעך רעדען) שטעהט דאָס יודישע פאָלק ניעדריגער פון אַלע אַנדערע פעלקער און האָט גאָר נישט, נישט קיין גייסט, ניט קיין מוסר, ניט קיין נשמה...

דען אויב דער מעמד הר סיני איז קיינמאָל נישט געווען; אויב אָט דער „מעמד הנבחר" איז נאָר אַ שפּעטערע דיכטונג פון אייניגע כהנים (ווי עס זאָגען פיעל ביבעל-קריטיקער); אויב די תורה איז געשריבען געוואָרען אין די שפּעטסטע צייטען (ווי עס זאָגען אַלע ביבעל-קריטיקער); אויב די תורה איז אפילו ניט קיין פאָלקס-דיכטונג און פאָלקס-שעפּפונג, נאָר פאַנטאַזיע און ווילקיר פון פערשיעדענסטע פאַנאַטיקער-פּאָליטיקער (ווי מען קען פערשטעהן פון רענאַן, ווען זיינע מליצות זאָלען אונז נישט נאַרען, און פון פיעל אַנדערע); אויב די „נבואה" (אין איהר העכסטען און ריינסטען זין) איז אַ שאַרפער פּראָטעסט געגען די בעגרענצטקייט און ענגקייט פון די תורה-געזעצען, (ווי עס קומט ווידער אויס לויט רענאַן און אַנדערע); אויב די בעסטע נביאים זענען ביי יודען נאָר אויסנאַהמס-מענשען געווען און אויסער זיי, איז דאָס גאַנצע יודישע פאָלק בעשטאַנען פון לויטער זינדיגע און שווינדלער (ווי עס קומט ווידער אויס פון די זעלבע); אויב די נביאים גופא זענען אויך געווען גענוג בעגרענצט, דען אין אַלגעמיין איז דער סעמיטישער גייסט זעהר בעגרענצט און פאַנאַטיש און ער קען קיינמאָל ניט אַרויס פון דעם צויבער-קרייז „ד' הוא האלהים" (ווי רענאַן זאָגט בפירוש); אויב אַלע יודישע ימים-טובים און דער גאַנצער יודישער קולטוס איז פון די כנענים גענומען (זעה טשעמבערלען און אַנדערע); אויב די שענסטע ספּורים פון מעשה-בראשית זענען פון די אַכּדים גענומען און שלעכט איבערגעגעבען געוואָרען (זעה דאָרט); אויב אַלע משפּטים און שבת זענען פון בבל גענומען (זעה דעליטש); אויב דער גאַנצער תנ"ך איז דורכאויס פערגרייזט בעוואוסטזיניג אָדער אונבעוואוסטזיניג; אויב די בני-ישראל האָבען זיך באמת קיינמאָל ניט דערהויבען צום ריינעם מאָנאָטעאיזם, דען דער גאָט פון די בני ישראל י ה ו ה איז נאָר איין אָרטיגער גאָט (לויט איינע) אָדער אַ טאָטעם פון פערשיעדענסטע סעמיטישע שבטים (לויט אַנדערע), אַ גאָט ווי אַלע געטער, אַ גאָט, וואָס האָט נאָר מיט זיין שטאַם צו טהון און ווען מען האָט אָנגעהויבען צו רעדען וועגען זיין „איינהייט", מיינט מען נאָר זיין שליטה איבער אַלע פעלקער, וואָס עס סימבאָליזירט אייגענטליך די שליטה פון די בני-ישראל אויף אַלע אַנדערע פעלקער (ווי פיעל היסטאָריקער מיינען); אויב די יודישע תורה, וועלכע האָט דעם יודישען פאָלק אויף אַ פאַלשען, קרומען וועג געפיהרט, איז נאָך מעהר שעדליך געוואָרען, ווען זי גופא איז פערדרעהט און פערקרימט געוואָרען דורך אַלערליי פרושים און רבנים; אויב דאָס יודישע פאָלק, אַ שטאַם פון דער בעגרענצטער סעמיטישער ראַסע, איז אַ פאָלק אָהן ליעבע צו קונסט, צו שענהייט, צו פּלאַסטישע פאָרמען, אָהן נייגונג

צו מעטאפיזיק און מיסטיציזם, אַ פאָלק, וואָס איז דורכאויס ערדיש, פראַקטיש, ווייס נאָר אייגען-נוטץ און געלד, אַ פאָלק, וואָס איז נאָך דערצו פערפיהרט דורך זיין תורה, וועלכע לערנט איהם, אַז ער איז העכער פון אַלע פעלקער און ער מעג טהון מיט זיי וואָס ער וויל (ווי עס זאָגען אַלע אַנטיסעמיטען און די היסטאָריקער און קריטיקער גיבען זיי אַ תוקף); אויב דעם יודען איז אָרגאַניש פרעמד די גאַנצע אייראָפּעאישע קולטור (ווי עס מיינען וואָלטער, העררדער, געטהע און אַנדערע); אויב דאָס בעסטע און דאָס שענסטע, וואָס דאָס קריסטענטהום פערמאָגט אין זיך, איז ניט פון יודענטהום גענומען, נאָר אַדרבה, געגען דעם יודענטהום האָט עס זיך געבילדעט (ווי עס זאָגען טאָלסטאָי און טשעמבערלען); אויב דאָס יודישע פאָלק האָט אַלזאָ אין זיין טויזענדיעהריגע היסטאָריע גאָר נישט געשאַפען און גאָר נישט געגעבען דער מענשהייט; אויב אָט די און נאָך אַזעלכע הויפּט-יסודות פון דער ביבעל-קריטיק און תלמוד-קריטיק זענען ריכטיג — וואָס פאַר אַ טעם האָבען דאַן אַלע רייד וועגען אַ יודישען „גייסט“, „מוסר“ און „נשמה“?

איך וויים, אַז אונזערע היסטאָריקער-נאַציאָנאַליסטען אַנערקענען ניט פיעל פון אָט די הויפּט-יסודות, וואָס די ביבעל- און תלמוד-קריטיק שטעלט אַרויס. זיי זענען אָבער דאַן ניט קאָנסעקוועגט. זאָגט מען אַלף, מוז מען אויך בית זאָגען. קוים אַנערקענען זיי דעם עצם מעטאָד פון די ביבעל-קריטיקער, מוזען זיי אַנערקענען די אַלע רעזולטאַטען פון אָט דעם מעטאָד...

אין די לעצטע יאָהרען איז אַרויס אַ מערקווירדיגעס בוך פון טשעמבערלען איבער יודען (אַ טהייל פון זיין גרויסען בוך איבער'ן ניינצעהנטען יאָהרהונדערט). דאָס בוך איז פול גיפט און גאַל. ער איז פול געדאַנקען-בליצען און יעדער געדאַנק איז אַ גיפט-פייל אין יודישען לאַגער געוואָרפען. ניט נאָר די אַנטיסעמיטען האָבען עס אונטערגעהאַפּט ווי אַ טייערען אוצר, נאָר זעהר פיעל ניט אַנטיסעמיטען, געלעהרטע, ערנסטע, גוטע און פרייע מענשען. מיט דעם בוך מוז מען זיך רעכענען. מבטל זיין איהם אונטערן האַנד, איז לחלוטין אונמעגליך. ער מאַכט אויף יעדען פאַרטייאָזען מענשען זעהר אַ גוטען איינדרוק.

דאַרף איך דען נאָך זאָגען, אַז אָט דאָס בוך האָט אונז יודען זעהר פיעל שאָדען געבראַכט? — גענוג, אַז איך וועל דערמאָהנען, אַז „אונזער“ מענשיקאָוו ביי זיין יעדען אַרויסטריט געגען יודען נעהמט ער אַרויס אַ טראָפּען גיפט פון טשעמבערלענ'ס בוך, פערמישט עס מיט פיעל וואַסער און געמיינהייט און דאָס פערגיפטעט טאָג-טעגליך די רוסישע געזעלשאַפט.

און אונזער אונגליק ליעגט, ווי איך האב שוין געזאגט, אין דעם, וואס טשעמבערלען'ס בוך איז אינגאנצען כמעט ווי אביעקטיוו געשריעבען, אינגאנצען „וויסענשאפטליך", דורכאוים לאגיש, ע־נסט און עהרליך.

איך בין ניט דער איינציגער יוד, וואס טשעמבערלען'ס בוך מאכט אויף איהם אזא איינדריק. וועגען טשעמבערלען'ס עהרליכקייט און ערנסט דערמאהנט אויך זיין געגנער, דער יודיש־דייטשער געלעהרטער פראנץ אפפענהיימער אין זיין בוך.

ווי זשע איז עס געקומען? ווי אזוי איז עס געשעהן? ווי אזוי האט עס טשעמבערלען געקענט געוויסענהאפט, פאלקאם עהרליך און ערנסט אזוי פערקרימען און פערדרעהען די יודישע געשיכטע, מאכען פון ווייס — שווארץ, פון דאס בעסטע און דאס שענסטע, וואס יודען פערמאגען און וואס יודען האבען דער וועלט געגעבען — אש און רויך? — ער האט איין קלייניגקייט גע...ן. ער האט אויפגעקליבען אלע פאראדאקסען, היפאטעזען און געוויסהייטען פון דער ביבעל־קריטיק, אלערליי מיינונגען פון רענאן, וועלהויזען, האמעל, שערער, דעליטש, און האט פון זיי די קאנזעקווענצען געצויגען. זיינע קאנזעקווענצען זענען דורכאוים לאגיש; אנערקענט מען דעם מעטאד פון די ביבעל־קריטיקער, בעטראכט מען די יודישע געשיכטע לויט זייער מיינונג, מוז מען לאגיש קומען צו דעם, וואס טשעמבערלען איז געקומען.

די מיינונגען, וועלכע ווערען ארויסגעזאגט אין טשעמבערלען'ס בוך, קענט איהר אנטרעפען אייגענטליך אויך אין די ווערק פון פיעל יודישע געלעהרטע. א טייל פון זיי קענט איהר אנטרעפען זאגאר ביי אזא פייערדיגען, גרויסען יודען, ווי פראפ' גרעץ און כמעט ביי די אלע נייסטע יודישע ביבעל־פארשער און היסטאריע־פארשער, ביי בערנפעלד, ד"ר ניימארק, קלויזנער וכדומה. גישט מעהר, וואס טשעמבערלען נעהמט אן אט די אלע „וואהרהייטען" מיט א רוהיגען געוויסען און פיהרט פון זיי רוהיג ארוים אלע אנטיסעמיטישע געדאנקען, און די יודישע היסטאריקער־דענקער ווערען דורך דעם געפייניגט, געקוועלט, פערצווייפעלט. זיי וויסען ניט, וואס צו טהון דערמיט. עס איז זיי שלעכט אזוי און שלעכט אזוי, „אוי להם מיוצרם ואוי להם מיצרם". זיי האבען מורא צו זינדיגען געגען דער „וויסענשאפט" און זיי האבען מורא צו זינדיגען געגען דעם יודישען פאלק. דעריבער דרעהען זיי זיך שטענדיג אין ענגען קרייז פון ספקות, פשט'לעך, פראזען, און ליידען דערביי גרויסע יסורי־הנפש.

עס איז שוין אבער די צייט געקומען, ווען מיר, יודען, זאלען אפען פאר אלעמען ארויסזאגען: מיר אנערקענען ניט די גאנצע ביבעל־קריטיק! מיר אנערקענען ניט איהר מעטאד! מיר בעטראכטען אונזער געשיכטע

גאַר פון אַנ׳אַנדער שטאַנד־פונקט, פון אונזער יודישען שטאַנד־פונקט.

מיר אַנערקענען ניט אייער ביבעל־קריטיק, מיר אַנערקענען ניט אויך אייער תלמוד־קריטיק, וועלכע איז אויך לויט׳ן שניט פון אייער ביבעל־קריטיק געשניטען...

דער ערשטער און דער בעסטער פון אייערע ביבעל־קריטיקער, איז אונזער ברוך שפינאָזאַ (אין זיין „טעאָלאָגיש־פּאָליטישען טראַקטאַט"). זיין בוך איז אָבער מיט שטאַרקע שנאה צום יודענטהום געשריבען. אונזערע רבנים האָבען איהם רודף געווען און ער האָט עס קיינמאָל ניט געקאָנט פערגעסען. איך, קריסטען, הנפה׳ט ער, אויף אונז זיכט ער אָבער בלבולים.

מיר האָבען אונזער ביבעל־קריטיק און תלמוד־קריטיק, וועלכע איז אויסגעאַרבייט דורך די גרעסטע מפרשים און דענקער אונזערע: ר׳ סעדיה גאון, רמב״ם, רשב״ם, אבן עזרא, רלב״ג, רמב״ן, ר׳ חסדא קרשקש, ר׳ יוסף אַלבא און וועלכע איז פערטיעפט געוואָרען, פילאָזאָפיש און וויסענשאַפטליך דורכגעלייטערט געוואָרען דורך מענדעלסאָהן, קראָכמאַל, צונץ, בערנאַאים, הירש, שטיינהיים וכדומה און אויך דורך גייגער, יה״ש, גרעטץ, וויס וכדומה, אויף וויפיעל זיי זענען זיך געטריי, אויף וויפיעל זיי פאָלגען זייער היסטאָרישען געפיהל און גיעבען זיך ניט אונטער דעם איינפלוס פון אייער טענדענציעזער (קריסטליכער) ביבעל־ און תלמוד־קריטיק.

ביז איצט האָבען מיר אויף אונזער געשיכטע געקוקט מיט אייערע אויגען; עס איז שוין אָבער צייט, אַז מיר זאָלען אונזערע געשיכטע בעטראַכטען לויט אונזערע בעגריפען...

איהר זאָגט, אַז אייער מעטאָד איז ריין וויסענשאַפטליך. מיר קענען איך אָבער אויפווייזען, אַז אייער מעטאָד האָט איך אייער שנאה דיקטירט און ניט אייער וויסענשאַפט!

II.

איך געפין דעם עצם מעטאָד פון דער קריסטליכער ביבעל־קריטיק, און ממילא אויך די היסטאָריע־אויפפאַסונג, וועלכע איז אויף איהר געבויט, פאַר טענדענציעז און פאַלש איבער פאָלגענדע טעמים:

1) די קריסטליכע ביבעל־ און תלמוד־קריטיק געהט אַרויס פון דעם

שטאַנדפּונקט, אַז קײן אױסנאַהם אין היסטאָריע גיבט עס ניט. דאָס יודישע פאָלק מוז אין גאָר נישט אָבגעטײלט זײן פון אַלע אַנדערע פעלקער. די ענטװיקלונג פון אַלע געשעהענישען מוז געהן בהדרגה, אָהן פּלוצלינגע ערשײנונגען, אָהן איבעראַשונגען, אָהן אױסערגעװעהנליכע געשעהענישען. די יודישע היסטאָריע, לױט װי די יודישע מסורה גיעט זי איבער, איז אָבער פול מיט אַזעלכע פּלוצלינגע ערשײנונגען און אױסערגעװעהנליכע מעשים. און היוצא מזה? היוצא מזה איז, אַז מיט דער יודישער מסורה דאַרף מען זיך גאַנץ װעניג רעכענען. די צװײפעלהאַפטסטע קװעלע פון אַנדערע היסטאָרישע דאָקומענטען איז לאַנג ערגער ריכטיגער פון דער יודישער מסורה, און בכלל קען מען זיך ערלויבען דיכטען די יודישע היסטאָריע, גאַנץ װילקירליך אַלערלײ היפּאָטעזען אַרױסזאָגען.

דאָס איז אָבער ניט אמת. די היסטאָריע װײס יאָ פון אױסנאַהמען. אָט מוזען דאָך אַלע אַנערקענען, אַז דאָס איצטיגע לעבען פונם יודישען פאָלק איז אַ רײנע אױסנאַהם אין דער היסטאָריע. װאו האָט עס דען עקזיסטירט אַ פאָלק אָהן אַ לאַנד אין אַ משך פון טױזענדער יאָהרען?

קען אָבער דאָס יודישע פאָלק איצט עקזיסטירען אַלס אַ געװיסע אױסנאַהם, פאַרװאָס האָט זײן היסטאָריע פון אָנפאַנג אָן ניט געקענט בילדען זיך אַנדערש, װי די היסטאָריע פון אַנדערע פעלקער האָט זיך געבילדעט?

און בכלל גיבט עס אין היסטאָריע אױסנאַהמען. אָט איז דאָס גאַנצע גריכישע פאָלק באמת אײן אױסנאַהם פון דער היסטאָריע געװען. אין דער צײט פון אַלװעלטליכען באַרבאַריזם, האָט דאָס גריכישע פאָלק די גרעסטע און די העכסטע קונסט פאָרמען געשאַפען און די טיעפסטע פילאָזאָפישע סיסטעמען אַרױסגעגעבען.

אױב די גריכען האָבען געבילדעט מיט טױזענדער יאָהרען פאַר קריסטוס די העכסטע קונסט, פאַרװאָס האָבען יודען מיט טױזענדער יאָהרען פאַר קריסטוס ניט געקענט האָבען די רײנסטע בעגריפען װעגען גאָטהײט? פאַרװאָס מוז מען דוקא זאָגען (װי די ביבעל-קריטיק װיל), אַז דער מאָנאָטעאיזם האָט זיך בײ יודען ערשט אין די שפּעטסטע צײטען ענטװיקעלט און אין אײן אונקלאָרער פאָרם אָדער זאָגאַר לגמרי נישט?

2) אין ערשטען פאַל בענוצט די קריסטליכע ביבעל-קריטיק פאַלש דעם געװיסען כלל פון יעדער װיסענשאַפט: „די נאַטור װײסט ניט פון קײן שפּרונג“, נישט פערשטעהענדיג, אַז נאַטור איז עטװאָס אַנדערש און היסטאָריע איז עטװאָס אַנדערש, דען די היסטאָריע שאַפען מענשען

און דער גייסט פון מענשען געהט ניט אלע מאל בהדרגה.

דעם מענשענס גייסט האט זיין נארמאל, רוהיג לעבען, זיין נארמאלע, רוהיגע ענטוויקלונג, ער האט אבער אויך זיין שטורם, זיין בליץ, זיין דונער, זיין חורבן און זיין שאפונגס=מאמענט...

און וועגען דער נאטור זעלבסט דארף מען אויך ניט בוכשטעבליך פערשטעהן דעם איבענדערמאהנטען זאץ. די נאטור וויסט נישט פון קיין שפרונג אין דעם זין, וואס קיין זאך קומט ניט ווי פון דער הע־לער הויט, אלין בילדעט זיך אינוועניג, אלץ ענטוויקעלט זיך לויט געוויסע טיעפע סבות, ביסלעכווייז. דער אויסברוך קומט אבער פיעל מאל ארויס מיט אמאל. מיט אמאל, אונערווארטעט, קומט ערד=ציטערניש, מיט אמאל קומען אלע געאלאגישע איבערקעהרענישען. מיט אמאל קען אלזא אויך קומען דער אויסברוך פונ'ם מענשענס גייסט. דער מענש קען אמאל אין איין מאמענט ערקעגען מעהר ווי אין זיבעציג יאהר. א פאלק קען אויך אלזא אין א אויסערגעוועהנליכען מאמענט איבערלעבען מעהר ווי אין טויזענדער יאהרען.

די ביבעל=קריטיק זינדיגט אבער אויך מיט א צווייטען כלל פון דער אלגעמיינער וויסענשאפט. אין יעדער וויסענשאפט ווערט בענוצט דאס פערגלייכונגס=סיסטעם. בענוצען די ביבעל=קריטיקער אין זייער „וויסענשאפט" אויך אט דאס סיסטעם. זיי בענוצען עס אבער שלעכט. זיי געפינען, אז ביי אנדערע אלטע פעלקער זענען געווען פיעל מצוות און מנהגים ענהליך צו די, וואס ביי די בני=ישראל. שליסען זיי דערפון, אז יודען האבען זייערע מצוות פון אנדערע גענומען. פון וואנען איז עס אבער געדרונגען? פארוואס מוז דוקא יעדעס פאלק היקא פון דעם צווייטען נעהמען? פארוואס זאלען פערשיעדענע פעלקער, לויט די אייביגע געזעצען פון דעם מענשענס גייסט, ניט קומען צו איינע און די זעלבע בעשלוסען גאנץ זעלבסטשטענדיג?

בנוגע צו אנדערע פעלקער און אנדערע רעליגיאנען האבען אייניגע גרויסע רעליגיאנס=היסטאריקער שוין לאנג ארויסגעזאגט א מיינונג, אז ענהליכע רעליגיעזע ערשיינונגען זענען גאר ניט קיין בעווייז אויף נאכאהמונג, דען ביי יעדען פאלק קענען זיי זיך בילדען אייגענארטיג, פון דעם אייגענעם גייסט געשעפט, אינגאנצען אונהאבהענגיג פון דעם, וואס ביי דעם צווייטען פאלק האט זיך דאס ענהליכע געבילדעט (זעה מענזיס, די ערשטע פרקים פון זיין רעליגיאנס=געשיכטע). פאר וואס=זשע איז אבער, ווען מען זעהט, אז געוויסע יודישע מצוות און מנהגים האבען ביי אנדערע אויך א געוויסען ארט געהאט, מוז מען דוקא זאגען, אז יודען האבען עס ביי אט די אנדערע גענומען? פאר=וואס מוזען יו־

דען דוקא נאכאהמען? פאר־וואס האבען יודען ניט געקענט די זעלבע זאכען שאפען אָריגינעל, אָט אַזוי ווי די אַנדערע פעלקער האָבען עס געשאַפען?

3) פיעל זאַכען נעהמען טאַקי די פעלקער איינע ביי די צווייטע. עס קען געבען, אַז יודען האָבען גענומען איינינע זאַכען ביי אַנדערע פעלקער. פאַר־וואָס־זשע האָט אָבער אויך ניט געקענט זיין פערקעהרט?

די ביבעל־קריטיקער געפינען, אַז די ספּורים פון מעשי־בראשית זענען אויך דאָ ביי די בבליים, ביי אַנדערע. פון וואַנען איז אָבער די ראיה, אַז יודען האָבען עס פון די בבליים גענומען? טאָמער פערקעהרט? עס קען זעהר געבען, אַז די בבליים האָבען עס פון יודען גענומען...

וויפיעל די ביבעל־קריטיקער זאָלען ניט פלפל'ען, קענען זיי דאָך בשום אופן ניט בעשטימען גענוי, ניט די צייט, ווען אָט די ספּורים האָבען זיך געבילדעט ביי די בבליים און ניט די צייט, ווען זיי האָבען זיך ביי יודען געבילדעט. דען אויב מיר זאָלען אפילו זאָגען, אַז מיר ווייסען יאָ, ווען די יודישע ספּורים פון מעשי־בראשית זענען געשריבען (דאָס הייסט: ווען מען זאָל אָננעהמען די ווילקירליכע היפּאָטעזען פון רענאַן און אַנדערע פאַר ווייסענשאַפט), קען מען דאָך אָבער בשום אופן ניט וויסען, ווען אָט די ספּורים זענען דערצעהלט געוואָרען. פיעל ספּורים ווערען פונ'ם פאָלק דערצעהלט, ווערען איבערגעגעבען פון עלטערן צו קינדער, און ווערען געשריבען אין הונדערטער יאָהרען אַרום. דאָס גלייכען קען אויך קיינער ניט וויסען, ווען די בבליים האָבען אָט די זעלבע ספּורים דערצעהלט. וואָסער מלאך האָט אַלוֹאָ דערצעהלט דעם ביבעל־קריטיקער, אַז דוקא די יודען האָבען פון די בבליים די ספּורים גע־נומען, און ניט פערקעהרט?

דאָס גלייכען איז גאַנץ ווילקירליך די הנחה פון דעליטש, אַז יודען האָבען זייערע משפטים ביי די בבליים גענומען. אויב אַז יאָ „גענו־מען" — פאַר וואָס ניט פערקעהרט?...

דאָס גלייכען זענען אינגאַנצען ווילקירליך די אַלע טויזענדער הקירות וועגען דער השפעה פון דער פערסישער רעליגיע אויף דער יודי־שער, האָטש אויף די טהעמען האָבען פיעל יודישע געלעהרטע געשריבען (בעזונדערס די „בעלי ההלוץ" און דר. ש. רובין). אֶמת, אַז די יודישע דינים פון טומאה וטהרה זענען עהנליך אין פיעל פרטים צו די זעלבע דינים פונ'ם מזדאַאיזם. דאָס איז, ערשטענס, קיין בעוויַז ניט (ווי מיר האָבען פריהער דערמאָהנט), ווייל ביי צוויי בעזונדערע פעלקער קענען זיין איינע און די זעלבע דינים גאַנץ אומאַבהענגיג איינס פון דאָס אַנדערע, און צווייטענס פערשטעה איך בשום אופן נישט, פאַר־וואָס האָט דער

יודאַאיזם יאָ געקענט נעהמען פֿונ׳ם מזדאַאיזם און דער מזדאַאיזם פֿונ׳ם יודאַאיזם ניט? ווען יודען זענען אין בעריהרונג געקומען מיט די פּערסיאַנער, האָבען די פּערסיאַנער אַזוי גוט געקענט איבערנעהמען די יודישע דינים, ווי די יודען די פּערסישע דינים...

און נאָך מעהר: דער שכל איז מחיב פֿערקעהרט. דאָס יודישע פֿאָלק איז שטענדיג געווען אָבגעזונדערט (בעזונדערס אין די שפּעטערע צייטען, ווען זיי זענען געקומען אין בעריהרונג מיט די פּערסיאַנער). דאָס יודישע פֿאָלק האָט אויף זיך שטענדיג געקוקט, ווי אויף אַיין „עם הנבחר". ווי אַזוי־זשע האָט זיך דער „עם הנבחר" געקענט ערלויבען צו לערנען דינים פֿון „געטצענדינער"?

4) דער תנ״ך איז קודם כל אַ געטליך ווערק. צוטרעטען צום תנ״ך מוז מען אַלזאָ מיט׳ן טיעפֿסטען רעליגיעזען געפֿיהל. די ביבעל־קריטיקער טרעטען אָבער פֿיעל מאָל צו צום תנ״ך, ווי צו דער געמיינסטער באָבע־מעשה...

גלויבט מען אפילו ניט אין די געטליכקייט פֿונ׳ם תנ״ך, מוז מען דאָך אַלענפֿאַלס מודה זיין, אַז דער תנ״ך איז אַ גרויסע קונסט־ווערק. אורטיילען וועגען אַ גרויסע קונסט־ווערק דאַרפֿען נאָר קינסטלער, דיכטער, שעפֿפֿער, אויב ניט דיכטער בפֿועל, איז לכל־הפּחות דיכטער בכֹּח, איך מיין: מענשען, וועלכע האָבען פּאָעטישע נייגונגען, זין פֿאַר שענהייט, פֿאַר גרויסקייט, פֿאַר עדעלקייט. פֿאַר ביבעל־קריטיק האָבען זיך אָבער גענומען (אויסער רענאַן, וועלכער איז יאָ פּאָעט געווען, אָבער זעהר טענדענציעז) מענשען אָהן דעם קלענסטען זין פֿאַר אַ פּאָעטיש ווערק, קאַלטע פּראָזאַאיקער, טרוקענע פֿילאָלאָגען.

ווען מען טרעט צו צו אַנאַליזירען אַ פּאָעטיש ווערק, מוז מען קודם כל בעגרייפֿען די אידעע פֿונ׳ם ווערק, דאָס גאַנצע בילד, אויב דאָס איז אַ פּלאַסטיש ווערק, און האָבען אַיין אינערליכע פֿערהעלטניס און קרובה׳שאַפֿט מיט דעם ווערק — אויב דאָס ווערק איז ליריש, סובּיעקטיוו, האַרציג. די יודישע נבואה, אויף וויפֿיעל זי איז פּלאַסטיש, פֿאָדערט זי פֿונ׳ם פֿאָרשער קינסטלער־טאַלאַנט; אויף וויפֿיעל זי איז אָבער ליריש און אויסערגעווהנליך איניג און האַרציג, פֿאָדערט זי פֿונ׳ם פֿאָרשער אויך אַ בעזונדער זין פֿאַר די „פֿערפֿלוכטע פֿראַגען", פֿאַר דעם גרעסטען סוד פֿון לעבען, פֿאַר׳ן וועלט־שמערץ, פֿאַר דאָס אייביגע ליידען פֿונ׳ם יודישען פֿאָלק און זיין בעזונדער אָרט אויף דער וועלט, זאַכען, פֿון וועלכע פֿיעל ביבעל־קריטיקער האָבען קיין אַהנונג נישט.

5) דער תנ״ך איז אַ טויזענד־יעהריגער ספֿר. עס קען אַלזאָ זיין, אַז אין איינציגע ערטער זענען ניט גאָר ריכטיגע נוסחאות פֿאַרהאַן.

מען טאָר עס אָבער ניט מגזם זיין, דען דאָס יודישע פאָלק האָט שטענדיג דעם תנ״ך געהיט, ווי דאָס אויג פון קאָפּ. די יודישע מסורה האָט שטענדיג אַלע אותיות פון תנ״ך געצעהלט. ביי אַזאַ צושטאַנד איז בשום אופן קיין אָרט ניטאָ אין תנ״ך פאַר פיעל גריזען.

אין די אויגען פון די ביבעל־קריטיקער איז אָבער דער תנ״ך פול מיט גריזען פון אָנפאַנג ביז'ן סוף. וואו זיי שטעהען און געהען, וואו זיי קעהרען זיך און ווענדען זיך, חלומ'ט זיך זיי גריזען.

און זיי נעהמען זיך פאַר'ן פערריכטען אַט די „גריזען". נאָר וועה, וועה, וואָס זיי האָבען פון דעם הייליגען, שענעם תנ״ך געמאַכט. אַלץ, וואָס ס'איז פריהער געווען גאַנץ, פּאָעטיש, פול לעבען און גייסט, איז געוואָרען נאָך זייער הגהה פּראָזאַאיש טרוקען, צוריסען אויף שטיקלעך, אָהן פּאָעזיע, אָהן נשמה, אָהן לייב, אָהן לעבען. ווער עס וויל זיך איבערצייגען אין דעם, זאָל אויסקלייבען וואָס פאַר אַ קאַפּיטעל פון תנ״ך ער וויל. זאָל ער נאָכהער איבערשרייבען דאָס גאַנצע קאַפּיטעל, לויט ווי די ביבעל־קריטיקער פערריכטען, וועט ער גלייך דערפיהלען, אַז פון אַ לעבעדיגען אָרגאַניזם איז אַ סקעלעט געבליבען. בשעת מען לייענט יעדער תקון באַזונדער, בעמערקט מען עס ניט. בעמערקען קען מען עס אָבער, ווען מען נעהמט דאָס גאַנצע. פון דער העכסטער פּאָעזיע ווערט דורך די תקונים געמיינע, געשמאַקלאָזע, נאַרישע פּראָזאַ.

6) די ביבעל־ און תלמוד־קריטיק מיינט שטענדיג צו פּסל'ען דאָס יודישע פאָלק און צו ערנידערען זיין גייסט, ווען זי דענקט, דאָס איהר איז געלונגען אויפצווייזען, דאָס יודען האָבען די אָדער יענע זאַך פון אַנדערע גענומען. באַזונדערס פּרעהט עס די ביבעל־קריטיקער, ווען זיי נעהמען זיך פאַר די הויפּט־יסודות פון יודישקייט, אמונת האחדות, שבת, מילה וכדומה. לאָמיר זיי אַ ווייל נאָכגעבען. לאָמיר אַ ווייל אָננעהמען, אַז אַט די אַלע זאַכען זענען טאַקי ביי אונז פון אַנדערע גענומען. וואָס זשע פאָלגט דערפון? פאָלגט דען דערפון, אַז דאָס יודישע פאָלק האָט אין זיך קיין אָריגינאַליטעט ניט? — קיין איין האָר נישט!

דאָס יודישע פאָלק קען בלייבען אין גאַנצען אָריגינעל מיט זיין שבת, למשל, ווען ער זאָל עס אפילו האָבען פון אַנדערע גענומען. דאָס יודישע פאָלק האָט אויף דעם שבת ארויפגעלעגט דעם זיגעל פון זיין גייסט. וואָס האָט ער געקענט נעהמען פון אַנדערע? — אַ טאָג אויף אָבצורוהען פון אַרבייט. דער יודישער שבת איז אָבער גאָר עטוואָס אַנדערש. דער יוד האָט אין דעם שבת אַריינגעטהון די אידעע פון גאָט און וועלט („וביום השביעי שבת וינפש"), זיין גרויסע היסטאָרישע פערגאַנגענהייט („זכר ליציאת מצרים"), שענסטע און העכסטע הומאַניטעט („למען ינוח

שורך והמורך ועבדך ואמתך"). אין זײַן װײַטערע ענטװיקלונג װערט דער שבת שוין גאָר אַ בת־זוג פֿון גאָט ברוך־הוא („אמר הקדוש ברוך־הוא: אני בן־זוגך") און די בעסטע מתנה, װאָס גאָט האָט אין זײַנע אוצרות („מתנה טובה יש לי בבית גנזי ושבת שמה"). אין נאָך װײַטערע ענטװיקלונג װערט שוין שבת — אַ מלכּה, אַ אײביגע כּלה, אַ סימבאָל פֿון מלכות און פֿון שכינה. אין דער גאַנצער גלות־צײַט — אַ גן־עדן טאָג, אַ צופֿלוכטס־אָרט, אַ װאונדער־טאָג, אַ טאָג װען דער פֿערשאָלטענער פּרינץ, װאָס איז אַ גאַנצע װאָך אין הונד פֿערװאַנדעלט, װערט װידער בן־מלך.

און דאָס, װאָס איז אמת בנוגע צו שבת (װי עס האָט אַזױ שײן בעמערקט בעל־מחשבות), איז אמת אױך בנוגע צו פּיעל, זעהר פּיעל יודישע זאַכען. װען זײ זאָלען זײַן אפילו פֿון אַנדערע גענומען, האָט דער יודישער גײַסט זײ פֿון ס׳נײַ בעשאַפֿען, דער יוד האָט אין זײ זײַן נשמה אַרײַנגעטהון און זײ זענען אײביג געװאָרען. דער יוד האָט געװעהנליכע מנהגים גענומען און האָט פֿון זײ אײביגע קונסט־װערק געשאַפֿען. אין קונסט־װערק איז ניט דאָס טעמאַ װיכטיג, נאָר די פֿאָרם און דער גײַסט. שעקספּיר האָט די טהעמען פֿון זײַנע װערק דורכאױס פֿון אַנדערע גענומען. ער האָט אָבער אין זײ זײַן גײַסט אַרײַנגעטהון און זײַן פֿאָרם, און זײ זענען דורך דעם אײביג געװאָרען...

7) די ביבעל־קריטיקער זענען זיך נוהג, דאָס װען די יודישע מסורה קומט בײַ זײ אױס צװײפֿעלהאַפֿט, טראַכטען זײ אױס אײגענע השערות און גרינדען אױף דעם זײערע היסטאָרישע אַנשױאונגען. לאָמיר אָננעהמען, אַז די יודישע מסורה איז יאָ צװײפֿעלהאַפֿט אין געװיסע שטעלען. די יודישע מסורה איז דאָך אָבער אַ פֿאָלקס־מסורה. אױב געװיסע מסורות גיבען ניט איבער ריכטיג די פֿאַקטען, װי זײ זענען געטהון געװאָרען, גיבען זײ דאָך אָבער איבער דעם גײַסט פֿון דעם פֿאָלק, װאָס דערצעהלט עס. אין דער היסטאָריע זענען די טרוקענע אַבגעריסענע פֿאַקטען ניט אַזױ װיכטיג, װי זײער בעלױכטונג. דער פֿאַקט אַן און פֿאַר זיך זאָגט גאָרנישט. לערנען הױבט ער אונז אָן ערשט דאַן, װען מען פֿערשטעהט איהם. קוים שרײַבען מיר די געשיכטע פֿון אַ פֿאָלק, איז אונז די מײנונג פֿונ׳ם פֿאָלק װעגען דעם פֿאַקט אַזױ װיכטיג, װי דער פֿאַקט זעלבסט, װײַל אָט די מײנונג כאַראַקטעריזירט דאָס פֿאָלק און בעלױכט אונז זײַן לעבען.

פֿערשטעהט זיך, אַז װען געװיסע היסטאָרישע דאָקומענטען זענען געגען דער פֿאָלקס־מסורה, מוז מען זיך מיט אָט די דאָקומענטען רעכענען. פֿון אײן זײַט — מסורה, פֿון דער צװײטער זײַט — דאָקומענטען.

דאָ מוז מען שוין פיעל נאָכדענקען. ווי אַזוי זשע קען מען אָבער קומען געגען אַ פאָלקס-מסורה מיט היפּאָטעזען? ווי קען אַיין איינצעל-נער פּרעמדער מענש (מעג ער זיין ווי גרויס ער זאָל ניט זיין) מעהר פערשטעהן געוויסע געשעהעניש׳ען אַלס אַ גאַנצעס פאָלק, וואָס האָט עס זעלבסט איבערגעלעבט?

III.

יעדע יודישע געשיכטע וועלכע וויל געטריי בלייבען דעם יודישען פאָלקס-גייסט, מוז אויך געטריי בלייבען, לויט מיין מיינונג, אויך דער יודישער פאָלקס-מסורה. בלייבענדיג טריי דעם גייסט פון דער יודישער מסורה מוזען מיר זיך פונאַנדערגעהן מיט די געשיכטען, וועלכע זענען באַזירט אויף אַלערליי היפּאָטעזען פון די ביבעל-און תלמוד-קריטיקער אין פאָלגענדע הויפּט-פונקטען:

1) די ספורים וועגען אברהם יצחק ויעקב זענען אין די אויגען פון פיעל היסטאָריקער נאָר הגדות. מיר זעהען אין דעם אָבער אויסער דיכטונג אויך היסטאָריע. מען קען האָבען אַ וואָסער מיינונג מען וויל וועגען דער פאָרם פון די ספורים. פאַר אונז איז וויכטיג דער עיקר פון זיי, דער היסטאָרישער אינהאַלט פון זיי. מיר נעהמען אָן דעם פאַקט, דאָס בשעת די בני-ישראל האָבען אין מצרים אַיינגעוואַנדערט, האָבען זיי שוין געהאַט אַ גייסטיגע ירושה פון זייערע עלטערן, וועלכע האָבען אין מדבריות אומגעוואַנדערט, אין מעסאָפּאָטאַמיען געוואָהנט און אין פּאַלעסטינאַ אומגע-וואַנדערט און די גאָטהייט ערקענט.

2) אַמאָליגע ביבעל-קריטיקער פלעגען ליעב האָבען צו בעשטעטיגען, אַז אויב אין תורת משה איז יאָ עטוואָס גוטעס פאַרהאַן, איז עס נאָר פון עגיפּטען גענומען. משה איז אַ כהן מצרי געווען, וועלכען עס האָט זיך פערגלוסט צו געוועלטיגען איבער די בני ישראל (זעה שילער „די זענדונג מאָזעס״ און פיעל אַנדערע). נאַכהער האָבען די ביבעל-קריטיקער אינגאַנצען אָנגעהויבען צו פערשווייגען די פאַקטען פון גלות-מצרים און יציאת מצרים רעכענענדיג זיי פאַר הגדות. אין די לעצטע צייטען איז שוין אונמעגליך געוואָרען צו פערשווייגען אָט די פאַקטען, ווייל די עגיפּטאָלאָגיע בעשטעטיגט זיי. וואָס זשע טהוט מען? — געהט מען פערביי אָט די פאַקטען. מען בעטראַכט אָט דעם מצרים-פעריאָד פאַר אַ פּוסטען בלאַט אין דער יודישער געשיכטע.

אָדער מען טהוט אַזוי: מען בעטראַכט דעם מצרים־פעריאָד אַלס א טהייל פונ'ם כנען־פעריאָד. מען זאָגט אַזוי: די מלכים פון מצרים האָבען דאַן געהערשט איבער פאַלעסטינאַ און סוריא. נאָכהער ווען פאַלעסטינאַ און סוריא זענען פון זיי אָבגענומען געוואָרען האָבען זיי נאָך אַליין געהערשט אין דרום יהודה, וועלכע האָט דאַן געהערט צו דער מדינה פון גושן.

און ניט אָהן כונה מיידט מען אַזוי אויס דעם מצרים־פעריאָד. מען וויל אַזוי אַרום געוואָהנען דעם מאָדערנעם מענשען צום געדאַנק, אַז די בני־ישראל האָבען זיך נאָר אין *כנען* ענטוויקעלט און האָבען זיך *וועזענטליך* מיט *גאָר ניט* אָבגעטיילט פון די אַרומיגע פעלקער.

מיר אָבער, וועלכע ווילען געטריי בלייבען דעם גייסט פון דער יודישער מסורה, מוזען מיר אַנערקענען, אַז ווי באַלד די בני ישראל האָבען אין מצרים געהאַט די גייסטיגע ירושה פון זייערע *גאָט־זוכענדע* עלטערן, אַז די בני ישראל האָבען אין מצרים *פיער הונדערט* יאָהר געלעבט (נאָכ'ן פראָסטען פשט פון פסוק) און אַלענפאַלס זעהר אַ היבשע צייט, ווי באַלד אַז די בני ישראל זענען מיט דער עגיפטישער קולטור אין בערירונג געקומען און די עגיפטישע קולטור איז שוין דאַן היבש ענטוויקעלט געווען, ווי באַלד אַז די בני ישראל האָבען, פון דער צווייטער זייט, אין אַ בעזונדער לאַנד געלעבט (אין גושן) און זיי האָבען אַלזאָ געהאַט די מעגליכקייט זייער אינדיווידואַליטעט צו אָבהיטען און צו ענטוויקלען, — האָט זיך *געמוזט* בילדען אין עגיפטען אַ געוויסע קולטור פון די בני־ישראל, געוויסע אייגענשאַפטען, זיטען, פאָרשטעלונגען, מנהגים א. אַ. וו.

3) אַמאָליגע ביבעל־קריטיק פלעגט דעם גאַנצען ספור פון מעמד הר סיני רעכענען פאַר אַ הגדה. היינטיגע ביבעל־קריטיקער זאָגען עס *ניט*. די שירה פון דבורה טראָגט אויף זיך לכל הדעות דעם שטעמפעל פון טיעפער אַלטקייט און אין איהר ווערט געזאָגט: אַז די בערג האָבען געציטערט, ווען דער גאָט פון ישראל איז פון *סיני* ערשיענען...

וואָס זשע טהוען אָבער די קריטיקער? — זאָגען זיי אַז מען וויס אייגענטליך ניט, וואָס דאָרטען, אין סיני, איז געשעהן און דעריבער איז ניטאָ להלוטין וואָס צו רעכענען זיך דערמיט. די עשרת־הדברות מאַכט מען פאַר אַ פראָדוקט פון די שפּעטסטע צייטען. מען גיט נאָך דערצו, אַז פריהער זענען גאָר אַנדערע צעהן געבאָט געווען (וועלכע האָבען געטראָגען איין אָרטיגען, ענגען האַראַקטער) און ערשט אין די גאָר שפּעטערע צייטען זענען אויסגעאַרבייט געוואָרען די עשרת־הדברות אין דער פאָרם, וואָס זיי זענען פאַר אונז (וועלהויזען נאָך *געטהע*).

דאָס פיהרט דערצו, אַז דאָס יודישע פאָלק האָט קיינמאָל קיין עטוואָס אויסערגעוועהנליכעס ניט איבערגעלעבט. איך האָב שוין אָבער פריהער

בעװײַזען אַז נ״ט אַלע מאָל מוז די היסטאָריע געהן אין גראַדע ליניען און דוקא לויט איין געװיסען מאַסשטאַב, לויט דעם װעג, װאָס די געלעהרטע שרײַבען איהר פאָר...

די ביבעל־קריטיקער װעלען מודה, אַז אין סיני איז עטװאָס פאָרגעקומען. פאַר װאָס זשע זאָלען מיר נ״ט אָננעהמען אויך די גאַנצע יודישע מסורה װעגען דעם מעמד הר סיני?

מען דאַרף נ״ט זײַן קײן טעאָלאָג, אום צו אַנערקענען דעם מעמד הר סיני פאַר אַ פאַקט. מען דאַרף גאָר נ״ט זײַן קײן טעאָלאָג, אום צו אַנערקענען, אַז אין געװיסע מאָמענטען קען אַ פאָלק אַרײַן אין העכסטען געטליכען עקסטאַז און עס קען דאַן בעגרײַפען דאָס, װאָס אײן אַנדער פאָלק בעגרײַפט ערשט נאָך טויזענדיאָהריגער גײַסטיגער אַרבײַט.

אָט לייקענט דאָך קײנער נ״ט אָב, למשל, דעם פאַקט, אַז ישעיה האָט מיט טויזענד יאָהר פאַר קריסטוס, בעגרײַפען די אידעע פונ׳ם אײביגען אַלהעלטליכען שלום — דאָס, װאָס די בעסטע עקזעמפּלאַרען פון דער מענשהײַט האָבען ערשט אין נײַנצעהנטען יאָהר־הונדערט נאָך קריסטוס אָנגעהויבען פאַרצושטעלען זיך. זעהט מען דאָך, אַז עס גיבען אַזעלכע ערהאַבענע מאָמענטען, אַזעלכע געדאַנקען־בליצען װעלכע שפּרינגען איבער דרײַ פיער טויזענד יאָהר — פאַר װאָס זשע זאָל אַמאָל אַ גאַנץ פאָלק אויך נ״ט איבערלעבען אַזאַ ערהאַבענעם מאָמענט און אומפאַסען אין יענעם מאָמענט די אײביגקײַט?

4) פון דעם אַלעמען פאָלגט, אַז בשעת די בני ישראל האָבען כנען אײַנגענומען האָבען זײ שוין געהאַט זײער קולטור (װעלכע האָט זיך אין עגיפּטען געבילדעט), זײער היסטאָריע (ערינערונגען פון די עלטערן), גרױסע ערפאַהרונגען (אין לענדער און אין מדבר), גרױסע, אונגעװעהנליכע איבערלעבונגען (מעמד הר סיני א. ז. װ.). פערשטעהט זיך, אַז אַזאַ פאָלק האָט נ״ט געברויכט בײַ די כנענים לערנען װי אַזױ די גאָטהײַט צו דינען...

מיר אַנערקענען אויך, אַז שענע עטליכע הונדערט יאָהר זענען די בני־ישראל אין כנען עכטע געטצענדינער געװעזען; מיר בעטראַכטען אָבער נ״ט דעם צושטאַנד אַלס נאָרמאַלען צושטאַנד (װי די ביבעל־קריטיקער און אײניגע היסטאָריקער מײנען), נאָר אַלס אַ געװיסע רעאַקציע. דער המון פון די בני ישראל האָט מיט די כנענים געלעבט און האָט זײערע מנהגים געלערנט. ציהען האָט אויך דעם פאָלק געצויגען צו עבודת־אלילים, דאָס פאָלק איז נאָך יונג געװעזען, און עבודת־אלילים איז צוגעפּאַסט צו דער יוגענד פון אַ פאָלק. טיעפער, אין תוך־תוך פון דער פאָלקס־נשמה, האָבען אָבער געלעבט די אַלטע, אַלטע מסורות און דער גרױסער, געטליכער מאָמענט פון מעמד הר סיני. פון אָט דער טיעפעניש זענען אַרױסגעגאַנגען

אַלערליי כהנים און אַלערליי נביאים, וועלכע האָבען דעם פאָלק געלערנט די דרכים פון יהוה. און אין געוויסע ליכטיגע מאָמענטען איז דאָס פאָלק נאָך זיי געגאַנגען.

5) ווי באַלד, אַז מיר אַנערקענען, דאָס די אידעע פון ריינע גאָטהייט, פון מענשען-ליעבע און מענשען-היילינקייט האָט פון אייביג אָן געלעבט אין די בני-ישראל, מוזען מיר זעהן אין דער תורה און אין דער נבואה ניט ווערק פון יחידים (ווי איינינע מיינען) אָדער זאָגאַר פאָלקס-פיינדליכע עלעמענטען (ווי אַנדערע מיינען), נאָר יצירות פון פאָלק. יעדער נביא איז דער שענסטער און בעסטער אויסדרוק פון דער פאָלקס-נשמה.

און אפילו בשעת דאָס גאַנצע פאָלק האָט געטצען געדינט און דער נביא איז געגען זיי געשטאַנען, איז ער געווען פאָלק און ניט זיי, די פיעלע. דען ער, דער נביא, האָט געוואוסט דאָס, וואָס וועבט זיך אין דער טיעפעניש פונ'ם לעבען, און זיי, די פיעלע, זענען געווען נאָר דעם מאָמענט אונטערגע-וואָרפען.

6) די בני-ישראל, אַלס קינדער פון די, וואָס האָבען אין די אונענדליכע וויסטע מדבריות דעם סוד פון דער וועלט געזוכט, די בני-ישראל, וועלכע האָבען שוין אין דער צייט פון די נביאים אַ גרויסען עבר געהאַט, די בני-ישראל, וועלכע האָבען פיעל געטליכע מאָמענטען איבערגעלעבט און די נביאים זענען געווען בלוט פון זייער בלוט און פלייש פון זייער פלייש און אַ חלק פון זייער נשמה — האָבען בשום אופן ניט געקענט זיין מאָראַליש נידעריגער פון אַנדערע פעלקער.

און אויב די נביאים רופען אָן די בני ישראל „זרע מרעים", בנים משחיתים" א. ז. וו., איז עס, ווייל די נבואה (די נשמה פון די בני-ישראל גופא) האָט זעהר פיעל געפאָדערט. בשעת דער הימעל איז ריין, קלאָר, איז צו בעמערקען יעדעס וואָלקענדעל וואָס געהט פערביי. אויף אַ הער-ליך, ווייסען בגד איז יעדער קלענסטער פלעק קענטיג...

די נבואה איז געקומען מיט הי מעלשע פאָדערונגען. פאַר'ן הימעל איז קיינער ניט ריין. צו די בני ישראל איז זי אָבער געקומען. פון די בני-ישראל האָט זי עס געקענט פאָדערן. מיט אַנדערע האָט זי במעט קיין עסק ניט געהאַט...

די ביבעל-קריטיקער טהוען אַזוי: אַלע שטראָף-רייד און צאָרן-רייד נעהמען זיי אָן פאַר פאַקטען (דאָס הייסט: אַז אַלע בני-ישראל זענען געהמען זיי אָן פאַר פאַקטען (דאָס הייסט: אַז אַלע בני-ישראל זענען דער אייביגקייט, היילינקייט און אויסערוועהלטקייט פון די בני-ישראל, רופען זיי עס אָן „שאָוויניזם". אַלץ ווי זיי פאַסט. און נאָך האָבען זיי ליעב צו רעדען וועגען זייער אָביעקטיוויטעט"...

7) פערשידענסטע ביבעל־קריטיקער האבען זעהר ליעב אפט אנצוווייזען אויף דעם טיעפען אבגרונד וואס ליעגט צווישען תורה און נבואה. ביי זיי קומט אויס, אז די נבואה קעמפפט שטענדיג מיט די געזעצען פון דער תורה, מיט אלע מצוות מעשיות וכדומה. אין דעם איז פאראן א געוויסער קערנדעל פון אמת. פאלש איז אבער די בעלויכטונג פון די ביבעל־קריטיקער.

באמת זענען תורה און נבואה צוויי צווייגען פון איין און דעם זעלבען בוים, צוויי בעזונדערע ערשיינונגען פון איין און דער זעלבער פאלקס־נשמה. זוייט, וויים געהן זיך פונאנדער די צווייגען, יעדער צווייג האט זיין לופט, זיין רוים, זיין וועג, די יניקה זויגען אבער ביידע פון איין ארט. די תורה און נבואה האבען בעזונדערע דרכים און אמאל זאגאר בעזונדערע ציעלען, געבוירען האט זיי אבערביידען איין און דער זעלבער גאטס־דורשט. שטאמען שטאמען זיי ביידע נאך פון יענע אוראלטע צייטען, ווען די ערשטע סע־מיטען־וואנדערער האבען אנגעהויבען בעוואונדערן די וועלט און זיי האבען די ערשטע פראגע געשטעלט, פון יענע צייטען, ווען דער ערשטער נביא האט אין וויסטען מדבר דאס אייביגע דאזיין ערגריפען („אהיה אשר אהיה”) און פון יענע צייטען, ווען דאס גאנצע פאלק האט אין דעם זעלבען וויסטען מדבר די שטימע פון אייביגקייט דערהערט („אנכי ד׳ אלהיך”). פון דארט שטאמען אי די תורה, אי די נבואה. נישט מעהר, וואס די נבואה האט פאר זיך נאר די געטליכקייט, די אייביגקייט, דעם אבסאלוטען אמת, דעם ריינסטען, הימעלשען אמת, די אבסאלוטע גערעכטיגקייט, אבסאלוטע ליעבע, און די תורה, שטרעבענדיג צו די זעלבע ציע־לען, נעהמט זיך נארמירען דאס טאג־טעגליכע לעבען פונ׳ם מענשען: אזוי זאלסטו טהון, אזוי זאלסטו ניט טהון...

די נבואה האט צו טהון מיט׳ן ריינעם גייסט. די תורה — מיט מעשים. ווען די נבואה דערזעהט מעשים אהן גייסט, בעפאלט זי זאגאר די מעשים זעלבסט. דאס הייסט ניט, אז די נבואה שטרעבט צו עטוואס אנדערש ווי די תורה, נאר די נבואה, לויט איהר טבע, קען ניט אזוי רעכענען זיך מיט אלערליי מענשליכע שוואכהייטען, גע־וואהנהייטען, פארשטעלונגען און נייגונגען, ווי די תורה.

די תורה לאזט זיך שטענדיג אראב צום מענשען, צו דער ערד („לא בשמים היא”), זי רעדט שטענדיג מיט דער מענשען־שפראך („דברה תורה כלשון בני אדם”), זי רעכענט זיך שטענדיג מיט׳ן מענשענ׳ס זינדיגע, עלענדע און געמיינע נאטור („לא דברה תורה אלא כנגד יצר הרע”); די נבואה האט אבער שטענדיג איהר הימעל־שפראך, איהרע שטרענגסטע פאדערונגען, זי שילט און צארנט און וויל פון קיינע תרוצים

גישט ווילסען. זי שטורמט, זי דונערט, זי קומט מיט איהר פלאם-פייער.

8) אויב די געהיימסטע קרעפטען פון דער פאלקס-נשמה האבען
געבוירען אי די תורה, אי די נבואה, אויב די אידעען פון גאטהייט, פון
אייביגקייט און פון די שענסטע מענשליכקייט זענען מיט'ן יודישען פאלק
ארגאניש צונויפגעוואקסען, אויב די יודישע נשמה איז א קוואל פון
אייביגע שעפפונג, איז איהר לעבענס-קראפט ניט אבגעשוואכט געווארען
אפילו ווען „די נבואה האט זיך שוין אבגעטהון". אנ'אויסערליכע
זאך ווערט בטל; א אינערליכע, ארגאנישע זאך, ווערט קיינמאל
ניט בטל. מיר מוזען אלזא בעטראכטען די וייטערע שעפפונג פונ'ם פאלק
(משנה, תלמוד וכו' וכו') ניט ווי פיעל קריסטליכע (און איינינגע יודישע)
תלמוד-קריטיקער בעטראכטען זי אלס „תורת הפרושים", וועלכע איז לויט'ן
גייסט פרעמד דער נבואה, נאר, אדרבה, אלס די וייטסטע פארט-
זעצונג פונ'ם נבואה-געדאנק, וועלכער האט נאר אנ'אנדער פארם אנ-
גענומען, אמת, ניט אלע מאל צוגעפאסט צו אונזער איצטיגען גע-
שמאק...

9) דאס פאלק, וועלכעס תורה און נבואה זענען מיט איהם צו-
זאמענגעוואקסען, האט אויף אנדערע פעלקער געווירקט נאר מיט זיין בעס-
טען. דאס, וואס דאס יודענטהום האט דער וועלט געגעבען, איז ניט פון
לופט גענומען און ניט עטוואס צופעליגעס. אלץ, וואס דאס יודישע פאלק
גיעט דער וועלט, איז מארך פון זיינע ביינער, שטיקער חיות, פונקען
פון זיין נשמה. אלץ האט געבוירען זיין סעמיטישע גאט-דורשט, זיין
אונבעגרייפליכע בענקשאפט, זיין אייביגעס האפען אויף גאולה...

דאס, וואס עס פערמאגט אין זיין נשמה, האט עס דער וועלט גע-
געבען. די וועלט צאהלט איהם דערפאר מיט מעסערס, מיט שטיינער,
מיט תליות. ער קען אבער ניט ניט געבען דאס, וואס ער מוז געבען!..

הלל צייטלין.

P. S. עטליכע ווערטער וועגען מיין בעציהונג צו דער יודישער גע-
שיכטע, וואס ווערט דא געגעבען דעם לעזער. ניט אין אלץ בין איך
איינשטימיג מיט דעם אויטאר. איך געפין אבער, אז דער וועג, אין
וועלכען ער איז געגאנגען בעטראכטענדיג די יודישע היסטאריע, איז א
ריכטיגער.

צום בעדויערען, האט דער אויטאר ניט געהאט די מעגליכקייט צו

געבען אַ גאַנצען קורס פון ביבעל־געשיכטע. ער האָט זיך געמווט בע־שגענען בנוגע צום ביבעל־פעריאָד נאָר מיט אַ איבערבליק. דער אי־בערבליק גיעט אָבער דעם לעזער אַ גאַנץ קלאָהרע פאָרשטעלונג.

דער אויטאָר האָט דאָ אַרויסגעזאָגט איינינע פּאַראַדאָקסען, וואָס אין זייער ריכטיגקייט קען מען צווייפלען, — אין אַלגעמיין האָט זיך אָבער דער אויטאָר פעסט געהאַלטען אָן דער מסורה, וועלכע ער בעגרייפט ניט אָרטאָדאָקסיש־בוכשטעבליך, נאָר לויט איהר גייסט.

ה. צ.

צו אונזערע לעזער.

דער נאָמען פון דעם דאָזיגען ווערק בעפרייט פון צו ערקלערען זיין וויכטיגקייט און נויטיגקייט. די יודישע געשיכטע, וועלכע קאָן זיך פילייכט רעכענען פאר דער אינטערעסאנטסטער צווישען די געשיכטעס פון אנדערע פעלקער, איז נאָך כמעט ביז איצט נישט אָנגעשריבען אין דער פאָרם און אין דער שפראַך, וועלכע זאָל זיין פערשטענדליך פאר די ברייטע פאָלקס-שיכטען. מיר וויסען פון צוויי פערענדיגטע יודישע היסטאָריעס אויף יודיש; איינע איז אַרויסגעגעבען געוואָרען אין רוסלאַנד; די צווייטע — אין אַמעריקע. די רוסישע איז גענוג ברייט צונויפגעשטעלט; האָט זי אָבער, לײַדער, נישט קיין ליטעראַרישע פאָרם און די היסטאָרישע פאַקטען בעקומען נישט קיין וויסענשאַפטליכע בעלייכטונג; די אַמעריקאַנישע היסטאָריע איז געמאַכט אַזוי אַמעריקאַניש, אַזוי קורץ, אַז זי שטעלט פאָר נאָר אַ רייסטער פון היסטאָרישע נעמען און כראָנאָלאָגיע.

אין דער היסטאָרישער אַרבייט, וואָס מיר לעגען דאָ פאר דעם לעזער, האָבען מיר זיך געמיהט אויסצומיידען, ווי ווייט מעגליך איז געווען, די אויבענדערמאָנטע הסרונות. אונזער כונה איז געווען צו געבען אונזערע ברייטסטע פאָלקס-מאַסען די גאַנצע יודישע געשיכטע אין אַ ליכטער און שענער פאָרם, ביי דער מאָדערנסטער היסטאָרישער אויפפאַסונג. די ענטוויקלונג פון די פאַקטען איז שטרענג וויסענשאַפטליך בעלויכטען, אַזוי אַז דער לעזער קאָן דורך די פאַקטען גאַנץ לייכט אַרויסזעהן די נשמה זייערע. אונזער כונה איז געווען צו וועקען ביי די לעזענדע פאָלקס-שיכטען זייער היסטאָרישען בעוואוסטזיין, העלפען זיי זיך צו שאַפען אַ געוויסען בליק איבער דער פערגאַנגענהייט פון אונזער פאָלק, וועלכע זאָל זיי אויך קאָנען דיענען אַלס אויסגאַנגס-פונקט אין זייערע בעצי-

הונגען צו דער געגענוואַרט און צוקונפט. אויף וויפיעל אונזער גוטע ווילען האָט זיך אונז איינגעגעבען — זאָל דער לעזער עס בעשליעסען.

מיר מוזען דאָ נאָך אָנמערקען, אַז „די יודישע געשיכטע“ איז בעאַרבייט הויפטזעכליך לויט „די יודישע געשיכטע“ פון בעריהמטען פּראָפעסאָר גרעטץ; אין אויסנאַהמע צופאַלען איז אָבער אויסגעקומען אָנשטאָט גרעטצ'ן זיך צו האַלטען ביי אַנדערע קוועלען, נייערע און היסענשאַפטליך מעהר בעגרינדעטע. ווייטער, דעם ביבעל-פּעריאָד (פון אברהם אָבינו ביז'ן חורבן בית ראשון) האָבען מיר געפונען פאַר מעגליך צו פערקירצען בנוגע צו די פאַקטען, ווייל זיי זענען מעהר אָדער ווייניגער בעקאַנט דעם לעזער דורך אונזער תנ"ך. לויט אונזער מיינונג איז מעהר ציעל-מעסיג געווען צו געבען אַנ'אויספיהרליכען איבערבליק איבער דעם דאָזיגען פּעריאָד און, בעשרייבענדיג די וויכטיגסטע מאָמענטען, אָנווייזען אויף זייער אינערליכען צוזאַמענהאַנג און זייער ווירקונג אויף דעם גורל פון דער ווייטערדיגער יודישער היסטאָריע.

די געשיכטע פון דעם ביבלישען פּעריאָד שטעלט פאָר אַ פאָלשטענדיג אָריגינעלע אַרבייט. מיר מוזען צוגעבען, אַז דער שרייבער האָט דאָ ווי ווייט מעגליך ווייניגער זיך גערעכענט מיט דער העקזעטיק (ביבעל-קריטיק), וואָס האָט נאָר אַלענפאַלס צו טהון מיט גרויסע איינצעלנע פאַקטען, און זיין אַרבייט האָט ער איבערהויפּט בעגרינדעט אויף דער פאָלקס-מסורה (פון תנ"ך ביז דער אַגדה), האַלטענדיג זיך ביי דער מיינונג, אַז נאָר אין דער מסורה געפינען מיר דעם אויסדרוק פון דעם רייגעם היסטאָרישען גייסט פון אונזער אוראַלטער געשיכטע.

י. ל.

די אוראַלטע עפּאָכע.

ערשטער פעריאָד.

די אוראלטע עפאכע.

ערשטעס קאפיטעל.

פון מצרים קיין כנען.

מיט א יאָהר פיער טויזענד צוריק — דערצעהלט אונזער מסורה — אין דער צייט פון א גרויסען הונגער אין אזיען, זענען אונזערע אורעלטערן, א משפחה סעמיטען פון א מאן זיבעציג, מיט אונזער אור-עלטער זיידען יעקב אין דער שפיץ, אנגעקומען פון לאנד כנען קיין מצרים (עגיפטען) און האבען זיך בעזעצט אין א בעזונדער געגענד, אין גושן, וואו זיי האבען זיך בעשעפטיגט מיט פיטערן שאף און רינדער. די דאָזיגע משפחה, אנקומענדיג קיין מצרים, אין א פרעמד לאנד מיט אן אייגענארטיגער קולטור, מיט אייגענארטיגע מנהגים און לעבענסארטען, האט זי מיט זיך מיטגעבראכט איהרע אייגענע היימישע טראדיציעס, א גאנץ בעזונדער קולט, גאנץ פערשידענע בעגריפען וועגען גאט און געטליכעס, וועגען מענש און מענשליכעס, וועגען גוט און שלעכט, בעגריפען, וועלכע די דאָזיגע משפחה האט בעקומען בירושה, לויט דער מסורה, פון איהר עלטער-זיידען אברהם. ביי די דאָזיגע אייגענע טראדיציעס האט זיך די סעמיטישע משפחה פעסטגעהאלטען זאָגאר זענענדיג אין א פרעמד לאנד, ביי גאנץ פרעמדע אומשטענדען. די הערשער פון עגיפטען האבען איהר אין דער הינזיכט קיינע שטערונגען נישט געשטעלט.

פערקעהרט, זיי האבען זי דארט גאנץ פריינדליך אויפגענומען, געגעבען איהר אלע מעגליכע צו יענער צייט מאטעריעלע און מאראלישע פריי־הייטען. אין יענער צייט איז די הערשאפט איבער עגיפטען געווען אין די הענד פון די היקסען. דאס איז געווען א שבט פון פאסטוכער (לויט איינינע היסטאריקער — סעמיטען, בלוט־קרובים צו די אלטע העברעער), וועלכע זענען געקומען פון דער פרעמד, בעקעמפפט דאס לאנד, ארויסגעטריבען פון דארטען די פאראאנען (פרעה׳ס) און פערכאפט די ממשלה. פערשטעהט זיך, אז אט די פון דער פרעמד אנגעקומענע הערשער האבען נישט בעזונדערס טייער געהאלטען די מנהגים פון דעם לאנד, די עגיפטישע פאלקס־רעליגיע און ד. ג.; דארום האט זיי גאנץ ווייניג געארט, ווען צוזאמען מיט׳ן גאט אזירים און דער געטין איזידא, די געטער פון מצרים, האט זיך אין לאנד ביי א געוויסער גרופע מענשען ענטוויקעלט א אמונה אין דעם איינציגען גאט יהוה, דער העברעער־גאט, ווען צוזאמען מיט דער ריין עגיפטישער קולטור, האט זיך ענטוויקעלט אויך א פרעמדע, א ריין העברעער־קולטור און ווען צוזאמען מיט דער עגיפטישער שפראך האט זיך ענטוויקעלט אויך א העברעאישע שפראך.

די קליינע העברעאישע משפחה האט זיך אין עגיפטען אונגעשטערטערהייד פונאנדערגעוואקסען. פון יעקב׳ס צוועלף זיהן (ראובן, שמעון, לוי, יהודה, ישכר, זבולן, דן, נפתלי, גד, אשר, יוסף און בנימין) האבען זיך ענדליך אויסגעבילדעט צוועלף גרויסע שבטים, וואס יעדער פון זיי האט געפיהרט א בעזונדערן, זעלבסט־שטענדיגען לעבען, און דאך זענען זיי אלע געווען פעסט צונויפגעבונדען דורך אלגעמיינע פאמיליען־טראדיציעס, דורך אנאלגעמיינע רעליגיע און שפראך.

אט אזוי ענטשטעהט ענדליך אין א פרעמד לאנד, צווישען פרעמדע לעבענס־בעדינגונגען, דאס גרויסע העברעער־פאלק!

אין א געוויסער צייט ארום האט די אורעלטע פאראאנען־דינאסטיע, וועלכע האט געהערשט אין די שטעדט נוא און מוף פונ׳ם אויבערשטען עגיפטען, פון דאס־ניי בעזיעגט די היקסען, ארויסגעטריבען זיי פון לאנד, פונ׳ם אונטערשטען עגיפטען, און אומגעקעהרט זיך צו דער פריהערדיגער הערשאפט. דאן טרעט אריין די ריינע עגיפטישע קולטור אין איהרע אמאליגע רעכטע און שטויסט זיך אן אן א נייע, פרעמדע קולטור מיט א נייע פרעמדע וועלט אויפפאסונג, אן א נייע ארגאניזירטע קראפט, אן א ניי פאלק, וואס איז שוין טיעף איינגעווארצעלט אין רעכטען מיטען לאנד. די פאראאנען, וועלכע האבען זיך אומגעקעהרט צו דער מאכט און הא־

בען געוואלט, נאטירליך, זייער מאכט בעפעסטיגען, — און אין די העבּרעער האבען זיי געזעהן א פרעמד סעמיטיש פאלק, וואס סימפּאטיזירט מיט די פריהערדיגע הערשער, די היקסען, און קען אלזא אין איין שענעם פריה־מארגען *אויפגעהען* פונ׳ם אונטערשטען עגיפּטען אין דעם אויבערשטען עגיפּטען צו מלחמה האלטען מיט זיי, מיט די נייע הערשער, — האבען זיי פערפיהרט א טוידט־קאמפף געגען דאס העברעער־פאלק. זיי גיעבען ארויס איין גזרה נאך דער צווייטער געגען דאס דאזיגע פאלק, פערפאלגען איהם, פערביטערן איהם דאס לעבען, פערוואנדלען איהם אין קנעכטשאפט. דעם פאלק ווערט אוממעגליך צו בלייבען אויף אנ׳ארט, זיי פיהלען זיך שוין אין עגיפּטען צווישען א גאנץ פרעמדע ראסע, פרעמד און עלענד. זיי מוזען אלאנד זוכען. נאך איינינע הונדערט יאהר לעבּט אויף ביי דעם געפּלאגטען פאלק א בענקעניש צו יענער געגענד, פון וואנען עס האבען געשטאמט זייערע אורעלטערן, וואו, לויט זייערע טראדיציעס, האבען זיי ווירקליכע בירגער געקאנט זיין. אין יענעם לאנד האבען זיך זייערע ערשטע קולטורעלע גיטער אנגעפאנגען צו ענטוויקלען, פון דארטען האבען זיי זייער שפּראך בעקומען, דארטען געפינען זיך די קברים פון זייערע עלטערן אברהם, יצחק ויעקב. נאר דאס לאנד איז פאר זיי פון יהוה אליין בעשטימט געווארען!

די געוואלדיגע גלות־יסורים און די אונגעהויערע בענקשאפט נאך דעם לאנד פון די עלטערן האבען, לויט ווי איין מסורה דערצעהלט, געבראכט דערצו, אז דער שטארקסטער און דער בעסטער טייל פונ׳ם פאלק (די *בני אפרים*) האבען געפּרובט מיט די *אייגענע* קרעפטען בעפרייען זיך. די בני־אפרים זענען פון אייביג אן גרויסע קריגס־לייט געווען, און פערלאזענדיג זיך אויף זייער גבורה, האבען זיי געפּרובט אויפשטעהן געגען דעם שטארקען שונא. זיי האבען אבער א שטארקע מפּלה געהאט. און דאס ליידען פונ׳ם פאלק, זיין עלענד און זיין טרויער זענען פיעל שטארקער געווארען ווי פריהער...

און דאס בענקענדע, ליידענדע פאלק האט זיין *גואל* געזוכט, וועלכער איז ענדליך *ערשינען*...

אין א יאהר פיער־הונדערט ארום, נאכדעם ווי די העברעער־משפּחה איז אין מצרים אנגעקומען, וואנדערן זיי פון דארטען ארויס מיט דעם צוועק צוריקצוקעהרען זיך אין לאנד כנען. אין דער שפּיץ פון דער וואנדערונג שטעהט דער געטליכער נביא, וואס צו איהם איז קיין גלייכען נישטא, דער וועלט־העלד און פאלקס־העלד, דער גואל פון ישראל און

דער לעהרער פון דער מענשהייט, — משה בן עמרם. די פאלקס-מסורה דערצעהלט, אז משה בן-עמרם איז דורך א נס קינדווייז אנגעקומען אין פאלאץ פון איינעם פון די פאראאנעס; דארטען האט ער זיך ערלערנט די אלע וויסענשאפטען, וועלכע עס איז מעגליך געווען צו ערלערנען אין יענער צייט, דארטען האט ער בעקומען א קעניגליכע ערציהונג. נאר ווען ער דערוויסט זיך ענדליך פון זיין העבראישער אבשטאמונג און ווען ער בעקאנט זיך גרינדליך מיט דער שרעקליכער שקלאפען-לאגע פון זיינע ברידער, צופלאמט זיך אין זיין הארצען א אונגעהויערע ליעבע און רחמנות צו זיין אונבארמהערציג געפלאגטעם פאלק, ענג ווערט איהם אין פאראאנס פאלאץ, ער ענטלויפט צו זיינע ברידער קיין גושן, העלפט זיי צוברעכען דעם יאך פון קנעכטשאפט און בעפרייען זיך אלס א זעלבסטשטענדיגעס פאלק...

„צוריק קיין כנען, אין דאס לאנד פון אונזערע עלטערן" — דאס איז געווען דער לאזונג פון דעם בעפרייטען פאלק, נאכדעם ווי משה האט איהם פון מצרים אויסגעלייזט. נאר דער וועג איז געווען א שווערער, א דויערהאפטער.

פערציג יאהר פיהרט משה זיינע ברידער דורך א מדבר (די אראבישע וויסטע), וואו ער ערציהט זיי און פארבערייטעט זיי צו א זעלבסטשטענדיגען נאציאנאלען לעבען. דער ערשטער שריט אויף דער דאזיגער ריכטונג איז דער גרויסער וועלט-אקט פון מתן-תורה. אין דער וויסטע, ביים בארג סיני, נאך גרויסע פארבערייטונגען, וועלכע האבען דאס גאנצע פאלק פאר קדושים און טהורים געמאכט, האט משה אויף שטיינערנע טאוולען (לוחות-העדות) אויסגעקריצט די געטליכע עשרת-הדברות און עס איבערגעגעבען דעם פאלק. אין די עשרת-הדברות ווערט געטליך-קלאהר אויסגעדריקט דאס, וואס די אוראלטע העברעער האבען נאר נעבעלהאפט פארגעשטעלט זיך; עס ווערט אין זיי קלאהר אויסגעדריקט די אייגענארטיגע העבראישע וועלט-אנשויאונג, די העבראישע אמונה אין דעם איינציגען גאט יהוה, די עקרים פון דער העבראישער מאראל. די עשרת-הדברות זענען אויך דער פונדאמענט, אויף וועלכען עס ווערט בעגרינדעט די נאציאנאלע איינינקייט פון די צעהנדליגער, פון דעם אלגעמיינעם שקלאפען-יאך בעפרייטע, געזינדען און שבטים, אלס איין נאציאנאלעס גאנצעס, אלס א בעוואוסטזיניג פעראייניגטעס פאלק. —

אין דעם מדבר לערנט משה דעם פאלק זיך צוגעוואהנען צו א מלוכה-

ארדנונג. ער ווינכטעט איין א בית־דין, ער בעשטימט פאר יעדען שבט נשיאים, שופטים, שוטרים, וועלכע דארפען אבהיטען די ארדנונג אין דער מחנה און דאס פאלק מוז זיי געהארכזאם זיין. ער בויט א משכן, וועלכער דערמאנט דעם פאלק שטענדיג זיין הייליגען גאט, וואס האט איהם פון אלע פעלקער אויסערוועהלט פאר „א ממלכת כהנים וגוי קדוש". אויסער די עשרת־הדברות, דער יסוד פון דער פאלקס־נשמה, — ווערט דעם פאלק געגעבען א תורה פון פיעל געזעצען, וועלכע פאסען ארום כמעט אלע זייטען פון א פרייעס לעבען און נארמירען די סאציאלע בעציהונגען, זאגאר דאס פריוואטע לעבען פון יעדען מענשען, ווי אין ריין קערפערליכען זין, אזוי אויך אין גייסטליכען זין. דער גרונד פון די אלע געזעצען זענען הויפטזעכליך אלגעמיינע מענשען־ליעבע, פאלקס־גליק און גאטספארכטיגקייט. פיעל פון זיי פיהרט משה איין ביי דער מחנה זייענדיג נאך אין דעם מדבר; פיעל פון זיי זענען אבער געווענדעט נאר פאר דער צוקונפט, ווען דאס פאלק וועט אנפאנגען פיהרען א שטענדיגעס בעזעצטעס לעבען אויף זיין אייגען לאנד. צוזאמען מיט דעם האט משה אויך געלערנט דאס פאלק די סטראטעגיק, פארבערייטעט איהם צו די פיעל שווערע מלחמות, וואס איהם שטעהט פאר, ביז עס וועט צו זיין ציעל קומען. אונערטרעגליך שווער איז געוועזען משה׳ס אויפגאבע אין דעם מדבר. דאס פאלק איז נאך געווען דורכגעדרונגען מיט דער קנעכטשאפט פון מצרים; עס האט נישט געקאנט רוהיג פערטראגען די פערשיעדענע לייַדען, וועלכע האבען איהם אינ׳ם לאנגען וועג געטראפען, אין דעם נאמען פון דעם הויכען ציעל פון דער צוקינפטיגער זעלבסטשטענדיגקייט און גרויסקייט. דורשט, הונגער און פערשיעדענע קראנקהייטען, וואס דאס פאלק האט צום מאל געליטען אין „דעם גרויסען, שרעקליכען מדבר", פלעגען ביי איהם גאנץ אפט ארויסרופען א בונט געגען זיין גואל, נאר משה מיט זיין געוואלדיגער קראפט אלס מענשען־ערלייזער און מענשען־בעהערשער און מיט זיין פייערדיגע ליעבע צו זיינע ברידער פלעגט אלעס געדולדיג איבערטראגען און שטענדיג פלעגט איהם געלינגען איינהאלטען און בערוהיגען די אויפגערעגטע צעהנדליג־טויזענדיגע הונגעריגע און דארשטיגע מאסע...

אין די פערציג יאהר, וואס משה פיהרט זיינע ברידער אין דעם מדבר, ווייזט ער זיך ארויס ניט נאר אלס געטליכער נביא, געזעצגעבער, שופט און מנהיג, נאר אויך אלס דער גרעסטער קריעג׳ס־העלד. פיעל פעלקער, ווי עמלק, מואב, מדין און אנדערע, בעפאלען די „בני ישראל"

אין וועג, נאר משה האלט מיט זיי אונענדליכע מלחמות, שיצט זיין פאלק פון זיינע פיינד און מאכט פאר איהם ריין דעם וועג צו דעם „געשווארענעם לאנד". ענדליך האט משה דערפיהרט זיין פאלק ביז'ן גרעניץ פון כנען, ביז'ן מזרח־ברעג פון טייך ירדן, וואו ער האלט פון דאס־ניי אב גרויסע נצחונות אין די מורא'דיגע מלחמות מיט די בעריהמטע מלכים עוג און סחון, וועמעס לענדער (בשן און ארץ־האמורי) ער נעהמט איין.— נאר דער גרעסטער פאלקס־העלד, פאלקס־אנפיהרער און פאלקס־לעהרער האט אבער נישט זוכה געווען צו זעהן מיט זיינע אויגען, ווי זיין געליעבט פאלק ערקעמפפט זיין אוראלטעס פאטערלאנד.

לאזענדיג דעם פאלק א ריהרענדיגע צואה און בעשווערענדיג איהם זיך פעסט צו האלטען ביי זיין תורה, פון וועלכער עס איז אבהענגיג זיין גאנצע צוקונפט, שטארבט אב משה, דער געטליכער מאן, ביי'ם מזרח־ברעג פון טייך ירדן, אין טיעפען עלטער.

די אנפיהרונג איבער דאס פאלק ישראל גיט משה, פאר זיין טוידט, איבער זיין העלדישען געטליך־געלעהרטען תלמיד — יהושע בן־נון!

יהושע בן־נון פארטזעצט די הייליגע פאלקס־ארבייט, וואס זיין גרויסער לעהרער משה בן־עמרם האט אנגעפאנגען און דערפיהרט עס ביז'ן ענדע. ער פיהרט אריבער דאס פאלק ישראל איבער'ן ירדן, טרעט אריין אין לאנד כנען, פיהרט אונגעהויערע מלחמות מיט די פעלקער, וועלכע האבען בעזעסען דאס לאנד; איין און דרייסיג מלוכות האבען געוויזען א שרעקליכען ווידערשטאנד, נאר יהושע האט אלעמען מנצח געווען, א טייל איינגאנצען חרוב געמאכט, א טייל—געמאכט אונטערטעניג אונטער זיין מאכט, אבגענומען זייער ערד און בעזעצט דארט דאס פאלק ישראל. דאס גאנצע לאנד האט ער צוטיילט אויף עלף חלקים צווישען די עלף שבטים; דריטהאלבען שבטים, ראובן, גד און דער האלבער מנשה־שבט, האבען זייערע חלקים, לויט זייער אייגענעם פערלאנג, בעקומען ביי דעם מזרח־ברעג פון טייך ירדן, צו דער וויסטעניי צו, די איבעריגע האבען געטיילט צווישען זיך דאס לאנד כנען גופא; בלויז איין שבט, דער שבט לוי, האט, אויסער צעהנדליגע שטעדט צום וואהנען, קיין ערד נישט בעקומען; זיי, די בני לוי, האט נאך משה בעשטימט אלס כהנים, גייסטליכע און פאלקס־לעהרער; דאס פאלק האט זיי געדארפט אויסהאלטען, כדי זיי זאלען זיך קענען איינגאנצען איבערגעבען זייערע הייליגע פפליכטען.

ווי משה רבנו, אזוי האט זיין תלמיד יהושע אויך אין זיין פערזאן

פֿעראייניגט אַ גואל, פֿיהרער, קריעגס-העלד און פֿאָלקס-ערציהער. ער האָט זיך געמיהט אין פֿאָלק צו שטאַרקען זיין נאַציאָנאַלען בעוואוסטזיין, ערהויבען זיינע מאָראַל-רעליגיעזע בעגריפֿען, צו פֿערפֿעסטיגען זיין גלויבען. ער האָט ניט געדענקט צו שאַפֿען אַ מלוכה-צענטר פֿאַר'ן פֿאָלק, ווייל ער האָט געהאָפֿט, אַז די גייסטליכע איינהייט, די אַלגעמיינע געזעצען און גלויבען, וואָס זענען נאָך ביים פֿאָלק פֿעסטגעשטעלט געוואָרען פֿון משה'ס צייטען, וועלען אַפֿילו אָהן אַ מלוכה-צענטר צוזאַמענבינדען אַלע שבטים אין איין גאַנצעס, אין איין מעכטיגען נאַציאָנאַלען אָרגאַניזם. מיט דעם צוועק בויט ער אין שילה אַ משכן און אַ מזבח פֿאַר גאָט, וועלכער דאַרף זיין דער איינציגער אין דעם גאַנצען לאַנד און וועלכער דאַרף צונויפֿקניפֿען צוזאַמען אַלע הערצער פֿון גאַנצען פֿאָלק*).

בעשווערענדיג דאָס פֿאָלק נישט צו פֿערלאָזען די טראַדיציעס פֿון דעם גרויסען געטליכען לעהרער משה, שטאַרבט אָב אויך דער צווייטער אָנפֿיהרער פֿון פֿאָלק, אַלט און מיעד פֿון דער אונגעהויערער פֿאָלקס-אַרבייט, אָנטרויענדיג די זקנים, וועלכע זענען געווען זיינע שטענדיגע מיטהעלפֿער ביי זיין לעבען, אַז זיי זאָלען אויך נאָך זיין טויד עהרליך דיענען דעם פֿאָלק!

*) אין תנ"ך ווערט דערצעהלט, אז אין יענער צייט איז שיער ניט אויסגעבראָכען אַ ברידערליכע מלחמה ביים פֿאָלק געגען די דריטהאַלבען שבטים, וואָס האָבען זיך בעזעצט ביים מזרח-ברעג פֿון ירדן, דערפֿאַר וואָס די לעצטע האָבען אין זייער חלק-לאַנד אַ בעזונדער מזבח געבויט אינ'ם נאָמען פֿון יהוה. דאָס פֿאָלק האָט אין דעם געזעהן אַ געפֿאַהר פֿאַר דער אַלגעמיינער נאַציאָנאַלער גאַנצקייט, און האָט זיך נאָר דאַן בערוהיגט, ווען די בעשולדיגטע שבטים האָבען ערקלערט, אַז מיט דעם אויסגעבויטען מזבח האָבען זיי נישט געוואָלט זיך אָבטיילען פֿון זייערע ברידער נאָר, פֿערקעהרט, מאַכען אַ צייכען פֿאַר זייערע קינדס-קינדער, אז איבער'ם לאַנד פֿון דער זייט ירדן, ווי אויך פֿון יענער זייט ירדן, געוועלטיגט אַלץ דער זעלביגער איינציגער גאָט פֿון ישראל...

צווייטעס קאפיטעל.

די צייט פון די „שופטים“.

אויף אזא אופן האט דאס פאלק ישראל ערגרייכט זיין הויפט-ציעל: פון שקלאפען איז עס געווארען א פריי פאלק, פון וואנדערער-שבטים איז עס געווארען א פאלק, וואס פיהרט א שטענדיג בעזעצט לעבען. דאס פאלק גיעט זיך איבער צו פריעדליכער ערד-ארבייט אויף דעם עראבערטען לאנד. גאר באלד נאכ'ן טוידט פון יהושע בן-נון האט דאס פאלק דערפיהלט, אז עס פעהלט איהם אזא פערזאן, וועלכע זאל מיט איהר אויטאריטעט קאנען אנפיהרען מיט די אלע פערשיעדענסטע טיילען און שבטען פון פאלק. גלייך נאך יהושע'ס טוידט האבען זיך גענומען אויפבונטעווען פערשיעדענע טיילען פון די איינגענומענע פעלקער; אנדערע געגענדען זענען בכלל געבליבען נישט אינגאנצען בעזיעגט אין יהושע'ס צייט און די שכנות'דיגע פעלקער האבען גענומען דריקען די קינדער ישראל, נאכדעם ווי זיי האבען שוין נישט געדארפט זיך שרעקען פאר דעם גרויסען העלד. די שכנות'דיגע פעלקער האבען אבער נישט נאר אין פאליטישען הינזיכט געווירקט אויף דאס יודישע לעבען, נאר אויך אין דעם מאראלען הינזיכט. די בני-ישראל, וועלכע האבען זייענדיג אין עגיפטען בשום אופן נישט אבגעטראטען פון זייערע נאציאנאלע טראדיציעס, ווייל זיי האבען געפיהלט, אז נאר זיי, די נאציאנאלע מסורות זייערע, בינדען זיי צונויף אלס פאלק, פלעגען איצט, זיצענדיג אין אייגען לאנד, זיך גאנץ לייכט אבזאגען פון זייערע אייגענע מסורות און מנהגים, מיינענדיג, אז דאס לאנד איז אלץ, אז זיצענדיג אין אייגען לאנד, איז שוין דער קיום פון פאלק ממילא זיכער. דערצו האט די נאטור געמאהנט איהרס. ביז איצט האט דאס יודישע פאלק נאך קיין קינדהייט ניט געהאט. אין מצרים האבען זיי זיך פעסט געהאלטען ביי זייער אלטען גאט פון אברהם, אין דער מדבר זענען זיי שטענדיג געווען אונטער דעם שטרענגען געטליכען אויג פון משה, און נאכהער — פון יהושע. איצט אבער, נאך יהושע'ס טוידט, זיצענדיג אין א פריי, ליכטיג לאנד, האט זיך אין זיי די פאלקס-קינדהייט ערוועקט. די געטצענדינעריי איז אזוי צוגעפאסט צו דער קינדהייטס-צייט פון א פאלק. עס דערזעהט די זון — פערגעטערט עס

זי. אַזוי הייבט עס אָן צו דינען צום בעל (דעם גאָט פון זון). עס דערזעהט פערשיעדענסטע נאַטור־קרעפטען, וועלכע דערוועקען אין איהם פון איין זייט קינדער־שרעק, פון דער צווייטער זייט — קינדער־פרייד און קינדער־התפעלות און עס פערגעטערט גלייכצייטיג אַלע די קרעפטען. אַט אַזוי ווערען ביי די בני ישראל פיעל געטער ווי ביי זייערע שכנים.

אויף אַזאַ אופן פערגעסט דאָס פאָלק זיין טראַדיציאָנאַלען גאָט יהוה און נעהמט אָן פרעמדע קולטוס׳ן און די זקנים, וואָס יהושע האָט זיי איבערגעלאָזען אויף זיין אָרט, זענען גאַנץ הילפלאָז צו קעמפפען געגען די שלעכטע מעשים פון פאָלק. יעדער שבט דינט צו יענע געטצען, וועלכע זענען געשעצט ביי יענע פעלקער, מיט וועלכע ער קומט אין נאָהענטע בעציהונגען. דורך דעם פערליערט דאָס פאָלק ביסלעכווייז דעם בעוואוסטזיין פון נאַציאָנאַלער איינינקייט, וועלכע האָט זיך דאַן געקאָנט קאָנקרעט אויסדריקען בלויז אין דער אַלגעמיינער אמונה, ווייל אין דעם פאָליטישען זין זענען די אַלע צוועלף שבטים געווען גאַנץ דעצענטראַליזירט, גאַנץ אָבגעזונדערט איינער פון דעם צווייטען. די יודישפיינדליכע שכנים האָבען פון אַזאַ מצב נאָר אויסגעשפּיעלט. אָנשטאָט צו קעמפפען געגען די פיינדליכע שכנים מיט די אַלע פעראייניגטע פאָלקסקרעפטען, האָט יעדער שבט געמוזט אַליין בעשיצען זיין ערד געגען די שונאים, אַליין פיהרען דעם קאַמפף פאַר זיין זעלבסטשטענדיגקייט. נאַטירליך, אַז איינצעלנע שבטים מיט זייערע בעגרענעצטע קרעפטען וואָלטען נישט געקאָנט בייזשטעהן געגען אַזעלכע שטאַרקע פעלקער, ווי מדין, פלשתים, עמלק און אַזוי ווייטער, וועלכע פלעגען אָהן אויפהער בעפאַלען דאָ דעם, דאָ יענעם שבט, און ווער ווייסט, אויב פון די בני ישראל וואָלט דאַן אַ שריד ופליט געבליבען, ווען פון צייט צו צייט זאָלען דאַן נישט אויפשטעהן איינצעלנע פערזאָנען מיט גרויסען העלדענמוטה און מיט פייערליכע רעליגיעז־נאַציאָנאַלע געפיהלען און זאָלען נישט וועקען אין פאָלק זיין בעוואוסטזיין און נישט רופען איהם צו דעם גאָט פון זיינע עלטערן, צו איינינקייט, צו נאַציאָנאַלע ברודערשאַפט און קאַמפף מיט דעם אָדער יענעם פיינד. אין תנ״ך ווערט דערצעהלט פון פיעל אַזעלכע העלדען, פון וועלכע עס צייכענען זיך איבערהויפט אויס: עתניאל בן־קנז (דער ערשטער שופט), דבורה הנביאה, גדעון, יפתה, שמשון און פיעל אַנדערע. אין דער צייט פון דער אויסערליכער געפאַהר צוליעב די פיינדליכע פעלקער, פלעגען זיי פעראייניגען אַ געוויסען טייל פונ׳ם יודישען פאָלק און אַרויסטרעטען אין מלחמה מיט די שונאים, און אַדאַנק זייער גרויסער מסירות־נפש,

גלויבען, פעסטקייט, העלדישקייט און שטארקע ליעבע צום פאָלק, פלעגען זיי דאָס מעהרסט אָבהאַלטען גלענצענדע נצחונות. ביי'ם פאָלק פלעגט עס אויפהויבען זיינע נאַציאָנאַלע געפיהלען און דאַן פלעגט עס פון דאָס־ניי קעהרען זיך צו זיין אַלטערטהום, צו זיינע נאַציאָנאַלע טראַדיציעס, פלעגט זיך אומקעהרען „צום גאָט פון זיינע עלטערן". יעדער העלד, וועמען דאָס פאָלק האָט געהאַט צו פערדאַנקען אין זיין נאַציאָנעלע ערוואַכונג, פלעגט זיין זעהר געאַכטעט; דאָס פאָלק פלעגט איהם צייט זיין לעבען זיין זעהר געהאָרכזאַם און ער פלעגט אָנגערופען ווערען „שופט" (ריכטער). דער פעריאָד פון די „שופטים" (ריכטער) האָט געדויערט אַ משך פון דריי הונדערט יאָהר.

די ווירקונג פון יעדען שופט בעזונדער איז נישט קיין דויערהאַפטע, נישט קיין פעסטע. דאָס מעהרסט ענדיגט זי זיך מיט'ן אָבשטאַרבען פונ'ם העלד. דאַן צופאַלט זיך דער פעראייניגטער טייל פונ'ם פאָלק פון דאָס־ניי און פאַלט ווידער אונטער דער ווירקונג פון די אַרומיגע פעלקער. עס ווערט ווידער פערגעסען דער גאָט פון ישראל און זיין היילינע תורה, יעדער שבט בעקוממט זיין אָבגאָט מיט זיין קולטוס — און דער פערבאַנד צווישען פאָלק ווערט פון דאָס־ניי פונאַנדערגעריסען.

דאַן פאַסירט צום לעצט פון דעם שופטים־פעריאָד אין דעם לעבען פון די בני ישראל אַ געשיכטע, וועלכע איז פאַר זיך אַ גאַנץ געוועהנליכער פאַר־פאַל און טראָגט, דוכט זיך, נאָר אַ פריוואַטען כאַראַקטער און דאָך האָט זי געהאַט אַ גרויסע מאָראַלישע בעדייטונג פאַר'ן גאַנצען פאָלק. אין שטאָדט גבעה, אינ'ם טייל לאַנד פון שבט בנימין, פאָהרט דורך אַ יונגער מאַן מיט זיין שענער קעפ'ס־פרוי און, אַזוי ווי עס איז גראָד נאַכט געוואָרען, מוז ער דאָרט בלייבען נעכטיגען. אַ קאָמפּאַניע „שאַלקהאַפטיגע מענשען" דערוויסען זיך וועגען דער שענער קעפּס־ווייב, קומען זיי און רויבען זי מיט געוואַלד אַוועק פון מאַן, שענדען איהר, פייניגען איהר אַ גאַנצע נאַכט. צו מאָרגענס לאָזען זיי די געפייניגטע פרוי אָב צו איהר מאַן, נאָר זי שטאַרבט אויפ'ן שוועל פון גרוים יסורים און שאַנד. — ביי וועלכען פאָלק האָט עס אַזעלכעס נישט פאַסירט? העכסטענס וואָלט עס ביי זי אַרויסגערופען אַ נקמה־געפיהל ביי דער פאַמיליע פון דעם אומגליקליכען פאַר־פאָלק. ביי די בני ישראל האָט דער פאַקט געוועקט דעם פאָלקס־געוויסען, ער האָט אַרויסגערופען אַ שרעקליכע פאָלקס־בעוועגונג. ער האָט אַרויסגערופען אַ געוואַלדיגען פאָלקס־צאָרן און אַ פאָלקס־פעראייניגונג. די בעזונדערע, אָבגעטיילטע שבטים האָבען מיט אַמאָל דערפיהלט זייער

אָבשטאַמונג, זיי האָבען מיט אַמאָל דערפיהלט, אַז זיי זענען קינדער פון איין פאָלק און פון איין גאָט, וואָס האָט פיינד זינד און עולות. זיי האָבען, לויט ווי די פאָלקס־מסורה דערצעהלט, פונאַנדערגעשניטען דעם קערפּער פון דער געשענדעטער פרוי און פונאַנדערגעשיקט די חלקים פונ'ם קערפּער צו אַלע שבטים. און דאָס איז געטהון געוואָרען*), ניט נאָר אום צו ערוועקען נקמה־געפיהלען, נאָר אויך אַלס סימבאָל, אום צו בעווייזען, אַז אַלע שבטים דאַרפען זיין אֵיינס, ווי איין גוף, און אַז יעדער שבט בעזונדער, ווען ער קומט ניט צו די איבעריגע שבטים צו הילף, איז ער ווי אַן־אָבגעשניטענער אבר.

צעהנדליגע טויזענד פון אַלע שבטים האָבען זיך פעראייניגט, בעוואָפענט און אַרויס אויף מלחמה נישט נאָר אויף די איינציגע אויס־געלאַסענע חברה־לייט, נישט נאָר אויף דער שטאָדט גבעה, נאָר אויף דעם גאַנצען שבט בנימין; דאַן קוקט זיך דאָס פאָלק אַרום און זעהט ווי נידעריג ער איז גייסטליך געפאַלען, זוכט די אורזאַכע פון דער מאָראַלישער ערנידערונג און געפינט עס ענדליך: אין דער שלעכטער ווירקונג פון די אַרומיגע פעלקער; פון דאַן אָן בעמערקט זיך אַ מאָראַלישע איבערקעהרעניש ביים פאָלק: ער ווענדעט זיך צוריק צום גאָט פון זיינע עלטערן מיט דער טיעפסטער אמונה. דאָס געטצענדינערייַ, אַלס אַן־אַלגעמיינע פאָלקס־ערשייַ־נונג, פערשוואונדעט אויף אַ לאַנגע צייט, דאָס גאַנצע יודענטהום ווערט דורכגעדרונגען מיט אַ שטילען פרומען גייסט**).

די מאָראַלישע איבערקעהרעניש, וועלכע האָט אָנגעגריפען דעם יו־דישען פאָלק נאָך דער געשיכטע פון „פלגש בגבעה“, ברענגט מיט זיך אויך אַ געוויסע ענדערונג אינ'ם אינערליכען סאָציאַלען לעבען פון פאָלק. די אַלע שבטים ווערען צוזאַמענגעהעפט אַלס איין גאַנצעס דורך איין גאָט, דער משכן פון שילה, וואָס איז נאָך אויפגעשטעלט געוואָרען אין יהושע'ס צייטען, בעקומט אין יודישען לעבען די גרעסטע בעדייטונג אַלס אַן־אַלגעמיינער פאָלקס־צענטער. דער שופט און אָנפיהרער ביים פאָלק ווערט דער כהן (עֵלִי הכהן) וועמעס אויטאָריטעט גרינדעט זיך נישט אויף זיינע העלדישע טהאַ־טען און פערדיענסטען פאַר'ן פאָלק, נאָר אויף זיין פרומקייט און גאָטס־

*) ווי דער גאון מלבי"ם האָט זעהר ריכטיג בעמערקט.

**) דער „סדר עולם“ וויל האָבען, אַז די מעשה פון „פלגש בגבעה“ האָט פּאַסירט אין אָנפאַנג פונ'ם שופטים־פעריאָד. אין דער צייט פון עתניאל בן קנז; מיר האָבען זיך דאָ געהאַלטען דעם סדר פון תנ"ך.

פארכטיגקייט. און ווען דער ביזעסטער יודישער שונא, די פלשתים, בעפאלט צו יענער צייט די יודען, געהען שוין אין קאמפף פער דער נאציאנאלער פרייהייט נישט בלויז געוויסע טיילען, נאר דאס גאנצע פאלק פון אלע עקען פון לאנד, מיטנעהמענדיג מיט זיך „די זיכערסטע שיטצונג" זייערע — דעם געטליכען ארון, מיט די לוחות־העדות, וואס פלעגט שטענדיג זיך געפינען אין משכן פון שילה.

די מפלה, וואס יודען האבען אין עלים צייט געהאט אין שטרייט מיט די פלשתים און דאס, וואס דער הייליגער ארון מיט די לוחות זענען אריינגעפאלען אין געפענגעניש ביים שונא אין די הענד, און שילה מיט'ן משכן זענען הרוב געווארען, האט ביים פאלק גארנישט אבגעשוואכט זיין פרומקייט. אדרבא, ער האלט זיך נאך פעסטער אן גאט. „וינהו בני ישראל אחרי ד'" — די קינדער פון ישראל האבען זיך געצויגען (אדער: געבענקט) נאך גאט — אזוי דערצעהלט אונז די מסורה פון יענער צייט. דאס בעווייזט, אז די יודישע גאטס־פארכטיגקייט ווערט אלץ מעהר אנ'אינערליכע, אנ'ארגאנישע.

און דאן האט זיך אין דעם לאנד פון ישראל גענומען בעווייזען די וואונדערבארע נבואה־ערשיינונג, אט די ערשיינונג, וועלכע די מענשהייט קאן נאך ביז איצט ניט בעגריפען, — אלס א פאלקס־ערשיינונג. ביז איצט זענען נאר געווען נביאים יחידי סגולה, משה, זיין שוועסטער מרים, אלדד, מידד, וכדומה, איצט אבער האבען זיך אנגעהויבען בילדען גאנצע גרופען פון נביאים, מענשען מיט איבערנאטירליכע נייגונגען און עמפפינדונגען, וועלכע אין זייער געטליכען עקסטאז פלעגען זיי אלץ פערגעסען אין דער וועלט און מאכען אויך אנדערע פערגעסען אלעס אין דער וועלט. אזוי, למשל, געהט דער יונגער מאן זוכען די עזלען פון זיין פאטער, וועלכע זענען פערלוירען געגאנגען, טרעפט ער א פראצעסיע נביאים, וועלכע געהען „מיט הארף און פויק און פלייט און פידעל און זאגען נביאות", — „בעגליקט אויף איהם, אויף דעם יונגען מענשען, אויך דער גייסט פון גאט, פערגעסט ער אן זיין שליחות, הויבט אויך אן צו זאגען נביאות און ווערט גאר אנ'אנדער מענש". אדער, אין די שפעטיגערע פעריאדען, שיקט דער מלך זיינע דינער נאכיאגען זיין פערזענליכען פיינד, בעהאלט זיך דער פיינד צווישען א חברה נביאים; קומען אן דעם מלך'ס דינער צו די נביאים, ווערען זיי בעגייסטערט, פערגעסען זיי נאך וואס זיי זענען אהערצו געשיקט געווארען און הויבען אן נביאות צו זאגען; שיקט דער מלך נייע און נייע דינער, פאסירט

מיט זיי דאס זעלבע, וואס מיט די ערשטע; געהט שוין דער מלך אליין צו פאנגען זיין פיינד, פאסירט מיט איהם וואס מיט זיינע דינער, און ער מערגעסט נאך וואס ער איז אהער געקומען.

די נביאות אין ערשטען פאזיס איז געווען נישט בלויז א מיסטיש־פאעטישע בעוועגונג, נאר אויך א פראקטישע. אין זייער טיעפער אמונה און געטליכער איבערצייגונג האבען די ערשטע נביאים נישט אנערקענט קיינע נאטור־געזעצען. דער אמת'ער נביא, דער אמת'ער הייליגער מאן, לויט דער מיינונג פון די ערשטע נביאים, ווערט פון גאט בעשאנקען מיט דער העכסטער שעפפערישער קראפט; זיין מאכט ווייסט קיינע בע־גרענצונגען נישט. זיין ווארט איז א געזעץ און ער קאן די גרעסטע וואונדער שאפען: ער קאן לעבעדיג מאכען טוידטע; ער קאן טרוקען מאכען א טייך, ער קאן אנצינדען א שטיין און אז. וו. אט אזעלכע נביאים בעלי־מופת (וואונדער ווייזער) זענען געווען פיעל צו יענער צייט אין א משך פון איינינע הונדערט יאהר. אנגעהויבען האבען זיי זיך מיט שמואל הנביא און געענדיגט כמעט מיט אלישע'ן.

דריטעס קאפיטעל.

שמואל הנביא.

שמואל הנביא איז איינער פון די וועניגע היסטארישע פערזענליכקייטען, וועלכע מיט זייער גאנצען ארט לעבען, מיט זייער גאנצער אונערמידליכער טהעטיגקייט רופען זיי ארויס ביים פאלק די גרעסטע פערוואונדערונג, און די פאלקס-דיכטונג וועבט זייער לעבען מיט צויבערהאפטע מעשיות. חנה, שמואל'ס מוטער — ווי די מסורה דערצעהלט — איז געווען זעהר א גאטספארכטיגע נאר געפלאגטע פרוי, מיט א צובראכענעם געמיט; לאנג האט זי קיין קינדער נישט געהאט און איהר צרה*) פנינה, וועלכע האט פיעל קינדער געבוירען, פלעגט איהר שטענדיג פיעל שמערצען אנטהון. חנה פלעגט איהרע ליידען טראגען שטיל אין הארצען, נאר קומענדיג אין משכן אין שילה פלעגט זי ביטערע טרעהרען פאר גאט פערגיסען, ער זאל איהר שטים פערנעהמען און צו איהר פיין זיך צוקוקען. איינמאל האט עלי הכהן בעמערקט, ווי זי וויינט, האט ער זי אויסגעפרעגט, האט זי איהם איהר ביטער הארץ דערצעהלט. דאן האט עלי זי געבענשט, אז איהרע טרעהרען זאלען פאר גאט קומען און איהרע תפלות זאלען אנגענומען ווערען. אין א יאהר ארום האט חנה ווירקליך א זוהן געבוירען, וועלכען זי האט געגעבען א נאמען „שמואל“, וואס איז טייטש „דער אויס-געבעטענער פון גאט“. נאר חנה האט נישט געוואלט איהר איינציגעס „פון גאט אויסגעבעטענעם קינד“ אבגעבען דעם וואכענדיגען לעבען, זי האט איהם גאט געשאנקען, נאך פון געבארען-טאג אן פאר א נזיר געמאכט און אין שילה איהם געבראכט, ער זאל פאר גאט אין משכן בעדינען. אין דעם היילינגטום פון שילה האט זיך שמואל אויפגעהאדעוועט, פרום און גאטספארכטיג איז זיין לעבען געווען, און נאך א יונגעס קינד איז שמואל געווען, ווען גאט האט זיך צו איהם צום ערשטען מאל ענטפלעקט און איהם פאר זיין נביא אויסדערוועהלט, און פאר א פיהרער פונ'ם גאנצען פאלק ישראל בעשטימט.

---

*) אזוי ווערט אנגערופען יעדע פון די איינגע פרויען, וואס א מאן פלעגט פארציימענס האבען פאר אמאל.

שמואל׳ס נאָמען ווערט בעוואוסט ביי׳ם גאַנצען פאָלק „פון דן ביז באר שבע״, ד״ה, פון איין עק לאַנד ביז׳ן צווייטען, ער ווערט דורכאויס געאַכטעט און בעליעבט. ער ווערט דער אמת׳ער יורש פון משה בן עמרם און יהושע בן נון. מיט זיין אויטאָריטעט פעראייניגט ער אַלע יודען אין לאַנד; ער איז דער מלחמה־העלד און גייסטליכער לעהרער. ער פיהרט גרויסע מלחמות מיט דעם געפעהרליכסטען אידישען פיינד פון יענער צייט, מיט די פלשתים, צוקלאַפּט זייער חיל פערהאַפּט ביי זיי אַ שטיק לאַנד, אַזוי אַז די פלשתים לאָזען שוין אַ לענגערע צייט צורוה די בני ישראל. ער פאָהרט אַרום איבער׳ן גאַנצען לאַנד און לערנט דאָס פאָלק, משפט זיי צווישען אַנאַנדער, וואָרצעלט אויס נאָך די איבער־געבליבענע נייגונגען צו געטצענדינערייַ און אַז. וו.

אין פאָליטישען הינזיכט האָט זיך שמואל אויך געהאַלטען ביי דער זעלבער מיינונג, וואָס יהושע. קיין פאָליטישען צענטער האָט ער נישט געשאַפען; דאָס גאַנצע פאָלק דאַרף פעראייניגען זיין איינציגער גאָט. זיין אַלגעמיינע תורה. שמואל איז זאָגאַר געווען אַ געגנער פון אַן אַלגעמיי־נעם קאָנקרעטען גייסטליכען צענטער. אין זיין צייט האָבען די פלשתים אומגעקעהרט דעם „געטליכען ארון״ קיין ארץ ישראל, נאָר אַזוי ווי שילה איז שוין לאַנג חרוב געווען, האָט דאָס פאָלק דעם ארון אַוועקגעשטעלט אין „קרית־יערים״; דאָרט האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען אַ גרופּע כהנים, וועלכע האָבען געזאָלט דעם ארון היטען און אין משכן בעדיענען. שמואל האָט אָבער דערויף וועניג געאַכטעט; ער האָט אין איינינגע ערטער מזבחות געבויט, וואָס יהושע און די זקנים האָבען אין זייער צייט אַזוי שטרענג פערבאָטען, און אומעטום קרבנות מקריב געווען. דערצו נאָך האָט ער קלענער געמאַכט דעם אויטאָריטעט פון כהנים בכלל. אין דער צייט, וואָס שמואל האָט פערבראַכט אין שילה, האָט ער זיך איבערצייגט, אַז אַ טהייל פון די כהנים זאָרגען זיך גאָרנישט פאַר דער פאָלקס־ערציהונג, נאָר סטאַרען זיך אַלץ מעהר מתנות־כהונה צו בעקומען. שמואל האָט פערשטאַנען, אַז דאָס אונגליק שטעקט אין דעם, וואָס די פאָלקס־לעהרער זענען פריוויל־לעגירטע, וואָס דאָס פאָלקס־לעהרערייַ געהט ביי אונז בירושה און ברייַנגט גרויסע רוחים. דאַן האָט ער בעשאַפען, אַלס געגענקראַפט געגען די כהנים, אַ נייע אינסטיטוציאָן — די „בני הנביאים״, וועלכע האָבען געזאָלט אויף זיך נעהמען די מיסיאָן צו לערנען דאָס פאָלק און צו ערציהען איהם. איינער פון די בני הנביאים האָט געקענט זיין יעדער וואָס טראָגט אין זיך גאָטס־גייסט, פיהרט אַ הייליגעס לעבען און קעמפט פאַר׳ן אמת.

באַלד אַנערקענט דאָס פאָלק דעם אונטערשיעד פון דעם פּריווילעגירטען כהן ביז דעם ווירקליך בעגײַסטערטען פאָלקס־לעהרער; די „בני הנביאים" בעקומען אַלס מעהר אַ בעדײַטענדען אויטאָריטעט אין לאַנד און די כהנים װערען אויף אַ היפשע צײַט כמעט ווי פערגעסען.

די אַלע שמואל הנביא׳ס רעפאָרמען האָבען געהאַט זעהר אַ גרויסע בעדײַטונג. פון איין זײַט האָט ער צובראָכען דעם איינציגען קאָנקרעטען צענטר, דעם גײַסטיגען צענטר בײַ׳ם פאָלק. פון צווייטען זײַט אָבער ווערט די יודישע אמונה אַלץ מעהר ריין פון די ערשטע געצענדינערישע בעגריפען. די מזבחות אין מצפה און רמה און גבעה און אַז. וו. דערווײַזען, אַז גאָט איז גאָרנישט צוגעבונדען צו איין אָרט, אַז מען קאָן גאָט דינען אומעטום. ווײַטער האָט דאָס, וואָס יעדער האָט געקאָנט אומעדום ברינגען אַ קרבן, בכלל געמאַכט קלענער דעם גאַנצען ענין פון קרבנות, אַלס די העכסטע אַרט פון גאָטעס־דינסט. און ענדליך ערלויבט זיך שוין שמואל אַרויסצוזאָגען די מיינונג: „צי פערלאַנגט דען גאָט די עולות און די זבחים, אַזוי ווי ער פערלאַנגט, אַז מען זאָל געהאָרכאַם זײַן צו זײַן שטים? וואַהרליך, געהאָרזאַמקײַט איז פיעל בעסער פאַר אַ קרבן, דאָס פערנעהמען גאָט׳ס שטים — פון די פעטסטע רינדער"...

דאָס גאַנצע לעבען, ביז טיעפען עלטער, האָט שמואל הנביא געלערנט דאָס פאָלק און געקעמפפט פאַר זײַן זעלבסטשטענדיגקײַט. זײַן הויפּט שטרעבונג איז געווען צו מאַכען פון פאָלק ישראל אַ ממלכת כהנים וגוי קדוש, ד״ה אַ הייליג פאָלק, וועלכעס זאָל ווערען געפיהרט דורך די הייליגע לײַט ווי די „בני הנביאים". די היסטאָרישע נויטווענדיגקײַט האָט אָבער געפיהרט דערצו, אַז דאָס יודישע פאָלק זאָל שאַפען אַ פעסטע צענטראַליזירטע פאָליטישע מאַכט, ווען נישט וואָלט עס קיין קיום נישט געקאָנט האָבען. די פלשתים, וועלכע האָבען פריהער געבילדעט פיעל אָבגעזונדערטע קליינע מלוכה׳לעך, האָבען זיך אין די לעצטע שמואל׳ס יאָהרען צווישען זיך כמעט אינגאַנצען פעראייניגט, כדי צו קעמפפען מיט ישראל; די עמונים, די עמלקים האָבען זיך אויך אַלץ מעהר פערפעסטיגט; דאָס יודישע פאָלק האָט געמוזט זיך צוגרייטען צו אַ דויערהאַפטען און שווערען קאַמפף. זעלבסטפערשטענדליך, אַז אַזאַ קאַמפף קאָן אַ פאָלק פיהרען נאָר מיט אַן אָרגאַניזירטען חיל, וועלכער זאָל זײַן גוט בעוואָפענט, גוט געלערנט, און זאָל זײַן שטענדיג גרייט צו מלחמה, אונטער אַן אַלגעמיין אַנערקענטער אויטאָריטעט. די אַנערקענונג האָט זיך אַלץ טיעפער אײַנגעוואָרצעלט בײַ׳ם פאָלק און ענדליך האָט זי זיך אויסגעדריקט אין אַ גאַנץ דײַטליכער פאָרם. —

ווען שמואל איז אַלט געוואָרען און זיינע זיהן יואל און אַביה, וועלכע זענען ניט געשטאַנען אויף אַזאַ הויכע מדרגה ווי זייער פאָטער אין גרוים־קייט און ערליכקייט, האָבען געזאָלט ווערען שופטים, האָט דאָס פאָלק זיך פערזאַמעלט אַרום שמואל הנביא און האָבען פון איהם געפאָדערט ער זאָל אין לאַנד בעשטעטיגען אַ שטענדיגען מלך. אַזאַ פאָדערונג איז פאַר שמואל'ן געווען גאָר אונערהאָפט און איהם האָט עס זעהר געקרענקט. ער האָט געוואָלט, אַז זיין פאָלק זאָל זיין פריי ניט נאָר אויסערליך, נאָר אויך אינערליך. דאָס פאָלק ישראל דאַרף ניט זיין אונטערטעניג ניט נאָר אַ פרעמדען מלך, נאָר זאָגאַר אַן איינענעם מלך; נאָר דער יודישער גאָט אַליין בעדאַרף געוועלטיגען איבער יודען און זיין געוועלטיגקייט דאַרף ער זיך מיט קיינעם ניט טיילען! שמואל הנביא האָט געוואָלט ווירקען אויפ'ן פאָלק מיט דעם, וואָס ער האָט מיט שרעקליכע פאַרבען געשילדערט פאַר זיינע אויגען די אונערבאַרמליכע אויספיהרונג פון די דעספאָטישע הערשער צו יענער צייט, ווי זיי דריקען דאָס לאַנד, ווי זיי רויבען, ווי זיי טוידטען אָהן קיין שום פעראַנטוואָרטליכקייט, ווי זיי פערשקלאַפען דאָס פאָלק, נעהמען אָב זיינע קינדער אַלס דינער און זיינע טעכטער אַלס דינסטען, לעגען אַרויף גרויסע צינזען, רויבען זיין אייגענטום און אַז. וו. — עס האָט אָבער ניט געהאָלפען די שטראָף־רייד, זאָגאַר די קללות פון אַלטען נביא, העלד און פאָלקס־לעהרער. דאָס פאָלק איז געוועזען טיעף איבערצייגט אין דער נויטיגקייט פון אַ נייער מלוכה־אָרדנונג אין לאַנד און עס האָט געטענה'ט: „ניין, נאָר אַ מלך מוזען מיר האָבען. דאַן וועלען מיר זיין גלייך מיט אַלע פעלקער. אונזער מלך וועט אונזער שופט זיין, ער וועט זיך שטענדיג פאַר אונז מיהען און אונזערע מלחמות וועט ער פיהרען!“...

ענדליך מוז זיך אונטערגעבען דער אַלטער פאָלקס־פיהרער, ער מוז ערפילען דעם אַלגעמיינעם פערלאַנג פון פאָלק, דאָס לאַנד פון ישראל טרעט אריין אין אַ נייעם פאַזיס פון — אַ מלוכה־אָרדנונג. עס ווערט געשאַפען אַן אַלגעמיינער פאָליטישער צענטר אין לאַנד, וועלכער בינדט צוזאַמען אַלע טיילען פונ'ם פאָלק און שאַפט אַ שטאַרקע אָרגאַניזירטע מלוכה־קראַפט, וואָס איהר בעדייטונג וואַקסט אַלץ מעהר און מעהר אין דעם פאָליטישען לעבען פון די פעלקער אין דער אַלטער קליין־אַזיען.

פיערטעס קאפיטעל.

דער מלך שאול.

דער ערשטער מלך, וואס איז אויסגעקליבען געוואָרען ביי די בני ישראל מיט דער מיטווירקונג פון שמואל הנביא, איז געוועזען שאול בן־קיש פון שבט בנימין, אַ געוועזענער ערד־אַרבייטער. שמואל האָט זיך, וואהרשיינליך, דערום אָבגעשטעלט אויף דעם זוהן פון קיש, ווייל פון איין זייט האט זיין נידעריגע אָבשטאַמונג „פון דער אָרעמסטער משפחה פון דעם יונגסטען שבט" איהם, דעם ערשטען מלך, געזאָלט אָבהאַלטען פון דעם געוועהנליכען דעספּאָטישען שטאָלץ; פון דער אַנדערער זייט איז שאול געווען בעגאַבט מיט די העכסטע מעלות: וואונדערליך שען, אַ אונגעוועהנליכער העלד ווי אויך אַ אונגעוועהנליכער ענו, אַ דרייסטער און אַן־אונענדליך גוטער מענש, אַ איינפאַכער ערד־אַרבייטער מיט גרויסע נייגונגען צו נבואה. אַט אַזאַ מלך האָט ווירקליך געקאָנט זיין איבערגעגעבען מיט'ן גאַנצען לעבען די אינטערעסען פונ'ם פאָלק, שעצען איהם און מדריך זיין, נישט זוכענדיג אין זיין הויכער מאַכט קיין אייגענע נוצען; שמואל וואהרשיינליך האָט אויך געהאָפט, אַז אַזאַ מענש ווי שאול בן־קיש לויט זיינע אַלע איבענדערמאַנטע אייגענשאַפטען וועט זיין שטענדיג אָבהענגיג פון דעם נביא.

זאָגאַר נאָכדעם שוין ווען שאול איז אויסגעקליבען געוואָרען אַלס מלך האָט ער נישט געוואָלט אָנטהון די קרוין אויף זיין קאָפּ, ער האָט נישט געוואָלט אויסבייטען דעם אַקער אויף דער קרוין. נאָך דער אויסוועהלונג האָט שמואל געשיקט זוכען שאול'ן און מען האָט איהם געפונען „פער־בעהאַלטען צווישען די געשירר", מען האָט איהם פון דאָרט מיט געוואַלד געבראַכט און שמואל האָט איהם פאַר אַ מלך געזאַלבט. נאָכ'ן זאַלבען האָט זיך דער מלך צוריקגעקעהרט אין זיין היים, צו זיין פעלד און צו זיין אַקער, צו זיין פריהערדיגער איינפאַכער לעבענס־אַרט. אַ טייל פונ'ם פאָלק, וועלכע האָבען זיך פאָרגעשטעלט דעם טיפּוס פון די אַרומיגע מלכים, האָבען נישט געגלויבט אין שאול'ס פעהיגקייטען צו געוועלטיגען איבער'ן לאַנד און האָבען איהם זאָגאַר פערהאַסט אין האַרצען.

נאָר באַלד נאָך זיין זאַלבונג האָט דער יונגער מלך געהאַט די

מעגליכקייט צו דערוויזען, אז טראָץ דעם, וואָס אין זיין אלטעגליכען לעבען איז ער שטענדיג געווען א רוהיגער מענש און א גרויסער עניו, האָט ער דאָך געקאָנט אויפפלאַקערען מיט דעם היילינגסטען פייער פון פאָלקס-ליעבע, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען די אינטערעסען פון זיין לאַנד. די עמונים האָבען זיך פערזאַמעלט אויף מלחמה אויף דער יודישער גרענעץ-שטאָדט יבש־גלעד און האָבען איהר בעלאַגערט. די איינוואָהנער פון יבש־גלעד האָבען זיך געמוזט אונטערגעבען דעם פיינד, נאָר די ווילדע עמונים האָבען נישט געוואָלט אָננעהמען די אונטערטעניגשאַפט פון יבש־גלעד, כל זמן די איינוואָהנער וועלען זיך נישט לאָזען אויסשטעכען דאָס רעכטע אויג אַלס צייכען פון טרייער קנעכטשאַפט: אויב נישט — האָבען זיי געדראָהט — וועט קיינער פון שטאָדט קיין לעבעדיגער נישט בלייבען. די בעלאַגערטע האָבען געשיקט שלוחים צום יונגען מלך שאול אין הויפט-שטאָדט גבעה און הילף געבעטען. דער מלך איז אויפגערעגט געוואָרען הערענדיג די רייד פון די שלוחים, האָט גענומען א רינד, איהם צושניטען אויף צוועלף שטיקער און צושיקט דורך די זעלביגע שלוחים צו אַלע שבטים פון ישראל מיט די ווערטער: „ווער עס וועט נישט געהן נאָך שאול'ן און שמואל'ן אין דער מלחמה, וועל איך אַזוי טהון צו זיינע רינדער!" דאָס פאָלק האָט פערנומען די שטים פון זיין מלך און אַלע, ווי איין מאַן, האָבען זיי זיך פעראייניגט אונטער דער אנפיהרונג פון שאול'ן. א גרויסע, בעגייסטערטע מחנה האָט שאול ארויסגעשטעלט געגען די עמונ'ער און מיט דעם גרעסטען העלדענמוטה האָט ער געקעמפפט געגען דעם שונא, וועלכען ער האָט ווירקליך א טויטד-קלאַפּ געגעבען.

מיט דעם גלענצענדען נצחון, וואָס שאול האָט אָבגעהאַלטען אויף דעם יודישען פיינד, האָט ער זיך געשאַפט די ליעבע און די אַכטונג פון גאַנצען פאָלק אָהן אונטערשיעד. דאָס פאָלק האָט זיך צונויפגעזאַמעלט אין שטאָדט גלגל צו פייערען שאולס טריאומף און צו בענייען זיין אויסוואַהלונג אַלס מלך. דאָ האָט שאול אויך געהאַט די מעגליכקייט ביי זיין גרויסער דריישטיגקייט אַרויסצווייזען זיין טיעפסטע גוטהערציגקייט. דאָס פייערענדע פאָלק, פרעהענדיג זיך מיט זיין העלד און שיטצער, האָט זיך געוואָלט ביי דער געלעגענהייט נוקם זיין אָן די, וואָס האָבען צו ערשט געהאַט אַרויסגעוויזען זעהר פעראַכטונג און האָס צום אויסערוועהלטען מלך. עס האָט אָבער דער יונגער מלך נים דערלאָזען קיינע בלוטפערגיסונג און דאָרט, וואו ער האָט געוויזען זיין העלדענמוטה אויסצוראָטהען די שונאים פון זיין פאָלק, האָט ער אויך בעוויזען זיין העלדענמוטה צו שענקען

זיינע פערזענליכע שונאים. „עס זאל קיינער נישט געטוידט ווערען היינטיגען טאג — האט דער העלד אויסגעשריען צום פאלק — דען היינטיגען טאג האט גאט זיין ישועה געבראכט זיין פאלק ישראל"...

נאך דער מלחמה מיט די בני עמון האט זיך שוין שאול נישט אומגעקעהרט צו זיין פעלד. די אנערקענונג פון זיינע פליכטען צו זיין פאלק דרינגט אליץ מעהר אריין אין זיין הארצען; ער פערשטעהט, אז כדי דאס פאלק זאל א קיום האבען צווישען די ארומיגע פיינדליכע שכנים, מוז עס אויף א געוויסער צייט פון א פריעדליכעס ערד־ארבייטער־פאלק ווערען א קריעגס־פאלק; דער שווערד מוז אויף א צייט די סאכע פערבייטען. שאול נעהמט זיך צו ערשט ענערגיש צו פארמירען א שטענדיגען געוואפענטען חיל פאר'ן פאלק. דאס איז געווען גאנץ שווער. דאס לאנד פון ישראל האט זיך דאן געפונען אין א שרעקליכע לאגע. די פערשידענע פעלקער ארום האבען עס געוואלט צוריסען אויף שטיקלעך. איבערהויפט האבען די פלשתים צו יענער צייט פון דאס־ניי גענומען דריקען דאס פאלק ישראל, געמאכט איהם אין א געוויסער מאס אבהענגיג פון זיי. דאס פאלק ישראל האט זיי, ווי אין פאר שמואל'ס צייטען, געמוזט צאהלען צינזען און איז דורך דעם שטארק פעראָרימט געווארען. די פלשתים האבען דאן געהאט אין ארץ־ישראל אניאייגענעם נציב (פארשטעהער) און האבען שטרענג נאכגעשפירט, אז אין לאנד זאל זיך קיין שום געוועהר נישט געפינען; צוליעב דעם האט זיך דאן צווישען די בני ישראל זאגאר קיין איינער שמיעד נישט איינגעפונען, כדי זיי זאלען זיך קיין כלי־זיין ניט קאנען שאפען. נאר שאול און יהונתן זיין זוהן — דערצעהלט די מסורה — האבען צו שווערד און צו שפיז ביי זיך געהאט אין די צייט פון די ערשטע מלחמות. דאס איבעריגע חיל האט זיינע פריעדליכע ארבייטס־געציי. פערוואנדעלט אין קריעגס־געוועהר. שאול האט זיך אבער פאר די אלע שוועריגקייטען נישט דערשראקען און איהם געלינגט ענדליך צונויפצושטעלען א שטענדיגע העלדישע ארמעע, אין שפיץ פון וועלכער זענען געשטאנען די בעריהמטע קריעגס־העלדען אבנר בן־נר און יהונתן בן שאול. דאן פערפיהרט שאול אונערמידליכע שויץ־מלחמות געגען די פיעלע שונאים, וואס פלעגען אונאויפהערליך בעפאלען דעם פאלק ישראל און האלט אב איבעראל גלענצענדע נצחונות. אנגעהויבען האט ער פון די פלשתים, פון דעם געפעהרליכסטען יודישען פיינד צו יענער צייט, מיט וועלכען דעם יודישען פאלק, איז אויסגעקומען צו שטרייטען דורות־לאנג, מיט קירצערע אדער לענגערע הפסקות. די ערשטע מלחמה האט זיך געענדיגט מיט א פאלשטענדיגער מפלה פאר די פלשתים און שאול האט

דאַן בעפרייט דאָס יודישע לאַנד אויף עביג פון דער הערשאַפט פון די פלשתים. דאָך האָבען די פלשתים אין אַ קורצער צייט אַרום זיך פון דאָס־ניי פערשטאַרקט און אָנגעהויבען ווידער גאַנץ אָפט צו בעפאַלען די יודישע גרענעצען, נאָר שטענדיג פלעגען זיי טרעפען אַ מורא׳דיגען ווידערשטאַנד דורך שאול׳ס אַרמעע און זיי האָט זיך שוין מעהר נישט איינגעגעבען צו מאַכען דאָס יודישע פאָלק אָבהענגיג פון זיי.

נאָכדעם ווי שאול האָט זיך אַרום געטהון אַביסעל מיט די פלשתים, האָט ער זיך גענומען אָברעכענען מיט די איבעריגע פעלקער, וועלכע האָבען יאָהרען־לאַנג געדריקט דאָס פאָלק ישראל און געראויבט די גרענעצען פון׳ם לאַנד. „ער האָט אָהן אויפהער גלענצענדע מלחמות געהאַלטען מיט מואב און מיט עמון און מיט אדום און מיט צובה און מיט עמלק, און וואו ער האָט זיך געקעהרט האָט ער אומעטום בעגליקט״. אויף אַזאַ אופן האָט שאול אויף אַ לאַנגע צייט בעפרייט זיין פאָלק פון דעם פאָליטישען דרוק פון די אַרומיגע פיינדליכע פעלקער.

שאול האָט אָבער נישט נאָר פאַר דעם מאַטעריעלען גליק פון׳ם לאַנד אַליין זיך געזאָרגט, ער האָט שטענדיג זיך געמיהט אויף אויפצוהויבען דאָס פאָלק אין מאָראַלען זין. ער האָט געקעמפפט געגען די פערשידענע ווירקונגען פון דער אַמאָליגער געצענדינערייַ; ער האָט אויסגעראָהט פון׳ם לאַנד דאָס כשופמאַכערייַ. ער האָט אויפגעקוקט אַז דאָס פאָלק זאָל פינקטליך די תורה אָבהיטען; די מסורה דערצעהלט, אַז זאָגאַר אויפ׳ן שלאַכט־פעלד האָט ער אויפגעזעהן אַז דער חיל זאָלען קיין נישט־געקוילעטע פלייש נישט עסען און אז. וו... די אַלע שאול׳ס פערדינסטען צוזאַמען מיט זיינע אויסגעצייכענטע פערזענליכע אייגענשאַפטען, ווי זיין גוטהערציגקייט, מילדקייט, עניוות און גאָט׳ספאָרכטיגקייט, האָבען איהם געמאַכט פאַר׳ן פאָלקס־ליעבלינג. דאָס פאָלק האָט איהם געאַכטעט אויף דער העכסטער מדרגה, איהם אָנגערופען „משיח ד׳״ (דער געזאַלבטער פון גאָט), נאָר צוזאַמען מיט דער ליעבע פון פאָלק, וואַקסט אויך די פיינדשאַפט פון דעם אַלטען נביא צום יונגען קעניג. די גאַנצע מלוכה־סיסטעם איז געווען געגען זיינע בעגריפען, געגען זיין גייסט. צופיעל אַכט האָט שאול — לויט שמואל׳ס מיינונג — געשאָנקען דער אַרמעע, ווען אין אמת׳ן דאַרף דאָס פאָלק געדענקען, אַז זיין גליק איז אָבהענגיג נאָר פון דעם ווילען פון גאָט, וועלכער „וועט זיין פאָלק נישט פערלאָזען צוליעב זיין גרויסען נאָמען״... שמואל האָט געזעהן, אַז שטיצענדיג זיך אויף דעם חיל ווערט דער מלך אַלץ מעהר זעלבסטשטענדיג אין זיין טהעטיגקייט, וואָס ווייטער ווערט ער אַלץ ווייניגער

אבהענגיג פון דעם נביא. דעם געטליכען מאן, האט, פערשטעהט זיך, נישט זיין כבוד געארט, נאר זיין אידעאל: דאס אויסערוועהלטע פאלק, וואס גלויבט אין איין איינציגען היילינען גאט און שטרעבט צו היילינקייט, ריינקייט און מענשען-ליעבע, ווערט אויך א פאלק פון גראבען פיזישען כח, ווי אלע אנדערע פעלקער, און אנשטאט צו זיין א „ממלכת כהנים“, (א „מלוכה פון גאט'ס בעדיענטע“) ווי עס האבען געהאפט די ערשטע פאלקס-לעהרער און פאלקס-אנפיהרער, ווערט דאס פאלק פערוואנדעלט אין א שטענדיגע בעוואפענטע ארמעע!

שמואל הנביא איז געוועזען טיעף איבערצייגט, אז שאול פיהרט דאס פאלק אויף א פאלשען וועג און ער האט נישט דורכגעלאזען קיין געלעגענהייט ארויסצוווייזען דעם יונגען מלך זיין שנאה צו איהם. פאר'ן גאנצען פאלק פלעגט שמואל מביש זיין דעם גרויסען קריעג'ס-העלד, און איין מאל, ווען שאול האט נישט פינקטליך ערפילט שמואל'ס פערזאג (אין בעטרעף צו דער מלחמה מיט עמלק, וואס דער נביא האט אנגעזאגט פון דעם פיינד'ס לאגער נישט איבערצולאזען קיין לעבעדיגעס, זאגאר קינדער און בהמות, און דער מלך האט רחמנות געהאט אויף די אונשולדיגע בהמות און עס געשענקט זיין חיל, אויך אגג'ן, דעם קעניג פון עמלק, דעם געפעהרליכען יודישען שונא, האט ער א לעבעדיגען אין קייטען געבראכט מיט זיך אין לאנד, כדי דעם אייגענעם טריאומף מיט איהם צו בעפוצען),— האט איהם שמואל אין די אויגען פון דעם גאנצען חיל ערקלערט, אין דעם נאמען פון גאט, אז „גאט וועט ארויסרייסען פון זיין האנד די מלוכה איבער'ן יודישען פאלק און איבערגעבען עס אין בעסערע הענד!“

זעלבסטפערשטענדליך, אז אלע לעבענס-אינטערעסען פונ'ם פאלק און אלע פאליטישע בעדינגונגען זענען געוועזען געגען שמואל הנביא'ס אידעאל, דאך איז דער מלך שאול געפאלען אלס קרבן פון שמואל'ס היליגען אייפער. דער האס, וואס דער נביא האט דעם מלך ארויסגעוויזען פאר'ן גאנצען חיל אין דעם נאמען פון גאט, האט זיין כבוד ביי'ם פאלק זעהר ערנידעריגט. אויך די שלעכטע בשורה, אז די מלוכה וועט פון איהם אבגענומען ווערען, האט איהם שרעקליך דערשלאגען. דער העלד ווערט קראנק; עס פאלט אויף איהם ארויף א מרה שחורה און פערראומערט איהם דאס לעבען... די פערצווייפלונג, וואס האט זיך פערנגב'עט ביי שאול'ן אין הארצען, הערט נישט אויף זאגאר נאך שמואל'ס טוידט און מאכט איהם אבהענדיג: ער פערליערט זיין העלדענמוטה, און צוזאמען מיט דעם אויך זיין מילדיקייט און גוטהערציגקייט. שאול פערלאזט אלין אויף לענגערע

צייטען דאס קריעגס-פעלד; דערפאר אבער הויבט זיך אן א גאנצע רייהע פון בלוטפערגיסונגען אין לאנד גופא. דעם מלך'ס אונרוהיגער גייסט הויבט אן מורא צו האבען פאר א פערשווערונג קעגען איהם; דאן זוכט ער אויסצוראטהען זיינע אינערליכע כלומר'שדיגע שונאים. מיט דעם צוועק הרג'עט ער אויס א גאנצע שטאדט מיט כהנים, (נוב עיר הכהנים), הרג'עט אויס די גבעונים, וועלכע זענען נאך פון יהושע'ס צייטען געווארען יודישע אונטערטאנער; זאגאר זיינע אייגענע קינדער פאנגט ער אן חושד זיין אין א פערשווערונג געגען איהם און פערפאלגט זיי. שאול פערליערט אליך מעהר די ליעבע פון פאלק; ער פערליערט זיין צויבער-קראפט צו בעגייסטערען זיין חיל. און ווען צו ענדע קלויבען זיך די פלשתים צוזאמען אויף די בערג גלבוע מלחמה צו האלטען געגען שאול'ן, טרעפען זיי אין יודישען לאגער א מוטלאזע ארמעע, מיט א גייסטיג קרענקליכען, פערצווייפלונגספולען אנפיהרער. דאן פערשפיעלט דאס יודישע פאלק דעם שלאכט, דער יודישער חיל טרעט אב צוריק; נאר שאול און זיין העלדישער זוהן יהונתן קלויבען בעסער אויס דעם טוידט איידער דעם שענדליכען ענטלויפען פון שלאכט-פעלד.

אוי שטארבט דער ערשטער יודישער מלך שאול בן-קיש!

פינפטעס קאפיטעל.

דוד המלך.

(1055—1015 פאר כריסטוס-געבורט).

שאול איז געשטארבען, נאר דאס פאליטישע לעבען אין לאנד האט שוין נישט געקאנט אומקעהרען זיך פון דעם וועג, אויף וועלכען דער פערשטארבענער מלך האט עם אוועקגעשטעלט. נאך שאול'ן האט געקעניגט איבער'ן לאנד זיין איבערגעבליבענער זוהן איש-בושת. איש-בושת איז אבער געווען נישט קיין פאסענדער יורש פון טראן: ער איז געווען א מענש מיט א שוואכען כאראקטער און פון זיין פאטער'ס העלדענמוטה האט ער גארנישט גע'ירש'נט. דער אנפיהרער אין לאנד איז געוועזען זיין הויפט קריעגס-הער אבנר בן-נר, וועלכער האט די זעלבע שטעלע פערנומען פאר שאול'ס לעבען און האט זיך אין די פיעלע מלחמות, וואס שאול האט געפיהרט, זעהר אויסגעצייכענט. ער האט מיט זיין פרישען חיל געוויזען א שטארקען ווידערשטאנד די פלשתים, וועלכע האבען נאך שאול'ס טויט געוואלט, ווי אין די אמאליגע יאהרען, אונטערטעניג מאכען אונטער זיך דאס יודישע פאלק. נאר דאן האט זיך אינ'ם לאנד גופא אנגעפאנגען אנ'אינערליכער קאמפף. דער אונפעהיגער איש-בושת האט נישט געקאנט מיט זיין אויטאריטעט צוציהען צו זיך דאס גאנצע פאלק, ווי זיין פאטער שאול און אין דער הערשאפט איבער'ן לאנד קומט פאר א שפאלטונג. דער גאנצער שבט יהודה, וועלכער איז שטענדיג געווען איינער פון די עכט בעדייטענדסטע זאגט זיך אב פון איש-בושת'ן און וועהלט אויס איבער זיך פאר א מלך דעם יונגען דוד, דעם זוהן פון ישי פון שטאדט בית-לחם, אין טייל לאנד פון שבט יהודה.

דוד אלס פערזענליכקייט איז געווען פיעל עהנליך צו שאול'ן; ער בעזיצט אויך צוויי וואונדערליכע קאנטראסטען אויף אמאל: פון איין זייט די מילדיסטע גוטהערציגקייט, כמעט די אדעלסטע פרויען-צערטליכקייט, פון צווייטען זייט — העלדענמוטה, וואס גרייכט כמעט ביז אכזריות. די ביידע אייגענשאפטען האבען אין דוד זיך נאך גאר אלס קינד ארויסגעוויזען. ווי די מסורה דערצעהלט איז ער א פאסטוך געווען ביי זיין פאטער. צווישען

די טשערעדעס שאָף, אין פעלד, אין דעם שוים פון דער נאַטור פלעגט ער בעגייסטערטע ליעדער זינגען און אויפ'ן האַרפע געטליכע מעלאָדיען שפיע-לען; נאָר אַז אויף די שאָף פלעגען חיות רעות אָנפאַלען, וועלף אָדער בערען אָדער לייבען, פלעגט דער יונגער געטליכער משורר פייל און בויגען אין האַנד נעהמען און גאַנץ דרייסט אין מלחמה געהן. און ווען אַז ער איז נאָך אַ קליינער פאַסטוכ'ל געווען, דערצעהלט די מסורה, האָט איהם שמואל געזעהן און על פי הנבואה האָט ער איהם אַלס צוקינפטיגער מלך איבער יודען געזאַלבט, אָנשטאָט שאול'ן, וועלכען דער אַלטער נביא האָט שוין פערפאָלגט. צופעלפאַלס האָט דער מסבב הסבות נאָך קינדווייז געגומען דוד'ן צוגעוואָהנען און אַיינצואיבען אין זיין גרויסער היסטאָרישער ראָליע, וועלכע ער האָט ענדליך געזאָלט שפיעלען צווישען זיין פאָלק. גאָר יונג, גלייך פון פעלד, „פון הינטער די טשערעדעס שאָף" טרעט דוד אין שאול'ס הויז אַריין. שאול'ן האָט שוין דאַן די מרה שחורה געפייניגט און זיינע דינער האָבען איהם געראַטען דעם יונגען געטליכען פאָעט צו זיך אין הויז צונעהמען, כדי ער זאָל מיט זיין וואונדערבאַרער האַרפע פון קעניג דעם אונמוטה פערטרייבען. דוד אָבער האָט אָבער מיט'ן פיעדעל אַליין זיך נישט געקאָנט בעגנוגען: צוזאַמען מיט דער פאָעטישער בעגייסטערונג, האָט אין איהם אויך זיין גבורה געוואָקסען, און זי האָט אויך געפאָדערט אויסגעאיבט צו ווערען צום נוטצען פון זיין געליעבטעם פאָלק און גאָט'ס געזאַלבטען מלך.

די מסורה דערצעהלט, אַז אין איינע פון די אונאויפהערליכע מלחמות מיט די פלשתים, וואָס שאול האָט געפיהרט, האָט דוד נאָך גאָר יונגערהייד גע'הרג'עט דעם ריעז פון די פלשתים גלית'ן, וועלכער איז זעקס איילען די הויך געווען, איינגאַנצען אין אייזען און אין קופער געפאַנצירט און האָט אַ שרעק אָנגעוואָרפען אויף די מחנה פון ישראל. דער דאָזיגער ערשטער גליקליכער העלדענטהאַט האָט דוד'ן געשאַפען אונענדליכען רוהם: זיין נאָמען איז געוואָרען בעקאַנט דעם גאַנצען פאָלק; דאָס גאַנצע לאַנד שטאָלצירט מיט איהם. דוד טרעט אַריין אין שאול'ס מחנה, נעהמט אַנטייל אין פיעל מלחמות און צייכענט זיך אומעטום אויס מיט זיין גבורה. שאול בעשטימט איהם אין גיכען אַלס מלחמה=אָנפיהרער איבער'ן גאַנצען היל, וועלכער ליעבט איהם אונענדליך. דוד פיהרט מלחמות מיט'ן איבערגעגעבענעם חיל, ער האַלט כסדר אָב גרויסע נצחונות, ער ווערט אַ פאָלקס=העלד, דער סאַמע בעליעבטער מאַן צווישען פאָלק, וועלכען דאָס פאָלק בע-זינגט, וועלכען די פרויען בעגעגענען מיט לויב און מיט טעניץ. צו דוד'ן

ווערט צוגעבונדען דאס גאנצע הויזגעזינד פון מלך שאול: מיכל, די יונגסטע קעניג-טאכטער, פערליעבט זיך אין קריעגס-העלד און געטליכען פאעט און ווערט דוד'ס פרוי.

נאר צוזאמען מיט'ן רוהם, וואקסט אויך פאר דוד'ן א גרויסע געפאהר. דער גייסטיג-קראנקער שאול קאן נישט גלייכגילטיג צוזעהן, ווי עס שטייגט די ליעבע פון פאלק צו דוד'ן. עס צופלאקערט זיך אין זיין קראנקען הארץ די קנאה; זיין קראנקע פאנטאזיע זאגט איהם פארויס, זאגאר גאנץ אונדייטליך, אז דוד וועט ענדליך פון זיין דינאסטיע ארויסרייסען די מלוכה, און ער זוכט מיטלען צו מאכען אנ'ענדע פון דעם יונגען משורר און העלד. ער פרובט זאגאר ביי זיך אין הויז מיט זיין אייגען שפיז איהם צו דערשטעכען אין די מינוטען פון דער געטליכער בעגייסטערונג, ווען דער משורר איז אינגאנצען בעטרונקען פון די הימעלרייכע קלאנגען, וועלכע רייסען זיך אראב פון זיין הארפע. דאן מוז דוד ענטלויפען פון שאול'ס הויז, פון זיין פרוי, פערלאזען די מחנה און שטענדיג זיך בעהאלטען פון מלך'ס צאר'ן, וואס זוכט איהם אהן איפהער. א געוויסע צייט בעהאלט זיך דוד ביי שמואל'ן אין רמה, ער גיט זיך איבער דער נבואה און פיהרט אריין גייסטליך לעבען צווישען די בני-הנביאים. ענדליך ווערט אבער זיין בעהעלטעניש ענדעקט און ער מוז פון דארטען ענטלויפען. דאן הויבט זיך אן פאר דוד'ן א גאנצער פעריאד פון וואנדערונג, פון בעהעלטענים און ליידען. פיעל העלדען פון לאנד, וואס זיי האט געקרענקט דוד'ס נישט פערדיענטע צרות, זענען אנגעקומען צו איהם צוטיילען מיט איהם צוזאמען פיין און נויט. דאן האט דוד צונויפגעשטעלט א מחנה פון עטליכע הונדערט מאן אויסגעצייכענטע העלדען, מיט וועלכע ער האט ארומגעוואנדעלט איבער די גרענעץ-געגענדען פון לאנד ישראל, אנגעפאלען אויף די גרענעץ-פעלקער: אויף גשור, אויף גריז, אויף עמלק און אז. וו. די דאזיגע אנפאלונגען האבען אויף די פעלקער ארויפגעווארפען אנ'אימה און זיי פלעגען האלטען זיך וואס וויטער פון די יודישע גרענעצען. ביי די אנפאלען פלעגט דוד פיעל רויב אבנעהמען ביי די פעלקער; דעם רויב פלעגט ער א געוויסען חלק צוטיילען צווישען זיין מחנה און דאס איבעריגע פלעגט ער אוועקשיקען אינ'ם לאנד צו צוטיילען צווישען פאלק. ענדליך איז אבער זיין וואנדערען זאגאר איבער די גרענעץ-געגענדען אויך געווארען נישט אונגעפעהרליך, ווייל שאול'ס קנעכט האבען נאך איהם אומעטום געלויערט. דאן האט דוד געמוזט אינגאנצען פערלאזען זיין היילינגעס לאנד, זיין היישגעליעבטען פאלק, און ער האט זיך

מיט זיינע מענשען בעזעצט אין פלשתים. דאָרטען האָט ער געפיהרט זעהר אַ לוסטיגע אָבער אַ געפעהרליכע פּאָליטיק מיט'ן מלך אָכיש, פאַר וועלכען ער האָט זיך אַרויסגעוויזען אַלס הייסער פריינד פון די פלשתים און אַ פיינד פון מלך שאול, וועלכער האָט איהם פערפאָלגט, און אין אמת'ן האָט ער פאַרגעזעצט די פריהערדיגע אַרבייט זיינע: ער פלעגט ווי פריהער מאַכען אָפטע אָנפאַלען אויף די גרענעץ־פיינד פון ישראל!

דאָס גאַנצע לעבען פון שאול'ן האָט דוד אַזוי אונרחמנות'דיג געוואַנדעלט צווישען פרעמדע פעלקער, אין פרעמדע לענדער, צווישען שרעקליכע געפאַהרען. זיין איינציגע טרייסט פלעגט ער נאָר מאַנכעמאָל אין זיין האַרפע געפינען און אין דער אַנערקענונג פון די נוטצען, וואָס ער פלעגט גאַנץ אָפט ברענגען דורך זיינע ליידען דעם געליעבטען פאָלק ישראל. זיין אונענדליכער גרויסמוטה האָט זיך אַרויסגעוויזען, ווען צו דוד'ן אין צקלג, קיין פלשתים, האָט געגרייכט די טרויעריגע בשורה, אַז שאול און זיין זוהן יהונתן זענען אין מלחמה גע'הרג'עט געוואָרען. דוד פערגעסט די אַלע צרות, וואָס דער פערשטאָרבענער שאול האָט איהם פערשאַפען, און ער ברעכט אויס מיט אַ ריהרענדען יאָמער:

„הצבי ישראל! על במותיך חָלָל אֵיךְ נפלו גבורים!...“

דאָס פאָלק האָט אָבער אויך נישט פערגעסען זיין גרויסמוטהיגען העלד, און נאָך שאול'ס טוידט, ווען דוד האָט זיך אומגעקעהרט פון דער פרעמד אין זיין געליעבטעס לאַנד, ווערט ער פריינדליך היים בעגעגענט און דער שבט יהודה זאַלבט איהם אויף זיין חלק ערד אַלס מלך. דוד האָט זיך אין חברון בעזעצט; ער האָט אַ גרויסע מחנה צוזאַמענגעשטעלט, איבער וועלכער ער האָט בעשטימט אַלס הויפטמאַן דעם בערידמטען גבור יואב'ן, דעם זוהן פון צרויה, און אַלס געהילף זיין ברודער אבישי. דאַן האָט זיך אָנגעהויבען אַ זיבען־יאָהריגער קאַמפף צווישען די מחנה פון איש־בושת און די מחנה פון דוד. ענדליך האָט אבנר, דער הויפטמאַן פון איש־בושת'ס מחנה אַליין אויך איינגעזעהן, אַז דוד איז אַ פאַסענדערער מלך פאַר יודען איידער איש־בושת און ער מיט זיין גאַנצער מחנה געהען איבער צו דוד'ן. אבנר האָט דערצו אויך געניוגט די יענע שבטים, וועלכע זענען צוערשט טריי געבליבען צו שאול'ס זוהן. נאָר אַז אבנר איז געקומען קיין חברון אויסצודריקען דוד'ן זיין טרייהאַפט, האָט דאָרטען יואב איהם אָהן דוד'ס וויסען ערמאָרדעט, וויל ער האָט איהם חושד געוועזען אין פאַלשקייט. דאַן האָבען צוויי פעררעטער, רכב און בענה, גע'הרג'עט איש־בושת'ן און געבראַכט זיין קאָפּ צו דוד'ן, האָפענדיג אויף

אַ גרויסע לוין. דוד האָט זיך אָבער שרעקליך ניקם געווען אָן די מערדער „וואָס האָבען גע'הרג'עט אַנ'ערהרליכען מאַן אין זיין הויז, אויף זיין געלעגער"; דעם איינציגען קינד, וואָס איז נאָך פון שאולס פאַמיליע איבערגעבליבען, מפיבשת, האָט דוד צו זיך אין הויז גענומען און איהם ווי אַ פאָטער ערצויגען.

נאָכ'ן טוידט פון איש-בושת פעראייניגען זיך אַלע שבטים, קומען צו דוד'ן קיין חברון און זאַלבען איהם פאַר אַ מלך אויף דעם גאַנצען לאַנד. „מיר זענען דאָך דיין ביין און בלוט— זאָגט איהם דאָס פאָלק— אויך נעכטען, אויך איירנעכטען, ווען שאול האָט נאָר איבער אונז געקעניגט, ביזטו דאָך געווען דער פערזאָרגער פאַר ישראל!"

נאָכדעם ווי די אינערליכע קריעג אין לאַנד איז איינגעשטילט געוואָרען האָט דוד גענומען פערענדיגען די בעפעסטיגונג פון דעם יודישען לאַנד פון אויסערען, וואָס שאול האָט נאָך אין זיין צייט אָנגעפאַנגען. ער בעניייט און פערגרעסערט זיין מחנה און די ערשטע זאַך האָט ער בעקעמפפט דאָס שטאַרקע פאָלק יבוסי, וועלכעס איז געזעסען אין מיטען לאַנד פון ישראל אין דער בערגערדיגער געגענד פון ירושלים און די יודען האָבען עס יאָהרען לאַנג נישט געקאָנט איינגעהמען. דוד האָט צוקלאַפט דעם יבוסי, צוגענומען זיין לאַנד און, די פון דער נאַטור בעפעסטיגטע שטאָדט ירושלים האָט ער פאַר זיין הויפטשטאָדט געמאַכט. נאַכהער בעשליסט ער זיך צו מאַכען אַנ'ענדע מיט די פלשתים, פון וועלכע דאָס יודישע לאַנד האָט הונדערטער יאָהרען נאָכאַנאַנדער געליטען. צום ערשטען מאָל איז ער אַרויסגעטראָטען געגען זיי אין בעל-פרצים און האָט צושלאָגען זייערע מחנות. די פלשתים זענען זיך צולאָפען, נאָר אין אַ קורצער צייט אַרום האָבען זיי אַ נייע אַרמעע צוזאַמענגעשטעלט און מיט פערגרעסערטע קרעפטען זענען זיי פון דאָס ניי בעפאַלען דאָס יודישע פאָלק אין עמק רפאים. דאָ האָבען זיי ווייטער דורך דוד'ן אַ פאָלשטענדיגע מפלה געהאַט. נאַכהער האָבען די פלשתים אַ דריטען מאָל און אַ פירטען מאָל מיט די יודען אַ מלחמה ערקלערט, נאָר דאָס איז שוין געווען דאָס לעצטע מאָל. דוד האָט צושמעטערט די רייהען פון פיינד, איהם אונטערטעניג געמאַכט אויף אייביג און צוגענומען אַ שטיק לאַנד ביי די פלשתים.

מיט דעם האָט דוד געענדיגט די שוץ-מלחמות, וועלכע דאָס פאָלק ישראל האָט געמוזט פיהרען הונדערטער יאָהרען געגען זיינע פיינד, די גרענעצען פון דעם יודישען לאַנד זענען שוין געווען געזיכערט, דאָס פאָלק האָט שוין נישט געדאַרפט מעהר מורא האָבען פאַר די אַרומיגע

פעלקער, וואָס דוד האָט זיי שטענדיג געהאַלטען אין שרעק. נאָך הדד׳ס העלדען-גייסט האָט זיך נישט געקאָנט בערוהיגען; דאַן האָט ער אָנגעפאַנגען אַ גאַנצע רייהע אויפטריט-מלחמות מיט די שטאַרקסטע פעלקער פון דער אַלטער קליין-אַזיען און מעסאָפּאָטאַמיען, ער האָט אָבגעהאַלטען גלענצענדע נצחונות איבער מואב, ארם, חמת, אֱדום, עמון, צובה און אזוי ווייטער. די דאָזיגע מלחמות האָט דאָס לאַנד פון ישראל ברייטער געמאַכט מיט פיעל איינגענומענע געגענדען, דאָס פאָלק ישראל רייכער געמאַכט מיט פיעל אָבגענומענע רויב, מיט גאָלד, מיט זילבער און מיט קופער. די אַלטע אַזיען האָט אויפגעציטערט פאַר דער פרישער קראַפט. די מעהר קולטורעלע פעלקער, ווי פעניקיא, צ. ב. ש, האָבען געמיהט זיך אַריינצוטרעטען אין פריינדליכע בעציהונגען מיט׳ן יודישען מלך, זיי האָבען צו איהם זייערע שלוחים געשיקט און מתנות איהם געשאָנקען.

אָט אזוי האָט דוד אַוועקגעשטעלט די יודישע מלוכה אויף דער העכסטער שטופע, וועלכע איז דאַן נאָר מעגליך געווען. ער האָט אָבער נישט נאָר פאַר די אויסערליכע שטאַרקייט פון זיין פאָלק געזאָרגט, נאָר ער האָט אויך פערפאָלקאָמט די אינערליכע אויפבויאונג פון דער יודישער מלוכה-אָרדנונג. די אַלגעמיינע צענטראַליזאַציע האָט פאַר דוד׳ן בעקומען איהר פאָלקאָמסטען אויסדרוק. ירושלים איז געוואָרען דאָס האַרץ פון לאַנד: דאָרטען איז געזעסען דער קעניג פון דעם גאַנצען לאַנד, די הויפט-ריכטער פון דעם גאַנצען לאַנד און די הויפט-כהנים פאַר דעם גאַנצען לאַנד. כדי די צענטראַליזאַציע זאָל זיין אַ פאָלשטענדיגע האָט דוד פון קרית-יערים געבראַכט קיין ירושלים אויך דעם הייליגען ארון. דעם אויטאָריטעט פון דעם דאָזיגען הייליגטום, וואָס איז שוין געווען געפאַלען ביים פאָלק פון שמואל׳ס צייטען, האָט דוד געמיהט זיך אויפצוהויבען מיט דעם וואָס ער האָט די גאָטעס-דיענסט אין דעם געצעלט פון דעם אָרון בענייט. צו די קרבנות, וואָס זייער ווערט איז ביים פאָלק ווי גרינגער געוואָרען, האָט עס איינגעפיהרט גרויסאַרטיגע געזאַנגען און שפיעלען פון גאַנצע כאָר׳ן און אָרקעסטרען. ירושלים איז אַלזאָ געוואָרען נישט נאָר דער פאָליטישער און געזעלשאַפטליכער צענטר פון לאַנד, נאָר אויך דער גייסטליכער.

דוד האָט אויפגענומען בעזונדערע לייט, וואָס יעדען פון זיי איז געווען אָנגעטרויט אַ בעזונדערע זייט פונ׳ם מלוכה-לעבען און פון די מלוכה-אינטערעסען. אויף אַזאַ אופן איז פאַר איהם אַלערזייטיג פערפעסטיגט געוואָרען די מלוכה-אָרגאַניזאַציאָן זיינ׳ם לאַנד.

די בני-הנביאים, וואָס האָבען פון שמואל׳ן אָן נישט אויפגעהערט צו

עקזיסטירען אין לאנד, האבען נישט מיט קיין פולער איינשטימיגקייט זיך פערהאלטען צו דער טהעטיגקייט פון דעם ענערגישען מלך. אזוי זעהען מיר, אז דוד האט געוואלט בויען א בית־המקדש פאר גאט אין ירושלים, כדי נאך מעהר צו פערשטארקען די גייסטליכע צענטראליזאציע אין ירושלים, האט איהם נתן הנביא געזאגט אין דעם נאמען פון גאט, אז זיין בנין וועט פאר גאט נישט בעוויליגט ווערען, „וויל זיינע הענד האבען צופיעל בלוט פערגאסען"...

נאר אויב דוד האט זיך נישט זעהר פיעל גערעכענט מיט די אנזיכטען פון די נביאים אין זיינע פאליטישע אונטערנעהמונגען, האט ער דאך די נביאים זעהר געשעצט אלס די ריכטיגע טרעגער פון דעם געטליכען אמת און צווישען זיינע הויז־לייט און גרויסע שרים האבען זיי דעם אנגעזעהענסטען ארט פערנומען. אלס מענשען מיט דער גרעסטער מסירות־נפש פאר דער גערעכטיגקייט האבען זיי שטרענג נאכגעקוקט אלע טהאטען פונ'ם מלך און פאר יעדער אונרעכט האבען זיי איהם די פייערדיגסטע שטראף־רייד געזאגט, נישט מורא־האבענדיג פאר קיין זאך. ביי זייער מיטהילף האט דוד געמיהט זיך אין לאנד איינצופלאנצען דעם ריינעם אמת און אונבעשטע־כענדיגען יושר, נישט אבטרעטענדיג פון זיי אויף א האר און ער איז אלזא ביי'ם פאלק דערפאר געבליבען אויף אייביג פערדעכענט אלס ערהא־בענסטער ביישפיעל פון גערעכטיגקייט און וואהרהייט.

דוד'ס לעבען איז געווען פון אנפאנג ביז'ן סוף געווידמעט דעם גליק פון זיין פאלק און זיין לאנד; איהם אליין פערזענליך האט דאס לעבען אבער גאר קיין גליק נישט געשאפען. פון דער יוגענד האט ער גענאסען דעם טעם פון פערפאלגונג, שאול'ס שפיז איז פיעל מאל איהם איבערען קאפ געפלויגען און נאר בנס איז ער נצול געווארען; בעהאלטענדיג זיך אין לאנד פון די פלשתים און פיהרענדיג דארטען א צווייזייטיגע פאליטיק מיט'ן מלך אכיש איז זיין לעבען יעדער רגע געשטאנען אין געפאהר, טאמער ווערט בעוואוסט זיין סוד. און זאגאר ווען ער האט צום טראן דער־גרייכט האבען זיינע ליידען זיך נאך נישט געענדיגט. דוד האט געהאט פיעל ווייבער און פיעל קינדער און צווישען זיין גרויסען הויזגעזינד זענען שטענדיג קריעג און אינטריגעס פארגעקומען, וואס פלעגען איהם פערבי־טערען דאס לעבען. אמנון זיין זוהן פון איין פרוי האט זיך פערליעבט אין תמר'ן, זיין צווייטער פרוי'ס א טאכטער פון איהר ערשטען מאן; אמנון האט תמר'ן פערנארט צו זיך און איהר געשענדט; אבשלום, דוד'ס א צווייטער זוהן און תמר'ס א ברודער פון איין מוטער, האט זיך נוקם געווען

אן אמנונ׳ען: איינלאַדענדיג איהם צו זיך אויף א פאמיליען-יום-טוב, האט ער איהם דערהרג׳עט; אמנון איז אבער געווען דוד׳ס בכור און ליעבלינג, האט ער עם אבשלום׳ן דעם ברודער-מארד נישט געקאנט מוחל זיין און ער האט איהם פון לאנד פערטריבען. אין א יאהר דריי ארום ערשט האט דער מלך זיין פערטריבענעם זוהן ערלויבט צוריק אין לאנד זיך אומצו-קעהרען. דאן האט אבשלום אלס נקמה אויפגעהויבען א פערשווערונג געגען זיין אייגענעם פאטער. מיט זיינע חנופה-רייד האט ער זאגאר אויף זיין זייט צוגעצויגען צו זיך דאס גאנצע פאלק און דוד׳ס לעבען איז געשטאנען אין געפאהר. פערגעסען איז געווארען אלעס וואס דער דאזיגער ריזען-העלד האט פאר זיין לאנד געטהון און אויף דער עלטער האט דוד געמוזט אנטלויפען פון זיין הויפט-שטאדט, פון זיין קעניגליכען הויז, און מיט עטליכע הונדערט מאן, וואס זענען איהם טריי געבליבען, זיך בעהאלטען אין די וועלדער. אבשלום האט זיין פאטער׳ס קעפ׳ס-פרויען געשענדעט און נאכהער האט ער איהם נאכגעיאגט. נאר די איינציגע הונדערט מאן, וועלכע זענען מיט דוד׳ן געבליבען, האבען מיט מסירות נפש מלחמה געהאלטען מיט אבשלום׳ס חיל אין דעם וואלד, וואו צווישען זיי איז די צוזאמענשטויסונג פארגעקומען, און איהם גובר געווען, אבשלום אליין איז אויך דאן דער-שטאכען געווארען דורך יואב׳ן דוד׳ס פעלד-הער, טראטץ דוד׳ס פערזאג. דוד האט מנצח געווען זיין פיינד, אבער זיין נצחון האט איהם א אייגען קינד געקאסט, און ער האט זיך מיט זיין נצחון נישט געקאנט בעזונדער פרעהען... דאס פאלק האט זיך באלד ארומגעזעהן, וואס פאר א שרעקליכען פערברעך עס האט בעגאנגען געגען זיין, מיט לייב און לעבען איבערגע-בענעם, מלך, און איז געקומען פאר׳ן קעניג פון דאס ניי איהם אויסדריקען זיין טרייהשאפט. נאר אבשלום׳ס פערשווערונג האט א שלעכטען ביישפיעל געוויזען. באלד האט זיך א נייער מורד געפונען, שבע בן-בכרי, וואס האט אויך אויפגעהויבען זיין האנד געגען מלך. אויך די פערשווערונג איז גיך איינגעשטילט געווארען; אין געפיהל-פולען הארצען פון דעם מלך האט דאס אבער איבערגעלאזען זעהר ביטערע איינדריקען.

אין דוד׳ס פריוואטען לעבען איז נאך עטוואס טרויעריגעס פארגעקומען, וואס אזא הייליגע נשמה האט נישט געקענט גלייכגילטיג פערטראגען, חאטש ביי די פארצייטיגע דעספאטישע הערשער איז עס געווען א גאנץ גע-וועהנליכע זאך. דוד׳ן איז געפעלען געווארען בת-שבע, די פרוי פון אוריה החתי, וועלכער האט געדיענט ביי איהם אין מחנה. ער האט געהייסען איהר ברענגען צו איהם... ווען אבער אז די פרוי האט איהם נאכהער

געלאזט וויסען, אז זי איז שוואנגער געווארען פון איהם, האט ער קיין אנדער מיטעל נישט געפונען, ווי די זאך צו פערדעקען, נאר צונעהמען איהר פאר א פרוי צו זיך. דאן הייסט ער יואב'ן אין דער צייט פון א מלחמה אוועקשטעלען אוריה'ן, בת-שבע'ס מאן, אין סאמע געפעהרליכען ארט אויף שלאכט-פעלד, וואו ער איז גע'הרג'עט געווארען, און דוד נעהמט בת שבע'ן צו זיך פאר א פרוי... דאס ערשטע קינד אבער, וואס זי האט איהם געבוירען איז געשטארבען, אלס א שטראף פאר זיין פערברעכען, ווי נתן הנביא האט איהם מיט דרייסט געזאגט. זיין גאנצען לעבען האט דוד געדענקט זיין דאזיגען פערברעך און אונענדליכע טרעהרען פאר גאט פערגאסען... אין דעם מלך דוד'ס צייט איז אין לאנד אויך פארגעקומען א מגפה; ביז זיבעציג טויזענד מאן זענען דאן אויסגעשטארבען; דוד האט אויך די מגפה געשטעלט אויף דעם רעכענונג פאר זיינע זינד. (ער האט דאס יאהר דאס פאלק געצעהלט, וואס איז פערבאטען דורך דער תורה!) און ער האט דאן צו גאט מתפלל געווען: „אמת איך האב געזינדיגט און איך האב פערברעכען בעגאנגען; וואס האט אבער דיזס אונשולדיגע שאף געטהון געגען דיר? שטראף מיר און מיין הויז-געזינד!"...

די אונאויפהערליכע צרות, וואס דוד איז ביי'ם לעבען אויסגעשטאנען, פלעגען פון זיין האנד גאנץ אפט די שווערד ארויסרייסען און ער פלעגט זיך פאר דער הארפע נעהמען. געטליכע שירים פלעגען זיך דאן פון זיין צובראכענעם הארצען גיסען און פלעגען איהם ווי באלזאם די וואונדען פון זיין נשמה היילען, אין זיי פלעגט ער זיין טרייסט געפינען און פרישע קרעפטען צו נייע האפנונגען שעפען... אין דוד'ס הארצען האט אייביג געלעבט די ליעבע צו דער נאטור, וואס אין איהר שוים האט ער זיך ערציגען קינדווייז נאך אלס פאסטוך. דוד האט, ווי קיינער אין דער וועלט נישט, בעגריפט איהר אונענדליכקייט און מעכטיגקייט. אין דער אונענדליכקייט און מעכטיגקייט פון דער נאטור האט דוד פערנומען די געטליכקייט, איהר גרויסקייט און היילינקייט. צו דער דאזיגער אונענדליכקייט און געטליכקייט פלעגט דוד אין זיינע שירים זיך דערהויבען — וואס האבען איהם דאן געקאנט ארען זיינע מינוטווייליגע ליידען?... וואס האט איהם געקאנט אויך שאפען זיין מינוטווייליגער רוהם, זיין קעניגליכע גרויסקייט אין פערגלייך מיט דער אייביגער מעכטיגקייט?...

אזוי פלעגט פאלען דער שטאלץ און אזוי פלעגט שטומען דער וועהטאג אין די בעגייסטערטע האלב-נעכט, ווען דוד פלעגט פון זיך זיין שווערד צו'ם דר'ערד ווארפען און זיין הארפע נעהמען.

דוד'ס שווערד האט פאר זיין פאלק ישראל א פעסטע קעניגרייך געשאפען; דוד'ס הארפע האט פאר דאס פאלק תהלים געשאפען; דאס פאלק האט זיי ביידע פערהייליגט!

פערציג יאהר האט דוד געקעניגט און ערצויגען זיין פאלק. צו זיעבעציג יאהר איז ער געשטארבען אין זיין הויפט-שטאדט ירושלים, מיעד און צובראכען פון דער גרויסער פאלק-ארבייט, פאר וועלכער דער העלדישער מלך האט זיין לעבען געאפפערט. דאס פאלק האט שטענדיג מיט דעם נאמען פון דעם גרויסען העלד און געטליכען משורר פערבונדען זיינע אייגענע ליכטיגסטע עראינערונגען פון דער ווייטער פערגאנגענהייט צוזאמען מיט זיינע הערליכסטע האפענונגען אין דער ווייטער צוקונפט. אויף דער מצבה פון מלך דוד, וואס דאס יודישע פאלק טראגט אין הארצען שוין טויזענדער יאהרען, שטעהט אויסגעקריצט מיט אנ'אונשטערבליכע האנד:

דוד מלך ישראל חי וקים!

זעקסטער קאַפּיטעל.

שלמה המלך.

(1015 ביז 977).

ווײַט און ברייט— פון טײַך פרת ביז דעם גרענעץ פון מצרים— האָט זיך פונאַנדערגעוואָרפען די מלוכה פון ישראל פאַר דוד׳ס לעבען. נאָך נײַע נצחונות וואָלטען שוין כמעט ווי גאָרנישט צוגעגעבען צום רוהם פון דעם געוועהר פונ׳ם פאָלק. ס׳איז נאָר געבליבען אויפ׳ן פריעדליכען װעג גוט אײַנצוהיטען און פערפעסטיגען דאָס, וואָס דוד האָט מיט זײַנע פעלדצוגען ערוואָרבען. דעם שווערד האָט געמוזט פערבײַטען די קלוגע האַנדלונג פון דעם הערשער. מען האָט געדאַרפט געבען דאָס אויסגעמאַטערטע (פון די פיעל מלחמות) פאָלק די מעגליכקײַט זיך איבערצוגעבען, ווי אַמאָל, זײַנע פריעדליכע בעשעפטיגונגען: ערד־אַרבייט, האַנדווערק און האַנדעל. מען האָט געדאַרפט פערשטעהן ווי אַמבעסטען אויסצונוצען די גלענצענדע פאָליטישע לאַגע, אין וועלכע עס האָט זיך אײַנגעפונען דאָס לאַנד פון ישראל, פאַר דעם גליק פונ׳ם פאָלק, כדי עס זאָל זיך קאָנען ענטוויקלען אַלערזײַטיג — פּאָליטיש, עקאָנאָמיש און מאָראַליש. די דאָזיגע שווערע אויפגאַבע איז געפאַלען זוֹיף דוד המלך׳ס טראָנפאָלגער, אויף זײַן זוהן שלמה.

דוד האָט געבוירען שלמה׳ן פון בת־שבע,— די פרוי, וועלכע ער האָט אַוועקגערויבט פון אוריה החתי; נאָך בײַ׳ם לעבען האָט דוד געלאָזט זאַלבען שלמה׳ן פאַר אַ מלך איבער׳ן גאַנצען לאַנד, האָטש ער האָט געהאַט עלטערע זיהן פאַר איהם. דערבײַ האָט מיטגעווירקט נתן הנביא, וועלכער האָט אין זײַן צײַט אַזוי אונערבאַרימליך געשטראָפט דוד׳ן פאַר זײַן גרויסען פערברעכען, — ווי די נבואה וואָלט געוואָלט דערווײַזען דורך שלמה׳ס געזאַלבט ווערען אַלס מלך, אַז דוד׳ס זינד דורך בת־שבע׳ן איז פערגעבען געוואָרען צוליעב זײַן אונאויפהערליכער חרטה און אָבגעוואַשען געוואָרען דורך זײַנע פיעל פערגאָסענע טרעהרען; אין דער ווירקליכקײַט האָט דער נביאים־אידעאַל קיין געטרײַערען טרעגער פאַר זיך נישט געקאָנט געפינען,

ווי שלמה. פון דער יוגענד נאָך האָט ער אַרויסגעוויזען דעם הערליכסטען פּאָעטישען גייסט און די גרעסטע ליעבשאַפט צו דער חכמה, געהאַסט די פיזישע קראַפט און העכער פאַר אַלעם אין מלוכה־לעבען האָט ער געשעצט די גערעכטיגקייט. „די פרומקייט און די גערעכטיגקייט היטען דעם מלך"; „ס'איז בעסער חכמה פאַר גבורה, ס'איז בעסער הכמה פאַר קריעגס־געוועהר"; „נאָר ביי מיר, טיעפזיניגקייט, איז די גבורה, נאָר מיט מיין הילף קאָנען מלכים געוועלטיגען".— די אַנשויאונגען האָט שלמה געלעגט אַלס פונדאַמענט אין זיין מלוכה־פּלאַן. די מסורה דערצעהלט, אַז אין אַנפאַנג, ווי שלמה איז אַ מלך געוואָרען, האָט זיך איהם גאָט בעוויזען און איהם געפרעגט, וואָס וויל ער, אַז גאָט זאָל איהם שענקען אָנשטאָט גבורה, כבוד, רייכקייט און לאַנג לעבען, וואָס גאָט האָט איהם פאָרגעלעגט, האָט שלמה אויסגעקליבען — נאָר אַ האַרץ, וואָס זאָל פערשטעהן, ווי צו בעגעהן זיך מיט'ן פאָלק, און זאָל קאָנען ריכטיג אונטערשיידען צווישען גוט און שלעכט, כדי ערהרליך דאָס פאָלק צו משפט'ן!— און גאָט האָט איהם געזאָגט: „איך טהו דיין פערלאַנג: איך שענק דיר אַ קלוגעס, גוטעס האַרץ, וואָס פאַר דיר איז אַזאַ נישט געווען און נאָך דיר וועט אַזאַ נישט זיין. און אויך וואָס דו האָסט אַליין נישט פערלאַנגט וועל איך דיר געבען: אויך רייכקייט און כבוד, וואָס אַזעלכע האָט נאָך קיין מלך אין דער וועלט נישט געהאַט"!—

גאָט'ס הבטחה איז טאַקי מקוים געוואָרען. שלמה האָט מיט זיין הכמה, ווי עס זאָגט דער תנ"ך, איבערגעשטיגען אַלע געלעהרנסטע פון די מזרח־לענדער און פון מצרים; דאָס פאָלק רופט איהם אָן „המלך החכם מכל האדם". די ספרים, וועלכע געפינען זיך ביי אונז און זענען אונטער־געשריבען מיט שלמה'ס נאָמען, ווייזען אַז דער דאָזיגער טיטעל, מיט וועלכען דאָס פאָלק האָט דעם מלך פון ירושלים געקריינט, איז גאָרנישט איבער־טריבען.

גלויבענדיג דער מסורה, האָט שלמה נאָך אין דער יוגענד געשאַפען די וועלט־בערימטע פּאָעמאַ „שיר השירים", אין וועלכער דער געטליך־בעגאַבטער משורר בעזינגט, צוזאַמען מיט דער אונשולדיגער פאַסטוכישער און ערד־אַרבייטערישער לעבענסאַרט פון זיין פאָלק, די ריינע, נאַאיווע ליעבע, וועלכע ער ערהויבט דורך זיין צערטליכער מוזע ביז דער מדרגה פון אַ הייליגטהום. אין ספר „משלי" געפינען מיר די פּראַקטישע קלוגשאַפט, וועלכע פאַסט אום דאָס אַלטעגליכע לעבען אין אַלע זיינע פאַזיסען, צו־זאַמען מיט די ערהויבענסטע ציעלען, וועלכע דריקען אויס דעם אויטאָר'ס

שטרעבונגען אַלס העררשער, אַלס שופט און פאָלקס־אָנפיהרער*). לויט דער מסורה געהערט שלמה'ן אויך דער ספר „קהלת"— וועלכער איז דער טיעפסטער אויסדרוק פון דעם אייביגען וועלט־שמערץ, די גרויזאַמסטע טראַגעדיע פון דעם מענשליכען גייסט, וואָס זוכט אייביג דעם ציעל פון זיין וועזען און בלאָנדזעט אייביג, וואָס צווייפעלט אין גלויבען און גלויבט פון פערצווייפלונג...

לויט די אַלע אויסגערעכענטע ספרים, אויף וועלכע עס באַזירט, קאָן מען זאָגען, די גאַנצע אַלמענשליכע מאָראַל און האַרץ־פילאָזאָפיע, שטעלט זיך פאַר דאָס בילד פון שלמה'ן אַלס ערהאַבענסטער פאָעט, אַלס טיעפזיניגסטער דענקער, אַלס דורכדרינגענדסטער האַרץ־און מענשען־קענער און הויפטזעכליך — אַלס איבערגעבענסטער דיענער פון וואַהרהייט און גערעכטיגקייט. בעזיצענדיג אַזעלכע אייגענשאַפטען טרעט שלמה אַרויף אויפ'ן טראָן פון זיין פאָטער דוד, זייענדיג אַלט אַ יאָהר צוואַנציג און שאַפט זיך באַלד אַן אייביגען אַלוועלטליכען רוהם אַלס געניאַלער פאָלקס־שופט, אַדמיניסטראַטאָר און סטאַטס־מאַן.

שלמה'ס משפט איז אַלעמען בעקאַנט. כדי אין אַ קריעג צו דערגעהן גרינדליך, אויף וועלכען צד איז דער אמת, אַנשטאַט די געוועהנליכע אָביעקטיווע געריכטס־בעווייזען, ווי עדות, שבועה און ד. ג., וועלכע ברענגען נישט שטענדיג די געווינשטע רעזולטאַטען, פלעגט שלמה זיך בענוצען מיט אַזעלכע סוביעקטיווע, נאָר שאַרפזיניגע מיטלען, וועלכע טראָגען איבער־הויפט אַ ריין פסיכאָלאָגישען האַראַקטער און לאָזען אין האַרצען קיין צווייפעל נישט. פון די פיעל ביישפיעלען פון שלמה'ס חכמה אַלס שופט, וועלכע דאָס פאָלק דערצעהלט, איז אַלעמען בעוואוסט די געשיכטע מיט די צוויי פרויען, וועלכע זענען געקומען פאַר איהם צום משפט. דורך דעם קלוגען פסק דין, וועלכער האָט אונבעדינגט געמוזט אַרויסרופען דעם ריכטיגען מוטער־געפיהל, איז ער אין דעם קריעג פון די צוויי פרויען איבער דער אָנגעהעריגקייט פון אַ קינד דערגאַנגען ווער עס איז די אמת'ע מוטער.

שלמה'ס חכמה אַלס שופט האָט אין יענער צייט אַרויסגערופען די פער־וואונדערונג פון אַלע אַרומיגע מלכים, וועלכע פלעגען צוליעב דעם קומען

---

*) מען שרייבט איהם צו אויך אַ ספר „חכמת שלמה" (אין די „כתובים אחרונים") נאָר דער ספר איז געוויס אַ פראָדוקט פון די שפעטעסטע צייטען, און זאָגאַר ניט קיין פראָדוקט פון פאָלקס־וויזהייט, נאָר פילאָזאָפישע געדאַנקען פון אַ גריכיש־געלעהרטען יודען אין די לעצטע צייטען פונ'ם בית שני.

אַלײן קײן ירושלים, כּדי צו איבּערצײַגען זיך אין די וואַהרהײַט פון די נפלאות, וואָס זײ האָבּען זיך אָנגעהערט וועגען דעם מלך פון ישראל. אין תנ״ך ווערט דערצעהלט, ווי עס איז געקומען די קעניגען פון דעם ווײַטען לאַנד שבא צו שלמה׳ן אין הויז אָנצוקוקען דעם וואונדערליכען מלך און צו הערען זײַן קלוגשאַפט. פאַר איהר אומקעהרען זיך צוריק אין איהר לאַנד האָט די קעניגען פון שבא געזאָגט צום מלך שלמה:

„ריכטיג איז דאָס, וואָס איך האָבּ געהערט אין מײַן לאַנד וועגען דײַנע מעשים און וועגען דײַן חכמה; איך האָבּ עס נישט געוואָלט גלויבּען ביז איך בּין אַהער געקומען און איך האָבּ זיך מיט מײַנע אויגען איבּערצײַגט, אַז מען האָט מיר זאָגאַר קײן העלפט נישט דערצעהלט פון דײַן גרויסקײַט. דו בּיזט פיעל קליגער און גוטהערציגער, ווי איך האָבּ וועגען דיר געהערט. גליקליך זענען דײַנע מענשען; גליקליך זענען דײַנע קנעכט, וועלכע שטעהען פאַר דיר שטענדיג און הערען דײַן חכמה. זאָל זײַן געבּענשט גאָט דײַן בּעשעפער, וועלכער, אויס ליעבּע צו זײַן פאָלק ישראל, האָט ער דיך אַרויפגעזעצט אויפ׳ן טראָן פון ישראל און פאַר אַ מלך דיך אויסדערוועהלט צו שאַפען אין לאַנד משפט און גערעכטיגקײַט!“...

זײַענדיג פון נאַטור ווי אויך לויט זײַנע אַנשויאונגען אַ פריעדליך געשטימטער מענש — „איש מנוחה“ — איז איהם אָהן בּלוט־פערגיסונג*), בּלויז פיהרענדיג אַ קלוגע פאָליטיק, געלונגען כמעט זײַן גאַנצען לעבּען אײַנהאַלטען דעם אינערליכען און אויסערליכען שלום פון לאַנד. ער האָט אײַנגעטראָטען אין פריעדליכע זאָגאַר פרײַנדליכע בּעציהונגען מיט די אַרומיגע מלוכות. מיט פיעל פון זײ האָט ער זיך גאָר מתחתן געווען. אַזוי האָט ער גענומען פאַר אַ פרוי די טאָכטער פון מלך עמון און נאַכהער אויך די טאָכטער פון מלך מצרים. דורכדעם האָט ער נאָך מעהר פערזיכערט די לאַגע פון דעם לאַנד און אויפגעהויבּען זײַן רוהם; דער וואָהלבּעשטאַנד פון פאָלק דערגרייכט דאַן, די העכסטע מדרגה. אין תנ״ך ווערט געזאָגט, אַז „פאַר די גאַנצע צײַט, וואָס שלמה האָט געהערשט אין לאַנד ישראל, האָט דאָס פאָלק געלעבּט רוהיג, יעדער אונטער זײַן ווײַנשטאָק און אונטער זײַן פײַ־

---

*) נאָר דער ערשטער שלמה׳ס אַרויפטריט אויפ׳ן טראָן איז בּעשמוצט געוואָרען מיט בּלוט: ער האָט גע׳הרג׳עט זיין בּרודער אדוניה, וועלכער האָט, צוליעב זיין עלטערשאַפט, פּרעטענדירט אויף זיין פאָטער׳ס קרוין. צוזאַמען מיט אדוניה׳ן האָט שלמה אויך געטויטעט דעם עלטסטען און העלדענמוטיגסטען דוד׳ס קריעגס־העלד יואָבּ׳ן, ווי אויך פיעל אַנדערע גרויסע לייט פון פאָלק, וועלכע האָבּען אדוניה׳ס צד געהאַלטען.

גענבוים". מען דאַרף אָבער נישט מיינען, אַז די גאַנצע בעשעפטיגונג אין לאַנד איז בעשטאַנען דורכאויס אין ערד-אַרבייט, ווי מען קאָן אין פלוג פערשטעהן דעם דאָזיגען פסוק. די ערד-אַרבייט איז, אמת, געווען דער יסוד פון דער פאָלקס-ווירטשאַפט; נאָר צוזאַמען מיט דעם האָט זיך פאַר שלמה'ס צייט שטאַרק ענטוויקעלט אין לאַנד פון ישראל דער אינערליכער און אויסערליכער האַנדעל. די נאָהענטסטע, צו ארץ ישראל, מלוכה, וועלכע האָט זיך אויסגעצייכענט מיט איהר מסחר און רייכקייט, איז געווען צור (פעניציאַ). צו דרום-זייט האָט זיך אַיינגעפונען די פרוכטבאַרע און קולטורעלע מצרים (עגיפטען); פון צפון זייט— ארם מיט איהר הויפטשטאָדט דמשק. מיט די אַלע מלוכות האָט שלמה געשלאָסען אַ האַנדעלס-אָבמאַך. די בני ישראל פלעגען אין יענע לענדער אַרויספיהרען זייערע ערד-פראָדוקטען: קאָרן, וויין און אייל-בערטען, און אָנשטאָט דעם פלעגען זיי אַריינפיהרען: פימסען-האָלץ און בוקסען-בוימער— פון צור, פערד און רייטוועגען — פון מצרים. די הויפט-בעדייטונג פון דעם לאַנד איז אָבער בעשטאַנען אין דעם, וואָס עס האָט געדיענט אַלס גרויסער קאַראַוואַנען-וועג אויף דורכצופיהרען סחורה צווישען מעסאָפּאָטאַמיע און מצרים, צווישען אַזיען און אַפריקע. דאָס לאַנד כנען איז געווען דורכאויס דורכגעשניטען מיט אַזעלכע דורכפאָהר-וועגען. לויט שלמה'ס פעראָרדנונג איז אויף די דאָזיגע וועגען אין פערשיעדענע פונקטען געווען אויסגעבויט בעקוועמע סטאַנציעס פאַר די קאַראַוואַנען און פערשיעדענע לאַגערען פאַר זייערע סחורות; ארץ ישראל איז אַלזאָ געוואָרען דער מיטעלפונקט פון דעם סחורה-וועכסעל צווישען אַזיען און אַפריקאַ, צוליעב וואָס דער לעבהאַפטסטער האַנדעל אין לאַנד האָט פראַכטפאָל אויפגעבליהט. ווי עס שיינט האָבען די קאַראַוואַנען אויך געמוזט פאַר דעם דורכפיהרען זייערע פערשיעדענע סחורות צאָהלען געוויסע אָבצאָהלונגען, וואָס האָט גרויסע הכנסות אַריינגעבראַכט אין דער מלוכה-קאַסע.

צוזאַמען מיט'ן יבשה-האַנדעל האָט זיך אויך ענטוויקעלט אין לאַנד פון ישראל דעם ים-האַנדעל, אַ דאַנק שלמה'ס אָבמאַך מיט דער מלוכה צור, וועלכע איז אין דער אַלטערטהום געווען בעריהמט מיט איהרע בעסטע ים-רייזענדער, וואָס האָבען נאָך אין יענער צייט דורכגעשוואומען דורך דעם געפעהרליכען גיבראַלטאַר און האָבען דערגרייכט ביז די וויטסטע מקומות אין אַפריקע. די סוחרים פון די ביידע לענדער— ארץ ישראל און צור— פלעגען בויען צוזאַמען גרויסע שיפען, אויף וועלכע זיי פלעגען זיך לאָזען אין ים אַריין צו דעם גאָלד-לאַנד אופיר, קיין אינדיען (הודו), קיין הינא און

אז. וו. יעדע ים־רייזע פלעגט געדויערען א משך פון דריי יאהר. דאן פלעגט דער פעראייניגטער פלאט פון צור און ישראל זיך אומקעהרען, אנגע־לאדען מיט זילבער און גאלד און מיט קופער און אנדערע טייערסטע מעטאלען, מיט העלפאנד־ביין, מיט די אויסגעצייכענטסטע געהילץ, מיט שמעקענדיגע געווירצען און מיט די פערשידענסטע לוקסוס־ארטיקלען.

זעהר גרויסע הכנסות האבען אין לאנד אריינגעטראגען אויך די פיעל מתנות, וואס פערשידענע מלוכות פלעגען שיקען צום קלוגען מלך, וועל־כער האט אין דעם פאליטישען לעבען פון אוראלטען מזרח די ״״פנט־ראליע געשפיעלט, כדי זיין פריינדשאפט צו געווינען. די מתנות פלעגען בעשטעהן „פון גאלד און פון זילבער און פון קליידער און פין געוועהר און פון געווירצען און פון פערד און פון מויל־אייזלען— יאהר־יעהרליך״...

די רייכקייט אין לאנד פון ישראל האט אין שלמה׳ס צייטען אלזא דערגרייכט די העכסטע שטופע. „פאר שלמה׳ס לעבען— דערצעהלט זיך אין תנ״ך— איז געלד געוועזן פאר גארנישט גערעכענט״. „שלמה האט געמאכט אזוי רייך דאס פאלק, אז זילבער איז געוועזן אין ירושלים ווי שטיינער פיעל, און צעדערהאלץ— ווי די דערנער אינ׳ם טאל״.

שלמה המלך האט זיך אויך ווי זיינע פארגענגער שאול און דוד געזארגט פאר דער פעראייניגונג פון אלע שבטים אין לאנד אלס איין בירגערליכע געזעלשאפט, און אין זיין צייט איז די אינערליכע צענטרא־ליזאציע פון דער מלוכה פערפאלקאמט געווארען. די פריהערדיגע עטנא־גראפישע צוטיילונג פון פאלק האט שלמה פערביטען אויף די אדמיניס־טראטיווע צוטיילונג. ער האט צוטיילט די גאנצע מלוכה פון ישראל אויף צוועלף געגענדען, נישט רעכענענדיג זיך דערביי מיט דער צוזאמענ־שטעלונג פון די שבטים אין יעדע געגענד. כדי צו קענען בעסער איינפיהרען די אדמיניסטראטיווע ארדנונג אין דעם ברייטען לאנד, האט ער אין יעדען געגענד בעשטימט א בעזונדערען פערטרעטער (נציב) וועלכער האט געהאט צו לייטען מיט די פערשידענע אדמיניסטראטיווע אנגעלעגענהייטען פון גע־גענד. איבער די אלע צוועלף נציבים איז אויפגענומען געווען אנ׳אויבערהאר, וועלכער פלעגט קאנטראלירען די נציבים און האלטען זיי אבהענגיג פון דער צענטראלער מאכט אין ירושלים.

שלמה האט אויך אויסגעפיהרט דוד המלך׳ס פלאן וועגען אויסבויען אין ירושלים אנ׳אלגעמיינעם היילינגטהום, וועלכער זאל דיענען אלס גייסטליכער צענטר פאר׳ן גאנצען פאלק אין גאנצען לאנד. אויפ׳ן העכסטען פלאץ אין ירושלים, וועלכע איז פאר זיך פון די העכסטע ערטער אין דעם אוראלטען

מוריה געדעכענט געוועזען, — אויפ'ן היילינען בארג מוריה, וועלכער איז צונויפגעבונדען מיט די שענסטע און היילינסטע פאָלקס-מסורות, האָט שלמה אויפגעשטעלט דעם וועלט-בעריהמטען בית-המקדש. זיבען יאָהר האָט דאָס בויען געדויערט, אונטער דער אויפזיכט פון די בעסטע בוי-מייסטער פון דער אַלטער צור. צעהנדלינער טויזענד מאַן פלענען אין די אַרומינע אַרץ-ישראל-בערג די שטיינער צום בנין האַקען; צעהנדלינער טויזענד מאַן פלענען אין לבנון-וואַלד צעדערן און בוקסען-בוימער פאַר איהם זעגען. די קינסטלערישע אַרכיטעקטור, די מייסטערהאַפטע שניצונג, דאָס גאָלד און דאָס זילבער און דאָס העלפאַנדביין, וואָס האָבען בעדעקט די ווענד פונ'ם היכל, דעם ארון פון די לוחות, די כרובים, דעם מזבח און ד. ג. האָבען בעצויבערט יעדען זוהן פון ישראל. וואָס פאַר אַ ווערט האָבען ווירקליך געקאָנט האָבען די פערשיעדענע איינפאַכע מזבחות און במות, וואָס האָבען נאָך פון שמואל'ס צייט זיך איינגעפונען אין פערשיעדענע ערטער אין לאַנד, אין פערגלייך מיט דעם שמוק און גלאַנץ פון דעם דאָזיגען היכל?!

שלמה'ס בית-המקדש, וועלכער האָט זיך קונה שם געווען אין אַלע שכנות'דיגע לענדער, האָט אַלזאָ אינ'ם לעבען פון פאָלק ישראל באַלד זיך ערוואָרבען דעם געוואונשטען אויטאָריטעט און בעדייטונג. שלמה האָט מיט גרויס פּאַראַד געפייערט די ערעפענונג פון „גאָט'ס-הויז", דערביי האָט ער אויך, לויט די פאָלקס-מנהגים, פיעל קרבנות געבראַכט; בעשטימט האָט אָבער דער קלוגער מלך פאַר'ן בית-המקדש אַ פיעל העכערען ציעל, ווי קרבנות ברייננען. דאָ האָט ער זיך געהאַלטען ביי די אַנשויאונגען פון די נביאים, וועלכע האָבען — מיט שמואל'ן אין דער שפיץ — ווענינ געהאַלטען פון דעם קרבנות-דיענסט. אין דער מוסטערהאַפטער תפלה, מיט וועלכער שלמה האָט דעם בית-המקדש בעגייט, האָט ער דעם היילינטהום בעשטימט פאַר תפלה, פאַר „עבודה שבלב". די הערליכקייט, די פייערליכקייט, די היילינקייט, וואָס האָט געהוהט אין דער „נעבעל-דונקעלהייט" פון היכל, האָבען געדאַרפט וועקען די בעסטע געפיהלען פון יעדען בעזוכער און ווענדען דאָס האַרץ זיינס צו'ם אֶמת'ן גאָט... די האָפנונגען, וואָס שלמה האָט אַרויפגעלעגט אויפ'ן בית-המקדש, זענען געווען פיעל דרייסטער ווי זיין פאָטער דוד'ס: ער האָט נישט בלויז פאַר'ן פאָלק ישראל, נאָר פאַר דער גאַנצער מענשהייט מיט דעם געשטרעבט אַ גייסטליכען צענטר אויפצובויען.

„און אויך צו דעם פרעמדען — בעט שלמה אין זיין תפלה — וועלכער איז נישט פון דיין פאָלק ישראל, אַז ער וועט קומען פון אַ ווייטען לאַנד. צוליעב דיין גרויסען נאָמען און שטאַרקער מאַכט און אויסגעשטרעקטער

אָרעם — אַז ער וועט קומען און בעטען פאַר דיר אין דעם דאָזיגען הויז — זאָלסט דו פונ׳ם הימעל, פון דײַן פערפעסטיגטען טראָן, זײַן שטים צוהערען און דו זאָלסט טהון דאָס, וואָס ער וועט בעטען פון דיר דער פרעמדער, זאָלען אויך אַלע פעלקער פון דער וועלט דערקענען דײַן נאָמען, מורא האָבען פאַר דיר, ווי דײַן פאָלק ישראל, און וויסען, אַז דײַן נאָמען איז בערופען אויף דעם דאָזיגען הויז, וואָס איך האָב געבויט!״...

די ערעפנונג פון בית־המקדש האָט אין לאַנד אַרויסגערופען אַ גרויסע בעגײַסטערונג און אַ גרויסע פרייד. דאָס גאַנצע פאָלק פון ברעג צו ברעג האָט צוזאַמען מיט זײַן בעליעבטען מלך געפײַערט זיבען טעג דעם „חנופּת־הבית״. נאָר די נבואה, וועלכע איז פון אָנפאַנג אָן געגען יעדער קאָנקרעטער פאָרם, וואָס פערקערפערט איהר אונענדליכען אידעאַל, האָט זיך געשראָקען, אַז די פאָרם זאָל דעם אינהאַלט נישט אויפשלינגען, ווי עס פּאַסירט גאַנץ אָפט; אַז דער היכל זאָל בײַ׳ם פאָלק נישט ווערען דער עיקר, און די הייליגע ציעלען, וואָס שלמה האָט איהם צוליעב זיי געשטעלט, זאָלען נישט ווערען קיין טפל. באַלד נאָך דער ערעפנונג פון היכל האָט די נבואה מזהיר געווען שלמה׳ן און דאָס פאָלק, אַז זיי זאָלען נישט האָפען צופיעל אויפ׳ן בית־המקדש. דאָס הייליגע הויז אַליין וועט וויסט און לעהר ווערען, און דאָס גאַנצע לאַנד וועט צורואינירט ווערען, אויב דאָס פאָלק וועט פערלאָזען דעם גאָט פון זייערע עלטערען און נישט היטען זײַן געבאָט...

נײַע געביטען אין דער פאָלקס־ווירטשאַפט האָט שלמה געעפענט; נײַע געביטען האָט ער אויך ענטדעקט אין דער פאָלקס־שאַפונג. נאָך דעם בית־המקדש, האָט ער געבויט דעם „בית־המלך״ (קעניגליכען פּאַלאַץ), וועלכער איז געווען נישט ווייניגער שען פון גאָט׳ס הויז; צוזאַמען מיט דעם האָט ער אויפגעשטעלט דעם „געריכטס־זאַל״, וואו עס האָט זיך געפונען דער בערידהמטער שלמה׳ס טראָן (כסא־שלמה). דאָס פאָלק, וועלכען ס׳איז געווען, ווי עס שײַנט, ביז איצט אין גאַנצען פרעמד די פּלאַסטישע קונסט, האָט זיך בעקאַנט מיט דער אַרכיטעקטור, מיט דער שניצונג און האָד זיך אַליך מעדר דורכגעדרונגען מיט די געפיהלען פון שענקײַט. דער בײַשפּיעל פון מלך האָט באַלד אַרויסגערופען נאָכמאַכונגען, און די הויפּטשטאָדט ירושלים, איבערהויפּט דער אַריסטאָקראַטישער קוואַרטאַל „ציון״ האָט זיך גענומען בעדעקען מיט גאַנצע רייהען פון פּראַכטפאָלע בנינים אין רייזיגע פאָרמען, לויט דעם מזרח׳ישען געשמאַק, ביז זי בעקומט נישט ענדליך דעם טיטול „ציון מכלל יופי״...

אין דעם, וואָס דער קלוגער מלך האָט זיך געמיהט צו געבען זײַן

לאַנד אַליץ ווײַטער וואָס מעהר אויסערליכען גלאַנץ, האָט ער געהאַט נישט
בלויז עסטעטישע, נאָר אויך פּאָליטישע אויסזיכטען. וואָס פּרעכטיגער דאָס
לאַנד האָט אויסגעזעהן, האָט עס אַליץ מעהר געוויכט געהאַט אין פּאַרצײַטיגען
מזרח. מיט דעם ציעל האָט דער מלך אויך געמוזט זײַן „הויף“ אַליץ גרעסער
און פּראַכטפאָלער מאַכען; לויט דעם מנהג פון די גרויסע מזרח'ישע הערשער
האָט ער אויך בײַ זיך אַ גרויס פרויען=הויז אײַנגעפיהרט; אין דעם פרויען=
הויז האָבען זיך אײַנגעפונען די טעכטער פון די שטאַרקסטע מזרח'ישע
מלכים און דאָס האָט פערשטאַרקט די פריעדליכע בעציהונגען פון די לעצטע
צום פאָלק ישראל. דעם פאָלק האָט אָבער דער דאָזיגער ריזענהאַפטיגער
שטאַט פון קעניג זעהר טײַער געקאָסט. אויסצוהאַלטען דעם גרויסען „הויף“,
דאָס צאָהלרײַכע פרויען=הויז האָט דאָס פאָלק געמוזט צאָהלען אַ גרויסען
מס (צינזען) סײַ מיט געלד, סײַ מיט פּראָדוקטען. דאָס פאָלק, וואָס אין
דער פערהעלטניסמעסיג קורצער צײַט פון דעם מלכים=פעריאָד איז עס נאָך
נישט געוואָרען צוגעוואָהנט — בפרט בײַ דעם אײַנפאַכען אַרט=לעבען פון
די פאָריגע מלכים — צו אַזעלכע פפליכטען, האָט אויך געמוזט אַנ'אַנטייל
נעהמען אויף פערשיעדענע אופנים אין דער בויאונג פון די פערשיעדענע
פּאַלאַצען און נײַע שטעדט, וואָס דער מלך האָט אונטערגענומען. די
צאָהלונגען זענען צוליעב דעם נאָך מעהר צו לאַסט געווען פאַר'ן פאָלק,
ווײַל צוזאַמען מיט די נײַע אָרדנונגען אין לאַנד איז דורכ'ן מלך געבראָכען
געוואָרען די פּאַטריאַרכאַלישע אײַנפאַכע פריערליכע אויפפיהרונג; דער
צווישען-פעלקערליכער האַנדעל האָט רײַך געמאַכט דאָס לאַנד, צוזאַמען
מיט דעם האָט ער אָבער אויך געשטעלט גרעסערע, קאָסטבאַרערע, מעהר
קולטורעלע פאָדערונגען פון לעבען... אויף דעם גרונד פון די שווערע
אָבצאָהלונגען פאַר די מלוכה-בעדערפניסען האָט ביסלעכווײַז צווישען פאָלק
געוואַקסען אַ אונצופריעדענע שטימונג געגען די נײַע אײַנפיהרונגען פון
מלך. דאָך וואָלט פילײַכט די דאָזיגע אונצופריעדענהײַט נישט געבראַכט
צו קײנע קאָנקרעטע רעזולטאַטען, ווען די נביאים וואָלטען אין נאָמען פון
גאָט די דאָזיגע שטימונג נישט אונטערגעשטיצט. די נביאים, וועלכע האָבען
געהאָפט צו געפינען אין דער פערזאָן פון דעם פּאָעטישען, קלוגען, פריעד=
ליכען און איבערהויפּט גאָט'ספאָרכטיגען שלמה'ן דעם איבערגעבענסטען
טרעגער פון זייער ריינעם אידעאַל און וועלכע האָבען דערום מיטגעהאָלפען
ער זאָל געזאַלבט ווערען פאַר אַ מלך אין ארץ ישראל, האָבען ענדליך
אין איהם אויך געמוזט אַנ'ענטוישונג לײַדען, ווי אין זײַנע פאָרגענגער.
פיהרענדיג אַ פריעדענס-פּאָליטיק האָט דער מלך געמוזט צײַטענווײַז פער-

בייגען פערשיעדענע טראדיציעס, בעשליסען זיך אויף אזעלכע שריט, וואס זענען געגען דעם פאלקס-גייסט, כדי צו דערהאלטען דעם שלום מיט די שטארקע מלכים ארום. אלס אזעלכע דארף מען רעכענען זיין הייראטען מיט קעניגליכע טעכטער פון פרעמדע פעלקער און זיין געדולדיגע בעציהונגען צו פרעמדע קולטוסען (גאטעסדינסט). זיינע אייגענע פון דער פרעמדגענומענע פרויען, וועמענס גלויבען און געוויסען ער האט נישט געקאנט ערלויבען זיך צו געוואלדעווען, האבען מיט זיין וויסען מזבחות פאר זייערע היימישע געטער געשטעלט, וואס האט געקאנט שעדליך ווירקען אויף דער יונגער פלאנצונג, אויף דער אמונה אין איין אונענדליכען, עביגען, קערפעלאזען גאט, — וואס די נביאים האבען אזוי פייערליך געפרעדיגט.

די נביאים, אלס טרעגער פון ריינעם אידעאל, האבען זיך נישט געוואלט רעכענען מיט דער פראקטיק און מיט די הויכע מלוכה-ציעלען, וועלכע דער מלך האט דורך זיינע קאמפראמיסען געוואלט ערדייכען, און זיי האבען איהם אין די לעצטע יאהרען פון זיין הערשען ארויסגעוויזען גאנץ פיינדליכע געפיהלען. זיי האבען זיך בעשלאסען, ווי עס שיינט, צו קעמפפען פאר זייער אידעאל נישט אבשטעלענדיג זיך פאר קיינע קרבנות....

דאן האבען זיי נאך איין האר נישט געשטעלט אין געפאהר די גאנצע מלוכה פון ישראל. אין די לעצטע יאהרען פון שלמה'ס רעגירונג האט ירבעם בן נבט, פון דעם שבט אפרים, איינער פון די צוועלף פערטרעטער (נציב) אין לאנד, אויפגעהויבען א פערשווערונג (א מרידה) געגען דעם מלך. די פערשווערונג איז געווען נאך געפעהרליכער דערפאר, וואס דאן האט דאס לאנד ישראל נאך בעדראהט אויך אן'אויסערליכע מלחמה מיט ארם. דאך האט דער נביא אחיה השלוני אינ'ם נאמען פון גאט געבענשט די טהאט פון ירבעם און איהם פערשפראכען אן'ערפאלג. אינ'ם שריט פון דעם נביא, וועלכער האט פאראויסגעזעהן, אז אין בעסטען פאל וועט פון שלמה'ן און זיין דינאסטיע נאר אבפאלען א געוויסער טייל פונ'ם פאלק, און אז דער שבט יהודה, פון וועלכען עס שטאמט דוד'ס הויז, ווי אויך דער שבט לוי און דער שבט בנימין, צוליעב געוויסע טעריטאריאלע און אנדערע אנגעלעגענהייטען, וועלען זיך פעסטהאלטען אן זייער בעליעבטען מלך און די פערשווערונג וועט אלזא ברייגנען נאר צו א שפאלטונג אין לאנד — בעדארף מען זעהן א פראטעסט נישט נאר געגען שלמה'ן, נאר געגען די מלוכה-צענטראליזאציע אין אלגעמיין. עס איז מעגליך, אז אזוי ווי די נביאים האבען געפאדערט, אז די אידעע פון גאט זאל זיין אן'אבסטראקטע און זי טאר נישט פערקערפערט ווערען אין קיין קאנקרעטע פארם, אזוי איז ביי זיי אויך אויסגעקומען

אַז די אידעע פון „פאָלק" דאַרף זיין אַן אַבסטראַקטע. דער מלוכה־צענטר, וועלכער האָט געזאָלט אויסדריקען די נאַציאָנאַלע איינינקייט פון אַלע חלקים פון פאָלק, האָט אפשר דערפאַר פון אָנפאַנג אָן געטראָפען אַ שטאַרקען געגנער אין דער פּערזאָן פון די נביאים...

דאָך האָט דער פערשווערונגס־פּלאַן פון אחיה השלוני זיך נישט איינגעגעבען ביי שלמה'ס לעבען. צו גרויס איז געווען דער אויטאָריטעט פון דעם קלוגען מלך, אַז אַ וועלכער נישט איז ירבעם בן נבט זאָל קאָנען אונטערברעכען דעם צוטרוי פון פאָלק און אַרויסרופען איהם אויף אַ פּאַקטישען בונט. ירבעם בן נבט האָט געמוזט ענטלויפען פון לאַנד און זיך בעהאַלטען אין מצרים, וואו עס האָט דאַן געוועלטיגט אַ נייער פרעה, וועלכער איז מיט שלמה'ן נישט געווען אין קיין פערבאַנד און וועלכער האָט געשיצט דעם פיינד פון מלך ירושלים; שלמה, וועלכער איז פיער־ציג יאָהר געזעסען אויפ'ן טראָן אין ירושלים, האָט ביז זיין לעצטען טאָג געהערשט איבער'ן לאַנד אין פריעדען און אין גליק; זיין טוידט האָט פערדעקט מיט אַ הייליגען שלייער נישט נאָר זיין חכמה, נישט נאָר זיין געניוס, נאָר אויך זיינע פעהלערן, וועלכע ער האָט אָבער בעגאַנגען — נאָר אויס פיעל ליעבשאַפט צו זיין פאָלק און צו זיין לאַנד.

די מסורה, מיחס זייענדיג צו איהם דעם „ספר קהלת", האָט די פעהלערן אין שלמה'ס פערזענליכען און מלוכה־לעבען אויפגעהויבען זאָגאַר העכער פון דער מינוטווייליגער פּאָליטיק, אין שלמה'ס פרעהליכען אַרט־לעבען פון איין זייט און זיינע גאָטס־פאָרכטיגע מעשים פון צווייטען זייט, אין שלמה'ס פּרויען־הויז ווי אין זיין בית־המקדש האָט די מסורה געזעהן די עביגע שמערצען פון מענשליכען גייסט, וועלכער זוכט זיין ציעל און לעבען, זוכט זיין גליק אויף פערשיעדענע געביטען, אין תענוגים און מעשים טובים, און קאָן עס נישט געפינען — ביז עס קומט אָן פּלוצלינג דער טוידט, און ער ווענדעט זיינע בליקען צום הימעל!...

אַזוי האָט דאָס פאָלק פון דאָס טהאַט־פּאָלעס און ווירקען־פּאָלעס לעבען פון זיין קלוגסטען מלך אַ עביגע אַגדה געמאַכט, אין וועלכער די מענשהייט זוכט שוין צייט טויזענדער יאָהר די בעשיידונג פון איהר ביטערען, פינסטערען און קוואַל־פּאָלען לעבען.

זיעבעטעס קאפיטעל.

די שפאלטונג.

(928.)

מיט שלמה'ס טוידט פערגעהט די זון איבער'ן לאנד פון ישראל. דער גליק פערשווינדעט. די רוהע — צערשטערט. די קריעגעריען, וועלכע האבען זיך אנגעהויבען נאך אין די לעצטע שלמה'ס יאהרען און נאר ער, שלמה, מיט זיין גרויסער חכמה און מיט זיין אויטאריטעט האט זיי איינגעשטילט,— ברע־כען אויס נאך זיין טוידט מיט א מורא'דיגען געוואלד.

גלייך נאכדעם ווי שלמה איז געשטארבען און זיין זוהן רחבעם האט געזאלט געזאלבט ווערען פאר א מלך איבער ישראל האט זיך ירבעם בן נבט אומגעקעהרט פון מצרים (וואו ער האט זיך בעהאלטען פון שלמה'ס צארן, נאך דעם אונגעלונגענעם בונט, וואס ער האט אויפגעהויבען) און האט פון דאס ניי גענומען אויפרייצען די מאסען געגען דוד המלך'ס דינאסטיע. ער האט זיך געשטיצט, ווי צום ערשטען מאל, פון איין זייט אויף די מטה־ליף פון זיין אייגענעם שבט אפרים און פון דער צווייטער זייט—אויף דעם מיטגעפיהל און די מאראלישע מיטווירקונג פון די בני־הנביאים. אין לאנד האט זיך פון דאס ניי אויפגעהויבען די פראגע וועגען די גרויסע מסים (אבצאהלונגען), וועלכע זענען איבערהויפט געפאלען צו לאסט אויף די פאלקס־מאסען. דאס אונטערגעהעצטע פאלק האט זיך פערזאמעלט אין שכם —די בעדייטענדסטע שטאדט אין דעם טייל לאנד פון שבט אפרים,—ארויס־גערופען אהין דעם טראהן־פאלגער, רחבעם, און געפאדערט פון איהם, אז פאר'ן געזאלבט ווערען אלס מלך זאל ער צוזאגען לייכטער צומאכען פאר'ן פאלק די פפליכטען פון דער מלוכה. „דיין פאטער— האבען זיי געזאגט— האט אונזער יאך שווער געמאכט; יעצט פערגרינגער אונז די הארבע ארבייט פון דיין פאטער און זיין שווערען יאך, וואס ער האט אויף אונז ארויפגע־ווארפען, דאן וועלען מיר דיך דיענען". רחבעם איז אבער געווען פון איין זייט — אן „אונערפאהרענער און א כאראקטערלאזער מענש", און פון דער צווייטער זייט— א מענש וואס האט געהאט די בעגריפען פון דעם־פאטישע מזרח־מלכים, פאר וועלכע ס'איז פרעמד די שטים פון פאלק

און וועלכע שטיצען זיך שטענדיג אויף דער פיזישער קראפט. רחבעם, א זוהן פון נעמה, דעם מלך עמון'ס טאכטער, האט בעקומען בירושה דעספאטישע נייגונגען און צו זיינע דעספאטישע נייגונגען האט ער געקראגען הסכמה פון זיינע יונגסטע אונערפאהרענע יועצים. צוהערענדיג זייער עצה האט ער אזוי געענטפערט דעם פאלק: „מיין קלענסטער פינגער איז גרעבער פאר מיין פאטער'ס לענדען; מיין פאטער האט אייך בעלעסטיגט מיט א שווערען יאך, איך וועל אייער יאך נאך גרעסער מאכען; מיין פאטער האט אייך געשטראפט מיט ריטער, איך וועל אייך שטראפען מיט שטעכעדיגע דערנער"... ביי'ם פאלק ישראל זענען נאך אבער צו פריש געווען די טראדיציעס פון די פארגאנגענע הערשער, אום אזא ענטפער זאל איהם קאנען בערוהיגען. די בני ישראל האבען זיך קיינמאל נישט גערעכענט פאר קנעכט פון זייערע מלכים; די מלכים ווייטער, האבען אויף זיך נישט געקוקט ווי אויף טיראנען מיט אויסשליסליכע פריוועלעגיעס צו פערשקלאפען דאס לאנד, נאר ווי אויף פאלק'ס-דיענער מיט בעזונדערע פליכטען צו זארגען זיך פאר דעם גליק און וואוילשטאנד אינ'ם לאנד. דאס פאלק איז געווען געוואהנט, אז די מלכים זאלען זיך מיט איהם בעגעהן מיט ליעבשאפט, מיט טריישאפט און איבערגעבענהייט. דער דעספאטישער ענטפער פון דעם פרישען טראנפאלגער האט נאר געקאנט איהם נאך מעהר אויפרייצען. דערויף האבען נאר געווארט דיווירקליכע אנפיהרער פונ'ם אויפשטאנד. ירבעם מיט זיינע מיטהעלפער האבען נישט געווארט ביז וואנען דער צארן פון פאלק וועט אבגעקיהלט ווערען און געשטילט ווערען. זיי האבען גלייך אויסגעשריען: „וואס פאר א חלק האבען מיר אין דוד'ן און וואס פאר א ירושה איז דאס פאר אונז ישי'ס הויז? ישראל, צוריק אין דיינע געצעלטען!"

די ווערטער האבען געדיענט אלס פאראל פאר דער מרידה געגען רחבעם'ן, געגען שלמה'ס זוהן און דוד בן ישי'ס איניקעל. דער אויפשטאנד האפט ארום כמעט דאס גאנצע לאנד; דער גרעסטער טייל פון פאלק, גאנצע צעהן שבטים ערקלערען די שטאדט שכם, אין טייל לאנד פון אפרים, אלס הויפטשטאדט אנשטאט ירושלים, און ירבעם בן נבט דעם זוהן פון שבט אפרים אלס מלך אנשטאט רחבעם'ן. ביי דוד'ס הויפטשטאדט און דוד'ס דינאסטיע בלייבען נאר צוויי שבטים: יהודה און בנימין. דער ערשטער— ווייל די דינאסטיע שטאמט פון איהם; דער צווייטער — ווייל די הויפטשטאדט ירושלים איז געווען אין זיין טייל לאנד. א גרויסער טייל פון שבט לוי האלט זיך אויך ביי ירושלים אלס אויסגעוועהלטע בעדיענטע פון בית-המקדש.

אזוי איז צופאלען געווארען דאס פאלק ישראל אויף צוויי טייל, אזוי איז צושפאלטען געווארען דאס הייליגע לאנד אויף צוויי מלוכות. די מלוכה פון יהודה און די מלוכה פון אפרים עקזיסטירען פון דאן אן אין ארץ-ישראל אלס צוויי גאנץ זעלבסטשטענדיגע מדינות און די פאלק'ס-כחות, וועלכע זענען מיט אזוי פיעל מיה פון גאנצע דורות פעראייניגט געווארען, ווערען פון דאס ניי צושפליטערט... רחבעם האט, אמת, געפרובט לויט זיין דעספאטישער שיטה, צווינגען דורכ'ן שווערד די אויפגעבונטעוועטע טיילען פונ'ם פאלק צו אנערקענען איהם אלס איינציגען מלך איבער'ן גאנצען לאנד. ער האט מיט דעם צוועק מאביליזירט א גרויסען היל און האט זיך געגרייט אויף מלחמה געגען ירבעם'ן מיט זיינע אנהענגער. נאר די בני-הנביאים מיט זייער אויטאריטעט, וואס איז געווען זעהר הויך ביי די בני יהודה, האבען דעם פלאן צושטערט. דער נביא שמעיה האט זיך געווענדעט צום מלך רחבעם ווי אויך צום שבט יהודה און שבט בנימין אין דעם נאמען פון גאט:

„אזוי האט גאט געזאגט: איהר זאלט נישט געהן און נישט מלחמה האלטען געגען אייערע ברידער, די בני ישראל; קעהרט אייך יעדער צו זיין היים, וויל מיט מיין ווילען איז די זאך געשעהן!"

און דער נביא איז מנצח דעם מלך; דער היל צוגעהט זיך „ווי גאט האט געבאטען", און מעהר פרובט זיך שוין קיינער נישט צו פעראייניגען דעם פאלק אונטער איין צענטראלע מאכט.

עס איז שווער צו זאגען אויב די נבואה, בעשליסענדיג זיך אויף אזא שריט ווי די צושפאלטונג פון דער יודישער מלוכה, האט ביי דעם געהאט אויך וואסערע ס'איז פאזיטיווע אויסזיכטען אין צוזאמענהאנג מיט די נבואה-אידעאלען. אלענפאלס זעהט מען ארויס פון די שפעטיגערע נביאים, אז אויף דער נייער ממשלה האבען זיי געהאט געלעגט גרויסע האפנונגען. „אפרים איז מיין בכור". „איז דען אפרים דער טייערסטער זוהן ביי מיר..." „איך בין געוואהנט געווען אפרים'ן אויף (מיינע) ארימס צו נעהמען..." „אפרים איז א געלערנטע קאלב, איך האב ליעב געהאט מיט איהר צו דרעשען, איך האב ליעב געהאט איהר שענעם האלז צו גלעטען"... דאס זענען נאר איניגע פון די פיעלע מיט ליעבע הורכגע-דרונגענע אויסדריקען פון די נביאים וועגען די מלוכה אין אפרים אלס ווי זיי האבען זי זיך פון אנפאנג געוועזט פארגעשטעלט. ס'איז קיין צווייפעל נישט, אז די נביאים, נישט אריינקוקענדיג פאליטיש אין דער צוקונפט, האבען שטארק געגלויבט אין דעם אינערליכען גייסטליכען

פערבאנד פון גאנצען פאלק, אין דער אלגעמיינער אמונה, אין די אלגעמיינע טראדיציעס און היסטארישע פערגאנגענהייט, און האבען געהאפט, אז אפילו ביי דער אדמיניסטראטיווער דעצענטראליזאציע, אפילו ביי צוויי פאראלעלע מלוכה-אנפיהרונגען אין לאנד, וועט דאס פאלק דאך בלייבען איין נאציאנאלער ארגאניזם, איבער וועלכען די איבערמאכט האט דער איינענדליכער יהוה. נאך פון קדמונים אין דער צייט פון די שופטים זענען די בני אפרים געוועזען די שטארקסטע און דרייסטיגסטע צווישען פאלק און ביי זיי איז געווען קאנצענטרירט די מיליטערישע העגעמאניע פונ׳ם לאנד, זיי פלעגען אנפיהרען די פערשיעדענע מלחמות מיט די פיינדליכע שכנ׳ישע פעלקער און שיצען די גרענעצען פון ארץ-ישראל. די בני יהודה, ווייטער, זענען געווען איבערהויפט רוהיגע ערד-ארבייטער און פערנעהמענדיג דעם צענטער פון לאנד האבען זיי זיך ווייניג געגרענצט מיט פרעמדע לענדער און זענען געווען כמעט געזיכערט פון אויסערליכע פיינדליכע אנפאלונגען. דאס האט גורם געווען, אז זיי, די בני יהודה, זאלען זיך קאנען מעהר אבגעבען דער פרוכטבארער קולטורעלער ארבייט און זאלען שטענדיג שטעהן אן דער שפיץ פונ׳ם גייסטיגען לעבען אין לאנד¹). ביי אינערליכע אחדות צווישען פאלק וואלט די בענייטע מיליטערישע העגעמאניע פון אפרים, שטיצענדיג זיך אויף דער ארגאניזירטער קראפט פון די צעהן שבטים, געקאנט שיצען דאס גאנצע לאנד; און דער שבט יהודה, ביי וועלכען די גייסטליכע און קולטורעלע העגעמאניע איז נאך שטארקער געווארען אדאנק דעם בית-המקדש און די איבעריגע עהנליכע אינסטיטוציאנען, וואלט זיך ווייטער געקאנט רוהיג אבגעבען צו דער גייסטיגער ענטוויקלונג פונ׳ם פאלק. די נביאים האבען געהאפט, אז די ביידע העגעמאניעס, די מיליטערישע און די קולטורעלע, וועלען ביידע שטרעבען צו פערווירקליכען דעם אלגעמיינעם גליק פונ׳ם פאלק יעקב-ישראל „אין וואהרהייט און גערעכטיגקייט". דער שפעטיגערער נביא הושע בן בארי דריקט אויס די געוועזענע כונה פון דער נבואה ביי דער אבטיילונג פון די צוויי

---

1) „לא יסור שבט מיהודה ומחוקק מבין רגליו"; „ומשפחות סופרים יושבי יעבץ (אין יהודה) וכו'"; „בני מכיר (פון שבט יהודה) ירדו מחוקקים"; „יהודה מחוקקי."

מלוכות: „אפרים וועט רײַטען[2], יהודה וועט אַקערען[3], יעקב וועט באַראַנעווען". „זייעט אײַך צדקה, שנײַדט אײַך חסד... און ווענדעט זיך צו גאָט אין דער צײַט..." אין די דאָזיגע ווערטער הערען מיר אַ וואונק אויף אַ גאַנצע פאָלק'ס־סיסטעם, וועלכע די נביאים האָבען, ווי ס'שײַנט, געהאָפט דורכצופיהרען אין דעם הייליגען לאַנד!

ליידער האָט זיך די פּאָליטיק ניט גערעכענט מיט דער נבואה אין איהרע אידעאַליסטישע שטרעבונגען. וועגען פאָלקאָמע אחדות צווישען ביידע מלוכות אפרים און יהודה איז גאָרנישט געווען צו טראַכטען. די רייד פונ'ם נביא שמעיה האָבען אָבגעהאַלטען רחבעם'ן פון אַנ'אָפענעם שטרײַט באַלד נאָך דער שפּאַלטונג, אָבער שפּעטער אַרײַן האָבען זיך דאָך אָנגעפאַנגען צוזאַמענשטויסונגען צווישען דעם מלך פון ירושלים און דעם מלך פון שכם. רחבעם האָט אפשר פערמאָגט ווייניגער חיל פאַר ירבעם'ן, דערפאַר איז ביי איהם אָבער געווען אַ פעסטערע דיסציפּלין, פון יאָהרען לאַנג אַנ'אײַנגעאָרדענטע מיליטערישע אָרגאַניזאַציע ווי אויך מעהר געלד־מיטלען, און ירבעם אין קאַמפף מיט רחבעם'ן האָט געמוזט זיך ווענדען צו די הילף פון פרעמדע מלכים. לויט ירבעם'ס פּלענער פאַלט אָן שישק מלך מצרים אויף יהודה, מאַכט דאָרטען גרויסע חרבנות און טרעט נאָר דאַן אָב פונ'ם לאַנד, ווען רחבעם גיט איהם פיעל געלד און זילבער. רחבעם'ס טראָהנפאָלגער אבים בענײַט נאָך זײַן פאָטער'ס טויט די מלחמה מיט ירבעם'ן, הרג'עט אויס פיעל טויזענדער פון זײַן חיל און נעהמט אָב ביי איהם פיעל שטעדט. אפרים און יהודה ווערען אַלזאָ נישט נאָר צוויי אַדמיניסטראַטיוו־פונאַנדערגעטיילטע ממשלות, נאָר צוויי פײַנדליכע פעלקער, וואָס יעדעס פאָלק וויל אויפגעבויט ווערען פונ'ם צוויטענס חורבן. ווייטער, האָט ירבעם בן נבט זיך נישט געקאָנט פיהלען זיכער אויף זײַן טראָהן, כל זמן דאָס פאָלק איז גײַסטליך פערבונדען מיט יהודה, מיט ירושלים, מיט דער הויפּט־שטאָדט פון רחבעם. ירבעם האָט אויסגערעכענט: כל זמן דאָס פאָלק וועט זיך האַלטען פעסט ביי'ם גאָט יהוה, וועט ביי איהם הייך זײַן דער אויטאָריטעט פון שלמה'ס בית־המקדש, וואו עס געפינען זיך די העכסטע הייליגטימער פון דער אמונה, ווי דער ארון, די לוחות און דער מזבח. דאָס פאָלק וועט קומען שטענדיג קיין ירושלים צו ברענגען קרבנות אין גאָט'ס הויז און דורכדעם וועט דוד'ס געזעצליכע

---

2) דער סימבאָל פון מלחמה־לעבען.

3) דער סימבאָל פון פריעדליכער, קולטורעלער פאָלקס־אַרבייט.

דינאַסטיע געוויס שטאַרקען איהר ווירקונג אויפ'ן פאָלק און בעקומען ענדליך
פון דאָס נייע די פאַקטישע הערשאַפט איבער'ן גאַנצען לאַנד. דאַרום
האָט ירבעם בן נבט בעשלאָסען איינצופיהרען אין זיין ממשלה אַ נייעם
קולטוס, אַ נייע אמונה. ער האָט אַוועקגעשטעלט אויף די גרענעצען פון
יהודה צוויי גאָלדענע קעלבער, טעמפּלען און אַלטאַרען פאַר זיי געבויט
און געהייסען דעם פאָלק קרבנות מקריב־זיין פאַר זיי, פערוועהרענדיג
עולה־לרגל זיין קיין ירושלים. דעם קעלבער־קולטוס האָט, ווי ס'שיינט,
ירבעם איינגעפיהרט לויט די השפּעה פון מצרים, וואו ירבעם איז פון שטענדיג
געשיצט געוועזען און וואו דאָס פאָלק האָט געדינט אַפּיס'ען, דעם אָב־
בילד פון אַנ'אָקס, אַלס סימבאָל פון אַ גאָט, וואָס שיצט ערד־אַרבייט
און פיהצוכט — די הויפּט בעשעפטיגונג און ערנעהרונג אינ'ם לאַנד. ער האָט
פאַר זיך אויך געהאַט אַ פאָרבילד: דעם עגל וואָס יודען האָבען אין
מדבר געמאַכט. דער עגל האָט אַלזאָ אַ געוויסע אַלטע מסורה געהאַט, און
ירבעם האָט זיך אויף איהר געשטיצט.

און האָטש אין ארץ־ישראל איז די געצענדינעריי אַלס אַנ'אַלגעמיינע
געזעלשאַפטליכע ערשיינונג שוין פון עטליכע דורות אויפגעהערט געוואָרען,
אָבער די אמונה אין דעם אַבסטראַקטען גאָט, וועלכער האָט קיין פאָרם
נישט און קיין געשטאַלט נישט, וועלכער קאָן נישט געהערט ווערען און
קאָן נישט געזעהן ווערען, האָט דאָך נאָך נישט בעוויזען אַזוי טיעף זיך
איינצוואָרצלען אינ'ם בעוואוסטזיין פון די ברייטע פאָלקס־מאַסען, אַזוי
אַז דער שלעכטער ביישפּיעל פון דעם מלך און די שרים זאָלען אויף זיי
נישט ווירקען. דער גרעסטער טייל פון די עשרת השבטים קעהרען זיך אום
צו דער אַמאָליגער געצענדינעריי... — אַנדערע פון אונוויסענהייט אינגאַנצען
נישט אַנערקענענדיג דעם אייגענעם טראַדיציאָנעלען גאָט, אַנדערע (און דאָס
איז דער גרעסטער טייל)—זעהענדיג אין די גאָלדענע קעלבער נאָר אַ קאָנ־
קרעטע פאָרם פון דעם נאַציאָנאַלען יהוה, אַנדערע— אויס שנאה צו דער
מלוכה פון ירושלים, טרייבענדיג די זעלבע פּאָליטיק, וואָס ירבעם בן נבט.
נאָר אַ קליינער הייפעל מענשען בלייבען געטריי די אייגענע אמונה מיט
איהר בעזונדערער וועלט־אַנשויאונג.

אַזוי האָט דער מלוכה־גאַנג אין ארץ־ישראל צוריסען דאָס פאָלק
און זיין אמונה אויף צוויי טייל. די נביאים, די שטענדיגע טרייע היטער
פון דעם ריינעם נאַציאָנאַלען גייסט, בעשאַפענדיג אַליין אייגערמאַסען
די דאָזיגע ערנסטע לאַגע אין לאַנד, האָבען אָבער דאָך אַליך נישט פערלאָרען

דעם מוטה. צוזאמענשליסענדיג זיך אין פעסטערע געדיכטערע רייהען, האבען זיי מיט מסירות נפש געקעמפפט פאר זייער אידעאל מיט דער ביזא-הערינער אייזערנער קראפט, נישט געהענדיג אויף קיינע קאמפראמיסען, האטש עס זאל אויסקומען צו מקריב זיין צוליעב דעם דעם גאנצען וואוהל-שטאנד פונ׳ם לאנד...

אין דעם קאמפף פון דער נבואה געגען די מלוכה-טענדענצען בע-שטעהט דער הויפט-געדאנק פון דער וויטערדיגער היסטארישער ענט-וויקלונג פונ׳ם פאלק ישראל און זיין הייליג לאנד.

אכטעס קאַפּיטעל.

די מלוכה פון אפרים.

(פון 955 ביז 720).

די מלוכה אין אפרים צייכענט זיך אויס פון אָנפאַנג אָן מיט בלוטיגע מהומות. קיין פונקט האָט זיך נישט געקאָנט אויסבילדען אַלס צענטר פונ'ם גאַנצען לאַנד. קיין מלך האָט די ערשטע פופציג יאָהר נישט געקאָנט גרינדען אַ דויערהאַפטע דינאַסטיע. ירבעם בן־נבט האָט אין אָנפאַנג זיך בעזעצט אין שכם און געמאַכט די דאָזיגע שטאָדט פאַר זיין הויפּשטאָדט. ער האָט זיך אָבער דאָרט געפיהלט אונזיכער צוליעב דעם אונרוהיגען כאַראַקטער פון די שכם־לייט. דאַן בעזעצט ער זיך אין פנואל; נאָר פנואל איז געווען צו נאָהענט צו שכם און ער פיהלט זיך זיכערער ווען ער בעזעצט זיך אין תרצה. נאָך אַ צוויי־און־צוואַנציג־יאָהריגען הערשען איבער'ן לאַנד שטאַרבט ירבעם אָב; נאָר ביי זיין לעבען נאָך האָט איהם דער נביא אחיה השלוני, — דערזעלבער נביא, וועלכער האָט איהם מיטגעהאָלפען דערגרייכען די מלוכה, — מתרה געווען, אַז פון זיין הויז וועט אפילו „קיין הונד נישט איבערבלייבען", דערפאַר וואָס גאָט האָט איהם אויסדערוועהלט פונ'ם פאָלק און איהם מאַכט אַ הערשער געמאַכט און ער האָט אַזוי געזינדיגט און דאָס פאָלק פערפיהרט דורך די גאָלדענע אָבגעטער. און ווירקליך, אין אַ יאָהר צוויי נאָך ירבעם'ס טוידט (955), ווען אויפ'ן טראָן אין תרצה איז געזעסען זיין זוהן נדב, האָט בעשא זיין קריגס־הער שטילערהייד צוזאַמענגעשטעלט אַ פערשווערונג און האָט געהרג'עט דעם מלך אויפ'ן שלאַכט־פעלד ביי גבעון, וואו נדב האָט דאַן געפיהרט אַ מלחמה געגען די אויפגעבונטעוועטע פלשתים. בעשא האָט פינקטליך אויסגעפיהרט די נבואה־רעד פון אחיה השלוני: ער האָט פון ירבעם'ס הויזגעזינד „קיין נשמה נישט איבערגעלאָזט". מיט דעם נייעם מלך האָט זיך אָבער אינ'ם לעבען פונ'ם לאַנד גאָר נישט געענדערט. בעשא איז געגאַנגען אינ'ם וועג פון ירבעם. ווי ירבעם בן־נבט אַזוי אויך האָט בעשא מורא געהאַט צו פערלירען די מלוכה און האָט, אויך ווי ירבעם, גע-

פיהרט אונגעלונגענע מלחמות געגען יהודה, און אויך ווי ירבעם, האט ער געשיצט אין לאנד דעם קעלבער-קולטוס. די נבואה, הייסט עס, האט ווידער נישט געפונען אין דעם מלך דאס, וואס זי האט געהאפט. דער נייער מלך, וועלכער האט, ווי עס שיינט, מיט איהר הילף די מלוכה בעקומען, איז אין גאט'ס וועג נישט געגאנגען; די נבואה האט אבער ווידער איהר'ס געטהון. זי האט נישט אויפגעהערט צו קעמפפען פאר דעם אמת. די נבואה ערקלערט אלזא א מלחמה געגען בעשא'ס דינאסטיע. דער נביא יהוא בן חנני ווענדעט זיך צו בעשא מיט די ווערטער: „דערפאר וואס איך האב דיך פון דער ערד ערהויבען און דיך געמאכט פאר א פיהרער איבער מיין פאלק ישראל, און דו ביזט דאך געגאנגען אין דעם וועג פון ירבעם און האסט געמאכט זינדיגען מיין פאלק... דערום וועל איך אויסראטהען בעשא'ן און זיין הויז און איך וועל זיך מיט איהם בעגעהן, ווי איך בין זיך בעגאנגען מיט ירבעם'ן, דעם זוהן פון נבט!..." נאך א פיער און צוואנציג יאהריגען הערשען שטארבט זיך בעשא און דעם טראן פערנעהמט זיין זוהן אלה. אין צווי יאהר ארום האט ווירקליך זמרי, איינער פון די מלוכה-לייט, אויפגעהויבען א בונט געגען בעשא'ס זוהן און איהם גע'הרג'עט; צוזאמען מיט אלה'ן האט זמרי פערטיליגט דאס גאנצע הויז פון בעשא. זמרי האט פערהאפט די מלוכה און געקיניגט אין תרצה. אין זיבען טעג ארום האט אבער דער חיל, דערוויסענדיג זיך פון זמרי'ס פערראט, ואויסגעקליבען פאר א מלך דעם בעליעבטען קריעגס-הער עמרי. דער אויסגעקליבענער מלך מיט'ן חיל האבען בעלאגערט תרצה; ווען זמרי האט געזעהן, אז די שטאדט איז איינגענומען געווארען דורכ'ן חיל, האט ער אליין אונטערגעצונדען זיך אינ'ם קעניגליכען פאלאץ. מיט עמרי'ס נצחון האט זיך אבער נאך נישט געענדיגט די קריעגעריי איבער דעם טראהן. באלד האט א טייל פונ'ם פאלק אויסדערוועהלט פאר א מלך תבני בן גינת, און אין דער אפרים-מלוכה האבען אלזא געהערשט צוויי מלכים. ענדליך האט אבער עמרי, שטיצענדיג זיך אויפ'ן חיל, גובר געווען אויף תבני בן גינת, וועלכען ער האט גע'הרג'עט און איז געבליבען נאכהער דער איינציגער מלך אין לאנד. עמרי האט זיך אבער נישט געקאנט פיהלען זיכער אין תרצה, וואו עס האבען זיך איינגעפונען די פיעלע אנהענגער פון דעם גע'הרג'עטען פרעטענדענט אויף דער קרוין, און ער האט דערום זיין רעזידענץ איבערגעטראגען אין שטאדט שומרון, וועלכע ער האט אליין אויסגעבויט. שומרון איז געשטאנען אויף א בארג און איז פון דער נאטור געווען אלזא גוט געשיצט פון אנ'אויסערליכער געפאהר.

אלזא זעהען מיר, אז אין א משך פון א יאהר פופציג האבען זיך אין אפרים געביטען ביז פיער הויפטשטעדט און עס האבען געהערשט ארט ביז זיבען מלכים; פון די זיבען מלכים זענען נאר דריי געשטארבען מיט זייער נאטירליכען טוידט און פיער זענען געה'רג'עט געווארען דורך בונטען און פערשווערונגען. די אינערליכע מהומות האבען ניט דערלאזט די מלוכה וואקסען — זיי האבען אינגאנצען אבגעשטעלט איהר ענטוויקלונג. דאס פאלק איז געווען פעראָרעמט, בייםחיל האט געפעהלט א פעסטע דיסציפלין, די צענטראלע מאכט, וועלכע האט זיך געשטיצט אויף פערראט און האט מורא געהאט פאר פערראט, איז געווען זעהר שוואך. די ארומיגע פעלקער האבען גוט אויסגענוצט די שרעקליכע לאגע פון דער אפרים-מלוכה. יענע גוטע יאהרען, ווען די ארומיגע פעלקער האבען דורך-ארץ געהאט פאר די כלי-זיין פון די בני ישראל, זענען שוין לאנג פערשוואונדען. פון דער צייט אן, וואס עס האט אויסגעבראכען די מחלוקת צווישען ברידער אין דעם היילינגען לאנד, האבען אלע פיינד פון די בני ישראל דעם קאפ אויפגעהויבען. בעזונדערס האבען זיי אנ'אויג געווארפען אויף דער אפרים-מלוכה, וועלכע איז אזוי אבגעשוואכט געווען דורך די אינערליכע מחלוקת'ן. עס האט זיך זיי געוואלט וואס גיכער דעם פעטען ביסען איינצושלינגען. די פלשתים, די בני ארם, די מואבים, האבען נישט אויפגעהערט צו בעפאלען דאס לאנד. אויסער דעם, פלעגט יהודה אויך פון צייט צו צייט אבברייסען שטיקער פון אפרים. אזוי איז אפרים געווען אינערליך צוריסען און אויסערליך נישט בעפעסטיגט.

פון עמרי'ן אן הייבט זיך אן אין לאנד א נייע ערא. זיין דינאסטיע עקזיסטירט גענוג לאנג, און די הויפטשטאדט שומרון, וואס ער האט געגרינדעט, האט נישט פערלוירען איהר בעדייטונג אלס צענטער, כל זמן די מלוכה פון אפרים האט געהאט א קיום. פאר עמרי'ן הויבט אן דאס לאנד צו ווערען מעכטיגער אין פאליטישען און עקאנאמישען זין. די פיינדשאפט פון יהודה צו אפרים ווערט ביסלעכווייז אבגעשוואכט; דוד'ס דינאסטיע הויבט אן צו רעכענען די שפאלטונג אלס א פאקט, וואס אומענדערען איהם אינגאנצען איז אונמעגליך. עמרי האט אונטערגעהאפט די שטימונג פון יהודה און איז אריינגעטראטען מיט דעם מלך פון ירושלים, יהושפט בן אסא, אין פריעדליכע בעציהונגען. זייענדיג אויף אזא אופן בעוואהרענט פון די לאנגיעהריגע אנפאלען פון יהודה, האט עמרי שוין געקאנט קאנצענטרירען זיינע קריעגס-כחות געגען די פיינדליכע פעלקער פון ארום אפרים. דאן געלינגט איהם אבהאלטען א נצחון איבער מואב און ער צווינגט זיי, די

בני־מואב, צו צאהלען געוויסע יעהרליכע אבצאהלונגען; די פלשתים, וועלכע האבען די ערשטע יאהרען פון דער אפרים־מלוכה אהן אויפהער בעאונרוהיגט די גרענעצען פון די צעהן שבטים, שרעקען זיך אב פאר'ן נייעם מלך פון שומרון און ווערען פארזיכטיגער. כדי אויפצוהויבען דעם וואהלשטאנד אינ'ם לאנד, שליעסט עמרי א האנדעלס־אבמאך מיט די פיניצער, וואס זייער מסחר צו יענער צייט איז נאך פיעל גרעסער געווארען אלס אין שלמה'ס צייטען, צוליעב די ניי געגרינדעטע פיניצער־קאלאניעס אויף דעם צפון־ברעג פון אפריקא. כדי צו פערפעסטיגען דעם האנדעלס־אבמאך, מאכט עמרי התונה זיין זוהן אהאב אויף איזבל, די טאכטער פון אתבעל דער קעניג אין פעניציא. דורך דעם אבמאך ענטוויקעלט זיך אין אפרים די אינדוסטריע און די רייכקייט פונ'ם פאלק הויבט אן רי[illegible] צו וואקסען.

דער גייסטיגער, רעליגיעזער קאמפף איז אויך אין עמרי'ס צייטען, ווי עס שיינט, געלאסענער געווארען טראץ דעם וואס עמרי האט אויך, ווי די פריהערדיגע מלכים פון אפרים, נישט מבטל געווען ירבעם'ס גע־צענדיגעריי. סוף כל סוף האט דער נייער קעלבער־קולטוס נאר אנ'אויסער־ליכען פאליטישען כאראקטער געטראגען. יעדעס פאלק קאן נאר איין קולטוס שאפען, וועלכער איז דער היסטארישער אויסדרוק פון זיין נאציאנאלער פסיכיק, פון זיין היסטאריש־אויסגעארבייטער וועלט־אנשויאונג, און דאס פאלק, וועלכעס האט א י ה ו ה־קולטוס בעשאפען, קאן נישט נאכהער, צוליעב דעם מלך'ס פערלאנג, א נייעם קולטוס שאפען. די אונוויסענדע מאסען, וועלכע דערגרייפען שווער יעדע אבסטראקציע, האבען אין די גאלדענע בילדער פער־הייליגט דעם גאט, וועלכען זיי האבען פון דורות אין הארצען געטראגען און פאר וועלכען זיי האבען פון דורות לאנג געזוכט אנ'אויסדרוק, א קאנקרעטע פארם. דער הויפט־פרינציפ פון דער יהוה־אמונה, דער מאנאטעאיזם, דער גלויבען אין איין אלגעמיינע געטליכע קראפט איז דאך נישט געשטערט געווארען מיט דעם נייעם קעלבער־קולטוס, און מיט דער צייט, צוזאמען מיט דער ווייטערדיגער ענטוויקלונג פון די מאסען, וואלט זיי קלערער ווערען די אידעע פון זייער נאציאנאלען גאט און זיי וואלטען זיך אבזאגען פון די אומפאסענדע פארמען, וועלכע זיי האבען פריהער בטעות מיחס געווען צו זייער גאט און וועלכע שטימען נישט מיט דער אמת'ער נאציאנאלער וועלט־אויפפאסונג. אין פערלויף פון א יאהר פופציג האבען די נביאים, ווי ס'שיינט, זיך איבערצייגט, אז די קעלבער, אלס קולטוס, האבען גארנישט געענדערט אין דעם אינערליכען מאראלען לעבען פונ'ם פאלק. האטש ירבעם'ס געצען

זענען גראָב און דריקען נישט אויס די נאַציאָנאַלע אידעע פון דער געטליכער אונענדליכקייט און אונבעגרייפליכקייט, פונדעסטוועגען האָבען זיי נישט צערשטערט דעם עכטען נאַציאָנאַלען גייסט און די אייגענאַרטיגקייט פונ'ם פאָלק ישראל. די פרינציפען פון צדק, פון אמת, פון משפט, אָט די פרינציפען, וועלכע האָבען פון די פריהערדיגע דורות אָן געלאָזט טיעפע וואָרצלען אין דעם פאָלקס-בעוואוסטזיין, — האָבען אויך אין דער ערשטער תקופה פון דער שפּאַלטונג נישט אויפגעהערט צו געבען פרוכט. אפילו דער מלך האָט זיך נישט געקאָנט ערלויבען אָבנעהמען ביי זיין אונטערטאַן די קלענסטע זאַך אָהן אַ משפט, נישט נאָר אָבנעהמען מיט געוועהר, נאָר זאָגאַר אָבקויפען אָהן דעם ווילען פון דעם בעל-הבית.*) — דאָס פאָלק האָט געלעבט לויט די אַלטע טראַדיציעס און די נביאים האָבען געקאָנט האָפען, אַז זייערע אידעען וועלען אַלץ מעהר אַריינדרינגען אין די הערצער פון די פאָלקס-מאַסען. די נביאים האָבען דאַרום, ווי ס'שיינט, נישט געהאַלטען פאַר נויטיג צו אונטערהאַלטען ווייטער די מהומות אין לאַנד דורכ'ן קאַמפף מיט דעם הערשער איבער די גאָלדענע קעלבער. און עמרי שטאַרבט אָב, אָהן דער שטענדיגער התראה פון די נביאים...

ליידער האָט עמרי, אַלס מלך, נישט לאַנג געלעבט. נאָכדעם ווי ער האָט ביי̆געקומען זיין געגנער תבני בן גינת האָט ער געקעניגט צוועלף יאָהר און זיין ענערגישע מלוכה-טהעטיגקייט, וועלכע האָט זיך אָנגעפאַנגען איבער-הויפּט צייט ער האָט זיך אין שומרון בעזעצט, האָט בסך הכל געדויערט זעקס יאָהר. זיין זוהן אחאָב, וועלכער האָט פון איהם געירשענט די מלוכה, איז געוועזען אַ מענש מיט אַ שוואַכען כאַראַקטער, מיט קליינע שטאַטסמענליכע פעהיגקייטען, און זיין פרוי, די פיניצערין איזבל, האָט געהאַט אויף איהם זעהר אַ גרויסע שעדליכע ווירקונג. אחאָב האָט פאָגעזעצט די קלוגע פּאָליטיק פון זיין פאָטער: ער האָט אונטערגעהאַלטען די פריעדליכע בעציהונגען פון איין זייט מיט דעם מלך פון פיניצעאַ, מיט וועלכען ער איז געוועזען פערבונדען אין אַ פאַמיליען-פערבאַנד דורך זיין פרוי איזבל, פון דער צווייטער זייט — מיט יהושפט דעם מלך פון יהודה, מיט וועלכען ער איז אויך אַריינגעטראָטען אין אַ פאַמיליען-בונד דורך דעם, וואָס ער האָט זיין טאָכטער עתליה געגעבען פאַר אַ פרוי דעם יורש עצר פון ירושלים. דורך דער פּאָליטיק האָט איהם, אויך ווי זיין פאָטער, בעגליקט אויפצוהויבען דעם אויסערליכען און דעם אינערליכען מאַטעריעלען וואָהלשטאַנד פון זיין לאַנד. אחאָב האָט

*) מלכים א', כ"א.

מיט גרויס ערפאלג געפיהרט פעשריעדענע שויך-מלחמות, אבגענומען צוריק איינינע געגענדען און שטעדט, וועלכע זענען אין די פאהריגע שווערע ציי-טען אבגעריסען געווארען פון אפרים און יענע פעלקער, וועלכע זענען נאך פון פריהער אן געווען מעהר אדער וועניגער אבהענגיג פון שומרון, האט ער געצוואונגען מס (צינז) צו צאהלען. דאס לאנד האט אויך אינ'ם עקאנאמישען הינזיכט געבליהט. אדאנק דעם מסחר-פערקעהר מיט פיניצעא איז דאס רייכטהום פונ'ם פאלק זעהר געשווינד געוואקסען. אין שומרון קאנצענטרירען זיך פיעל אוצרות (קאפיטאלען); די הויפטשטאדט פון אפרים פערבויט זיך מיט גראנדיעזע בנינים; דער מלך בויט זיך א פאלאץ פון העלפאנד-ביין אין זיין רעזידענץ שומרון און א „ווינטער-הויז" אין דעם טהאל „יזרעאל", אינ'ם אומגעגענד פון שומרון.

די מחותנות-שאפט מיט פיניצעא האט אבער געהאט א שלעכטע מאראלע ווירקונג אויפ'ן אינערליכען לעבען פון אפרים. צוזאמען מיט דעם רייכטהום איז אין לאנד אריינגעדרונגען די געלד-לוסט. דאס איינפאכע ערהליכע פויער-און פאסטוך-לעבען הויבט אן ביסלעכווייז פערשוואונדען צו ווערען און אנשטאט דעם פאנגט דאס פאלק אן צו שטרעבען צו א צעלאזענעם, פערדארבענעם, נאר פרעכטיגען, לוסטיגען ארט-לעבען, לויט דעם ביי-שפיעל פון די פיניצער. פיניצעא איז אין קולטורעלען הינזיכט געשטאנען פיעל העכער פון ארץ-ישראל; דער פרעכטיגער גלאנץ פון דער ריי-כער און ציוויליזירטער מדינה האט געמוזט פערבלענדען די אויגען פון די סוחרים פון אפרים, וועלכע פלעגען קומען אהין. אלעס, וואס זיי האבען געזעהן אין פיניצעא, איז פאר זיי געווען רייצענד, צוציהענד און נאכאהמונגס-ווירדיג. פיעל סוחרים פון פיניצעא בעזעצען זיך אויך אין אפרים און ברייננען מיט זיך זייערע מנהגים, זייער געשמאק און אויפפאסונג. די קעניגין איזבל האט זיך אויך ארומגערינגעלט מיט איהרע געבורטס-לאנד-לייט און אין הויף פון אהאב, ביי זיין שוואכען כאראקטער און פיליכט אויך ביי זיין אינערליכע נייגונג און סימפאטיע, האט זיך פערפיהרט א פיניצעער שטאט. די פארמען פון פיניצער ארט-לעבען, בעשטעטיגטע דורכ'ן קעניג'ס הויף, האבען געדיענט דעם פאלק אלס ביישפיעל און דאס פאלק איז פון טאג צו טאג ניעדריגער געפאלען: עס האבען זיך צווישען איהם פערשפרייט די פערדארבענסטע תאוות, ווי שכרות, אויסגעפוצטקייט און זנות. איזבל האט אויך איינגעפיהרט אין לאנד דעם קולטוס פון איהר אייגענער אמונה. אין שומרון האט זי אויסגעבויט טעמפלען פאר די געטער פון איהר אייגענעם פאלק — פאר בעל און עשתרות; נאהענט פון נייו הונדערט

פריסטער (כהנים) פלעגען שטעהן צו דער דיענסט אין די טעמפלען, צו ברינגען אפפערען (קרבנות) פאר די געטער. דאס אפפערען־ברינגען פאר די געטער פלעגט גאנץ אפט פאדערן מענשליכע קרבנות*); שטענדיג פלעגט עס בעגלייט ווערען מיט ווילדע קולות און גראבע בעוועגונגען; דער געטער־קולטוס פון פיניצעא איז געווען פערבונדען מיט בלוט־פער־גיסונג און מיט שענדליכע תאוות, וועלכע פלעגען געפינען זייער סאנקציע אין דער וועלט־אנשויאונג פון די פיניצעער איבער גאט און מענש. אין דעם נייעם קולטוס האט אלזא געשטעקט א געפאהר נישט בלויז פאר דער אמונה, אין דעם ענגען זין פונ'ם ווארט, נאר פאר דעם גאנצען שעפערישען נאציאנאלען גייסט, פאר די פרינציפען, פאר די גייסטיגע יסודות, וועלכע האבען זיך ביי'ם פאלק אין א משך פון דורות־לאנג אויסגעארבייט און אויף וועלכע עס האט זיך געבויט די נאציאנאלע פסיכיק, די נאציאנאלע קולטור.

דער פרעמדער אויסערסט־ווילדער קולטוס האט זיך אונגעהויער גיך פערשפרייט צווישען די פאלקס־מאסען צוליעב דעם שטענדיגען פערקעהר מיט די פיניצעער, און אויך צוליעב דער איפעריגער מיה פון איזבל. וואו די מלכה פלעגט טרעפען א שטארקערען ווידערשטאנד געגען איהרע נייע איינ־פיהרונגען האט זי מיט אהאב'ס שווערד זיך א וועג געמאכט. אזוי זענען דאן געפאלען די ערשטע קרבנות פון פאלק ישראל פאר זייער אייגענער אמונה אין זייער אייגען לאנד דורך זייער אייגענעם מלך. נישט פיעל האבען אבער אזא העלדענמוטה ארויסגעוויזען צו שיצען מיט זייער לעבען די פאלקס־טראדיציעס, דעם נאציאנאלען גייסט און אריגינאליטעט. דער גרעסטער טייל אין לאנד האבען אנגענומען די נייע געצענדינעריי, האטש אין הארצען האט נאך ביי זיי געברענט א פונק פון דער אייגענער אמונה און זיי פלעגען אלזא אין איין און דער זעלבער צייט דיענען אי צו יהוה, אי צו'ם בעל. ווי די מסורה דערצעהלט, זענען נאר זיבען טויזענד מאן געבליבען צו יענער צייט, „וועלכע האבען זיך פאר דעם בעל נישט געקניעט". דאן האט די נבואה פון דאס־ניי אויפגעהויבען דעם פאהן פון יהוה, דעם פאהן פון דעם ישראל־גאט און מיט מסירות־נפש ארויסגעטרעטען אין קאמפף געגען מלך און זיינע רעפארמען. איהר געוועהר איז, ווי שטענדיג, געווען דאס היילינע ווארט פון גאט. די נביאים פלעגען קומען צו'ם

*) בכורים, קנעכט און ד. ג. פלעגען געבראכט ווערען פאר קרבנות פאר די אבגעטער פון פיניצעא.

פאָלק, לערנען איהם, דערוויזען, איבערציינען; זיי פלעגען נישט אָב־שרעקען זיך אויך צו קומען אין מלך'ס פאַלאַץ און נישט קוקענדיג אויף איזבל'ס בלוטדורשטיגען פאַנאַטיזם פלעגען זיי שטראָפען דעם הערשער פאַר זיין פערראַט געגען די פאָלקס־טראַדיציעס, געגען דעם פאָלקס־גייסט, געגען דעם אמת, געגען יושר און משפט. איזבל האָט די נביאים געלאָזט אויס'הרג'ענען; בלויז אַ קליינע צאָהל זענען ניצול געוואָרען פון איהר האַנד, אַ דאַנק דעם שר עבדיה, וועלכער האָט זיי בעהאַלטען אין אַ הייל און זיי געשפייזט שטילערהייד; נאָר אַז די מלכה האָט זיך איבערציינגט, אַז דאָס שווערד איז שוואַכער פאַר דעם הייליגען נבואה־וואָרט, האָט זי געגען די נביאים גענומען מלחמה האַלטען מיט זייער אייגענעם געוועהר: זי האָט געדונגען פאַלשע נביאים, וועלכע האָבען אויך אין דעם נאָמען פון גאָט, פון יהוה, אָנגערעדט דאָס פאָלק צו געהן אין דעם וועג, וואָס איזבל האָט געפיהרט. דאָס איז געווען אַ טוידט־פערראַט. די איינפאַכע מאַסען האָבען נישט געקאָנט אונטערשיידען, וואָסער וואָרט איזווירקליך געטליך און וואָסער וואָרט איז נאָר דורך געלד בעגייסטערט. איינער איז נאָר געבליבען אין דער מתנה פון דער נבואה, וואָס איזבל האָט איהם נישט געקאָנט גובר זיין: איהר שווערד האָט איהם קיינמאָל נישט געקאָנט דעריאָגען, און דאָס פאַלשע געדונגענע וואָרט פון די נביאי השקר איז צו שוואַך געווען צו בעטויבען זיין געטליך־געשריי...

דער דאָזיגער „איינציגער" איז געווען — אליהו הנביא, פון שטאָדט תשבי, אינ'ם געגענד פון גלעד!

אליהו הנביא איז געווען בעשאַפען מיט אַ פלאַמענדע נאַטור. דאָס איז געווען אַ מענש, וועלכער איז יעדע רגע געווען בעריים בריינגען דאָס אייגענע לעבען אַלס קרבן פאַר זיינע איבערציינגונגען. אליהו, ווי ער ווערט געשילדערט אין דער פאָלקס־מסורה, איז געווען די פערקערפערונג פון דער רעליגיעזער און מאָראַלער איינפעריגקייט. פונ'ם מדבר פלעגט ער ער־שיינען ווי אַ שטורם־ווינד אין לאַנד, פלוצלונג, אונערוואַרטעט, אונפערהאָפט. ווי אַ שטורם־ווינד האָט ער זיך אַריינגעריסען צו דעם כאַראַקטערלאָזען מלך אַחאָב, געדונערט איבער איהם מיט זיינע דרייסטפאָלע רעד; ווי אַ שטורם־ווינד האָט ער זיך פון איהם אַרויסגעריסען, זיך בעוויזען דאָ און דאָרט צווישען פאָלק; אומעטום האָט ער מיט דער גיכקייט פון אַ שטורם־ווינד ערפילט זיין מיסיאָן פון דער נבואה, געשיצט די גערעכטיגקייט און גע־בראָכען די פאַלשקייט, און ענדליך גלייך ווי אַ שטורם־ווינד איז ער פער־שוואונדען געוואָרען. איין געדאַנק, איין פערלאַנג האָט געברענט טיעף

אין זיין הארצען — ראטעווען דעם נאציאנאלען גייסט, וועלכער איז פעסט צוזאמענגעבונדען מיט דעם בעגריף פון דעם נאציאנאלען יהוה, ווי דער פלאם מיט'ן קויהל...

אין זיין פריוואטען לעבען שטעלט אליהו פאר אויך אזא לעגענדע, ווי אין זיין נאציאנאלער טהעטיגקייט. אלס געגענזאץ דעם פערפיינערסטען לוקסוס און דער ווילדער צולאזענקייט, וועלכע האבען אריינגעדרונגען אין אפרים פון פיניצע און זיך שטארק פערברייטערט אין לאנד, האט אליהו געוויזען א ביישפיעל פון איינפאכקייט און צוריקגעהאלטענקייט. זיין קליידונג איז בעשטאנען פון א האריגען איבערמאנטעל און א פעלענעם גארטעל; האר האט ער געטראגען לאנגע; קיין ווין פלעגט ער נישט טרינקען און קיין אויסנאהמע שפייזען פלעגט ער נישט געברויכען; איין שטיקעל קיכעל און איין גלעזעל וואסער פלעגט איהם גענוג זיין אויף צו דערהאלטען זיין נשמה טעג און נעכט. קיין הויז האט ער נישט געהאט, קיין דאך האט איהם נישט בעשיצט; אין מדבריות פלעגט ער דאס מעהרסט זיצען, אויף די בערג פון ארץ־ישראל פלעגט ער שטייגען, אין די היילען פלעגט ער זיין אברוה געפינען. אין דער וויסטעניי, ווייט פון דער שטאדט און איהר געטומעל, ווייט פון מענשען און זייערע בעשעפטיגונגען, ערנעהרענדיג זיך מיט דעם, וואס די פויגלען פלעגען איהם צום מאל ברייננגען פון'ם ישוב, פלעגט ער זיך איבערגעבען זיינע גייסטיגע בעטראכטונגען. דארט פלעגט ער גאט בעגרייפען, אין יעדע סטיכיע זיין געשטאלט זעהן, אין די קלענסטע לופט־בעוועגונג — זיין היילגע שטים פערנעהמען. צווישען די שענע בערג, און די שטומע היילען פלעגט איהם די נבואה בעגייסטערען.

אליהו הנביא האט געהערט צו דער מדרגה פון נביאים בעלי־מופת. זיין דעוויז איז געוועזען: „יהוה איז די קראפט פון אלע קרעפטען (יהוה הוא האלהים*). גאט האט נישט נאר די וועלט *בעשאפען*, נאר ער הערט נישט אויף איהר *צו שאפען*. אלע נאטור־ערשיינונגען זענען נישט איין מאל פאר אלע מאל פעסטגעשטעלטע געזעצען, נאר זיי זענען די דייטליכע אויסדרוקען פון זיין שאפענדען ווילען; דער אלמעכטיגער ווילען איז אבער פריי צו ענדערען די אלע ערשיינונגען לויט ווי איהם געפעלט. דער ווילען פון גאט פאסט אבער ארום נישט בלויז די טויטע נאטור־ערשיינונגען, נאר אויך יעדען שריט, יעדע מענשליכע טהעטיגקייט; סיי גוטעס, סיי שלעכטעס בעגעהט דער מענש נאר לויט דעם ווילען פון גאט;

---

*) אלוה — קראפט; אין מעהרצאהל — אלס סומע.

דער מענש איז נאר פריי אין זיין בעוואוסטזיין*). אין זיין בעוואוסטזיין קאן אבער דער מענש דערגרייכען ביז דער מדרגה פון געטליכקייט. ער ווערט דאן אנגעפילט מיט דעם ווילען פון גאט, דאן בעקומט ער א שאפענדע מאכט און ער בעהערשט די נאטור, ער ווערט איהר געזעץ־געבער. דאן איז איהם נישט פערמיטען צו ענדערען איהרע ארדנונגען; ער פערזאגט, און זי פאלגט, ער ווייזט וואונדער, וועלכע זענען נאר אייגענטליך דער אויס־דרוק פון דעם ווילען פון דעם געטליכען מאן...

וועגען דעם ביבלישען אליהו הנביא דערצעהלט די מסורה פיעל בעווייזענע וואונדער. ראבען ברייננגען איהם עסען; מלאכים שפייזען איהם; א קרוג וואסער און א לעפעל מעהל קלעקט אויף דריי יאהר פאר דריי מענשען לויט אליהו׳ס ברכה; ער מאכט לעבעדיג טוידטע, ער צינדט אן וואסער און אז. וו. אין די אלע אגדות מוזען מיר אלענפאלס זעהן די ריכטונג פון דעם לעגענדארישען פענאמען, זיין אונבעגרענצטען גלויבען אין דעם געט־ליכען ווילען, וואס ברענט ביי איהם אין הארצען, און דאס געטליכע ווארט, פערזאגט מיט זיינע ליפען...

מיט דעם זעלבען אונבעגרענצטען גלויבען אין דער מאכט פון דעם געטליכען ווארט קומט דער דאזיגער נביא מלחמה צו האלטען מיט דער געצענדינערייא צווישען פאלק. און דא האט ער ווירקליכע וואונדער בעוויזען. דאס היילינגע ווארט, וועלכעס האט טוידטע געוועקט צום לעבען, האט אויך אויפגעוועקט דעם נאציאנאלען געוויסען ביים פאלק; דאס געטליכע ווארט, וואס האט וואסער אנגעצונדען, האט אויך אנגעצונדען די הערצער פון די בני ישראל מיט א פייער פון ליעבע און איפעריגקייט צו זייער גאט, צום גאט פון זייערע עלטערען. ס׳האט נישט געהאלפען די מיה און די פערפאלגונגען פון איזבל. אונטער דער קאמאנדע פון אליהו האט דאס פאלק אויפגעהויבען א בונט געגען דעם נייעם קולטוס פון בעל און עשתרות, צובראכען די מזבחות פון די דאזיגע אבגעטער, אויסגעקוילעט זייערע פריסטערס. גרויס איז געוועזען דער צארן פון דער מלכה; ביי איהר לעבען האט זי געשווארען, אז זי וועט זיך אן אליהו׳ן נוקם זיין; אבער נאך דער דאזיגער גרויסער שחיטה, וועלכע איז געשעהן אויפ׳ן בארג כרמל, האט אליהו זיך ווידער אויף א לענגערע צייט ערוויטערט אין דער וויסטעניי, וואו ער האט זיך איבערגעגעבען זיינע גייסטיגע בעטראכטונגען, און איזבל האט איהם נישט געקאנט געפינען.

*) „ואתה הסבות את לבם אחורנית". מלכים א׳, י״ח.

און הגם נאָך דער געשיכטע אויפ'ן בארג כרמל האָט איזבל פון דאָס-ניי אויפגעשטעלט דעם בעל-קולטוס, אויסגעבויט נייע מזבחות און געשאַפט נייע פריסטערס; דער בעל איז אָבער שוין געווען פון דאַן אָן נאָר אַ הויף-קולטוס פאַר'ן מלך'ס הויזגעזינד און פאַר די הויף-מקורבים; דאָס פאָלק איז שוין נאָך איהם מעהר נישט געגאַנגען. און אויב אַחאָב האָט מיט איזבל'ס עצות ווייטער פאָרטגעזעצט זיין מאָראַליש-פערדאָרבענע טהעטיגקייט, האָט אליהו זיך נישט אָבגעזאָגט צו בענייען די מלחמה געגען איהם מיט דער פריהערדיגער מסירות-נפש. אָט וואָס פאַר אַ כאַראַקטעריסטישען פאַקט דערצעהלט די מסורה וועגען די ווייטערדיגע בעציהונגען צווישען מלך און דעם נביא:

נבות פון יזרעאל האָט געהאַט אַ וויינגאָרטען נאָהענט צו אַחאָב'ס נייעם פאַלאַץ אין יזרעאל. אַחאָב'ן איז דער וויינגאָרטען זעהר געפעלען געוואָרען, האָט ער איהם געוואָלט אָבקויפען פאַר געלד, אָדער אויסבייטען אויף אַן אַנדערע גאָרטען: נבות האָט אָבער אויף קיין פאַל נישט איינגעשטימט אָבצוגעבען דעם מלך זיין וויינגאָרטען, וועלכער איז איהם געווען זעהר בעליעבט, וויל ער האָט איהם בעקומען בירושה פון זיינע עלטערען. דאָס האָט אַחאָב'ן אַזוי פערדראָסען, אַז ער איז זעהר אומעטיג געוואָרען און זיין אַפעטיט צו'ם עסען פערלוירען. ווען אַז איזבל האָט איהם געפרעגט פאַר וואָס איז ער נישט ביי'ם מוטה און עסט נישט, און אַחאָב האָט איהר דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע מיט נבות און מיט זיין וויינגאָרטען, האָט זי איהם אויסגעלאַכט: „אָט אַזוי ווילסט דו הערשען אויף ישראל?! קום עס און זיי מונטער. איך וועל דיר שוין אָבגעבען דעם וויינגאָרטען פון נבות היזרעאלי!"

די טאָכטער פון די דעספּאָטישע מזרח-הערשער האָט נישט געקאָנט צולאָזען אַ געדאַנק, אַז דעם מלך'ס ווילען זאָל זיין בעגרענעצט מיט וועלכע נישט איז געזעצען פון וואַהרהייט און גערעכטיגקייט. דאָך האָט זי זיך נישט געקאָנט ערלויבען אַוועקצורויבען ביי איהר אונטערטאַן זיין פריוואַט-אייגענטהום, וויל דאָס פאָלק וואָלט נישט געקוקט גלייכגילטיג אויף אַזאַ פערברעכען, דערום האָט זי זיך געלאָזען אויף אַזאַ פאַלשקייט: זי האָט אין דעם נאָמען פון אַחאָב'ן אַרויסגעפאָדערט נבות'ן צו'ם משפט, אַזוי ווי ער האָט כלומר'שט געלעסטערט דעם נאָמען פון גאָט און פון מלך; פאַר'ן משפט האָט זי געשטעלט פאַלשע געדונגענע עדות. די שופטים האָבען נבות'ן געמשפט צו'ם טויט. נאָכדעם, ווי ס'איז איבער נבות'ן אויסגעפיהרט געוואָרען די טויט-שטראָף, האָט איזבל קאָנפיסקירט זיינע גיטער, צווישען זיי אויך דעם וויינגאָרטען, וועלכען אַחאָב האָט צוגענומען פאַר זיך. פון דעם

פֿערברעכען האָט זיך דערוואוסט אליהו. פֿערשטעהט זיך, אַז ער האָט עס נישט געקאָנט פֿערשווייגען און נישט קוקענדיג דערויף, וואָס איהם איז פֿאָר־געשטאַנען אַ גרויס געפֿאַהר פֿון דעם בעווייזען זיך אין שומרון, וואו איזבל'ס קנעכט האָבען איהם נאָכגעשפּירט, און בפֿרט נאָך ביי'ן מלך אין פּאַ־לאַץ, איז ער דאָך אָנגעלאָפֿען, ווי אַ שטורם־ווינד, אויף אַהאַב'ן, און טרע־פֿענדיג דעם מלך טאַקע אין דעם אַווייקגערויבטען ווייַנגאָרטען, האָט ער אויסגעשריען: „דו וועסט טוידטען און ירשה'נען?! וויים זשע: אויף דעם זעלביגען אָרט, וואו די הינד האָבען געלעקט דאָס בלוט פֿון נבות'ן, וועלען זיי אויך דיין בלוט לעקען... גאָט זאָגט: איך וועל ברייננגען אויף דיר אַנאונגליק און איך וועל דיך אויסראָטהען... איך וועל מאַכען פֿון דיין הויז דאָס זעלבע, וואָס איך האָב געמאַכט פֿון דעם הויז פֿון ירבעם בן־נבט און דעם הויז פֿון בעשא בן אחיה, פֿאַר דעם צאָרן, וואָס דו האָסט מיך דערצאָרנט... און וועגען איזבל'ן האָט גאָט געזאָגט אַזוי: די הינד וועלען אויפֿפרעסען איזבל'ן אין דער פֿעסטונג פֿון יזרעאל. ווער פֿון אַהאַב'ס הויזגעזינד וועט אין שטאָדט שטאַרבען, וועלען איהם די הינד אויפֿפרעסען און ווער פֿון זיי וועט אין פֿעלד שטאַרבען, וועלען איהם די פֿויגלען אויפֿפּיקען. ווייל עס איז נאָך נישט געווען נאָך איינער, וועלכער זאָל זיך אַזוי איינגאַנצען פֿער־קויפֿען בעזעם צו טהון, ווי אַהאַב, דער אָנגערעדטער דורך זיין פֿרוי איזבל".

און ווירקליך, דערצעהלט די מסורה: אין אַ געוויסער צייט אַרום איז אַהאַב בשעת אַ מלחמה מיט בן־הדד, דעם מלך פֿון אַרם, געטוידט געוואָרען אונגערן דורך אַ פֿייל, וואָס האָט איהם געטראָפֿען אין אַ געפֿעהרליכען אָרט. דעם קעניג האָט מען נאָך בעוויזען אַ גוסס'דיגען צו ברייננגען צופֿיהרען אין זיין קאַרעטע קיין שומרון; „זיין בלוט האָט פֿערגאָסען דעם וואָגען און די גאַסען, און די הינד האָבען עס געלעקט, ווי גאָט האָט געזאָגט".

אַהאַב איז געשטאָרבען אויפֿ'ן צוויי און צוואַנציגסטען יאָהר פֿון זיין קעני־גען איבער'ן לאַנד. דעם טראָהן האָט גע'ירשה'נט זיין זוהן אחזיה.

אחזיהו האָט געהערשט אין לאַנד נישט מעהר ווי צוויי יאָהר; ער האָט אָבער אין דער קורצער צייט שוין בעוויזען, אַז דער עפּעל פֿאַלט נישט וויים פֿון בוים. „ער האָט געטהון — דערצעהלט די מסורה — דאָס, וואָס איז שלעכט אין די אויגען פֿון גאָט; ער איז געגאַנגען אין דעם וועג פֿון זיין פֿאָטער, אין דעם וועג פֿון זיין מוטער און אין דעם וועג פֿון ירבעם בן־נבט, וועלכער האָט געמאַכט זינדיגען דאָס פֿאָלק ישראל. ער האָט געדיענט צו'ם בעל און זיך געבוקט צו איהם, און ער האָט דערצאָרנט גאָט דעם בעשעפֿער פֿון ישראל, אַזוי ווי זיין פֿאָטער

האט געטהון". דער אונערמידליכער היטער פונ'ם פאלקס-גייסט, אליהו, האט געקעמפפט געגען אחאב, אזוי ווי ער האט געקעמפפט געגען זיין פאטער אחאב. איבערהויפט האט אחזיהו אויף זיך אויפגעבראכט דעם צארן פון דעם בעסטען טייל פון פאלק מיט דעם פאלגענדען טהאט:

אויפ'ן צווייטען יאהר פון זיין הערשען איבער'ן לאנד איז אחזיהו אראבגעפאלען פון א הויכען שטאק דורך די גראטען פון זיין פאלאץ און איז קראנק געווארען. וואס טהוט דער מלך פון ישראל? שיקט ער זיינע דיענער קיין עקרון, אין פלשתים, צו פארשען דעם דארטיגען אבגאט בעל-זבוב, אויב ער וועט געזונד ווערען פון זיין קרענק? ווי אליהו האט זיך דערוואוסט פון דער געשיכטע, איז ער געגאנגען אין דעם וועג פון אחזיהו'ס שלוחים, און האט זיי בעגעגענט מיט די דאזיגע ווערטער: „ציז איז שוין דען קיין גאט נישטא אין ישראל, וואס איהר געהט זוכען דעם בעל-זבוב, דעם אבגאט פון עקרון?" — און אליהו האט געשיקט די שלוחים צוריק צו זייער האר, זיי זאלען איהם זאגען אין דעם נאמען פון גאט: פון דעם בעט, אויף וועלכען דו האסט זיך איצט געלעגט, וועסט דו שוין מעהר נישט אראבגעהן — דו מוזט שטארבען, דער-פארוואס דו האסט מבזה געוועזן דאס פאלק און זיין גאט!"..

„און ער איז ווירקליך געשטארבען, — ענדיגט די מסורה — ווי גאט האט דורך אליהו'ן געזאגט"; אנשטאט איהם האט געקעניגט זיין ברודער יהורם, ווייל ער האט נאך זיך קיין זיהן נישט געלאזט.

צו דער זעלבער צייט האט אליהו אויך די וועלט פערלאזען. נאר איידער ער האט זיך מיט דעם ערדישען לעבען געשיידט, האט ער פער-זיכערט זיין געטליך-טהאט, דעם טהאט פאר וועלכען ער האט געקעמפפט זיין גאנצען לעבען און פאר וועלכען ער האט זיך אזוי פיעל מקריב געווען. צו דעם צוועק האט ער צוזאמענגעשטעלט א גאנצען פלאן. רעכענענ-דיג, אז דער פערבאנד מיט פעניציא איז געפעהרליך פאר'ן פאלק סיי פון דעם מאראלען און סיי פון דעם ריין רעליגיעזען שטאנדפונקט און נעהמענדיג אין בעטראכט, אז די דינאסטיע פון עמרי, מיט איזבל אין דער שפיץ, צוליעב איהרע משפחה-פערהעלטניסען, שטיצט אט דעם דאזיגען זינדיגען פערבאנד, האט אליהו, נאך פאר זיין לעבען אויף דער ערד, אויסגעארבייט א גאנצע רייהע מיטלען, ווי צו קעמפפען געגען אט דעם דאזיגען געפעהר-ליכען מצב. אין דער קינפטיגער נבואה-טאקטיק האט אליהו אויסער איהר שטענדיגען כלי-זיין — גאט'ס ווארט — איינגעשלאסען אויך די אינערליכע און אויסערליכע פאליטיק. פון דער צייט, וואס די בני-עמרי האבען

געדערשט אין שומרון, איז זיי אויסגעקומען זעהר פיעל צו ליידען פון די בני־ארם, וועלכע האבען נישט אויפגעהערט צו בעפאלען די מלוכה פון אפרים; דער מלך פון די בני־ארם, בן־הדד, איז געווען פון דער נאטור א קריעגס־מאן, נאר ער האט זיך נישט איבריג אויסגעצייכענט מיט זיינע פעהיגקייטען אלס גענעראל. ביי דער גרעסטער טייל מלחמות מיט די בני ארם האבען די בני־עמרי בן־הדד'ן מגצה געווען. לויט אליהו'ס פלאן האט חזאל, איינער פון בן־הדד'ס שרים, געזאלט אויסארבייטען א פער־שווערונג געגען זיין מלך און פערהאפען די מלוכה. דאס איז געווען אויס־גערעכענט ערשטענס אויף דעם, אז דער פערבאנד פון אפרים מיט די פעניצער זאל צושטערט ווערען, וויל די פעניצער, וועלכע זענען גע־ווען פון דער נאטור רוהיגע און קריעגס־אונפעהיגע מענשען *) וועלען אין אזא געפעהרליכען מאמענט גארנישט קאנען העלפען, און צווייטענס אויף דעם, וואס די נייע מלחמה וועט אויפוועקען אין די בני ישראל זייער זעלבסטבעוואוסטזיין, דען יעדע אויסערליכע פאלקס־געפאהר וועקט שטענדיג ביים פאלק זיין פאטריאטיזם און זיין נאציאנאלען געפיהל. בויענדיג אויף דעם זעלבען רעכנונג האט אליהו אנגעצייכענט דעם פלאן אויך פון אנ'אינוויי־ניגסטער פערשווערונג געגען דער דינאסטיע פון עמרי: זיינע אנהענגער האבען געזאלט ביי א גינסטיגען מאמענט אנרייצען יהורם בן־אחאב'ס עהרגייציגען פעלד־מארשאל, יהו בן־נמשי'ן, ער זאל אויפשטעהן געגען מלך און מאכען אנ'ענדע מיט אחאב'ס און איזבל'ס הויזגעזינד.

אין דעם לאגער פון דער נבואה האט אליהו זיך אויך בעמיהט אריינצו־ברענגען וואס מעהר ארדנונג; אנשטאט די צושפרייטע איבער'ן גאנצען לאנד איינצעלנע געטליכע לייט, פון וועלכע יעדער בעזונדער האט לויט זיין דרך געלערנט דעם פאלק און געקעמפפט געגען די שעדליכע אויסערליכע ווירקונגען, האט אליהו געשאפען א פרייע ארגאניזאציע פון נביאים; פון זייער קרייז האט ער אנגעוויזען אויף אלישע בן שפט, א געוועזענעם ערד־ארבייטער, ווי אויף דעם סאמע פעהיגסטען, וועמעס אויטאריטעט עם דארף מיט'ן גוטען ווילען אנערקענט ווערען פון זיינע חברים. מיט דעם האט ער אריינגעבראכט מעהר גאנצקייט און איינגקייט אין דער טעטיגקייט פון דער נבואה.

אלישע איז געווען א תלמיד מובהק פון אליהו כאר זיין לעבען און זיי

---

*) „כמשפט צידונים עם שוקט ובוטח" (שופטים י"ח).

גייסטיגער יורש נאך זיין טוידט. ער איז שטענדיג געגאנגען אין דעם וועג פון זיין גרויסען לעהרער: אזוי ווי אליהו איז ער אויך געווען א ברענענדיגער קנאי בנוגע צו זיינע טיעפע איבערצייגונגען; אין זיין גייסטיגער טעטיגקייט איז ער געווען ביז דער העכסטער מדרגה קאנסעקווענט, נישט נאכגעביג, שטרענג, און האט נישט געליטען קיינע פשרות. אין קאמפף מיט די שעדליכע ווירקונגען אויפ'ן פאלק איז ער געווען אונערשראקען: האט זיך נישט אבגעשטעלט פאר קיין זאך און מיט קיין זאך זיך נישט געלאזען אונטערקויפען. זיין שיטה אין נבואה איז אויך געווען, ווי ביי אליהו'ן, דאס וואונדער=שאפען. אין זיין פריוואטען לעבען האט ער געדיענט אלס מוסטער פון עהרליכקייט, מענשענליעבע און געלד=פיינדשאפט. אזוי ווי אליהו האט ער אויך געפיהרט א ארימען, איינפאכען וואנדער=לעבען, און נאר צייטענווייז פלעגט ער זיך בעווייזען אין פאלק, ווען דאס האבען געפאדערט די גייסטיגע נבואה=אינטעסען. איבערהויפט פלעגט ער מיט זיינע תלמידים וואנדערען צווישען די בערג, וואו זיי פלעגען זיך פערנעהמען מיט געטליכע אויפקלערונגען. צווישען די בני=הנביאים האבען זיך דאן גענומען ענטוויקלען גאנץ דייטליכע שטרעבונגען. לויט דעם ביישפיעל, וואס אליהו האט ביי זיין לעבען געוויזען, פלעגען זיי זיך נישט בעזעצען אין שטעדט, נישט בויען זיך קיין הייזער, נישט פערפיהרען זיך קיין פעלדער און וויינגערטנער. אויף אזא אופן זעהען מיר שוין דא דעם ערשטען, זאגאר נאך נישט דייטליך פארמולירטען, פראטעסט געגען פריוואט=אייגענטום. זייער ארט=לעבען צווישען זיך טראגט אויף זיך אהן א שום צווייפעל סימנים פון א קאמוניסטישער געזעלשאפטס=פארם. זיי האבען געוואהנט גרופען=וייז און געשפייזט זיך צוזאמען. אין זייער ערנעהרען זיך האבען זיי זיך נישט ערלויבט קיין מותרות; קיין וויין האבען זיי נישט געטרונקען, קיין פלייש האבען זיי נישט געגעסען. בלויז פערשיעדענע געוויקסען פלעגען זיי געברויכען אנשטאט שפייז. אין דעם קרייז פון דער נבואה האט אלזא זיך גענומען בעווייזען אין א געוויסער מאס די נייגונג צו אסקעטיזם, צו דערווייטערען זיך פון עולם הזה.

דאס אבגעזונדערטע ארט=לעבען פון די נביאים האט זייער גוט געווירקט אויף זייער ארט דענקען. וואס מעהר די נביאים האבען זיך דערווייטערט פונ'ם ישוב און זיך איבערגעגעבען דער איינזאמקייט אין דער מדבר, אלץ שוואכער איז ביי זיי געווארען דער ענגער נאציאנאליזם און זיי ווערען אלץ מעהר אלוועלטליך, אלמענשליך. זייער גאט, וועלכער איז אין אנהויב

געווען נאָר אַ פאָלקס־בעשיצער ווערט אַ וועלט־גאָט; זייערע אידעאַלען וועלכע זענען אין אָנהויב געווען ענג פערבונדען מיט די פאָלקס־אייגענשאַפטען ווערען וועלט־אידעאַלען; און פון דאַנען איז שוין נאָר איין טריט צו די שפּעטערדיגע נבואה־אַנשויאונגען, לויט וועלכע דאָס פאָלק ישראל אַליין איז אויך אַנ׳אַלוועלטליכעס פאָלק און דאָס לאַנד פון ישראל — אַנ׳אַלוועלטליכעס לאַנד. ישראל איז פאַר די נביאים אויף אַזוי פיעל טייער, אויף וויפיעל ער טראָגט אין זיך די הויכע נבואה־שטרעבונגען און דיענט אַלס לעהרער פאַר דער גאַנצער מענשהייט. דער אַלגעמיינער נבואה־בליק נעהמט אָבער אַרום, אויסער ישראלי, אויך אַלע פערשיעדענע פעלקער פון דער וועלט. —

די שנאה צו אַ מלוכה־אָרדנונג, וועלכע די נביאים האָבען פון שטענדיג אָן געטראָגען אין האַרצען, ווערט ביי זיי נאָך מעהר פערשטאַרקט, ציט זיי האָבען זיך דערווייטערט פון ישוב, און אָבשיידענדיג זיך פון די תענוגי העולם, זענען זיי געווען צו יעדער צייט גרייט, צו ברענגען דעם מאַטעריעלען מלוכה־גליק אַלס קרבן אויף דעם מזבח פון דער מאָראַלישער פאָלקאָמענהייט.

אין דער צייט פון יהורם מלך ישראל, טרעפען מיר אַלזאָ אין לאַגער פון די נביאים אַ שטאַרקע אָרגאַניזאַציע, מיט אַ אידעאַלען צוקונפטס־פּראָגראַם און אַ פעסטער פּאָליטישער טאַקטיק אין דער געגענוואַרט; דאָס איז געווען אַנ׳אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט זיך אַליין אויסגעקעמפפט פאָלשטענדיגע פרייהייט און זעלבסטשטענדיגקייט, ניט אַנערקענענדיג איבער זיך קיין אַנדער מאַכט, אויסער די געטליכקייט, און נעהמענדיג זיך דאָס רעכט צו קאָנטראָלירען דעם גאַנג פון פּאָליטישען און גייסטיגען לעבען אין לאַנד. די אָרגאַניזאַציע ווערט נאָך פיעל מעכטיגער, ציט אַן איהר שפּיץ שטעלט זיך, לויט אליהו׳ס צואה, אלישע בן־שפט און נעהמט מיט אומערמידליכער ענערגיע און אייזערנעם ווילען אויספיהרען דאָס פּראָגראַם פון זיין „האַר".

דערווייל איז די לאַגע אין לאַנד אַלץ מעהר פערפּלאָנטערט געוואָרען. גראַדע איז אין יהורמ׳ס צייטען געווען אין לאַנד כמעט אַ כראָנישע אונגערעטעניש אויף די פעלדער; ס׳האָט דער הונגער געפּייניגט דאָס פאָלק; געקומען איז דערצו, אַז מוטערס האָבען אייגענע קינדער געגעסען; די אָרעמקייט און געדריקטקייט אין לאַנד איז זעהר גרויס געוואָרען; די מעהר פערמעגליכע האָבען אויף דער צייט פונ׳ם הונגער פערלאָזען זייערע הייזער און פעלדער און בעזעצט זיך אין פרעמדע לענדער. דער דאָזיגער מצב האָט, ווי עס

שיינט, ארויסגערופען ביים פאָלק אַ שטילע פרומקייט און אַ הכנעה פאַר דעם „גאָט פון זיינע עלטערן", נאָך מעהר ווי אין אליהו'ס צייטען. דער אויטאָריטעט פון דער נבואה שטייגט. אלישע'ס נאָמען ווערט אומעטום געהערט און פערגעטערט; „דער היילינגער מאַן" — ווערט ער אָנגערופען צווישען פאָלק. אין דער צייט פונ'ם מאַטעריעלען נויט פאָהרט אלישע אַרום איבער'ן לאַנד, און וואו ער קאָן העלפט ער די אונגליקליכע. אין תנ"ך ווערט דערצעהלט זעהר פיעל וואונדער, וואס אלישע האָט בעוויזען אין דער צייט פונ'ם הונגער: בעלי-חובות האָט ער געראַטעוועט פון קנעכטשאַפט, פערשמאַכטע האָט ער אויסגעלעזט פון טוידט. דאָס אַלץ שאַפט איהם אַ אונגעוועהנליכע בעריהמטקייט; אַרום איהם גרופירען זיך די בעסטע און די פרומסטע פון פאָלק; זאָגאַר די „זקנים", די אָפיציעלע שופטים אין שומרון „זיצען מיט איהם". אלישע ווערט געאַכטעט זאָגאַר אויך אויסער די גרענעצען פון זיין פאָטערלאַנד: פרעמדע מלכים שיקען צו איהם אַ ראַט פרעגען און „גאָט'ס-וואָרט" פאָרשען. — אין דער זעלבער צייט פיהרט זיך אָבער דאָס „קעניגליכע הויז" אויף זיין אַלטען שטייגער. יהורם האָט זיך אפילו פון אָנפאַנג נישט אַרויסגעוויזען אַלס צו-הייסער אַנהענגער פון די רעליגיעזע רעפאָרמען, וואס האָבען אָנגעהויבען פאַר אחאב'ן איינגעפיהרט צו ווערען אין לאַנד; זיין מוטער, די ענערגישע איזבל, אָבער, האָט אין איהר זוהנ'ס צייטען אויך געהאַלטען אין איהרע הענד אַ געוויסען טייל פון דער אינערליכער הנהגה, און זי האָט זיך אַלזאָ נישט אָבגעזאָגט פון איהר שיטה, צוזאַמענצוגיעסען דאָס פאָלק ישראל מיט איהר אייגען פאָלק, מיט די פיניצעער: דער בעל איז געווען, ווי אין אחאב'ס צייטען, דער אָפיציעלער גאָט פון דעם קעניגליכען הויף, די מנהגים פון די פיניצעער זענען געווען זיינע מנהגים און די העכערע שיכטען פון דער געזעלשאַפט, די שרים און די קצינים, האָבען נאָכגעטהון דער העכערער מאַכט און געשטרעבט צו אַסימילירען זיך מיט די פיניצעער. אויף אַזאַ אופן איז געלעגען דאַן אַ טיעפער אָבגרונד צווישען דעם אַסימילירטען „בית-המלך" און די פרומע פאָלקס-מאַסען: זייערע אַנשויאונגען, זייערע שטרעבונגען, זייערע געטער זענען געווען גאַנץ פיינדליך צו די פון „הויף". און דער אָבגרונד פלעגט נאָך אַלץ טיעפער ווערען דורך די בני הנביאים, וועלכע זענען געשטאַנען צווישען פאָלק און צווישען מלך, און נישט געלאָזט זיי זיך צוזאַמענוואַקסען; און אויב אויבערפלעכליך זענען די בעציהונגען צווישען דער מאַכט און צווישען פאָלק געווען כמעט פריינדליכע, איז אָבער וואס טיעפער אַלץ וועניגער סאָלידאַריטעט געווען צווישען זיי ביידען.

און אַזוי, ווי שטענדיג, ווירקט די לאַגע פון די אינערליכע ענינים אין לאַנד אויף דעם אויסערליכען מצב. יהורם'ן קומט אויס דאָס גאַנצע לעבען צו פיהרען שויץ־מלחמות געגען די פיינדליכע פעלקער, וועלכע ווירקען אָהן אויפהער געגען דער מלוכה פון אפרים. די ערשטע מלחמה, וואָס יהורם'ן איז אויסגעקומען צו פיהרען, איז געווען די מלחמה מיט מואב. עמרי נאָך האָט געמאַכט מואב'ן אָבהענגיג פון די מלכי ישראל. די מואב'ער פלעגען מוזען יעהרליך שיקען קיין שומרון אַ גרויסען אָבצאָהל מיט „נאַטור" — ד. ה. נאַטירליכע געגענשטענדען, וועלכע זענען בעשטאַנען הויפטזעכליך פון בהמות. מישע, דער מלך פון מואב אין יהורם'ס צייט, האָט זיך אָבגעזאָגט דעם אָבצאָהל צו שיקען. יהורם איז צוזאַמען מיט יהושפט'ן, דעם מלך יהודה, וועלכער האָט שוין פון לאַנג־אָן געלעבט גוט מיט עמרי'ס דינאַסטיע, אַוועק אויף אַ מלחמה קיין מואב. ווי די מסורה דערצעהלט, זענען, לויט דעם פערלאַנג פון'ם פרומען יהושפט, ביידע מלכים געקומען פריהער צו פאָהרען צו אלישע'ן, איהם פרעגען וועגען די רעזולטאַטען פון דעם פאָרשטעהענדען קריעג. אלישע האָט זיך געווענדעט צום מלך פון ישראל מיט די דאָזיגע ווערטער: „וואָס האָב איך מיט דיר צו טהון? געה דיר זיך צו די נביאים פון דיין פאָטער און צו די נביאים פון דיין מוטער?"... „ביי'ם לעבען פון גאָט דעם הערשער — ווען איך וואָלט נישט געשוינט דעם כבוד פון יהושפט, דעם מלך פון יהודה, אויב איך וואָלט גאָר אויף דיר אַ בליק געגעבען און אויב איך וואָלט דיין געזיכט גאָר אָנגעקוקט!"... דאַ זעהן מיר נאָר איינע פון דער גרויסער צאָהל צוזאַמענשטויסען, וואָס זענען פאָרגעקומען צווישען דעם נביא מיט'ן מלך, ביי וועלכע דער ערשטער האָט אָהן רחמנות דעם צווייטען ערניעדריגט.

אלישע האָט פאָראויס געזאָגט די מלכים די פאָלגען פון זייער אונטערנעהמונג: „גאָט וועט איבערגעבען מואב'ן אין אייערע הענד: איהר וועט צושטערען יעדע פערפעסטיגטע שטאָדט און יעדע אויסדערוועהלטע שטאָדט; און יעדען גוטען בוים וועט איהר אומוואַרפען, און יעדען קוואַל פון וואַסער וועט איהר פערשטאָפּען, און יעדעס גוטע פעלד וועט איהר מיט שטיינער פערוואַרפען"... די מפלה פון מואב איז ווירקליך געווען אַ פאָלשטענדיגע. דען אַ דאַנק די פעראייניגטע קרעפטען פון די ביידע מלוכות, אפרים און יהודה, איז דער לאַגער פון מואב צולאָפּען געוואָרען און די הויפטשטאָדט קיר־חרושת הרוב געוואָרען; דאָך האָט יהורם'ן זיך נישט איינגעגעבען, מואב פון דאָסניי אונטערטעניג צו מאַכען דער מלוכה פון ישראל.

באלד איז יהורם'ן פארגעשטאנען א מלחמה, וואס האט געדויערט כמעט דאס גאנצע לעבען זיינס, מיט לענגערע אדער קירצערע הפסקות. די ארמעער, וועלכע האבען נאך פאר אחאב'ס לעבען אנגעהויבען זייערע אנפאלען אויף ישראל, און פלעגען דאן שטענדיג בעגעגנען א שטארקען, ארגאניזירטען וויעדערשטאנד און שטענדיג ליידען גרויסע מפלות —, האבען פאר יהורם'ן פון דאסניי אנגעהויבען זייער פיינדליכע טעטיגקייט געגען דער מלוכה פון ישראל. אונטער דער אנפיהרונג פונ'ם מלך בן־הדד האט זיי געלונגען פיעל מאל אריינצודרינגען אינ'ם לאנד פון ישראל גופא; איינמאל האבען זיי זיך שוין געהאט צוגערוקט ביז סאמע שומרון, ביז דער הויפטשטאדט פונ'ם לאנד ישראל, און זי בעלאגערט. ביי דער בעפעלקערונג, וועלכע האט דאן אזוי שטארק געליטען פון אונגערטעניש, איז צוליעב די אנפאלען און בעלאגערונגען, דער הונגער נאך מעהר געוואקסען. א גרויסען העלדענמוט האט מען געמוזט דאן בעזיצען, אום צו קאנען ביי אזא לאגע אויסהאלטען דעם אנשטורם פונ'ם שונא. יהורם האט אבער כמעט אלע אנפאלען פון בן־הדד מנצח געווען מיט מעהר אדער וועניגער ערפאלג און בן־הדד פלעגט זיך שטענדיג אומקעהרען אין זיין לאנד מיט גארנישט, וואס דאס פאלק האט שטענדיג פעררעכענט אלס נס; אזוי שווער איז געווען די לאגע, אז מען פלעגט גארנישט קאנען האפען מיט דער נאטור אויף קיין רעטונג!

פון תנ"ך איז שווער ארויסצודרינגען, וואס פאר'א פאזיציע די בני־הנביאים האבען פערנומען אין דער בעציהונג צו די דאזיגע שווערע מלחמות מיט ארם; מיר זעהען נאר, אז איינמאל אין דער צייט פון א בעלאגערונג, ווען דער הונגער אין לאנד האט דערגרייכט אזא מדרגה, אז די בעפעלקערונג אין שומרון האט זיך ערנעהרט מיט אייזלען־פלייש און טויבען־מיסט, האט דער מלך מיט ערביטערונג אויסגעשריען: „זאל מיר אזוי גאט העלפען, אויב אלישע'ס קאפ וועט נאך היינט בלייבען שטעהן אויף זיין ארט!" און דער מלך האט טאקי געשיקט שלוחים צו טויטען אלישע'ן אין זיין וואהנונג, נאר די שלוחים זענען „צוגעקוועטשט געווארען ביי'ם טהיר". ס'איז אבער נישט מעגליך צו פערשטעהן די כונה פונ'ם מלך'ס רעדע: וואסערע שייכות האט אלישע געהאט מיט'ן הונגער און מיט דער בעלאגערונג?... אלענפאלס וויסען מיר פון תנ"ך, אז אלישע האט זיך קונה שם געווען ביי די ארמ'ער און בן־הדד האט איהם זעהר געעהרט אלס געטליכען מאן. איינמאל איז בן־הדד קראנק געווארען, האט ער זיך דערוואוסט, אז אלישע איז גראדע קיין ארם געקומען. האט בן־הדד געשיקט

זיין שר הזאל זיך נאכפרעגען ביי'ם געטליכען מאן, צי וועט ער געזונד ווערען פון זיין קרענק. אלישע האט דאן געהאט די מעגליכקייט ממלא צו זיין די צואה=פראגראם „פון זיין האר" אליהו, און ער האט געזאלבט הזאל'ן פאר א מלך אינ'ם נאמען פון גאט; דאס האט בן=הדד'ס קנעכט צוגעגעבען מוט, און ער האט צוריק קומענדיג דערשטיקט זיין מלך. אין דער פערזאן פון דעם נייעם העלדישען הערשער פון ארם בעקומט דאס פאלק ישראל א פיעל ערנסטערען פיינד. די מסורה דערצעהלט, אז אלישע אליין האט געוויינט, ווען ער האט ממלא געווען דעם ווילען פון זיין רבי'ן. „ער האט אומגעקעהרט זיך מיט'ן געזיכט צום וואנד און איז אזוי לאנג געשטאנען. האט איהם הזאל געזאגט: וואס וויינט מיין האר? האט ער געזאגט (אלישע): ווייל איך וויים, אז דו וועסט טהון מיין פאלק שלעכטס; זיינע פעסטונגען וועסטו אין פייער פערברענען, זיינע בעסטע זיהן וועסטו מיט'ן שווערד דערשלאגען, זיינע קליינע קינדער וועסטו צו=רייסען און זיינע שוואנגערע פרויען וועסטו צושפאלטען. האט איהם הזאל געזאגט: צי איז דען דיין קנעכט א הונד, אז ער זאל אזעלכעס טהון? — אלישע האט איהם נאר קורץ און שארף געענטפערט: גאט האט מיר געוויזען דיר אלס מלך פון ארם!...

גלייך נאכדעם, ווי הזאל איז געווארען מלך, האט ער באלד גענומען פערקערפערן זיין פיינדשאפט צו ישראל אין רעאלע מעשים. ער האט ערקלערט שומרון א מלחמה. די דאזיגע מלחמה איז געווען פאר ישראל, ווי ס'שיינט, פיעל שווערער פון די פריהערדיגע; דער מלך יהורם אליין, וועלכער פלעגט שטענדיג פערזענליך אנ'אנטהייל נעהמען אין קריעג, איז דאן אין רמות=גלעד, וואו דער ענטשיידענער קאמפף איז פארגעקומען, געפעהרליך פערוואונדעט געווארען, אזוי אז ער האט געמוזט פערלאזען דאס שלאכטפעלד און אבפאהרען וואס גיכער קיין יזרעאל, זיך צו היילען; דארטען איז איהם געקומען בעזוכען אחזיהו, דער מלך פון יהודה, יהושפט'ס אייניקעל און יהורם'ס פלימעניק.

אט דעם דאזיגען שווערען מאמענט, ווען דעם שונא'ס חיל האט זיך געפונען אויפ'ן געפעהרליכען מלחמה=פלאץ אין רמות=גלעד, און דער מלך איז געלעגען קראנק אין יזרעאל, האט אלישע געפונען פאר גינסטיג, אויף דורכצופיהרען דעם לעצטען פונקט פון אליהו'ס פראגראם: אויפצו=הויבען א פערשווערונג געגען יהורם'ן און געגען דער גאנצער פאמיליע פון אחאב. איינעם פון די בני=הנביאים, וועלכע זענען שטענדיג געהארכזאם געווען זייער אנפיהרער, האט ער געשיקט קיין רמות=גלעד, כדי

צו זאלבען פאר א מלך איבער ישראל דעם שר-צבא יהוא בן יהושפט, בן נמשי. דער נביא האט אזוי געטהון: אויפ'ן שלאכט-פעלד האט ער יהוא'ן פאר א מלך שטילערהייד געזאלבט. אין נאמען פון גאט און ער האט איהם אויך געזאגט דערביי, וואס פאר'א פפליכטען גאט לעגט אויף איהם, אויף יהו'ן, ארויף: „אזוי האט גאט געזאגט, דער האר פון ישראל: איך האב דיך געזאלבט פאר א מלך איבער'ן געטליכען פאלק, איבער ישראל. זאלסטו טוידטען אחאב'ס, דיין האר'ס, הויזגעזינד, וועל איך נקמה נעהמען פון איזבל'ן פאר דעם בלוט פון מיינע קנעכט, די נביאים, און אלע איבריגע דיענער מיינע. און ס'זאל פערלוירען געהן דאס גאנצע פאמיליע פון אחאב, עס זאל קיין הונד פון זיין הויז נישט ענטרונען ווערען... און איזבל'ן זאלען די הינד אויפפרעסען אין יזרעאל, און קיינער זאל נישט וואגען איהר צו קבורה צו ברייגען...”

דער דאזיגער פערראט געגען עמרי'ס דינאסטיע האט אין זיך א מערקווירדיגע זייט, האטש אין אפרים זענען די מרידות, ווי מיר האבען שוין געזעהען, בכלל נישט געוועזן קיין אויסנאהמליכע ערשיינונג. דא איז אבער דער פונקט פארגעקומען אפען. גלייך ווי דער נביא איז אוועק האט יהו דערצעהלט די איבעריגע שרים, אז אין נאמען פון גאט איז ער פאר א מלך געזאלבט; די שרים און דער גאנצער היל האבען קיין רגע נישט געצווייפעלט און זיי האבען אויסגעשריען: עס קעניגט יהו!” נישט קוקענדיג אויף דעם, וואס יהורם האט נאך געלעבט. דאס דערווייזט, ווי ווייט די נבואה האט אונטערגעגראבען דעם אויטאריטעט פונ'ם מלך, וועלכער האט דאס גאנצע לעבען פערבראכט אין אונאויפהערליכע מלחמות פאר זיין פאלק און לאנד!...

און יהו האט זיך באלד גענומען אויסצופיהרען דעם פערזאג פונ'ם נביא. די מסורה דערצעהלט: מיט א טייל היל איז ער אוועק געריטען קיין יזרעאל, וואו דער פערוואונדעטער מלך יהורם האט זיך געהיילט, און האט די שטאדט ארומגערינגעלט. דער וועכטער פון שטאדט-טהורם האט דערזעהן, אז ס'דערנעהנטערט זיך אזא גרויסע מחנה היל, און נישט פערשטעהענדיג די אורזאך, האט ער עס צו וויסען געגעבען דעם מלך. דער מלך האט געשיקט איין רייטער צו דערוויסען זיך, וואס עס בעדייט די מחנה און א צווייטען, נאר זיי האבען זיך צוריק נישט אומגעקעהרט; דאן איז יהורם אליין אין זיין עקיפאזש, צוזאמען מיט זיין גאסט אחזיהו, דעם מלך פון יהודה, ארויסגעפאהרען אנטקעגען דעם היל און ער האט געטראפען יהו'ן ביי דעם געוויסען פלאץ פון נבות-היזרעאלי. יהורם האט

געמיינט, אז זיין פעלד-מארשאל איז צו איהם מיט ידיעות פון דער מלחמה געקומען, האט ער איהם געפרעגט: „מיט פריעדען דען, יהו?" נאר יהו האט איהם געענטפערט: „ווי קומט פריעדען ביי די זנות-טהאטען און ביי די כשוף-מעשים פון דיין מוטער איזבל"?! יהורם האט געזעהן, אז דא איז פארגעקומען א פערשווערונג געגען איהם, און צוזאמען מיט זיין פלימעניק, דעם מלך פון יהודה, האט ער גענומען ענטלויפען. נאר א פייל פון יהו'ס בויגען האט דעם מלך פון ישראל דעריאגט און אין הארצען געטראפען. אזוי איז אויפ'ן צוועלפטען יאהר פון זיין הערשען דערהרג'עט געווארען יהורם בן-אחאב דער מלך פון ישראל. יהו — גיט צו די מסורה — האט געהייסען זיין אדיוטאנט ארויסווארפען יהורם'ס קערפער אויפ'ן פלאץ פון נבות היזרעאלי. „נעהם און שליידער איהם אוועק אויף נבות'ס ערד, וויל מיר מיט דיר געדיינקען דאך נאך די גאכרייטער פון זיין פאטער אחאב און גאט האט דאן געזאגט וועגען איהם: ביי מיין נאמען — אויב איך האב נישט געזעהן דאס בלוט פון נבות און דאס בלוט פון זיינע קינדער! ווארף-זשע איהם אויף דעם פלאץ פון נבות, ווי גאט האט געבאטען"... ביז'ן צוויטען דור האט דאס פאלק געדענקט דעם פערברעכען פון זיין הערשער...

אוועקגעהרג'עט דעם מלך, האט יהו גענומען זיך רעכענען מיט זיין פאמיליע. ער איז געגאנגען גלייך אין יהורם'ס פאלאץ. דארטען האט איהם איזבל דורכ'ן פענסטער בעגעגענט מיט אנ'איראנישען פארוואורף: „וואס מאכט זמרי, וועלכער האט געטוידט זיין הארן?"*)— יהו האט גארנישט געענטפערט, נאר אויף זיין בעפעהל האבען איהרע אייגענע דיענערס איהר ארויסגעווארפען צו די פערד, וועלכע האבען איהר צוטרעטען מיט די פיס. דערוויל האט יהו זיך געזעצט עסען אין מלך'ס פאלאץ, נאר, ווען ער האט זיך נאכ'ן עסען דערמאהנט און געהייסען דער מלכה'ס צוטראטענעם קערפער צונעהמען און בעגראבען, זענען שוין פון איהר נאר איהר שארבען, איהרע הענד-באלען און פוס-באלען געבליעבען. און ווידער גיט די מסורה צו: דאס איז גאט'סווארט, וואס ער האט געזאגט דורך זיין קנעכט אליהו התשבי — אין יזרעאל וועלען די הינד אויפפרעסען איזבל'ס פלייש!" — די פאלקס-פאנטאזיע הערט נישט אויף נקמה צו נעהמען פאר דאס אומזיסט פערגאסענע בלוט...

פון יזרעאל, די צווייטע רעזידענץ, איז יהו אוועק אין דער הויפט-

*) זמרי, וועלכער האט דערהרג'עט דעם מלך בעשה, איז געבליבען א שאנד-נאמען פאר א מלוכה-פעררעטער.

שטאדט, אין שומרון. דארטען האט ער געלאזט טוידטען די איבעריגע אהאב'ס קרובים, ביז זיעבציג מאן, די אלע נאהנטע צו עמריי'ס דינאסטיע, זייערע גוטע פריינד און אנהענגער. אפילו די זיהן פון עתליה, די טאכטער פון אהאב, וועלכע איז געוועזן א פרוי פונ'ם מלך יהודה, האט יהוא געלאזט הרג'ענען; דען זיי זענען גראד דאן צו גאסט געקומען בעזוכען זייער פעטער יהורם'ן, דעם מלך פון ישראל. אט אזוי האט יהוא אויסגעראטען מיט'ן ווארצעל אהאב'ס פאמיליע, נישט איבערלאזענדיג פון איהר קיין זכר. נאכדעם האט ער זיך גענומען צום בעל און זיינע דיענער. ווי די מסורה דערצעהלט, האט ער זיך דא בענוצט מיט א רמאות. ער האט געלאזט פערזאמלען דאס פאלק און ערקלעהרט פאלגענדעס: „אהאב האט נאך ווינציג דעם בעל געדיענט; יהוא וויל איהם מעהר דיענען. אלזא רופט מיר צוזאמען אלע נביאים פון בעל, אלע זיינע פריסטער און דיענער, קיינער זאל נישט פעהלען, ווייל איך וויל איינריכטען א גרויסען מלחמה-מאלצייט פאר'ן גאט בעל!"... דעם דאזיגען בעפעהל האט יהוא אומעטום צושיקט און עס זענען ווירקליך פון גאנצען לאנד אנגעקומען אלע דיענער פון בעל, אין דעם טעמפעל, וואס איזבל האט נאך פאר איהם אויסגעבויעט, ביז ער איז פול געפאקט געווארען. די כהנים פון בעל זענען צוגעטרעטען מקריב צו זיין די קרבנות און לויט יהוא'ס פערזאג, זענען פון טעמפעל ארויסגעטריבען געווארען אלע די, וועלכע אנערקענען נישט דעם בעל פאר זייער גאט. הינטער דעם טעמפעל האט אבער יהוא פערבעהאלטען אכציג מאן בעוואפענטע, און ער האט זיי בעפוילען: עס זאל קיין מענש נישט ענטרונען ווערען; פאר יעדען איינציגען, וואס וועט זיך רעטען, בעצאהלט איהר מיט אייער לעבען! — און ווען די פייערליכקייט אין טעמפעל איז גרויס געווארען, זענען די אכציג מאן ארויס פון זייער בעהעלטעניש, צו זיי זענען אנגעקומען אויף הילף נאך פיעל היל, און מיט פעראייניגטע קרעפטען זענען זיי בעפאלען דעם טעמפעל און אויסגעקוילעט די אלע בעל-דיענער, זיינע נביאים און זיינע כהנים ביז איינעם; דאן האבען זיי דעם בעל-טעמפעל פערברענט און פערניכטעט זיינע מזבחות און זיינע „הייליגע בוימער" און זיינע מאנומענטען. דאס אלץ איז אפגעטהון געווארען אונטער דער פערזענליכער אויפזיכט פון דעם מלך יהוא בן-יהושפט און דעם נביא יהונדב בן-רכב.

אט אזוי האט יהוא אונטערגעבראכט אין לאנד דעם בעל-קולט, נישט איבערלאזענדיג אפילו א זכר פון איהם, און דערמיט ערפילט די מיסיע פון דער נבואה. און נישט קוקענדיג אויף דעם, וואס יהוא האט דערנאך

ווידער בעניין ירבעם'ס קעלבער-דינסט, האט די נבואה דאך גערעכענט איהר הויפט-אויפגאבע פאר ערפילט: די פרעמדע ווירקונג פון דער פרעמ-דער אמונה און איהר פערדארבענער גייסט איז אונטערגעבראכען, איהרע אנהענגער זענען אומגעבראכט; דער אריגינעלער גייסט פונ'ם פאלק וועט איהם פיהרען אויפ'ן וועג פון דער וויטערדיגער מאראלישער ענטוויקלונג אינ'ם גייסט פון די אייגענע טראדיציעס און וועט גובר זיין אזא שוואכע הינדערניש, ווי דעם קעלבער-קולט. דאס איז, ווי ס'שיינט געווען, די טיעפע איבערצייגונג פון די נביאים. זיי האבען אלוא געבענשט יהו'ס ארבייט און זיין דינאסטיע האבען זיי פערזיכערט א דויערהאפטע עקזיסטענץ. גאט האט צו יהו'ן געזאגט: ווייל דו האסט בעגיטיגט צו טהון דאס רעכטפארטיגע אין מיינע אויגען, ווייל דו האסט פינקטליך ערפילט מיין פערלאנג בנוגע צו אחאב'ס הויז — דערפאר וועלען דיינע אוראייניקלעך זיצען אויף דעם טראן פון ישראל"... דאס איז כמעט דאס שלום-ווארט פון דער נבואה אין יענער צייט. אויף א לענגערען פעריאד ווערען די בני-הנביאים פערשוואונדען פון דער פאליטישער ארענע, און האטש דער לעצטער נביא-בעל-מופת אלישע, האט נאך דער מלוכה איבערקעהרעניש אין שומרון לאנג געלעבט, האט ער זיך שוין נישט געמישט כמעט אין פאליטישען לעבען פונ'ם לאנד, אזוי ווי ער וואלט וועלען זיך אויסרוהען נאך דעם גרויסען נצחון פון זיין ארגאניזאציע...

דער דאזיגער נצחון פון דער נבואה האט אבער זעהר טייער געקאסט דעם פאלק. חזאל, דער מלך פון ארם, האט אויסגענוצט דעם קריטי-שען מאמענט אינ'ם לאנד פון ישראל. די מלוכה-איבערקעהרעניש, צוזאמען מיט די מהומות, וועלכע מוזען אויסוואקסען אויף דעם דאזיגען באדען, האבען אבגעשוואכט די קריגס-קראפט פון פאלק און די ארמעער האבען אונגעשטערט אבגעריסען פון ישראל איין גרעניץ-געגענד נאכ'ן צווייטען. „פונ'ם ירדן, צו מזרח זייט, דעם גאנצען גלעד-קרייז, שטיקער הלקים ערד פון די שבטים גד, ראובן און מנשה, פון ערוער, וואס ביי'ם טייך ארנון, און גלעד און בשן..."

אז יהו איז געשטארבען אויף דעם אכטאונצוואנציגסטען יאהר פון זיין הערשען איבער'ן לאנד, האט גערירשנ'ט דעם טראן זיין זוהן יהואחז, וועלכער האט געקעניגט א יאהר זיבצען. פאר איהם איז די לאגע פון דער מלוכה נאך ערגער געווארען. חזאל דער מלך פון ארם און זיין זוהן בן-הדד דער דריטער האבען זיך אריינגעריסען אין די אינערליכע געגענדען פון אפרים,

צו מערב=זייט פון ירדן. די פאלגען פון דער דאזיגער אריינרייסונג זענען געווען יאמערליכע: ווי די מסורה דערצעהלט; איז ביי יהואחז'ן פון זיין גאנצער ארמעע און פון גאר זיינע קריגס=קרעפטען געבליבען נאר א מאן צעהן טויזענד פוס=היל, א מאן פופציג רייטער און צעהן רייטוועגען.

די מלוכה=אינטערעסען פון אפרים פערבעסערען זיך נאר פאר יהואש'ן, דעם זוהן פון יהואחז. זעכצעהן יאהר האט ער געהערשט איבער ישראל און זיין הערשונג איז שוין געווען מעהר גליקליך. אמאל דריי האט ער מלחמה געהאלטען מיט די ארמעער און ביי אפיקה האט ער ענדליך אבגע=האלטען א גרויסען נצחון איבער'ן פיינד; דאן האט ער אבגענומען ביי די ארמעער א גרויסען טייל פון די פריהער איינגענומענע געגענען פון ישראל. דער נצחון ערקלערט זיך פון איין זייט דערמיט, וואס ארם האט שוין דאן אין דער זעלבער צייט אנגעהויבען צו ליידען פון די אנפאלונגען פון אשור, וועלכע איז שוין דאן געווען א שטארקע מלוכה. פון דער צווייטער זייט, איז דאס פאלק ישראל שוין צו זיך געקומען נאך דער גרויסער איבערקעהרעניש, וואס האט איהם דיסארגאניזירט און צובראכען. אין לאנד הערשט א וואונדערבארע אחדות; די מלוכה, וואס האט צוליעב איהרע פאליטישע צוועקען זיך געהאלטען ביי דעם קעלבער=קולט, און די נבואה, וועלכע איז, ווי שטענדיג, געשטאנען פאר דעם איינציגען קערפער= און פארם=לאזען גאט, האבען אנערקענט די איינציגע אויפגאבע — זיך צו=בעפרייען פון דעם ארמעער=יאך. פאר יהואש'ן איז דער אלטער=אלטער נביא אלישע שטערבליך קראנק געווארען; דער מלך איז געקומען איהם מבקר חולה זיין און די לעצטע ווערטער פון דעם געטליכען מאן אין דער מינוט פון זיין טוידט זענען געווען — אויפמונטערען דעם מלך, צו דעם ווייטערדיגען קאמפף מיט'ן שונא. „אויפ'ן פינפטען אדער זעקסטען מאל וועסטו פיליכט דאן אויסראטען ארם, און דו מיינסט, אז דו האסט זיי דריי מאל צושלאגען ביזטו שוין פארטיג?!" נאך שטארקער איז געווען דאן דער פערבאנד צווישען פאלק מיט דער נבואה. דאס פאלק האט געגלויבט, אז נאר צוליעב דעם, וואס א טייל בוקט זיך צו די קעלבער, שיקט גאט אן אויפ'ן לאנד אזעלכע צרות, און עס ווענדעט דאס פאלק זיין הארץ צום גאט פון זיינע עלטערן און דיענט איהם עהרליך און געטריי.

אין די לעצטע יאהרען פון זיין הערשען איבער'ן לאנד פיהלט זיך שוין יהואש אזוי מעכטיג, אז ער טרעט ארויס אויף מלחמה געגען יהודה, אין דער צייט פון דעם מלך אמציהו, און האלט אב איבער איהם א גרויסען

נצחון: ער צושלאָגט זיין חיל, כאַפּט אַריין אין געפענגעניש אמציהו'ן אַליין, דרינגט אַריין אין יהודה גופא, רייסט זיך אַריין אין ירושלים, צושטערט דאָרטען אַ סך פעסטונגען, בעלאַגערט דעם בית־המקדש און נעהמט פון דאָרטען צו פיעל אוצרות פון גאָלד און זילבער, אויך קעניגליכע קינדער, אַלס גאַראַנטיעס, אַז די צושטערטע פעסטונגען וועלען זיך מעהר נישט אָפּבויען. דאָס איז דאָס ערשטע מאָל, ווען אפרים האַלט אָב אַ בעדייטענדען נצחון איבער יהודה. און געשעהן איז עס נישט צופעליג: אפרים האָט דאַן אַנערקענט זיין קראַפט: די מלחמה האָט אַרויסגערופען אמציה מלך יהודה, וועלכער נאָך דעם, ווי ער האָט מנצח געווען אדום, האָט געמיינט, אַז איהם וועט געלינגען אויך בייצוקומען די צעהן שבטים!" יהואש האָט איהם אָבער געלאָזט ענטפערן דורך זיינע שלוחים פאָלגענדעס: „דער דאָרען פון לבנון האָט געשיקט זאָגען צום צעדער־בוים פון לבנון: גיב דיין טאָכטער פאַר מיין זוהן פאַר אַ פרוי; איז פערביי געלאָפען אַ חיה פון לבנון און צוטראָטען דעם דאָרן. — דו האָסט צושלאָגען אדום, איז דיר שטאָלץ געוואָרען דיין האַרץ. בעהער זיך און זיץ אין שטוב. וואָרום זאָלסטו אַליין אויף זיך אָנרייצען דעם אונגליק; דו וועסט דאָך אַריינפאַלען מיט דיין פאָלק יהודה צוזאַמען". —

די דאָזיגע ווערטער אָטהעמען מיט גבורה און מיט טיעפען בעוואוסטזיין. אפרים, „דער צעדערבוים פון לבנון", קרעפטיגט זיך און וואַקסט. ער ווערט וואָס ווייטער אַלץ שרעקליכער פאַר די שכנישע פעלקער, — דאָס איז אין אַלגעמיין די אינערליכע און אויסערליכע לאַגע אין לאַנד ישראל פאַר יהוא'ס דינאַסטיע. נאָר די העכסטע מדרגה דערגרייכט די גרויסקייט פון אפרים פאַר'ן פיערטען יהוא'איד, פאַר'ן מלך ירבעם בן יהואש.

ירבעם בן יהואש איז געווען דער לעצטער פון יהוא'ס דינאַסטיע, וועלכער האָט זיך געעלטערט אויפ'ן טראָן פון שומרון. צווישען די מלכים פון אפרים צייכענט ער זיך אויס מיט אַריכת־ימים. העכער זעכציג יאָהר האָט ער געהערשט אין לאַנד: פון 830 ביז 769־טען יאָהר! און אָט די דאָזיגע צעהנדליגער יאָהרען פון ירבעם דעם צווייטענס הערשען רעכענען זיך פאַר דעם גליקליכסטען פעריאָד אין דעם פאָליטישען און עקאָנאָמישען לעבען פון די עשרת־השבטים. ירבעם דער צווייטער איז געווען פיעל מעהר קריעגס־פעהיג, פון זיינע פאָרגענגער, זינט די שפאַלטונג אין ארץ־ישראל איז פאָרגעקומען, און דאָס גליק האָט איהם שטענדיג בעגלייט אין אַלע זיינע אונטערנעהמונגען. פאַר דער צייט, וואָס ער האָט

געהערשט אין לאנד, האט ער געפיהרט פיעל מלחמות און אבגעהאלטען פיעל נצחונות. צום ערשטען האט ער זיך גענומען פאר ארם, דעם פערביטערטסטען שונא פון שומרון, פון וועלכען דאס פאלק ישראל האט דורות גאנצע געליטען. פון תנ"ך קאן מען נישט וויסען די איינצעלהייטען פון דער דאזיגער מלחמה, נאר לויט די רעזולטאטען קאן מען זיך פארשטעלען, ווי גרויס דער קאמפף איז געווען. ער האט נישט נאר אבגענומען צוריק ביז איינע די אבגעריסענע געגענדען פון שומרון, נאר ער האט זיך אריינגעריסען אין לאנד פון ארם גופא, און צוגענומען פיעל שטעדט; ער זאל זאגאר האבען פערהאפט אויף א קורצע צייט די הויפטשטאדט דמשק און חמת. די גרענעצען פון שומרון האבען זיך דאן געהאט געצויגען ביז'ן ים־המלח. מואב איז אויך, ווי ס'שיינט, דאן איננאנצען איינגענומען געווארען און פערעכענט געווארען פאר א פראווינץ פון אפרים. דער מלוכה פון יהודה האט ירבעם אויך געהאלטען אין מורא. נאך דער מפלה, וואס ירושלים האט געהאט אין יהואש'ס צייטען, האט זי נישט געקאנט פאר ירבעם'ן פערפעסטיגען זיך: די מויערען און די פעסטונגען פון יהודה זענען געווען צובראכען, צעשטערט און אפבויען זיי פון דאס ניי האט מען נישט געקאנט: דערויף האט דער מלך פון ישראל געהאט גאראנטיעס: די בני־מלכים פון יהודה!

די צייט פון ירבעם'ן צייכענט זיך אויס מיט דער עקאנאמישער אויפבליהונג פון שומרון. די גרויסע נצחונות האבען אריינגעבראכט אין לאנד פיעל רויב און פערשיעדענע אוצרות. און נאכדעם, ווי דאס פאלק האט זיך שוין בעווארענט פון זיינע פיינדליכע שונאים, האט עס זיך צוריק געקעהרט צו זיינע שטענדיגע בעשעפטיגונגען: צו ערד־ארבייט און האנדעל מיט די ארומיגע פעלקער, איבערהויפט מיט די פעניצער. דאס פערמעגען אין לאנד איז זעהר גיך געוואקסען און דערגרייכט אפשר, נאך א העכערע מדרגה, ווי אין שלמה'ס צייטען. שומרון האט שטאלצירט מיט פאלאצען פון העלפאנדביין, מיט אוצרות פון גאלד, מיט ציערונג פון די טייערסטע שטיינער, מיט קליידער פון די בעסטע וועבונגען, מיט עסענווארג פון די בעסטע געריכטען און מיט געטראנקען פון די בעסטע ווינען; בעטראכטענדיג אויבערפלעכליך דעם וואהלשטאנד פון פאלק האט מען ווירקליך געקאנט אפטימיסטיש קוקען אויף דער צוקונפט פון אפרים. און ווירקליך דער מלך און זיינע שרים, און אויף זיי קוקענדיג, אויך דאס גאנצע פאלק, זענען בעטרונקען געווען פון דעם גליק, צו וועלכען דאס לאנד האט זוכה געווען נאך אזוי פיעל דורות פון ליידען און איבערקעהרענישען.

אין דער ווירקליכקייט אָבער האָט אונטער דעם גליק זיך שוין געהאַט אונטער־בעגראָבען דאָס אונגליק און דער ליכטיגער פעריאָד פון ירבעם דעם צווייטענס הערשונג איז נאָר געוועזען דער לעצטער זונען־גלאַנץ פאַר דער שקיעה!

מיט דעם טוידט פון ירבעם בן יהואָש (769) געהט שוין אויף אייביג אונטער די זון פאַר דער מלוכה פון אפרים!

נײנטעם קאַפּיטעל.

די לעצטע מלכים פון אפרים און די מפּלה פון שומרון.

די עֶקאָנאָמִישֶׁע און פּאָלִיטִישֶׁע אויפבלִיהוּנג קאָן נאָר דאַן דִיענֶען אַלס צײַכֶען פון אויפלֶעבוּנג פאַר׳ן פאָלק, ווען זי גֶעהט צוזאַמֶען מִיט׳ן גײַסטִיגֶען פּראָגרֶעס אויף דֶעם וועג, וועלכֶען די הִיסטאָריֶע האָט פון אָנהויב אָן בֶּעשׁטִימט פאַר דעם דאָזִיגֶען פאָלק. ווען דער מאַטעריעלער וואָהלשטאַנד וואַקסט אויף דֶעם רעכענוּנג פון די מאָראַלִישֶׁע יסודות, אָדער, פֶערקֶעהרט, ווען די מאָראַל עֶנטוויקעלט זיך אויף דעם רעכֶענוּנג פון די מאַטעריעלע אִינטערעסען פון׳ם פאָלק, איז דאָס פאַר איהם זעהר אַ בֵּייזער סימן. — די רײַכקײַט פון׳ם לאַנד ישראל האָט זיך אין ירבעם דעם צווייטענ׳ס צײַטען אוּנגֶעוויער הויך אויפגעהויבען, די פּאָלִיטִישׁע לאַגע פון פאָלק האָט זיך בּעדײַטענד פערבּעסערט; די מעהר און טיעפער אַרײַנדרינגענדע אויג פון די אײנצעלנע נִישט-אונטערגעקויפטע דענקער אין לאַנד האָט פונדעסטוועגען פאָראויס געזעהן, אַז דאָס פאָלק געהט צוּ׳ם גרונד, אַז די מלוכה פון אפרים האַלט בײַ׳ן אונטערגעהן. דער מאַטעריעלער אויפבליהונג אין שומרון האָט געפעלט איהר גײַסטיגער, היסטאָרישער אינהאַלט. דער כראָניקער פון יענער צײַט, אין זײַן טיעף רעליגיעזער איבערצײַגונג, דריקט זיך אויס: „דאָס פאָלק האָט זיך פערקויפט צו טהון דאָס, וואָס שלעכט איז אין די אויגען פון גאָט" —, דאָס פאָלק איז געגאַנגען נִישט אויף דעם וועג, וואו עס האָט איהם געדאַרפט פיהרען זײַן אייגענאַרטיגקײַט, זײַן אָריגינאַליטעט. די רוהיגע לאַגע אין לאַנד, וואָס איז אָנגעקומען נאָך אַזוי פיעל יאָהרען פון אונגליקליכע מלחמות, דאָס רײַכקײַט פון׳ם פאָלק, נאָך אַזוי פיעל יאָהרען פון לײַדען און פעראָרימטקײַט, האָט נִישט אַרויסגערופען קײן שאַפענדע קולטורעלע טעטיגקײַט, נאָר אַ ווילדע, שטורעמדיגע תאוה זיך איבערצוגעבען דעם לוקסוס. מיט די ניעדריגסטע און גרעבּסטע תענוגים. דאָס לעבען אין שומרון, איבערהויפּט צווישען די שרים און די קצינים.

איז פערוואנדעלט געווארען אין אנ'אונענדליכער ארגיע. די אלגעמיינע שטרעבונג פון די פערמעגליכע און מעכטיגע לייט איז געווען צו בויען פאר זיך פאלאצען פון מארמאר, „צו ליעגען אויסגעצויגען אויף בעטען פון העלפאנדביין, צו עסען די פעטסטע שעפסען, די בעסטע רינדער פונ'ם שטאל, צו טרינקען וויין פון גרויסע בעקענ'ס און צו שמירען זיך מיט'ן בעסטען בוימאייל". די עהרליכע ארבייט אליין האט נישט געקאנט צופריעדען שטעלען די אונענדליכע תאוה צו מותרות און געלד, און אין לאנד האבען זיך גענומען ענטוויקלען מורא'דיגע שטרעבונגען זיך צו ערווערבען קאפיטאלען דורך פאלשקייט און בעטרוג. די שרים האבען געדריקט די פאלקס-מאסען, רייסענדיג ביי זיי אונגעהויערע אבצאהלען און שוחד. די רייכע האבען אויסגעזויגען דעם לעצטען טראפען מארך פון די ארימערע קלאסען, נעהמענדיג פון זיי גרויסע רבית (פראצענט) פאר הלוואות. די סוחרים האבען זיך בענוצט מיט פאלשע וואגען און פאלשע מאסען. דערצו האט דאס לאנד צו יענער צייט, געליטען פון אפטע אונגערעטעניש'ען אויף די פעלדער: אדער ס'האט וועניג גערעגענט און קיין תבואה איז נישט געוואקסען, אדער א היישעריג איז אנגעפאלען און אויפגעפרעסען אלע געוויקסען. דערפון האט געליטען דער ערדארבייטער-קלאס. א סך האבען געמוזט פער'משכנ'ען זייער ערד ביי די רייכערע גוטבעזיצער; די לעצטע האבען זיך אבער געקליגט צו שטעלען אזוינע בעדינגונגען זייערע לוים, אז די משכנות זאלען שוין קיינמאל נישט קאנען פון זייערע הענד ארויסגעהן. דורך דעם האבען זיך גענומען אויסבילדען גרויסע גוטבעזיצער אויף דעם רעכענונג פונ'ם ארימען ערד-ארבייטער, און די ערד האט זיך אנגעהויבען צו קאנצענטרירען אין איינצעלנע הענד. די רייכע סוחרים וויטער פלעגען אין די געראטענע יאהרען אויפקויפען ביי די פויערען תבואה פאר וואלוועל און עס אבהאלטען ביז א הונגער-יאהר, ווען זיי פלעגען קאנען דערפאר אברייסען די הויט פון המון. אויף אזא אופן האט זיך אין לאנד געמוזט אנהויבען ענטוויקלען א טיעפער אונטערשייד צווישען די פערשידענע קלאסען און שטאנדען: דאס רייכטום פון די רייכע און מעכטיגע האט זיך וואס וויטער אלץ פערגרעסערט און פערמעהרט און פון דער צווייטער זייט איז די ארעמקייט פון די ברייטע פאלקס-שיכטען אלץ שרעקליכער און דריקענדער געווארען. דאס רייכטום האט ביי די רייכע ארויסגערופען אזעלכע גראבע תאוות, ווי פרעסען, זויפען און זנות; די ארעמקייט האט ווידער ביי די ארימע ארויסגערופען די שענדליכסטע פערברעכען: גנבה, גזילה און רציחה. אזוי שרעקליך נידריג איז געפאלען דער גייסט ביי

דעם פאלק, וואס דאס גייסטיגע איז געוועזן ביי איהם זיין נאציאנאלער באדען, וואס ריכטיגקייט און גערעכטיגקייט איז געוועזן זיין גאטהייט, זיין היסטארישע בעשטימונג! און נאך מעהר שרעקליך איז דאס, וואס אין לאנד האט זיך נישט געפונען קיינער, ווער עס זאל קעמפפען געגען דער דאזיגער פערדארבענהייט, געגען די שענדליכע מעשים פון דעם גאנצען פאלק! פון דעם גאנצען נביאים און נזירים-שטאט אין שומרון, וועלכע האבען אין אליהו'ס און אלישע'ס צייטען מאסענווייז אנגעפילט דאס לאנד ישראל און האבען געלערענט דעם פאלק און געדיענט איהם מיט זייער אייגענעם ארט-לעבען אלס די בעסטע ביישפיעלען פון דער העכסטער מאראל, איז איצט געבליעבען נישט מעהר, ווי א שענע לעגענדע. אין דער צייט פון דער פערגאנגענער געפאהר, אין דער צייט פון די מלכים יהוא, אחזיה און יואש, ווען די מלוכה פון שומרון האט געהאלטען ביי'ם פערשלונגען ווערען דורך די שכנישע פעלקער און די נביאים האבען געמוזט שלום-שליסען מיט די הערשער פון לאנד, כדי דעם עקזיסטענץ פון פאלק צו ראטעווען ביי פעראייניגטע קרעפטען, האט די נבואה פערגעסען איהרע אלטע טראדיציעס: דעם קאמפף צווישען דער נבואה און דער ממשלה! און נאכדעם, ווען די געפאהר איז שוין אריבער, די מלוכה פון אפרים איז געווארען מעהר אדער וועניגער בעווארענט פון איהרע פיינד, האט שוין די נבואה נישט געקאנט זיך מעהר בעפרייען פון דער ממשלה'ס אויטאריטעט. די ממשלה-לייט האבען די נזירים אליין אנגעטרונקען מיט ווין און די נביאים האבען זיי פערזאגט: איהר זאלט קיין נביאות מעהר נישט זאגען!" די וואס זענען געבליבען געטריי דעם אידעאל פון די ערשטע נביאים, ווי די בני הרכבים, האבען אין בעסטען פאל עמיגרירט קיין יהודה און אין דער ארומיגער ארגיע פון פרעסעריי, זויפעריי, אויפגעהיצטע זיניגעריי, טענצעריי און פרויען-לוסט פון איין זייט, און פון בערויבונגען, בלוטפערגיסונגען, בעטרוגען און פאלשע שבועות פון דער צווייטער זייט איז פערשטומט געווארען גאט'ס שטים און גאט'ס ליכט איז אויסגעלאשען געווארען. און פון דאסניי האט אין לאנד אויפגעלעבט דאס געטצענדינעריי. דער קולט פון דעם יודישען גאט, דעם גאט פון גערעכטיגקייט און ריכטיגקייט, האט זיך נישט געקאנט איינלעבען מיט דער ארומיגער נידערטרעכטיגקייט; דאס רעליגיעזע געוויסען ביי די אנפיהרער פון לאנד האט געזוכט א היתר אויף די פערברעכערישע מעשים; אין די געזעצען פון דעם היסטאריש-נאציאנאלען גאט האט עס אבער אזא מין סאנקציע נישט געקאנט געפינען, און דער מלך און די שרים האבען פון דאסניי בענייט דעם קעלבער-קולט אין חן

און אין בית־אל. דאָס מאָל איז דער דאָזיגער קעלבער־קולט קינסטלין געשאַפען און געשטיצט געוואָרען נישט בלויז צוליעב פּאָליטישע צוועקען, נאָר דוקא אַלס געגענזאַטץ צום יהוה־קולט, אַלס פּראָטעסט געגען דעם נאַציאָנאַלען מאָראַל, וועלכער בעשרענקט די תאוה און פערשקלאַפט די אינסטינקטען!...

ווי אין די פריהערדיגע דורות, אַזוי אויך פאַר ירבעם דעם 2־טען איז אין דעם קעלבער־קולט קיין נײַעס, אָריגינעלעס נישט אַרײַנגעטראָגען געוואָרען; נאָר אָנשטאָט דעם, וואָס פריהער האָט דער דאָזיגער קולט מעהר אָדער ווייניגער זיך געגרעניצט מיט דער אמונה אין יהוה און מיט דער טראַדיציאָנעלער מאָראַליסטישער וועלט־אַנשויאונג, האָט דער בענײַטער קעלבער־גלויבען זיך מעהר דערנעהנטערט צו דעם פריהעליכען בעל־קולט פון די פיניצער, מיט וועלכע דאָס פאָלק פון שומרון איז ווידער אַרײַנגעטראָטען אין נאָהענטע עקאָנאָמישע בעציהונגען, צײַט דער האַנדעל אין לאַנד האָט זיך אויפגעהויבען. די לוסטיגקײַט איז געוואָרען דאַן אַ טייל פונ'ם קולטוס; צוליעב דעם זענען געשאַפען געוואָרען אין לאַנד ספּעציעלע פערווײַלונגס־פּלעצער (במות־ישחק), וואו די תאוה האָט געשפּילט די ערשטע ראָליע. אַ גרויסער טייל פון די פערברעכערישע תאוות, וועלכע עס האָבען זיך איבערגעגעבען די שומרון־לײַט, זענען דורך דעם נײַעם קולט ממילא ערלויבט געוואָרען און די איבעריגע זענען געווען גאַנץ לײַכט אויסצוקויפען מיט קרבנות און מתנות. וועגען דעם האָבען שוין די קעלבער־כהני.. געזאָרגט. וואָס מעהר פערברעכען די מאַסען זענען בעגאַנגען, אַלץ מעהר קרבנות האָבען זיי געבראַכט, און וואָס מעהר זיי האָבען קרבנות געבראַכט אַלץ מעהר פערברעכען זענען זיי בעגאַנגען. אויף אַזאַ אופן זענען די אינסטינקטען בעפריעדיגט געווען, דאָס געוויסען רוהיג און די כהנים זאַט!

נאָר אויב די אַלגעמיינע זיטען־פערדאָרבענהײַט, מאָראַלישע געפאַלענקײַט און געטצענדינערײַ האָט נישט אַרויסגערופען קיין פּראָטעסט אין אפרים גופא, האָבען די נביאים פון יהודה נישט געקאָנט גלײַכגילטיג פערהאַלטען זיך צו דער דעמאָראַליזאַציע פון די עשרת־השבטים. זיי האָבען זיך נישט גערעכענט מיט די פּאָליטישע שטרעבונגען פון די בײדע מלוכות; פאַר זיי זענען עס געווען בלויז ברידער פון איין פאָלק, פון איין אָבשטאַמונג, פון איין גאָט, און זיי האָבען זיך געפיהלט מאָראַליש פעראַנטוואָרטליך פאַר די זינד פון אפרים. זיי האָבען געפונען בײַ זיך דערצו מוט און דרייסטקײַט, און פערלאָזענדיג זייער אייגענעם לאַנד זענען זיי געגאַנגען אין אַ פרעמדער מלוכה, קעמפפען דאָרט געגען די פערדאָרבענ־

הייטען פון מלך און די שרים, פון די כהנים און פון די פאלקס-מאסען; קעמפפען, ווי אין אליהו'ס צייטען: מיט דאס געטליכע ווארט פאר דאס געטליכע, פאר דאס גערעכטע.

איינער פון די ערשטע נביאים פון יהודה, וועלכע זענען געקומען קיין אפרים מיט דעם הייליגען צוועק, איז געווען עמוס, פון דער שטאדט תקוע, נישט ווייט פון בית-לחם. געוועזען איז ער א פריעדליך-געשטימטער מענש, מיט אנ'איינפאכער בעשעפטיגונג: ארום תקוע פלעגט ער זיינע שאף פיטערען און שקמים קלייבען. נאר ווען ער האט זיך דערוואוסט פון די מעשים אין אפרים, איז ער בעגייסטערט געווארען מיט נבואה און ער איז געלאפען אין דעם זינדיגען לאנד. דארטען האט ער זיך בעזעצט אין בית-אל, וואו דער הויפט-מזבח פון דעם גאלדענעם קאלב איז געשטאנען. און וואו ס'איז געווען דער גייסטיגער צענטער. דארטען פלעגען זיך צונויפ-קומען אויף קרבנות מקריב צו זיין — דער מלך, די שרים, די רייכע און דער המון. אין בית-אל האט עמוס מיט זיינע אייגענע אויגען געזעהן, ווי דאס פאלק איז מאראליש געפאלען, ווי דאס פאלק פערליערט אלץ מעהר זיין אייגענארטיגקייט און זיין אריגינאליטעט, און ער איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אז דאס איז דער אנהויב פון אונטערגאנג, פון דער נאציא-נאלער אבשטארבונג: א פאלק, וועלכעס פערליערט זיין גאט, זיין היסטאריש-נאציאנאלע אנשויאונג, זיין נאציאנאלען אינהאלט, קאן נישט עקזיסטירען, קאן אין דעם אונענדליכען פעלקער-קאמפף גארנישט געווינען. מיט דער פאלשטענדיגער ענטשלאסענקייט איז ער געגאנגען ראטעווען דאס פאלק, כל זמן עס איז נאך צייט. דערצו האט ער אנגענומען אזעלכע מיטלען, וועלכע זענען גאנץ ניי געווען אין אפרים: אנשטאט די מופתים פון אליהו, און אנשטאט דער פערבארגענער פאליטיק פון אלישע, האט ער גענומען אפענע רעדעס האלטען פאר'ן המון אינ'ם נאמען פון גאט. א בעגייסטערטער פון דער נבואה, האט ער שטראף-רעד געשאטען אויף די קעפ פון דעם מלך און די שרים און די כהנים און די שופטים; א פייער האט אין די דאזיגע רעד געברענט און דאך האבען זיי ווי וואונדערליכע ליעדער גע-קלונגען. אין זיי האט געפלאקערט דער צארן פון א הארץ, וואס פיהלט, ווי מען פערשמוצט אלץ, וואס איהם איז הייליג, און עס האט זיך גע-דיסען א רחמנות-געבעט פון א נשמה, וואס זעהט, ווי עס שטעהט אין געפאהר אלץ, וואס איהר איז טייער. עמוס וויינט, און בעט זיך, און טרייסט און האפט — און דאס אלץ אין א געטליך מוזיקאלישער פארם, וועלכע גיט צו זיינע ווערטער דעם האראקטער פון א בעצויבערנדער מעלאדיע.

„הערט צו, איהר, וועלכע פערשלינגען דעם ארימאן און פערטיליגען דעם שוואכען! (איהר ווארט) „ווען וועט שוין פארבייגעהן דער פייערטאג (חדש) און מיר וועלען זיך נעהמען צום האנדעל, און ווען וועט שוין פערבייגעהן דער שבת און מיר וועלען עפענען די תבואות — צו פער־קלענערען די איפה[1]) און פערגרעסערען דעם שקל[2]) און פערקרימען די פאלשע געוויכט! פאר געלד אבצוקויפען די נישט פערמעגליכע און פאר א פאר שיך — די ארעמע...‟ גאט שווערט ביי דעם שטאלץ פון יעקב: „אויב איך וועל אויף אייביג פערגעסען זייערע מעשים!‟ „צי דארף דען דערויף נישט אויפציטערען די ערד און צי דארף דערויף נישט טרויערען יעדע בעשעפעניש?... און עס וועט געשעהן אין יענעם טאג — זאגט גאט — און איך וועל אונטערברענגען די זוהן אין מיטען טאג און איך וועל פינסטער מאכען איבער׳ן לאנד אין העלען טאג. און איך וועל פערוואנדלען אייערע פייערטעג אין א טרויער־טאג און אייערע אלע געזאנגען אין א קלאג־ליעד; און איהר וועט זיך אויף די לענדען זעק אנגורטען און פון אייערע קעפ וועט איהר די האר זיך פליקען!... עס קומען טעג, זאגט גאט דער אלמעכטיגער, און איך וועל אנשיקען אין לאנד א הונגער — נישט קיין הונגער אין ברויט, און נישט קיין דארשט אין וואסער — נאר צו הערען די רעד פון גאט. און זיי וועלען וואנדערען פון איין ים צום צווייטען ים, און פון צפון ביז׳ן מזרח וועלען זיי זיך לאזען זוכען גאטס ווארט און זיי וועלען נישט געפינען, אין יענעם טאג וועלען פערשמאכט ווערען פון דארשט די שענע טעכטער און די אויסדערוועהלטע זיהן — די, וואס שווערען ביי דעם זינד פון שומרון און זאגען „ביים לעבען פון דיין גאט, דן־״, און ביי דעם וועג, וואס פיהרט קיין באר־שבע־״ און זיי וועלען פאלען און מעהר זיך נישט אויפהויבען!‟...

ווען עמוס האט געלעבט אין בית־אל, אינ׳ם צענטר פון דער אפרים־מלוכה, האט ער געזעהן, אז אין דער פערדארבענער גייגונג צום אונגעהויערען לוקסוס זענען איבערהויפט שולדיג די פרויען. זיי שטעלען גרויסע פאדערונגען פאר זייער גענוס און די מענער מוזען עס ערפילען. דאן ווענדעט זיך צו זיי דער נביא מיט זיינע שטרענגע רעד:

„הערט נאר צו דאס ווארט, איהר, בשן־קיה, וואס אויפ׳ן בארג שומרון... די, וואס רויבען די ארימע און ברעכען די שוואכע; די וואס זאגען צו זייערע מאנען: „ברענג און מיר וועלען טרינקען! גאט דער אלמעכ־

[1]) מאס פון פערקויף. [2]) די מטבעות.

טיגער שווערט ביי זיין הייליגקייט: עס קומען אן אויף אייך טעג און מען וועט אייך אוועקשלעפען אויף שיפלעך און אייער רעשט — אויף פישערקאנען... קומט קיין בית-אל און זינדיגט, קיין גלגל קומט און פערמעהרט דעם צאהל פון אייערע פערברעכען — און ברענגט אויף מארגען אייערע קרבנות און אויף איבערמארגען אייער מעשר. און איהר זאלט מקריב זיין פון זויער-טייג א תודה און איהר זאלט לאזען אויסרופען אויף נדבות — דאס האט איהר דאך ליעב, איהר, די קינדער פון ישראל! — אזוי זאגט גאט דער אלמעכטיגער! נאר איך האב אבער אייך אויך געגעבען צייןריינקייט אין אייערע אלע שטעדט און ברויט-מאנגעל אין אייערע אלע געגענדען, און איהר האט אייך דאך נישט אומגעקעהרט צו מיר! — אזוי זאגט גאט! דאן האב איך אויך פערמיטען פון אייך דעם רעגען: עס איז בלויז נאר דריי חדשים צו שניט געבליבען און איך האב אויף איין שטאדט גערעגענט און אויף דער צווייטער שטאדט האב איך קיין רעגען נישט געשיקט; איין טייל פעלד איז בערעגענט געווארען און דער צווייטע טייל פעלד איז נישט בערעגענט געווארען; און עס האבען דריי שטעדט געוואנדערט צו א פיערטער, וואסער צו בעקומען, און זיי האבען זיך נישט געקאנט אנזעטיגען — און איהר האט אייך דאך צו מיר נישט אומגעקעהרט. אזוי זאגט גאט! איך האב אייך געפלאגט מיט שטורם-ווינדען און מיט אונגערעטענישען: דאס מעהרסטע פון אייערע גערטנער און ווייןגערטנער און אייערע איילבערטבוימער האט דער היישעריק אויפגעפרעסען און איהר האט אייך זיך צו מיר נישט אומגעקעהרט — אזוי זאגט גאט! איך האב אויף אייך א מגפה אנגעשיקט; איך האב אייערע זיהן געטוידט, פון אייערע געפלאגטע לאגערען האט א געשטאנק געטראגען אין אייערע נעזער — און איהר האט אייך דאך צו מיר נישט אומגעקעהרט — אזוי זאגט גאט! איך האב צווישען אייך איבערקעהרענישען געמאכט, ווי די איבערקעהרענישען פון סדום און עמורה, און פון אייך איז נאר איבערגעבליעבען, ווי עס בלייבט א פערברענטע קוילע פון פייער — און איהר האט אייך דאך צו מיר נישט אומגעקעהרט — אזוי זאגט גאט! דארום וועל איך אזוי מיט דיר זיך בעגעהן, ישראל!... גרייט זיך געגען דיין אלמעכטיגען גאט... ווייל דער בעשעפער פון בערג און ווינד, וועלכער זאגט פאראוים דעם מענשען זיינע געדאנקען, מאכט פינסטער דעם מארגענשטערען און טרעט ארוים אויף די ערהויבענישען פון דער ערד — גאט, דער אלמעכטיגער הערשער איז זיין נאמען!...״

עמוס אליין האט קיין וואונדער נישט געוויזען, ער האט נישט

בעאונרוהיגט דער נאטור, אום צו דערווייזען די הייליגקייט פון זיינע רעד; ער האט אבער אלע נאטור־קאטאסטראפען, וואס זענען דאן פארגעקומען אין שומרון, געשטעלט אין צוזאמענהאנג מיט די זינד פון פאלק. אין דעם בעשטעהט די וועלט־אנשויאונג פון דער נבואה. זי לייקענט אב יעדע מעגליכ־קייט פון א צופאל. אליץ וואס עס געשעהט אין דער נאטור, קומט פאר לויט דעם ווילען פון דעם אלמעכטיגען הערשער, אין אליץ מוז מען זעהן די ווירקונג פון דער אויבערשטער השגחה. „קאן דען פאסירען אן־אונגליק אין א שטאדט און גאט זאל עס נישט מאכען?!“... דער ווילען פון אלמעכטיגען צו טהון בייזעס איז אבער אבהענגיג פון די טהאטען און פון די פערדיענסטען פון פאלק. יעדעס אונגליק, וואס א לאנד בעגעגענט, איז פאר זיין זינדיגקייט, נאר גאט שטראפט נישט איידער ער איז דאס פאלק מודיע און מתרה דורך זיינע שלוחים, די נביאים. „דען גאט דער אלמעכ־טיגער וועט קיין זאך נישט טהון, איידער ער וועט זיין סוד נישט ענטפלעקען צו זיינע קנעכט, די נביאים“. עמוס גלויבט אלזא, אז ווען דער מענש דערגרייכט צו דער מדרגה פון נבואה, קאן ער פאראויס זעהן און פאראויסזאגען די צוקונפט.. — מיט דעם גייסט זענען ווירקליך דורכגעדרונגען געוועזען די נבואה־רעד פון עמוס.

די פערשידענע אונגליקען, וואס האבען אין שומרון געטראפען, רעכענט ער אלס שטראף פאר די זינד פונים פאלק. מיט שטרענגע ווערטער און מיט שווידערהאפטע בילדער מאכט ער דערויף אויפמערקזאם די בעפעלקע־רונג; ער בענוגענט זיך אבער נישט מיט דעם אליין און זאגט פאר די פאלגען, וואס דאס פאלק וועט אויף זיך ברענגען, ווען עס וועט זיינע מעשים נישט פערבעסערען: הונגער, טריקעניש, שטורם־ווינדען, היישעריג און פעסט — אין דער פערגאנגענהייט; ערד־ציטערניש, מלחמות, מפלות — אין דער צוקונפט!

עמוס האט אבער נישט נאר מיט אנשרעקענישען אליין געוואלט ווירקען אויפ׳ן פאלק; ער האט אין זיין נבואה זיך בענוצט אויך מיט לאגישע אי־בערצייגונגען; ער האט געוויזען דעם פאלק, ווי ווייט עס איז נישט דאנקבאר זיין גאט:

„און איך האב פערטיליגט פאר אייך דעם אמורי, וועלכער איז הויך געוועזען ווי די צעדערען און מעכטיג געוועזען ווי די דעמבעס, איך האב אויס־געראטען זיינע פרוכט פון אויבען און זיינע ווארצלען פון אונטען. און איך האב אייך אויפגעבראכט פון לאנד מצרים און האב אייך געפיהרט פירציג יאהר אין א מדבר, כדי אייך איבערצוגעבען דאס לאנד פון אמורי. און איך

האָב פון אַייערע זיהן אויפגעשטעלט פאַר נביאים און אַייערע בעסטע קינדער — פאַר נזירים — נישט אַזוי דען, בני ישראל?!... האָט איהר אָבער אָנגעשכור'ט מיינע נזירים מיט ווײַן, און די נביאים האָט איהר פערזאָגט: איהר זאָלט קײן נביאות נישט זאָגען!..."

די נבואה פון עמוס איז געווענדט געגען דער נאַכלעסיגקײט פונ'ם מלך, געגען דער אונגערעכטיגקײט פון די שרים, געגען דער פאַלשקײט פון די שופטים, געגען דעם געלדגײַץ פון די רײַכע, געגען דער תאוה צו זנות, צו לוקסוס, געגען דאָס געצענדיענערײַ א. ז. וו. דאָס אַלץ ליעגט, פערשטעהט זיך, אין דעם גײַסט פון די פאָלקס-טראַדיציעס; נײַ איז דאָ בלויז די פּאָעטישע פאָרם, אין וועלכער דער נביא האָט זײַנע געדאַנקען אויסגעדריקט; דערפאַר אָבער זעהען מיר איהם אין דער הינזיכט פון קרבנות אַלס נאָוואַטאָר, אַלס בענײַער. דאָ דריקט ער שוין אויס נײַע בעגריפען, דאָ קעמפפט ער שוין זאָגאַר געגען דער טראַדיציע. שמואל נאָך האָט שוין אויך קלײן געמאַכט די בעדײַטונג פון קרבנות, דאָך האָט ער נישט געהאַט בײַ זיך אַזוי פיעל דרײַסט עם אינגאַנצען אונטערצוברעגען; עמוס אָבער פערפיהרט אַן אָפענעם קאַמפף געגען דער דאָזיגער אינסטיטוציע, וועלכע איז נאָך איבערגעבליעבען אַ ירושה פון די דורות, ווען דאָס פאָלק האָט נאָך נישט געקאָנט אינגאַנצען דורכגעדרונגען ווערען מיט דער אידעע פון דער קערפערלאָזער געטליכקײַט, און וועלכע האָט געהאַט אַזאַ שלעכטען אײַנפלוס אויף די מאָראַלישע בעגריפען פון די מאַסען, אַרײַנגעבענדיג זײַ אַ פאָרשטעלונג, אַז יעדעס פערברעך קאָן ווערען אויסגעקויפט דורך אַ געקוילעטען שעפס אָדער אַ פערברענטע רינד.

„איך האָב פײַנד אײַערע פײַערטעג און מיר שמעקען נישט אײַערע יום-טוב-קרבנות. אויב איהר וועט פאַר מיר אויפברענגען עולות און מנחות, וועל איך זײַ נישט בעוויליגען, און צו די שלמים פון אײַערע פעטע שעפסען וועל איך זיך נישט אומקוקען. דערווײַטער פון מיר דעם קלאַנג פון דײַנע לידער און דאָס לויב-געזאַנג פון דײַנע האַרפען זאָל איך נישט הערען! זאָלען וואַקסען, ווי אין וואַסער, די קוואַליעס פון גערעכט און מעכטיג זאָל שטראָמען די גערעכטיגקײַט, ווי אַ גרויסער טײַך. האָט איהר מיר די פערציג יאָהר אין דער מדבר געבראַכט זבחים אָדער מנחות?!...

עמוס האָט זײַנע נביאות אָנגעהויבען צו זאָגען צוויי יאָהר פאַר דער גרויסער ערד-ציטערניש, וואָס האָט אין ירבעם דעם צווייטענס צײַט אויסגעטרייסעלט דאָס גאַנצע לאַנד. דער נביא האָט זאָגאַר פאָרגעזאָגט די ערד-ציטערניש און האָט געהאָפט, אַז די דאָזיגע קאַטאַסטראָפע וועט אומ-

קעהרען די הערצער פון זיינע ברידער צו זייער גאט, נאר ווען ער האט ענדליך געזעהן, אז דאס האט אויך אויפ'ן פאלק ווייניג געווירקט, האט ער שוין אינגאנצען פערלוירען די האפנונג, אז דאס פאלק זאל זיך ווען ס'איז אויסניכטערען פון זיינע תאוות און זיך ארומקוקען, וואו עס האלט אין דער וועלט. און דערווייל איז געווען זעהר פיעל וועגען וואס א טראכט צו טהון. איבער דער פאדערשטער אזיען האט זיך גענומען רוקען א פינסטערע כמארע: אשור האט זיך אליץ מעהר געשטארקט, איינגענומען איין מלוכה נאך דער אנדערער און זי האט שוין ארויסגעוויזען איהר קאלאסאלען אפעטיט צו פערשלינגען דעם גאנצען מזרח. אין אפרים האט אבער זיך דערווייל פערשאפט דער קלאסען-אנטאגאניזם, דאס נאציאנאלע בעוואוסטזיין איז אליץ שוואכער געווארען, דער מלך און די שרים האבען פערטרונקענע אין קורצזיכטיגען אפטימיזם זיך נישט געמיהט צו פערפעסטיגען די לאגע פון לאנד, כל זמן עס איז נאך צייט געווען, כל זמן די געפאהר איז נאך וויט געווען. דאן האט דער נביא מיט א פערבלוטיגט הארץ אויסגעשפראכען איבער אפרים זיין לעצטען אונפערמיידליכען דעקרעט:

„וועה צו די רוהיגע... און די זארגלאזע אויפ'ן בארג שומרון!.. די, וואס ליגען אויף בעטען פון העלפאנד-ביין און אויסגעצויגען אויף זייערע בעלעגערס, פרעסען די געשטאפטע צווישען די שעפסען און די יונגסטע קעלבער פון שטאהל. די וואס שפיעלען אויף דער הארפע, און מיינען, אז ווי דוד'ן פאסט זיי דאס שפיעל-געוועהר. די וואס טרינקען ווין פון די בעקענס און שמירען זיך מיט'ן פעטסטען בוימאייל און זייער הארץ קרענקט גארנישט אויף דעם בראך פון יוסף!.. דערפאר וועלען זיי די ערשטע פערטריבען ווערען אין געפענגעניש און דאן וועט זיך ענדיגען די ארגיע פון די זארגלאזע!... גאט דער אלמעכטיגער האט געשווארען ביי זיין ווילען: אזוי האט געזאגט גאט דער הערשער: איך פערהאס דעם שטאלץ פון יעקב און זיינע פאלאצען האב איך פיינד און איך וועל דארום אין פרעמדע הענד איבערגעבען די שטאדט שומרון און אליץ, וואס אין איהר געפינט זיך... דען איך וועל געגען אייך, בית-ישראל, אויפהויבען א פאלק, זאגט גאט דער אלמעכטיגער הערשער, וועלען זיי אייך דריקען פון דעם גרענעץ חמת ביז דעם געזאלצענעם ים...“ און ווייטער האט ער געזאגט, אז עס וועלען וויסט ווערען די פערוויילונגס-פלעצער און די הייליגטימער פון ישראל וועלען רואינירט ווערען און די פאמיליע פון ירבעם וועט דורכ'ן שווערד פאלען.

די דאזיגע שרעקליכע ווערטער האט עמוס געזאגט אפען פאר'ן גאנצען

המון אין בית-אל, ביים מזבח פון דעם גאלדענעם קאלב. אמציה, דער כהן פון בית-אל, האט דערהערט די דאזיגע רעד און האט געשיקט אנזאגען דעם מלך פאלגענדעס: „עמוס האט צווישען פאלק געגען דיר אויפגעהויבען א בונט. דאס לאנד קאן מעהר נישט פערטראגען זיינע רעד. דען אזוי האט עמוס געזאגט: ירבעם וועט דורכ'ן שווערד געטוידט ווערען און ישראל וועט פון זיין לאנד פערטריבען ווערען!" דאן איז אמציה בעפאלמעכטיגט געווארען פארצולעגען עמוס'ן, ער זאל זיך אומקעהרען צוריק אין זיין פאטערלאנד און דארטען פארטזעצען זיין נביא'ישע טעטיגקייט. אין בית-אל אבער — האט איהם אמציה פערזאגט — זאלסטו, נשיא, מעהר נישט וואגען נבואה צו זאגען, ווייל דא איז דאס הייליגטהום פון מלך און דא געפינט זיך דאס הויגעזינד פון מלך". עמוס האט איהם דערויף געענטפערט: איך בין נישט קיין נביא און נישט קיין זוהן פון קיין נביא, איך בין א פיה-הענדלער און א שקמים-קלייבער. און גאט האט מיר אוועקגענומען פון די שאף און ער האט מיר געזאגט: געה, זאג נביאות איבער מיין פאלק ישראל! און איצט הער גאט'ס ווארט: דו פערזאגסט מיר, איך זאל קיין נביאות נישט זאגען איבער ישראל און איך זאל נישט רעדען איבער די פערוויילונגס-פלעצער. דעריבער האט גאט אזוי געזאגט: דיין ווייב וועט דיר אין שטאדט פערראטען, דיינע זיהן און דיינע טעכטער וועלען דורכ'ן שווערד פאלען און דיין ערד וועט מיט'ן שטריק-מאס צוטיילט ווערען און דו וועסט אין אן'אומווירדיגע לאנד שטארבען און ישראל וועט פון זייער לאנד פערטריבען ווערען!...

די שטרענגע ווערטער פונ'ם נביא האבען נישט אויפגעוועקט דאס פאלק, דעם מלך און די שרים פון זייער שכרות — און מיט א מין קאפשווינדעלנדע פלינקייט האבען זיך די אינערליכע און אויסערליכע בעדינגונגען אין לאנד אזוי צונויפגעפלאנטערט, אז זיי האבען ענדליך געמוזט פיהרען דער מלוכה צו דער אונגליקליכער קאטאסטראפע, וועגען וועלכער עמוס האט פאראויס געזאגט. נאכדעם, ווי ירבעם דער צווייטער איז געשטארבען, האט זיך ווירקליך אנגעהויבען א בונט געגען דער דינאסטיע פון יהו. די ארימע און שוואכע קלאסען האבען נישט געקאנט זיין צופריעדען מיט'ן מלך און מיט דער ארדנונג, אויף וועלכען עס שטיצען זיך די רייכע און די מעכטיגע, מיט וועמענ'ס הילף און איינשטימונג די לעצטע שטעלען צופריעדען זייערע געלדגייציגע רויבער אפעטיטען. אפשר איז אין דער הינזיכט גראד געוועזען דעם נביא'ס אויבענדערמאהנטער רמז, וועגען וועלכען אמציה דער כהן פון בית-אל האט גערעדט, דער אונגליקליכער

פּונק, וואָס איז אַרײַנגעפֿאַלען אין דעם פּולווער־באַרג. די טראָן־קריגערײַען פֿאַר דער מלוכה, וואָס איז נאָר וואָס איצט עטוואָס צו זיך געקומען איז געווען אַן׳אומגליק געווען; דער נביא האָט אָבער דעם פֿעררעט אין בעסטען פֿאַל נישט פֿערהיט, זײַענדיג ווײַטער געטרײַ די אַלטע נבואה־טראַדיציעס, וועלכע האָט שטענדיג געאָפּפּערט דעם פּאָליטישען און עקאָנאָמישען וואָהל־שטאַנד פֿאַר דעם מאָראַלישען אידעאַל. און אָט אַזוי האָבען זיך אין לאַנד בענײַט די מהומות, וועלכע האָבען סוף כל סוף געפֿיהרט צו זײַן פֿאָלשטענדיגען חורבן. נאָך ירבעם׳ן האָט דעם טהראָן אין שומרון גע׳ירש׳ענט זײַן זוהן זכריהו. ער האָט אָבער געהערשט איבער׳ן לאַנד נישט מעהר, ווי זעקס מאָנאַטען: געגען איהם און געגען זײַן גאַנצע פֿאַמיליע האָט זיך צוזאַמענ־געשטעלט אַ מרידה. שלום בן יבש, דער ראש־המורדים, האָט איהם צום טוידט דער׳הרג׳עט גאַנץ אָפֿען, „פֿאַר די אויגען פֿונ׳ם פֿאָלק", נאָכהער האָט ער אומגעבראַכט דאָס גאַנצע הויז פֿון יהוא און אַליין פֿערהאַפּט די מלוכה. איינער פֿון די נביאים, וועלכער האָט פֿאָראויס גערעדט וועגען דעם דאָזיגען נאָהענטען קעניג־מאָרד, האָט עס געזעהן אַלס אַ נקמה פֿון דער השגחה פֿאַר דעם בלוט פֿון בית־אחאב, וואָס יהוא האָט פֿערגאָסען. דאָס איז מערקווירדיג: יהוא האָט אויסגעטוידט אחאב׳ס פֿאַמיליע מיט אלישע׳ס וויסען, נאָר די נבואה רעכענט יעדען פֿערברעך אַלס פֿערברעך, ווען זאָגאַר עס איז היסטאָריש נעטהיג, און פֿערגאָסענעם בלוט מוז ענדליך בע־שטראָפֿט ווערען מיט בלוט, ווען עס איז זאָגאַר פֿערגאָסען געוואָרען מיט׳ן ווילען פֿון גאָט!

דאָס זעלבע האָט פּאַסירט מיט שלום בן־יבש. ער האָט נאָך זײַן שטראָף בעקומען פֿיעל גיכער, ווי די דינאַסטיע פֿון יהוא. עס איז קוים אַ מאָנאַט אַוועק, ווי שלום בן־יבש האָט זיך אויפֿ׳ן קעניג־שטוהל געזעצט, און עס איז געגען איהם אויך צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען אַ פֿערשווערונג. מנחם בן גדי, פֿון תרצה (שײַנט צו זײַן אַ שר־הצבא) איז מיט אַ גאַנצע מחנה אָנגעקומען קיין שומרון און ער האָט דערהרג׳עט שלום בן־יבש׳ן און האָט דעם טהראָן פֿערהאַפּט. מנחם׳ן האָט אָבער נישט דאָס גאַנצע פֿאָלק געוואָלט אַנ׳ערקענען פֿאַר אַ הערשער. אין דער שטאָדט תפסח האָט זיך אויפֿגעהויבען אַנ׳עפֿענטליכער בונט און צו איהם זענען צוגעשטאַנען די אַרומיגע געגענדען. מנחם האָט אָבער, מיט דער הילף פֿון זײַן געטרײַער מחנה, גיך אַנ׳ענדע געמאַכט צו דעם אויפֿשטאַנד: ער האָט תפסח חרוב געמאַכט, די אַרומיגע שטעדט האָט ער צושלאָגען, די אײַנוואָהנער האָט ער אויסגעטײַט מיט דער גרעסטער אכזריות, זאָגאַר „די שוואַנגערע פֿרויען

האָט ער צוריסען !" — דער דאָזיגער אונגעוועהנליכע ביישפיעל צווישען די מלכי-ישראל פון אכזריות'דיגער בעהאַנדלונג, אין דער בעציהונג צום אייגענעם פאָלק, האָט, פערשטעהט זיך, נאָר געקאָנט פערשטאַרקען אין שומרון די אונצופריעדענהייט מיט דעם אוזורפּאַטאָר*); ער האָט אָבער פערשטאַנען אָנצוואַרפען אַ שרעק אויף דער בעפעלקערונג און איז אויפ'ן טהראָן געבליבען.

און דערוויַיל, אונטער דער צייט, ווען אין אפרים גופא זענען פאָרגעקומען אינערליכע מהפכות, האָט זיך אויפ'ן לאַנד אַלץ נעהנטער אָנגערוקט אויך די אויסערליכע געפאַהר, וועגען וועלכער עס האָט מרמז געווען אין ירבעם'ס צייטען דער נביא עמוס. די שרים זענען געווען פערנומען מיט'ן מלכים-שפּיעל, דאָס פאָלק איז געווען טעראָריזירט און קיינער האָט דערווייל נישט בעמערקט, ווי אַשור געהט אַלץ נעהנטער און נעהנטער צו ארץ ישראל. פערנעהמענדיג אין אָנפאַנג בלויז דעם אויבערשטען טייל פון מעסאָפּאָטאַמיען צווישען די בעריהמטע טייכען חדקל און פרת — האָט אַשור, נאָך אַ פיעל-דורות'דיגער ענטוויקלונג, אַלץ וויַיטער פערברייטערט איהרע גרענעצען און איז געוואָרען די מעכטיגסטע מלוכה אין דער פאָדערשטער אזיען. איינער פון די שפּעטיגערע נביאים מאָלט די גרויסקייט פון דעם דאָזיגען פאָלק מיט רייצענדע בילדער:

„אַשור איז אַ לבנון-צעדער, מיט שענע צווייגען און מיט וואַלד-געדיכטע שאָטענס, פון ריעזיגער הויך — אַז ביז די וואָלקענס האָט זיין שפּיץ דערגרייכט. דאָס וואַסער האָט איהם אויסגעהאָדעוועט, דער אָבגרונד האָט איהם ערהויבען; ער (דער אָבגרונד) האָט געפיהרט זיינע טייכען אַרום זיין וואָרצעל און זיינע סאָזשעלקעס האָט ער געשיקט אַרום זיינע שפּראָצונגען. דאַרום איז דער דאָזיגער אַשור-צעדער אויסגעוואַקסען העכער פון אַלע פעלד-בוימער: זיינע שפּראָצלינגען האָבען זיך געמעהרט, זיינע צווייגען האָבען זיך געשפּרייט — אַ דאַנק די פיעלע וואַסערען, וואָס האָבען איהם געפּלעגט. אויף זיינע שפּראָצלינגען האָבען אַלע פויגלען זייערע נעסטען געבויט און אונטער זיינע צווייגען האָבען אַלע חיות זייערע קינדער געבוירען. און שען איז ער געווען מיט זיין הויכען געוואוקס, און הערליך איז ער געווען מיט זיינע לאַנגע צווייגען... די צעדערען האָבען איהם נישט געקאָנט פערהונקלען, די באָקסען-בוימער האָבען זיך נישט געקאָנט גלייכען צו זיינע שפּראָצלינגען און די קאָסטאַניען-בוימער זענען נישט געווען ענליך צו

*) טראָן-פערהאַפּער.

זיינע צווייגען; קיין בוים אין געטליכען גאָרטען האָט זיך נישט געקאָנט גלייכען צו איהם אין הערליכקייט—"

אַ צווייטער נביא קומט אין התפעלות פון דער גבורה פון אַשור׳ס חיל און דריקט עס אויס אין פאָלגענדע ווערטער:

„גיך און ראַשיג קומט ער אָן. נישטאָ קיין פערמאַטערטער און נישטאָ קיין געשטרויכעלטער אין זיינע רייהען; ער דרעמעלט נישט און שלאָפט נישט; ער גורט קיינמאָל נישט פונאַנדער דעם גאַרטעל פון זיינע לענדען און בינדט קיינמאָל נישט פונאַנדער דעם בענדעל פון זיינע שיך. זיינע פיילען זענען שטענדיג שאַרף, זיינע בויגענס זענען שטענדיג אָנגעצויגען; די קאָפּיטעס פון זיינע פערד זענען ווי פעלזען־שטיין און זיינע רעדער זענען ווי אַ שטורם־ווינד. אַ געשריי האָט ער פון אַ לייב, ער טהוט אַ ברום און האַפּט זיין קרבן, שלעפּט אַוועק און ראַטעווען וועט שוין קיינער; עס הילכט זיין שטים, ווי די רוישונג פון ים, און אַז ער גיט אַ בליק אויף אַ לאַנד — ווערט עס פינסטער און ענג, אין די וואָלקענס ווערט דאַן דאָס ליכט אויסגעלאָשען..."

און דאָס דאָזיגע גרויזאַמע פאָלק האָט פון זיין הויפּט־שטאָדט נינוה אויסגעשטרעקט זיין האַנד איבער דער אוראַלטער וועלט. איינגעהמענדיג אַ סך ערד אין אַרמעניען, אין קליין־אַזיען, אין מדי, אין פרס און אין בבל, האָבען זיך די אשורער אַ לאָז געטהון צום מערב, צו די ברעגען פון מיטעללענדישען ים. זיי האָט זיך געוואָלט בעקעמפען דמשק, מיט וועלכער זיי האָבען שוין פון לאַנג אָן מלחמה געהאַלטען, זיי האָבען געוואָלט צונעהמען די רייכע פיניציע, די מלוכות פון יהודה און ישראל און ענדליך צו קומען צו דעם גרויסען און מעכטיגען לאַנד מצרים. כדי די מלוכה פון ישראל זאָל זיך קאָנען פיעל ווייניגער שיצען געגען די דאָזיגע לעגענדאַרישע זיגערס פון אשור, האָט אין לאַנד געמוזט זיין אַ פעסטע הערשענדע מאַכט, ביי וועלכער דאָס בעוואוסטזיין פון די נאַציאָנאַלע פפליכטען צום פאָלק און צום לאַנד זאָל זיין איינגעוואָרצעלט פון דורות; דערצו האָט דאָס פאָלק געדאַרפט זיין פעסט אָרגאַניזירט פון אינווייניג — דאָס אַלץ האָט געפעהלט אין אפרים אין יענעם אונגליקליכען מאָמענט, ווען אשור איז אָנגעפאַלען אויף שומרון. דאָס פאָלק איז געווען צוריסען אויף פאַרטייען און קלאַסען און די אוזור־פּאַטאָרישע הערשער האָבען נאָר געקלערט ווי צו בעקעמפען זייערע אי־נערליכע געגנער. כדי איינצוהאַלטען די ממשלה אין די הענד האָבען זיי זיך פאַר די שענדליכסטע מיטלען נישט אָבגעשטעלט. אַזוי האָט מנחם בן גדי דער מלך פון ישראל אַליין אָהן אַ שום ווידערשטאַנד אַנערקענט אויף זיך

דעם אויטאריטעט פון פול, דעם הערשער פון אשור, אבי נאר ער זאל איהם העלפען גובר זיין זיינע פיינד אינ'ם לאנד גופא. דערפאר וואס פול האט מנחם'ן אנערקענט אלס מלך איבער אפרים, האט דער הערשער פון אשור פון איהם בעקומען א גרויסע סומע זילבער פון טויזענד ככרים; דאס געלד האט מנחם אויפגעמאהנט פון די רייכע אין לאנד, צו פופציג שקלים פון יעדען. פול האט זיך אויף דערווייל בעגנוגענד מיט זיין ערשטען ערפאלג און זיך צוריקגעקעהרט קיין אשור.

אין א יאהר צעהן ארום, נאכדעם ווי מנחם איז מלך געווארען, איז ער געשטארבען און די מלוכה האט גע'ירש'נט זיין זוהן פקחיה. זיין ממשלה איז אבער געווען נישט קיין דויערהאפטע: די אונצופריעדענהייט, וועלכע איז פאר זיין אכזריות'דיגען פאטער געווען בעגראבען טיעף אין דער נשמה פונ'ם פאלק, האט ענדליך אויסגעבראכען און אנגענומען דעם כאראקטער פון אנ'אפענער מרידה. דער שר־צבא פקח בן רמליהו מיט דער הילף פון נאך פופציג גלעד־לייט, האט אוועקגעהרג'עט מנחם בן־גדי'ס יורש און האט פערנומען די ממשלה אין די אייגענע הענד. דעם טייל פון דער בעפעלקערונג, וועלכער איז נישט געווען צופריעדען מיט מנחם בן־גדי און זיין זוהן פקחיה, האט אויך נישט איינגעשטימט מיט זיין פאליטיק בנוגע צו אשור, דארום האט פקח בן־רמליהו, שטיצענדיג זיך אויף דער דאזיגער פארטיי, געזוכט מיטלען ווי פטור צו ווערען פון אשור'ס אפוטרופסות, וועלכע די פריהערדיגע מלכים האבען מיט'ן גוטען ווילען אנערקענט. מיט דעם ציעל האבען דער מלך און זיינע אנהענגער געווענדעט זיך צו די איבריגע פעלקער, וועלכע זענען געדריקט געווארען דורך אשור, ווי די פיניצער און ארמער, מיט דעם פארשלאג, זיי זאלען צוזאמען צונויפשטעלען איין בונד געגען זייער אלגעמיינעם פיינד. פקח האט געהאפט, אז צו דער דאזיגער אונטערנעהמונג וועט ער געווינען דעם מיטגעפיהל אויך פון דעם מלך יהודה און איבערהויפט פון מצרים. דער דאזיגער שריט איז געווען זעהר א דרייסטער אבער אויך זעהר א געפעהרליכער. די אויסערליכע פאליטיק אין שומרון איז אויף אזא אופן אלץ מעהר פערפלאנטערט געווארען. אלץ נעהנטער איז געקומען דער מאמענט פון דעם ענטשלאסענעם קאמפף, וועלכער האט געשטעלט אין קאן דעם גאנצען קיום פון דער אפרים־מלוכה.

דאס אינערליכע לעבען אינ'ם לאנד איז זיך אבער דערווייל געגאנגען אויף דעם אלטען שטייגער. די אלגעמיינע ליידענשאפטליכע ארגיע האט זיך נישט דערשראקען זאגאר פאר דער נאהנטער געפאהר. די אוזורפאטארען האבען געמוזט אונטערשמייכלען די מעכטיגע, רייכע און הערשענדע קלאסען.

די פערמעגליכע לייט און שרים האָבען ווי פריהער געדריקט און געזויגען די פאָלקס-מאַסען; דער אַדעל האָט ווי פריהער זיך איבערגעגעבען די שענדליכסטע תאוות, ווירקענדיג דערמיט זעהר דעמאָראַליזירענד אויף די ניעדעריגע קלאַסען; די אָפטע פאָליטישע מהפכות, וואו עס האָט זיך פיעל בלוט געגאָסען, האָבען נאָך וועלוועלער געמאַכט דעם ווערט פונ'ם מענשען. דאָס אַלץ האָט נאָך מעהר געטריבען דאָס פאָלק אויפ'ן וועג פון געצענדיענעריי, אַלץ ווייטער פון יהוה, אַלץ ווייטער פון דעם נאַציאָנאַלען געוויסען. די ווינציגע ניכטערע, וועלכע האָבען געפרובט וועקען דאָס פאָלק און רופען איהם צום פערשטאַנד, איהם קלאָר מאַכען זיין ווירקליכע מאָראַלישע און פאָליטישע לאַגע האָבען פון די הערשענדע שיכטען בעקומען אַני-ערנסטען ווידערשטאַנד: שפּאָט, פערפאָלגונגען און ערמאָרדונג האָבען בעגעגענט די היילינע נביאים, וועלכע פלעגען ברענגען דעם פאָלק דאָס וואָרט פון גאָט. די לעצטע האָט אָבער דער טוידט נישט געשראָקען און דעם מלך, די כהנים, די שרים און די רייכע פלעגט גאַנץ אָפט אויסקומען צו הערען דעם שרעקליכען אמת פונ'ם נביא'ס מויל. אין דער צייט פון די דאָזיגע אינערליכע און אויסערליכע מהומות אין שומרון, האָט זיך אי-בערהויפט, ווי ס'שיינט, אויסגעצייכענט דער נביא הושע בן בארי, אויך, דוכט זיך, פון יהודה.

הושע בן בארי האָט געהערט צו דער קאַטעגאָריע נביאים, צו וועלכע ס'האָט געהערט זיין פאָרגענגער עמוס. אָנהויבענדיג זיין נבואה'שע טע-טיגקייט נאָך פאַר ירבעם דעם 2-טען, האָט ער איהם פאָרטגעזעצט ביז דער צייט פון די אורזופּאַטאָרען. איהם איז אַלזאָ אויסגעקומען מיט די אייגענע אויגען צו זעהן דעם טרויעריגען צושטאַנד אין לאַנד, סיי אין מאָראַלישען, סיי אין פאָליטישען זין. די אינערליכע מהלוקת אין דעם לאַנד פון ישראל, די ראַשיגע מלכים-טוישונג, די פונאַנדערגעפלאַקערטע תאוות און ווילקיר פון די פערשיעדענסטע פאָלקסקרייזען, דער אָנפאַל פון אַשור און די פאָליטישע שפּאַלטונג אין לאַנד צוליעב דעם, די אויפ-רעגונג צוליעב דעם בונד געגען אשור — דאָס אַלץ האָט געפונען אַני' אָפּקלאַנג אין דער נבואה פון הושע בן בארי. די פאָרם פון הושע'ס נביאות אין איהר אויסערליכען גלאַנץ שטעהט פיעל ניעדריגער פאַר עמוס'ס: דאָ איז נישטאָ יענע האַרמאָניע, יענער מוזיקאַלישער טאָן, יענע בילדליכקייט און יענער פּאָעטישער פלוג; דערפאַר צייכענט הושע זיך אויס מיט זיין איינפאַכקייט און זיין פייערדיגען קוראַזש. די סכנה אין לאַנד איז שוין געוועזען צו נאָהענט, אום ער זאָל זיך קאָנען זאָרגען וועגען דער אויסערליכער

פארם פון זיין געטליכען ווארט. אינ'ם נביא'ס ווערטער האבען זיך געהערט די הארצרייסענדע קולות פון דעם עהרליכען וועכטער, וועלכער וועקט די אין שלאף פערזונקענע מענשען פון דעם הויז, וואס שטעהט אין פלאמען; אין זיין שטים קלינגט דער טוידט-שרעקליכער ציטער פאר דער פארשטעהענדער נאציאנאלער געפאהר. ער רעדט אהן מליצות, אהן שענע אויסדריקען, אהן גראמאטיק, זאגאר אהן א פעסטען צוזאמענהאנג צווישען זיינע פראזען; ער שפרינגט איבער גיך פון איין ענין צו'ם צווייטען, פון צווייטען — צו'ם דריטען, ווי ער וואלט מורא האבען, אז ער וועט נישט בעווייזען אלץ ארויסצוזאגען. אויף דעם צוהערער מאכט ער דעם איינדרוק פון א פערווירטען, פון א דענערווירטען; דער וואס דרינגט אבער טיעפער אריין אין הארץ פון נביא זעהט, אז דארט האט אויפגעריסען א ווולקאן, וועלכער שפריצט אזוי אונ'רהמנות'דיג זיינע פארמלאזע פייער-מאסען. הושע אליין כאראקטעריזירט זיך מיט די פאלגענדע ווערטער:

„עס האט אויסגעבראכען גאט'ס בעפעהל; עס זענען געקומען די טעג פון בעלוינונג, וויים עם ישראל! דער נביא איז פערווירט, דער מאן פון גייסט איז דול צוליעב דיין זינד, וויל גרויס איז אין זיין הארצען די אויפרעגונג!"

ווי עמוס, רעדט הושע אויך וועגען דער מאראלישער ערנידערונג פון זיין פאלק, נאר ער רופט אלץ אן מיט'ן ריכטיגען נאמען, אהן פערקליידונגען: „הערט צו גאט'ס ווארט, די קינדער פון ישראל, דען גאט קריעגט מיט דער בעפעלקערונג, וויל עס איז נישטא קיין ריכטיגקייט און קיין גערעכטיגקייט און קיין געטליכעס בעוואוסטזיין אין לאנד. פאלשווערען און לייקענען און הרג'ענען און גנב'נען און מזנה-זיין האבען זיך פערמעהרט און בלוט האט זיך אן בלוט בעריהרט. דערפאר וועט חיסט ווערען דאס לאנד און פערוונגליקליכט וועלען ווערען אלע איהרע בעזיצער, אלע היות פון פעלד און אלע פויגלעך פון הימעל, זאגאר די פיש פונ'ם ים וועלען פערטיליגט ווערען... נאר זנות און וויין און אלט-וויין פאנגט איערע הערצער. מיין פאלק ווענדט זיך צו'ם האלץ, ער ווארט, אז זיין שטעקען זאל איהם ענטפערען אויף זיינע תפלות, וויל דער גייסט פון זנות האט איהם פערפיהרט, און ער האט מזנה געווען פון אונטער זייער איינענעם גאט... אויף די שפיעל-בערג שעכטען זיי זייערע קרבנות, און אויף אלע הויכע פלעצער האבען זיי גערויכערט זייערע קטרת..."

געפינענדיג זיך אונטער דעם ארומיגען עראטישען איינפלוס, האט

הושע דער ערשטער גענומען בענוצען זיך מיט די עראָטישע בעגריפען צו'ם סימבאָליזירען די בעציהונגען צווישען גאָט יהוה און זיין פאָלק ישראל. גאָט ווערט געשילדערט אַלס מאַן, ישראל אַלס פרוי. „גאָט האָט דיך פערקנס'ט דורך גערעכטיגקייט, דורך געריכט, דורך גענאָד און דורך באַרימהערציגקייט". נאָר ישראל האָט פערראַטען איהר גאָט, איהר מאַן. זי האָט זיך גע־ווענדעט צו פרעמדע געטער און אויף דער שפּראַך פון דעם נביא הייסט עס: ישראל האָט מזנה געווען אונטער איהר מאַן. מיט'ן מויל פון הושע זאָגט גאָט צו די קינדער פון ישראל:

„קריגט אייך, געגען אייער מוטער, קריגט אייך, ווייל זי איז שוין נישט מעהר מיין פרוי און איך בין שוין נישט מעהר איהר מאַן. זאָל זי אָבוואַשען פון זיך איהר זנות־זינד, טאָמער וועל איך איהר אויס־טהון נאַקעט, איך וועל איהר לאָזען שטעהן, ווי זי איז געבוירען געוואָרען, איך וועל איהר מאַכען, ווי אַ מדבר, ווי אַ וויסטע לאַנד, לעדיג און לער... און אויף איהרע קינדער וועל איך זיך אויך נישט דערבאַרימען, ווייל זיי זענען זנות־קינדער. ווייל זייער מוטער האָט מזנה געווען; די, וואָס האָט זיי געבוירען, האָט אַ שאַנד בעגאַנגען. דען זי האָט געזאָגט: איך וועל געהן נאָך מיינע געליעבטע, די וואָס גיעבען מיר מיין ברויט און מיין וואַסער, מיין וואָל און מיינע פלאַקס, מיין בוימאייל און מיינע געטראַנקען. דערפאַר פערשטעל איך איהר וועג מיט דערנער, איך וועל איהר אַרומצאַמען מיט אַ וואַנט, און זי וועט זיך קיין שטעג נישט געפינען. און זי וועט נאָכלויפען איהרע געליעבטע און זי וועט זיי נישט דעריאָגען, און זי וועט זיך קיין שטעג נישט געפינען; און דאַן וועט זי זאָגען: לאָמיך געהן און לאָמיך צוריק זיך קעהרען צו מיין ערשטען מאַן, מיר איז דאָך דענסטמאָל בעסער געווען, ווי איצט. זי האָט זיך געמאַכט נישט וויסענדיג, אַז איך האָב איהר דאָס געגעבען דעם קאָרן, דעם וויין און דעם איילבערט, און זילבער און גאָלד האָב איך איהר געמעהרט, האָט זי פונ'ם גאָלד אַנ־אָבגאָט געמאַכט!... דערפאַר וועל איך צוריק אָבנעמען מיין קאָרן אין זיין צייט און מיין וויין — אין זיין טערמין — און איך וועל אָבראַטעווען מיין וואָל און מיין פלאַקס, וואָס איך האָב דיר געשאָנקען, איהר שאַנד צו פערדעקען. איצט וועל איך ענטפּלעקען איהר מיאוס'קייט פאַר די אויגען פון איהרע אַלע געליעבטע, און קיינער וועט איהר פון מיין האַנד נישט ראַטעווען. און איך וועל פערשטערען איהר פרעהליכקייט, איהר פייערטאָג, איהר חודש, איהר שבת און אַלע איבעריגע ימים־טובים. און איך וועל פערוויסטען איהר וויינשטאָק און איהר פייגען־גאָרטען, וועגע

וועלכע זי האט געזאגט: „דאס זענען מיינע זנות-געשענקען, וועלכע מיינע געליעבטע האבען מיר געשאנקען — כ'וועל זיי לוידיג מאכען ווי א וואלד, און עס וועלען זיי די ווילדע חיות ארומגריזען. כ'וועל איהר נאך דערמאנען די צייט פון די אבגעטער, ווען זי פלעגט זיי קטרת רויכערען, ווען זי פלעגט זיך אויסצירען אין איהרע נאזבענדער און איהרע האלדזבענדער און געהן נאך איהרע געליעבטע, און אן מיר פלעגט זי פערגעסען — אזוי זאגט גאט" —

דער סימבאל פון „מאן" און „פרוי" אין דער בעציהונג צו „גאט" און „פאלק" איז נאכהער דורך די שפעטיגערע נביאים פון יהודה פיעל מאל בענוצט געווארען, נאר אין קיין ארט דערגעהט עס ניט צו אזעלכע דעטאלען, ווי אין „הושע"; זאגאר די אילוסטראציעס, מיט וועלכע ער בענוצט זיך אין דעם נאמען פון גאט, כדי דייטליכער אונטער צושטרייכען זיינע נביאות, נעהמט הושע אויך פון דער געשלעכט-וועלט. גאט הייסט איהם נעהמען א זונה פאר א פרוי, אלס צייכען אז דאס לאנד האט אבגעקעהרט פון גאט. ווייטער הייסט איהם גאט נעהמען א פרוי און מיט איהר נישט לעבען, אלס צייכען, אז גאט וועט פערלאזען זיין פאלק. דאס אלץ דערווייזט אין א געוויסער מאס דעם מצב פון דעם נביא'ס פאנטאזיע: זיין נבואה טראגט אויף זיך דעם צייכען פון ליידענשאפטליכען עקסטאז. זיין בעציהונג צו גאט איז דורך און דורך דורכגעדרונגען מיט אונענדליכער דביקות און ליעבע און דעריבער איז אונענדליך זיין צארן געגען דער געצענדינערייַ פונ'ם פאלק. און ווען די איבעריגע נביאים שטראפען נאר, זענען בלויז מתרה, שילט דער נביא הושע דאס לאנד, ער בעט אליין ביי גאט פאר'ן פאלק א הארבען געריכט. „גיעב זיי גאט — וואס זאלסטו געבען? טוידט-געבוירענע קינדער און צודארטע בריסט!" „זאל זיי מיין גאט פערהאסען, ווייל זיי האבען איהם נישט געפאלגט; זאלען זיי דערום צווישען די פעלקער פערוואגעלט ווערען"... אין אלגעמיין קאן זיך קיין נביא נישט פערגלייכען צו הושע'ן בנוגע צו דעם צארן, וואס פלאקערט אין זיינע ווערטער און צו דעם וועהטאג, וואס קלאגט אינ'ם צארן. ביי קיין נביא געפינט מען נישט אזוי פיעל הארבע תוכחה און ביי קיין נביא איז נישט אזוי אפט און פלוצלונג דער איבערגאנג פון די ביטערסטע שטראף-רעדע צו די מילדעסטע טרייסט-ווערטער. נאך דער נבואה פון שטראף, פון חרבן, פון טוידט און אז. וו. געהט ער אלע ווייַלע איבער צו אזעלכע נהמות: „ווי זאל איך דיר מאכען, אפרים, ווי זאל איך דיר איבערגעבען, ישראל, ווי זאל איך דיר מאכען ווי אדמה, ווי זאל איך דיר איבערקעהרען ווי

צבאים? מיין הארץ ווערט מיר אויפגעצאפעלט, מיין גאנצע בארימהערציגקייט פלאקערט זיך אויף דיר. איך וועל מיין צארן נישט ערפילען, איך וועל אפרים'ן נישט פערדארבען; איך בין דאך גאט, נישט קיין מענש..." „און כ'וועל אין יענעם טאג צוליעב זיי א בונד שליסען מיט די חיות פון וואלד און מיט די פויגלעך פון הימעל און מיט די רמשים פון דער ערד, און דעם בויגען, און דעם שווערד און די מלחמות וועל איך אונטערבריינגען פון לאנד און איך וועל זיי לאזען זיכער רוהען"... נאר די נחמה איז נאך ביים נביא אויף די ליפען, און פון זיין הארצען רייסט זיך שוין פון דאס=ניי א לאווע פון גאל און צארן.

אזוי ווי עמוס, בענוצט זיך הושע אויך זעהר אפט מיט ביישפיעלען פון דער פאלקס=געשיכטע. נאר די ביישפילען דיענען איהם נישט בלויז אלס ארגומענטען צו רופען דאס פאלק צו'ם גוטען וועג; ער מאטערט זיך צו ערלעהרנען דאס פאלקס=גייסט דורך זיינע לעגענדען פון דער פערגאנגענהייט און דערביי שטעלט ער זיך נישט פאר קיינע רעזולטאטען: אזוי דיענען איהם פאר א שלעכטען סימן פאר'ן גאנצען פאלק די מסורות וועגען יעקב אבינו: נאך אין מוטער'ס בויך האט ער זיין ברודער פערנארט און מיט זיין קראפט האט ער זיך געגען דער געטליכקייט געראנגעלט"... וואס ס'געהער צו די קרבנות, האט הושע פארטגעזעצט די מלחמה געגען דעם, אין דעם זעלביגען גייסט ווי זיין פארגענגער. „גערעכטיגקייט פערלאנג איך און נישט קיין שלאכטונג, דעם געטליכען בעוואוסטזיין — אנשטאט דעם פייער=אפפער" — דער געדאנק געהט דורך אין דער גאנצער נבואה פון הושע. אויף דער טיעפער איבערצייגונג אין דער געטליכער השגחה, וועלכע עמוס נאך האט בעטאנט, האט הושע געבויט זיינע פאליטישע אנשויאונגען. גלויבענדיג, אז אשור איז אויף דעם לאנד נאר פון גאט געשיקט געווארען פאר די זינד פון פאלק, האלט ער פאר אוננוצליך דעם בונט געגען פייגד, וועגען וועלכען פקח בן=רמליהו און זיין פארטיי האט זיך געמיהט; ער האט אבער געזעהען, אז דער שלום מיט אשור, פאר וועלכען די אנדערע פארטיי איז געוועזען וועט דאס לאנד אויך נישט ראטעווען. „ווען אפרים האט דערזעהן, אז ער איז קראנק..., האט ער זיך געווענדעט צו אשור, ער האט געשיקט צום מלך ירב, נאר נישט דער וועט אייך היילען, נישט יענער וועט אייער וואונד לייכטער מאכען. ווייל איך בין ווי א לעמפערט פאר אפרים... איך, איך וועל פארצוקען, פערשלעפען און ס'וועט קיינער נישט קאנען ראטעווען"... איבערהויפט איראניזירט דער נביא מיט גאל איבער די פערלארענקייט און די פאליטישע וואקלונגען צווישען די שרים

גופא. „אפרים איז געוואָרען, ווי אַ פֿערנאַרטע טויב, אָהן אַנ'אייגענעם פֿערשטאַנד: דאָ האָבען זיי מצרים גערופֿען צו הילף, דאָ זענען זיי קיין אשור געגאַנגען. וואו זיי וועלען אָבער געהן, וועל איך אומעטום אויף זיי מיין נעץ פֿערשפּרייטען, ווי די פֿויגלען פֿון הימעל, וועל איך זיי פֿאַנגען. וועה צו זיי, ווייל זיי האָבען זיך פֿון מיר דערווייטערט; זייער אונגליק איז דאָס, וואָס זיי האָבען געגען מיר געזינדיגט...” אין דעם בונט געגען אשור זעהט דער נביא בעזונדער קיין נוצען נישט פֿאַר שומרון, ווייל ערשטענס האָט ער נישט געגלויבט אין דער ערנסטקייט פֿון מצרים, וועל־כע האָט אין דעם בונט געדאַרפֿט שפּיעלען די הויפּט־ראָל. ער האָט פֿאָראויס געזעהן, אַז מצרים וועט ביז דעם ענטשלאָסענעם מאָמענט, אַלס פֿערטיי־דיגער אויסזייגען דעם לעצטען טראָפּען מאַרך פֿון אפרים, און ווען די סכנה פֿון אשור וועט אָנקומען, דאַן וועט מצרים בעסער אָבהיטען איהרע אייגענע גרענעצען, — ווי ס'איז טאַקי שפּעטער פֿאָרגעקומען. צווייטענס ווידער איז הושע געווען געגען דעם בונד מיט די אַרומיגע מלוכות, ווייל ער האָט מורא געהאַט פֿאַר דעם פֿרעמדען קולטורעלען אַיינפֿלוס אויף אפרים, וועלכער האָט זיך פֿון אייביג אָן אַזוי שוואַך געהאַלטען ביי זיין נאַציאָנאַלער אָריגינאַליטעט. דער נביא זאָגט: „אפרים וועט זיך צווישען די פֿעלקער צומישען, ווייל אפרים איז אַ נישט דערבאַקענער קוכען”...

אָנשטאָט די פֿערשידענע פּאָליטיק־שפּיעלען, לעגט הושע פֿאַר דעם פֿאָלק דעם אַלטען טראַדיציאָנעלען מיטעל, ווי צו קעמפּפֿען מיט דער נאָהענטער געפֿאַהר —

„קעהר זיך אום ישראל צו גאָט דיין אַלמעכטיגען; גרייט זיך צו מיט תפלה און ווענדעט זיך צו איהם: אַלע זינד אונזערע זאָלסטו פֿערגעבען, נעהם פֿון אונז נאָר דאָס גוטעס און מיט אונזערע תפלות וועלען מיר דיר צאָהלען אָנשטאָט קרבנות. אשור וועט אונז נישט העלפֿען, אויף קיין פֿערד וועלען מיר נישט רייטען און מיר וועלען מעהר נישט רופֿען גאָט צו דעם ווערק פֿון אונזערע אייגענע הענד... (דאַן וועט גאָט ענטפֿערען) איך וועל זיי אויסהיילען פֿון זייער ווילדקייט, איך וועל זיי האַרציג ליעבען, ווייל מיין צאָרן האָט זיך אָבגעטהון פֿון זיי. איך וועל זיין ווי אַ טוי צו ישראל, ער וועט בליהען ווי אַ רויז און ער וועט זיך וואָרצלען, ווי דער צעדער פֿון לבנון...”

דער נביא אַליין האָט זיך אָבער נישט געגלויבט, אַז זיינע רעד וועלען אָנגענומען ווערען און ער רופֿט אויס מיט פֿערצווייפֿלונג:

— „וואו איז אָבער דער קלוגער, וועלכער זאָל דאָס פֿערשטעהן;

וואו איז דער פערשטענדיגער, וועלכער זאל דאס בעגרייפען"?...

און אין דער אמת'ן, טראָץ די רעד פונ'ם נביא, איז זיך די פּאָליטיק אין לאַנד געגאַנגען אויף איהר שטייגער. די פעלקער פון דער פאָדערשטער אזיען האָט זיך גענומען גרופּירען אין פערטיידיגונגס־פערבאַנדען געגען זייער אַלגעמיינעם בעדריקער — געגען דעם „גרויסען מלך" פון אשור. אַן דער שפּיץ פון איינעם פון די דאָזיגע פערבאַנדען זענען געשטאַנען דער מלך פון דמשק (ארם) רצין און דער מלך פון שומרון, פקח בן־רמליהו. פאַר דעם דאָזיגען פערבאַנד איז זעהר וויכטיג געווען צוצוציהען אויף זיין זייט אויך יותם'ן, דעם מלך פון ירושלים: ארם, ישראל און יהודה זענען דאָך דאַן געווען די בעדייטענדסטע מלוכות אין דער פאָדערשטער אזיען און האָבען פערנומען דעם צענטר פון יענעם קרייז. פערנעהמענדיג אַזאַ פּאָזיציע, וואָלטען זיי געקאָנט האָפען אויך אויף דער הילף פון מצרים. האָט אָבער יותם נישט געוואָלט מיט'ן גוטען ווילען אַריינקריכען אין אַ מלחמה מיט אשור, כל זמן זי, אשור, בערירט נישט זיינע גרענעצען. דאַן האָבען די פעראייניגטע מלכים פון ארם און שומרון גערעכענט מיט געוואַלד צו צווינגען דעם מלך פון ירושלים, צו צושטעהן צו זייער פערבאַנד: זיי האָבען איהם ערקלערט אַ מלחמה און זענען בעפאַלען יהודה. דערצו איז אין דעם רעכטען, ערנסטען מאָמענט פונ'ם קריעג געשטאָרבען יותם, און איהם האָט גע'ירשנ'ט די מלוכה זיין קליינמוטיגער זוהן אחז. זייענדיג פון דער נאַטור נישט קריעגספעהיג, האָט ער נאָך מעהר פון זיין פאָטער זיך געשראָקען אַיינצורייצען דעם גרויסען מלך פון נינוה און איז נישט צוגעשטאַנען צום פערבאַנד; דערפאַר האָט די מלחמה פון די פעראייניגטע מלוכות ארם און אפרים זיך בעגייט נאָך יותם'ס טוידט. דאַן האָט זיך די אונטערדריקטע אדום בענוצט מיט דעם קריטישען מאָמענט פון יהודה און בייַ איהר אָבגעריסען איהר וויכטיגסטען האַפען עולת ביי'ם ים סוף; דעריבער האָט אחז מיט'ן איינענעם ווילען זיך געווענדעט צום מלך פון אשור, צו תגלת פלאסר, איהם אויסגעדריקט זיין אונטערטעניגשאַפט און געבעטען הילף געגען זיינע פיינד; דערצו נאָך האָט אחז געשיקט דעם מלך פון אשור פיעל זילבער און גאָלד אלס מתנות. תגלת פלאסר איז זעהר צופריעדען געבליבען פון אחז'ס אויפפיהרונג, לויט וועלכער ער האָט איהם, אַנשטאָט מלחמה צו האַלטען, מיט'ן איינענעם ווילען גאָר אַנערקענט פאַר זיין אויבערהערשער; נישט זוימענדיג פיעל, האָט דער מלך פון אשור צונויפגעזאַמעלט זיין גרויסען חיל און זיך געלאָזען מיט זיי צו די אויסגעבונטעוועטע מלוכות.

„ווען די פעראייניגטע מלכים רצין און פקח האבען זיך דערוואוסט, אז אשור האט זיך אריינגעריסען אין זייערע לענדער, האבען זיי פערלאזען יהודה און יעדערער פון זיי האט זיך וואס גיכער געלאזען צוריק אין זיין לאנד. נאר ס'איז שוין געווען צו שפעט. תגלת פלאסר האט שוין געהאט בעוויזען איינצונעהמען דמשק און די בעפעלקערונג פון ארם האט ער פערטריבען וויים אין דער פראווינץ קיר. דעם מלך רצין האט ער פערהאפט אין געפענגעניש און געטוידט איהם. דער קאמפף צווישען אשור און ארם, וואס האט זיך שוין אנגעפאנגען מיט פיעל צעהנדליגער יאהרען פריהער, האט זיך אלזא פערענדיגט: ארם איז בעזיעגט געווארען און פערוואנדעלט געווארען אין א אשור'ישער פראווינץ מיט'ן נאמען סוריא. נאכדעם איז דער מלך פון אשור מיט זיין חיל אריינגעטראטען אין לאנד פון ישראל און האט פון מזרח=זייט אבגענומען דעם גאנצען גלעד און פון צפון=זייט — די חלקים ערד פון די שבטים: נפתלי, זבולון און אשר. די דאזיגע קרייזען ערד האט תגלת פלאסר פעראייניגט מיט זיין פאטערלאנד און די איינוואהנער האט ער פערטריבען אין געפענגעניש און פונאנדערגעזעצט אין די וויטסטע געגענדען פון אשור. און אויף אזא אופן איז פון דער ישראל=מלוכה מיט איינמאל אבגעריסען געווארען א בעדייטענדער טייל ערד (אין יאהר 734—735). פקח איז געבליבען אלם הערשער נאר איבער אפרים און נאך פיער אדער פינף שבטים. די הויפטשטאדט איז זיך, ווי פריהער, געבליבען שומרון. דער איבערגעבליבענער טייל האט אבער אויך געמוזט אנערקענען די אויבערמאכט פון אשור און צאהלען איהר א געוויסען מס. דאס פאלק איז געווען נישט צופריעדען מיט פקח'ן, וועלכער האט מיט זיין אויפשטאנד געגען אשור געבראכט דאס לאנד צו אזא אונגליק און געגען איהם האט זיך געבילדעט א בונט, אן דער שפיץ פון וועלכען ס'איז געשטאנען הושע בן אלה, וועלכער האט טאקי געה'רג'עט פקח בן רמליהו, אויפן 20=טען יאהר פון זיין הערשען, און מיט דער הילף פון אשור פערנומען דעם טראן פון ישראל".

אין דער צייט פון דער פינסטערער קאטאסטראפע, וואס האט בעגעגענט די מלוכה פון אפרים, האט געלעבט דער נביא מיכה המורשתי, וועלכער איז, ווי זיינע פארגענגער עמוס און הושע, אויך געקומען פון יהודה קיין שומרון צו שטראפען דאס פאלק. זיין נבואה איז געווען אליין אין דעם זעלביגען גייסט; ער רעדט כסדר וועגען די עולות, וואס די מעכטיגע בעגעהען קעגען די שוואכע, וועגען דער אונגליקליכער פאליטיק פון די מלכים, געגען דער פאלשער לעהרע פון די געצען=כהנים, און איבערהויפט געגען דאס געצענדיענעריי:

„זאלען הערען אלע פעלקער, זאל פערנעהמען די ערד און אירע בעשעפענישען, זאל גאט זיין צווישען אייך אלס עדות — גאט פון זיין הייליגען פאלאץ! גאט געהט ארויס פון זיין ארט, ער ניעדערט אראב און טרעט ארויף אויף די ערהויבענישען פון דער ערד. און עס וועלען די בערג צוגעהן פון אונטער איהם און עס וועלען די טאלען צו שפאלטען ווערען פון זיינע טריט — אזוי ווי וואקס ביים פייער, ווי וואסער וואס רינט אראב. דאס איז אלץ צוליעב די זינד פון יעקב, צוליעב די פערברעכען פון ישראל... (גאט זאגט) איך וועל מאכען פון שומרון א וויסטען פעלד-בערגעל, איך וועל אירע שטיינער צום טאל אראבשליידערען און איהר פונדאמענט וועל איך אויפדעקען. און אלע אירע הייליגע בילדער וועלען צושמעטערט ווערען און אירע זנות-מתנות וועלען פערברענט ווערען און אירע געצען וועלען פערניכטעט ווערען... דערויף קלאג איך און יאמער איך, איך געה ארום נאקיט און וואהנזיניג, איך טרויער ווי די שטרויס-פויגלען, פערגיס טרערען, ווי די קראקאדילען"...

מיכה'ן איז אויסגעקומען צו קעמפפען געגען א נייעם פערברעך, פון וועלכען זיינע פארגענגער אין די לעצטע דורות האבען נישט געוואוסט — געגען די פאלשע נביאים. דאס זענען געווען מענשען, געדונגענע דורך דעם מלך און דורך די שרים, ווי אין איזבל'ס צייטען, וועלכע האבען געדארפט נאכמאכען די נביאים, כדי אבצושוואכען דעם איינדרוק פון זייער נביאות. די געדונגענע נביאים פלעגען בערוהיגען דאס פאלק נאך די אנשרעקענישען פון די אמת'ע נביאים. מיט זיסינקע רעד פלעגען זיי זיך מיהען איינצושלעפערען דעם המון, ער זאל זיך נישט אומקוקען אויף דער געפאהר, וואס שטעהט איהם פאר. צו די שרים און כהנים איז אלזא צוגעקומען א נייע זינדיגע קאסטע, און מיכה האט געגען זיי אלעמען געמוזט אויפהויבען זיין שטים:

„הערט נאר די קעפ פון יעקב, די הארען פון ישראל: איהר בעדארפט דאך וויסען אייער משפט: איהר האט פיינד דאס גוט'ס, און האט ליעב דאס שלעכטס... איהר האט אויפגעפרעסען דאס פלייש פון מיין פאלק און זיין הויט האט איהר פון איהם אבגעשונדען און זיינע ביינער האט איהר צוקנאקט און איהר האט איהם אויסגעבראטען ווי אין א טאפ, ווי פלייש אין א קעסעל. דערפאר וועט איהר שרייען צו גאט און ער וועט אייך נישט ענטפערען, ער וועט זיין געזיכט פערבארגען פון אייך, אין דער צייט, ווען עס וועט פול ווערען די מאס פון אייערע שלעכטע מעשים!" — און אזוי האט גאט געזאגט וועגען די נביאים, וואס פער-

פיהרען מיין פאלק, וואס קריצען מיט די ציינער און זאגען פאר איהם „שלום" אוןאויף דעם, וואס בעצאהלט זיי נישט, ערקלעהרען זיי א מלחמה — א בלינדע נאכט וועט אייך בעגעגענען פאר אייער „זעהונג" און פינסטער וועט אייך ווערען פון אייער צויבער. די זון וועט אונטערגעהן פאר די דאזיגע נביאים און זייער טאג וועט פערשווארצט ווערען. און ס'וועלען זיך שעמען די „זעהערס" און שאנד וועט טרעפען די צויבערער, זיי וועלען מוזען דאס מויל פערדעקען, ווייל זיי וועלען גאט'ס-ענטפער נישט געפינען. נאר איך בין פול מיט'ן קראפט, מיט'ן גייסט פון גאט, מיט'ן גייסט פון גערעכטיגקייט און מאכט, צו זאגען יעקב'ן זיין פערברעך און ישראל'ן זיין זינד!"

ווען עס האט אבער דאס אונגליק אין לאנד אויסגעבראכען, האט דער נביא אין זיין טיעפען טרויער דעם טאן געביטען: פון צו שטראפען געהט ער איבער אויף צו טרייסטען דעם איבערגעבליבענעם טייל פונ'ם פאלק, ער וועקט אין זיינע ברידער די האפנונג אויף דעם רחמנות פון גאט.

„איך האף צו גאט, איך ווארט צו'ם אלמעכטיגען-העלפער — מיין גאט וועט מיר דערהערען. פרעה זיך נישט מיין פיינד, אויב איך בין געפאלען, וועל איך זיך נאך אויפהויבען, אויב איך זיץ אין דער פינסטער— איז גאט מיין ליכט. דעם צארן פון גאט וועל איך פערטראגען, ווייל איך האב געגען איהם געזינדיגט — ביז וואנען ער וועט זיך אננעהמען מיין קריג, ער וועט ענדיגען מיין שטראף, דאן וועט ער מיר פון דאסניי ארויס-פיהרען אויף דער ליכטיגער שיין און איך וועל זעהן זיין גערעכטיגקייט. און מיין פיינדין וועט זיך צוקוקען, און פערשעמט וועט ווערען די, וואס האט געשפאט: „וואו איז דיין גאט, דער אלמעכטיגער?!" דאן וועל איך אן איהר נקמה זעהן, דאן וועט זי צוטראטען ווערען, ווי דער ליים פון גאס!"...

די קאטאסטראפע, וואס איז געשעהן, האט געהאט א טיעפע מאראלישע ווירקונג אויפ'ן פאלק; דאס רעליגיעזע געפיהל ווערט פער-שטארקט און די הערצער ווענדען זיך צו זייער אוראלטען גאט, צום גאט פון זייערע עלטערען. מיכה לעהרנט דאס פאלק דעם אמת'ן וועג, און דא ווערט פון דאסניי אנגעוויזען אויף די אלטע טראדיציעס:

„מיט וואס זאל איך גאט בעגעגענען, מיט וואס זאל איך זיך בויגען פאר דעם הויכען אלמעכטיגען? זאל איך איהם דען בעגעגענען מיט עולות, מיט יאהריגע קעלבלעך? קאן מען דען גאט פערגיטיגען מיט טויזענדער שעפסען, מיט צעהנדליגער טויזענדער בוימעל-טייכען? זאל איך דען מיינע

פֿערברעכען אויסקויפֿען מיט׳ן לעבען פֿון מיין בכור? זאָל איך איהם מיין קינד מקריב זיין פֿאַר מיינע זינד? — מענש, גאָט האָט דיר דאָך געזאָגט, וואָס איהם געפֿעהלט און וואָס ער פֿאָדערט פֿון דיר: נאָר משפּט טהון, נאָר חסד ליעב האָבען און קיין שטאָלץ פֿאַר גאָט נישט ווייזען!...״

די פּאָליטיק אין שומרון האָט אין אָנפֿאַנג זיך אויך געפֿיהרט לויט דעם וועג, וועלכען די נביאים האָבען אָנגעוויזען; זי האָט זיך געשטיצט אויף נאָכגעביגקייט, געדולד און האָפֿענונג. דער נייער מלך הושע בן אלה האָט אשור׳ען אויסגעדריקט טרייע אונטערטעניגקייט און פֿלעגט יעדעס יאָהר שיקען מתנות צום הערשער פֿון נינוה, און דערפֿאַר האָט דער לעצטער נישט געפּרובט זיך מעהר צו בעאונרוהיגען דאָס לאַנד פֿון אפרים. הושע האָט זיך אָבער נישט געקאָנט צוגעוואָהנען צו דער קנעכטישער לאַגע פֿון דער ישראל-מלוכה און אין דער זעלבער צייט, ווען לפֿנים פֿלעגט ער אשור׳ן אַרויסווייזען פֿאָלשטענדיגע הכנעה, האָט ער אין האַרצען געטראַכט וועגען דער פּאָליטישער בעפֿרייאונג פֿון זיין פֿאָלק. צו דער צייט איז געשטאָרבען דער גרויזאַמער קריעגס-העלד, דער „גרויסער מלך״ תגלת-פּלאסר (727) און אויפ׳ן מזרח האָט זיך פֿון דאָסניי אָנגעהויבען די בעוועגונג געגען אשור. די פֿיניציער און די אַנדערע פֿעלקער האָבען זיך ווידער אויפֿגעבונטעוועט געגען דער איבערמאַכט פֿון אשור, גלויבענדיג, אַז איצטער, נאָכ׳ן טוידט פֿון דעם העלדישען טיראַן, וועט זיי געלינגען זיך צו בעפֿרייען פֿון דעם פֿרעמדען יאָך. און ווידער האָט אויפֿגעלעבט די האָפֿנונג אויף מצרים, אַז זי וועט קומען צו הילף. די דאָזיגע אַלגעמיינע בעוועגונג האָט אויך הושע בן אלה׳ן פֿערשלעפּט אין איהר שטראָם. ער האָט געשיקט שלוחים צו סוא דעם מלך פֿון מצרים, צו פֿיהרען אונטערהאַנדלונגען מיט איהם וועגען אַ פֿערבאַנד; פֿון סוא זענען אָנגעקומען, וואַהרשיינליך, גוטע הבטחות. דאַן האָט הושע זיך פֿערלאָזען אויף דעם און האָט אויפֿגעהערט צו שיקען דעם יעהרליכען מס צו דעם יורש פֿון תגלת פּלאסר, צו שלמנאסר׳ן. הושע האָט אָבער באַלד זיך געמוזט איבערצייגען, אַז ער האָט אַן אונגליקליכען פֿעהלער געטהון. עס איז געשעהן, ווי די נביאים פֿון גאָט האָבען פֿאָראויס געזאָגט. מצרים האָט זיך זאָגאַר נישט געפּרובט קומען צו הילף דעם מלך פֿון שומרון, ווען שלמנאסר איז מיט זיין אונגעהויער גרויסען חיל בעפֿאַלען דאָס לאַנד פֿון ישראל. די אשור׳ער האָבען אָבגענומען ביי ישראל איין שטאָדט נאָך דער צווייטער, ביז זיי זענען נישט צוגעטראָטען ענדליך צו שומרון אַליין. דאָ האָבען זיי געהאַפּט דעם לעצטען מלך פֿון ישראל אין געפֿענגעניש

און איהם פאַרזעצט אין אַ פינסטערען טורעם. שומרון אַליין איז אָבער ניט נישט געוועזען אַזוי לייכט איינצונעהמען; די בני אפרים האָבען געוויזען גרויסע גבורות, פאַר וועלכע עס האָט געשטוינט דאָס גרויסע מלחמה=פאָלק פון אשור. שלמנאסר האָט שוין אַליין נישט זוכה געווען צו זעהן, ווי די הויפּטשטאָדט פון אפרים איז איינגענומען געוואָרען; ערשט פאַר זיין יורש סרגון, אויף דעם פירטען יאָהר פון דער בעלאַגערונג איז שומרון איינגענומען געוואָרען (721). אָט אַזוי איז געפאַלען אויף אייביג די מלוכה פון ישראל!

מורא האָבענדיג פאַר אַ נייעם אויפשטאַנד, האָט סרגון, לויט די פאַרצייטיגע מלחמה=מנהגים, פיעל טויזענדער בעזיעגטע ישראלים אויסגע'הרג'עט און פיעל צעהנדליגער טויזענדער האָט ער פערטריבען אין ווייטע אשור=פראָווינצען, „בעזעצענדיג זיי אין חלה און אין חבור, ביי די ברעגען פון טייך גוזן און אין די שטעדט פון מדי“. אַ גרויסער טייל האָט זיך געראַטעוועט און איז אַנטלאָפען קיין יהודה, נאָר אַ קליינע מאַסע ישראלים, פון די אָרימע און ווירקונגסלאָזע, האָט סרגון געלאָזט אין שומרון און אין די אַרומיגע שטעדט. דערפאַר האָט ער דאָרט בעזעצט אַ פרעמדע בעפעלקערונג פון פערשיעדענע איינגענומענע פעלקער „פון בבל, פון כותה, פון עזא, פון חמת און פון ספרוים“. די דאָזיגע נייע איינוואָהנער האָבען איבערגענומען פיעל מנהגים פון די אַלטע ישראלים, וואָס האָבען זיך מיט זיי אויסגעמישט, נאָר צוזאַמען דערמיט האָבען זיי זיך געהאַלטען ביי זייערע איינענע טראַדיציעס, וואָס זיי האָבען פון זייערע פאָטערלענדער אַהער געבראַכט. אַזוי אויך האָבען זיי אָנגענומען די אמונה פון יהוה, וועלכען זיי האָבען געהערט אַלס לאָקאַלען גאָט, אַלס דעם גאָט פון שומרון, נאָר צוזאַמען מיט דעם האָבען זיי געדיענט צו זייערע טראַדיציאָנעלע, היימישע געטער. די מאַסע אין שומרון האָט אַלזאָ געבילדעט אַ אויסמישונג פון פעלקער, וועלכע האָבען בעקומען דעם אַלגעמיינעם נאָמען שומרונים; די שומרונים האָבען געשאַפען אַן אויסגעמישטע קולטור, אין וועלכער סיזענען געבליבען נאָר גאַנץ שוואַכע שפורען פון דער פאָריגער ישראל=קולטור. נאָכהער זענען פערשלונגען געוואָרען צווישען די איבריגע פעלקער די יענע ישראלים, וואָס זענען אין פרעמדע לענדער פערשטויסען געוואָרען. פון זייער אַלטער קולטור און פון זייערע אַלע איינענשאַפטען איז קיין געדעכעניש נישט געבליעבען. אַזוי איז הרוב געוואָרען דאָס פאָלק ישראל! דאָס פאָלק אין אפרים האָט ווייניג זיך געמיהט צו פערפעסטיגען אין זיך זיין אָריגינאַליטעט; בויענדיג זיין נאַציאָנאַליזם אויף די מאַטעריאַלע קנינים: אויף דאָס לאַנד.

אויף דעם מלך און אזוי ו., האט עס פערלאזען זיין גייסטיגע וועלט, וועלכע האט זיך שטענדיג געוואקעלט אונטער פערשיעדענע פרעמדע איינפלוסען; און באלד, ווי דאס פאלק איז אבגעריסען געווארען פון זיין מאטעריעלען נאציאנאלען באדען, איז עס הרוב געווארען, נישט קאנענדיג זיך אונטער־שיידען פון די איבעריגע פרעמדע פעלקער־מאסען, וואס האבען איהם ארומגערינגעלט. דער בליק פון די אפרים'שע פאליטיקער האט זיך אלזא ארויסגעוויזען אלס פיעל קורצזיכטיגער, ווי די שטרעבונגען פון די נביאים פון לאנד. און אזוי ווי ס'איז מקוים געווארען די נבואה פון געטליכען נביא וועגען הורבן פון דאס לאנד, אזוי איז אויך ענדליך מקוים געווארען זיינע רעד וועגען הורבן פון דאס פאלק, וואס ער האט אויסגעדריקט אין די ווערטער:

אפרים בעמים הוא יתבולל, אפרים היה עוגה בלי הפוכה.

צעהנטעס קאפיטעל.

די מלוכה אין יהודה.

(פון רחבעם ביז יהואש. 881—977).

דאס אינערליכע לעבען אין יהודה איז נאך דער שפאלטונג געגאנגען מיט א גליקליכערען וועג, ווי אין אפרים. די רוהיגקייט אין לאנד גופא איז געוועזן א פאלקאמע, די איינינקייט — א פעסטע, די ארדנונג — א זיכערע. דער הויפט־פלאג פון אפרים — די פערשידענע מרידות און מלוכה־איבערקעהרענישען, האט דא קיין ארט נישט געהאט. אין יהודה האט פון אנפאנג אן ביזן ענדע געהערשט די דינאסטיע פון דוד בן ישי, די הויפטשטאדט איז דא געוועזן, פאר דער גאנצער צייט, וואס יהודה האט עקזיסטירט — ירושלים. די אונגעשטערטע אינערליכע רוהיגקייט האט מיט־געהאלפען די מלכים פון לאנד צו פערפעסטיגען און פערזיכערען די פא־ליטישע לאגע פון יהודה און דעם פאלק — צו ענטוויקלען זיך אלזייטיג אין דער ריכטונג פון זיין ארגינאליטעט און זיין נאציאנאלער אייגענ־ארטיגקייט.

דער ערשטער מלך, וואס האט געוועלטיגט איבער יהודה נאך דער שפאלטונג, רחבעם בן שלמה, האט נאך זיין אבזאגען זיך, צוליעב דער התראה פון נביא שמעיה—, מלחמה צו האלטען מיט זיין פיינד ירבעם בן נבט, דער ערשטער מלך פון אפרים, — זיך פערנומען מיט דער וויכטיגער ארבייט פון בעפעסטיגען דאס לאנד געגען אן־אויסערליכען אנפאל. די טע־טיגקייט פון זיינע פארגענגער אין דער הינזיכט איז געוועזן נישט גענוגענד און אויסער דעם איז זי געוועזן געווענדעט הויפטזעכליך אויף די אלטע גרענצען, געגען די אלטע שונאים. נאך דער שפאלטונג אין ארץ ישראל

האבען זיך אבער איבערגערוקט די גרענעצען פון דער ירושלים-מלוכה און איהר איז שוין אויסגעקומען זיך צו שיצען געגען דעם נייעם פיינד, געגען דער מלוכה פון אפרים, וועלכע האט איהר, ווי א רונג, כמעט פון אלע זייטען ארומגענומען. מיט דעם צוועק בויט רחבעם נייע פעסטונגען אויף די גרענעצען צווישען יהודה און די איבעריגע פיינדליכע שבטים פון ישראל, שטעלט אויף דארטען נייע שטעדט און נייע פערטיידיגונגס-פונקטען. אין די אלע פונקטען, וועלכע האבען דערגרייכט ביז צוואנציג, האט ער בעשטימט קאמענדאנטען, אויסגעבויעט ארסענאלען און שפייז-לאגער'ס אויף צו אויסהאלטען דעם היל אין דער צייט פון א מלחמה.

רחבעם האט אלזא פיעל נוצען געבראכט זיין פאטערלאנד אין סטראטעגישער הינזיכט; זיין קעניגען האט אבער מיטגעבראכט מיט זיך פאר'ן פאלק די געפאהר פון א מאראלישער פערדארבונג. זייענדיג א זוהן פון נעמה, דעם מלך עמונ'ס טאכטער, וועלכע זיין פאטער שלמה האט צום ערשטען אלס פרוי גענומען, האט ער פון איהר געירש'ענט פיעל שעדליכע, פאלקס-פיינדליכע נייגונגען, צווישען זיי — אויך זיין נייגונג צו געצענדיענעריי. שלמה נאך האט ערלויבט די אויסלענדישע איינוואהנער אין ירושלים און די איבעריגע שטעדט צו האלטען זיך ביי זייער אמונה; רחבעם האט אבער אליין אויפגעשטעלט אבגעטער אין זיין הויפט-שטאדט, געבויט פאר זיי אלטארען אויף אלע הויכע בערג און געלאזט פאר זיי אשרות (ספעציעלע לינדען-בוימער) פלאנצען. דעם מלך'ס אויפפיהרונג האט באלד ארויסגערופען פיעל נאכאמונגען צווישען די שרים און צווישען די פאלק'ס-מאסען. דער דאזיגער מצב האט אבער לאנג נישט געדויערט. די נביאים מיט זייער געוועהנליכער ענטשלאסענקייט האבען נישט אויפגעהערט צו קעמפפען געגען דעם דאזיגען פערראט בנוגע צום נאציאנאלען גייסט. ווייטער, איז אויפ'ן פינפטען יאהר פון רחבעם'ס קעניגען אנגעפאלען, שישק מלך מצרים אויף יהודה. רחבעם האט מיט זיינע בעהייטענד קלענערע קרעפטען נישט געקאנט גובר זיין דעם פיינד, וועלכער האט שוין זיך זאגאר געהאט ארייגעריסען אין דער הויפטשטאדט, און ער איז געוועזען געצוואונגען מיט געלד אויסצוקויפען די זעלבסטשטענדיגקייט פון דער מלוכה: א סך געלד און זילבער און קופער פון די אוצרות בית-המלך און פונ'ם בית-המקדש האט שישק בעקומען פון רחבעם'ן און נאר דאן האט ער דאס לאנד פערלאזען. דער נביא שמעיה האט אויף דעם אנפאל פון מלך מצרים אנגעוויזען, ווי אויף א שטראף פון גאט פאר די שלעכטע מעשים אין לאנד. „אזוי האט גאט געזאגט: איהר האט מיר פערלאזען,

דערפאר האב איך אייך פערלאָזען אין די הענד פון שישק" — זענען געוועזען שמעיה'ס ווערטער צום מלך רחבעם.

די גרויסע פאלק'ס-געפאהר האט, ווי געוועהנליך, ארויסגערופען א שטארקע נאציאנאלע שטימונג. די רעדע פונ'ם נביא האבען א טיעפען איינדרוק געמאכט אויפ'ן מלך, אויף די שרים, אויפ'ן פאלק און „זיי האבען זיך אומגעקעהרט צו גאט". דער מלך האט זיך אבער נישט געמיהט אויסצוראטען מיט'ן ווארצעל די שלעכטע, אנטינאציאנאלע ווירקונג, אין וועלכער ער איז אליין שולדיג געוועזען. דערפאר האט ער אבער זיך אומגעקעהרט צו זיין פריהערדיגער בעפעסטיגונגס-טעטיגקייט, ווי נאר דער פיינד האט דאס לאנד פערלאָזען. ער האט גענומען פון דאסניי אויפבויען די פעסטונגען, וועלכע די מצרים האבען צושטערט, ער האט בעגייט מיט פרישע קרעפטען זיין חיל, וועלכער איז געפלאגט געווארען אין דער פאריגער מלחמה. א דאנק דער דאזיגער פארזיכטיגקייט איז איהם געלונגען אויסצוהאלטען די שטענדיגע צוזאמענשטויסונגען מיט דער פיעלצאהליגער ארמעע פון ירבעם בן נבט, וועלכע האבען נישט אויפגעהערט פאר דאס גאנצע לעבען פון רחבעם'ן און וועלכע זענען, ווארשיינליך, נאך שישק'ס אנפאל אויף יהודה, פיעל שווערער און אפטער געווארען.

אויפ'ן אכטצעהנטען יאהר פון זיין קעניגען איז ער געשטארבען, און אויפ'ן טראן איז ארויף זיין זוהן אביה (960—957), וועלכער האט געהערשט איבער'ן לאנד סך הכל דריי יאהר. איהם, דעם יונגען מלך, איז אויסגעקומען ארויסצוטרעטען שוין אין אנ'ענטשלאסענער מלחמה געגען דער מלוכה פון אפרים. יהודה איז שוין אבער דאן אזוי מעכטיג געוועזען, אז נישט קוקענדיג אויף דעם, וואס דער חיל פון ירבעם בן נבט איז געוועזען דאפעלט אין פערגלייך מיט דעם חיל פון אביה, האט דער לעצטער אבגעהאלטען איבער'ן שונא א ריעזיגען נצחון. אביה האט ביי ירבעם'ן אבגענומען פיעל שטעדט, צווישען וועלכע עס האט זיך אויך געפינען די בעריהמטע בית-אל, נאר זי האט ער, ווי ס'שיינט, נאכהער צוריקגעקעהרט. די גבורה פון יהודה האט פון דאן אן א שרעק געווארפען אויף אפרים, פיעל פון די לעצטע זענען געהרג'עט געווארען אין קאמפף, די איבעריגע זענען זיך צולאפען. מערקווירדיג זענען די ווערטער, מיט וועלכע דער מלך פון ירושלים ווענדעט זיך אין דער צייט פון מלחמה צום חיל פון פיינד און צו זיין אנפיהרער, שטעהענדיג אויפ'ן בארג צמרים, וועלכער האט, ווארשיינליך, געדיענט אלס גרענעץ צווישען ביידע לאגערן. נאכדעם, ווי דער מלך דערצעהלט אין קורצען די געשיכטע, ווי אזוי גאט האט

געזאלבט דוד'ן און זיינע קינדער פאר הערשער איבער ישראל און ווי אזוי ירבעם, דער קנעכט פון שלמה בן דוד, האט מורד געווען אן זיין הארען, געהט ער איבער צו רעדען וועגען דעם געגענווארטיגען מאמענט:

„און איצטער מיינט איהר זיך צו שטארקען איבער דער מלוכה פון גאט, וועלכע איז אנגעטרויט געווארען דוד'ס הויז, דורכדעם וואס איהר בילדעט א גרויסע מענגע און וואס מיט אייך זענען די גאלדענע קעלבער, וואס ירבעם האט אייך זיי פאר געטער געמאכט?! איהר האט דאך אבגעשטויסען די כהנים פון גאט, אהרן'ס קינדער, און די לוים, און איהר האט נייע כהנים געמאכט, לויט דעם מנהג פון אלע פעלקער: ווער עס וויל אנפילען זיין האנד מיט א יונגען רינד־אקס און מיט זיעבען שעפסען, יענער ווערט א כהן פאר דעם אונ־גאט! (לא־אלהים)! אונזער גאט איז אבער דער אלמעכטיגער יהוה, מיר האבען איהם נישט פערלאזען און די קינדער פון אהרן זענען כהנים־דינער פאר אונזער גאט און די לוים — ערפילען די היילינע ארבייט אין בית־המקדש. און מיר זענען מקריב כ.. י גאט עולות יעדען פריהמארגען און יעדען אבענד... דען מיר היטען גאט'ס תורה, און איהר האט זי פערלאזען. און איצטער שטעהט גאט און זיינע כהנים, מיט די שאל־טראמפייטען, אין דער שפיץ פון אונזער מחנה — איהר זאלט נישט שטרייטען מיט דעם אלמעכטיגען גאט פון אייערע עלטערן, ווייל עס וועט אייך נישט בעגליקען!"

די דאזיגע רעד פון אביה דריקען אוים די פרומע שטימונג פון מלך און פון פאלק. דער מלך און דאס פאלק דינען גאט, היטען זיין תורה, פערהייליגען זיין בית־המקדש און עהרען זיינע כהנים — דאס גיעט זיי דעם מוט צו גלויבען אין זייער מעכטיגקייט און צו האפען, אז קיינער וועט נישט אימשטאנד זיין, זיי צו בעזיעגען. די דאזיגע פרומע שטימונג איז אבער נישט קיין פאנאטישע: דער מלך און דאס פאלק פערטראגען גאנץ געדולדיג די טיילווייזע געצענדינערייען, וואס איז נאך פערבליבען פון רחבעם'ס צייטען; רחבעם'ס פרוי, אביה'ס מוטער, מעכה בת־אבישלום, וועלכע איז געווען א הייסע געצענדינערין, האט נאך דאן געלעבט און האט אונגעשטערט פארטגעזעצט איהר טעטיגקייט אין דער דאזיגער פערדארבענער ריכטונג: זי האט אין ירושלים אבגעטער געשטעלט און געפלאנצט אשרות.

אסא, דער זוהן פון אביה און זיין נאכפאלגער, איז שוין געגאנגען אין דער אייפעריגקייט פאר זיין אמונה פיעל ווייטער פון זיין פאטער. ער האט געלאזט צוברעכען די מזבחות פון די אבגעטער, אויסגעריסען

די אשרות און בכלל שטרענג נאכגעקוקט, אז דאס פאלק זאל זיך פעסט האלטען ביי זיין תורה. ער האט זאגאר נישט געשוינט זיין באבען מעכה: איהר אבגאט האט ער צושמעטערט און האט פערקלענערט איהר פערזענליכע בעדייטונג אין קעניגליכען הויף. די פערשידענע במות, אויף וועלכע דאס פאלק האט אין פראווינץ קרבנות געבראכט און וועלכע האבען דארטען עקזיסטירט נאך פון שמואל-הנביא'ס צייטען, האט אסא דירעקט נישט בטל געמאכט, אונדירעקט האט ער אבער געשטרעבט זיי אונטערצוברענגען. כדי צו פערפעסטיגען דעם אויטאריטעט פון בית-המקדש און די אינערליכע צענטראליזאציע פון פאלק — צו וואס עס האבען געשטרעבט די ערשטע מלכים פון ארץ-ישראל. צו דעם צוועק האט ער זיך געמיהט אלץ מעהר אויסצופוצען דעם בית-המקדש און ער האט אויף דעם מנדב געווען פיעל גאלד און זילבער פון זיינע אייגענע אוצרות. ער האט דארום אויך זעהר פיעל אכט געלייגט אויף די קרבנות. וואס שענער דער אלגעמיינער בית-המקדש איז געווארען און וואס פייערליכער זיין צערעמאניאל איז צוגעגאנגען, אלץ חשוב'ער איז ער געווארען ביים פאלק, ביי די מאסען. אלץ געפאלענער זענען געווארען די במות און אלץ פעסטער זענען צונויפגעבונדען געווארען די פערשידענע פראווינצען מיט'ן צענטרום פון לאנד. מיט דער הויפטשטאדט פון דער מלוכה — ירושלים. אין דער צייט, וואס אסא האט געהערשט איבער'ן לאנד, פלעגט דער נביא עזריהו בן-עודד פערשפרייטען צווישען פאלק די אידעען פון דער נבואה. „גאט איז מיט אייך, ווען איהר זייט מיט איהם; ועט איהר איהם זוכען וועט איהר איהם געפינען; וועט איהר איהם פערלאזען, וועט ער אייך פערלאזען!" — דער מלך און דער נביא האבען אלזא געארבייט אין איין ריכטונג: פערפעסטיגט ביים פאלק זיין אמונה אין טראדיציאנעלען יהוה. אין יהודה האבען זיך צוזאמענגעטראפען די אינטערעסען פון דער נאציאנאלער אויפגעקלערטקייט און פון דער אינערליכער פאליטיק, און די מעהר פערשטענדליכע מלכים האבען עס פערשטאנען אויסצונוצען פאר דעם גליק פון פאלק!...

אסא איז געזעסען אויפ'ן טראן א יאהר איין און פיערציג (917—957) און ווי די מסורה דערצעהלט, זענען די ערשטע יאהרען פון אסא'ס הערשונג פערבייגעגאנגען אין לאנד זעהר רוהיג זאגאר פון אויסוועניג. קיין מלחמה, קיין צוזאמענשטויסונג. אין אפרים איז גראד די צייט געווען זעהר אונרוהיג סיי פון אינוועניג, סיי פון אויסוועניג: אינערליכע בונטען געגען די מלכים און אויסערליכע מלחמות מיט די ארומיגע פיינדליכע פעלקער האבען דאס לאנד אין בלוט פערטרונקען. דאן זענען מאסען איינוואהנער

פון אפרים, זאגאר גאנצע שטעדט, איבערהויפט פון די נאהנטע שבטים מנשה און שמעון, איבערגעגאנגען קיין יהודה. אסא האט צווישען זיינע נייע אונטערטאנען געמיהט זיך אויסצווארצלען דאס געצענדינערי און צוזאמענגיסען זיי מיט זיין פאלק אין איין אמונה. די דאזיגע רוהיגע צייט האט אסא אויך שטארק אויסגענוצט אויף צו פערשטארקען דאס לאנד אין סטראטעגישער הינזיכט. ער האט אין לאנד נייע פעסטונגען געבויט, ארום געוויסע שטעדט האט ער מויער־ווענט געשטעלט, אין פיעל פונקטען האט ער טורעמס געמאכט. זיין חיל האט ער פערגרעסערט און זיין בעוואפנונג פערפאלקאמט. ווי די מסורה דערצעהלט, איז די יהודה'שע מיליציע בעשטאנען פון הונדערטער טויזענד מאן, בעוואפענטע מיט שפיזען און פאנצירען און פיילען־בויגענס.

עס האט נישט לאנג געדויערט און די דאזיגע אלע מלחמה־פארבערייטונגען זענען שטארק צונוץ געקומען. א געפעהרליכער פיינד איז אנגעפאלען אויף יהודה, די כושים, וועלכע זענען אהער פון אפריקא אנגעקומען מיט אן'אונגעהויער גרויסען חיל (א מיליאן, לויט דער כראניקער פון תנ"ך דערצעהלט) מיט א קאלאסאלער בעוואפנונג (דריי הונדערט קריעגסרייטוועגען, לויט דער זעלביגער קוועלע). אסא האט דעם פיינד בעגעגענט ביי מרשה און אין א ענטשלאסענעם קאמפף האט ער איהם מנצח געווען. די כושים האבען אבגעטרעטען, נאר אסא מיט זיין פיעל קלענערען חיל האט זיי נאכגעיאגט, אבגענומען ביי זיי פיעל רויב, איבערהויפט רינדער און שאף און קעמלען, און פעריאגט זיי ענדליך פון לאנד. דער דאזיגער נצחון האט ביים פאלק נאך פיעל העכער אויפגעהויבען דעם כבוד פון זייער נאציאנאלען גאט, „וועלכער קאן העלפען מיט ווייניג קרעפטען, ווי מיט פיעל": דער מלך און דער נביא האבען נישט געלאזען אבקיהלען די דאזיגע פייערליכע שטימונג און גלייך נאך דער מלחמה האבען זיי צוזאמענגערופען דאס פאלק אין ירושלים אויף דעם גרויסען קרבנות־שלאכט, וואס דער מלך האט אין בית־המקדש געלאזט פייער'ן פון דעם אבגענומענעם רויב. דאן האט אסא בעניים דעם בונד צווישען פאלק און צווישען זיין גאט און האט בעשווארען דאס פאלק „צו פאלגען דעם גאט פון זיינע עלטערן מיט'ן גאנצען הארצען און מיט דער גאנצער נשמה". און ווער עס וועט גאט נישט פאלגען, יענער זאל געטוידט ווערען פון קליין ביז גרויס, פון א מאנספערשוין ביז א פרויענצימער". און דער כראניקער גיעט צו: „גאנץ יהודה האט זיך געפרעהט צוליעב דער בעשווערונג, ווייל מיט'ן גאנצען הארצען האבען זיי צו גאט געשווארען און מיט'ן

גאנצען ווילען האבען זיי איהם בעגערט..."

אויפ'ן זעקס און דרייסיגסטען יאהר פון אסא'ס רעגירונג האט זיך פון דאסניי אנגעהויבען א מלחמה צווישען יהודה און צווישען אפרים. דאן האט בעשא דער מלך פון אפרים פערהאפט די גרענעץ-שטאדט רמה און דארט א פעסטונג געבויט, כדי צו בעקומען א זיכערע פאזיציע. צו יענער צייט איז שוין ארם מיט איהר הויפטשטאדט דמשק, וועלכע האט זיך זעהר נאהענט געגרענעצט מיט ארץ-ישראל, געווען גענוג גרויס און מעכטיג, און בעזיצענדיג א אונגעהויערן אפעטיט, וואלט זי נישט געקאנט בלייבען נייטראל אין דער בעציהונג צו דער מלחמה פון איהרע שכנים. זי וואלט געמוזט זיך אריינמישען און זיך אננעהמען פאר וועלכען ס'איז צד, כדי צו בעקומען א געוויסען חלק פון דעם נצחון. דער מלך פון יהודה האט עס גוט פערשטאנען און ער האט זיך געמיהט צוצוציהען די שכנ'ישע מלוכה אויף זיין זייט. דאן האט ער געשיקט גרויסע מתנות פון גאלד און זילבער צום מלך פון ארם, צו בן-הדד דעם I, און איהם פארגעלעגט, צוזאמענצושטעלען א פעראייניגטען פערבאנד געגען דעם מלך פון אפרים. בן-הדד האט דעם פארשלאג אנגענומען: אפרים איז געאגראפיש נאהענטער געווען צו ארם, ווי יהודה, און פאר בן-הדד'ן איז וויכטיגער געווען אבצושוואכען זיין נאהענטסטען שכן, מיט וועלכען ער פלעגט מוזען קומען אין אפטע צוזאמענשטויסונגען. און אין דער זעלבער צייט, ווען בעשא האט בעלאגערט די גרענעצען פון יהודה, איז בן-הדד בעפאלען די גרענעץ-שטעדט פון אפרים און אנגעמאכט דארט פיעל חורבנות. דער דאזיגער אומשטאנד האט געצוואונגען דעם מלך פון ישראל, וואס גיכער צו פערלאזען יהודה און ראטעווען זיין אייגענעם לאנד. יהודה איז גאר אהן א קאמפף בעפרייט געווארען פון שונא און נאך פערהאפט זיינע פערפעסטיגטע פאזיציעס.

די פאליטיק פון אסא האט אלזא א גרויסע ישועה געבראכט פאר'ן לאנד, פונדעסטוועגען האט זי נישט געקענט צופריעדען שטעלען די נביאים. און דא איבערצייגען מיר זיך אין דער איינינקייט פון דער נבואה'שער טאקטיק אין ביידע ברידערליכע מלוכות—אפרים און יהודה. אזוי ווי אין אפרים, אזוי זענען די נביאים אין יהודה אויך שטענדיג געווען געגען יעדען פערבאנד מיט די ארומיגע פעלקער. פון איין זייט האבען זיי זיך געשראקען פאר דער שלעכטער מאראלישער און רעליגיעזער ווירקונג פון דעם פרעמדען פאלק, און פון צווייטען זייט, האבען זיי אין דעם געזעהן א צייכען פון נישט גלויבען אין דער קראפט פון דעם אלמעכטיגען גאט, וועלכע

נוטיגט זיך נישט אין קיין זייטיגער הילף, ווען ער וויל העלפען זיין פאלק.— נאך דער קאמבינאציע פון אסא מיט ארם איז געקומען דער נביא חנני צום מלך פון יהודה און האט איהם געזאגט: „דערפאר, וואס דו האסט זיך געשטיצט אויף דעם מלך פון ארם און דו האסט זיך נישט פערלאזען אויף דיין אלמעכטיגען גאט, דערפאר איז דער היל פון ארם אנטרונען געווארען פון דיינע הענד[*]. האבען דאך די כושים און די לובים געבילדעט א ריעזיג גרויסען היל, מיט פיעל רייטוועגענס און מיט פיעל רייטערס, און אז דו האסט זיך אנגעטרויט אן גאט, האט ער זיי איבערגעגעבען אין דיינע הענד". דער מלך, וועלכער איז שטענדיג געווען געהארכזאם דער נבואה בנוגע צו דער אמונה, האט נישט געוואלט פערליידען, אז די נביאים זאלען זיך מישען אין דער אויסערליכער פאליטיק און אויף דעם באדען האט צום ערשטען מאל נאך דער שפאלטונג אויסגעבראכען אין יהודה א קאנפליקט צווישען מלך און צווישען נביא. אסא איז אין כעס געווארען אויף חנני און האט איהם אין פעסטונג פערזעצט.

אויף דעם ניין און דרייסיגסטען יאהר פון זיין הערשען איז אסא קראנק געווארען אויף די פיס. די נביאים האבען אין דעם געזעהן א שטראף פון גאט פאר דעם נביא'ס באליידיגונג. די מסורה שטעלט אויף דעם מלך'ס רעכענונג נאך א זינד, וועלכער איז זעהר כאראקטעריסטיש פאר די נבואה־בעגריפען פון יענער צייט: אסא האט וועגען זיין קרענק „געלאזט פרעגען בא די רופאים און נישט ביי גאט". דאס פאלק האט אבער געוואוסט, ווי אבצושאצען די גרויסע פערדיענסטען פון דעם באליבטען און גאטס־פארכטיגען הערשער, און ווען ער איז געשטארבען אויפ'ן איין און פערציגסטען יאהר פון זיין מלוכה, האט דאס פאלק איהם איינגעארדענט אזא גרויסארטיגע לויה, וואס קיין מלך אין ירושלים פאר איהם האט אזעלכע נישט געהאט!

יהושפט דער זוהן פון אסא האט געקעניגט איבער'ן לאנד פינף און צוואנציג יאהר (918—895) און זיין הנהגה איז געווען ענליך צו זיין פאטערס. דער אינצידענט, וואס איז פארגעקומען צווישען פערשטארבענעם מלך מיט די נביאים, איז מיט דער צייט פערגעסען געווארען און דער פרישער יורש־עצר האט פון דאסניי געארבייט פאר די נוצען פון זיין לאנד צוזאמען מיט די אלטע פאלק'ס־לעהרער, מיט די געטליכע לייט.

---

*) די כונה: ווען ארם וואלט זאגאר געווען אויף דער זייט פון אפרים, וואלט דאן אסא זיי ביידען מנצח געווען מיט דער הילף פון גאט.

די טרעגער פונ׳ם „הייליגען גייסט“.

דאס הערשען פון יהושפט האט זיך אויסגעצייכענט — ביז די לעצ־טע יאהרען — מיט פאלשטענדיגער אויסערליכער ווי אינערליכער רוהיגקייט. די רוהיגקייט האט אבער דעם מלך נישט פערשלעפערט און ער האט נישט אבגעשטעלט זיין טהעטיגקייט מיט דעם צוועק אלץ העכער אויפצוהויבען זיין פאלק פאליטיש, עקאנאמיש און מאראליש. ער האט אויך, ווי זיינע פארגענגער, זיך געמיהט פארטצוזעצען די פאלקאמענהייט אין דער סטרא־טעגיק. פון זיינע נייע אויפטהואונגען קאן מען רעכענען דאס, וואס ער האט זיין היל איינגעטיילט און צושיקט אין פראווינץ, אין די פעסטונגס־שטעדט, אנשטאט דעם, וואס פריהער איז ער כמעט אינגאנצען געווען קאנצענטרירט אין דער הויפטשטאדט, אין ירושלים. ווייטער האט ער נייע ארסענאלען און לאגערס געבויט. לויט דעם אמאליגען פלאן פון זיין עלטער־זיידען שלמה, האט ער דאס גאנצע לאנד יהודה, ווי אויך די געגענדען, וואס זיין פאטער האט אבגענומען פון אפרים, איינגעטיילט אין חלקים, און אויף יעדען פון זיי האט געהאט צו בעפוילען א בעזונדער שטעל־פערטרעטער (נציב); דורך דער דאזיגער רעפארם האט ער אריינגעבראכט מעהר ארדנונג אין דער אינערליכער אדמיניסטראציע פון לאנד.

וואס ס׳געהערט צו דער גייסטיגער זייט פון זיין הנהגה האט ער פארטגעזעצט די טעטיגקייט פון זיין פאטער: אלץ טיעפער איינצווארצלען ביים פאלק די אמונה אין דעם נאציאנאלען יהוה, אלס דעם איינציגען גאט פון ישראל און אלמעכטיגען בעשעפער און הער פון דער גאנצער וועלט, און צו בעקעמפפען די שלעכטע מאראלישע ווירקונג פון די ארומיגע שכנישע פעלקער. דערצו האט ער נישט נאר מיט געוואלט מבער געווען, ווי זיין פאטער, די געצען און זייערע מזבחות, וואס זענען נאך אין דער פראווינץ געבליעבען, נאר ער האט אויך געמיהט זיך אויפצוהויבען דאס נאציאנאל־רעליגיעזע בעוואוסטזיין פונ׳ם פאלק. ער איז געווען דער ערשטער מלך, וועלכער האט גענומען אויף זיך די ארבייט, פאפוליער צו מאכען די תורה צווישען די פאלקס־מאסען.

די פערשיעדענע חוקים און מצוות, וועלכע זענען, לויט דער מסורה, געגעבען געווארען דורך משה־רבינו, האבען זיך צוערשט איינגעהאלטען ביי די זקנים און ביי די נביאים אלס פאלקס־טראדיציעס און אנדערע פון זיי זענען פערקערפערט געווארען אין לעבעדיגע מנהגים און געוועהנהייטען; אין יהודה, וואו די נאציאנאלע קולטור האט פרעכטיגער, ווי אנדערשוואו, געבליהט, האבען די אזוי גערופענע מחוקקים אדער סופרים בישלעכווייז

צוזאמענגעקליבען די דאָזיגע טראַדיציעס און מנהגים, פערשריבען זיי אויף מגילות אָדער מגלות, פעסטגעשטעלט די פרינציפען, אויף וועלכע די פערשיעדענע חוקים און מצוות בעגרינדען זיך און אויסגעארבייט זייערע דעטאַילען. די דאָזיגע ריעזיגע ארבייט האָט זיך, ווי עס שיינט, געצויגען גאַנצע דורות און איז איבערהויפט אָרגאַניזירט געוואָרען פאַר דוד'ן און שלמה'ן, ווען אויסער די בעקאַנטע נביאים האָבען אין יהודה עקזיסטירט נאָך גאַנצע פלעיאַדעס פון חכמים, ווי די בני־יעבץ, די בני־אסף, די בני־הימן און אַ. וו. די פערצייכענטע חוקים ומשפטים האָבען זיך אָבער איינגעבונען אין גאַנץ ווייניג עקזעמפלאַרען: נאָר ביים מלך, ביי די כהנים און ביי די נביאים; דעם פאָלק אין זיינע ברייטע מאַסען, זענען זיי געוועזען גאַנץ אומבעקאַנט, אויסער יענע געזעצען, וועלכע זענען שוין פון יאָהרען אריינגעדרונגען אין אַלטעגליכען לעבען און פעררעכענט געוואָרען אַלס מנהגים. יהושפט האָט בעשטימט ארויסצונעהמען די תורה פון די איינצעלנע הענד און איהר אריינברייננגען אין די ברייטע שיכטען פון פאָלק. ער האָט דעריבער אויפ'ן דריטען יאָהר פון זיין קעניגען ארויסגעשיקט ספּעציעלע שרים, צוזאמען מיט אויסדערוועהלטע פון די כהנים און די לויים, „צו לעהרנען אין די שטעדט פון יהודה". דער כראָניקער פון „דברי הימים" רעכענט אויס אַ גאַנצע רשימה פון הויכע לייט, וועלכע זענען לויט דעם מלך'ס בעפעהל, ארויסגעפאָהרען איבער די שטעדט פון יהודה „מיט דער ספר־תורה פון גאָט און געלעהרנט דאָס פאָלק".

נאָכדעם ווי די געזעצען פון דער תורה, וועלכע נעהמען ארום דעם גרעסטען טייל בעציהונגען פון יעדען בן־ישראל צו זיין גאָט און צו זיין חבר, זענען געוואָרען מעהר אָדער ווייניגער בעקאַנט צווישען פאָלק, האָט שוין דער מלך יהושפט געהאַט די מעגליכקייט אריינצוברייננגען מעהר אָרדנונג אויך אין דער ספערע פון געריכט. כל זמן די געזעצען, וועלכע דאַרפען רעגולירען די פערשיעדענע אינטערעסען פון דער בעפעלקערונג, זענען ניט געוועזען פּאָפּוליער, האָבען זיך די ענינים פון משפט איינגעפונען כמעט אויסשליסליך אין די הענד פון דעם מלך. יעדע געגענזייטיגע מיספערשטענדניש אין לאַנד, וועלכע האָט ניט געקאָנט צווישען די צדדים געענדיגט ווערען אויפ'ן פריעדליכען אופן, האָט געדאַרפט פאָרגעשטעלט ווערען פאַר'ן מלך אין זיין פאַלאַץ. פון אַזאַ אָרדנונג האָט די גערעכטיגקייט אין לאַנד, פערשטעהט זיך, געמוזט ליידען. די מלוכה איז געוועזן צו גרויס און צו ברייט, אום יעדע אונרעכט זאָל קאָנען צום מלך אין דער הויפטשטאָדט דערגרייכען. יהושפט האָט אַלזאָ געמיהט

זיך, לויט דער מעגליכקייט, צו לאָקאַליזירען די געריכט'ס-אינסטיטוציעס. אין יעדע פעסטיגטע שטאָדט אין דער פראָווינץ האָט ער אַ געריכט'ס-הויז געגרינדעט. יעדער קריעג, וואָס איז פאָרגעפאַלען צווישען פער-שיעדענע לייט, האָט געמוזט בעטראַכט ווערען דורך די פון מלך אַנגע-שטעלטע שופטים און געמוזט בעשלאָסען ווערען, לויט די בעשטימטע אַלגעמיינע געזעצען, אין דעם גייסט און לויט די פרינציפען פון דער תורה. עס איז זעהר אינטערעסאַנט די רעדע, מיט וועלכער דער מלך האָט זיך געווענדעט צו די אַנגעשטעלטע פראָווינציאַנעלע שופטים און אין וועלכער עס קלינגט דער העכסטער הומאַניזם און דאָס שענסטע רעכט'ס-בעוואוסטזיין:
„בעטראַכט שטענדיג, וואָס איהר טהוט — האָט ער צו די שופטים גע-זאָגט — געדענקט, אַז ניט פאַר קיין מענשען משפּ'עט איהר, נאָר פאַר גאָט, דען ער געפינט זיך צווישען אייך אין געריכט'ס-הויז. זאָל אויף אייך שטענדיג זיין דער שרעק פאַר גאָט; היט אייך, ווייל אונזער אַלמעכטיגער גאָט פערטראָגט ניט קיין אונרעכט, קיין פאַרטייליכקייט און קיין שוחד".
לאָקאַליזירענדיג די אינסטיטוציעס, האָט ער זיי אויך געשטעלט אונטער דער אויפזיכט פון דער הויפט-געריכטס-אינסטאַנץ, וועלכע ער האָט איינגעריכטעט אין ירושלים. די שופטים אין דער דאָזיגער איינריכטונג זענען געווען אַנגעשטעלטע כהנים און לויים (דער גייסטליכער שטאַנד) צוזאַמען מיט די ראשי-האבות (פאַמיליען-עלטסטע). זייער פפליכט איז געווען, אַכטונג צו געבען אויף די געריכטס-אַבטיילונגען אין דער פראָווינץ, אַז זיי זאָלען געפיהרט ווערען עהרליך, לויט די אַלגעמיינע פרינציפען פון דער נאַציאָנאַלער רעכטס-לעהרע. דער דאָזיגער אָבער-געריכטס ווידער איז געשטאַנען אונטער דער אויפזיכט פון דעם הויפט (ראש) מיט דער בעטייליגונג פון דעם מלוכה-קאַנצלער; אין זיין רשות האָט זיך שטענדיג געפונען אַ גאַנצער שטאַט פון שוטרים, וועלכע האָבען געבילדעט די אויס-פיהרונגס-מאַכט פון געריכט און וועלכע האָבען געהאַט די בעפאָלמעכטיגונג, צו צווינגען די פער'משפט'ע זיי זאָלען מקיים זיין דעם פסק פון די שופטים. — אויך צו דעם געריכט'ס-קאָנטראָל האָט זיך דער מלך יהושפט געווענדעט מיט וואַרימע ווערטער:
אייער פפליכט מוז איהר ערפילען מיט גאָט'ספאָרכטיגקייט, מיט איבערצייגונג און מיט ערנסטקייט. יעדער קריעג, וואָס וועט אַנקומען צו אייך פון אייערע ברידער, וואָס וואָהנען אין די פראָווינץ-שטעדט, וועגען בלוט-פערגיסונגען, וועגען רעכט'ס-אַנגעלעגענהייטען, יעדע פראַגע, וועגען געזעצען, וועגען מצוות, אַלץ מוזט איהר פאַרנעהמען און פערהיטען פון

אונרעכט, זיי זאָלען צו גאָט נישט זינדיגען, און עס זאָל גאָט נישט צאָרענען אויף אייך און אויף אייערע ברידער. אויב איהר וועט אַזוי טהון, וועט איהר קיין פערברעכען נישט בעגעהן. זאָל אמריה דער כהן זיין אייער ראש פון די שופטים, און זבדיהו — דער בעפאָלמעכטיגטער פון דעם מלך, און די לויים זאָלען אייערע שוטרים זיין; שטאַרקט אייך און טהוט מיין בעגעהר — און גאָט וועט זיין מיט דעם גערעכטען!"

די מוסטערהאַפטע אָרדנונג פון געריכט, וואָס איז דורך יהושפט'ן איינגעפיהרט געוואָרען, האָט אַרויסגערופען גרויס בעוואונדערונג ביי די אַרומיגע פעלקער, ביי וועלכע דאָס נאַציאָנאַלע רעכט, אַלס אַ מלוכה־פּרינציפּ, איז געווען נישט זעהר קיין געוועהנליכע ערשיינונג. פון צווייטען זייט האָבען אויך די פיעל מיליטערישע פערשטאַרקונגען און רעפאָרמען געמאַכט אַ גרויסען איינדרוק אויף די שכנים פון יהודה. דאַרום זענען כמעט אַלע יאָהרען פון יהושפט'ס רעגירונג פערביי־געגאַנגען אין רוהיגער קול־טורעלער טעטיגקייט און די פעלקער אַרום האָבען נישט געוואַגט צו בע־אונרוהיגען דער מלוכה פון ירושלים מיט זייערע אָנפאַלען. די לענדער, ווייטער, וואָס זענען שוין פון אַמאָל, איבערהויפּט פאַר דוד'ן און שלמה'ן, אונטערטעניג געוואָרען די מלכי בית־דוד נאָר זיי האָבען מורד געווען אין זיי אין דער צייט פון די מהומות אין ארץ־ישראל, צוליעב דער שפּאַל־טונג, און אויפגעהערט זיי צו צאָהלען צינשען, אַזוי ווי צ. בש. די פלשתים און די אדומים—, יענע האָבען פון דאָסניי געמוזט אַנערקענען די אויבערמאַכט פון ירושלים און האָבען ווידער אָנגעהויבען צו צאָהלען זייערע אָבצאָה־לונגען. דאָס האָט אַריינגעבראַכט דער מלוכה זעהר פיעל רייכקייט, און יהודה האָט זאָגאַר אָנגעפאַנגען שטייגען אויך אין עקאָנאָמישער הינזיכט. יהושפט האָט בענייט אויך די יהודה'שע שיף־בעוועגונג אויפ'ן ים. ביי דעם האַפען עולת, אין דער בעזיגטער אדום, האָט ער איינגעריכטעט דעם ווערפט (שיפענבוי־וואַרשטאַט) עציון־גבר. דאָרטען האָט ער גענומען בויען אַ גרויסען האַנדעלס־פלאָט, אויף צושיקען איהם אינ'ם וואונדער־לאַנד אופיר, אום צו ברענגען פון דאָרט גאָלד און זילבער קיין יהודה.

נאָר אויף אַ קורצער צייט איז געשטערט געוואָרען די רוהיגקייט אין ירושלים. די מואבים און די עמונים האָבען, ווי ס'שיינט, מקנא געווען זיך אין דער גדולה פון יהודה, און שליסענדיג צווישען זיך אַ פערבאַנד ענגען זיי צוזאַמען בעפאַלען דאָס הייליגע לאַנד. יהושפט האָט זיך לכתחלה געהאַט דערשראָקען, ווייל די פעראייניגטע קרעפטען פון ביידע יהודה'שע פיינד האָבען געבילדעט אַ ריעזיגען לאַגער. דאַן האָט דער מלך גוזר תענית

געוועזען און פערזאָגט דער בעפעלקערונג צו בעטען גאָט, אַז ער זאָל קומען צו הילף זיין הייליגען לאַנד. דאָס פאָלק פון גאַנץ יהודה האָט זיך צוליעב דעם פערזאַמעלט אין בית־המקדש — אַלט און יונג, פרויען און מאַנסלייט, און צוזאַמען פערגאָסען טרערען פאַר גאָט. דער מלך האָט זיך דאַן געווענדעט צו גאָט מיט אַ בעזונדערער תפלה:

„יהוה, דער גאָט פון אונזערע עלטערן! דו ביזט דאָך דער אַלמעכטיגער אין הימעל און דו געוועלטיגסט דאָך איבער די מלוכות פון אַלע פעלקער, אין דיין האַנד איז דאָך די קראַפט און די מעכטיגקייט, און קיינער קאָן דאָך זיך קעגען דיר נישט שטעלען. און דו, אונזער אַלמעכטיגער גאָט, האָסט דאָך פערטריבען די בעזיצער פון דעם דאָזיגען לאַנד צוליעב דיין פאָלק ישראל און האָסט עס געשאָנקען צו די קינדער פון דיין אייביג געליעבטען אברהם. און זיי האָבען דאָס לאַנד בעזעצט און זיי האָבען פאַר דיין נאָמען אַ מקדש אויסגעבויט מיט פאָלגענדען ציעל: „אויב עס וועט אויף אונז אַן׳אונגליק קומען, אַ שווערד (אַ מלחמה), אַ מגפה אָדער אַ הונגער, וועלען מיר זיך שטעלען פאַר דיר אין דעם דאָזיגען הויז, אויף וועלכען דיין נאָמען ווערט בערופען, און מיר וועלען שרייען צו דיר אין אונזער פערלעגענהייט און דו וועסט אונזער שטים פערנעמען און דו וועסט אונז העלפען“. און איצט זענען אויף אונז בעפאַלען די עמונים און די מואבים, וואָס דו האָסט די בני ישראל פערווערט, געהענדיג אין מדבר פון מצרים, אין זייערע לענדער צו קומען און זיי בייזעס צו טהון. איצט בעצאָהלען זיי אונז דערפאַר: זיי קומען אונז צו פערטרייבען פון דער נחלה, וואָס דו האָסט אונז געשאָנקען! מיר קאָנען קעגען זיי גאָרנישט טהון, און נאָר צו דיר ווענדען מיר אונזערע אויגען!“...

די דאָזיגע גרויסאַרטיגע תפלה, וועלכע איז דורכגעדרונגען מיט די פאָלק׳ס־געפיהלען פון דער נאַציאָנאַלער פערגאַנגענהייט און מיט די נבואה׳שע וועלט־אַנשויאונגען פון דער געגענוואַרט, האָט אַרויסגערופען ביי די פערזאַמעלטע מאַסען אַ נאַציאָנאַלע התלהבות. די נביאים, וועלכע האָבען זיך בשעת־מעשה דאָרטען איינגעפונען, האָבען אויפגעמונטערט דאָס פאָלק און דעם מלך און פערזאָגט צו האָפען צו גאָט. איינער פון די בני־אסף האָט אַזוי געזאָגט: הערט צו, גאַנץ יהודה, די איינוואָהנער פון ירושלים און דער קעניג יהושפט: אַזוי האָט יהוה געזאָגט צו אייך: איהר זאָלט אייך נישט שרעקען און איהר זאָלט אייער מוט נישט פערליערען צוליעב דער דאָזיגער גרויסער פיינדליכער מחנה; נישט איהר וועט די מלחמה פיהרען, נאָר גאָט!“ — די מלחמה האָט זיך ווירקליך געענדיגט מיט דעם

נצחון פון יהודה איבער זיינע פיינד. דאס בעגייסטערטע פאלק האט צושמעטערט די לאגערען פון עמון און מואב, און האט נאך ביי זיי פיעל רויב אבגענומען. דאס האט נאך מעהר אכטונג ארויסגערופען ביי די ארומיגע פעלקער צו דעם געוועהר פון יהודה. דער כראניקער, וועלכער בעשרייבט די דאזיגע מלחמה, דריקט זיך אויס וועגען דעם איינדרוק, וואס דער נצחון פון יהודה האט געמאכט אין די ארומיגע לענדער: דער שרעק פון גאט איז געפאלען אויף אלע מלוכות, ווייל זיי האבען זיך איבערצייגט, אז יהוה זעלבסט האלט מלחמה געגען די פיינד פון ישראל”.

די איבערגעריסענע רוהיגקייט האט זיך אלזא פון דאסניי צוריקגעקעהרט אין לאנד פון יהודה; די פעלקער האבען שוין מעהר נישט געהאט די העזה צו בעפאלען יהושפט'ן; ער אליין, וויעדער, זייענדיג פון דער נאטור א פריעדליכער מענש און געהענדיג אין די וועגען פון דער נבואה, האט געוויס פון זיין זייט נישט ארויסגערופען קיין מלחמות. ער האט שטענדיג געפיהרט א פריעדענס-פאליטיק און זאגאר מיט דעם בייזעסטען שונא פון יהודה, מיט אפרים, געגען וועלכען די פארגענגער פון יהושפט האבען נישט אויפגעהערט צו קעמפפען, האט דער דאזיגער מענשענפריינדליכער מלך אויך שלום געשלאסען. דער דאזיגער שלום, וועלכער איז אין אנפאנג געווען נאר א פאסיווער, האט זיך ענדליך פערוואנדעלט אין אן אקטיווען פאליטישען און זאגאר פאמיליען-פערבאנד. דער פרומער יהושפט, דער מלך פון ירושלים, האט זיך מתחתן געווען מיט דעם זינדיגען אחאב, דעם מלך פון שומרון: זיין זוהן יהורם האט ער חתונה געמאכט מיט אחאב'ס טאכטער עתליה. נאכדעם האט שוין דער הערשער פון יהודה געהאלפען די מלכים פון אפרים אין זייערע מלחמות געגען ארם און געגען אדום; דערפאר האבען די מלכים פון אפרים אנטייל גענומען אין בויען דעם פלאט פון עציון-גבר. אויף דעם דאזיגען באדען איז אויך צווישען יהושפט'ן און צווישען דער נבואה אויסגעבראכען א סכסוך. די נביאים, וועלכע זענען שטענדיג געווען געגען דער ברידערליכער בלוטפערגיסונג צווישען די ביידע טיילען פון דעם איינציגען געטליכען פאלק, האבען אבער נישט געקאנט זיך גלייכגילטיג פערהאלטען צו דער גרויסער פריינדשאפט, וואס איז געווארען צווישען זיי. אזוי ווי די נביאים זענען געווען געגען יעדען נאהנטען פערבאנד מיט די איבעריגע פעלקער, אזוי זענען זיי געווען אויך געגען דער איינהייט מיט אפרים, וועלכע האט שוין דאן געהאט „אבגעקעהרט פון דעם געטליכען וועג“, מורא האבענדיג — און דאס איז געווען, ווי עס האט זיך צום לעצטען דערוויזען,

נישט אָהן אַ גרונד — פאַר דער שלעכטער ווירקונג. און ווען יהושפט האָט זיך אומגעקעהרט קיין ירושלים פון דער מלחמה געגען ארם פאַר די נוצען פון אחאב'ן, האָט איהם איינער פון די נביאים גאַנץ דייטליך אויסגעדריקט די אונצופריעדענהייט פון זיינע חברים: „דאַרף מען דען דעם רשע העלפען און גאָט'ס פיינד — ליעבען? דערמיט האָסטו אויף זיך אַרויפגעבראַכט דעם צאָרן פון גאָט!..." יהושפט אָבער, נישט קוקענדיג אויף זיין גאָט'ספאָרכטיגקייט, האָט אויך, ווי זיין פאָטער, נישט געוואָלט צוזאַמענמישען נבואה מיט מלוכה-אַנגעלעגענהייטען, און ער האָט פאָרטגעזעצט זיין פריינדשאַפטס-פּאָליטיק מיט אחאב'ס דינאַסטיע. דאַן האָט זיך געמאַכט, אַז אַ אונגעוועהנליכער שטורם-ווינד אויפ'ן ים האָט פערניכטעט דעם אַלגעמיינעם האַנדעלס-פלאָט, וועלכער איז אין עציון-גבר געבויט געוואָרען מיט די פעראייניגטע קרעפטען פון יהושפט און אחזיהו, אחאב'ס טראָן-פאָלגער, און די נביאים האָבען דעם דאָזיגען אונגליק אויסגעטייטשט אַלס אַ צייכען פון דער השגחה. דער נביא אליעזר בן-דודיהו האָט יהושפט'ן דאָס פערזענליך געזאָגט: „דערפאַר, וואָס דו האָסט חבר געמאַכט מיט אחזיהו, האָט גאָט פערניכטעט דיין אַרבייט!" יהושפט'ן האָט אָבער, ווי ס'שיינט, דער פאַקט נישט איבערצייגט און ער האָט נישט פונאַנדערגעריסען זיין פערבאַנד אויך מיט די וויטערדיגע מלכים פון שומרון. פאַר זיין לעבען האָט דער דאָזיגער פערבאַנד ווירקליך געבראַכט דעם לאַנד נאָר גוטס און די פינף און צוואַנציג יאָהר, וואָס יהושפט האָט געקעניגט אין יהודה, קאָנען זיך רעכענען פאַר איינעם פון די גליקליכסטע פעריאָדען, בנוגע צו דער אויפבליהונג פון דער נאַציאָנאַלער קולטור אין לאַנד.

אין אַ משך פון פיעל דורות, רעכענענדיג פון יהושע בן-נון אָן, האָט אַלזאָ דער פאָלק'ס-גייסט פון ישראל נישט אויפגעהערט צו שאַפען דעם באָדען פאַר זיין עקסיסטענץ — זיין אייגענאַרטיגע קולטור. אין דער צייט פון יהושפט האָט שוין די דאָזיגע קולטור דערגרייכט זעהר אַ הויכע מדרגה, אויף אַזוי פיעל, אַז מען האָט איהר שוין געקאָנט בעצייכענען, מען האָט שוין געקאָנט אונטערשיידען איהרע הויפּט-פּרינציפּען, מען האָט לייכט געקאָנט אָנווייזען איהר היסטאָרישען וועג. דאָס, וואָס דאָס פאָלק האָט אַריינגעבראַכט אין דעם אַלגעמיינעם אוצר פון דעם מענשליכען גייסט, איז געוועזען דייטליך אָבגעשטעמפּעלט פון דער נאַציאָנאַלער אָריגינאַליטעט און אייגענאַרטיגקייט. ישראל האָט ביז יהושפט'ן שוין געהאַט פעסט בעגרינדעט זיין נאַציאָנאַלע טעאיסטישע (געטליכע) וועלט-אַנשויאונג און, אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, די פפליכטען פון מענשען. דער ישראל'יזם

לעהרנט, אז די וועלט איז בעשאפען געווארען דורך א בעוואוסטזיניגער איינציגער קראפט, דורך דעם איינציגען גאט (מאנאטעאיזם); גאט האט נישט נאר די וועלט בעשאפען, נאר ער הערט איהר נישט אויף צו שאפען, אזוי אז אלע נאטור־ערשיינונגען זענען אייביג אונאבהענגיג פון איהם, פון זיין ווילען, — אייביג, וויל ער אליין איז די אייביגקייט, די אונענדליכקייט. און וויל גאט אליין האט אלץ בעשאפען און אלע סטיכיען (נאטור־קרעפטען און עלעמענטען) געפינען אין איהם זייער קוועלע, ענטהאלט ער אין זיך דעם סכום פון אלע סטיכיען, און איז ממילא העכער פון אלע סטיכיען; מען קאן אלזא גאט נישט בעגרייפען, פארשטעלענדיג זיך זיין געשטאלט אין א וועלכען ס'איז בעגרענעצטען קערפער, דורך א וועלכע ס'איז שטערבליכע מאטעריע, וויל דערמיט בעגרענעצט מען זיין אונבעגרענעצטקייט אלס סך־הכל פון דער שעפפונג, צוזאמען מיט דעם אונענדליכען שעפפונגס־ווילען. גאט איז אלזא די אייביגע, אונענדליכע קערפערלאזיגקייט; דער מענש מיט זיינע בעגרענעצטע חושים און בעגרענעצטען פערשטאנד קאן געוועהנליך דעם גרעניצלאזען בעשעפער נישט זעהן און נישט הערען, איהם איז נאר ענטפלעקט געווארען זיין היליגער נאמען יהוה (דאסזיין).

די וועלט־אנשויאונג פון דעם ישראליזם איז א אפטימיסטישע. יהוה, וועלכער האט די וועלט בעשאפען צוזאמען מיט אלע איהרע ברואים, איז די גוטסקייט אליין; מיט דער גוטסקייט האט ער די וועלט בעשאפען און מיט דער גוטסקייט הערשט ער איבער אלע ברואים. מיט זיין גוטסקייט האט גאט בעשאפען דעם מענשען און איהם געשיינקט א פונק פון זיין געטליכקייט, זיין נשמה; דער צוועק און די שטרעבונג פונ'ם מענש דארף זיין אלץ מעהר זיך צו דערנעהנטערען אין זיין גייסטיגען לעבען צו זיין בעשעפער*; דערצו קאן דער מענש דערגרייכען נאר דורך דער גוטסקייט. שאפט אבער דער מענש שלעכטעס, דאן מוז ער אויפברייגען אויף זיך דעם צארן פון גאט, וועלכער איז דער פיינד פון דאס שלעכטע... בנוגע צו דער היסטארישער בעדייטונג פון פאלק ישראל, איז עס אויסדערוועהלט געווארען פון יהוה אליין, צו לעהרנען דער מענשהייט, זי זאל דערקאנען דעם ריכטיגען גאט און איהר ריכטיגען ציעל, וועלכער איז צוזאמענגעבונדען מיט דעם געטליכען בעוואוסטזיין; און זוכה געווען דערצו האט

*) אנשטאט דעם, וואס דער גריכישער אנטראפאמארפיזם מאכט די געטער עהנליך צו מענשען, מאכט דער ישראליזם דעם מענשען עהנליך צו גאט.

ישראל דערפאר, וואס ער איז געבוירען געווארען, אלס פאלק, אין ליידען און אין פיין, אונטער דעם יאך פון מצרים און האט געגוג געפיהלט דעם טעם פון דאס ביזע, כדי איהם צו האסען. גאט האט ישראל'ן ארויסגענומען פון מצרים, כדי דאס בעפרייטע פאלק זאל אין זיין אייגען לאנד גרינדען די ערשטע מלוכה פון גוטסקייט און דורכדעם דינען אלס ביישפיעל פאר אלע פעלקער.

דאס זענען די הויפט-טעזיסען פון דער אייגענארטיגער וועלט-אנשויאונג פון ישראל, וועלכע האט זיך ענטוויקעלט און פערטיעפט אין א רייהע פון פיעל דורות; זייער טעארעטישע בעהויפטונג האט געפונען איהר אויסדרוק אין דער לעהרע פון די נביאים און אין דער פאעזיע פון די משוררים. ביז יהושפט'ס צייט איז שוין געווען געשאפען א גרויסער טייל פון ספר תהלים, און, ווי ס'שיינט, אויך דער גייסטרייכסטער ספר איוב, וועלכע בעהאנדלען די עיקרים פון דעם ישראליזמוס. די רעאלע פערקערפערונג פון די זעלבע טעזיסען האט זיך אויסגעדריקט אין דער „תורה", וועלכע האט נארמאליזירט דאס אלטעגליכע פאלק'ס-לעבען לויט די יסודות פון גוטסקייט.

די תורה ענטהאלט אין זיך געזעצען און פערבאטען, וואס א טייל פון זיי זענען בעשטימט שטענדיג צו פערפעסטיגען און פערטיעפען דעם געטליכען בעוואוסטזיין, לויט דער נאציאנאלער אויפפאסונג. דאס ווערט דערגרייכט דורך געוויסע טהאטען און סימבאלען, וועלכע זענען גאנץ אפט גענומען פון די אוראלטע מנהגים פון די סעמיטישע פעלקער, נאר אין וועלכע דער נאציאנאלער גייסט האט אריינגעגעבען א נייעם רעליגיעזען אינהאלט, אזעלכע זענען די מצוות: מלה, ציצית, תפלין, מזוזה קרבנות און אז. וו. א טייל געבאטען קומען צו דערמאנען שטענדיג יעדען בן-ישראל די געשעהעניש פון יציאת-מצרים, אויף וועלכער עס גרינדעט זיך די אמונה פון פאלק וועגען זיין אויסדערוועהלטקייט צו טראגען די געטליכע שליחות; אזעלכע זענען די מצוות: פסח, חמץ, סוכה און אנדערע. וויטער געהען א טייל געבאטען, וואס זייער ציעל איז, צו לעהרנען דעם מענשען שטענדיג גוטס צו טהון מיט אלעמען אהן קיין אונטערשיעד. אזעלכע זענען די פערזאגען וועגען צדקה, וועגען לקט, וועגען מעשרות, און ד. ג. די רעכט'ס-נארמען פון דער תורה גרינדען זיך אויך אויף דעם פרינציפ פון מענשען-ליעבע („דו זאלסט דיין חבר ליעב האבען ווי זיך") און אויף גלייכהייט. מען טאר נישט גנב'ענען, מען טאר נישט גזל'ענען, מען טאר נישט קיין בלוט פערגיסען, מען טאר נישט נארען, מען טאר נישט

ווריקען קיינעם, מען בעדארף געדענקען דאס זיין אין מצרים... („וגר לא תונה ולא תלחצנו, כי גרים הייתם בארץ מצרים") „אָרעמע, שוואַכע, יתומים, אלמנות מוזען עהרליך בעהאַנדעלט ווערען; דער פּרינציפּ פון גערעכטיגקייט טאָר אָבער צוליעב דעם אָרימען און שוואַכען נישט פערבויגט ווערען („ודל לא תהדר בריבו)". די יסודות פון מענשענליעבע מוזען אָנגעווענדט ווערען פאַר יעדען מענשען גלייך: נישט נאָר פאַר א גלויבענס-ברודער, נאָר זאָגאַר פאַר א פרעמדען, וואָס וואָהנט אין'ם לאַנד פון ישראל, ווייל — מען מוז געדענקען דאָס זיין אין מצרים...

מיט א בעזונדערען אייפער ווערט אין דער תורה געקעמפּפט פאַר דער אַלגעמיינער גלייכהייט. צווישען בני ישראל טאָרען נישט זיין קיין הערען און קיין קנעכט. „נאָר פאַר מיר זענען די בני ישראל קנעכט, מיינע קנעכט זענען זיי, וואָס איך האָב זיי פון לאַנד מצרים אַרויסגענומען, איך יהוה אייער אַלמעכטיגער גאָט!" דאָס איז דער פּרינציפּ פון אַלגעמיינער גלייכהייט. און ווען איינער פערקויפט זיך אויס נויט צום צווייטען, מוז מען איהם אויפ'ן זיעבעטען יאָהר אַרויסלאָזען פריי. אין דער צייט פון דער פערדינגונג איז דער האַר מחויב צו בעגעהן זיך מיט זיין צייטווייליגען קנעכט מיט יושר און רחמנות, טאָר איהם נישט בעלעסטיגען מיט שווערע און שענדליכע אַרבייט, מוז איהם געבען זיין קליידונג, זיין שפּייז און רוה-צייט. אפילו איבער דעם קערפּער פון א קנעכט פון א פרעמדען פאָלק, האָט דער האַר נישט צו שאַפען; אויב ער טוידט איהם בעוואוסטזיניג, בעצאָהלט ער דערפאַר מיט'ן לעבען און אויב ער מאַכט איהם א פעהלער, מוז ער איהם פריי לאָזען... לויט די געזעצען פון דער תורה, טאָר מען פאַר קיין הלואה נישט נעהמען קיין רבית; א פערמשכנ'טע פעלד קעהרט זיך אום צוריק צום בעל-הבית אום שמיטה; קיין ערד קאָן נישט פערקויפט ווערען לענגער ווי ביז יובל — דורכדעם ווערט בעגרענעצט דאָס רעכט פון פּריוואַט-אייגענטום, און אין א געוויסער מאָס ווערט פערהיט די עקאָנאָמישע אונגלייכהייט: עס זאָל זיך נישט אָנקלייבען צו פיעל רייכקייט ביי איינעם, און דער צווייטער זאָל נישט פערליערען זיין לעצטע שטיקעל נחלה אויף אייביג. א שטרענג, איינפאַך אַרט לעבען — דאָס איז דער אידעאַל פון דער תורה און די פערבאָט קנאה און תאוה; זאָגאַר דעם מלך ווערט אָנגעזאָגט, ער זאָל זיך נישט איינשאַפען קיין סך פרויען, קיין סך פערד, קיין סך גאָלד און קיין סך זילבער, ווייל דאָס אַלץ שטערט די אַלגעמיינע גלייכהייט... אין דער מצוה פון שבת, ווען אַלע, זאָגאַר די קנעכט און די דיענסטען, זענען מחויב צו רוהען פון דער וואָכיגער אַרבייט, האָט די

תורה פעראייניגט אלע דריי פרינציפען פון דער ישראלישער אמונה: די בעשאפונג פון דער וועלט דורך גאט, דאס בעפרייט ווערען פון מצרים און די גלייכהייט אויף דעם יסוד פון גוטסקייט.

פון דער צייט, ווען דער געניוס פון ישראל, האט אוועקגעלעגט די פונדאמענטען פון זיין קולטור, איז נישט איבערגעבליבען קיינע געדעכענישען פון זיינע אריגינעלע שעפפונגען אין יענע געביטען, אין וועלכע עס האבען זיך אויסגעצייכענט אלע אנדערע פעלקער פון דער אוראלטער וועלט, ווי די מצרים, די כשדים, די צורים די גריעקען: דאס פאלק ישראל האט נישט אריינגעטראגען דאן קיין אייגענס, נישט אין דער קונסט און נישט אין דער וויסענשאפט. און דאס איז גאנץ פערשטענדליך. די קונסט איז אימעטום אין אנפאנג געווען א רעליגיעזע. די געצענדיענערישע פעלקער פלעגען מאלען אדער שניצען בילדער, וועלכע פלעגען פארשטעלען יענע נאטור-קרעפטען, וועלכע זיי פלעגען דיענען; אויף דעם באדען האט זיך דערנאך ענטוויקעלט די פלאסטישע קונסט; ביי ישראל האט די רעליגיעזע וועלט-אנשויאונג לכתחלה פערווערט אזעלכע געטליכע בילדער, אלס ווידערשפרוך צו דעם אונענדליכען און קערפערלאזען בעגריף פון יהוה. די וויסענשאפט האט אויך אין דעם ישראליזמוס נישט געקאנט געפינען קיין בעוועגונגס-קראפט. ווי בעקאנט, איז אויך די פילאזאפיע, ביי די גריכען, צ. ב. ש., ענטוויקעלט געווארען אויף דעם יסוד פון דער קאסמאגאניע און גאטזוכונג; דער געניוס פון ישראל האט אבער קיינמאל נישט געליטען פון די אלע צווייפלונגען און זוכענישען; עס עקזיסטירען פערשידענע מיינונגען, ווי אזוי דער ישראליזמוס איז צום מאנאטעאיזם געקומען, יעדענפאלס אבער איז געוויס, אז די העברעער, אלס פאלק, זענען אריינגעטראטען אין לעבען מיט א פארטיגען געטליכען טעזיס, וועלכען זיי האבען נאר וואס ווייטער אלץ ברייטער ענטוויקעלט און פערפאלקאמט. זאגאר די פערשידענע נאטור-ערשיינונגען האבען קיינמאל ביים געניוס פון ישראל נישט געקאנט ארויסרופען קיין בעוואונדערונג, קיינמאל נישט געקאנט צווינגען איהם צו בעטראכטען זייערע רעגעלען, ווייל דער „ווילען פון אלמעכטיגען" האט געדיענט אלס ערקלעהרונג פאר אלע ערשיינונגען. אין דער תורה, צווישען די נביאים בעגעגענט מען פיעל שטעלען, וואו עס זעהט זיך דייטליך ארויס די נעגאטיווע פערהעלטעניס צו פערשידענע וויסענשאפטליכע געביטען, וועלכע זענען געווען זעהר געשעצט אין דער אוראלטער וועלט, ווי צ. ב. אסטראלאגיע, מאגיק, מעדיצין; דאס איז פיעלייכט נישט אזוי פיעל צוליעב

גם, וואָס די נביאים זענען געווען איבערצייגט אין דער פאַלשקייט פון די דאָזיגע חכמות, ווי צוליעב דעם, וואָס די דאָזיגע חכמות, אויב זיי וואָלטען זיין ריכטיג, וואָלטען זיי דאָך געמוזט בעגרענעצען דעם פרייען ווילען פון דעם בעשעפער און איהם שטעלען אין צוזאַמענהאַנג מיט געוויסע אויסערליכע געזעצען און דאָס האָט דער ישראליזמוס פּרינציפּיעל נישט געקאָנט דערלאָזען[*]. אַזוי ווי דער פאַסטוך, בלאָנדשענדיג אין דער לענג און אין דער ברייט פון דעם גרויסען געדיכטען וואַלד און זוכענדיג אָהן אַ שפור און אָהן אַ שטעג זיין פערלוירענעם שעפּעלע, געפינט גאַנץ אָפט אין גאַנג אַזעלכע מציאות, וועגען וועלכע ער האָט גאָרנישט גערעכענט, אַזוי אויך האָט די אַלגעמיינע מענשהייט, בלאָנדזשענדיג אין דעם גרויסען געדיכטען וואַלד פון דער נאַטור, גאַנץ אָפט געפונען אין וועג זייטיגע אונערוואַרטעטע ענטדעקונגען אין דער ספערע פון דעם מענשענ'ס-געדאַנק. דאָס איז אָבער גע...ן גאַנץ פערמיידליך פאַר'ן ישראליזמוס, וועלכער האָט קיינמאָל נישט געבלאָנדזשעט שפּורלאָז, און אין זיין ענטוויקלונג האָט ער געמוזט געהן אָהן זייטיגע אָבנייגונגען, האַלטענדיג זיך פעסט ביי אַ גלייכען וועג-שטריך. עס איז אַלזאָ דייטליך, אַז דער געניוס פון ישראל איז פון אָנפאַנג אָן געווען בעגרענעצט אין זיין שאַפונג'ס-געדאַנק. אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין וועלט-אַנשויאונג איז פאַר איהם פריי געבליבען דער געביט פון דער עטהיק, און אין דער הינזיכט האָט ער דערגרייכט שוין מיט דריי טויזענד יאָהר צוריק אַזאַ הויכע מדרגה, אויף וועלכער קיין פאָלק אין יענער צייט איז נישט געשטאַנען. מיט דריי טויזענד יאָהר צוריק האָט דאָס פאָלק ישראל אַרויסגעשטעלט דעם פּרינציפּ פון מענשען-ליעבע און גלייכהייט, נישט נאָר אַלס וועלט-אויפפאַסונג, נאָר זאָגאַר אַלס מלוכה-יסוד. וועלכער האָט זיך אין אַ משך פון פיעל דורות אַלץ מעהר ענטוויקעלט און פערקערפּערט אין רעאַלע אַלגעמיינע מלוכה-פאָרמען, (אי-בערהויפּט אין יהודה). ליידער האָט אָבער די ווייטערדיגע ענטוויקלונג פון דעם דאָזיגען אידעאַל פּלוצלונג געפונען פאַר זיך אַ שטערונג אין דער אויסער-ליכער פּאָליטיק פונ'ם לאַנד און נאָך יהושפט'ס טויט האָט דאָס אינערליכע מלוכה-לעבען אין יהודה געמוזט אָבטרעטען אויף אַ געוויסער צייט פון איהר גלייכען היסטאָרישען וועג.

[*] די קאָמפּראָמיסען צווישען דער וויסענשאַפט און צווישען דער לעהרע וועגען דער אבסאָלוטער פרייהייט פון גאָט'ס ווילען געהערען צו די שפּעטיגערע דורות.

נאך יהושפט'ס טוידט (895) זענען געבליבען פיעל זיהן, נאר די מלוכה האט גע'ירש'נט, ווי דער מנהג איז געוועזען אין יהודה, דער עלטסטער פון זיי — יהורם (895—882). יהורם'ן האט נאך זיין פאטער'ס חתונה געמאכט מיט עתליה'ן, די טאכטער פון אחאב און איזבל. די דאזיגע מחותנות'שאפט איז געשלאסען געווארען צוליעב דער אויסערליכער פאליטיק — צו פערשטארקען די פריינדשאפט צווישען שומרון און ירושלים; די בעסטע מענשען פון פאלק, וועלכע האבען זיך געזארגט פאר דאס אינערליכע גייסטיגע לעבען אין לאנד מעהר, ווי פאר דער אויסערליכער פאליטיק, זענען געווען נישט צופריעדען מיט דעם דאזיגען שריט פון דעם פרומען מלך, און די נאהענטסטע צוקונפט האט דערוויזען, אז זיי זענען געווען נישט אינגאנצען אונגערעכט. עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז עתליה איז געווען אינגאנצען געראטען אין איהר מוטער — די פעניצעערין איזבל. זי איז אויך געווען אזא פאנאטישע אנהענגערין פון דעם אנטימאראלישען פעניצער-קולט, פון די פערשיעדענע אבגעטער, ווי בעל, עשתרות און אנדערע; זי איז אויך געווען א הייסע ליעבהאבערין פון דעם פרעהליך-צולאזענעם פעניצער-לעבען. דערביי איז געווען פון דער נאטור זעהר דעספאטיש און האט זיך נישט געוואלט רעכענען מיט די פאלק'ס-בעגריפען אין איהר נייעם פאטערלאנד. אין דער בעציהונג צו איהר אונגעהויערער ענערגיע און אייזערנעם כאראקטער האט זי פיליייכט נאך איבערגעשטיגען איהר מוטער און דער מלך איז געווארען אינגאנצען אבהענגיג אן דעם ווילען פון דער מלוכה. דער פרומער גאט'ספארכטיגער גייסט, וואס האט פון יאהרען לאנג שוין געהערשט אין דעם הויז פון די מלכי בית-דוד איז מיטאמאל אבגעשאפט געווארען; עס איז בעניית געווארען דאס געצענדיענעריי, נאר נישט דאס געצענדיענעריי פון די פלשתים, פון די עמונים און אז. וו., וועלכע האט אמאל אפט געקאנקורירט אין לאנד מיט דעם קולט פון יהוה, וועלכע האט מעהר אויסגעדריקט פערגרעבטע אונוויסענהייט, ווי וועלט-אנשויאונג און איז אלזא נישט געוועזען דאגעגען די נאציאנאל-פסיכאלאגישע נייגונגען צו מאראל, צו וואהרהייט און גערעכטיגקייט. א דאנק עתליה'ס מיה ווערט אין יהודה צום ערשטען מאל איבערגעטראגען דעם איינפלוס פון דעם ציוויליזירטען פיניצער-קולט, וועלכער שטעלט פאר מיט זיך א גאנצען לעבענס-סיסטעם פון בלוטפערגיסונג, פון זנות און פון שכרות, און געגען וועלכען ס'איז געווען פיעל שווערער צו קעמפפען, ווי געגען דעם איינפלוס פון די אונוויסענדע אנדערע שכנ'שע פעלקער. און דאן ווערט דער טהראן אין ירושלים, כמעט דאס ערשטע מאל אין א משך פון פיעל דורות, בעפלעקט מיט

אונשולדיג בלוט. וואהרשיינליך, האבען די נייע אויפפיהרונגען פון מלך געטראפען א געוויסען ווידערשטאנד, ווענינגסטענס, א אונצופריעדענהייט ביי פיעל שרים, וועלכע האבען נאך געדענקט דעם אלטען פרומען יהושפט, שוין נישט רעדענדיג וועגען די נביאים; מעגליך, אז די אונצופריעדענע האבען געקלעהרט, אדער געקענט קלעהרען וועגען א פעררעט געגען מלך, אום אויפ'ן טהראן ארויפצוזעצען איינעם פון זיינע פיעל ברידער, וועלכע שטאמען פון דוד בן ישי'ם הויז פונקט ווי ער. דער כאראקטערלאזער יהורם, אונטער דעם איינפלוס פון עתליה, האט דארום אויסגעהרג'עט די דאזיגע אונצופריעדענע שרים און צוזאמען מיט זיי — אויך זיינע אלע ברידער, כדי ער זאל אין בית־המלך מעהר קיין פרעטענדענטען אויף דער קרוין נישט האבען. — פערזיכערענדיג זיך פון אנ'אינערליכען פעררעט, האט זיך דער יונגער מלך איבערגעגעבען דעם לוסטיג־צולאזענעם לעבען, צו וועלכען עם האט איהם געטריעבען זיין מלכה, די פיניצעערין, און ווי דעם גרעסטער טייל דעספאטען, וועלכע הערשען געגען דעם ווילען פון פאלק, האט ער אויך פערגעסען אן דער אויסערליכער געפאהר. אנשטאט דעם וואס זיינע פארגענגער האבען אהן אויפהער זיך געזארגט, צו פערפעסטיגען דאס לאנד און דעם היל, האט ער זיך איבערגעגעבען דעם לוסטיגען בעל־קולט און געהאלטען אין איין טרינקען און פרעהליך זיין. מיט דער דאזיגער זארגלאזיגקייט האבען זיך בענוצט די ארומיגע פעלקער אבצושוואכען די קראפט פון יהודה. די ערשטע האבען די אדומ'ער אראבגעווארפען פון זיך דעם יאך פון יהודה, און אנשטאט דעם נציב (פערטרעטער) וועלכער פלעגט ווערען אין אדום בעשטימט דורכ'ן הערשער פון ירושלים האבען זיי אויסגעקליבען אנ'אייגענעם מלך. יהורם האט דענסטמאל ערקלעהרט אדום'ן א מלחמה, וועלכע איז זעהר שווער געווען פאר אדום, נאר דאך האט ער נישט געקאנט אויף דאסניי אויפשטעלען דארט דעם אויטאריטעט און די הערשאפט פון יהודה, און אדום איז געבליבען אויף שטענדיג אונאבהענגיג פון ירושלים. נאך אדום האט זיך פון יהודה אבגעריסען נאך א קליינע מלוכה, לבנה, און איז אויך געווארען זעלבסטשטענדיג.

לויט די מסורה דערצעהלט, האבען אבער זאגאר די דאזיגע מפלות נישט אויסגעניכטערט דעם מלך פון זיין בעטרונקענהייט און ער האט פארטגעזעצט זיין זארגלאז־פרעהליכען לעבען; דאן האט דער געטליכער נביא אליהו צוגעשיקט צו יהורם'ן א בריעף, אין וועלכען ער האט איהם אהן רחמנות געשטראפט פאר זיינע שענדליכע מעשים:

„אַזוי האָט געזאָגט יהוה, דער אַלמעכטיגער גאָט פון דיין אורעל־טער־פאָטער דוד: דערפאַר וואָס דו ביזט נישט געגאַנגען אין דעם וועג פון דיין פאָטער יהושפט און פון דיין זיידען אָסא — די מלכים פון יהודה, און ביזט ליעבערס אַוועק מיט דעם וועג פון די מלכים פון ישראל; דערפאַר וואָס דו האָסט פערפיהרט דאָס פאָלק יהודה, אַזוי ווי אחאב'ס הויז האָט פערפיהרט דאָס פאָלק ישראל; דערפאַר וואָס דיינע ברידער, וועלכע זענען געוועזען בעסערע, ווי דו, האָסט אויסגעטוידט — דערפאַר וועט דיר גאָט פלאָגען מיט אַ גרויסער פלאָג — דיר און דיין פאָלק און דיינע קינדער און דיינע פרויען און דיין גוטס. און אויף דיר אַליין וועט גאָט אָנשיקען אַ ביזע קרייענק, ביז וואַנען דיינע געדערים, וועלען דיר אַרויס־פלאַצען פון פערלענגערטען קרענק".

און דעם נביא'ס רעד זענען ווירקליך מקוים געוואָרען. ווי די מסורה דערצעהלט, האָבען די פלשתים געשלאָסען אַ בונד מיט די ערבים (אַראַבער) פון דעם ערבישען האַלב־אינזעל און מיט פעראייניגטע קרעפטען זענען זיי אָנגעפאַלען פלוצלונג אויף יהודה; דאָס איז געשעהען אַזוי אונערוואַרטעט, אַז דאָס פאָלק האָט קיין ווידערשטאַנד נישט געקאָנט אַרויס־ווייזען און דער פיינד האָט דערגרייכט ביז דער סאַמע הויפטשטאָדט ירושלים. די פלשתים און די אַראַבער האָבען צוראַבירט די שטאָדט, אָבגענומען דאָס גאַנצע גוטס פון בית־המלך און האָבען זאָגאַר פערהאַפט אין געפענגעניש דעם מלך'ס קעפסווייבער און זיינע אַלע קינדער; ס'איז גאָר דער יונגסטער, יהואחז, פערבליעבען ביי יהורם'ן. נאָכדעם איז יהורם קראַנק געוואָרען אויף אַ געדערים־קרענק, וועלכע האָט זיך נישט געלאָזען היילען. צוויי יאָהר האָט ער פערבראַכט אין שרעקליכע יסורים און אויפ'ן אַכטען יאָהר, צייט ער איז מלך געוואָרען, איז ער געשטאָרבען. דאָס פאָלק, ווי ס'שיינט, האָט געוואוסט, ווי אָבצושאַצען די פערדאָרבענדע טעטיגקייט פון דעם דאָזיגען מלך און די פיינדשאַפט, וועלכע האָט נישט געקאָנט אַרויסגעוויזען ווערען פאַר זיין לעבען, האָט זיך אַרויסגעוויזען נאָכ'ן טוידט: יהורם'ן איז ביי זיין לויה נישט אַרויסגעוויזען געוואָרען אַזוי פיעל כבוד, ווי זיינע עלטערן און אורעלטערן; מען האָט איהם זאָגאַר נישט מקבר געוועזען אין די קברים פון די מלכי בית דוד!

דעם טהראָן האָט געירש'נט יהורם'ס זוהן, אחזיהו. זיין ממשלה איז געווען זעהר אַ קורצע. בסך הכל האָט ער געהערשט איבער'ן לאַנד איין יאָהר (886), נאָר אין דער דאָזיגער קורצער צייט האָט ער בעוויזען, אַז ער איז דער ריכטיגער יורש פון זיין פאָטער. אונטער דעם איינפלוס

פון זיין מוטער עתליה האט ער זיך אויך, ווי זיינע קרובים, דער מלך און די בני המלך פון שומרון, געהאלטען זיך ביי דעם בעל-קולט און אין לאנד האט ער אויך געוואלט פערפעסטיגען די ווירקונג פון דער פיניצער-קולטור. אין א יאהר ארום נאכדעם, ווי ער איז מלך געווארען, איז ער געפאהרען מבקר-חולה זיין זיין פעטער יהורם, דעם מלך פון שומרון, וועלכער האט זיך דאן אין יזרעאל געהיילט פון די וואונדען, וואס ער האט בעקומען אין דער מלחמה מיט די ארמ'ער. דאן האט זיך אין דער מלוכה פון ישראל אויפגעהויבען דער בונט געגען די עמרי'דען און צווישען די איבעריגע פאמיליאנטען פון יהורם'ן, אחאב בן-עמרי'ס זוהן, וועלכע זענען גע'הרג'עט געווארען דורך יהו'ן, האט דער גאסט אחזיהו, דער מלך פון יהודה, אויך מיט זיין לעבען בעצאהלט פאר דער מהותנות'שאפט מיט איזבל'ס משפחה. עס איז אינטערעסאנט דער פאקט, אז די מורדים אין שומרון, וועלכע האבען מבזה געווען איזבל'ס משפחה אפילו נאכ'ן טוידט און זיי נישט געבראכט צו דער קבורה, האבען זיי דאך אבגעגעבען כבוד דעם טוידטען קערפער פון איזבל'ס אייניקעל דערפאר, וואס ער איז געווען א זוהן פון יהושפט, "דער וואס האט מיט'ן גאנצען הארצען גאט געדיענט". דאס בעזונדערע אכטונגס=געפיהל צום פרומען יהודה'יסט יהושפט, פון יהו וועלכער האט געדיענט צו די קעלבער פון ירבעם בן=נבט — איז זעהר כאראקטעריסטיש!

עתליהו, ווייזט זיך ארויס, האט נישט שטארק בעדויערט דעם טוידט פון איהר זוהן. זי האט זיך בענוצט מיט דעם אונגליקליכען צופאל אויף צו פערהאפען אין די אייגענע הענד די מלוכה איבער יהודה, און ווי נאר זי האט בעקומען די טרויעריגע ידיעה וועגען איהר גע'הרג'עטען זוהן, האט זי געהייסען איהרע טרייע דיענער, און זיי האבען אויסגעטוידט אלע מיטגליעדער פון מלכות בית דוד, די געזעצליכע פרעטענדענטען אויפ'ן טהראן אין ירושלים; עס איז נאר געבליעבען דער יונגסטער זוהן פון אחזיהו, דער איינאהריגער יואש, וועלכען זיין מוהמע יהושבע, יהוידע דעם כהנ'ס פרוי, האט בעוויזען ארויסצוגנב'ענען אונבעמערקטערהייד אין דער צייט פון דער מהומה אין דעם קעניגליכען פאלאץ, און בעהאלטען אין איינעם פון די לשכות (צימערן) אין בית=המקדש, וואו דער כהן גדול יהוידע האט איהם ערצויגען.

די געצענדיענערין עתליה האט פערנומען דעם טהראן פון דוד און פון שלמה (886—880). איהר טעטיגקייט איז געווען געווענדעט נאר צו פערווירקליכען דאס אסימילירונגס=פראגראם, וועלכען זי האט נאך אנגעהויבען

ביי'ם לעבען פון איהר פערשטארבענעם מאן, יהורם, און איהר זוהן אחזיהו. האבענדיג איצט די גאנצע מאכט אין איהרע הענד, האט זי מיט אונערמידליכער ענערגיע גענומען אויסווארצלען אין יהודה דעם פרומען טראדיציאנעלען גייסט פון די נביאים און איינפלאנצען דעם פרעכטען תאווה־גייסט פון די פיניצער. און אין דער צייט, ווען אין שומרון איז ערשט אונטער יהו'ס אנפיהרונג, פארגעקומען די פערניכטונג פון דעם בעל־קולט, האט עתליה אין דער הייליגער שטאדט ירושלים אויסגעבויעט א טעמפעל מיט פיעל מזבחות פאר די געצען פון פיניצער און איינגעפיהרט דארטען אנאפיציעלען, רעגולירען געצען־דיענסט אונטער דער השגחה פון דעם אבערפריסטער מתן און א גרויסער מחנה פון קלענערע בעדיענטע; צוזאמען מיט דעם האט זי מבטל געמאכט דעם גאטעס־דיענסט און דאס קרבנות־ברענגען אין בית־המקדש. די שרים, וועלכע דער נייער תאווה־דיגער קולט, איז, ווי ס'שיינט, שטארק געפעלען געווארען, האבען איינגעשטימט מיט דער הנהגה פון דער מלכה, צווישען פאלק זענען אבער געווען אזעלכע, וואס זיי האט געקרענקט פאר זייערע נאציאנאלער קולטור, פאר זייער נאציאנאלער אמונה; זיי האבען זיך פיינדליך פערהאלטען צו עתליה און געזוכט מיטלען, ווי צו בעפרייען דאס לאנד פון איהר געפעהרליכער ממשלה. אן דער שפיץ פון דער נאציאנאליסטישער פארטיי איז געשטאנען דער זעלביגער יהודע הכהן, וועלכער האט בסוד געהאדעוועט און ערצויגען דעם איינציגען ווארצעל פון דוד'ס בוים, דעם קליינינקען יהואש, דעם זוהן פון אחזיהו.

זעקס יאהר האט די פרומע נאציאנאליסטישע פארטיי פארבערייטעט דעם פערראט געגען דער מלכה, און ווען די פארטיי האט שוין געהאט צוגעצויגען אויף איהר זייט א גרויסען טייל פונ'ם פאלק, פונ'ם חיל און פון דער מלכה'ס לייבוועכטער, האט יהודע אין א שבת'דיגען טאג פערופען די אנהענגערס אין בית־המקדש, וועלכען ער האט פון דרויסען ארומגערינגעלט מיט א געהיימען גרויסען וואך פון איבערגעגעבענע סאלדאטען, און דארטען האט ער פאר זיי ארויסגעפיהרט דעם פערבעהאלטענעם זיבעניאהריגען פרינץ יהואש'ן; דער כהן גדול האט איהם געזאלבט פאר א מלך און ארויפגעזעצט איהם די קרוין אויפ'ן קאפ; די פערזאמעלטע האבען צוגעשווארען דעם נייעם הערשער, און דאן האט יהודע געהייסען שאלען מיט די טראמפייטען פון בית־המקדש און דאס פובליקום האט אויסגעשריען פיעל מאל: „זאל לעבען דער מלך!" עתליה, דערהערענדיג עפיס א טומעל פון בית־המקדש און נישט האבענדיג קיין שום חשד, איז אוועק אהין פון

איהר פּאַלאַץ (בית־המלך), וואָס איז געוועזען זעהר נאָהענט. קומענדיג אין בית־המקדש האָט זי געזעהען דעם קליינעם פּרינץ, ווי ער איז געשטאַנען אויף אַ קאָלאָנע מיט דעם קרוין אויפן קאָפּ און ווי דער פערזאַמעלטער עולם שפּיעלט פאַר איהם און בעגריסט איהם. זי האָט באַלד פערשטאַנען, אַז דאָ איז פאָרגעקומען אַ פערראַט, און זי האָט גענומען לויפען פון בית־המקדש, שרייענדיג „אַ בונט, אַ בונט“; יהוידע הכהן האָט איהר אָבער גע־הייסען פערהאַלטען, און דער חיל, וואָס האָט זיך געפונען אין בית־המקדש און איז געוועזען אין איין דעה מיט איהם, האָט איהר אָנגענומען און געוואָלט טוידטען אויף אָנאָרט. יהוידע האָט אָבער ניט דערלאָזען, אַז גאָט'ס הויז זאָל בעשמוצט ווערען מיט מענשען־בלוט. דאַן האָט דער חיל עתליה'ן אַרויסגעשלעפּט אין פאָדערהויז און דאָרט איהר גע'הרג'עט. אַזוי איז פערניכטעט געוואָרען דאָס לעצטע גליעד פון איזבל'ס פאַמיליע, וועלכע האָט אַזוי פיעל אונגליקען געשאַפט אין ביידע מלוכות פון ישראל;

דער צד פון די אַריסטאָקראַטען און פון די שרים, וועלכע זענען געוועזען פון עתליה'ס אָנהענגער, האָבען געמוזט בעהאַלטען זייער צאָרן, ווען זיי האָבען זיך דערוואוסט, וואָס פאַר אַ מפלה עס האָט בעגעגענט זייער מלכה; און דאָס פאָלק, ביי וועמען עס האָט נאָך ניט אויסגעלאָשען אין האַרצען די ליעבע צו די פריהערדיגע מענשענפריינדליכע און גאָטספאָרכטיגע מלכים, האָבען זיך שטאַרק דערפרעהט, ווען עס האָט זיך דערוואוסט, אַז עס איז געראַטעוועט געוואָרען די דינאַסטיע פון דוד המלך, און אַז עס האָט זיך געפונען אַ געזעצליכער יורש אויף דעם טהראָן אין ירושלים אָנשטאָט דער בלוט־דורשטיגער איזבל־טאָכטער. יהוידע האָט זיך אָבער ניט בעגנוגענט מיט דעם, וואָס דער טהראָן האָט זיך בעפרייט פון עתליה'ן; ער האָט גע־וואָלט, אַז אויך דאָס פאָלק זאָל זיך בעפרייען פון איהר שלעכטען מאָראַ־לישען איינפלוס. ער האָט דארום פון דאַסניי פערזאַמעלט דאָס פאָלק אין בית־המקדש אין דער אַנוועזענהייט פון דעם יונגען מלך, און האָט איהם בעשוואָרען אומצוקעהרען זיך צוריק מיט'ן גאַנצען האַרצען צו דעם אמת'ן נאַציאָנאַלען גאָט, צו יהוה, צו ווערען „פון דאַסניי אַ געטליך פאָלק“; בעגייסטערט פון דער שבועה איז דאָס פאָלק צוזאַמען מיט זיין פיהרער יהוידע אַוועק צו דעם בעל־טעמפּעל, צובראָכען דאָרטען די געצען־בילדער, צושמעטערט די מזבחות און אויסגעקוילעט די פּריסטער (כהנים) מיט זייער הויפּט מאַן. מיט דעם אַקט האָט זיך פערענדיגט די אויסערליכע אַבריניגונג אין ירושלים פון דעם פרעמדען געטער־קולט. דאַן האָט דאָס פאָלק זיך אומגעקעהרט צוריק אין בית־המקדש און בעניי דאָרטען דעם

גאָטעס־דיענסט מיט קרבנות און מיט געזאַנג, נאָכדעם ווי פאַר עתליה'ן איז דאָס שוין אַ לאַנגע צייט נישט פאָרגעקומען. נאָך די קרבנות זענען געקומען די שרי־הצבא און די איבעריגע מדינה־לייט און האָבען אַרויסגענומען דעם יונגען מלך, וועלכער איז דאַן נאָר אַ יאָהר זיבען אַלט געוועזען, פון בית־המקדש, און איהם אַוועקגעפיהרט אין בית־המלך און אַרויפגעזעצט אויפן טהראָן.

„דאָס גאַנצע לאַנד האָט זיך געפרעהט, די הויפטשטאָדט ירושלים האָט זיך פון דאָסניי בערוהיגט" נאָך די פיעל בלוטיגע שרעקען, וואָס זי האָט די לעצטע פופצעהן יאָהר איבערגעלעבט. עס האָט זיך געקאָנט דוכטען, אַז דאָס לעבען אין יהודה האָט זיך געקעהרט צוריק אויף זיין אַלטען היסטאָרישען וועג, וועלכער האָט איהם געזאָלט פיהרען צום גליק און עהרע!...

עלפֿטעס קאַפּיטעל.

(פֿון יואש ביז אָחז. 880—724).

יואש (843—880) איז אַלט געוועזען אַ יאָהר זיבען, ווען ער איז געקרוינט געוואָרען פֿאַר אַ מלך. צוליעב זיין אומטיניגקייט האָט רעגירט זיין פֿעטער און אַפּאַטראָפּוס, דער כּהן יהוידע, געפֿיהרט דאָס לאַנד. זיין טעטיגקייט אויף דעם געביט האָט זיך הויפּטזעכליך אויסגעדריקט אין דער פֿאָרטגעזעצטער גייסטיגער רעסטאַוראַציע (צוריקשטעלונג). קודם כּל האָט ער זיך גענומען פֿערריכטען דעם בית־המקדש, וועלכער איז פֿאַר די לעצטע יאָהרען זעהר פֿערנאַכלעסיגט געוואָרען. עתליה האָט זיך ערלויבט איהם אויפֿן שענדליכסטען אַרט צו בעראויבען: פֿיעל גאָלד און זילבער פֿון דעם, וואָס דאָרט האָט זיך געפֿונען, האָט זי אַרויסגענומען און דערפֿון איהרע געצען אויסגעפּוצט, די הייליגע כּלים האָט זי אַוועקגענומען און צו איהרע קרבּנות גענוצט, זאָגאַר גאַנצע פּליטעס האָט זי פֿון גאָט'ס הויז אויסגעהאַקט און אין איהרע טעמפּלען פֿערבויט. די דאָזיגע שאָדענס זענען אָבער ניט דערפֿילט געוואָרען. אין דעם נאָמען פֿון מלך האָט יהוידע אויפֿן הויף פֿון בית־המקדש אַוועקגעשטעלט אַ פֿערמאַכטען קאַסטען מיט אַ לאָך אין מיטען און האָט אַרויסגעגעבען אַ פֿערזאָג צום פֿאָלק, אַז יעדער זאָל דאָרטען אַריינוואַרפֿען זיין נדבה אויף צו בעניען דעם בית־המקדש. דאָס פֿאָלק האָט מיט פֿרייד דעם פֿערזאָג ממלא געוועזען און גיך איז דער גרויסער קאַסטען פֿול געוואָרען מיט געלד, בּיז עס האָט געקלעקט ניט נאָר דעם בית־המקדש צו פֿערריכטען, נאָר איהם זאָגאַר צו מאַכען שענער, ווי געוועזען. דעם אויסערליכען קולט פֿון יהוה האָט אויך יהוידע פֿעסטגעשטעלט, ווי אַמאָל: זיין גאַנצען לעבען האָבען די קרבּנות ניט אויפֿגעהערט אין דעם געטליכען הויז. מיט דעם דאָזיגען ריטואַליזם האָט ער געמיינט צו ווירקען אויף די הערצער, זיי אומצוקעהרען צו זייער גאָט און צו זיינע געבאָטען.

פאַקטיש אָבער האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז עס איז לײַכטער צו פער־ריכטען די לעכער אין בית־המקדש, ווי אויסצוואָרצלען אַ שלעכטען מאָראַלישען אײַנפלוס. כל זמן יהוידע האָט געלעבט און דער יונגער מלך האָט זיך אינגאַנצען אײַנגעפונען אונטער זײַן אויפזיכט האָט זיך אין לאַנד אַלץ געפיהרט לויט דעם ווילען פון גאָט. באַלד אָבער, ווי דער כהן גדול איז געשטאָרבען, איז יהואש אונטערגעפאַלען אונטער דעם אײַנפלוס פון די שרים און די קצינים און דער מלך האָט געביטען זײַנע בעציהונגען צו די אַלטע טראַדיציאָנעלע אידעאַלען. הגם יהוידע האָט די פיניצעאישע געטער אויסגעראָטען פון ירושלים, איז אָבער דאָך נאָכדעם בײַ דער אַריסטאָקראַטיע, וואָס זענען געווען נאָהענט צו עתליה'ן, גע־בליעבען אײַנגעפאַקען אין האַרצען די נײַע פיניצעאישע וועלט־אויפפאַסונג, וואָס דער געטער־קולט איז נאָר געווען איהר קאָנקרעטער אויסדרוק — דער אַזיאַטישער אוטיליטאַריזם, וועלכער לערנט דעם מענשען געפינען דעם ציעל פון זײַן לעבען אין דער אונבעגרענעצטער בעפריעדיגונג פון זײַנע שענדליכסטע תאוות, אין געגענטייל פון דעם יהודיזם, וואָס לערנט דעם מענשען נאָר גוטס טהון דעם צווייטען און ברעכען די תאוות אַלס ענדע־ציעל פון לעבען. דער יונגער יהואש האָט נאָך יהוידע'ס טוידט אָנגעהויבען אַרויסצווײַזען זײַנע סימפּאַטיען צו די דאָזיגע פערדאָרבענע נייגונגען פון די שרים. ער האָט זאָגאַר נישט געשטערט די לעצטע אויסצושטעלען פון דאָסנײַ פערשיעדענע געצען אין ירושלים, אמת, נישט קיין פיניצעאישע בעלים, מיט וועלכע מען האָט געקאָנט ווידער אויפברענגען דעם צאָרן פון פאָלק, וועלכעס האָט נאָך גוט געדענקט דאָס אונגליק, וואָס עתליה האָט אויף'ן לאַנד געבראַכט. די נביאים האָבען מוהיר געווען דעם מלך און די שרים, אַז מיט זייערע מעשים וועלען זיי נײַע אונגליקען ברענגען אויף יהודה, נאָר קיינער האָט זיי נישט געהערט. דאַן האָט דער נביא זכריה, יהוידע הכהן'ס זוהן, אין בית־המקדש פאַר דאָס גאַנצע פאָלק געשטראָפט דעם פערפיהרטען מלך:

„אַזוי האָט דער אַלמעכטיגער געזאָגט: וואָרום פערלאָזט איהר גאָט'ס געבאָט? דאָס וועט אײַך קיין גליק נישט ברענגען; דען פערלאָזט איהר גאָט, פערלאָזט גאָט אײַך!" —

דאַן איז פאָרגעקומען אַזעלכעס, וואָס דאָס הייליגע לאַנד האָט נאָך נישט געזעהן: דער מלך האָט געטוידט דעם נביא, דעם זוהן פון דעם, וואָס האָט איהם אַליין זײַן לעבען געראַטעט און צום טהראָן געבראַכט, אין רעכטען מיטען פון דעם בית־המקדש!

דער נביא האָט זאָגאַר זײַן געקרוינטען רוצח קײַן חיערשטאַנד נישט בגעהילען; זײַן לעצטעס וואָרט איז גאָר געוועזען: „זאָל גאָט צוזעהן און משפּט'ען!"

דער דאָזיגער טהאַט פֿון מלך האָט אויפגערעגט דעם גאַנצען פּאָ.ק, הילדאָס איז געווען דער ערשטער צופֿאַל, אַז אַ מלך פֿון בית־דוד זאָל הרג'ענען אַ נביא דערפֿאַר, וואָס ער רעדט אין דעם נאָמען פֿון גאָט, און נאָך דערצו — אינ'ם הײליגען הויז פֿון גאָט!

אין דער אויסערליכער פּאָליטיק האָט זיך יהואש אַרויסגעוויזען אויך אַזוי אונגערעכטען, ווי אין דער אינערליכער. פֿאַר זײַן צײַט האָט חזאל, דער מלך פֿון ארם, געמאַכט אַ פּלוצלונגען אָנפֿאַל אויף יהודה און האָט דאָרטען גרויסע חורבנות אָנגעמאַכט: יהואש האָט זיך פֿאַר זײַן לאַנגיאָהריגען הערשען וועניג געקימערט, צו פֿערפֿעסטיגען די קרעפֿטען פֿון דער מדינה, נאָך די גרויסע מפּלות, וואָס זי האָט בעקומען פֿאַר די לעצטע יאָהרען, ווען אין יהודה האָבען געוועלטיגט זײַן פֿאָטער, זײַן זיידע און זײַן באָבע. חזאל'ן איז גאַנץ לײַכט אָנגעקומען אַרײַנצודרינגען אין לאַנד און צוצוקומען ביז דער הויפּטשטאָדט ירושלים. ער האָט איהר אָבער באַלד נישט אײַנגענומען. יהואש האָט איהם געמוזט געבען אַ סך אויסקויף־געלד מיט גאָלד און מיט זילבער און נאָר דאַן האָט חזאל פֿערלאָזען יהודה. די אונצופֿריעדענהײַט מיט'ן מלך איז אַלץ געוואַקסען. דאָס פֿאָלק האָט זיך נאָך דער אונגליקליכער מלחמה מיט ארם נאָך מעהר איבערצײַגט, ווי גערעכט עס איז געווען דער אונשולדיג געהרג'עטער נביא, און זײַן פֿערגאָסענעם בלוט האָט אַלץ מעהר געשריען און געפֿאָדערט נקמה. ענדליך האָט זיך צוזאַמענגעשטעלט אַ פֿערראַט צווישען דעם מלך'ס נאָהענטסטע לײַב־דינערס און זיי האָבען איהם געהרג'עט אויף זײַן בעט, אויף דעם זיבען און דרײַסיגסטען יאָהר פֿון זײַן הערשען איבערן לאַנד (843).

די ממשלה פֿון יהואש'ס זוהן, אמציהו (815—843), האָט געשײַנט צו זײַן פֿון אָנפֿאַנגס עטוואָס גליקליכער. אמת ער האָט אויך זײַנע הענד אײַנגעריכט אין בלוט: ער האָט נקמה גענומען פֿון די, וואָס האָבען זײַן פֿאָטער ערמאָרדעט; דערפֿאַר אָבער שטעלט ער זיך אַלס זכות, וואָס ער האָט נאָר בעשטראָפֿט די, וואָס האָבען אַ גראָדען, אונמיטעלבאַרען אַנטייל גענומען אין דעם קעניג־מאָרד, נישט ריהערענדיג זייערע הויזגעזינדען, ווי דער מנהג איז געווען אין דער דעספּאָטישער אַזיען; דערבײַ ערקלערט ער זײַן טהאַט מיט דעם געזעץ פֿון תורת משה: עס זאָלען עלטערן נישט געטויטעט ווערען צוליעב דעם פֿערברעך פֿון זייערע קינדער און עס זאָלען

קיין קינדער ניט געטוידט הערען צוליעב דעם פערברעך פון זייערע עלטערן". דאָס בעווייזט, אַז דער מלך איז שוין דאַן מעהר אָדער וועניגער בעקאַנט געוועזען מיט דער תורה און האָט זיך געמיהט זיינע שריט, ווי ווייט מעגליך אויסצוגלייכען מיט'ן געזעץ.

איבערהויפט האָט אמציה זיך ענערגיש גענומען צו בעפעסטיגען דעם חיל, וואָס איז אַזוי צורואינירט געוואָרען אין די לעצטע יאָהרען. ער האָט געלאָזט צעהלען דאָס פאָלק און די יונגע לייט, וואָס האָבען זיך געפונען אין דער עלטער פון צוואַנציג יאָהר, האָט ער צוגענומען צו זיך אין חיל. אַזוי האָט ער בעקומען אַנ'אַרמעע פון אַרום דריי הונדערט טויזענד מאַן, וועלכע ער האָט בעוואָפענט לויט דער מעגליכקייט פון דער דאַמאָלסטיגער פערטרעטטער מלוכה-קאַסע. אמציה האָט שוין דאַן בעקלעהרט אַ גאַנצען פּלאַן פון מלחמות, דורך וועלכע ער האָט געוואָלט אויפהויבען דעם כבוד פון זיין מדינה. דאַרום האָט זיך איהם געדוכט, אַז דער צאָהל פון זיין חיל איז ניט גענוגענד און ער האָט געוואָלט דינגען הונדערט טויזענד סאָלדאַטען צווישען אפרים; ער האָט שוין זאָגאַ= געהאַט איינגעצאָהלט דער געדונגענער אַרמעע פאָראויס הונדערט לאַבענס (ככרים) זילבער. נאָר די נביאים, וואָס האָבען שטענדיג געשטרעבט צו פערהיטען יעדען מעגליכען פרעמדען איינפלוס אויף זייער פאָלק, האָבען ניט איינגעשטימט דערצו, אַז אַ פרעמדער עלעמענט זאָל אַריינדרינגען אין די רייהען פון דער נאַציאָנאַלער מיליציע, בפרט נאָך געצענדיענער, — ווי די עשרת-השבטים זענען דאַן געוועזען. און די נביאים האָבען געשיקט איינעם פון זייערע אָנהענגער צו זאָגען דעם מלך: „זאָלען ביי דיר ניט זיין די חילות פון ישראל, ווייל גאָט איז ניטאָ צווישען ישראל, אין דער מלוכה פון אפרים. געה דו אַליין מיט אייגענע קרעפטען און שטאַרק זיך אין דער מלחמה; וועט אָבער גאָט וועלען דיר וואַרפען פאַר'ן פיינד, דאַן וועט ניט העלפען דער פערגרעסערטער חיל, דען אין דעם ווילען פון יהוה איז די מאַכט צו העלפען און מאַכען פאַלען". האָט אמציה געזאָגט צו דעם געטליכען מאַן: „און וואָס וועט זיין מיט די הונדערט ככרים, וואָס איך האָב שוין די מתנה פון ישראל איינגעצאָהלט?" האָט איהם דער געטליכער מאַן געענטפערט: „גאָט קאָן דיר בעצאָהלען פיעל מעהר דערפון!" — דאַן האָט אמציה געפאָלגט דעם נביא און פונאַנדערגעלאָזען דעם געדונגענעם חיל.

נאָך די אויסבעסערונגען און פערגרעסערונגען אין דער אַרמעע איז אמציה אַוועק מלחמה האַלטען מיט אדום, וועלכע האָט זיך נאָך פאַר זיין

עלטער-ייִדען יהורם אָבגעריסען פון יהודה. אין די עטליכע צוועלף יאָהר, וואָס אדום איז זעלבסטשטענדיג געוואָרען האָט זי זיך בעוויזען גוט צו פערשטאַרקען פון אַן אויסערליכען אָנפאַל; די הויפּטשטאָדט פון לאַנד איז געוואָרען סלע אויף אַ בערגיגען אָרט, וואָס איז געווען בעשיצט דורך נאַטירליכע פעסטונגען פון פעלזען-שטיינער; דערצו זאָל אדום אויך האָבען געשטאַנען אין אַ שטענדיגען פּאָליטישען פערבאַנד מיט איהרע שכנים די עמונים און די מואבים, און אין די לעצטע יאָהרען, ווען יהודה איז געווען זעהר אָבגעשוואַכט צוליעב די אינערליכע און אויסערליכע בעדינגונגען, איז איהר אויסגעקומען פיעל צרות צו לײַדען פון איהר אַמאָליגער אונטערוואָרפענער שכנה אדום, וועלכע פלעגט מאַכען אָפטע אָנפאַלען אויף די גרענעצען פון יהודה און, אין דער צייט פון אַ מלחמה — צושטעהן צום שונא. די נביאים האָבען דערום זעהר הערצליך בעגריסט די אונטערנעהמונג פון אמציה. דער נביא עובדיה האָט פאָראויס געזאָגט, אַז אמציה וועט אָנהאַלטען אַ גלענצענדען נצחון איבער אדום, און ער האָט דאָס ערקלערט אַלס אַ שטראָף פון גאָט דערפאַר, וואָס אדום האָט זיך מיט אכזריות פערהאַלטען צום געטליכען פאָלק.

„... אַ בשורה איז אונז אָנגעזאָגט געוואָרען פון גאָט און אַ שליח איז צו די פעלקער אַרויסגעשיקט געוואָרען: שטעהט אויף, לאָמיר געהן אויף איהר (אויף אדום) מלחמה צו האַלטען; (גאָט זאָגט:) צווישען אַלע פעלקער האָב איך דיך דאָס קלענסטע געמאַכט, אויסערסט ביזוי פערהאַסט — און דיך האָט דײַן מוטוויליגקייט איינגערעדט: דער, וואָס רוהט צווישען די שפּיצע פעלזען, וואָס זיצט אויף די הויכע בערג, יענער דענקט אין זײַן האַרצען: „ווער וועט מיר אויף דער ערד אַראָבווערפען קאָנען?!" גאָט זאָגט: אויב דו וועסט זאָגאַר ווי אַן אָדלער זיך ערהויבען און אויב דו וועסט זאָגאַר צווישען די שטערען דײַן נעסט בויען, וועל איך דיך אויך פון דאָרטען אַראָבשלײַדערען... פאַר דעם צער פון דײַן ברודער יעקב, וועט דיך שאַנד בעדעקען, וועסט אויף אייביג פערלוירען ווערען. פאַר דעם טאָג, וואָס דו ביזט פון אַנטקעגען געשטאַנען, ווען פרעמדע האָבען זײַן חיל געפאַנגען, און ווען די פרעמדע האָבען אין זײַנע טויערען אַרײַנגעדרונגען און אויף ירושלים האָבען זיי גורל געוואָרפען (איהר צווישען זיך צו צוטיילען) ביזטו אויך געווען איינער פון זיי. ווײַל דו האָסט נישט געדאַרפט צוזעהן, ווען דײַן ברודער איז פערקויפט געוואָרען, ווײַל דו האָסט זיך נישט געדאַרפט פרעהען ווען די בני-יהודה זענען פערלוירען געגאַנגען... ווײַל דו האָסט נישט געדאַרפט קומען אין טויער פון מײַן פאָלק

אין דעם טאג, ווען זיין אונגליק האט אויסגעבראכען... ווייל דו האסט נישט געדארפט שטעהן אויפ'ן שיידע-וועג צו פערטיליגען זיינע אנטלאפענע, ווייל דו האסט נישט געדארפט ארויסגעבען זיינע איבערגעבליבענע!..."

גרויס איז ווירקליך געווען דער נצחון פון אמציה אין אדום, און ווי גרויס דער פאלקס-צארן געגען איהר איז געווען, אזוי גרויס איז געווען די אכזריות פון דער נקמה. די שטאדט סלע איז איינגענומען געווארען און בעהעפט געווארען צו יהודה און פון די אין געפענגעניש גענומענע זענען ביז צעהן טויזענד מאן מיט א שענדליכען טויט געהרג'עט געווארען. אדום האט נאכהער, אמת, ווייטער עקזיסטירט אלס זעלבסטשטענדיג פאלק, נאר דאך איז איהר מפלה געווען גרויס. איינער פון די פאעטען אין יהודה האט די מפלה בעזונגען מיט פאלגענדע ווערטער:

„ווער קומט עס אן פון אדום, מיט פערשמוצטע קליידער — פון בצרה? — דער, וואס זיין קליידונג איז שטענדיג בעשיינט, וואס קלעטערט מיט זיין גרויסער מעכטיגקייט... — ווארום איז דיין איינהילונג רויט און ווארום זענען דיינע קליידער אזוי, ווי דו וואלסט אין קעלטער געטראטען? — א וויינשטאק האב איך אליין צוטראטען, קיין פאלק איז פאר מיר נישט געשטאנען, האב איך זיי געטראטען אין מיין כעס, האב איך זיי צודריקט אין מיין צארן, און זייער בלוט האט אויף מיינע קליידער געשפריצט און מיין גאנצע איינהילונג האב איך בעשמוצט. ווייל עס איז ערשינען דער טאג פון נקמה אין מיין הארץ און דאס יאהר פון מיין ערלעזונג איז געקומען. איך האב זיך אומגעקוקט, אז קיינער העלפט מיר נישט, איך האב זיך פערוואונדערט, וואס קיינער שטיצט מיר נישט— האט מיר מיין ארעם געהאלפען, האט מיר מיין צארן געשטיצט..."

דער נצחון, וואס אמציה האט אפגעהאלטען איבער אדום, האט אנגעפילט זיין הארץ מיט שטאלץ, זיין קאפ איז איהם בערוישט געווארען, און ער האט גאר פערלוירען דעם ווירקליכען רעכענונג פון זיינע קרעפטען. דאן איז איהם אויפ'ן זינען געקומען ארויסצוטרעטען מיט א מלחמה געגען ישראל, וועלכער האט פאר זיין מלך יואש שוין אנגעהויבען גרויס צו וואקסען, האט שוין געבילדעט א שטארקע מלוכה און איז אין דער ווירקליכקייט געווען שוין פיעל מעכטיגער פאר יהודה. די נאהענטסטע סבה, וואס האט די מלחמה ארויסגערופען, זאל זיין פאלגענדע: ווען דער מלך אמציה האט פלוצלונג געשיקט צוריק דעם געדונגענעם חיל פון שומרון, האט דאס איהם, דעם חיל, זעהר בעליידיגט, דארום האט ער, צוריק-

קעהרענדיג זיך אהיים, נוקם געווען פאר דער בעליידיגונג אן די גרענעץ-שטעדט פון יהודה, ווען אמציה אליין איז געווען פערנומען מיט דער מלחמה אין אדום. דער מלך פון ירושלים האט, ווי ס'שיינט, געפאדערט א בעפרידיגונג און האט זיך גענומען צום שווערד. די ברידער-מלחמה האט זיך אבער געענדיגט זעהר טרויעריג פאר יהודה. יהואש דער מלך פון ישראל האט צושלאגען די רייהען פון אמציה'ס חיל אויפ'ן קריעגס-פלאץ ביי בית-שמש און האט איהם געצוואונגען צו ענטלויפען. דער מלך פון יהודה אליין איז אריינגעפאלען אין געפענגניש ביי יהואש'ן; דאן איז דער פיינד געגאנגען ווייטער, טיעפער אין לאנד און איז צוגעקומען ביז צו דער הויפטשטאדט ירושלים; דארטען האט ער אויסגעבראכען די וואנט, וואס ארום שטאדט און איז אריינגעדרונגען אינעווייניג, אנמאכענדיג א סך חרבנות און צונעהמענדיג פיעל געלד און זילבער פון אוצר המלוכה און פיעל טייערע כלים פון בית המקדש; אמציה'ן האט יהואש אבער נאכדעם געלאזט זיצען ווייטער אויף זיין טראן; ער האט נאר גענומען גאראנטיעס — קינדער פון די גרויסע מלוכה-לייט — אז די ווענט פון ירושלים זאלען זיך ביז א געוויסער צייט נישט אבבויען און אז יהודה זאל ביז א געוויסער צייט נישט וואגען שומרון צו בעאונרוהיגען.

אזוי האט אמציה אונגליקליך געענדיגט זיין ממשלה, וועלכע ער, ווי ס'האט זיך געדוכט, האט אזוי גלענצענד אנגעהויבען. נאך דער מלחמה מיט יהואש'ן האט נאך אמציה געוועלטיגט איבער'ן לאנד א יאהר פונפצעהן, נאר די אונצופריעדענהייט פון פאלק מיט דעם, וועלכער האט מיט די אייגענע הענד אזוי אונזיניג איבערגעפיהרט זיין אויפבליהונג, איז אלץ געוואקסען. ענדליך הויבט זיך אויף געגען איהם א בונט, און אמציהו לויפט זיך בעהאלטען קיין לכיש (פלשתים); די פערדעמער האבען איהם נאכגעיאגט, געכאפט אויפ'ן וועג און איהם דארטען געטויטעט, אויפ'ן 29-טען יאהר פון צייט ער איז אויפ'ן טראן ארויף (816).

נאך אמציהו'ס טויט זענען אויף יהודה נאך פיעל ערגערע צייטען געקומען. דער געזעצליכער יורש פון דער מלוכה עוזיהו אדער עזריהו, דער זוהן פון אמציהו, איז נאך זיין פאטערס טויט א יונג קינד געווען, בסך הכל א יאהר זעכצעהן אלט; מיט דעם לאנד האבען דארום אנגעפיהרט די שרים און די איינפלוסרייכע אריסטאקראטען, וועלכע זענען נאהענט געווען צום הויף; די דאזיגע ממשלה פון צעהנדליגער שרים, האט, ווי יעדער אלי-גארכישע ממשלה בכלל, זיך נאר געמיהט אויסצונוצען די מאכט פאר זייער אייגענער טובה און פאר דער טובה פון זייער קלאס: דער חיל איז

געװען קלײן און שװאַך, דאָס לאַנד איז געװען שוצלאָז; דערװײל איז אָבער יהודה געװען דורכאױס אַרומגערינגעלט מיט פײנד, װאָס האָבען איהר געװאָלט אײנשלינגען. די ערשטע האָבען זיך די אדומים בענוצט מיט דער הילפלאָזיגקײט און אָבגעשװאַכקײט פון זײער שכנה. זײ האָבען פון דאָמאָלס גענומען מאַכען אָנפאַלען אױף די יהודה'שע גרענעצען, אָבּרעכענענדיג זיך פאַר דער מפלה אין אמציה'ס צײטען; זײ האָבען געראַבירט, געטױדט, געכאַפּט אין געפענגעניש. די פלשתים, די מצרים, װי אױך די פעניציער, די אַמאָליגע גוטע פרײנד פון יהודה, זענען אױך ניט אָבגעשטאַנען פון קאָמפּאַניע און האָבען פערכאַפּט שטעדט און געגענדען פון דער אונגליקליכע מלוכה; אַ טײל פון דער בעפעלקערונג האָבען זײ אױסגעהרגעט און אַ טײל האָבען זײ פערקױפט פאַר קנעכט אין גריכענלאַנד און אין די איבעריגע װײטע לענדער און אינזלען.

צו די אױסערליכע אונגליקען, װאָס האָבען זיך פאַר יענער צײט געשאָטען אױף דער דערשלאָגענער יהודה, איז נאָך צוגעקומען אױך אַן אינערליכע. עס זענען אױפ'ן לאַנד אָנגעקומען אונגעהײערע היצען און טריקענישען צוזאַמען מיט אַ שרעקליכען הײשעריג, װאָס האָט אױפגעפרעסען אַלע תבואות אױף די פעלדער, אַלע פרוכט אױף די בײמער און אַלע גראָזען פון די לאָנקעס; צוליעב דעם האָט זיך אין לאַנד אָנגעהױבען אַ גרױסער הונגער. סדאָט זיך געדוכט, אַז די נאַטור אַלײן איז געקומען פערענדיגען דאָס, װאָס עס האָבען ניט געקאָנט פערענדיגען די אונאױפהערליכע אָנפאַלען פון די אַרומיגע פעלקער. דער נביא יואל בן פתואל, װעלכער האָט געלעבט אין יענער צײט, שילדערט מיט פאָלגענדע װערטער דעם אומגליק פון הײשעריג:

„בלאָזט שופר אין ציון, שאַלט אױף דעם הײליגען באַרג, זאָלען אױפציטערען אַלע אײנװאָהנער פון לאַנד, װײל עס קומט אָן אַ טאָג פון גאָט, ער איז שױן נאָהענט — אַ טאָג אַ פינסטערער און אַ שװאַרצער, אַ טאָג אַ װאָלקענדיגער און אַ נעפּעלדיגער. אַזױ װי דער מאָרגענשטערען, האָט זיך אױף די שפּיץ-בערג אױסגעשפּרײט אַ גרױס, מעכטיג פאָלק, װאָס אַזאַ איז נאָך ניט געװען, צײט עס שטעהט די װעלט, און אַזאַ װעט מעהר ניט זײן, צײט עס װעט שטעהן די װעלט. פאָראױס פאַר איהם ברענט דער פײער, הינטער איהם פלאַקערט דער פלאַם; װי אַ גן-עדן איז דאָס לאַנד פאַר איהם געװען און װי אַ װיסטער מדבר װעט עס נאָך איהם זײן — קײן געדעכעניש װעט ניט בלײבען; װי די פערד זעהען זײ אױס און װי די רײטער אַזױ לױפען זײ. װי דער רעש פון די רײטװעגען, װאָס שפּרינגען איבער די

שפּיצינגע בערג, ווי דאָס זשומען פון דעם פייער, ווען ער טרעטט אויף דעם שטרוי, אַזוי טומעלט דאָס מעכטיגע קריגס בערייטע פאָלק. לענדער ציטערען פאַר איהם; שוואַרץ ווערען די געזיכטער, ווי דער געבריענטער קעסעל. ווי די העלדען פליהען זיי, ווי קריגס־לייט קלעטערען זיי אויף׳ן שטאָדט־מויער; יעדער פון זיי געהט זיך זיין וועג, און זיי פערבלאָנדזשען נישט קיינמאָל. און איינער דעם צווייטען דריקט נישט, יעדער איינער האָט זיך זיין שטעג און אַז זיי טרעפט דער שווערד, מאַכט ער זיי קיין וואונד נישט. עס רוישט אין שטאָדט, אין די מויערען דרינגען זיי אַריין, אויף די הייזער קלעטערען זיי, דורך די פענסטער רייסען זיי זיך דורך, ווי גנבים. די ערד ציטערט פאַר זיי, די הימלען שטורעמען; די זון האָט זיך בעהאַלטען, די לבנה איז פערפינסטערט געוואָרען, די שטערען האָבען זייער שיין פערלוירען. גאָט אַליין פיהרט אָן זיין חיל, גרויס איז זיין מחנה, מעכטיג זענען זיינע דיענסטפערטיגע. גרויס איז דער טאָג פון גאָט און שרעקליך איז ער, ווער קען איהם פערטראָגען?!...“

דער נביא יואל גלויבט געוועהנליך, אַז די דאָזיגע אַנשיקעניש איז נישט קיין צופעליגע. דאָס שטראָפט גאָט זיין פאָלק, ווייל עס איז זינדיג, און דער נביא רופט צו תשובה:

„בלאָזט שופר אין ציון, פייניגט אייערע הערצער, רופט צונויף אַ פערזאַמלונג. פערזאַמעלט דאָס פאָלק, רופט אויף די אַלטע לייט, קלויבט אויף די יונגע קינדער, זאָל דער חתן פערלאָזען זיין צימער און די כלה— איהר חופה. צווישען מזבח און דעם אולם זאָלען וויינען די כהנים, וואָס דיענען פאַר גאָט און זאָלען זיי בעטען: „ערבאַרם דיך, גאָט, אויף דיין פאָלק און דיין נחלה זאָלסטו נישט מאַכען צו שאַנד פאַר אַ שפּריכ־וואָרט ביי די פעלקער; וואָרום זאָלען די פעלקער זאָגען: „וואו איז זייער אַלמעכטיגער?!...“ — און גאָט וועט פערדריסען פאַר זיין לאַנד און ער וועט זיך ערבאַרמען איבער זיין פאָלק. און ער וועט ענטפערן זיין פאָלק און וועט איהם אַזוי זאָגען: איך שיק אייך קאָרן, וויין און איילבערטען, ביז צו זאַט וועט אייך גענוג זיין און מעהר וועל איך אייך צו שאַנד נישט מאַכען צווישען די פעלקער... שרעק דיך נישט, ערד, פרעה דיך און לאַך, ווען גרויס זענען די מעשים פון גאָט. שרעקט אייך נישט, פעלד־בהמות, ווען דער טרוקענער מדבר האָט זיך בעדעקט מיט גראָז, ווען דער בוים האָט געבראַכט זיין פרוכט; די פייג און דער וויינשטאָק האָבען געבראַכט זייערע זאַפטען. פרעהט אייך, קינדער פון ציון, פרעהט אייך מיט יהוה אייער גאָט, ווען ער האָט אייך מיט רעגען בעגנעדיגט... און

פיל וועלען ווערען די שייערען מיט תבואה, און סוועלען די קעלטערען רוישען מיט ווין און מיט בוימאייל. איך וועל אייך בעצאהלען פאר די יאהרען, וואס עס האט אויפגעפרעסען דער היישעריג — מיין גרויסער חיל, וואס איך האב אויף אייך געשיקט. און איהר וועט אייך שפייזען און איהר וועט זאט זיין און איהר וועט לויבען אייער אלמעכטיגען גאט יהוה, וואס האט מיט אייך וואונדער געטהון — און מיין פאלק וועט זיך מעהר שוין נישט דארפען שעמען. און איהר וועט וויסען, אז איך בין צווישען מיין פאלק און אז איך, יהוה, בין אייער גאט — און מיין פאלק וועט זיך מעהר שוין נישט דארפען שעמען.

אין דער בעגייסטערונג פון דער נבואה רעדט יואל אויך וועגען די ליידען, וואס יהודה איז אויסגעשטאנען פון די פיינדליכע פעלקער און ער איז מבשר, אז עס איז שוין נאהענט דער טאג פון נקמה. „אלין — זאגט גאט מיט דעם מויל פון דעם נביא — וועל איך שיינקען, זייער פערגאסענעם בלוט אבער וועל איך קיינמאל נישט שיינקען!“ אויף די ערדציטערניש, וואס האט אין יענער צייט אויסגעטרייסעלט דער גאנצער פאדערשטער אזיען, אנגעמאכט פיעל חורבנות, אוועקגעטראגען פיעל קרבנות און, ווי ס'האט אויסגעזעהען, נאר יהודה אויסגעמיטען, — ווייזט אן דער נביא, ווי אויף א שטראף פון גאט פאר דער אכזריות'דיגער בעהאנדלונג פון די אזיען-פעלקער בנוגע צו יהודה. נאכהער געהט איבער דער נביא צו דער נאהענטער אויפבליהונג און אויפלעבונג פון זיין פאלק:

„אין יענע טעג און אין יענער צייט וועל איך אומקעהרען די געפאנגענע פון יהודה און ירושלים. און איך וועל צונויפזאמלען אלע פעלקער... און איך וועל זיי משפט'ען פאר מיין פאלק און פאר מיין נחלה, דערפאר, וואס זיי האבען איהם צוזייעט און דאס לאנד צוריסען. אויף מיין פאלק האבען זיי גורל געווארפען, פאר א זונה האבען זיי זייערע יונגלעך פערקויפט און פאר וויין האבען זיי זייערע מיידלעך פערקויפט... און איהר אויך, צור און צידון און די געגענדען פון פלשתים — דאס בעצאהלט איהר מיר אזוי? אויב דאס איז אייער צאהלונג, וועל איך איהם גיך צוריקקעהרען אויף אייערע קעפ. דערפאר, וואס איהר האט מיין גאלד און מיין זילבער בערויבט און מיינע טייערסטע ווערטזאכען האט איהר אין אייערע פאלאצען געבראכט; דערפאר, וואס איהר האט די קינדער פון יהודה און ירושלים פערקויפט צו די גריכען אין ווייטע לענדער... וועל איך זיי צוריקברינגען פון די ערטער, וואו איהר האט זיי פערקויפט, און איך וועל אייערע טהאטען אויף אייערע קעפ צוריקווארפען: און איך וועל איבערגעבען

איירע זיהן און איירע טעכטער אין די הענד פון יהודה און זיי וועלען זיי פערקויפען צו פענגערס אין ווייטע לענדער"—

די נדמות פון דעם געטליכען נביא יואל בן פתואל זענען אין דער אמת'ן גיך פערווירקליכט געווארען, ווי נאר דער בענאבטער עזיהו איז אויסגעוואקסען און האט אריינגענומען אין זיינע הענד די הנהגה פון לאנד.

די דויערהאפטיגע ממשלה פון עזיהו (755—705) האט זיך אין יהודה אויסגעצייכענט מיט אויסערליכען גלאנץ און אינערליכען וואוילשטאנד. דער נייער מלך האט גיך אויסגעהיילט די וואונדען, וועלכע די מלוכה האט בעקומען פאר די פריהערדיגע צוויי הערשער, וועלכע זענען דערהרג'עט געווארען. צו בעשיצען דאס לאנד פון פיינדליכע אנפאלען האט דער מלך פערגרעסערט זיין חיל און אויסגעבויעט נייע פעסטונגען אויף די גרענעצען פון דער מלוכה. ווייטער האט ער צורעכטגעמאכט דעם מויער ארום ירושלים, וועלכער איז צוריסען געווארען אין דער פאריגער מלחמה מיט ישראל, ער האט דארטען אויפגעשטעלט גרויסע טורעמס, אויף וועלכע עס האבען זיך איינגעפונען שלידער-מאשינעס אויף צו ווארפען אויפ'ן שונא פיילען און שטיינער. די יהודה'שע קריעגס-לייט זענען בעווארנט געווארען מיט נייע פאנצירען, מיט נייע שיס-בויגענס און שפיזען. עס איז פערגרעסערט געווארען די צאהל פון די קריעגס-וועגען און פערד זענען אין א גרויסער מענגע געבראכט געווארען פאר'ן חיל. אבגעריכטעריג אויף אזא אופן זיינע קריעגס-קרעפטען און קריעגס-מיטלען, האט עזיהו זיך געווענדעט געגען זיינע אויסערליכע פיינד. ער האט פון דאסניי רוהיג געמאכט די אדומים און ווידער אבגענומען ביי זיי דעם האפען עולת, ביי'ם אויסגוס פון רויטען ים. דאס האט געגעבען יהודה די מעגליכקייט פון דאסניי צו פיהרען דעם האנדעל ביי די ברעגען פון ערב (אראביע) און הודו (אינדיען), אזוי ווי אין די צייטען פון מלך יהושפט. נאכהער האט ער זיך אבגערעכענט מיט די פלשתים און די איבעריגע פיינדליכע שכנים, וואס האבען די לעצטע יאהרען אזוי פיעל חורבנות געמאכט אין זיין פאטערלאנד. ביי די ערשטע האט ער אבגענומען פיעל שטעדט, צווישען וועלכע ס'איז געווען אויך די בעריהמטע אשדוד. די איבעריגע קלענערע שכנישע מלוכות, ווי עמון צ. ב. ש., האבען אליין עוזיה'ן אויסגעדריקט זייער אונטערטעניגקייט און האבען איהם יעהרליכע מתנות געשיקט. דער מלך האט זיך אויך געמיהט אויפצובויען די עקאנאמישע לאגע אין לאנד. אויסער דעם, וואס ער האט בעניצט דעם ים-האנדעל דערמיט, וואס ער האט עולת ביי אדום אבגענומען, האט ער בעזונדער געשיצט די ערד-

אַרבּייט. ער האָט אין לאַנד פיעל נייע בּרונענס געגראָבען און פיעל קאַנאַלען דורכגעפיהרט צו בּעוואַסערן די פעלדער מיט וואַסער. ער אַליין האָט געהאַט פיעל ערד, וועלכע ער האָט וואָרגזאַם בּעאַרבּייט. אַלס אַ טייל פון דער לאַנדווירטשאַפט האָט ער אויך אויפגעהויבען דאָס האָרעווען פון בּהמות. תּבואה, וויין און בּהמות זענען אין יהודה פאַר עוזיהו'ס צייטען געווען די הויפּטגעגענשטאַנדען פון דעם אויסערליכען האַנדעל, וועלכער האָט אין לאַנד אַריינגעבּראַכט פיעל גאָלד און זילבּער פון די אַרומיגע רייכע לענדער, ווי פיניציע און מצרים. יהודה האָט זיך אַלזאָ פאַר עוזיהו'ס צייטען פון דאָסניי אויפגעהויבען צו יענער גלענצענדער שטופע פון פּאָליטישער מאַכט און עקאָנאָמישען וואָהלשטאַנד, אויף וועלכער זי איז געשטאַנען אין די גליקליכע צייטען פון שלמה און יהושפט.

אין גייסטיגער הינזיכט איז עוזיהו פאַר זיך אין אַנהויב געווען אַ שטאַרקער אַנהענגער פון דער פרומער פּאַרטיי. ער האָט זיך געפונען אונטער דעם איינפלוס פון'ם נביא זכריה (דער ערשטער) און כל זמן דער לעצטער האָט געלעבּט, האָט עוזיהו פערזענליך זיך פעסט געהאַלטען בּיי דעם וועג פון די „געטליכע לייט". ער האָט אָבּער אַ קליינע ווירקונג געהאַט אויף דער מאָראַלישער ערציהונג פון פאָלק אין זיין צייט. דער פאָלק איז געווען זעהר פערנומען מיט דער פערפעסטיגונג פון'ם חיל, מיט די פערשיעדענע מלחמות, מיט דער אויפבּעסערונג פון דער מלוכה-ווירטשאַפט אַזוי, אַז די אינערליכע הנהגה אין לאַנד איז פּראַקטיש, ווי אין דער צייט פון זיין אונמינדיגקייט, געבּליבּען אין די הענד פון די שרים און די קצינים (אַריסטאָקראַטען), וועלכע זענען אַלץ מעהר אייגענניציג געוואָרען, וואָס מעהר דאָס לאַנד איז רייכער געוואָרען. וואָס מעהר געלד אין לאַנד איז אָנגעקומען, אַלץ מעהר האָט זיך בּיי די מעכטיגע [illegible] דער אַפּעטיט פונאַנדערגעפלאַקערט און אַזוי ווי אין שומרון אין דער זעלבּיגער עפּאָכע, אַזוי אויך אין ירושלים האָבּען די שרים פאַר קיינע מיטלען זיך נישט אָבּגעשטעלט, כּדי זייער געלדגייץ צו בּעפרידיגען; בּיי זיי איז קיין אַנדער גאָט נישט געווען אויסער דאָס געלד און קיין אַנדער ציעל נישט געווען אויסער תּענוגים. צוזאַמען מיט דער דאָזיגער עשירות איז אין יהודה אויך, אַזוי ווי אין אפרים, אַריינגעדרונגען די תּאוה צו לוקסוס אין עסען, אין טרינקען, אין קליידען זיך. די בּעדערפענישען זענען געוואַקסען גיכער פאַר די מיטלען—דאַן האָט מען געמוזט זיך בּענוצען מיט שוחד, בּעטרוג, גנבה, גזילה און נאָך אַזעלכעס. פון דעם דאָזיגען זיכער האָבּען, פערשטעהט זיך, דאָ, אין יהודה, אויך איבּערהויפּט גע-

ליטען די שוואַכע, שוצלאָזע און אָרעמע קלאַסען. די שרים אין יהודה האָבען זיך אויך געפיהלט נישט בעקוועם מיט יהוה ביי זייער מאָראַלישער נידעריגקייט און האָבען דאַרום אויך אַזוי ווי זייערע איינפערשטענדיגע אין אפרים, גענומען — לכל הפחות, יעדערער פאַר זיך — איינפיהרען דאָס געצענדיענעריי. ביי דעם נייעם קולטוס האָט זיך געקאָנט גאַנץ לייכט פערברייטערען אין לאַנד די ציניש-אַמוראַליסטישע לעבענס-פּאַראָל: „פרייד און לוסטיגקייט, טויטען רינדער און קוילען שעפּסען, עסען פלייש און טרינקען וויין, עסען, טרינקען און מאָרגען—שטאַרבען!“... אין געגענזאַץ פון שומרון, איז אין ירושלים דאָס געצענדיענעריי געווען דערווייל נאָר אַ פּריוואַט-זאַך; די אָפיציעלע ממשלה האָט זיך נאָך געהאַלטען ביים טראַדיציאָנעלען קולט פון יהוה און געשטיצט דעם אינסטיטוט פון קרבנות; דערמיט אָבער האָט זיך בעגרענעצט איהר זאָרג פאַר דעם וואוקס פון דער נאַציאָנאַלער גייסטיגער קולטור... ענדליך איז אָבער פאָרגעקומען אַזאַ גע-שיכטע, וואָס האָט אַרויסגערופען אַ געוויסע פיינדשאַפט צווישען דער אָפיציעלער ממשלה און די טריבע טרעגער פון די אַלטע טראַדיציעס. די מאַכט פונים מלך אין פּאַלעסטינא איז שטענדיג געווען אַ בעגרענעצטע— ער איז נאָר געווען דער אָנפיהרער אין מלחמה און דער העכסטער שופט; זיין געזעצגעבערישע רעכט איז אָבער שטענדיג געווען בעשרענקט מיט די מסורות און מנהגים און חוקים, וועלכע זענען איבערגעגאַנגען פון דור צו דור פון משה'ן ביז די נביאים; ווייטער האָט מיט'ן מלך צוזאַמען עקזיסטירט אין לאַנד דער כהן גדול, פון די בני אהרן, וועלכער האָט געבילדעט די העכסטע גייסטליכע מאַכט. עוזיהו האָט זיך אָבער געפיהלט זעהר שטאַרק נאָך די גרויסע פערדיענסטען זיינע פאַר זיין פאָלק — און אפשר האָט ער אויך גע-שטרעבט צו פערפעסטיגען די צענטראַליזאַציע פון דער מלוכה, — און איהם האָט זיך דורכאויס געוואָלט פעראייניגען אין זיין איינציגער פּערזאָן אַי די מאַכט פון דעם מלך, אַי דאָס רעכט פונים כהן גדול. דער דאָזיגער פערלאַנג איז אָבער אָנגערקענט געוואָרען אַלס אַ ווידערשפּרוך צו די אַלטע טראַדיציעס פון פאָלק; איבערהויפּט האָבען געגען דעם געקעמפט די כהנים, וועלכע האָבען געקוקט אויף דער כהונה, ווי אויף זייערע אַ פּרי-ווילעגיע פון דורות; די נביאים ווייטער, האָבען דאָך געוויס נישט געקאָנט מסכים זיין, אַז די בעדייטונג פון מלך זאָל אַזוי אונענדליך אויסוואַקסען: זיי האָבען דאָך נאָך אין די אַלטע צייטען געקעמפט זאָגאַר געגען די דער-מאָהנטע בעשרענקטע פּריווילעגיעס פונים הערשער! — דער צוזאַמענ-שטויס צווישען מלך און צווישען די כהנים איז גלייך פערוואַנדעלט געוואָרען

אין א ענטשלאָסענעם קאַמפף: דער מלך איז געקומען אין בית־המקדש און האָט געוואָלט מקטיר זיין קטורת אויפ'ן מזבח. דאַן איז צוגעטראָטען צו איהם עוזיהו דער כהן גדול מיט נאָך כהנים ביז א מאַן אכטציג, און האָבען איהם ערקלערט, אז ער בעגעהט מוטוויליג א פערברעך געגען גאָט, וויל נאָר די בני אהרן זענען פון גאָט געהייליגט איהם אין זיין בית־המקדש צו דיענען. דער מלך איז בייז געוואָרען, נאָר ער האָט פאָרטגעזעצט די אַרבייט פון מקטיר זיין קטורת. פלוצלונג האָט איהם א צרעת אויסגעשפּראָצט אויפ'ן שטערען אין דער אַנוועזענהייט פון אַלע פערזאַמעלטע; דאַן האָט דער מלך פערלאָזען גאָט'ס הויז. נאָר דאָס צרעת האָט זיך פון איהם נישט אָבגעטהון און האָט בעדעקט זיין גאַנצען לייב. עוזיה האָט געמוזט פערלאָזען ירושלים, וואו עס האָט זיך, לויט'ן געזעץ, קיין מצורע נישט געטאָרט געפינען, און זיך בעזעצט אין ויינס א גוט אויסערן שטאָדט. אַזוי איז דער העלדישער מלך נאָך פאַר'ן לעבען אָבגעריסען געוואָרען פון זיין רעגירונג און צוזאַמען מיט דעם אויך פונ'ם פּאָליטישען און עקאָנאָמישען לעבען אין לאַנד. די מאַכט, האָבען, נאָך מעהר, ווי פריהער, פערכאַפּט די שרים און זייער ווילקיר האָט שוין דאַן פאַר זיך גאָר קיין גרענעץ נישט געהאַט. יותם, דער זוהן פון עוזיהו, האָט שוין דאַן גענומען אַנטייל אין דער הנהגה פון לאַנד, נאָר ער איז נאָך דאַן געוועזען צו יונג, אום צו קאָנען זיך פעסט אַוועקשטעלען געגען דער איינגעוואָרצעלטער אַריסטאָקראַטישער הויף־פּאַרטיי. דערווייל האָבען נאָר די נביאים אַליין געקעמפּפט געגען דעם אונרעכט און דאָס געצענדינערייַ פון די שרים, וואָס האָט זיך שוין געהאַט פערשפּרייט אויך צווישען די אַלע איבעריגע קלאַסען פון פאָלק.

דאַן האָט אָנגעהויבען צו וואַקסען די גרויסקייט פון דעם איבּיגען ישעיהו בן אמוץ. אין זיין פּערזאָן האָט די נבואה דערגרייכט איהר העכסטע מדרגה: ער איז געוועזען דער גרעסטער קינסטלער פון דאָס געטליכע וואָרט, דער טיעפזיניגסטער דיכטער פון דער אַלמענשליכער גערעכטיגקייט און אויך דער ווייטזיכטיגסטער דיפּלאָמאַט פון זיין צייט. ווי אַלע נביאים, איז אויך דער דאָזיגער געניוס געוועזען אויף אַזוי פיעל עניו, אז ער האָט נישט געפונען פאַר נויטיג צו ערקלערען די איבעריגע דורות, ווער ער איז און פון וואַנען ער שטאַמט. נאָר פון ווייטלויפיגע רמזים קאָן מען מערקען, אז לויט זיין יחוס איז ישעיהו געוועזען אַן אַריסטאָקראַט, און האָט געשטאַמט פון הויכגעשטעלטע מלוכה־לייט. דאַרויף זאָגען אויך עדות זיין גרויסאַרטיגע, אידעאַל־קלינגענדע שפּראַך, און זיינע בילדערדייכע פאָעמען, וואָס

האבען כמעט קיין גלייכען נישט צו זיך אין דער געשיכטע פון דער גאנצער וועלט-פאעזיע. זיין טהעטיגקייט האט ישעיהו אנגעפאנגען אינם לעצטען יאהר פון עוזיה'ס לעבען. מיט די פאלגענדע ווערטער שטעלט ישעיהו פאר די ערשטע ענטפלעקונג פון דער נבואה צו איהם:

„אין דעם יאהר, וואס דער מלך עוזיה איז געשטארבען האב איך געזעהן: גאט זיצט אויף זיין הויכען, ערהויבענעם טראהן, וואס זיינע ברעגען דערפילען דעם גאנצען הימעל-פאלאץ. מלאכים שטעהען ארום איהם; זעקס פליגלען האט יעדער איינער, זעקס פליגלען האט יעדער איינער; מיט צוויי פערדעקט ער זיין געזיכט, מיט צוויי פערדעקט ער זיינע פיס און מיט צוויי פליהט ער. און עס רופט איין מלאך צום צווייטען, ער רופט און ער זאגט: הייליג, הייליג, הייליג איז יהוה דער הערשער; די גאנצע וועלט איז פול זיין רוהם: — און אויפגעטרייסעלט האבען זיך די זיילען פון הימעל-פאלאץ ביי דעם דאזיגען אויסרוף און פול איז ער געווארען מיט נעבעל. האב איך אויסגעשריען: וועה איז מיר, איך בין פערלוירען; איך בין א מענש פון אומריינע ליפען און וואהן צווישען א פאלק מיט אומריינע ליפען — און מיינע אויגען האבען גאט דעם אלמעכטיגען געזעהן! דאן איז א מלאך צו מיר צוגעפליגען; אין האנד האט ער א ברענענדיגע קויהל געהאלטען; מיט א צוואנג האט ער עס פון מזבח גענומען. און עס האט דער מלאך מיט דער קויהל מיין מויל אנגערירט און ער האט געזאגט דערביי אזוי: „דאס האט דיינע ליפען אנגערירט, איצט זענען אויס דיינע זינד און דיינע פערברעכען זענען פערגעבען"! דאן האב איך גאט'ס שטים דערהערט, ער פרעגט: „וועמען זאל איך שיקען, ווער וועט פאר מיר געהן? האב איך געזאגט: איך בין גרייט, שיק מיך. האט גאט צו מיר געזאגט אזוי: געה, זאג דאס פאלק: הערען זאלט איהר הערען און גאר נישט פערשטעהן, און זעהן זאלט איהר זעהן און גאר נישט וויסען. פערשטאפט זאל ווערען דאס הארץ פון'ם פאלק און פערטויבט זאלען ווערען זיינע אויערען און פערבלענדט זאלען ווערען זיינע אויגען — טאמער וועלען זיינע אויגען דערזעהן, טאמער וועלען זיינע אויערן דערהערען, טאמער וועט זיין הארץ פערשטעהן — און ער וועט תשובה טהון און ער וועט זיין רפואה געפינען!..."

אויף דער דאזיגער שליחות פון גאט האט דער נביא ישעיהו בן אמוץ זיין גאנצען לעבען געאפפערט: פאר פיער מלכים האט ער געלעבט, ביי די פערשיעדענסטע בעדינגונגען אינ'ם לאנד; ער האט אבער זיין פפליכט קיינמאל נישט פערגעסען, — זיין פפליכט, צו שטרייטען מיט דער מעכטיגער

אַריסטאָקראַטיע, וועלכע האָט בוגד געווען אין גאָט און אין זיין פֿאָלק פֿון דעם פֿיעל גליק און גוטס, וואָס גאָט האָט דעם לאַנד געשאָנקען.

„איך וויל זינגען פֿאַר מיין פֿריינד דאָס ליעד פֿון זיין וויינגאָרטען. מיין פֿריינד האָט אַ וויינגאָרטען אויף אַ פֿעטען פּלאַץ געהאַט. האָט ער איהם אַרומגעצוימט, האָט ער איהם אויסגערייניגט (פֿון שטיינער), אַ יונגען ווינשטאָק האָט ער אין איהם פֿערפֿלאַנצט און אַ מגדל האָט ער אין איהם אויסגעבויעט און אַ קעלטער האָט ער אין איהם אויסגעגראָבען — געהאָפֿט האָט ער אויף גוטע ווינטרויבען, אויסגעוואַקסען זיינען נאָר פֿערדאָרבענע. איצט משפּט'עט, איהר, ירושלים און יהודה־לייט, צווישען מיר און מיין וויינגאָרטען. וואָס נאָך האָב איך געזאָלט טהון פֿאַר מיין וויינגאָרטען, וואָס איך האָב נישט געטהון? פֿאַרוואָס האָב איך געהאָפֿט, אַז ער וועט מיר גוטע פֿרוכט ברינגען און פֿאַרוואָס האָט ער נאָר שלעכטע געבראַכט? איצט לאָז איך אייך וויסען, וואָס איך וועל ווייטער מיט מיין וויינגאָרטען מאַכען: אַראָב זיין צוים צאַון זאָל ער צוגריזשעט ווערען, צובראָכען זיין וואַנט — און זאָל ער צוטראָטען ווערען; וויסט וועל איך איהם מאַכען, ער וועט נישט אַרומגעשוירען ווערען, ער וועט נישט אַרומגעגראָבען ווערען, דערנער וועלען איהם בעדעקען — די וואָלקענס וועל איך פֿערזאָגען, קיין רעגען אויף איהם נישט צו גיעסען!"

און דער נביא ערקלערט דעם משל פֿון זיינע ריד —

„ישראל — דאָס איז דער וויינגאָרטען פֿון גאָט דעם הערשער; יהודה — דאָס איז זיין ליעבליכעס פֿלאַנצונג; האָט גאָט געהאָפֿט פֿון איהם אויף געערעכטיגקייט און געפֿונען האָט ער נאָר דאָס אומרעכט; אַנשטאָט דאָס ערוואַרטעטע גוטס, האָט ער נאָר ביזעס בעגעגענט!" — „גאָט רופֿט צום געריכט די עלטסטע פֿון זיין פֿאָלק און זיינע שרים: איהר האָט אויסגעפֿרעסען דעם וויינגאָרטען: אין אייערע הענד געפֿינט זיך די רויב פֿון דעם אָרימאַן! וואָרום דריקט איהר מיין פֿאָלק און צומאָלט די אָרימע לייט — זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער הערשער"!...

ישעיהו בן אמוץ פּלעגט זיינע נבואות זאָגען אין בית־המדרש אום שבת, ראש חודש און יום טוב. ווען דאָס פֿאָלק פּלעגט זיך פֿערזאַמלען גאָט בעטען און די שרים פּלעגען אויך קומען אָבריכטען דעם אָפֿיציעלע צערעמאָניעל פֿון קרבנות ברענגען. זיינע ריד פּלעגען אָבער ווייניג קימערען די יעניגע, וועלכע זענען געווען די אמת'ע שולדיגע אין דער דעמאָראַליזאַציע פֿון פֿאָלק. וואָס געהט זיי אָן דער נביא, ווען פּאַקטיש זענען זיי די בעלי־בתים אין לאַנד?

די לאגע האט זיך אין דער הינזיכט נישט געענדערט אפילו אויך נאכ'ן טוידט פון מלך עוזיהו (אויפ'ן צווייטען פופציגסטען יאהר פון זיין ממשלה), ווען אויפ'ן טראָן איז ארויף זיין זוהן יותם (739—754). זיין צוגעבונדענקייט צו דער טראדיציע איז געווען נאך פיעל שטארקער, ווי זיין פאטער'ס, נאר ער האט אויך נישט געקאָנט זיך אבגעבען מיט דער גייסטיגער ענטוויקלונג פון פאלק. אלס ווייטזיכטיגער שטאאטס-מאן האט ער פאראויס געזעהן די אשור-געפאהר: די גרויסע מלוכה פון נינוה האט זיך אלץ ווייטער פערשפרייט איבער דער פאדערשטער אזיען, און יוהם האט פערשטאנען, אז גאר אין גיכען וועט דער צוזאמענשטויס צווישען אשור און יהודה מוזען פארקומען, איבערהויפט נאָדעם, ווי שמרון דאט שוין אליין אנערקענט דעם אויטאָריטעט פון פול. צוליעב דעם האט יותם נאכמעהר פון זיין פאטער פערפעסטיגט זיין הויפטשטאדט ירושלים, ווי אויך די איבעריגע הויפט-פונקטען אין לאנד: ער האט פערדעקט יהודה מיט א גאנצען נעץ פון פעסטונגען און טהורעמס און דערצו האט ער אויך פערפאלקאמט דעם חיל מיט א גאנצער רייהע רעפארמען. צווישען די אנדערע זיינע אינטערנעהמונגען זיינע דארף אויך דערמאהנט ווערען דער אויבערשטער טויער פון בית-המקדש, וועלכען ער האט אויסגעבויעט און איינגעריכטעט אלס א וויכטיגען פערטיידיגונגס-פונקט אין דער צייט פון א פיינדליכען אנפאל. אויסערדעם איז יותם'ן אויסגעקומען צו פיהרען א מלחמה מיט עמון, וועלכע האט פאר דער הערשאפט פון זיין פאטער עזיה אויסגעדריקט איהם איהר אונטערטעניגקייט, און ווי נאר דער אלטער העלד איז געשטארבען — אנגעהויבען פיהרען א קריעג געגען יהודה. דאן האט יותם מיט געוואלט אונטערטעניג געמאכט עמון און געצוואונגען איהר א געוויסע צייט צו בעצאהלען א יעהרליכען מס מיט געלד און מיט נאטור: הונדערט כורים זילבער, צעהנטויזענד כורים ווייץ און צעהן כורים גערשטען. יותם האט אויך נישט ווייניגער פון זיין פאטער געזאָרגט פאר דער עקאנאמישער ענטוויקלונג פון דער מלוכה און אין זיין צייט האט די עשירות פון לאנד דערגרייכט איהר העכסטע מדרגה. דערווייל האט זיך די אלגעמיינע פאליטיק אין דער פאדערשטער אזיען אלץ מעהר פערפלאָנטערט: די מורא פאר אשור איז אלץ טיעפער אריינגעדרונגען אין די ארומיגע לענדער און די בעציהונגען צו דער דאזיגער „רוט פון גאָט" האבען געמוזט קלאר בעשטימט ווערען. אנדערע פעלקער, ווי פיניציא און מואב צ. ב. ש. האבען איהר רוהיג אויסגעדריקט זייער פרייכאפט און אונטערטעניגקייט, אנדערע, ווי אפרים און ארם האבען געוואלט פערייניגען די מעכטיגערע מלוכות אויף

ארויסצוטרעטען אין אן אפענער מלחמה געגען אשור. יותם האט אבער פערנומען אין דעם דאזיגען פלאנטער א גאנץ בעזונדערע פאזיציע: לויט דער פאליטישער שיטה פון דעם נביא ישעיה׳ האט ער נישט געוואלט אליין פאר דער צייט ארויסרופען א געפאהר אויף זיין פאלק, ער האט אבער אויך פעסט בעשלאסען מיט׳ן גוטען ווילען, אהן א מלחמה, נישט איבערצוגעבען די אונאבהענגיגקייט פון זיין לאנד. אזא נייטראלע פאליטיק, ווען ארום איהם האט געשוויבעלט און געריבעלט, האט פון יותמ׳ן געפאדערט פיעל מאקט, פארזיכטיגקייט און אויסגעהאלטענקייט אזוי, אז צוליעב די בעצידונגען צו אשור׳ן זאל ער נישט אויפבריינגען געגען זיך דעם צארן פון די קריעגעריש געשטימטע שכנישע מלכים, ווי עס האט זיך טאקי ענדליך אויסגעלאזען אין דער צייט פון זיין טראנספאלגער. ביי אזעלכע געפעהרליכע אומשטענדען אין דער אויסערליכער פאליטיק, איז אויך יותם געצוואונגען געווען איבערצולאזען די אינערליכע הנהגה פון לאנד אין די הענד פון די שרים, ווי עס איז געוועזען פאר זיין פאטער; די דאזיגע שרים אבער זענען וואס ווייטער אלץ מעהר פערדארבען געווארען, צוזאמען דערמיט, ווי די עשירות פון לאנד האט געהאלטען אין איין וואקסען און שטייגען; דערצו האט זיי געפיהרט אויך דאס, וואס צוליעב דער גרויסער עקאנאמישער ווירטשאפט, וועלכע יהודה האט דאן געפיהרט, איז זי פון דאסניי אריינגעטרעטען אין א נאהענטען פערקעהר מיט שומרון, פיניציא און מצרים.

אין דער צייט פון יותמ׳ס ממשלה האט דער נביא ישעיה ווייטער אויפגעהויבען זיין שטים געגען דעם אלגעמיינעם אונרעכט וואס האט געהערשט אין לאנד. דעם נביא האט איבערהויפט געקרענקט דאס, וואס אין דער צייט פון דעם דאזיגען אויסערליכען עקאנאמישען גלאנץ איז דאס פאלק אין זיינע ברייטע מאסען געבליעבען ארעם און געדריקט. אין דער ווירקליכקייט האט די אונגעהויערע עשירות קיין גליק דאס לאנד נישט געבראכט: די מעכטיגע און די רייכע האט דאס, אמת, מעכטיגער און רייכער געמאכט; די שוואכע און די ארימע זענען אבער נאך שוואכער און ארימער געווארען. פערדיענט פון דעם אינטערנאציאנאלען האנדעל האבען נאר די אריסטאקראטען און די שרים; דעם המון און די ערדארבייטער איז וועניג אנגעקומען פון די גרויסע סומען געלד און זילבער, וואס זענען אריינגעפיהרט געווארען פון פיניציא און מצרים; דערפאר אבער איז צוליעב דער מאראלישער פערדארבענהייט געוואקסען די נטיה צו מותרות; די רייכע האבען זיך געבאדען אין איבערטריבענעם לוקסוס, אין דער צייט ווען דער ארימאן

אין געוועזען שפּלידיג און דערשלאָגען. די אויסערליכע פערשיעדענאַרטיגקייט פון די פערשיעדענע קלאַסען האָט אַרויסגערופען אויך אַן אינערליכע אָבגעזונדערטקייט, און די דאָזיגע אָבגעזונדערטקייט ווערט נאָך שטאַרקער, וואָס מעהר עס ווערט פערגעסען דער אַלגעמיינער נאַציאָנאַלער גאָט און עס פערשפּרייטען זיך די פערשיעדענערליי אייגענע געצענדינערייען. דער נביא רופט דאָס פאָלק, עס זאָל זיך בעטראַכטען:

„דאָס הויז פון יעקב, קום, לאָמיר געהן אין גאָטס ליכט! דען דו האָסט פערלאָזען דאָס אייגענע, דאָס פאָלקסטימליכע, דאָס הויז פון יעקב; דען מיט די מנהגים פון די מזרח־לענדער און מיט דער צויבעריי פון פלשתים איז עס איבערפילט און מיט פרעמדע שעפּפונגען בעגנוגענט עס זיך; און זיין לאַנד איז איבערפילט געוואָרען מיט זילבער און מיט גאָלד און זיינע אוצרות האָבען קיין ענדע נישט; און זיין לאַנד איז איבערפילט געוואָרען מיט געצען און זיי בוקען זיך צו דער אויסאַרבייטונג פון די אייגענע הענד; און נידעריג איז געוואָרען דער מענש און געפאַלען איז ער געוואָרען, — דו טאָרסט דאָס ניט פערגעבען זיי! קום צווישען די פעלזען־שטיינער, בעהאַלט זיך אונטער דער ערד פאַר דעם שרעק פון גאָט און פאַר זיין עהרליכען שטאָלץ! נידער — די אויגען פון דעם מענשען־שטאָלץ; איינגעבויגען — די מענשען־הויכקייט! נאָר גאָט אַליין וועט געגרויסט זיין אין יענעם טאָג!"

„דען עס קומט אַ טאָג פון גאָט דעם הערשער אויף יעדען שטאָלצען און הויכען און אויף יעדען נידעריגען און געהויבענעם (וואָס איז ערהויבען געוואָרען); און אויף אַלע הויכע לבנון־צעדערן און אויף אַלע ערהויבענע פלעצער; און אויף יעדען הויכען טהורעם און אויף יעדען פעסטען מויער... און נידעריג וועט ווערען דעם מענשענ׳ס הויכקייט און פאַלען וועט זיין שטאָלץ! — נאָר גאָט אַליין וועט געגרויסט זיין אין יענעם טאָג!... און די געצען וועלען אינגאַנצען פערשוואונדען ווערען, אין די פעלזען־היילען וועלען זיי פערטראָגען ווערען און אין די ערד־גריבער — פאַר דעם שרעק פון גאָט און פאַר זיין עהרליכען שטאָלץ, ווען ער וועט ערשיינען דאָס לאַנד צו פערטיליגען! אין יענעם טאָג וועט דער מענש אַוועקשליידערען פאַר די שילדקרעטען און פאַר די פלעדערמייז די געצען פון זיין זילבער און די געצען פון זיין גאָלד, וואָס ער האָט געשאַפט צו בוקען זיך, און בעהאַלטען וועט ער זיך צווישען די פעלזען און צווישען די בערג, פאַר דעם שרעק פון גאָט און פאַר זיין עהרליכען שטאָלץ, ווען ער וועט ערשיינען דאָס לאַנד צו פערטיליגען!"...

ווען יותם איז געשטארבען אויפ'ן פופצעהנטען יאהר פון זיין הערשונג און זיין זוהן אחז איז מלך געווארען (739—724), האט זיך דאס ראד איבערגעדרעהט איבער יהודה. דער נייער מלך איז בסך הכל אלט געווען א יאהר 25, ווען ער האט דעם טראן גע'ירשה'נט און געפינענדיג זיך פון קליינווייז אויף אונטער דער השפעה פון די מאראליש פערדארבענע הויף-לייט, איז ער אליין אויך גענייגט געווען צו פיהרען א לייכטזיניג-פרעהליך לעבען; און דערצו נאך איז ער פאליטיש אויך גארנישט צוגעגרייט געווען, צו געוועלטיגען איבער'ן לאנד אין אזא געפעהרליכען מאמענט, ווי דער, וואס איז אנגעקומען פאר דער פארערשטער אזיען. עס איז געקומען א צייט, ווען יהודה האט געמוזט אפען ערקלעהרען איהר פראגראם און איהר פאזיציע אין דער אלגעמיינער פאליטיק פון דער פאר־ע־שטער אזיען. עס האט געמוזט קלאהר ווערען איהר בעציהונג צו אשור אין צו דעם אנטי-אשורישען בונט פון אפרים און ארם, וועלכע זענען דאן מעהר געניויגט געווען צו אנערקענען דעם אויטאריטעט פון דער מעכטיגער מצרים, איידער פון אשור. אין ירושלים האבען זיך דאן געבילדעט פערשידענע פאליטישע פארטייען: דער גרעסטער טייל איז געווען, ווי ס'שיינט דערפאר, אז מען זאל צושטעהן צום בונט און אונטערווארפען זיך דעם פראטעקטאראט פון מצרים, וועלכע איז, צוליעב איהר ווייטקייט פון יהודה, נישט געווען אזוי געפעהרליך פאר דער זעלבסטשטענדיגקייט פון לאנד. א טייל וויטער האבען נוטה געווען צו אשור, גלויבענדיג אין איהר אונבעזיעגטע מאכט. נאר דער איינציגער קרייז פון ישעיה הנביא איז געווען געגען וועלכע ס'איז אקטיווע שריט אין דער הינזיכט, האלטענדיג זיך פעסט ביי דער טראדיציאנעלער פאליטיק פון די נביאים, וועלכע זענען שטענדיג געווען געגען יעדען פערבאנד מיט די ארומיגע פעלקער. זייער מיינונג איז געווען, אז דאס לאנד דארף זיך נאר אינערליך גוט פערפעסטיגען גייסטיג און סטראטעגיש, כדי צו קאנען ווייזען א ווידערשטאנד ביי א אויסערליכען אנפאל. ישעיה האט מיט זיין בייסענדער נבואה זיך געווענדעט צו דיגע פאליטישע געגענער:

„וועה צו די, וועלכע נידערען קיין מצרים נאך הילף און שטיצען זיך אויף פערד![1] זיי פערלאזען זיך אויף דער איבערפליסיגקייט פון די רייטוועגען און אויף דער מעכטיגקייט פון די פארדייטער און זיי ווענדען זיך ניט צו דעם היילינען פון ישראל און גאט זוכען זיי נישט.... מצרים

1) מצרים האט זיך שוין דאן אויסגעצייכענט מיט איהר רייטער-מיליטער.

אין דאָך אָבער שטאַרק דורך מענשען־קראַפט אָבער נישט דורך געטליכער מעכטיגקײַט, און זײַערע פערד זענען דאָך נישט מעהר ווי פלײש, אָבער נישט קײן גײַסט, און אַז גאָט וועט זײַן האַנד אויפהויבען, דאַן וועט דאָך זינקען דער שטיצער און עס וועט פאַלען דער געשטיצטער און צוזאַמען וועלען זיי פערטיליגט ווערען!...."

„דען אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער און דער היליגער פון ישראל: דורך דער רוהיגקײַט און געלאַסענקײַט וועט איהר געהאָלפען ווערען, אין דער זיכערקײַט און דער פערטרויטקײַט וועט אײַער שטאַרקײַט זײַן — האָט איהר עס אָבער נישט געוואָלט הערען. איהר האָט געזאָגט: בעסער וועלען מיר אויף פערד לויפען, דערפאַר וועט איהר טאַקי צולויפען, איהר האָט געזאָגט פלינק וועלען מיר רײַטען — דערפאַר וועלען שטאַרק פלינק זײַן אײַערע נאָכרײַטערס. גאַנצע טויזענד —פאַר דער שטים פון אײנעם, און אַז פינף וועלען אַנגעשרײַ טהון — וועט איהר אַלע צושפרינגען ווערען!

אָחז האָט זיך פערלוירען. לויט זײַן שוואַכען כאַראַקטער איז ער געניגט געוועזען צו צושטעהן צו די פּאָליטישע מיינונגען פון ישעיהו הנביא'ס פּאַרטיי און פאָרצוזעצען די נייטראַלע פּאָליטיק פון זײַן פאָטער יותם. זײַענדיג אָבער להוט נאָך די שענדליכע תאוות און נאָך דער געצענדינערײַ, האָט ער צוזאַמען מיט זײַנע שרים ניט געזאָרגט זיך, ווי זײַן פאָטער, צו פערפעסטיגען דאָס לאַנד פון אינעווייניג און פון אויסענווייניג; דערצו האָט איהם אויך געפעהלט די פּאָליטישע ערפאַהרענקײַט פון זײַן פאָרגענגער און ער האָט נישט געקאָנט פיהרען די נייטראַליטעט־פּאָליטיק אויף אַזאַ אַרט, אַז זי זאָל נישט אויפרייצען געגען זיך זײַנע שכנישע מלוכות פון אַנטי־אַשורישען בונד. די לעצטע האָבען בעשלאָסען איבערגעוואַלד צו צווינגען יהודה צו צושטעהן צו זיי. מיט פערײַניגטע קרעפטען זענען די מלכים פון אפרים און אַרם — פקח און רצין — בעפאַלען יהודה. זייער פּלאַן איז געוועזען, אַז אין פאַל, אויב זיי וועלען מנצח זײַן אָחזן, וועלען זיי איהם אינגאַנצען אַראָבוואַרפען פון טראָן און אוועקזעצען זייער אָנהײנגער בן־טבאל. דער קורצזיכטיגער מלך האָט וואַהרשײַנליך, נישט ערוואַרטעט דעם דאָזיגען ענטשלאָסענעם שריט, וועלכער איז געוועזן אַזוי אונפערמיידליך. „און זײַן האַרץ איז אויפגעציטערט געוואָרען ווי די בוימער פון וואַלד ציטערען אויף פון אַ ווינד". ישעיה הנביא האָט זיך געפרובט בערוהיגען דעם מלך, אײַנרעדענדיג איהם, אַרויסצוטרעטען מיט אײגענע קרעפטען געגען דעם פײַנד און פערזיכערנדיג, אַז די בעלאַגע-

רונג קאָן נישט זיין קיין רוערהאַפטע, אַז פריהער אָדער שפּעטער מוז די קאָאַליציע צושטערט ווערען, ווייל אַשור וועט איהרע מורדים נישט לאַנג נאָך פריהייט געבען.

„פערטיידיג זיך געגען דעם שונא, נאָר זיי רוהיג, שרעק דיך נישט און זאָל דיין האַרץ נישט קלאַפּען פאַר די דאָזיגע צוויי ברעקלעך האָלאָוועשקעס, וועלכע רויכערן זיך מיט גרים-צאָרן — פאַר רצין פון אַרם און בן רמליה פון אפרים, ווייל אַרם האָט וועגען דיר שלעכטעס גע-פּלאַנט צוזאַמען מיט בן-רמליה: לאָמיר אויפגעהן אויף יהודה, לאָמיר פון איהר אַנ׳ענגרע מאַכען לאָמיר איהר אויף חלקים צושפּאַלטען און פאַר אַ מלך בעשטימען בן-טבאל — דערפאַר האָט גאָט געזאָגט אַזוי: עס וועט זיך נישט אָנהויבען און עס וועט זיך נישט אויסלאָזען! עס מעג זאָגאַר אָן דער שפּיץ פון ארם זיין דמשק און אָן דער שפּיץ פון דמשק מעג זאָגאַר זיין רצין — און אין פינף און זעכציג יאָהר אַרום ווערט אפרים פערטיליגט אַלס פאָלק, מעג זאָגאַר אָן דער שפּיץ פון אפרים זיין שומרון און מעג זאָגאַר אָן דער שפּיץ פון שומרון זיין בן-רמליה: איהר גלויבט עס נישט נאָר דערפאַר, ווייל איהר אַליין זענט אונבעגלויבטע!...״

דעם נביא׳ס רייד האָבען נישט געווירקט, אויף אַרויסצורופען ביים טאַלאַנטלאָזען מלך העלדען-מוט; דערווייל זענען אַרם און אפרים פון צוויי זייטען אַלץ טיעפער אין יהודה אַריינגעדרונגען, האָבען פיעל שטעדט חרוב געמאַכט, פיעל מענשען אויסגעטוידט און פיעל געפאַנגענע פערנומען, נישט בעגעגענדיג קיין ערנסטען ווידערשטאַנד. אין תנ״ך ווערט דער-צעהלט אַנ׳אגדה, וועלכע כאַראַקטעריזירט אַלענפאַלס דעם מלך אחז פון זיין מאָראַלישער זייט. ווען ער האָט געזעהן דעם ערפאָלג פון ארם און די מפּלה פון יהודה, האָט ער בעשלאָסען, אַז דער פיינדליכער גאָט פון אַרם איז שטאַרקער פאַר דעם נאַציאָנאַלען גאָט פון יהודה; איז ער אַריין אין בית-המקדש און האָט צובראָכען די הייליגע כלים און צושע-דיגט דעם מזבח און אויף דעם הויף פון דער עזרה האָט ער אַן אַלטאַר פאַר די אַראַמישע אָבגעטער געשטעלט און אַליין אויף זיי קרבנות מקריב געוועזען! — דאָס איז אָבער געוועזען אַ קליינע תרופה און דערום האָט ער, דער מלך אחז, זיך בעשלאָסען אויף אַ שענדליכען און פערעטערישען שריט. ער האָט געשיקט מתנות צום מלך פון אַשור, צו תגלת-פלאסר, אַנערקענט זיין אויבערשאַפט און געבעטען הילף געגען אפרים און ארם. תגלת-פלאסר האָט מיט פרייד אָנגענומען די דאָזיגע אונטערטעניגקייט, און גלייך גענומען ממלא צו זיין די בקשה פון אחז. רצין האָט גיך פער-

לאָזען יהודה, ווי ער האָט זיך נאָר דערוואוסט, אַז אַשור האָט זיך אויף זיין לאַנד אָנגעוואָרפען; פקח האָט זיך אויך דערשראָקען פאַר דער נאָהענטער געפאַהר און אויך זיך געאיילט קיין שומרון. יהודה איז געראַטעוועט געוואָרען פון די ביידע שונאים, נאָר קיין ווירקליכע ישועה איז עס נישט געווען. דאָס לאַנד איז געווען צוראַבירט, דער חיל דערשלאָגען, די פעסטונגען צושטערט; די אונטערגעוואָרפענע שכנישע פעלקער האָבען פון דאָסמאָל אָן אויפגעהויבען זייער קאָפּ און גענומען זיך נוקם זיין אין די יהודים; די פּלשתים און די אַדומים זענען, ווי אין די אַמאָליגע יאָהרען, באַפאַלען די גרענעצען, אונטערגעצונדען שטעדט, געמאַכט געפאַנגענע; תגלת-פלאסר האָט נאָר אויף אַזוי פיעל געהאָלפען יהודה, אויף וויפיעל ער האָט געמוזט מלחמה האַלטען געגען די מורדים פון אשור; ער האָט אָבער גאַנץ פריי געלאָזען די איבעריגע פעלקער צופליקען יהודה; אדרבא: ער אַליין האָט זיך אָפט אַריינגעריסען אין לאַנד און געמאַכט חורבנות, כדי אָבצושוואַכען דעם צענטער פון דער פאָרערשטער אַזיע. פון דער צווייטער זייט האָט דער פּקח פאַ, ווי עס שיינט, אויך נישט געקאָנט שיינקען יהודה, וואָס זי האָט זיך אונטערגעוואָרפען אונטער אַשור'ן און אויף אַזאַ אופן איהר ריין געמאַכט דעם וועג קיין מצרים, און האָט זיך אויך מיט איהר גוט אָבגערעכענט. יהודה האָט דאַן פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ שוצלאָזעם לאַנד, וואָס אַלע אַרומיגע פעלקער האָבען איהר געצופּט און געריסען. איבעריגענס, דער נביא ישעיה האָט דאָס אַלץ פאָראויסגעזעהן און מתרה געווען דעם מלך, ווען ער האָט זיך געווענדעט צו אַשור נאָך הילף:

„אין יענעם טאָג וועט גאָט אַ פייף טהון צו דער פליג, וועלכע ביי די טייכען פון מצרים און צו דער בין, וואָס אין דעם לאַנד פון אַשור; און זיי וועלען קומען און באַלאַגערען אַלע טהאָלען און אַלע פעלזען און אַלע בוימער און אַלע דערנער.... אין יענעם טאָג וועט וויסט און פערדערנערט ווערען יעדער פלאַץ, וואו איצט וואַקסען די טייערסטע וויינשטאָקען; מיט פייל און בויגען וועט מען דאָרט קומען, ווייל וויסט און פערדערנערט וועט דאָס לאַנד ווערען!...“

נישט קוקענדיג אויף דער אוננוצליכקייט פון דעם בונד מיט אַשור, האָט שוין אָחז אויך ווייטער געמוזט בלייבען געטריי אַשור, וועלכע פלעגט איהר קרבן פון די געגעל קיינמאָל נישט אַרויסלאָזען. דער מלך פלעגט מוזען יעדען יאָהר אַ געהעריגען מס שיקען קיין אַשור; דערביי פלעגט ער אַליין לעדיגער מאַכען די אוצרות פון בית-המקדש און אָבריבען פון איהם די טייערסטע חפצים; אחז אַליין פלעגט אָפט פאָהרען צו בוקען זיך פאַר

דעם שרעקליכען טיראַן תגלת-פלאסר. די נאָהענטע בעציהונגען מיט די מזרח'ישע דעספאָטען זענען נישט געבליבען אָהן אַ ווירקונג פאַר דעם כאַראַקטערלאָזען מלך. אין זיין קנעכטישער נאַטור פלעגט ער איינגעפינען אַלע מנהגים פון זיין מעכטיגען איבערהאַר פאַר גוט און שען. נישט קוקענדיג אויף דער געפּלאָגטער לאַגע פון לאַנד, האָט ער זיך נאָך מעהר ווי פריהער איבערגעגעבען צוזאַמען מיט די שרים דער געצענדינערייא און די פערדאָרבענהייטען פון דעם פרעהליכען לעבען. די שרים, געפינענדיג ביים מלך אַ הסכמה צו זייערע מעשים, האָבען נאָכמעהר פערגרעסערט זייערע זינד געגען גאָט און געגען פאָלק. דאַן האָט דער נביא ישעיה שוין קיין ווערטער נישט געפינען, מיט וועלכע צו ווירקען אויף די פערדאָרבענע הערצער:

„הערט איהר הימלען, פערנעהם דו ערד, דען גאָט האָט גערעדט: קינדער האָב איך ערצויגען און ערהויבען און זיי האָבען אָן מיר מורד געווען! עס דערקענט דער אָקס זיין קויפער, דער אייזעל דער — די קאָריטע פון זיין האַרען — ישראל דערקענט נישט, מיין פאָלק פערשטעהט נישט. וועה דעם זינדיגען פאָלק, דער פערברעכערישער אומה, דעם אויסגעלאַסענעם דור, די פערדאָרבענע זיהן — זיי האָבען גאָט פערלאָזען, דעם הייליגען פון ישראל דערצערנט, הינטערווילכס האָבען זיי זיך אָבגערוקט. אויף וועלכער שטעלע זאָלט איהר נאָך געשלאָגען ווערען, אַז איהר קעהרט אייך אַלץ ווייטער אָב פון גאָט? דער גאַנצער קאָפּ איז שוין צוקריינקט, דאָס גאַנצע האַרץ איז שוין פערוועהטאָגט: פון די פיס ביז דעם קאָפּ איז אין אייך קיין גאַנצער גליעד נישטאָ, אַ בייל און אַ וואונד און אַ אייטערדיגע געשוויר; זיי ווערען נישט געדריקט און ווערען נישט פערבונדען און ווערען מיט קיין בוימעל נישט געווייכט. אייער לאַנד איז וויסט, אייערע שטעדט זענען פערברענט, פאַר אייערע אויגען עסען פרעמדע אייער ערד.... ווען גאָט דער הערשער וואָלט אונז נישט איבערגעלאָזט אַ געדעכעניש, וואָלטען מיר דאָך ווי סדום געווען, ווי עמורה וואָלטען מיר אויסגעזעהן!....

„הערט נאָר די רייד פון גאָט, איהר, האַרען פון סדום; פערנעהמט נאָר די לעהרע פון אַלמעכטיגען, איהר, פאָלק פון עמורה! צו וואָס דאַרף איך אייערע פילע קרבנות — זאָגט גאָט — איך בין איבערזאַט מיט עולות פון בעראַנעס און מיט פעטס פון געשטאָפּטע פיה; איך פערלאַנג נישט מעהר קיין בלוט פון קיין אָקסען, פון קיין שעפּסען און פון קיין בעק. אַז איהר קומט אָנקוקען מיין געזיכט, ווער בעט אייך טרעטען מיינע

הימען? איהר זאָלט מעהר ניט וואַגען צו ברייגגען פאַלשע מנחות, אייער קטורת איז פאַר מיר אומווירדיג, אייער חדש, אייער שבת — ליידען קאָן איך זיי ניט מעהר — אומרעכט איז עס און פערראַט. אייערע יום־טובים האַט פיינד מיין גייסט, צו לאַסט זענען זיי מיר, פערטראַגען קאָן איך זיי ניט מעהר! און אַז איהר פערברעכט אייערע הענד צו מיר, װענד איך מיינע אויגען אָב פון אייך, און אַז איהר בעט צו מיר, הער איך אייך ניט — אייערע הענד זענען מיט בלוט פערשמוצט! וואַשט אייך, רייניגט אייך, בעזייטיגט אייערע שלעכטע טהאַטען, זאָל איך זיי מעהר ניט זעהן, הערט אויף בעזעס צו טהון, לערנט אייך גוטעס צו שאַפען, זוכט די רעכטיגקייט, שטאַרקט דעם בעריבטען, משפט פאַר דעם יתום, נעהמט אייך אָן פאַר דער אַלמנה —... ווען איהר וועלען און איהר הערט פאָלגען וועט איהר דאָס בעסטע פון לאַנד געניסען. הערט איהר ניט וועלען און ניט פאָלגען, וועט אייך דער שווערד פערצעהרען!...״

דער נביא פערגלייכט די גייסטיגע לאַגע פון פאָלק אין זיין צייט מיט דער לאַגע פון פאָלק אין די פריהערע דורות, און שרייט אויס:

„ווי אַזוי איז עס צו א זונה געוואָרען די ערליכע שטאָדט, וואו פריהער האַט נאָר משפט און צדק געוואָהנט, זענען איצטער מערדער פול?!... דיין זילבער איז מיט אָבפאַל, דיין וויין געמישט מיט וואַסער: די שרים זענען פערברעכער, גענאָסען פון גנבים, אַלע ליעבט שוחד און יאָגט זיך נאָך אונטערקויף־געלד; פאַר דעם אָרימען יתום משפט'ען זיי ניט, פאַר דער אונגליקליכער אַלמנה שטעלען זיי זיך ניט איין! דרום זאָגט גאָט דער הערשער, די קראַפט פון ישראל: אָ! איך וועל זיך נאָך טרייסטען איבער מיינע פיינד איך וועל נאָך נקמה נעהמען פון מיינע שונאים!...״

די דאָזיגע הערצרייסענדע רייד האָבען אָבער פאַר זיך נאָר אַ פוסטען מדבר געפונען; ניט דער מלך און ניט זיינע שרים האָבען זיך צום נביא צוגעהאָרכט. די אָנגעהעריגע ספערען זענען גייסטיג אַלץ ניעדריגער און ניעדריגער געפאַלען, שלעפענדיג נאָך זיך דאָס פאָלק, דעם המון, און דער נביא זעהט אין זייער זאָרגלאָזיגקייט אאויך די סבה פון שלעכטער פאָליטישער און עקאָנאָמישער לאַגע, אין וועלכער דאָס פאָלק האָט זיך געפונען:

„וועה צו די, וועלכע איילען זיך פריה אויפצושטעהן, וויל עס יאָגט זיי דאָס ביער, וועלכע פערשפעטיגען זיך אין אָבענד צו זיצען, וויל עס ברענט זיי דער וויין; זייערע מאָלצייטען בעשטעהען פון פידעל און האַרף

און פויק און פלייט און ווײַן — און זיי זעהען נישט גאָט'ס טהאַט און זיינע ווערק בעמערקען זיי נישט — דערפאַר איז מיין פאָלק פעריאָגט נישטווישענד: זיינע געעהרטע זענען הונגער-טוידטע, זיינע מאַסען — דורשט-פערשמאַכטע. דערפאַר האָט דער אָבגרונד אַזוי זיך פונאַנדערגעשפרייט און אַזוי גרענעצלאָז זיין מויל געעפענט און איינגעשלונגען די שענקייט, די לעבהאַפטיגקייט, די פרעהליכקייט פונ'ם לאַנד"...

אין אַזאַ פינסטערער לאַגע לאָזט אַהז זיין פאָלק און זיין לאַנד, ווען ער שטאַרבט אָב און דעם טראָן נעהמט איבער זיין סימפאַטישער 18-יעהריגער זוהן — יחזקיהו!

צוועלפטעס קאַפּיטעל.

(פון יחזקיהו ביז יאשיהו (724—608).

„דאָס פאָלק, וואָס געהט אין דער פינסטער, האָט אַ גרויסע ליכטיגקייט דערזעהן, די בעוואָהנער פונ'ם טויטען לאַנד האָט אַ שטראַהל בעשיינט. דו האָסט גרויס געמאַכט דאָס פאָלק, דו האָסט איהם זיין פרייד פערמעהרט; זיי האָבען זיך געגען דיר געפרעהט, ווי מען פרעהט זיך אין תבואה־שניט, ווי מען פרעהט זיך, ווען מען טיילט זיך מיט'ן רויב. ווייל זיין לאַסט־יאָך און זיין צוואַנגס־שטעקען האָסטו צובראָכען, ווי אין דעם טאָג פון מדין*) דען אַ קינד איז אונז געבוירען געוואָרען, אַ זוהן איז אונז געשאָנקען געוואָרען, איז אויף זיין אַקסעל די הערשאַפט געפאַלען און זיין נאָמען איז בערופען געוואָרען: וואונדערליכער ראַט־געבער, געטליכער העלד, האַר פון פריעדען!"....

מיט די דאָזיגע פייערליכע ווערטער בעגריסט ישעיהו הנביא די טראָן־בעשטייגונג פון דעם יונגען יחזקיהו (724—695). ער איז נאָך כמעט אַ קינד געווען, ווען אין זיין פאָטערלאַנד האָט דער געוואַלטיגער חורבן אויסגעבראָכען; זיין יונגעס האַרץ איז נאָך דאַן נישט אַזוי פערדאָרבען געוועזען, ווי ביי די איבעריגע הויף־לייט, און די שרעקליכע ליידען פון זיין פאָלק האָבען אויף איהם אַ שטאַרקען איינדרוק געמאַכט; אין דער פער'שכור'טער אָרגיע, וואָס האָט געהערשט אַרום זיין פאָטער, האָט ער אַן ערנסטען וואָרט געזוכט, אַ וואָרט, וואָס זאָל איהם די לאַגע פון יהודה ערקלערען, און דאָס האָט ער געקאָנט הערען נאָר פון דעם הייליגען נביא ישעיהו בן־אמוץ; די געטליכע נבואה בעגייסטערט דעם יונגען פרינץ אַלץ מעהר; דרינגט אין איהם אַריין אַלץ טיעפער און ענדליך, ווען ער

*) דער שופט גדעון האָט אַמאָל צושלאָגען די מחנה פון מדין און מיט דעם בעפרייט דאָס לאַנד ישראל פון אַ שרעקליכען פיינד.

געהט אַרויף אויפ'ן טראָן, שטעלט ער פאַר מיט זיך אַ מענשען, וועלכער איז דורכגענומען אינגאַנצען מיט אַ טיעפער פרומקייט און מיט דער פייערדיגסטער ליעבע צום פאָלק. אין זייט מהעטיגקייט אַלס מלך זעהען מיר צוויי שטרעבונגען, וועלכע זענען אייגענטליך עטוואָס איינס אין זייער וואָרצעל: ער וויל דעם פאָלק צוריק אומקעהרען זיין פריהערדיגע גאָט'ס פאָרכטיגקייט און מאָראַלישע ריינקייט, ווי אויך זיין פריהערדיגע מעכטיגקייט און פאָליטישע זעלבסטשטענדיגקייט. די היסטאָרישע געשעהענישען פון יענער צייט זענען בכלל זעהר גינסטיג געווען פאַר'ן מלך'ס פלענער. אין דריי יאָהר אַרום נאָכדעם, ווי די מלוכה איז איבערגעגאַנגען צו יחזקיהו, איז געפאַלען די מלוכה פון אפרים און שומרון איז חרוב געוואָרען. דער פאַקט, וואָס פון דעם אַלגעמיינעם פאָלקס-אָרגאַניזם איז אָבגעריסען געוואָרען אַזאַ וויכטיגער גליעד, האָט געמוזט מאַכען אַ געוואַלדיגען רושם אויף דעם איבערגעבליבענעם טייל פון פאָלק, וואָרום נישט קוקענדיג אויף די פאָליטישע בעציהונגען, וואָס האָבען געהערשט צווישען שומרון און ירושלים, האָבען זיך פאָרט די בעפעלקערונגען פון די ביידע מלוכות געפיהלט פאַר טיילען פון איין גאַנצען פאָלק. דערצו זענען אַנטלאָפענע פון אפרים מאַסענווייז אָנגעקומען אין יהודה; דאָס אונגליק האָט אַלזאָ, געמוזט ווענדען זייערע הערצער צו גאָט, צו דעם גאָט, וועלכער האָט זיי נישט אויפגעהערט מתרה צו זיין דורך זיינע נביאים. אַ ציטער האָט אַרום יהודה און אַ געפיהל פון פרומקייט: מען מוז ראַטעווען פון גאָט'ס צאָרן דעם רעשט פון פאָלק!

און יחזקיהו האָט צושיקט בריעף איבער'ן גאַנצען לאַנד, זאָגאַר צו די איבערגעבליבענע אין אפרים: „די זיהן פון ישראל: קעהרט אייך אום צו יהודה, צו גאָט פון אברהם און פון יצחק און פון יעקב, וועט ער זיך אומקעהרען צו דעם רעשט, וואָס איז געבליבען פון אַשור'ס הענד. איהר זאָלט נישט זיין, ווי אייערע עלטערען און ווי אייערע ברידער, וואָס האָבען אָן גאָט געפעהלט, און ער האָט זיי וויסט געמאַכט, ווי איהר זעהט עס איצט אַליין מיט אייערע אויגען. איצט זאָלט איהר מעהר נישט האַרט מאַכען אייער נאַקען, ווי אייערע עלטערען; שטרעקט אויס אייער האַנד צו גאָט און קעהרט אייך אום צו זיין מקדש, וואָס ער האָט אויף אייביג פערהייליגט; דיענט אייער אַלמעכטיגען גאָט יהוה, וועט זיך זיין צאָרן איבער אייך שטילען! און ווען איהר וועט זיך צו גאָט אומקעהרען, וועט ער דערוועקען זיין רחמנות אויף אייערע ברידער און אויף אייערע זיהן ביי זייערע פיינדער און ער וועט זיי צוריקקעהרען אין אינזער

לאַנד, דען איער אַלמעכטיגער גאָט יהוה איז אַנ'ערבאַרמדיגער און אַ גנעדיגער און ער וועט נישט אַבווענדען זיין געזיכט פון אייך, ווען איהר וועט זיך ווענדען צו איהם!"

די דאָזיגע איינפאַכע נאָר מיט ריינער גאָטספאָרכטיגקייט דורכגעדרונגענע ווערטער האָבען געמאַכט אַ גרויסען איינדרוק אויפ'ן פאָלק, און ווען דער מלך איז צוגעטראָטען צו דער צוריקאיינפיהרונג און פערשטאַרקונג פון דעם אַלטען יודישען קולט, האָט ער בעגעגענט דעם מיטגעפיהל פון אַלע שיכטען פון פאָלק. דאַן האָט ער זיך גענומען אויסראָטען דאָס געצענדינערייַ, וואָס איז געוועזען איינגעוואָרצעלט אין לאַנד פון די פריהערדיגע יאָהרען, צוליעב דער נאַכלעסיגקייט אָדער זאָגאַר אַ דאַנק דער מיטווירקונג פון די פריהערדיגע מלכים. אַ גרויסע ירושה האָט אין דער הינזיכט איבערגעלאָזען דער פערשטאָרבענער אחז, וועלכער האָט ירושלים בעדעקט מיט אַ גאַנצען נעץ פון אַשורישע געצען און מזבחות און ליענדענבוימער און וועלכער האָט זאָגאַר דעם בית־המקדש פעראומרייניגט מיט פרעמדע אָבגעטער. יחזקיהו האָט דאָס אַלץ פערניכטעט; ער האָט אָבגערייניגט גאָט'ס הויז און בענייט דאָרטען דעם גאָטעס־דיענסט מיט קרבנות, מיט קטרת, מיט געזאַנג, מיט כלי־זמר און מיט דער גאַנצער הערליכער פייערקייט, ווי אין שלמה'ס און יהושפט'ס צייטען. אין זיין ענערגישער טהעטיגקייט איז ער נאָך ווייטער געגאַנגען: ער האָט געלאָזען אין גאַנצען לאַנד צוברעכען אַלע במות, וועלכע זענען זאָגאַר געווידמעט פאַר גאָט, כדי איין מאָל פאַר אַלע מאָל מעסט צו שטעלען דעם געטליכען איינציגען צענטר ביי'ם גאַנצען פאָלק. צוזאַמען מיט דאָס געצענדינערייַ האָט ער געוואָלט אויך אויסוואָרצלען די פערשיעדענע אָבערגלויבישע מיינונגען, וואָס האָבען געהערשט אין פאָלק; ער האָט זיך נישט אָבגעשטעלט זאָגאַר פאַר די, וועלכע זענען כלומר'שט פערהייליגט געוואָרען דורך דער פועל־דורות'דיגער טראַדיציע; אַזוי האָט ער אין ירושלים צובראָכען דעם קופערנעם שלאַנג, וועלכען די בני־ישראל זאָלען האָבען מיט זיך געבראַכט נאָך פון דעם מדבר און וועלכען משה אַליין זאָל האָבען געמאַכט, פאַר'ן פאָלק, כדי קוקענדיג אויף איהם, אויפ'ן שלאַנג — זיך צו ראַטעווען פון געוויסע מגפות.

כדי פון דאָסניי צוצו־ווענדען די הערצער פון פאָלק צו'ם צענטער, צו ירושלים, צום בית־המקדש, נאָכדעם, ווי דער פערבאַנד צווישען זיי איז אין די לעצטע דורות פיעל אָבגעשוואַכט געוואָרען; צוליעב דער געצענדינערייַ, כדי צו דערנעהנטערן דעם פאָלק צו זיין מלך, כדי צו פער-

איינציגען פעסטער די אַלע טיילען פון פאָלק צווישען אַנאַנדער, ווי אויך צו פערקניפּען די הערצער פון די ענטרונענע פון אפרים מיט זייערע איבעריגע ברידער פון יהודה, מיט דוד'ס דינאַסטיע, מיט דעם טראַדיציאָנעלען יה"ה — האָט יחזקיהו פערופען די אַלע איינוואָהנער פון אַלע עקען פון לאַנד יהודה, ווי די בירגער אַזוי אויך די ניי-אָנגעקומענע, אַלטע און יונגע, מענער און פרויען, קיין ירושלים צו פייערען דעם הייליגסטען נאַציאָנאַלען יום טוב, דעם חג-הפסח. די פייערונג האָט ער דורכגעפיהרט מיט דער גרעסטער הערליכקייט, וואָס עס האָט געמוזט אויפפלאַקערען די נשמה פון פאָלק, וועלכע איז געווען די לעצטע יאָהרען אַזוי פערזונקען אין פערצווייפלונג און ערניעדערונג! דער מלך האָט פון זיינע אייגענע אוצרות פיעל געלד מנדב געווען און זיך משתדל געווען מיט אַלעם מעגליכעם, אַז די פייערליכקייט זאָל זיין אַ פאָלקאָמע; דער בית-המקדש איז געווען פראַכטפאָל בעפּוצט, דער מזבח איז געווען בענייט, טויזענדער קרבנות זענען געבראַכט געוואָרען; די כהנים, אין זייער פולען שטאַט האָבען אָנגעפיהרט מיט דער גאַנצער אַרבייט און די לוים האָבען מיט די כלי-זמר געשפּיעלט; יחזקיהו האָט פערזענליך פאַרן פאָלק רעדעס געהאַלטען און די פערזאַמעלטע פון גאַנצען לאַנד האָבען זיך נישט געקאָנט גענוג אָנפרעהען מיט דער בענייאונג פון לאַנד, פון טראָהן, פון דער אמונה. דאָס בילד אין ירושלים איז געווען אַזוי ריהרענד, אַזוי בעצויבערענד, אַז די געטליכע משוררים און נביאים זענען צו דער העכסטער פּאָעטישער בעגייסטערונג געקומען און די ערהויבענסטע קאַפּיטלעך פון תהלים זענען דאַן געשאַפען געוואָרען. זיעבען טאָג האָט דער מלך און דאָס פאָלק און די כהנים און די לוים און די משוררים און די נביאים פערבראַכט צוזאַמען אין דער הייליגער שטאָדט ירושלים, אין בית-המקדש, און „די פרייד איז געווען אַזוי גרויס, אַז פון שלמה'ס צייט האָט אַזעלכעס אין ירושלים נישט פּאַסירט". דער רושם פון דער אַלגעמיינער פערזאַמלונג איז געווען אַזוי גרויס, אַז דאָס פאָלק, ווי נאָר די פייערונג אין ירושלים האָט זיך געענדיגט און יעדער האָט זיך צוריק צו זיין היים געקעהרט, האָט צובראָכען אַלע געטצענדינערישע מאָנומענטען, אַלע לינדען-בוימער, אַלע במות און אַלטאַרען אין אַלע שטעדט פון יהודה און אין דעם איבערגעבליבענעם טייל פון אפרים. די דאָזיגע רעסטאַווראַציע צייכענט זיך אַלזאָ אויס אין אַ געוויסער מאָס מיט דער מאַסען-איניציאַטיווע, מיט דער פרומער בעגייסטערונג פון פאָלק אַליין. יחזקיהו האָט אָבער מורא געהאַט דערפאַר, אַז די דאָזיגע גייסטיגע אויפמונטערונג זאָל ביים פאָלק נישט זיין אַ פערביי-

לויפיגע, ווי יעדער עפעקט-פראדוקט, און ווי יהושפט האט אמאל געטהאן, אזוי האט ער אויך בעשטימט א בעזונדערען קאלעגיום פון חכמים און סופרים, אונטער דעם נאמען יחזקיהו'ס לייט („אנשי־יחזקיהו"), וועלכע האבען דעם פאלק געמוזט לערנען, ערציהען און וועקען.

נאך דער רעליגיעזער בענייאונג איז יחזקיהו צוגעטראטען צו פערפעסטיגען דעם יודהי'שען חיל און אויפצובויען פון דאסניי די פעסטונגען, וועלכע זענען אין אחז'ס צייטען צושטערט געווארען דורך די פערשיעדענע פיינדליכע אנפאלען פון די ארומיגע פעלקער. אין יהודה איז דאן, וואהרשיינליך, צוגעקומען א גרויסער העלדישער עלעמענט פון די ענטרונענע פון אפרים, וועלכער האט אבגעפרישט די ארמעע פון יהודה; יחזקיהו'ן האט אויך די דאזיגע אונטערנעהמונג געלונגען. אין תנ"ך, אמת, געפינען זיך זעהר וועניג איינצעלהייטען וועגען די סטראטעגישע רעפארמען פון יענער צייט, נאר אויף וויפיעל זיי זענען געווען געראטען קאן מען זיך פארשטעלען דערפון, וואס יחזקיהו'ן האט זיך איינגעגעבען אין א געוויסער צייט ארום, נאכדעם ווי ער איז מלך געווארען, צו בעשטראפען די פלשתים פאר זייערע רויבערישע ארויסטריטען געגען יהודה אין דער צייט פון דעם פאריגען מלך; ער האט ביי זיי פיעל שטעדט אבגענומען, פיעל פעסטונגען חרוב געמאכט און געצוואונגען זיי פון דאסניי זיך אונטער צוגעבען דער הערשאפט פון יהודה. דער נצחון איבער די פלשתים האט שוין ממילא פאראליזירט די פיינדליכע טהעטיגקייט פון די איבריגע קלענערע שכנים, ווי אדום און ד. ג. דאן האט שוין יחזקיהו געהאט די דרייסטקייט א טראכט צו געבען וועגען דעם געפעהרליכען שונא פון יהודה. ער האט שוין גענומען זוכען פלענער, ווי צו בעפרייען דאס לאנד פון דעם אשור-יאך און מאכען אן ענדע מיט דער לעצטער ירושה פון זיין פאטער אחז. דעם מלך'ס געדאנקען האבען בעלד אונטערגעהאפט די הויפלייט, וועלכע עס האט געקרענקט די אונטערטהעניגקייט פון זייער פאלק און איבערהויפט די נביאים, ביי וועלכע די אבהענגיגקייט פון א געטצענדינערישען פאלק האט ארויסגערופען א שרעק פאר דעם גייסטיגען צושטאנד אין לאנד. ישעיהו הנביא האט אויף זיך גענומען די מיסיע, מיט זיין פייערדיגען ווארט אויפצומונטערן דאס פאלק און אריינגעבען איהם מוט און העלדענדרייסטקייט, אז עס זאל זיך בעשליעסען צו מאכען אזא געפעהרליכען שריט, וואס נאר די פארשטעלונג אליין פון איהם האט שוין געקאנט אנ'אימה ארויפווארפען אויפ'ן לאנד: די ארעמע יהודה, וועלכע איז נישט לאנג נאך געווען אזוי שוואך זאל וועלען זיך אויפהויבען געגען דער שטארקער אשור, וועלכע האט

שוין דאן כמעט די גאנצע פאדערשטע אזיען אין אירע הענד געהאלטען! ישעיה, לויט זיין אלגעמיינער וועלטאויפפאסונג, האט געגלויבט און געמוזט גלויבען אין דעם ערפאלג פון דער גרויסער אונטערנעהמונג: פאר איהם איז אשור געווען נאר אויף אזוי פיעל שרעקליך, אויף וויפיעל זי קאן זיך רעכענען פאר דעם בייטש פון גאט, וועלכער שטראפט די זינדיגע פעלקער; יהודה איז שוין אבער געווען גענוג אפגערייניגט פון די פריהערדיגע זינד און דאגעגען איז שוין די מאס פון אשור'ס אכזריות'ן איבערפילט געווען; דער פרינציפ פון אמת וואלט געמוזט אונטערברעכען זיך, ווען יהודה וואלט איצט אשור נישט בעזיעגען.

„אָ, אשור, די רוט פון מיין צארן, דער שטעקען אין זייערע הענד — דאס איז דאך מיין אויפרעגונג. אויף א זינדיגען פאלק שיק איך איהם אן, אויף דער אומה, וואס דערצערנט מיר, זאג איך איהם אן אוועקצונעהמען רויב, אנצומאכען חורבנות, צו צוטרעטען איהם, ווי דעם ליים אין די גאסען. ער מיינט אבער נישט אזוי און זיין הארץ טראכט גאר אנדערש; זיין געדאנקען איז צו פערטיליגען, צו פערניכטען וואס מעהר פעלקער! ער טראכט זיך: מיינע שרים זענען דאך אלע מלכים. איז דען ווי כרכמיש נישט געווען כלנו, איז דען ווי דמשק נישט געווארען שומרון?: האב איך דאך גענוג מאכט געהאט בייצוקומען די היידישע פעלקער מיט זייערע געטער — מיט וואס זשע זענען זיי ערגער פאר שומרון און ירושלים?! ווי איך האב געמאכט פון שומרון און אירע געטצען, וועל איך דען אזוי נישט קאנען מאכען פון ירושלים און אירע געטצען?: דרום זאגט גאט וועל איך אויפמאנען פון אשור פאר דעם שטאלץ פון זיין הארצען און פאר דער הויכקייט פון זיינע אויגען, ווען איך וועל ענדיגען מיין ארבייט אויפ'ן בארג ציון און אין ירושלים. — דערפאר וואס ער זאגט: מיט דער קראפט פון מיין האנד האב איך מיין רוהם געשאפען און נאר מיט מיין קלוגשאפט, ווייל איך בין זעהר פערשטענדיג, האב איך צושטערט די גרענעצען פון די לענדער, צובראכען זייער צוקונפט און ארויסגעשליידערט די גרויסקייט פון זייערע בעפעלקערונגען! מיין האנד איז אינגאנצען געווארען פאר צאהל-רייכע פעלקער און ווי מען קלייבט אין דער מדבר פערלאזענע פויגעל-אייער, אזוי האב איך אלע לענדער צונויפגעקליבען. און ס'האט קיין פליגעל נישט געוואגט א צאפעל צו טהון און עס האט קיינער נישט געוואגט א מויל צו עפענען און עס האט קיינער נישט געוואגט א פיפס צו טהון". — קען דען אבער די האק זיך בערימען געגען איהר העקער, קען זיך דען די זעג גרויסען געגען איהר זעגער?!...

די נבואה פון ישעיהו בן אמוץ האָט בעגײַסטערט דאָס לאַנד; דאָס פאָלק האָט אין זיך דערפיהלט אַ גרויסען שטראָם פון העלדענמוטה און עס האָט זיך נישט אָבגעשטעלט אויך דאַמאָלס זאָגאַר, ווען דער ערשטער טריט פון דער בעפרײַאונג האָט זיך אויסגעלאָזען זעהר טרויעריג: סנחריב דער מלך פון אשור האָט זיך בעצײַטענס דערוואוסט פון דעם צוגעגרייטען אויפשטאַנד און ער איז אונפערהאָפט בעפאַלען יהודה איידער נאָך זי איז געווען אײַנגאַנצען קריעגס-פעהיג; דער מלך יחזקיהו איז געווען געצוואונגען פון דאָסניי צו אַנערקאָנען די איבערמאַכט פון אשור און בעצאָהלען אַ גרויסע קאָנטריבוציע. ווי נאָר סנחריב האָט אָבער פערלאָזען דאָס לאַנד, האָט פון דאָסניי אויפגעלעבט אין פאָלק די האָפנונג צו בעפרײַען זיך פון דעם פרעמדען יאָך. יחזקיהו האָט זיך גענומען גרייטען ערנסט צו אַ מלחמה. ער האָט בעניים דעם מויער פון דער הויפטשטאָדט ירושלים; אויסגערופען אַ גרויסע מאָבילויזאַציע, אָנגעגרייט פיעל געוועהר, פיעל שפײַז און פיעל וואַסער אין אַלע בעפעסטיגטע שטעדט, פון אויסער די פעסטיגונגען אָבער האָט ער פערשאָטען אַלע טײַכען און אַלע קוואַלען, כדי דער שונא זאָל קיין וואַסער נישט האָבען. אויסער אין יהודה, האָט זיך אין די איבעריגע לענדער פון דער פאָדערשטער אַזיע, אויך אָנגעפאַנגען גראָד צו דער צײַט אַ בעוועגונג געגען אשור. די קלײַנע בבל האָט אָנגעהויבען דאַן גרויס צו ווערען אין האָט באַלד פערנומען דעם ערשטען פלאַץ אין דער דאָזיגער בעוועגונג; זי איז געקומען אין בעציהונגען מיט מצרים, וועלכע האָט דאָס מאָל ווירקליך געוואָלט העלפען די אונטערוואָרפענע פעלקער פון אַזיען, מורא האָבענדיג אַליין פאַר דער שטײַגענדער פאָליטישער בעדײַטונג פון אשור. אויף דעם באָדען פון דער דאָזיגער קאָאַליציע איז אין יהודה אויסגעבראָכען פון דאָסניי דער אַלטער פאַרטיי-קאָנפליקט. די הויפּלײַט האָבען אײַנגעפינען אַז דער גלײַכסטער וועג צו דער זעלבסט-בעפרײַאונג איז צוזושטעהען צו בבל מיט איהרע בונדענס-גענאָסען, כדי מיט פעראייניגטע כחות מלחמה צו האַלטען געגען דעם אַלגעמיינעם געפעהרליכען שונא; אָן דער שפּיץ פון דער דאָזיגער ריכטונג איז געשטאַנען דער קעניגליכער קאַנצלער שבנא; די נביאים האָבען אָבער נישט געוואָלט דערלאָזען צו קיינע פערבאַנדען מיט די אַרומיגע פעלקער און געראָטען דעם מלך, זעלבסטשטענדיג אַרויסצוטרעטען געגען אשור; אָן דער שפּיץ פון דער דאָזיגער פאַרטיי איז געשטאַנען דער אַלטער נביא ישעיהו בן אָמוץ. דער לעצטער האָט, אמת, נישט אָנגעוויזען אויף קיינע קאָנקרעטע מיטלען, וועלכע די קליינע יהודה דאַרף אָנגעהמען, כדי בײַצושטעהען געגען דער ריעזיגער אשור; ער האָט אָבער געגלויבט אין דער

קראפט פון גייסט, אין דעם פרינציפ פון צדק: ער דארף ניט קיין רייטיגע הילף, עס מוז א וואונדער געשעהן, ווען דער פרינציפ פון צדק דארף מנצח זיין: און ווען דער מלך יחזקיהו, נויגענדיג זיך אויף דער זייט פון דער הויף-פארטיי, האט אנגענומען די שליחים פון בבל און ארויסגעוויזען א גרויסע סימפאטיע צו זייערע פלענער, האט ישעיהו איהם שטרענגע פארווירפע געמאכט און איהם פארגעזאגט: „ס'וועלען אנקומען טעג און אלץ, וואס דו האסט אין דיין הויז צוגעזאמעלט און וואס דיינע עלטערען האבען אנגעזאמעלט ביז היינטיגען טאג, וועט אוועקגעטראגען ווערען קיין בבל, קיין זאך וועט דיר ניט איבערבלייבען; און דיינע קינדער וועלען אהין אוועקגענומען ווערען און פאר סריסים וועלען זיי מוזען דיענען אין פאלאץ פון מלך בבל"...

דערווייל איז אנגעקומען דער ענטשיידענער מאמענט. נאך איידער די אויפגעבונטעוועטע מלוכות האבען געקאנט בעוויזען זיך צונויפצורייידען, איז סנחריב דער מלך פון אשור פלינק, ווי א פייל פון בויגען, פון דאסניי אנגעפאלען אויף יהודה. דאס מאל, ווארשיינליך, איז איהם זיין אויפגאבע פיעל שווערער אנגעקומען, ווי דעם ערשטען מאל. אמת, די קליי-נערע גרעניץ-פעסטונגען האט ער איינגענומען איינע נאך די אנדערע אבער יחזקיהו האט איהם מיט זיין חיל ערווארטעט ביי די מויערען פון ירושלים און דארטען האט זיך געדארפט קאנצענטרירען דער שווער-פונקט פון דער מלחמה.

און ווען דער פיינד מיט זיין אונגעהויער גרויסער ארמע, מיט זיין פוס-חיל און פערד-חיל און מיט זיין שווערען און לייכטען וואפען איז אלץ נעהענטער צוגעטראגען צו דער הויפטשטאדט, האט דאך דאס פערהעלטניס-מעסיג קליינע פאלק ניט פערלארען זיין מוט. דער מלך אליין איז ארומגעפאהרען איבער די גאסען און געטרייסט און געמונטערט:

„שטארקט אייך און מוטהיגט אייך! שרעקט אייך ניט און פאלט ביי זיך ניט אראב פאר דעם מלך פון אשור און פאר דער גרעסערער מעניגע, וואס מיט איהם איז, — מיט אונז איז פיעל מעהר ווי מיט איהם! ער בעזיצט נאר די קערפערליכע קראפט, מיט אונז איז אבער אונזער אלמעכטיגער גאט יהוה, ער וועט אונז העלפען און ער וועט פאר אונז מלחמה האלטען!"

דער נביא ישעיה האט אויך דאן אין לאגער געפרעדיגט, אז ס'איז גע-קומען די צייט פון דער געטליכער נקמה:

„זייער טיראניי איז דאך שרייענד; די מלאכי-השלום וויינען דאך ביטערליך. וויסט זענען אלע וועגען, עס וואגט מעהר קיין וואנדערער צו געהן, צושטערט זענען די שטעדט, עס ווערט ניט געאכטעט קיין מענש,

באַרטפֿריערט, אונגליקליך איז דאָס לאַנד, פֿערשעמט, פֿערוועלקט איז דער לבנון, דער שרון איז אַ מדבר געוואָרען און דער כרמל איז ווי פֿער־שאָלטען. איצט שטעה איך אויף — זאָגט גאָט — איצט הויב איך זיך אויף, איצט וועל איך זיך אַ טראַגי טהון!...”

סנחריב האָט, ווי ס'שיינט, געוואָלט אויסמיידען די שווערע מלחמה, װאָס איהם איז אונטער ירושלים פֿאָרגעשטאַנען, און ער האָט געפּרובט פֿאַרלאַנגען דער בעפֿעלקערונג, זי זאָל זיך איהם אונטערגעבען מיט גוטען, ווייל, ענדליך, וועט זיך דאָך די מרידה ניט אײַנגעבען. איינעם פֿון זײַנע שרים, רבשקה, צוזאַמען מיט אַ גאַנצער סוויטע האָט ער געשיקט צו דעם היל פֿון ירושלים, וועלכער האָט געוואַכט די פֿעסטונגען, פֿאַרצוליינען זיי זיין לעצטע התראה. רבשקה האָט זיין שליחות ערפֿילט מיט דער גרעס־סער חוצפּה; ער האָט אויסגעלאַכט דעם יהודה'שען גאָט, אָבגעשפּאָט פֿון דעם געטליכען פֿאָלק און שטאַרק ערנידעריגט זיין מלך אין דער אַנ־וועזענהייט פֿון אַלע שרים און פֿון אַ גרויסער מאַסע יהודים, וועלכע האָ־בען זיך צונויפֿגעזאַמעלט הערען די רייד פֿון סנחריב; און ווען איינער פֿון די שרים האָט פֿאָרגעלעגט רבשקהן, ער זאָל ריידען צו זיי אַרמיש, נאָר ניט קיין יודיש, כדי דאָס פֿאָלק אַרום זאָל ניט הערען די שענדליכע ווערטער, האָט ער נאָך מעהר זיין מויל געעפֿענט און נאָך פֿיעל עזות'דיגער גערעדט:

„צו דיר און צו דיין האַרען דען האָט מיר מיין האַר געשיקט זאָגען די דאָזיגע ווערטער? צו די מענשען דאָך, וואָס זיצען אויפ'ן מויער און עסען זייערע אייגענע מיסט און טרינקען זייערע אייגענע פּליסיגקייט!... הערט די ווערטער פֿון דעם גרויסען מלך, דעם מלך פֿון אשור. אַזוי האָט געזאָגט דער מלך: זאָל אייך יחזקיהו ניט אײַנרעדען, ווייל ער וועט ניט קאָנען אייך ראַטעווען. און זאָל אייך חזקיהו ניט פֿערזיכערען אין גאָט, כלומרשט: גאָט וועט אונז העלפֿען, די שטאָדט וועט ניט איבערגעגעבען ווערען אין אשורים הענד! איהר זאָלט ניט הערען חזקיהו'ן, דען אַזוי האָט געזאָגט דער מלך פֿון אשור: זייט צו מיר העפֿליך, קומט אַרויס צו מיר, דאַן וועט איהר יעדערער עסען די פֿרוכט פֿון זיין וויינגאָרטען און די פֿרוכט פֿון זיין פֿייגענבוים און דאַן וועט איהר יעדערער טרינקען דאָס וואַסער פֿון זיין ברונען”. טאָמער זשע וועט אייך חזקיהו אײַנרעדען: „גאָט וועט אונז ראַטעווען” — וועלכע געטער פֿון וועלכע פֿעלקער האָבען זייערע לענדער געראַטעוועט פֿון די הענד פֿון מלך אשור? וואו זענען די געטער פֿון חמת? וואו זענען די געטער פֿון ארפּד? וואו זענען די געטער פֿון ספרוים? אָדער

ווארום האבען די געטער נישט געראטעוועט שומרון פון זיינע הענד? ווער פון די געטער האט זיין לאנד געראטעוועט, אז אייער גאט זאל קאנען ירושלים ראטעווען?!...

שרעקליך איז געוועזען דער רושם פון דעם דאזיגען שליח'ס רייד; די שרים האבען זייערע קליידער צוריסען; געגען דער קאלטער לאגיק האט זיך דער מלך פון יהודה אליין פערלוירען. ער האט זיך ארומגעזעהען, אז די פעראנטווארטליכקייט וואס ער האט אויף זיך גענומען בנוגע צו זיין פאלק איז ווירקליך אונגעהויער גרויס. נאך א ריהרענדער תפלה אין בית־המקדש, האט ער געשיקט זיינע דינער פרעגען ביים נביא ישעיהו זיין עצה. דער נביא האט געשיקט צו סנחריב'ן א דרייסטען ענטפער אין'ם נאמען פון גאט:

„עס האסט דיר, עס לאכט פון דיר די טאכטער פון ציון, עס שאקעלט איבער דיר מיט'ן קאפ די טאכטער פון ירושלים! וועמען האסטו געלעסטערט, וועמען האסטו געשענדעט, אויף וועמען האסטו דיין שטים אויפגעהויבען, אויף וועמען האסטו דיינע אויגען פערריסען? אויף דעם הייליגען פון ישראל?! דורך דיינע קנעכט האסטו געלעסטערט גאט און דו האסט געזאגט: „מיט מיינע פיעל רייטוועגען וועל איך אויף די העכסטע בערג שטייגען, איך וועל אויפ'ן לבנון ארויפקלעטערען, איך וועל זיינע העכסטע צעדערען אויסשניידען, זיינע בעסטע בוקסען אויסהאקען, איך וועל דערגרייכען ביז דער ענדע פון כרמל־וואלד, איך וועל גראבען און טרינקען וואסער, ווען איך וועל אויסטרעטען מיט מיינע פוס־באלען אלע וואסערען פון דער בעלאגערינגס־שטאדט!" דו האסט דאך געהערט, וואס איך האב פערצייטען געטהון און געשאפען — איך וועל דאס ווידערהוילען און וויסטע בערגלעך וועלען ווערען פון פערפעסטיגטע שטעדט, און זייערע איינוואהנער וועלען מאכטלאז ווערען, זיי וועלען צובראכען ווערען און פערשעמט ווערען, זיי וועלען פערוועלקט ווערען ווי די גראז פון פעלד, ווי גרינס אויפ'ן לאנקע, ווי שפראצונגען אויפ'ן דאך, ווי נישט דערוואקסענע זאנגען. דיין זיצען, דיין ארויסטרעטען, דיין אנקומען ווייס איך, מיר איז אויך בעוואוסט דיין אויפרעגונג אויף מיר. איך האב פערנומען דיין צארענען און דיין ליארעמען אויף מיר — דערפאר וועל איך דיר א רונג אין דיינע נאזלעכער אריינזעצען און א צוים וועל איך דיר אין דיינע ליפען אריינגעבען און איך וועל דיר צוריק פיהרען אויף דעם וועג, אויף וועלכען דו ביזט געקומען... דען אזוי האט גאט געזאגט וועגען מלך אשור: ער וועט אין דער שטאדט נישט אריינטרעטען, ער וועט אין איהר קיין פייל נישט ווארפען, איהר וועט קיין פאנציר בעגעגענען און קיין וואל וועט ארום איהר נישט געמאכט ווערען. מיט דער זעלבער

װעג, װאָס ער איז געקומען, װעט ער זיך אומקערן, נאָר אין שטאָט װעט ער נישט אַרײַנקומען — אַזױ זאָגט גאָט: איך װעל באַשיצן די דאָזיגע שטאָט איר צו העלפן פון מײַנעטװעגן און פון מײַן קנעכט דוד'ס װעגן..."

און עס איז װירקליך אַ װאונדער געשען, װי דער געטליכער נביא האָט געגלױבט. סנחריב האָט פּלוצלונג באַקומען אַ ידיעה, אַז תרהקה דער מלך פון מצרים (פון דער כושיטישער דינאַסטיע) קומט אָן מיט זײַן חיל פון הינטן. דער מלך פון אשור האָט באַלד געגעבן אַ באַפעל זײַן חיל צו געהן באַגעגענען דעם פײַנד. אין װעג איז די נאַכט אָנגעקומען און דער מלך מיט זײַן אַרמײַ האָט אין פעלד רוען זיך געלעגט און אויף מאָרגן האָט זיך אַרויסגעװיזן, אַז אין לאַגער זענען אַ מאַן הונדערט אַכציג טויזנט אויף אײביג אײַנגעשלאָפן געװאָרן! װאָס די אורזאַך איז געװען איז געבליבן אומבאַװוסט. אין תנ"ך װערט דערצײלט, אַז אַ מלאך פון גאָט האָט בײַ נאַכט אויף דער ערד אַראָפגענידערט און די מחנה פון אשור געפּלאָגט; די כראָניקער פון מצרים דערצײלן, אַז פעלד־מײַז זענען איבער נאַכט באַפאַלן דעם לאַגער און אויפגעפרעסן אַלע שפּײַזן, צו ביסן אַלע בויגנס, די גאַנצע קלײדונג און שוכונג. אַלענפאַלס איז עס אַ גענויער פאַקט, אַז סנחריב האָט פּלוצלונג אַלײן געװאָרפן דעם שלאַכטפעלד און האָט זיך צוריק װאָס ס'איז געראַטעװעט אין זײַן לאַנד אשור, אין זײַן הויפטשטאָט נינוה, נאָר דאָרטן האָט אים ערװאַרטעט דער טויט: זײַנע בײדע זין האָבן געגען אים אַ פערשװערונג צוזאַמענגעשטעלט און האָבן אים אַװעקגעהרג'עט, װען ער האָט זיך געבוקט פאַר זײַן אָבגאָט אין זײַן טעמפּעל.

די אונגאַטירליכע ישועה, װאָס איז אויפ'ן לאַנד געקומען, האָט אַרויסגערופן אַ אײַנערדליכע פרײד צװישן פאָלק; די משוררים האָבן עס באַזונגען אין זײערע פײַערליכע תהלות; די לויים האָבן איבער דעם גאָט געלויבט אין בית־המקדש. די באַדײַטונג פון דעם נס איז געװען נישט נאָר אַ פּאָליטישע, נאָר אויך אַן עקאָנאָמישע און איבערהויפּט אַ רעליגיעזע. נישט נאָר זעלבסטשטענדיג איז יהודה געװאָרן אַ דאַנק סנחריב'ס מפּלה, נאָר זי האָט זיך פון דאָסנײַ גענומען ענטװיקלען אויך עקאָנאָמיש. די פאָדערשטע אַזיען איז פרײַ געװאָרן פון איהר באַדריקער, דאָרטן האָט, װי אַמאָל, אויפגעבליהט דער האַנדעל, אין װעלכען יהודה האָט פערנומען זעהר אַן אָנגעזעהענעם פּלאַץ.

די אַנדערע העלפט פון יחזקיהו'ס הערשונג איבערן לאַנד, נאָך דער

באפרייאונג פון אשור'ס יאך, האט זיך אויסגעצייכנט מיט איהר אינגעוועהנליכער גערעטעניש און גאטס-בענשונג אין לאנד. דער איבערפלוס פון תבואה און ווין און בוימאייל איז אויסגעביטען געווארען אין די ארומיגע לענדער אויף גאלד און אויף זילבער. יהודה האט פון דאסניי גענומען וואקסען און איז ווידער רייך און מעכטיג געווארען. די פערשטויסענע קינדער איהרע, וואס פאר די גרויסע מהומות אין אחז'ס צייטען, זענען זיי נאך פערטריבען און פערוואגעלט געווארען אין די ווייטסטע געגענדען, אין אשור, אין מצרים, אין כוש און אז. וו., האבען זיך גענומען בישלעכוויי קעהרען צוריק אין זייער היילינען לאנד. זאגאר די פערטריבענע פון אפרים האבען זיך פון זייערע גלות-לענדער געצויגען קיין ירושלים. ציון איז געווארען אנערקאנט פאר דער אלגעמיינער הויפט-שטאדט פון אלע איבערגעבליבענע ישראלים אין זייערע אלע לענדער, דער בית-המקדש — פאר א אלגעמיינעם היילינטהום, יהוה פאר דעם אלגעמיינעם גאט און יחזקיהו פאר'ן אלגעמיינעם מלך!...

און נישט נאר אין עקאנאמישער און פאליטישער הינזיכט — דער דאזיגער פעריאד האט זיך געקאנט רעכענען אלס דער גליקליכסטער פאר דעם רעשט פון ישראל אויך אין דעם קולטור-גייסטיגען זין. דאס, וואס די מפלה פון אשור איז פאראויס געזאגט געווארען דורך ישעיה בן-אמוץ און נישט אלס נס, נאר אלס געזעץ פון צדק, האט דעם פאלק נאך פעסטער, ווי פריהער, צוזאמענגעבונדען מיט די נביאים און מיט זייער לעהרע. דאס טראדיציאנעל-פרומע געפיהל דרינגט אלץ טיעפער אריין אין הארצען פון די יהודים און דער פאלקס-גייסט האט דאן דערגרייכט די העכסטע מדרגה פון זיין ענטוויקלונג, די העכסטע — ווייטער האט ער שוין נישט געקאנט געהן. דאס איז געווען א פעריאד פון זאמלען און שאפען. פון איין זייט האבען די „חזקיה-לייט", לעהרנענדיג דאס פאלק, צוזאמענגעשטעלט און סיסטעמאטיזירט אלץ, וואס איז ביים פאלק געשאפען געווארען ביז יענער צייט; דאס זענען געווען געוויסע טיילען פון דער „תורה", געוויסע טיילען פון „תהלים", געוויסע טיילען פון „משלי" און ד. ג. ספרים, וועלכע די לויים אין יהושפט'ס צייטען האבען שוין געהאט אנגעהויבען צו זאמלען און נאר צוליעב די געשעהענע מהומות האבען זיי געמוזט איבעררייסען זייער טהעטיגקייט. די אלע ספרים זענען געווארען אזוי וואונדערבאר דייטליך צוזאמענגעשטעלט, אז זייער ציעל — צו לערנען דעם מענשען ליעב האבען דאס גוטס און האסען דאס בייזע, פירכטען זיך פאר גאט און געהן אין זיינע וועגען — איז ארויסגעקומען העכסט בולט. די „חזקיה-לייט"

זאלען אויך האבען אנגעהויבען צו פערשרייבען די אלגעמיינע געשיכטע פון זייער פאלק, און אויך דא האט זיך ארויסגעוויזען זייער גרונד-טענדענץ: יעדער פאליטישער און עקאנאמישער מאמענט אין היסטארישען לעבען פון פאלק איז שטארק פערבונדען מיט זיין רעליגיעזען און מאראלישען צושטאנד צו יענער צייט. יעדער פעריאד פון פאלקס-גליק בעצייכענט מיט זיך די פרומקייט און די גאטספארכטיגקייט פון פאלק; יעדער פעריאד פון פאלקס-אונגליק בעווייזט, אז דאס פאלק איז פערדארבען און זינדיג געוועזען.

דער נאציאנאלער געדאנק איז אבער נישט פערגליווערט געווארען און האט זיך נישט בעגרענעצט בלויז מיט די געזאמעלטע שעפּונגען פון די פערגאנגענע יאהרען. ישעיהו הנביא און זיינע אנהענגער — וועלכע האבען דאן צווישען פאלק בעקומען דעם טיטול „ענוים" — האבען דעם געדאנק פארטגעזעצט ווייטער, איהם טיעפער געמאכט, פערברייטערט און דייטליך בעצייכענט דאס, וואס די פאריגע דורות האבען געהאט דערפון נאר א פערנעבעלטען בעגריף. אין יענער צייט פון מנשה און פריהערען, וועלכע איז אנגעקומען אין לאנד, האט ישעיהו הנביא געווארפען זיינע בליקען פיעל ווייטער אויסער די גרענעצען פון יהודה. מיט זיין געטליכען ווארט ווענדעט ער זיך צו אלע פעלקער, וועלכע זענען געוועזען מעהר אדער ווייניגער בעקאנט צו יענער צייט אין דער פאדערשטער אזיען. ער שטרעבט צו מאכען די נבואה — אלמענשליך; ער שטראפט צור און אשור און פלשתים און מואב און ארם און מצרים. ער וויל דעם גאט פון ישראל מאכען פאר דעם גאט פון דער מענשהייט, דעם מאראל פון ישראל פאר דעם מאראל פון דער גאנצער מענשהייט. דערמיט מיינט ער נישט אויסצונעהמען פון ישראל זיינע אייגענשאפטען און עס שיינקען דער מענשהייט. נאר ער וויל דער מענשהייט פיהרען צו ישראל, ער וויל דאס געטליכע פאר וויי דאס געטליכע ווארט אוניווערסאל מאכען, אלמענשליך מאכען. און אויף וויפיעל ער שטרעבט צו דערהויבען יעדען פאלק צו דאס געטליכע און גערעכטע, אויף אזוי פיעל איז ער נישט-נאציאנאליסטיש. די אלמענשליכע און וואונדערשענע פאעמע „יונה" איז זיכער געשאפען געווארען אין יענער צייט, אין דער צייט פון די ענוים. גאט שיקט דעם נביא יונה קיין נינוה, די הויפטשטאדט פון אשור, איהר מתרה צו זיין, אז די מאס פון איהרע זינד איז שוין פערפולט און אויב זי וועט נישט תשובה טהון, וועט זי אין פערציג טעג ארום חרוב ווערען. נינוה איז דער שרעקליכסטער שונא פון ירושלים און דער נביא, אלס היסער נאציאנאליסט, וויל נישט ראטעווען נינוה; דאן אנטלויפט ער פון גאט אויף א שיף: פאר גאט איז אבער

קיין בעהעלטעניש נישטא, און ער שיקט נאך א ווינד נאכצויאגען די שיף, אויף וועלכער יונה פאהרט צוזאמען מיט פיעל אנדערע רייזענדער. דער ווינד ברויזט אויף דעם ים און די שיף איז אין געפאהר; יונה פערשטעהט, אז דאס יאגט איהם גאט נאך, וויל ער נישט אז אונשולדיגע מענשען זאלען צוליעב איהם ליידען, בעט ער, אז מען זאל איהם אריינווארפען אין ים; ווערט די שיף געראטעוועט ווערען און ער ווערט פון זיין שליחות אויך לייז ווערען. געפינט איהם גאט אויך אינ'ם אבגרונד פון ים. א וואלפיש שלינגט איין יונה'ן און ער לעבט ביי איהם אין בויך דריי טעג מיט דריי נעכט. ענדליך זעהט ער, אז געגען גאט איז קיין מיטעל נישטא און ער איז מתפלל; שפייט איהם דער פיש ארויס אויף דער יבשה. דאן קומט ער אין נינוה צו ערפילען גאט'ס שליחות: דריי טעג און דריי נעכט געהט ער ארום אין שטאדט און רופט: „אין נאך פערציג טעג ווערט נינוה אומגעקעהרט!“ די התראה האט געהאט אנ'אונגעהויערע ווירקונג: קליינע קינדער האבען געפאסט, דער מלך אליין האט א זאק אויפ'ן לייב אנגעטהון, די בהמות האבען זיך אין פעלד נישט געפיטערט. די חרטה פון דער זינדיגער נינוה איז ווירקליך אנגענומען געווארען פאר גאט און ער האט זיין גזירה מבטל געווען. דאן האט דער נביא געבעטען זיך ביי גאט: „מיר איז בעסער דער טויט אלס דאס לעבען!“ דערווייל האט ער פערלאזען די שטאדט. אין פעלד האט די זון זעהר געברענט און ארום איז קיין שאטען נישט געווען וואו זיך צו בעהאלטען. האט גאט געלאזט אויסוואקסען פליצלינג א ברייטען בלאט, אונטער וועלכען יונה האט זיך געקאנט פון דער היץ בעשיצען. יונה האט זיך זעהר געפרעהט מיט דעם וואונדער. אויף מארגען האט אבער א ווארעם אויפגעפרעסען דעם בלאט און ער איז פערדארט געווארען. דער נביא איז ווידער געבליבען שוץ-לאז און האט זיך פון דאסניי געבעטען ביי גאט: „מיר איז בעסער דער טויט אלס דאס לעבען!“ — דאן האט איהם גאט געזאגט: „דיר פארדריסט פאר דעם בלאט, וואס נישט דו האסט זיך איבער איהם געמיהט, נישט דו האסט איהם אויסגעהאדעוועט, וועלכער איז איבערנאכט געבוירען געווארען און איבערנאכט פערלוירען געגאנגען, ווי זשע זאל מיך נישט פערדריסען אויף אזא גרויסער שטאדט, ווי נינוה, אין וועלכער עס געפינען זיך מעהר פון צוועלף רבוא מענשען, וועלכען וויסען נישט פון רעכטס ביז לינקס און אזוי פיעל אונשולדיגע בהמות“.

קלינגען דען נישט אין דער דאזיגער פאעמא די שטארקסטע אקארדען פון מענשען-ליעבע? צוליעב די אינטערעסען פון צדק מוזען פערשטומט

הערען נישט נאָר די געפיהלען פון אייגען־נוץ, נאָר זאָגאַר אויך די נאַציאָנאַלע ליעבע. און ווען ישעיהו האָט זיך געקאָנט בעפרייען פון דער געגענווערטיגער צייט און זיך איבערטראָגען אין דער וויטער צוקונפט, האָט ער געחלומ'ט וועגען דעם גרעסטען גליק, צו וועלכען די מענשהייט קען נאָר צוקומען, ווען דער אַלגעמיינע מענשען־ליעבע, צו וועלכער די היסטאָריע שטרעבט שוין אַזוי פיעל דורות און קאָן עס נאָך אַלץ נישט דערגרייכען. דאָן האָט ער געזעהן אין זיין פאָלק אַנ'אַלוועלטליכען פאָלק און אין זיין הייליגען לאַנד — אַנ'אַלוועלטליך לאַנד און אין זיין געטליכען צענטער — אַנ'אַלוועלטליכען געטליכען צענטער — דאָס אַלץ וועט ווערען די אַלגעמיינע איינענטום פון דער מענשהייט און דאָס אַלץ וועט פיהרען צום אַלגעמיינעם גליק פון דער מענשהייט:

„עס וועלען קומען טעג, ווען דער הייליגער באַרג פון גאָט'ס הויז וועט שטעהן פעסט אָן דער שפיץ פון די אַלע איבעריגע בערג און ער וועט דערהויבען ווערען איבער אַלע הויכקייטען און עס וועלען אַלע פעלקער צו איהם שטרעבען. פיעל נאַציאָנען וועלען געהן און וועלען זאָגען: לאָמיר געהען און לאָמיר שטייגען אויף דעם געטליכען באַרג, צו דעם הויז פון יעקב'ס גאָט, זאָל ער אונז לערנען וועלען מיר געהען אין זיינע וועגען" — ווייל פון ציון וועט תורה אַרויסגעהן און פון ירושלים — גאָט'ס וואָרט. און ער וועט משפט'ען צווישען די פעלקער און ער וועט איבערצייגען פיעל אומות, וועלען זיי ציבּרעכען זייערע שווערדען אויף אַקער־אייזענס און זייערע שפּיזען אויף שנײַדמעסערס און קיין מלחמות וועלען מעהר נישט געפיהרט ווערען!"...

און וואָס טיעפער ישעיה'ס גייסט האָט געקלערט וועגען דער צוקונפט פון דער צדק־מלוכה, אין וועלכער עס וועל'ן הערשען נאָר אמת און ליעבע אַליין מעהר האָט זיין געטליך־בעגייסטערטע פאַנטאַזיע קיינע מעגליכע און אומעגליכע גרענעצען נישט אָנערקענט. נישט נאָר צווישען די מענשען און צווישען די פעלקער וועט די פיינדשאַפט און אונרעכט אויסגעוואָרצעלט ווערען, נאָר זאָגאַר די חיות און די בהמות, וועלען געמילדערט ווערען:

„און עס וועט וואָהנען דער וואָלף צוזאַמען מיט'ן שעפס און דער לעמפערט וועט ליעגען צוזאַמען מיט דער ציעג און אַ קאַלב און אַן אָנאָקס און אַ טיגער וועלען צוזאַמען זיין און אַ קליין קינד וועט זיי פיהרען. און אַ קוה און אַ בער וועלען צוזאַמען זיך פיטערען און צוזאַמען קינדער האָדעווען און דער לייב וועט, ווי די רינד, קייען היי... זיי וועלען קיין שלעכט'ס נישט טהון און זיי וועלען קיין שאָדען נישט מאַכען אויף מיין

הייליגען בארג, ווייל די גאנצע ערד וועט פול ווערען מיט געטליכען כע־וואוסטזיין, ווי דאס וואסער פילט אן דעם ים!"...

פאר דעם נביא איז אבער זאגאר דאס דאזיגע וואונדערליכע בילד אויך וועניג געווען. איהם האט געקרייגקט נישט נאר פאר דאס באליידיגענדע און באליידיגטע אין דער מענשען־וועלט, נאר זאגאר פאר דאסבאליידיגענדע און באליידיגטע צווישען די בעוואוסטלאזע בעשעפענישען; איהם האט געוועהטאגט דאס הארץ נישט נאר פאר'ן חי און מדבר, נאר אויך פאר'ן צומח און דומם. דער פרינציפ פון צדק ווערט געשטערט נישט נאר דורך די בעשעפענישען, נאר זאגאר דורך דער נאטור אליין. דער קעמפפער פאר אמת קאן די דאזיגע עולה נישט ליידען און ער פאדערט זאגאר פון דעם בעשעפער א גלייכע בעציהונג צו אלע זיינע שעפפונגען אין יעדער הינזיכט, און ער מאלט די צוקונפט מיט פאלגענדע פארבען:

„עס וועלען זעהענדיג ווערען די אויגען פון די בלינדע און עס העלען הערענדיג ווערען די אויערען פון די טויבע. עס וועט דער הינקעדיגער שפרינגען ווי דער הירש, און די שטומע צונג וועט זינגען, ווייל זאגאר אין דער מדבר וועט זיך וואסער געפינען און טייכען וועלען פליסען אין דער וויסטע; אין לאנקעס וועלען פערוואנדעלט ווערען די פון דער זון אויסגעברענטע פלעצער און דארט, וואו איצט הערשט דער דורשט, וועלען קוואלען זיך גיסען..."

דעם אידעאל פון צדק האט אלזא דער גייסט פון ישראל שוין אין יתוקידו'ס צייט ענטוויקעלט ביז דעם העכסטען גראד. ישעיהו האט גע־גלויבט, אז זיין אידעאל מוז סוף כל סוף פערווירקליכט ווערען, ווארום אויב נישט פערליערט די גאנצע בריאה איהר אינהאלט. די דאזיגע מיסיע אבער מוז דורכגעפיהרט ווערען דורך דאס געטליכע פאלק ישראל, דורך זיין מלך, דורך דעם געטליך געזאלבטען (משיח), וועלכער מוז ענדליך ארויסשפראצען פון דוד'ס בוים. „אויף איהם וועט רוהען דער גייסט פון גאט, דער גייסט פון קלוגשאפט, דער גייסט פון פערשטאנד, דער גייסט פון העלדענמוט, דער גייסט פון וויסענשאפט און גאטספארכטיגקייט". דער דאזיגער געזאלבטער פון גאט וועט בעהערשען די גאנצע נאטור און ערהויבען זי ביז צו דער מדרגה פון דעם ווירקליכען געטליכען בעוואוסטזיין, ביז דעם צדק, און דורכדעם וועט ער אראפברייינגען אויף דער וועלט דעם אמת'ען, ערהארטעטען גליק. אויף אזא אופן האט ישעיהו געלייגט דעם פונדאמענט, אויף וועלכען ס'האט זיך שפעטער אויפגעבויט די גרויסע אל־מענשליכע שטרעבונג צו אן'אויסערוועהלטען פון גאט, צו א געזאלבטען

ערליזער, צו א משיח! דערמיט האט דאס געטליכע פאלק פערענדיגט און פערפאלקאמט זיין גרויסע מתנה, וועלכע ער האט דער מענשהייט געשענקט, און איבער וועלכער עס האבען געארבייט זיינע גרעסטע גייסטער: פון משה דוד און שלמה, ביז עמוס און ישעיהו בן אמוץ!...

די גרויסע אנשטריינגונג פון דעם נאציאנאלען שעפפינגס־גייסט אויף די געביטען פון דער פאליטיק, פון דער עקאנאמיע און פון דער פילאזאפיע, פאר יחזקיהו'ס צייט האט געדארפט ברינגען דאס פאלק צו א מידעקייט און ארויסרופען אין א געוויסער מאס א רעאקציע. די בעדינגונגען נאך יחזקיהו'ס טוידט האבען אבער אנגענומען אזא ווענדונג, אז די רעאקציע איז געווארען א סך א שרעקליכערע, ווי מ'האט זיך געקאנט פארשטעלען. דעם טראהן האט געירשענט דער צוועלף־יעהריגער זוהן מנשה (640—695); צוליעב זיין אונמינדיגקייט האבען ווייטער די שרים בעקומען אין זייערע הענד די גאנצע הנהגה אין לאנד. זיי האבען זיך, ווי געוועהנליך, געזארגט איבערהויפט פאר די אייגענע נוצען און פאר די נוצען פון זייער שטאנד און האבען זיך פיינדליך בעצויגען צו די רעפארמען פון פערשטארבענעם יחזקיהו. צו זיי זענען, ווי סווייזט אויס, צוגעשטאנען אויך די אלע יועצים פון מלך אחז און זיינע פאמיליאנטען, וועלכע האבען פאר דעם פאריגען מלך פערלוירען זייער בעדייטונג צוליעב דער אגיטאציע פון די נביאים. אין די „הויכע ספערען" האט פון דאס־ניי אנגעהויבען צו הערשען דאס אלטע וארגלאז־פערשווענדערישע לעבען, וועלכעס איז געגען די בעגריפען פון דער נבואה און אין דעם גרונד פון וועלכען עס ליעגט די שטרעבונג צו רייכקייט און לוקסוס, געשטיצט אויף אונרעכט, געוואלט־טהאטען און בעטרוג. און וויעדער האט מען געמוזט דעם נאציאנאלען יהוה אראבשליידערען פון פיעדעסטאל, כדי זיין אנדענקען זאל נישט פלאגען דעם געוויסען פאר די בייזע מעשים. — דאס געצענדינעריי איז וויעדער אריין אין דער מאדע! אין דעם דאזיגען פערדארבענעם גייסט האבען די שרים ערצויגען דעם פאלק און אויך דעם יונגען מלך מנשה.

און פארגעקומען איז עס דאן אזוי, אז זאגאר די אלגעמיינע פאליטיק איז געווען זעהר גינסטיג פאר די פערדעטערישע שטרעבונגען פון די הערשענדע קלאסען. אשור, וועלכע האט, נאך דער מפלה פון סנחריב'ס חיל א געוויסע צייט יהודה נישט בעאונרוהיגט, האט פון דאסניי אנגעהויבען צו שיקען מחנות סאלדאטען געגען די ארומיגע לענדער, נאכ־

דעם ווי אסרחדון, סנחריב'ס זוהן, איז מלך געוואָרען. ער האָט דורכגע־מאַכט זעהר אַ געלונגענע מלחמה געגען מצרים און האָט איהר אין אַ געוויסער מאָס געמאַכט אָבהענגיג אַן זיך. די לעצטע שטיצע פון די מלוכות אין דער פאָדערשטער אַזיען, וועלכע פלעגען שטענדיג האָפען אויף מצרים, אַז זי וועט זיי, צוליעב איהרע אינטערעסען, העלפען אין קאַמפף מיט דעם אַשור'ישען אַפּעטיט, — איז אויף אַזאַ אופן צו נישט געוואָרען, און זיי האָבען אַלע ווידער געמוזט פערוואַנדעלט ווערען אין אונטערגעוואָרפענע פּראָווינצען פון דער גרויסער נינוה־מלוכה.

דער זעלביגער גורל איז פּאָרגעשטאַנען אויך יהודה. זי איז, נאָך אַ געוויסער הפסקה, ווייטער אונטערגעפאַלען — אין מנשה'ס צייטען — אונטער דער ווירקונג פון אַשור. די ווירקונג איז אפשר נישט געווען אַזוי שרעקליך אין פּאָליטישען זין, ווי אינם רעליגיעזען און עטישען. די שרים האָבען געפונען פאַר נויטיג נאָכצוטהון אין דעם גייסטיגען לעבען פון לאַנד אַלץ, וואָס איז געטהון געוואָרען אין אַשור. די אַשור'ישע געטער זענען אַריינגעבראַכט געוואָרען אין יהודה, ווי אין די צייטען פון אחז; פאַר זיי זענען טעמפּלען געבויט און אַלטאַרען געשטעלט געוואָרען. אויף דעם אַשור'ישען שטייגער, זענען בכלל פערגעטערט געוואָרען די פּלאַנעטען, די זון, די לבנה און די שטערען. ווען מנשה איז עלטער געוואָרען און ער האָט איבערגענומען די הנהגה פונ'ם לאַנד אין די אייגענע הענד, איז ער נאָך אין דער דאָזיגער ריכטונג געגאַנגען פיעל ווייטער און דרייסטער. ער האָט דאָס געצענדינערײַ אין לאַנד נישט נאָר ערלויבט, נאָר אויך איינגעפיהרט עס אַלס פּליכט. ער האָט זיך אַרויסגעוויזען פאַר אַ פאַנאַטישען געצענדינער און האָט פערפיהרט דעם פאָלק נישט בלויז פון זיינע אייגענע וועגען. אין אַלע זיינע מעשים זעהט זיך אַ לײַדענשאַפטליכע גאָט־זוכעניש און אינגאַנצען מאַכט ער דעם איינדריק פון אַ רעליגיעזען רעוואָ־לוציאָנער, וועלכער האָט זיך נישט געוואָלט אונטערגעבען דער שטרענגער אמונה פון די נביאים. אינ'ם בית־המקדש גופא האָט ער אויפגעשטעלט דעם אָבגאָט פון דער זון און פאַר איהם אַ באַזונדערען מזבח געבויט, אויף וועלכען די כהנים האָבען געמוזט קרבנות מקריב זיין. זיין אַרויס־טרעטען געגען דעם נאַציאָנעלען יהוה צייכענט זיך אויס מיט אַ ווילדער פערביסענקייט; ער האָט סאַנקציאָנירט אַלץ, געגען וואָס דער יהוה'איזם האָט גאַנצע דורות געקעמפפט און וואָס ס'איז אינגאַנצען פרעמד גע־ווען דעם נאַציאָנאַל־יודישען גייסט. ער האָט מקריב געווען מענשען־קרבנות פאַר די פּלאַנעטען, זיין אייגענעם זוהן האָט ער אין דעם היליגען פייער

פערברענט, ער האָט אין לאַנד פון דאָסניי איינגעפירט דאָס צויבעריי; אין דעם אַלעמען זעהט זיך קלאָר די איינציגע שטרעבונג: אַ קאַמף פאַר דאָס ערדישע און קאָנקרעטע געגען דאָס גייסטיגע און אַבסטראַקטע.

עס פערשטעהט זיך, אַז פון דער זייט פון די שרים אין הויפלייט האָט דער מלך בעגעגענט בלויז מיטגעפיהל; כאַראַקטעריסטיש איז אָבער דאָס, וואָס אַפילו די אָפיציעלע גייסטליכע אין לאַנד, די כהנים, האָבען זיך וואָס ווייטער אַלץ מעהר צוגעוואָהנט צו דער נייער לאַגע און דאָבען זיך אויך גענומען זאָרגען נאָר דערפאַר: ווי בעסער אויסניצען פאַר זיך זייער הייליגע דיענסט. צוליעב די נייע געצענדינערישע בעגריפען, איז דאָס קרבנות־ברייננגען נאָך פיעל פערגרעסערט געוואָרען און צוזאַמען דערמיט איז געוואַקסען אויך די זינדיגקייט פון המון. זינדיגען און אויסקויפען זיך דורך קרבנות — דאָס איז געווען זעהר פערשטענדליך פאַר די ניע־דעריגע פאָלקס־מאַסען. און וואָס מעהר געטער עס זענען צוגעקומען אין לאַנד אַלץ מעהר מזבחות זענען געשטעלט געוואָרען אויף יעדען באַרג, אין יעדען טהאָל. די געטער־בעדיענונג איז אָבער אַלץ געבליבען די איינציגע פריוולעגיע פון די כהנים; אַפילו אין טהאָל הנום ביי ירושלים (גי־הנום), וואו עס איז געשטאַנען דער ספעציעלער מזבח פאַר מענשען־קרבנות, האָבען אויך די כהנים בעדיענט. די איינציגע קעמפפער פאַר דעם נאַציאָנאַלען גייסט געגען דער פערדעמונג פון מלך, זענען ווידער, ווי אַמאָל, געבליבען די נביאים. זיי האָבען נישט אויפגעהערט מלחמה צו האַלטען מיט דאָס געטליכע וואָרט געגען מנשה, וועלכען זיי האָבען גע־רופען דער „אַחאָב פון יהודה" און אונערמידליך פלעגען זיי איהם און דאָס פערפיהרטע פאָלק מתרה זיין אינ'ם נאָמען פון גאָט:

„דערפאַר, וואָס מנשה דער מלך פון יהודה האָט געטהון די אַלע נידערטרעכטיגקייטען, דערפאַר וואָס ער האָט פיעל מעהר געזינדיגט, ווי די אמורים פאַרצייטען און האָט נאָך גאַנץ יהודה פערפיהרט מיט זיינע געצען — דערפאַר האָט גאָט דער אַלמעכטיגער פון ישראל אַזוי געזאָגט: איך ברייננג אַזאַ אונגליק אויף ירושלים און אויף יהודה, אַז ווער עס וועט דאָס הערען וועלען איהם זיינע אויערען פערקלינגען! איך וועל ירושלים מעסטען מיט דער מאָס פון שומרון און וועגען מיט דעם וואָג פון אַחאָב'ס הויז און איך וועל אויסמעקען ירושלים — אויסמעקען און אָפקעהרען. די איבערגעבליבענע פון מיין פאָלק וועל איך פערלאָזען, אין די הענד פון זייערע פיינד וועל איך זיי איבערגעבען, זיי וועלען צורויבט ווערען און צוטראָטען ווערען, דערפאַר וואָס זיי האָבען געטהון אַלץ, וואָס

שלעכט איז אין מיינע אויגען — — —"

דער אַחאָב פון יהודה האָט אָבער געהאַנדעלט ווי איזבל. מ'זאָגט אַז ער האָט עבודה-זרה איבערגעפֿירט אין...

דער אַחאָב פון יהודה האָט אָבער געהאַנדעלט ווי איזבל. מ'מ'ן שווערד איז ער אַרויס געגען גאָט'ס וואָרט. די נביאים האָט ער מאַסענווייז אויסגעהרג'עט און צוזאַמען מיט זיי האָבען מ'מ'ן לעבען בעצאָהלט די אַלע טריישע אָנהענגער זייערע. ווי איין לעגענדע דערצעהלט, איז אויך דער אַלטער-אַלטער נביא ישעיה, וועלכער זאָל זאָגאַר זיין זיידע זיין פון דער מיטער'ס זייט, געפאַלען טויט דורך זיין האַנד. אין תנ"ך ווערט געזאָגט, אַז מנשה האָט פערטרונקען גאַנץ ירושלים אין אונשולדיג-פערגאָסענעם בלוט. דאָס איז גאַנץ פערשטענדליך, נעהמענדיג אין בעטראַכט דעם האַס און דעם ווידערשטאַנד, וואָס זיינע זינדיגע מעשים האָבען געדאַרפט אַרויסרופען ביי דעם גרעסטען פרומען טייל פון פאָלק, ביי וועלכע עס האָבען נאָך פריש געלעבט די טראַדיציעס פון דעם פרומען יחזקיהו און זיין גאָלדענער גאָטספאָרכטיגער עפּאָכע.

צום גרויסען אונגליק פאַר'ן לאַנד און פאַר דאָס פאָלק איז מנשה'ס ממשלה געווען זעהר אַ דויערהאַפטיגע. העכער פופציג יאָהר איז ער אויפ'ן טראָן געזעסען און מיט אַכזריות געשטיקט דעם נאַציאָנאַלען גייסט. ווי ס'שיינט, האָט ער זיך שטאַרק געזאָרגט דערפאַר, אַז די אמונה פון יהוה זאָל אינגאַנצען אויסגעוואָרצעלט ווערען פון פאָלק און די נאַציאָנאַלע מסורות זאָלען פערגעסען ווערען. טויטענדיג די געטליכע נביאים האָט ער אויך פערניכטעט די הייליגע ספרים, וואָס זענען שוין ביז זיין צייט געווען מעהר אָדער ווייניגער צוזאַמענגעשטעלט און פערשריבען. איבערהויפט האָט ער פערפאָלגט די תורה פון משה, וועלכע האָט זיך, צוליעב דער שווערינקייט פון שריפט אין יענער צייט געקאָנט איינגעפינען גאָר אין אַ בעגרענעצטער צאָהל עקזעמפּליאַרען, הויפטזעכליך ביי די כהנים אין בית-המקדש. און זיין ציעל האָט מנשה ווירקליך דערגרייכט. די תורה איז ביים פאָלק פערגעסען געוואָרען און צוזאַמען מיט דעם זענען פערגעסען געוואָרען איהרע אַלע ערהויבענע געזעצען פון מענשען-ליעבע. די מילדע, פון גאָט אויסדערוועהלטע און מענשענפריינדליכע יהודה איז פאַר מנשה'ס צייט פערוונקען געוואָרען אין ווילדער געצענדינערייַ, אין בלוט-דורשט, אין מענשען-האַס און אַבערגלויבישע בעגריפען.

אין דעם זעלביגען מאָראַלישען צושטאַנד געפינט זיך אויך פאַר מנשה'ס יורש, פאַר זיין זוהן אמון. צום גליק אָבער האָט זיך זיין הערשאַפט נישט לאַנג געצויגען. אין צוויי יאָהר אַרום, נאָכדעם, ווי ער האָט דעם טראָן פערנומען, איז ער געה'רג'עט געוואָרען ביי זיך אין פּאַלאַץ דורך

אַ פערשוועהרונג געגען איהם. ווי ס'שיינט, האָט דאָס פאָלק זיך שוין געהאַט צוגעוואוינט צו די דאָזיגע פון גאָט־פערשאָלטענע מלכים, וועלכע האָבען איהם ערלויבט צו פיהרען אַ פרעהליך און בעשרענקט לעבען, און דעריבער האָט עס זיך נוקם געווען אָן די פערדעמער און זיי אַלעמען אויסגעטוידט. דאַן איז אויפגענומען געוואָרען פאַר אַ מלך דער זוהן פון אַמון, דער אַכט־יעהריגער יאשיהו (638—608).

ווידער האָבען די שרים בעקומען די מאַכט אין לאַנד ביז דער יונגער הערשער וועט אויסוואַקסען. נאָר, ווי נידעריג געפאַלען און גייסטיגען זיך די שרים זענען דאַמאָלס נישט געווען, איז דאָך פאָרגעקומען אַ קליינע ענדערונג אין זייערע נאַציאָנאַליסטישע שטרעבונגען. אמת, זיי האָבען ווי פריהער זיך געהאַלטען ביים פרעמדען געטער־קולט צוליעב זייערע איינענע נוצען, דער ריין־מיסטישער געצענדינערישער פאַנאַטיזם איז אָבער פאָרט געפאַלען און צוזאַמען מיט איהם אויך די געצענדינערישע אייפעריגקייט, מיט וועלכער דער מלך מנשה האָט געקעמפפט געגען די נאַציאָנאַלע אייגענטימליכקייטען פון זיין פאָלק. אין לאַנד האָט נאָך געהערשט די ביזהעריגע מאָראַלישע פערדאָרבענהייט, דאָס איז שוין אָבער נישט געווען מעהר קיין פליכט; דער נאַציאָנאַלער גייסט איז, אמת, נישט געשטיצט, אָבער אויך נישט בעקעמפפט געוואָרען — און דאָס פאָלק האָט זיך ווייטער אַליין מעהר און מעהר גענומען אויסניכטערן פון זיין גייסטיגער בעטרונקענהייט. די געטליכע נביאים האָבען זיך ווידער גענומען בעווייזען און זייער שטים האָט גענומען קלינגען מיט מאַכט און צאָרן געגען די גייסטיג פערפיהרטע און גייסטיגע פערפיהרערס פון פאָלק. דאָס געצענדינעריי אין יהודה, האָט פערשטעהט זיך, נישט געקאָנט אויסקומען אָהן אַ טעאָרעטישער בעגרינדונג און אָהן אַן ערקלערונג בנוגע צו איהרע בעציהונגען צו דעם טראַדיציאָנעלען יהוה; און ווען די עבודה־זרה האָט אויפגעהערט אַ פליכט צו זיין, האָט מען דאָך געמוזט ווי עס איז ערקלערען די סתירה צווישען די אַסימילאַטאָרישע שטרעבונגען און דעם נאַציאָנאַלען גייסט. עס האָבען זיך געבילדעט גרופּעס פון פאַלשע נביאים, וועלכע האָבען געמיהט זיך צו מאַכען אַ פשרה. יהוה, האָבען זיי מודה געווען, איז דער איינציגער בעשעפער פון דער וועלט, ער איז אָבער נישט איהר פיהרער. אויף דער ערדטונג און אויף דער פיהרונג זענען אויפגענומען די פערשיעדענע סטיכיען, די שטערען, די פלאַנעטען און אַזוי ווייטער, (ווי אויך די נאַציאָנאַלע געטער־בעשיצער פון יעדען פאָלק), נאָר פון די דאָזיגע וועלט־קרעפטען איז אָבהענגיג דאָס גליק און דאָס אונגליק פון יעדען לאַנד און יעדען מענש

בעזונדער; יהוה אליין איז נישט אימשטאנד נישט גוטס צוטהון און נישט שלעכטס צו טהון. פערשטעהט זיך, אז די דאזיגע וועלט אנשויאונג גראבט אונטער די וויכטיגסטע פרינציפען פון דעם טראדיציאנעלען גלויבען און רויבט ביי איהם אב זיין גאנצע בעדייטונג. די אמת'ע נביאים זענען ארויסגעטרעטען אין קאמפף געגען זיי מיט דעם שטארקסטען פלאם פון זייער געטליכען ווארט. דער נביא צפניה האט דעם פאלק געשראקען מיט א פאלשטענדיגען חורבן פאר אזא הלול הקדש.

„אנ'ענדע איבער אלעס, וואס אויף דער ערד, זאגט יהוה. אנ'ענדע איבער די מענשען און איבער די פיה, איבער די פויגלען פון הימעל און איבער די פיש פונ'ם מעער!... איך וועל אויסשטרעקען מיין האנד איבער יהודה און איבער אלע איינוואהנער פון ירושלים און איך וועל פון דעם ארט פערטיליגען דאס איבערגעבליבענע געצענדינערייא, די כומרים און די כהנים און די, וואס בוקען זיך אויף די דעכער געגען די הימעל-פלאנעטען... און די, וואס האבען זיך דערוויטערט פון יהוה און די, וואס האבען יהוה נישט געזוכט און נישט געפארשט. טשש! — פאר גאט דעם אלמעכטיגען! עס איז נאהענט דער טאג פון גאט — גאט האט צוגעגרייט א שלאכט-מאל, ער האט שוין זיינע געסט איינגעלאדען!... אין דעם דאזיגען שלאכט-טאג — זאגט גאט — וועל איך מיך רעכענען מיט די שרים, מיט די הויף-לייט — די אלע וואס שלעפען אויף זיך דאס פרעמדע קלייד... אין יענעם טאג וועל איך אויסזוכען ירושלים מיט ליכט און איך וועל מיך רעכענען מיט אלע מענשען, וועלכע רוהען אויף זייערע הייזען, די וואס דענקען אין הארצען: יהוה טהוט קיין גוטס נישט און טהוט קיין שלעכטס נישט! זייער מעכטיגקייט וועט צוטראטען ווערען, זייערע הייזער וועלען וויסט ווערען — זיי וועלען בויען הייזער און זיי נישט בעזיצען, זיי וועלען פלאנצען וויינגערטנער און דעם וויין נישט טרינקען. נאהענט איז דער גרויסער טאג פון גאט, נאהענט און האשיג זעהר, איך פערנעהם שוין דעם ביטערליך שרייענדען קול פון אלמעכטיגען. יענער טאג איז א טאג פון צארן, א טאג פון אונגליק און בעדריקונג, א טאג פון דונקעלהייט און פינסטערניש. א טאג פון וואלקען און נעבעל.. ענג וועל איך מאכען דעם מענשען און זיי וועלען געהן ווי בלינדע, ווייל זיי האבען געגען גאט געזינדיגט... זאגאר זייער זילבער און זייערע גאלד וועט זיי נישט קאנען העלפען אין דעם טאג פון געטליכען צארן, אין דעם פייער פון זיין אייפערזיכטיגקייט וועט דאס גאנצע ערד פערצערט ווערען... פערבעסערט אייערע מעשים איהר, אונפערשעמטעס פאלק,

אײדער נאָך דער פּסק איז בעשטימט געוואָרען, אײדער נאָך דער טאָג איז, ווי אַ שטרוי פערלאָפען, אײדער נאָך עס וועט אויף אײך אויסברעכען דער צאָרן פון גאָט, אײדער נאָך עס וועט אויף אײך אָנקומען דער טאָג פון גאָט! בעט גאָט איהר ענוים פון דעם לאַנד, איהר, וועלכע האָט זײנע געזעצען ערפילט, זוכט צדק, זוכט ענוה, פיליכט וועט איהר בעשיצט ווערען אין דעם טאָג פון דעם געטליכען צאָרן..."

אונטער „דעם אונגליקליכען טאָג", מיט וועלכען דער נביא צפניה האָט געשראָקען דאָס לאַנד, האָט ער, וואַהרשײנליך, געמײנט דעם אָנפאַל פון די סקיטען. דאָס זענען געווען ווילדע מחנות, וואָס זענען ווירקליך אין אַ געוויסע צײט אַרום אָנגעקומען פון קאַווקאַז און אַרמעניען און האָבען אַ שרעק אָנגעוואָרפען אויף אַלע מלוכות פון דער פאָדערשטער אַזיען, זאָגאַר אויף אַשור און מצרים. די רייד פון דעם נביא האָט, ווי עס אויס, געהאַט אַ ווירקונג אויפ'ן פאָלק צוליעב דעם, וואָס די הערשענדע מאַכט האָט זיך איהם נישט אַנטקעגען געשטעלט, און ווען די ערשטע מחנות פון די סקיטען האָבען זיך בעוויזען אין אַזיען און אָנגעמאַכט דאָרט שרעקליכע חורבנות, האָבען זאָגאַר די שרים אויפגעציטערט. דערצו איז צו יענער צײט שוואַכער געוואָרען אויך די אויסערע השפעה פון אַשור אין יהודה. מצרים האָט פאַר די לעצטע זעכציג–זיבציג יאָהר בעוויזען צו זיך צו קומען נאָך די קלעפּ, וואָס אסר-חדון האָט איהר געגעבען; זי האָט אָנגעזאַמעלט קרעפטען און גענומען מאַכען זעהר אָפטע אָנפאַלען אויף די מדינות פון איהר לאַנגיאָהריגען פײנד, פון אַשור. די מאַכט פון אַשור איז בעדייטענד אָבגעשוואַכט געוואָרען, דאַן האָבען גענומען שוואַך ווערען אויך די עהרע-געפיהלען פון די שרים אין יהודה צו איהר און צו איהר קולטור. מען האָט דאָך נישט געקאָנט פאַרלעגען דעם פאָלק, ער זאָל דיענען צו יענע פרעמדע געטער, וועלכע האָבען נישט געקאָנט זײער אײגען לאַנד ראַטעווען. אויף אַזאַ אופן פאַלט אַליין מעהר די אַסימילאַציע אין לאַנד יהודה און ס'שטאַרקט זיך פון דאָסני דער נאַציאָנאַלער אײגענאַרטיגער גײסט!...

אונטער דער ווירקונג פון די אַלגעמײנע פּאָליטישע איבערקעהרעניש פון אײן זײט און דער ברענענדיגער תוכחה פון די נביאים — פון דער צווײטער זײט, האָט זיך זאָגאַר בײם קעניגליכען הויף גופא געגרינדעט אַ פּאַרטײ, וועלכע האָט געשטרעבט אויפצולעבען דעם אַלטען נאַציאָנאַל-רעליגיעזען רעזשים, וועלכער איז מיט געוואַלד אָבגעשאַפט געוואָרען פאַר די פריהערדיגע צוויי מלכים: מנשה און אמון. די דאָזיגע

פּאַרטײַ האָט אָנגעהויבּען בּעקומען אַ גרויסע ווירקונג אויף דעם יונגען מלך, וועלכער האָט אַלס קינד נאָך שוין אַרויסגעוויזען זעהר פרומע און מילדע נייגונגען. די בּעגריפען פון דעם מלך, ווי אויך פון זיינע מקורבים, וועגען דעם נאַציאָנאַלען גייסט און וועגען דעם נאַציאָנאַלען גלויבּען זענען פאַרלויפיג געווען זעהר שוואַך און דונקעל. די תורה, וועלכע איז דאָך געווען די איינציגע קוועלע פון רעליגיעז־נאַציאָנאַלען בּעוואוסטזיין, איז נאָך פאַר מנשה'ן אויסגעראָטען געוואָרען. דערווייל איז דער מלך מינדיג געוואָרען און זיין ערשטער שריט, איבּערנעהמענדיג די ממשלה אין די אייגענע הענד, איז געווען, צו בּעניי'ען דעם אַלטען רעליגיעזען רעושים אין לאַנד: ער האָט זיך גענומען צו בּעניי'ען דעם בית־המקדש, וועלכער איז זעהר אַלט און פערדאָרבּען געוואָרען פאַר די לעצטע יאָהרען, די שרים און דאָס פאָלק האָבּען זיך מעהר געזאָרגט פאַר די טעמפּלען פון די פרעמדע געצען, ווי פאַר דעם היילינגען הויז פון זייער איינענעם גאָט. די אויפזיכט איבּער דעם רעמאָנט פון בית־המקדש האָט דער מלך יאשיהו איבּערגעגעבּען זיין קאַנצלער שפן און דעם כהן הלקיהו. בּיי דער אַרבּייט אין אַ פערבּעהאַלטענעם ווינקעל האָבּען איינמאָל די אַרבּייטער געפונען אַ ספר־תורה, וועלכעס איז וואַהרשיינליך פערבּאָרגען געוואָרען נאָך אין מנשה'ס צייט פון דעם קעניג'ס געצענדינערישען פאַנאַטיזם. דער קאַנצלער האָט, בשעת אַ ראַפּאָרט וועגען דעם גאַנג פון רעמאָנט אין דעם היילינגען הויז, דערצעהלט דעם מלך וועגען דער געפונענער ספר־תורה, און ווען שפן האָט, אויף דעם מלך'ס פערלאַנג, איבּערגעלייענט פאַר איהם די תורה און ער האָט זיך דערהאוסט וועגען די געטליכע געבּאָטען, וועגען דעם גליק, וואָס זיי בּריינגען דעם לאַנד, ווען זיי ווערען עהרליך געהיט, און וועגען דעם אונגליק, וואָס זיי בּריינגען דעם לאַנד, ווען זיי ווערען לייכטזיניג פערלאָזען, איז ער שטאַרק גערידהרט געוואָרען. ער האָט פון פערצווייפלונג זיינע קליידער צופליקט, דערמאָנענדיג זיך, אין וואָס פאַר אַ נידעריגע זינדיגע לאַגע זיין פאָלק האָט זיך אַיינגעפונען אַזוי פיעל יאָהרען, פון צייט זיין זיידע מנשה האָט זיך אויפ'ן טראָן געזעצט בּיז איצט. פון גרויס פחד האָט ער געזאָגט צו זיינע נאָהנטע לייט, צו הלקיהו דעם כהן, צו שפן דעם קאַנצלער, צו שפנ'ס זוהן אחיקם און צו עכבור בן־מיכיה:

— „געהט פרעגט גאָט פאַר מיר און פאַר דאָס פאָלק וועגען דער בּעדייטונג פון דעם דאָזיגען געפונענעם ספר. וואַהרשיינליך איז גרויס דער צאָרן פון גאָט אויף אונז, דערפאַר וואָס אונזערע עלטערן האָבּען נישט געפאָלגט דעם ספר, צו טהון אַלץ, וואָס אין איהם איז פאַרגעשריבּען!"

לויט דעם מלך'ס פערזאָג זענען די שליחים אַוועק צו דער נביאה חולדה, וועלכע האָט אין ירושלים געוואָהנט, און איהר געפרעגט גאָטס־וואָרט. די נביאה האָט זיי גאַנץ שטרענג געענטפערט: „אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער פון ישראל: זאָגט דעם מאַן, וועלכער האָט אייך געשיקט אַהער צו מיר: „אַזוי האָט געזאָגט גאָט: איך ברייננג אַן אומגליק אויף דעם דאָזיגען אָרט און אויף זיינע איינוואָהנער פונקט, ווי עס שטעהט געשריבען אין דעם ספר, וואָס דער מלך האָט געלעזען — דערפאַר וואָס זיי האָבען מיך פערלאָזען און זיי האָבען מקטיר געווען צו פרעמדע געטער, כדי מיר צו דערצאָרנען מיט זייערע טהאַטען — וועט אָנגעצונדען ווערען מיין כעס אויף דעם דאָזיגען פלאַץ און ער וועט ניט אויסגעלאָשען ווערען. און צו דעם מלך פון יהודה, וואָס האָט אייך געשיקט אַהער גאָט צו פאָרשען, זאָלט איהר אַזוי צו איהם זאָגען: אַזוי האָט געזאָגט דער אַלמעכטיגער פון ישראל... דערפאַר וואָס דיין האַרץ איז ערווייכט געוואָרען, און דו ביסט ביי זיך געפאַלען געוואָרען, ווען דו האָסט זיך דערוואוסט, וואָס איך דיינק צו טהון צו דעם דאָזיגען אָרט און צו זיינע בעזיצער, צו מאַכען פון זיי אַ פערפלוכטע וויסטעניש, און דו האָסט דיינע קליידער צוריסען און דו האָסט געוויינט פאַר מיר — איך האָב דאָך דאָס אַלין געהערט — דערפאַר וועסטו דיין לעבען ענדיגען אין פריעדען און דיינע אויגען וועלען ניט זעהן דאָס בייזע, וועלכעס איך וועל ברייננגען אויף דעם דאָזיגען לאַנד" —

די שלוחים האָבען געבראַכט צום מלך דעם שרעקליכען ענטפער פון דער נביאה חולדה. יאשיהו האָט אָבער דעם מוט ניט פערלוירען. בעקענענדיג זיך נעהנטער מיט דער לעהרע פון די נביאים, האָט ער זיך איבערצייגט, אַז צו דער זינדיגקייט פון פאָלק איז דאָ אַ מיטעל, וואָס די נביאים רעקאָמענדירען איהם שטענדיג. דער יודישער גאָט איז דאָך אַ גנעדיגער און אַ באַרעמהערציגער און ער נעהמט אָן די תשובה, וואָס רייסט זיך אַרויס פון טיעפען האַרצען. לויט דעם ביישפיעל פון זיין עלטער־זיידען יחזקיהו, האָט ער זיין גאַנצען לעבען געווידמעט דער הייליגער אַרבייט, ריין צו מאַכען דאָס פאָלק פון די פערברעכען, אין וועלכע מנשה האָט זיי פערשלעפּט. ער האָט צונויפגערופען די עלטסטע אין גאַנץ יהודה און ירושלים און צוזאַמען האָבען זיי בעטראַכט, וואָס זיי האָבען צו טהון. נאָכהער, לויט דעם אויסגעאַרבייטען פלאַן, האָט ער, ווי אַמאָל יחזקיהו, געלאָזט צונויפזאַמלען זיך אין דעם בית־המקדש פון ירושלים „אַלע כהנים, אַלע לוים ווי אויך דעם אַלגעמיינעם המון פון גרויס ביז קליין" און ער אַליין

האָט פאַר זיי פאַרגעלעזען די געפונענע תורה. נאָך אַזוי פיעל יאָהרען פון צושיידונג, האָט די ענטדעקטע תורה געמאַכט דעם טיעפסטען איינדרוק אויפ'ן פאָלק; זיי האָבען אין איהר זיך אַליין דערקענט, זייער אייגענעם גייסט, זייער אייגענע שעפּפונג. זיי האָבען זיך אָנגעהויבען שעמען פאַר זיך אַליין, פאַר דעם פאַקט פון פערלאָזען דאָס אייגענע, דאָס טראַדיציאָנעל-היסטאָרישע און אָנהאַפּען זיך אָן פרעמדע, ווילדע, אומבעקאַנטע בעגריפען און מנהגים — שעמען ביז צו טרעהרען, ביז צו דער טיעפסטער חרטה. יאשיהו האָט דעם דאָזיגען בעגייסטערטען מאָמענט פערשטאַנען אויסצונוצען און ער האָט דאָס פערזאַמעלטע פאָלק בעשוואָרען פאַר גאָט, צוריקצוקעהרען זיך צום היסטאָרישען יהוה, צוגעהן אין זיינע וועגען, אָבצוהיטען זיינע פערבאָטען אַלץ ווי אין דער היילינגער תורה איז געשריעבען. נאָך דער שבועה האָט דאָס פאָלק זיך אַוואָרף געטהון אויף די פערשיעדענע אָבגעטער און די פערשיעדענע אַלטאַרען אין במות, וואָס זענען געווען אין ירושלים, זאָגאַר אין בית־המקדש, און אַלע אויף פיצלעך צובראָכען; דעם ביישפּיעל פון ירושלים האָט נאָכגעטהון די פּראָווינץ. אומעטום איז געגאַנגען אַ ראַדיקאַלע ריינינונג פון די'ם גייצ'ניגערייַ און איהר קולט. דער מלך האָט זיך אָבער נישט אָבגעשטעלט ביי די רעפאָרמען אין יהודה אַליין. ער האָט געשיקט זיינע קנעכט זאָגאַר אין אפרים, וואו עס האָבען נאָך דאַן געוואָהנט איבערגעבליבענע פון ישראל, וועלכע האָבען זיך, נאָך דעם חורבן פון שומרון געפיהלט אין אַ געוויסער מאָס ברידערליך צוגעבונדען צו יהודה, און האָט דאָרטען אויך זיך גענומען אויסצוואָרצלען די עבודות־זרות, וואָס זענען נאָך דאָרט פון אַמאָל פערבליבען. צווישען די איבעריגע האָט יאשיהו אויך פערניכטעט דעם גאָלדענעם קאַלב, וואָס ירבעם נאָך האָט אין בית־אל געשטעלט. יאשיהו האָט אין זיין קאַמפף מיט דאָס געצענדינערייַ אַרויסגעוויזען נאָך מעהר ענערגיע, ווי יחזקיהו. ער האָט נישט נאָר פערטיליגט די אָבבילדער פון די פערשיעדענע פלאַנעטען, צו וועלכע דאָס פאָלק האָט מאַסענווייז זיך געבוקט, נאָר ער האָט אויך אויסגעשאָכטען די כהנים, וועלכע פלעגען פאַר זיי קרבנות מקריב זיין. דערביי האָט ער אויך נישט געשוינט די געצען־בילדער, צו וועלכע עס האָבען געדיענט נישט ישראלים, נאָר די איינגעוואַנדערטע ערלים, ווי די עמונים און מואבים, וואָס האָבען דערויף זייער רעכט בעקומען נאָך פון שלמה המלך'ס צייטען. צוזאַמען מיט דעם האָט יאשיהו אויך דאָס כשוף־מאַכערייַ אונטערגעבראַכט און די מכשפים האָט ער פון לאַנד אַרויסגעטריבען. אויף אַזאַ אופן האָט יאשיהו מיט אַמאָל געמאַכט אַן ענדע

צו דעם, וואס מנשה האט אין לאנד איינגעבראכט; די עפענטליכע אסימילאציע האט געקראגען א טוידט-קלאפ און יהוה האט זיך צוריקגעקעהרט קיין ציון, אין זיין הייליג הויז, צו זיין אויסדערוועהלטע פאלק. אמת, די אלע רעפארמען פון יאשיהו זענען דערווייל געווען בלויז אויסערליכע, און מנשה'ס געצענדינערישע טהעטיגקייט האט געהאט א אינערליכע ווירקונג אויפ'ן פאלק, אויף זיין גייסט, אויף זיין מאראל, — אזא ווירקונג, וואס מיט דעם פערברענען דעם אדער יענעם אבגאט, ווערט עס נאך נישט פערניכטעט. דער מלך האט אבער געקאנט האפען, אז די אויסערליכע רייניגונג, ביי וועלכער דאס פאלק אליין האט ארויסגעוויזען אזא שטארקע בעגייסטערונג, איז נאר דאס אנהויב פון דער אינערליכער רייניגונג; אז אויב מען וועט ווייטער אונטערהאלטען די אויפגעשטיגענע בעגייסטערונג, וועט עס ברענגען ענדליך צו א ווירקליכער נאציאנאלער אויפלעבונג. יאשיהו אליין האט פון זיין זייט דערצו אנגענומען מיטלען; נאר אויך דא האט ער זיך געהאלטען פעסט ביי דעם וועג פון זיין עלטער זיידען. דעם יום-טוב פסח, וועלכער איז בעשטימט געווארען פאר דעם אנדענקען פון דער בעפרייאונג פון ישראל אין מצרים און זיין אויפלעבונג אלס פאלק, האט ער אויך אויסגענוצט אלס אגיטאציע פאר דעם נאציאנאלען גייסט. ער פלעגט אויך צוזאמענרופען די בעפעלקערונג פון אלע געגענדען אין לאנד אויף פסח קיין ירושלים און אין בית-המקדש פלעגט ער לאזען מאכען פייערליכע פערזאמלונגען, וואו צוזאמען מיט דעם קרבנות-ברענגען און תהלים-זינגען, פלעגען די כהנים לעזען פאר'ן פאלק די תורה און וועקען אין איהם זיין נאציאנאלען בעוואוסטזיין.

נאך דער דאזיגער גייסטיגער צוריק-איינפיהרונג האט יאשיהו זיך גענומען אויפהויבען אויך דעם פאליטישען מצב פון זיין לאנד. פאר די פאריגע צוויי מלכים, מנשה און אמון, איז יהודה פאליטיש געווען אינגאנצען אבהענגיג פון אשור. פאר דער ערשטער העלפט פון יאשיהו'ס תקופה איז די מאכט פון אשור געווארען אלץ מעהר אבגעשוואכט, צוליעב די אונאויפהערליכע מלחמות מיט מצרים; דערמיט האבען זיך בענוצט די אונטערדריקטע פעלקער, ווי מדי, ארם, כשדים און זיי האבען זיך ערקלעהרט פאר זעלבסטשטענדיג. יהודה האט זיך אויך דאן בעפרייט פון אשור'ס יאך. נאר יאשיהו האט זיך נאך געהאט פערטעבען מיט גרעסערע פלענער. ער האט געטרוימט אומצוקעהרען ירושלים איהר אלטען גרויסען רוהם, ער האט געשטרעבט פון דאסניי צונויפצוזאמלען די אלע געגענדען פון דער אמאליגער ארץ-ישראל פון שלמה'ס צייטען אונטער איין הערשאפט; בע-

הערשען, ווי אמאל, די טיילען לאנד, וועלכע זענען פאר ירבעם בן נבט אריין אין דער צוזאמענשטעלונג פון דער אפרים-מלוכה און וועלכע אשור האט דערנאך צוגענומען, ווען שומרון איז חרוב געווארען — דאס איז געווארען יאשיהו'ס הייליגסטער ציעל. ביסלעכוויז, ביסלעכוויז האט זיך יאשיהו'ן זיין אויפגאבע איינגעגעבען צו פערווירקליכען. די מאראלישע השפעה פון יהודה אויף אפרים האט זיך נאך פון יחזקיהו'ס צייטען אנגעהויבען, און יאשיהו מיט זיין רעסטאווראציע האט די השפעה נאך פערשטארקט; די פאלשטענדיגע אדמיניסטראטיווע פעראייניגונג מיט יהודה האט אלזא נישט געקאנט ארויסרופען קיין אונצופריעדענהייט ביי די איבערגעבליבענע בני-ישראל פון די אפרים-פראווינצען און זאגאר ביי די פון דער פרעמד אנגעקומענע גרים, וועלכע האבען זיך וואס ווייטער אלץ מעהר אסימילירט מיט די אלטע בירגער פון לאנד; אשור, ווייטער, צוליעב די בעזונדערע פאליטישע בעדינגונגען, אין וועלכע זי האט זיך איינגעפינען דאן, האט יאשיהו'ן נישט געקאנט שטערען אין זיינע אונטערנעהמונגען. געפינענדיג זיך זעהר ווייט פון יענעם ארט. פון אויסערן האט זיך ווירקליך געקאנט דוכטען, אז די גליקליכסטע יאהרען פון דוד און שלמה האבען זיך פאר ירושלים צוריקגעקעהרט — די טיילען פון ישראל האבען זיך אין איין פאלק פעראייניגט, די טיילען פון כנען האבען זיך אין איין לאנד פעראייניגט, און דאס פאלק און דאס לאנד האט זיך מיט גאט פעראייניגט;

די אילוזיע איז אבער גאנץ גיך פערשוואונדען געווארען. אין אמת'ן איז דער וואהלשטאנד אין לאנד פאר דער צווייטער העלפטער תקופה פון יאשיהו'ס ממשלה געווען נאר דאס לעצטע צאנקען פון יהודה. דער גורל פון דעם לאנד איז שוין געווען בעשלאסען. דער היסטאריקער פון תנ"ך, וועלכער זוכט אין יעדען פאליטישען גליק און אונגליק פון זיין פאלק דעם „פינגער פון גאט", זאגט, אז טראץ דעם, וואס יאשיהו איז אזוי פרום געווען, אז קיין מלך האט, נישט פאר איהם און נישט נאך איהם. זיך געקאנט פערגלייכען מיט איהם — דאך האט זיך נאך דער צארן פון גאט אויף יהודה נישט איינגעשטילט, צוליעב די בייזע מעשים פון מנשה. דאס פיעל אונשולדיג בלוט, וואס ער האט פערגאסען, דאס פיעל אונשולדיג בלוט, מיט וועלכע ער האט ירושלים פערטרונקען האט גאט נישט געקאנט מוחל זיין!" — דער היסטארישער בליק איז גאנץ כאראקטעריסטיש פאר דעם נאציאנאלען גייסט: קיין תשובה און קיינע רעפארמען האבען נישט געקאנט אויסקויפען דאס אומזיסט פערגאסענע בלוט, און יהודה האט געמוזט אין דעם בלוט דערטרונקען ווערען. „אין

גאָט האָט געזאָגט: איך מוז יהודה אויסמעקען, ווי איך האָב ישראל (אפרים) אויסגעמעקט און איך מוז אָבשטויסען די דאָזיגע שטאָדט, וועלכע איך האָב אַמאָל אויסערוועהלט, ירושלים, ווי אויך דאָס הויז, וואָס איך האָב געדיינקט אויף איהם מיין נאָמען צו בערופען!"..

דער ווילען פון גאָט האָט זיך אָנגעהויבען צו פערווירקליכען מיט אַ אונגעהויערער געשווינדקייט. יאשיהו האָט נאָך זיינע גראַנדיעזע פלענער ביזן ענדע נישט דערפיהרט, און איהם איז שוין אויסגעקומען אויף אַ טרויעריגען אופן זיך צושיידען מיט זיין לעבען, ווען ער איז נאָר בלויז אַ יאָהר פיערציג אַלט געווען. פרעה נכה, דער הערשער פון מצרים, האָט זיך דאַן מיט זיין חיל אַריינגעריסען אין דער פאָדערשטער אַזיען מיט דעם ציעל, צו מאַכען אַן אַנפאַל אויף נינוה גופא, אויף דער הויפּשטאָדט פון אשור. יאשיהו האָט מורא געהאַט פאַר דער שטייגענדער ווירקינג פון מצרים אין אַזיען, פיליכט וועט מצרים נאָך נעהמען פרעטענדירען אויף די געגענדען פון אפרים, אַזוי ווי זי האָט שוין צו יענער צייט געפרעטענדירט אויף אַנדערע פראָווינציען פון אשור, וועלכע זי האָט שוין גענומען רעכענען פאַר איינגענומענע און אינטערטעניגע. יאשיהו האָט אויף גיך צוזאַמענגעקליבען זיין חיל און איז אַרויסגעטראָטען איבעררייסען פרה'ן דעם וועג אין מגדו, אין דער געגענד פון כרמל, האָבען זיך די פיינד געטראָפען. צווישען זיי האָט זיך פונאַנדערגעפלאַקערט אַ מלחמה, וועלכע האָט זיך זעהר טרויעריג געענדיגט פאַר יאשיהו. ער אַליין איז אין דעם געפעכט געהרגעט געוואָרען און זיין חיל האָט געהאַט אַ גרויסע מפלה. ווען די קנעכט האָבען געבראַכט קיין ירושלים דעם טויטען קערפער פון דעם מלך, האָבען איהם בעגעגענט אַלע איינוואָהנער פון ירושלים מיט אַ ביטערען יאָמער. אַ שרעקליכער פאַרגעפיהל האָט זיי פאָראויס געזאָגט, אַז מיט דעם טויטען קערפער פון דעם גרויסען, פרומען און ענערגישען מלך זינקט אויך צוזאַמען דער נאַציאָנאַלער שטאַלץ פון יהודה און די זעלבסטשטענדיגקייט פון דעם הייליגען לאַנד.

פאַר דער מלוכה פון יהודה האָט זיך אָנגעהויבען די גסיסה!...

דרייצעהנטעס קאַפּיטעל.

די לעצטע מלכים פון יהודה און דער חורבן פון ירושלים.

.(586—608

פאַר דעם ווײַטבליקענדען און זעלבסטשטענדיגען דענקער איז געווען קלאָהר גלײַך נאָך יאשיהו'ס טוידט, אַז יהודה לעבט אָב איהרע לעצטע מינוטען. די אויסערליכע פאָליטיק האָט זיך אַזוי פערוויקעלט, אַז פאַר יהודה איז געוואָרען אונמעגליך מעהר אײַנצוהאַלטען איהר זעלבסטשטענדיגקײַט. אין דער פאָדערשטער אַזיען האָט געהערשט צו יענער צײַט אַ שרעקליכע אַנאַרכיע אין דעם פעלקערליכען מלוכה-לעבען; קיין גלײַכגעוויכט, קיין דויערהאַפטיגער אויטאָריטעט. אין אַמשך פון איין דור, האָט זיך די אויבערמאַכט איבער דעם דאָזיגען פעלקער-ווינקעל איבערגעטראָגען אין די פערשיעדענסטע פונקטען; דאָס איז, געוועהנליך, פאָרגעקומען נישט לײַכט. גרויסע מלחמות צווישען די מעכטיגסטע פעלקער זענען פאָרגעקומען צוליעב דער דאָזיגער קאָנקורענץ איבער דעם אויטאָריטעט בנוגע צו דער פאָדערשטער אַזיען; די קלענערע, שוואַכערע אומות זענען אָהן זייער ווילען איבערגעגאַנגען פון איין מלוכה צו דער צווייטער; אַזעלכע אָפטע איבערגאַנגען זענען שטענדיג פערבונדען מיט גרויסע אויפטרייסלונגען און איבערקעהרענישען סײַ אין פאָליטישען, סײַ אין מאָראַלישען לעבען. יהודה האָט אויך דאַן פערנומען אַזאַ געפעהרליכע פאָזיציע פון „צווישען האַמער און קאָוואַדלע", ווען די „גרויסע סטיכיען" האָבען צווישען זיך אַ קאַמפף געפיהרט איבער דעם, ווער איבער וועמען עס זאָל הערשען. די דאָזיגע פאָזיציע האָט געמוזט אַרײַנטראָגען אַכאָאָס אין דעם מלוכה-לעבען פונים לאַנד, און פיהרען עס ענדליך צום פאָלשטענדיגען חורבן. דער היסטאָריקער פון תנ"ך, ווי ס'איז געוועזען אויבען דערמאָהנט, שטעלט די פערשאַרפטע לאַגע אין יהודה אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ערניעדרונג פון דעם נאַציאָנאַלען גײַסט פאַר מנשה'ס צײַט. עס איז קיין צווייפעל נישט, אַז פון יהויקים'ס עפאָכע אָן האָט זיך אָבגעהאַקט דער וואוקס פון דעם

נאַציאָנאַלען גענויס אין יהודה. די רעסטאַווראַציע פֿון יאשיהו האָט צו קיין נייע שעפּפֿונגען נישט געבראַכט און נישט געקאָנט ברענגען. דער געדאַנק פֿון מענשען-ליעבע און צדק, וועלכען דאָס פֿאָלק אין יאשיהו'ס צייט האָט דערפֿירט ביז זיין העכסטער מדרגה, האָט ווייטער נישט געהאַט וואו צו געהן. אין די גרענעצען, ווידער פֿון דער לעהרע, וואָס ישעיהו האָט דעם פֿאָלק געלאָזען, האָט דער נאַציאָנאַלער גייסט געקאָנט שאַפֿען נייע פֿילאָזאָפֿישע און טעאָלאָגישע קאָמבינאַציעס, נאָר ביי נייע געדאַנקען-רעאַקציעס, ביי נייע צוזאַמענטרעפֿונגען און צוזאַמענשטויסונגען מיט אַנדערע געדאַנקען-פֿאָרמען; דאָס איז אָבער געווען אוממעגליך ביי דער פֿאָלשטענדיגער אָבגעזונדערטקייט פֿון יהודה פֿון די איבעריגע ציוויליזירטע פֿעלקער אין יענער צייט; און דער פֿאָלקס-גייסט פֿון יהודה, אָדער, ווי מיר וועלען עס פֿון איצט אָנרופֿען, דער יודישער (יהודה'ישער) פֿאָלקס-גייסט האָט געמוזט פֿערגליווערט ווערען און בלייבען שטעהן אויף איין פּונקט. אין דעם גייסטיגען לעבען פֿון דעם איינציגען און פֿונ'ם כלל הערשט אָבער דער בעקאַנטער געזעץ, לויט וועלכען: נישט-פֿאָרווערטס איז ריקווערטס; נאָך דער קינסטלישער רעליגיעזער און מאָראַלישע איבערעבונג פֿון פֿאָלק פֿאַר יאשיהו, הויבט זיך אָן אַ נייער רעגרעס פֿאַר זיינע נאָכפֿאָלגער, וועלכע געהען פֿון דאָסניי אין די וועגען פֿון זייער עלטער-זיידען מנשה. און אויב דער היסטאָריקער פֿון תנ"ך געפֿינט, אַז דער פּאָליטישער חורבן פֿון יהודה איז נאָר אַ רעזולטאַט פֿון איהר גייסטיגער ענטאַרטונג, איז דאָס זעהר כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער אַלגעמיינער, ביבלישער אויפֿפֿאַסונג פֿון דער יודישער געשיכטע!...

יאשיהו האָט פֿאַר'ן טויט איבערגעגעבען די מלוכה זיין יונגערען זוהן יהואחז, וועלכען ער האָט בעזונדער ליעב געהאַט פֿאַר זיין גאָטספֿאָרכטיגקייט. די אומערוואַרטעטע מפּלה ביי מגדו האָט אָבער געמאַכט יהודה אָבהענגיג פֿון מצרים, און פּרעה נכה איז נישט געפֿעלען געוואָרען דאָס, וואָס דאָס פֿאָלק אין ירושלים האָט זיך בעשטימט אַ קעניג אָהן זיין וויסען. ער איז דרום אָנגעפֿאַלען מיט זיין חיל פּלוצלינג אויף דער הויפּט-שטאָדט פֿון יהודה, גענומען יהואחז'ן אין געפֿענגעניש אין דריי מאָנאַטען אַרום נאָכדעם, ווי ער איז אַרויף אויפ'ן טראָן, און אויף זיין אָרט האָט ער געמאַכט פֿאַר אַ מלך דעם צווייטען זוהן פֿון יאשיהו, אליקים'ן, וועלכען ער האָט אָנגערופֿען יהויקים; אויסער דעם האָט פּרעה נכה פֿאַר

זײַן פֿערלאָזען יהודה אַרויפֿגעלעגט אויף איהר אַ גרויסען געלד־שטראָף הונדערט זילבער־ככרים און הונדערט געלד־ככרים, װעלכע דער מלך האָט פֿון דער בעפֿעלקערונג אויפֿגעמאָהנט לויט די הערכה פֿון פּרעה'ן אַליין.

יהויקים איז געװעזען דער עלטסטער זוהן פֿון יאשיהו, נאָר דער פֿאָלק האָט איהם נישט אַנערקענט פֿאַר דעם געזעצליכען יורש פֿון טראָן צוליעב זײַנע בעזונדערע נייגונגען. יהויקים האָט זיך נישט ענטזאַגט פֿון זײַנע נייגונגען זאָגאַר אויך דאַן, װען ער איז אַ מלך געװאָרען מיט דער הילף פֿון פּרעה נכה. ער האָט געפֿיהרט אַ פֿרעהליכען לעבען, האָט ליעב געהאַט די אונבעגרענעצטע מאַכט און נוטה געװען צו דער קאָנקרעטער געצענדינערײַ. דאָס פֿאָלק און די שרים האָבען נאָך יאשיהו'ס טויט זיך פֿערגעסען זייער שבועה, װאָס זיי האָבען געשװאָרען עהרליך צו דיענען דעם גאָט פֿון זייערע עלטערן; פֿון זייער זײַט האָבען דעם מלך'ס סימפּאַטיען קיין שטערונג פֿאַר זיך נישט געפֿונען. יהויקים האָט אָבגעשאַפֿט די שטרענגע געזעצען פֿון זײַן פֿערשטאָרבענעם פֿאָטער און האָט פֿון דאָסניי אין לאַנד ערלויבט יעדע מעגליכע פֿרײַהײַט אין די ענינים פֿון דער אמונה און גאָטעס־דיענסט. פֿון דאָסניי האָבען זיך אין ירושלים, װי אויך אין די איבעריגע שטעדט בעגונען בעװײַזען במות און אַלטאַרען מיט אָבבילדונגען פֿון פֿערשיעדענע אָבגעטער; פֿון דאָסניי האָבען זיך גענומען צוזאַמענמישען געצענדינערישע פֿאָרמען מיט דער ריינער אמונה אין יהוה. איבערהויפּט איז זעהר פֿערשפּרייט געװאָרען דער קולטוס פֿון די פּלאַנעטען. אין ירושלים איז פֿון דאָסניי, װי פֿאַר מנשה'ן, אײַנגעפֿיהרט געװאָרען די בעזונדערע פֿערגעטערונג פֿון דער זון. בעזונדערע מזבחות זענען פֿאַר איהר געבויט געװאָרען און ספּעציעלע קרבנות פֿלעגען פֿאַר איהר געבראַכט װערען. אין דער הנהגה פֿון לאַנד איז דערלאָזען געװאָרען װילקיר און דעספּאָטיזם. יהויקים האָט מעהר געטראַכט װעגען זײַנע פֿערגעניגענס, װי װעגען די נוצען פֿון דער מלוכה. װען די געפֿאַהר פֿון אַ פֿרעמדען יאָך האָט זיך אַלץ נעהנטער אָנגערוקט אויפֿ'ן לאַנד, האָט דער מלך זיך פֿערנומען מיט נײַע פּראַכטפֿאָלע געבײַדעס פֿאַר זײַן הויזגעזינד, צווינגענדיג די בירגער פֿון יהודה צו אַרבייטען דערבײַ, — אַ פֿאַקט, װעלכען שלמה המלך האָט זיך זאָגאַר נישט ערלויבט, װען ער האָט דעם בית־המקדש געבויט. דעם בײַשפּיעל פֿון מלך האָבען נאָכגעטהון די שרים. געװאַלטהאַט און אונרעכט האָבען פֿערטראָטען דעם פּלאַץ פֿון געזעצליכקײַט און גערעכטיגקײַט.

געגען דער דאָזיגער רעליגיעזער רעאַקציע, װעלכע איז פֿערבונדען געװען מיט דער געזעלשאַפֿטליכער דעמאָראַליזאַציע, האָבען אונערמידליך

געקעמפפט די ווירקליכע פאלקס-פריינד, די נביאים און זייערע אנהענגער. די נביאים, מיט ירמיהו פון ענתות אן דער שפיץ, האבען דרייסט און שארף געזידעלט דעם קעניג, די שרים און אלע יענע, וועלכע האבען געשטרעבט צו א פרעמדער קולטור, האבען אויפגעוויזען זייערע בייזע מעשים, האבען געשראקען מיט גאט'ס-שטראף, האבען גערופען צו תשובה. נישט וועניג האבען זיי זיך אנגעליטען, אט די דאזיגע קעמפפער פאר דעם ריינעם נאציאנאלען גלויבען: מען פלעגט זיי פערשליסען אין געפענקעניש, מען פלעגט זיי פערטרייבען פון לאנד און מען פלעגט זיי זאגאר הרג'ענען. איין נביא, אוריה, האט געפרעדיגט אין אנפאנג פון יהויקים'ס הערשונג און האט דאס לאנד פארגעזאגט א פאלשטענדיגען חורבן, אויב דער מלך און דאס פאלק וועלען זייערע מעשים נישט אויסבעסערען. ווען יהויקים האט זיך דערוואוסט וועגען די דאזיגע רעוואלוציאנערע רעדעס האט ער געהייסען הארגען אוריה'ן. נאר אוריה האט בעוויזען צו אנטלויפען אין מצרים. דאן האט יהויקים אוועקגעשיקט קיין מצרים איינעם פון זיינע שרים, וועלכער האט אויפגעזוכט דעם אנטלאפענעם און איהם געבראכט צוריק קיין ירושלים. לויט דעם פערזאג פון מלך האט מען אוריה'ן דעם קאפ אבגעהאקט און זיין טויטען קערפער האט מען פערווארפען צווישען די קברים פון איינפאכען המון. נאר מעהר פון אלעמען האט זיך שטענדיג געשטעלט אין געפאהר דער אונערמידליכער נביא ירמיהו. פאר יאשיהו'ן, ווען די דעה איז געווען ביי דער נאציאנאלער פארטיי, איז ירמיהו געווען איינער פון די רעגירונגס-פריינד, נאר פאר דעם נייעם הערשער יהויקים, וועלכער האט זיך געהאלטען ביי דער אנטי-נאציאנאלער פאליטיק, האט זיך ירמיהו געשטעלט אן דער שפיץ פון דער אפאזיציע. ער האט אהן שרעק געזאגט דעם מלך און דעם פאלק אלץ, וואס זיי האבען פערדיענט און ער האט פארגעזאגט, אז גאט וועט אין זיין צארן איבערגעבען יהודה אין די הענד פון איהרע פיינד. איבערהויפט האט ער אין זיינע נבואה-רייד געשאטען פייער אויף די געמאכטע פרומאקעס, וועלכע פלעגען זייערע נידערטרעכטיגע מעשים פערדעקען מיט אויסערליכער גאטספארטיגקייט און פלעגען מיט א פרומען פנים פערזיכערען, אז יהוה וועט בעשיצען ירושלים צוליעב זיין בית המקדש. אט די דאזיגע פערשטעלטע יראים רופט ירמיהו אן פאלשע נביאים, און ער ווענדט זיך צום פאלק מיט די ווערטער:

„איהר זאלט אייך נישט פערלאזען אויף די ליגנערישע רייד, וועלכע זאגען אייך אלץ — „גאט'ס פאלאץ, גאט'ס פאלאץ, גאט'ס פאלאץ'! ווארים אויב איהר וועט פערבעסערען אייערע וועגען און אייערע טהאטען, אויב

איהר וועט שאפען משפט צווישען אנ'אנדער, אויב איהר וועט דעם פרעמדען, דעם יתום, די אלמנה נישט בערויבען, אויב קיין אונשולדיג בלוט וועט איהר נישט פערגיסען, אויב נאך פרעמדע געטער וועט איהר אייך נישט נאכשלעפען — וועל איך אייך לאזען רוהען אויף דער דאזיגער שטעלע, אין דעם לאנד, וואס איך האב אייערע עלטערען געשאנקען אויף אייביג. פערלאזט איהר זיך אבער אויף די פאלשע פערזיכערונגען — איז עס אונגליקליך. איהר וועט דען גנב'נען, הרג'נען, נואפ'ן, פאלש-שווערען, פאר'ן בעל מקריב זיין און געהן נאך פרעמדע געטער, וואס איהר ווייסט זיי גאר נישט — און דערנאך וועט איהר קומען און זיך שטעלען פאר מיר אין דעם דאזיגען הויז, אויף וועלכען מיין נאמען איז גערופען און איהר וועט מיינען „מיר זיינען געראטעוועט" — געראטעוועט, כדי נאכהער פון דאסניי צו טהון די זעלביגע ניעדערטרעכטיגקייטען?! איז דען דאס הויז, אויף וועלכען מיין נאמען איז בערופען, אין אייערע אויגען פערוואנדעלט פאר א מערדער-הייל?!... געהט צו מיין פריהערדיגען ארט, קיין שילה, וואו איך האב צו ערשט מיין נאמען בערופען, און זעהט, וואס איך האב דארט געמאכט צוליעב דער זינדיגקייט פון מיין פאלק ישראל. און איצט — זאגט גאט — דערפאר, וואס איהר טהוט אלע פערדארבענע מעשים און אז איך רייד צו אייך טאג-טעגליך, הערט איהר נישט, און אז איך רוף אייך, ענטפערט איהר נישט — וועל איך זיך בעגעהן מיט דעם הויז, אויף וועלכען מיין נאמען איז בערופען, און מיט דעם ארט, וואס איך האב אייך און אייערע עלטערען געשאנקען, אזוי ווי איך בין זיך בעגאנגען מיט שילה. איך וועל אייך אוועקשליידערען פון מיין געזיכט, ווי איך האב אייערע ברידער פערשליידערט, ווי איך האב אפרים פערשליידערט!"...

זייענדיג אליין א כהן, האט ירמיהו געקעמפפט געגען דער כהנים-אינסטיטוציע, געגען דעם אויטאריטעט פון בית-המקדש און איבערהויפט געגען די קרבנות, וועלכע די פאלשע פרומאקעס האבען נאכמעהר, ווי אין די אמת'ע פרומע יאהרען, געשטיצט. זיין מיינונג וועגען דעם שיידט זיך נישט אונטער פון די מיינונגען פון ישעיהו און עמוס; דערפאר אבער צייכענט זי זיך אויס מיט איהר איינפאכקייט און קלארהייט, ווי אלץ, וואס איז ארויס פון זיין מויל.

„אזוי האט געזאגט גאט דער הערשער, דער אלמעכטיגער פון ישראל: אייערע עולות[1] לייגט צו צו אייערע זבחים און עסט דאס פלייש! דען

[1] א עולה, לויט די געזעצען פון קרבנות, טאר נישט געגעסען ווערען; פון זבחים מעג מען געוויסע טיילען עסען. ירמיהו מאכט דאס אינגאנצען וואכענדיג.

איך האָב נישט געבעטען אייערע עלטערען און איך האָב נישט באַזאָגט זיי, ווען איך האָב זיי פון מצרים אַרויסגענומען, וועגען עולות און וועגען זבחים. נאָר דאָס האָב איך זיי אָנגעזאָגט: איהר זאָלט געהאָרכזאַם זיין צו מיין שטים, וועל איך אייך זיין אַ גאָט און איהר וועט מיר זיין אַ פאָלק; איהר זאָלט געהן אין די וועגען, וואָס איך וועל אייך הייסען, וועט אייך וואָהל זיין". האָבען זיי נישט געפאָלגט, האָבען זיי זייער אויער נישט צוגעלעגט, זענען זיי געגאַנגען לויט ווי ס'האָט זיי זייער פרעכע האַרץ געראַטען; האָב איך צו זיי אָהן אויפהער געשיקט מיינע קנעכט די נביאים, האָבען זיי דאָך נישט געפאָלגט און האָבען דאָך זייערע אויערען נישט צוגעלעגט... און אַז דו וועסט זיי דאָס אַלץ זאָגען, וועלען זיי דיך אויך נישט הערען."

די לעצטע ווערטער זענען זעהר כאַראַקטעריסטיש פאַר ירמיהו. דער צווייפעל אין די אייגענע קרעפטען בייצוקומען דאָס בייזע — דאָס איז דער טיפישער שטריך פון זיין נבואה. ירמיהו האָט געזעהן די פערדאָרבענהייט פון זיין פאָלק פאַר די קינדערשע יאָהרען פון יאשיהו, ער האָט געזעהן זיין צייטווייליגע פערבעסערונג פאַר די לעצטע יאָהרען פון יאשיהו, ער האָט נאָכהער געזעהן זיין פערערגערונג פאַר די שפּעטיגערע מלכים — דאָס האָט איהם געבראַכט צום געדאַנק, אַז דאָס פאָלק איז נישט שטאַנדהאַפטיג, אַז דאָס פאָלק פאַלט, אַז זיין דעמאָראַליזאַציע איז אַ פאַטאַלע און אַז דער חורבן פון לאַנד איז אונפערמיידליך צוליעב דעם חורבן פון פאָלק. ער האָט געזעהן, אַז די שווערע וואָלקענס, וועלכע רוקען זיך אָן אויף יהודה, וועלען אָהן אַ קאַטאַסטראָפע נישט פערבייגעהן. „וויל מיין פאָלק איז פערנאַרישט, וויל זיי קאָנען מיר נישט, וויל זיי זענען טעמפּע און נישט קיין פערשטענדיגע, זענען קלוג נאָר שלעכטס צו טהון, אָבער גוטס טהון וויסען זיי נישט — האָב איך געזעהן, אַז די ערד איז אין אַ האַאָס פערזונקען, אַז די הימלען זענען אָהן אַ שיין פערבליבען; איך האָב געזעהן די בערג ציטערען און די הויכקייטען שטורעמען. איך האָב געזעהן, אַז ס'איז קיין מענש נישטאָ, אַז די פויגלען זענען פערשוואונדען —"

שטעהענדיג ביים סאַמע תהום, וואו דאָס פאָלק מוז פאַלען, ווען עס טהוט נאָר דעם לעצטען טריט, צו וועלכען עס יאָגען איהם די געוויסע באַדינגונגען, האָבען זיך ביי ירמיהו'ן אַלע סטרונעס פונאַנדערגעשפּילט. אין זיין נבואה קלינגט אַיין אונענדליכער האַרצרייסענדער געשריי פון אַ פערצווייפעלטען, וועלכער זעהט ווי ס'געהען אונטער זיינע טייערסטע און ער קאָן זיי נישט העלפען. ירמיהו איז דערום מעהר עהנליך צו הושע'ן. אין פער-

גלייך מיט ישעיהו'ן פעהלט איהם דער גלויבען אין דער ווירקונג פון זיין נבואה אין דעם אונגליקספולען מאָמענט, וואָס זיין לאַנד לעבט איבער פאַר מאָראַלישע פאַליטיש. און ווען דער ערשטער האָט אַליין זיך אָנגע־באָטען אויף דער שליחות פון גאָט צו געהן שטראָפען דאָס פאָלק („הנני שלחני" — כ'בין בערייט, שיק מיר) האָט ירמיהו אויף זיך די מיסיע לכתחלה נישט געוואָלט אָננעהמען.

„איז געווען גאָט'ס וואָרט צו מיר אַזוי: אײדער נאָך איך האָב דיר אין מוטערס בויך בעשאַפען האָב איך דיר שוין געקאָנט און אײדער נאָך דו ביזט אויף דער וועלט אַרויס האָב איך דיר שוין געהייליגט: אַ נביא פאַר די פעלקער האָב איך דיר געמאַכט. האָב איך אויסגעשריען: וועה, גאָט דער אַלמעכטיגער, כ'קאָן דאָך נישט ריידען, כ'בין נאָך צו יונג! האָט גאָט געזאָגט צו מיר: דו זאָלסט נישט זאָגען: „איך בין נאָך צו יונג", דען וואו כ'וועל דיר שיקען מוזטו געהן און וואָס כ'וועל דיר הייסען מוזטו ריידען. דו האַרסט פאַר זיי קיין פורכט נישט האָבען, דען איך בין מיט דיר צו דיין הילף — אַזוי האָט גאָט געריעדט". און גאָט האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנד און האָט אָנגערירט מיין מויל און האָט געזאָגט: אָט האָב איך מיין וואָרט דיר אין מויל אַריינגעלעגט. זעה, כ'האָב דיר אויפ־גענומען היינטיגען טאָג איבער די פעלקער און איבער די מלוכות צו צו ברעכען, צו צושטויסען, צו פערניכטען, צו צושטערען, צו בויען און צו פלאַנצען."

ירמיהו געהט אין זיין שליחות מיט אַ ציטערענדע האַרץ, ער געהט נאָר דערפאַר, ווייל ער קאָן נישט נישט געהן, ווייל דאָס געטליכע וואָרט האָט איהם געטריבען. ער גלויבט נישט, אַז זיינע רייד וועלען דערהערט ווערען, ער קאָן זיי אָבער אין זיך נישט פערהאַלטען:

„צו וועמען זאָל איך ריידען, וועמען זאָל איך שטראָפען, ווער וועט מיך הערען? זייער אויער איז דאָך פערשטאָפט און זיי קאָנען דאָך נישט פערנעהמען! גאָטס־וואָרט איז דאָך ביי זיי פערהאַסט, זיי פערלאַנגען דאָך איהם נישט! נאָר איך בין אָנגעפילט מיט גאָט'ס צאָרן און איך קאָן עס נישט פערטראָגען, איך מוז עס אויסגיסען זאָגאַר אויף די קינדער אין גאַס, אויף די פערזאַמלונגען פון דער יוגענד, וואָרום ווירקליך וועלען דאָך געשטרויכעלט ווערען מענער און ווייבער און אַלטע לייט און יונגע קינדער!"

ירמיהו בעפריעדיגט זיך אָבער נישט מיט דער רעוואָלטאַ=אָזיר מיסיע; דער צאָרן, וועלכער ווערט אומזיסט „אויפ'ן גאַס געגאָסען" און דרינגט

אין די אויערן נישט אריין הערט נישט אויף דאס הארץ צו ברענען. נישט זיידקענדיג אויף דער ערד, וויל ער ווידקען אויס'ן הימעל, נישט געפינענדיג זיך קיין צוהערער צווישען פאלק, ווענדעט ער זיך צו גאט. ער איז מתפלל צום אלמעכטיגען פאר זיין פאלק, גלויבענדיג, אז ער, גאט, קאן נאך ראטעווען די פערבלאנדזשעטע געמיינדע. ער וויל וועקען רחמים פאר די אונזיניג־זינדיגע, נאר ביי גאט טרעפט ער די זעלביגע הארטקייט, ווי ביי זיין פאלק. אויף זיינע אונאויפהערליכע תפלות פאר זיין פאלק און פאר זיין לאנד בעקומט ער שטענדיג איין און די זעלבע שטרענגע תשובה:

„דו זאלסט נישט מתפלל זיין פאר דעם דאזיגען פאלק, דו זאלסט פאר זיי נישט אויפהויבען קיין געבעט און קיין געזאנג, דו זאלסט צו מיר נישט צושטעהן, וייל איך וועל דיך נישט הערען!"

אין פערצווייפלונג ווענדעט ירמיהו זיינע אויגען צום מדבר. „ווען איך וואלט אין דער מדבר א גאט'ס הויז געפינען, וואלט איך מיין פאלק פערלאזען, איך וואלט אוועק פון איהם"! זייענדיג וייט פון מענשען, וייט פון פאלק, מיינט ער זיין רוה צו געפינען. ס'איז אבער נאך נישטא אזא מדבר, וועלכער זאל קאנען אויסרייסען ביים נביא זיין פאלקס־און גאטס־ליעבע פון זיין הארצען! ירמיהו גלויבט נישט, אז פאר זיין פערוואונדעטער נשמה קאן נאך א הילף זיין ערגעץ־וואו. ער שילט זיין לעבען און האפט אויפ'ן טוידט:

„פערשאלטען זאל ווערען דער טאג, ווען איך האב די שיין דערזעהן, דער טאג, ווען מיין מוטער האט מיך געבוירען זאל נישט זיין געבענשט. פערשאלטען זאל ווערען דער מענש,, וועלכער האט מיין פאטער אנגעזאגט: „א יונגעל איז ביי דיר געבוירען געווארען" — דערפרעהט האט ער איהם! זאל יענער מענש ווערען, ווי די שטעט, וואס גאט האט פערוויסט אהן רחמנות, א געשריי זאל ער הערען אין דער פריה, א קריגס־שאליינג ביי מיטאג— דערפאר, וואס ער האט מיר נישט געטוידט אין בויך, דאן וואלט דאך די מוטער מיין קבר געוועזן!... וואָרום בין איך פון מיין מוטער'ס־בויך ארויס צו צוזעהן אזוי פיעל ליידען און טרויער און פערברייגגען מיינע טעג אין שאנדע?!..."

דאס גאנצע לעבען פון ירמיהו הנביא איז אן־אונענדליכע טראגעדיע פון א גייסט־מענשען, וועלכער איז געוועזן טיעף און גרויס, אום איבערצילעבען אין זיך דעם חורבן פון א גאנצען פאלק מיט אלע זיינע שרעקען, א חורבן נישט קיין איבערגעקומענעם, נאר אן־אנקומענדען, א חורבן, וואס, לויט זיין טיעפסטער איבערצייגונג, איז נאך מעגליך איהם צו פערהיטען, נאר

וואס ווערט דאך נישט פערהיט בלויז צוליעב דעם, וואס דאס פאלק איז בלינד, וואס דאס פאלק איז טויב, וואס דאס פאלק איז פערפיהרט דורך פערשידענע פאלשע, אייגענגוטציגע לייט, וועלכע מאכען דעם אמת פאר פאלש און דאס פאלשע פאר אמת, וועלכע לאכען אויס דעם נביא, מאכען איהם פאר א ליגנער און רופען זיך אן פערטרעטער פון גאטס ווארט, פון דער נבואה — און דאס פאלק — צוליעב א קללה פון גאט — גלויבט אויסשליסליך זיי. די פאלשע נביאים, די פאלקס-פערדערבער, די פאלקס-פיינד, און שענדעט איהם, דעם אמת'ען נביא, דעם פאלקס געטרייען, דעם פאלקס-פריינד! די ליידען פון דעם נביא זענען אבער געוועזען נישט בלויז מאראלישע; מעהר פון אלע נביאים, מעהר פון אלע אמת-טרעגער, האט ירמיהו אויך פאקטישע צרות פון זיינע אידעען-געגנער איבערגעטראגען. דער מלך, די שרים, די כהנים, דאס פאלק — אלע, אלע האבען איהם אינערבארעמליך פערפאלגט און נישט איין מאל איז ער שוין געוועזען אין די נעגעל פונ'ם טוידט צוליעב זיין געטליכען אייפער און צוליעב זיין פאלקס-ליעבע און נאר מיט נסים איז ער גערעטעט געווארען.

איינמאל האט ירמיהו אבגעהאלטען איינע פון זיינע פייערדיגע רעדעס אויף דעם הויף פון בית-המקדש; זיינע צוהערערס זענען ביז דער העכסטער שטופע אויפגערעגט געווארען. א גאנצע מענגע פון כהנים און פאלשע נביאים האט ארומגערינגעלט דעם נביא און געשריען: „דו מוזט געטוידט ווערען דערפאר, וואס דו האסט געזאגט, אז דער „היכל" פון ירושלים וועט אויך אזוי חרוב ווערען, ווי דער היכל אין שילה!" אויף א פלאץ פאר'ן בית-המקדש האט זיך צונויפגעקליבען א גאנצער עולם פון איינפאכע לייט. עס איז א גרויסער טומעל געווארען. אויף דעם טומעל זענען אנגעלאפען איינינע שרים פון קעניגליכען הויף; צווישען זיי האט זיך איינגעפונען אויך אחיקם, דער זוהן פון יאשיהו'ס פרומען קאנצלער שפן. ביי די טויערען פון בית המקדש האט מען באלד צונויפגערופען די „זקנים" (עלטסטע, ריכטער) צו משפט'ען דעם בעשולדיגטען נביא. די צבועדיגע כהנים און די פאלשע נביאים האבען געפאדערט, אז מען זאל ירמיהו'ן מיט'ן טוידט בעשטראפען פאר זיינע רעוואלוציאנערע רעדעס. ירמיהו האט דרייסט געענטפערט, ווענדענדיג זיך צו די שרים און צום המו'ן: יהוה האט מיר געהייסען רעדען דאס אלץ, וואס איהר האט געהערט. פערריכט אייערע מעשים, פאלגט אייער גאט, וועט ער אויסמיידען דאס שלעכטס, וואס ער האט אויף אייך פערטראכט. איצט בין איך אין אייערע הענד, איהר קאנט מיט מיר טהון, וואס אייך געפעהלט. נאר וויסען זאלט איהר וויסען, אז

אויב איהר טוידטעט מיר, דאן נעהמט איהר אויף אייך און אויף דער שטאדט און אויף איהרע בעזיצער דעם זינד פון אונשולדיג פערגאסען בלוט. ווייל ווירקליך האט מיר גאט געשיקט צו אייך, צו זאגען אייך די אלע ווערטער״. די מיינונגען פון די זקנים זענען זיך פונאנדערגעגאנגען וועגען ירמיהו׳ס פערברעכען; פיעל האבען געפאדערט איהם צו משפט׳ען אלס מורד, דערפאר וואס ער בונטעוועט דעם פאלק געגען מלך און געגען דעם בית־המקדש, און ער איז נצול געווארען נאר א דאנק די איינינע גוטע פריינד זיינע צווישען די שרים, איבערהויפט פון אחיקם בן שפן. — דאס איז נאר איינער פון די פיעל ביישפיעלען, וועלכע ווייזען די גאסט־פארכטיג־פערדעטערישע בעציהונגען צו ירמיהו׳ן פון זיינע פאלשע אי־דעען־געגנער. ביים נביא האט נישט שטענדיג געקלעקט געדולד איבער־צוטראגען דאס אלץ גלייכגילטיג; אפטמאל פאלט ער צו צו זיין גרויסען אלמעכטיגען גאט און זוכט ביי איהם הילף, פאדערט נקמה. דאן קלינגען שרעקליך זיינע ווערטער:

„פערנעהם גאט מיין שטים און הער צו די רייד פון מיינע פיינד. בע־צאהלט מען דען שלעכטס אנשטאט גוטס? ווארום גראבען זיי גריבער מיין לעבען צו פאנגען? געדענק, ווען איך בין געשטאנען פאר די צו בעטען פאר זיי, איינצושטילען דיין צארן איבער זיי! דעריבער ערניעדריג זיי הורכ׳ן שווערד, זאלען זייערע פרויען בלייבען אלמנות און זייערע קינדער זאל מאטערען דער הונגער. זאל פון זייערע היזער א געשריי זיך לאזען הערען, זאל אויף זיי א פלוצלינגער אונגליק אויסברעכען... דו, גאט, ווייסט דאך, אז זייערע געדאנקען וועגען מיר זענען נאר צו טוידטען — פערגיעב זיי נישט זייער זינד און זייער פערברעכען זאלסטו נישט אבמעקען!...״

דער שיקזאל האט פאר ירמיהו׳ן אבער צוגעגרייט נאך א פיעל גרע־סערען און שווערערען נסיון, ווי די, וואס ער האט ביז איצט איבערגעלעבט. ס׳איז געקומען דער מאמענט, ווען יהודה האט געמוזט ריכטיג ערקלערען איהרע בעציהונגען צו די גרויסע מהפכות, וואס זענען פארגעקומען אין דער פאדערשטער אזיען, ביי וועלכע זי, יהודה, האט ביז איצט געשפיעלט א פאסיווע ראליע, איבערגעהענדיג פון איין פראטעקטאראט צום אנדערען. ירמיהו׳ן איז אויך אויסגעקומען זיינע טעארעטישע אנשויאונגען אויסצונוצען אין דער פראקטיק; ער האט געמוזט זיין נבואה צוזאמענבינדען מיט דער פאליטיק. מען מוז אבער זיין ריעזיג־גרויס אום אזוי שטארק צו גלויבען אין זיך, אום צו ארבייטען און לעבען לויט די איינענע טעארעטישע

מינוטען מיט אַ אונגעוועהנליכער קאָנסעקווענץ, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען חורבן פון דעם אייגענעם לאַנד! וויפיעל ירמיהו האָט פריהער נישט געליטען פאַר זיינע אַרויסגעזאָגטע השקפות איז עס נאָך אַלץ נישט קיין פערגלייך מיט דעם, וואָס ער האָט נאָכהער געליטען, ווען ער האָט געמוזט, אין צוזאַמענהאַנג מיט זיי, אַרויסזאָגען און פּראַקטיקליכען זיינע בעציהונגען צו דעם פּאָליטישען מאָמענט, אָן וועלכען עס איז אָבהענגיג געווען דאָס זיין און נישט-זיין פון זיין פאָלק!

אין די ערשטע יאָהרען פון יהויקים'ס הערשונג איז איינגעצאָגען פאַנאַנדערגעפאַלען די מאָנאַרכיע פון אשור. די מדיים (מדי) און די בבליים (בבל) האָבען צושטערט איהר פּראַכטפאָלע הויפּטשטאָדט נינוה און איהר לעצטער מלך סרדנפול — ווי די גריכישע לעגענדע דערצעהלט — איז אומגעקומען אין דעם פייער פון זיין אייגענעם פּאַלאַץ. דער נביא נחום האלקשי שילדערט אַזוי די מפּלה פון דער דעספּאָטישער רעגירונג:

„עס האָט זיך אויף דיר נינוה, אַהויב געטהון דער משה'ית. מען היט די פעסטונג, בעוואַך די וועגען, גורט אָן די לענדען, האַמעל קרעפטען! דער פּאַנצער פון דעם פיינד איז פערבלוטיגט, זיין היל איז אין רויטען געקליידעט, אויף די גאַסען פליהען פלינק די רייטוועגען, זיי דונערען איבער די פּלעצער בלישצענדיג ווי אַ פייער, פינקלענדיג ווי אַ בליץ. דער קריגס-האַר פון נינוה רופט זיין העלדישען היל, נאָר זיי ווערען געשטרויכעלט אין גאַנג, איילענדיג זיך צו די שטאָדט-מויערען, צוגרייטענדיג זיך צו דער פערטיידיגונג. די טייך-טויערען ווערען געעפענט, דאַן פאַלד אַ שרעק אויפ'ן קעניגליכען הויף... אַלע ליפען: — „שטעהט, שטעהט!" — עס קעהרט זיך קיינער נישט אום. רויבט זילבער, רויבט גאָלד, ווייל אונענדליך זענען די אוצרות פון נינוה!... צוראַבירט, רואינירט און ערליידיגט איז זי שוין! יעדעם האַרץ איז צוגאַנגען, יעדע קניע איז געבויגען, אין די לענדען אַ ציטערניש, און יעדעם געזיכט איז שוואַרץ, ווי אַ געברענטער טאָפּ. וואו איז איצט די, וועלכע איז געווען פערערכענט אַלס אַ לייבען-הייל, אַלס אַ טיגערן-שטייג?... די זון איז אויפגעגאַנגען און די זון איז אונטערגעגאַנגען — און נינוה איז פערשוואונדען געוואָרען. זיי שלאָפען, דיינע קריגס-אָנפיהרער, מלך פון אשור, זיי רוהען, דיינע העלדען, דיין פאָלק איז איבער די בערג פערשפּרייט (צולאָפען) און קיינער וועט איהם שוין נישט צוריק צונויפזאַמלען. ס'איז קיין לינדערונג נישטאָ צו דיין בראָך, דיין פּלאָג איז האָפנונגלאָז; וועמען דיין נאַכריכט בעגעגענט, פרעהט יענער זיך אויף דיר; דען וועמען האָט

דיין אכזריות נישט אָנגעגריפען!..."

די בעזיגער האָבען צווישען זיך אַזוי צוטיילט די מלוכה פון אַשור, אַז די מדיים האָבען בעקומען די צפון-און מזרח-געגענדען און די בבלים — דעם דרום-טייל פון מעסאָפּאָטאַמיען (שנער) און סוריה (די געוועזענע ארם). צוליעב דעם האָט געמוזט ענדליך אויסברעכען אַ מלחמה צווישען בבל, וועלכע האָט זיך גערעכענט פאַר דעם געזעצליכען יורש פון סוריא, און מצרים, וועלכע האָט די זעלביגע פּראָווינץ מיט אַ קורצע צייט פריהער פערהאַפט און בעהערשט. צו יענער צייט איז געשטאָרבען דער מלך פון בבל, נבו־פלאסר, און איהם האָט גע'ירש'ענט זיין העלדישער זוהן נבוכדנצר. דער לעצטער האָט ערקלערט פרעה נכה פון מצרים אַ מלחמה. דאָס ענטשלאָסענע געשלעג איז פאָרגעקומען ביי דער שטאָדט כרכמיש, ביים טייך פרת, און האָט זיך געענדיגט מיט אַ פאָלשטענדיגער מפּלה פון מצרים. סוריה איז געבליעבען אונטער דער ממשלה פון בבל. נבוכדנצר האָט אָבער געוואָלט, אַז ארץ־ישראל זאָל אויך איבער זיך אָנערקענען זיין אויטאָריטעט, אַזוי ווי זי האָט אַמאָל אָנערקענט דעם אויטאָריטעט פון אַשור, וועלכע איז איצט אונטערטעניג געווען דער מלוכה פון בבל. דאָס איז פאַר יהודה געווען זעהר שווער, וואָרום אויב זי איז די לעצטע יאָהרען געווען מעהר אָדער וועניגער אָבהייניג פון מצרים, איז דאָך די אָבהייניגקייט געווען נאָר אַ פאָרמעלע, ווייל מצרים איז צו ווייט געווען פון יהודה, אום צו קאָנען שטענדיג האַלטען אין דער מורא דאָס יודישע לאַנד. בבל האָט שוין אָבער דאַן געשטרעבט צו הערען די גאַנצע הערשערין איבער איהרע אַלע שכנישע פעלקער אין דער פאָרדערשטער אַזיען. אין ירושלים האָט זיך דאַן אויסגעבילדעט אַ פּאַרטיי פון קריעגס-געשטימטע פּאַטריאָטען, וועלכע האָבען געפאָדערט אַן אַקטיווען ווידערשטאַנד געגען דעם מלך פון בבל. צו די דאָזיגע אָנהייגער פון קאַמפף פאַר אונאָבהייניגקייט האָט אויך געהערט דער קעניגליכער הויף, וועלכער האָט געהאָפט אויף דער שטיצע פון מצרים געגען נייעם אַלגעמיינעם פיינד. די ווירקליכע פאָלקס-פריינד, די נביאים, מיט ירמיה'ן אַן דער שפּיץ, האָבען אָבער נישט מסכים געווען צו דער דאָזיגער פּאַרטיי און זיי האָבען געבילדעט אַ פריעדענס-פּאַרטיי. ירמיהו האָט פאָראויסגעזעהן, אַז דאָ האַנדעלט זיך נישט בלויז וועגען אָנערקענען די הערשאַפט פון בבל איבער פּאַלעסטינאַ, נאָר אַז דאָ שטעהט פאַר אַן אַלגעמיינע פּאָליטישע איבערקעהרעניש, וואָס וועט אַרומנעהמען די גאַנצע פאָדערשטע אַזיען; די איבערקעהרעניש איז נישט קיין צופעליגע, זי

איז פאַרבערייטעט דורך אַ גאַנצע רייהע היסטאָרישע אורזאַכען, וועלכע האָבען געבראַכט די שכניש׳ע פעלקער צו דער קולטורעלער ענטוויקלונג (וואָס דער נביא רופט אָן אויף זיין שפּראַך „די זינדיגקייט“), און דער קליינער יהודה וועט זיך בשום אופן נישט איינגעבען אָבצושטעלען אָדער אַנ־אַנדער ווענדונג צו געבען דעם דאָזיגען פּאָליטישען פּראָצעס. יעדער ווידערשטאַנד איז געפעהרליך, ווייל דער היסטאָרישער לויף־גאַנג וועט נישט שוינען יענעם לאַנד, וועלכעס וועט איהם אין וועג שטעהן; דאָס פאָלק אָבער, וועלכעס וועט זיך אונטערגעבען דעם אַלגעמיינעם שיקזאַל, וועט אמת שטעלען זיין זעלבסטשטענדיגקייט אין קאָן, דערפאַר אָבער וועט עס זיין עקזיסטענץ ראַטעווען. דאָס פאָלק מוז זיך אויך דערום בעשליסען אויף דער אונטערוואָרפענקייט, ווייל זי איז אייגענטליך נאָר אַ צייטווייליגע און נישט קיין דויערהאַפטיגע. ווען אַ שטורם ברויזט פונאַנדער דעם ים הויבען זיך גיך אויף אין דער הויך רוישענדע כוואַליעס, זיי פאַלען אָבער אויך גיך אַרונטער. אין דעם פּאָליטישען כאָאָס הויקען זיך גיך אַרויס פעלקער, זיי ווערען אָבער אויך גיך פערשוואונדען. ירמיהו, וועלכער האָט פאָראויסגעזען, די ערהויבונג פון בבל, האָט אויך געזעהן איהר נאָהנטע מפּלה — און ער האָט דערום געוואָרענט זיין פאָלק נישט צו שטעלען זיין קיום אין געפאַהר צוליעב דער צייטווייליגער אונטערטעניגקייט. שוין נאָר דאָס אַליין, וואָס די הויף־לייט, די אָנהייגער פון מלחמה, האָבען געהאָפט אויף דער הילף פון מצרים, די פיינדין פון בבל — האָט געמוזט אָבשטויסען פון זיך די נביאים, וועלכע זענען פון אייביג אָן געווען געגען פּאָליטישע פעראייניגונגען מיט פרעמדע פעלקער, און בפרט מיט מצרים, וואָס האָט אַזוי פיעל מאָל שוין געדאַט אָבגענאַרט די האָפנונגען פון יהודה, און וואָס האָט דרום בעקומען דעם נאָמען — „די שטיצע פון אַ צובראָכענעם שטעקען“. —

צווישען ירמיהו און דער הויף־פּאַרטיי האָט זיך אָנגעהויבען אַן אומגעהויערער קאַמפּף. געגען איהם זענען אַרויסגעשטעלט געוואָרען שווערע בעשולדיגונגען. זיינע געגנער האָבען איהם ערקלעהרט פאַר אַ פאָלקס־פיינד, פאַר אַ פאָלקס־פערראַטער. דער המון האָט אין דעם גאַנץ לייכט געגלויבט: דער נביא האָט דאָך אָפען געזאָגט, מען זאָל זיך דעם שונא אונטערגעבען אָהן קיין שום מלחמה, ווען די פּאַטריאָטען האָבען געפּעדט וועגען ראַטעווען דאָס לאַנד דורך מסירות־נפש!... ירמיהו האָט אויף אַזאַ אופן מיט זיין פּאָליטיק געגען זיך אויפגעבראַכט נישט נאָר די הויף פּאַרטיי, דעם מלך און די שרים, נאָר אויך דאָס גאַנצע פאָלק. זיין

אייגענע שטעדטעל ענתות, וואו ער איז געבוירען געוואָרען, וואו ער איז אויפגעהאָדעוועט געוואָרען, האָט זיך צו איהם בעצויגען ווי צו אַ מורד. די שנאה פון פאָלק צו איהם האָט ירמיהו'ן געקרייגקט פיעל מעהר אין די רדיפות, וואָס ער איז ביז איצט אויסגעשטאַנען פאַר זיין געטליכער מיסיע (שליחות).

„וועה איז מיר, מוטער, וואָס דו האָסט מיר געבוירען, אַ מענש פון קריעג און בעלייריגונג בין איך פאַר דאָס גאַנצע לאַנד. איך מאָהן ביי קיינעם און קיינער האָט ביי מיר נישט צו מאָהנען און אַלע שילטען מיר״!

ביי אַזאַ אַלגעמיינעם אונצופריעדענהייט, האָט דער נביא געמוזט בעזיצען אַן אונגעהויער שטאַרקען כאַראַקטער און אַ אונגעוועהנליכע דרייסטקייט אָהן-אויפהער און טאָג-טעגליך איבערצוחזר'ן זיין התראה, וועלכע קאָן איינגענטליך אויסגעדריקט ווערען אין די פאָלגענדע ווערטער:

דער, וואָס וועט בלייבען זיצען אין שטאָדט, נישט וועלענדיג זיך אונטערגעבען צום פיינד, וועט געטוידט ווערען דורכ'ן שווערד, דורכ'ן הונגער און דורך דער מגפה; ווער עס וועט אָבער אַרויסגעהן צו כשדים (כאַלדעער, בבליים), יענער וועט לעבען בלייבען!״ — דערווייל אָבער האָט דער דאָזיגע פאָליטישער ווידערשפרוך צווישען די שרים און דעם נביא נאָר געטראָגען אַ טעאָרעטישען כאַראַקטער. די כשדים האָבען זיך נאָך נישט אָנגעפערטיגט אין סוריא, און אַרום ירושלים איז נאָך דערווייל געוועזען רוהיג. צום זיעבעטען יאָהר פון יהויקים'ס מלוכה איז אָבער די פראַגע וועגען דער בעציהונג צו בבל שוין אַוועקגעשטעלט געוואָרען אין איהר גאַנצער היסטאָרישער שטרענגקייט און האַרבקייט. האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזען, אַז די הייסע הויף-פּאַטריאָטען זענען נאָר געווען רייך אין ווערטער און זעהר אָרעם אין טהאַטען. נישט זיי, די שרים, וועלכע האָבען נאָר געדענקט צו וויגען דעם מאַרך פון פאָלק, און נישט יהויקים, דער דעספּאָט, וועלכער האָט זיך געזאָרגט נאָר פאַר זיינע פּראַכטפאָלע פּאַלאַצען, זענען געווען פאָרבערייטעט צו אַן ערנסטער מלחמה. מיר געפינען נישט אין תנ״ך קיין זכר פון וועלכע ס'איז סטראַטעגישע אונטערנעהמונגען, וואָס יהויקים זאָל האָבען פאָרבערייטעט, אום צו פערפעסטיגען דאָס לאַנד אויף דעם פאַל פון אַ געפאַהר. די גאַנצע האָפנונג זייערע איז, וואַהרשיינליך, געווען אויף מצרים, נאָר די לעצטע האָט געהאַט פאַר זיך צו זאָרגען. און ביי דעם ערשטען אָנפאַל פון נבוכדנצר האָט יהויקים זיך אונטערגעגעבען און ערקלערט זיך פאַר אַבהייניג פון בבל (600). אַזוי איז דער-

ווייל צום גרויסען טרויער פון יהודה, מקוים געוואָרען די ערשטע נבואה פון ירמיהו:

אין איין יאָהר דריי אַרום האָט ביי יהויקים'ן פון דאָסניי אויפגעוואַכט אין האַרצען די שטרעבונג צו זעלבסטשטענדיגקייט. אָבער אויך דאָסמאָל האָט ער נישט געמיינט זיך צו שטיצען אויף זיינע אינערליכע קרעפטען — דאָס איינציגע נבואה־פּראָגראַם — נאָר בלויז אויף דער אויסערליכער פּאָליטיק. מצרים האָט נאָך אַלץ נישט געוואָלט אַנערקענען איהר מפּלה בנוגע צו דער פאָדערשטער אַזיען און זי האָט אַרויסגעשטעלט אַ נייעם חיל געגען בבל. צו יענער צייט האָט אויסגעבראָכען אַ מלחמה אויך צווישען די כשדים און די צורים (פיניצער). יהויקים האָט געוואָלט אויסנוצען די שווערע צייט פאַר נבוכדנצר, כדי צו באַפרייען יהודה. ירמיהו האָט ווייטער געוואָרענט דעם פאָלק, עס זאָל זיך נישט שפּיעלען אין פּאָליטיק. ער האָט נביאות געזאָגט, אַז מצרים און צור וועלען קיין תקומה נישט האָבען און נבוכדנצר וועט זיך שרעקליך נוקם זיין אָן יהודה פאַר דעם פערראַט. דער נביא איז ווייטער אויסגעלאַכט געוואָרען. נאָר יהויקים האָט אויף דאָס לאַנד אַנאומגליק געבראַכט מיט זיין ראַשיגען שריט. נאָכדעם, ווי ער האָט אַ צווייטען מאָל פערטריבען מצרים פון אַזיען און באַשטראָפט די פיניצער, האָט נבוכדנצר זיך איבערגערוקט מיט זיין חיל צו די גרענעצען פון יהודה. אין דער צייט פון דעם דאָזיגען אָנפאַל איז יהויקים געשטאָרבען און דאָס פאָלק האָט געקרוינט פאַר אַ מלך זיין אַכטצעהן־יעהריגען זוהן יהויכין אָדער יכניהו (597). די ממשלה איבערן לאַנד האָט אָבער צוגענומען אין איהרע הענד די מוטער פון דעם יונגען מלך — נחושתא, און אַלץ האָט זיך דערוויל געפיהרט, ווי פאַר דעם פערשטאָרבענעם יהויקים'ן. די נייע ממשלה האָט נישט לאַנג געדויערט — בסך הכל דריי מאָנאַטען איז יהויכין אויף זיין פאָטערס טראָהן געזעסען. „נבוכדנצר האָט דערוויל בעוויזען אַריינצורייסען זיך אין לאַנד, צו פערכאַפּען פיעל שטעדט און צו צוטרעטען צו דער בעלאַגערונג פון ירושלים. דאַן האָט שוין דער קעניג און זיין מוטער אויך פערשטאַנען, אַז די הויפּשטאָדט וועט נישט קאָנען געגענשטעהן געגען דער ריזען־קראַפט פון די בבליים. יהויכין און זיין מוטער האָבען אַלזאָ בעשלאָסען זיך אונטערצוגעבען און אין דער בעגלייטונג פון די אָנגעזעהענסטע הויפלייט זענען זיי געקומען אין דעם בבל־לאַגער פערזענליך אויסצודריקען דעם קעניג נבוכדנצר זייער אונטערטעניגקייט, אום צו פערגיטיגען זיין צאָרן. דער שטאָלצער בעזיגער איז אָבער ווייכער נישט געוואָרען. ער האָט געהייסען פערהאַלטען יהויכינ'ען

און זיין מוטער און זיי אוועקשיקען קיין בבל אין געפענגעניש. צוזאמען מיט זיי האט נבוכדנצר פערטריבען קיין בבל פיעל פארשטעהער פון די יודישע אריסטאקראטישע פאמיליעס, פיעל כהנים און געוועהר-מייסטערס, וועלכע זענען געוועזען געגען דער בבלי'שער מאכט. לויט דער מסורה, האט די צאהל פון די פערטריבענע דערגרייכט ביז אמאן צעהנטויזענד. אויסער דעם האט נבוכדנצר פערנומען פיעל געלד און פיעל זילבער פון בית־המקדש און פון קעניג-פאלאץ. אויף אזא אופן האט ירושלים מיט איין מאל פערלוירען איהרע אנגעזעהענסטע לייט און א גרויסען טייל פון איהרע רייכטימער".

די צווייטע התראה פון ירמיהו איז ווייטער מקיים געווארען. דאס עם אבער דאן שוין אנגעלערנט די אנהייגער פון דעם איבעראיילטען און נישט בעגרינדעטען פאטריאטיזם? —

נבוכדנצר האט ארויפגעזעצט אויפ'ן טראן יאשיהו'ס יונגסטען זוהן, יהויקים'ס ברודער — צדקיהו'ן (597—586). און — וועה! — דאס איז געוועזען דער לעצטער מלך אין ירושלים! די עלף יאהר פון זיין הערשען צייכנען זיך אויס מיט דער שטארקסטער אינערליכער אויפרעגונג, מיט מהומות און טומלענישען אין יהודה. אין אנהויב האט ער געשווארען טריי צו דיענען נבוכדנצר'ן, נאר זייענדיג פון דער נאטור א מענש מיט א שוואכען כאראקטער, האט ער זיך נישט געקאנט האלטען ביי איין ריכטונג אין דער פאליטיק. ער האט זיך געבויגען אויף דער זייט פון יעדער פארטיי, וועלכע איז אין דעם מאמענט שטארקער געוועזען. די בעפעלקערונג פון יהודה האט אויך אין אנהויב כלומר'שט געדולדיג געטראגען אויף זיך דעם פרעמדען יאך, נאר די הויפלייט האבען אין דער שטיל פון דאסניי געבונטעוועט דעם פאלק. נאטירליך, איז אין דעם אינערליכען לעבען פון לאנד נישט פארגעקומען אזוינס, וואס זאל קאנען עדות זאגען אויף דעם, אז דאס פאלק איז מעכטיגער, ווי פריהער, געווארען, כדי צו קאנען בעזיעגען זיין גרויזאמען פיינד, און איבערהויפט גובר צו זיין די פריהערדיגע סימפטאמען פון דער גייסטיגער ענטארטונג. דער אויפגערעגטער פאטריאטישער גייסט האט דעם פאלק נישט אויפגעהויבען פון דעם נידריגען צושטאנד, אין וועלכען עס האט זיך געפונען, און אין דער זעלביגער צייט, ווען עס האט זיך געגרייט צו קעמפפען געגען דעם כאלדעאישען (בבלי'שען) פאליטישען יאך האט עס זיך אליין מיט'ן גוטען ווילען אונטערגעווארפען אונטער'ן דרוק פון דער כאלדעאישער קולטור. דאס געצענדינערי פון בבל, און די אסטראלאגישע אבערגלויבעריי'ען האבען זיך אין לאנד גיך פערשפרייט

צווישען מיט די גרעסטע תאוות, מיט וועלכע עס האבען זיך אויסגעצייכענט די איינוואהנער פון דער מדינה, וואס אויפ'ן טייך פרת. ירמיהו'ן האט דער דאזיגער אומשטאנד נאך מעהר איבערצייגט, אז דער חורבן פון לאנד איז נאהענט און ער האט ווידער גענומען מזהיר זיין, אז דאס פאלק זאל זיך בעסער צו זיין גאט און צו זיין תורה אומקעהרען, אנשטאט צו פערנעהמען זיך מיט געפעהרליכער פאליטיק. די האפנונג פון די הויף־לייט האט זיך אבער געשטארקט דורך דעם, וואס אין דער פאדערשטער אזיען האבען פון דאסניי די אונטערדריקטע פעלקער זיך אויפגעבונטעוועט און געוואלט צונויפשטעלען א פאליטישען בונד געגען דעם אלגע־מיינעם פיינד, געגען די בבלים. די פעראייניגטע פעלקער האבען געשיקט שלוחים קיין ירושלים, וועלכע זענען געווארען פריינדליך אויפגענומען דורך די קריעגס־געשטימטע הויפ־לייט. דאן איז אבער געקומען ירמיהו צו צדקיהו'ן און די שרים און זיי מתרה געווען, זיי זאלען זיך נישט לאזען אנריידען צו א פעררעטעריי געגען נבוכדנצר'ן. „דינט דעם מלך פון בבל, הארום זאל די דאזיגע שטאדט וויסט ווערען?“ — און צו די פרעמדע שלוחים האט ער געזאגט פאלגענדעס:

„אזוי האט גאט געזאגט צו מיר: מאך דיר שטריק און שטאנגען און הענג עס אן אויף דיין האלז. און די זאלסט שיקען צום מלך פון אדום, צום מלך פון מואב, צום מלך פון עמון, צום מלך פון צור, צום מלך פון צידון דורך די שלוחים, וואס זענען געקומען קיין ירושלים צו צדקיהו'ן דעם מלך פון יהודה און די זאלסט זיי הייסען זאגען זייערע הארען: אזוי האט געזאגט גאט דער אלמעכטיגער פון ישראל: אזוי זאלט איהר צו אייערע הארען זאגען: איך האב די וועלט בעשאפען, דעם מענשען, די בהמות און אלץ, וואס אויף דער ערד געפינט זיך, מיט מיין גרויסער קראפט און מיט מיין אויסגעשטרעקטען ארעם — און איך קאן איהר איבערגעבען יענעם, ווער מיר איז געפעלען. איצט האב איך אלע לענדער איבערגעבען אין די הענד פון מיין קנעכט נבוכדנצר, דעם מלך פון בבל — עס זאלען איהם זאגאר די חיות פון פעלד געהארכזאם זיין; אלע פעלקער מוזען איהם דינען, — איהם און זיין זוהן און זיין איניקעל — ביז וואנען זיין טערמין וועט זיך ענדיגען און זיין לאנד וועט פאלען. און יענעם פאלק, און יענעם קעניגרייך, וועלכעס וועט נישט וועלען דינען איהם, נבוכדנצר'ן, און וועלכער עס וועט נישט וועלען איינלעגען זיין האלז אין דעם יאך פון מלך־בבל — יענעם וועל איך שטראפען מיט'ן שווערד, מיט הונגער און מיט פעסט — זאגט גאט — ביז וואנען

איך וועל איהם אונטערברענגען —"..

דאָס מאָל האָט ירמיהו געווירקט אויפ'ן מלך פון יהודה און ער איז נישט צוגעשטאַנען צו דער קאָאַליציע פון די שכנות'דיגע פעלקער. און ווען אַרום האָט זיך געגרייט אַ מרידה געגען בבל, איז צדקיהו אַליין געפאָהרען צו נבוכדנצר'ן, איהם אויסצודריקען זיין טרייע דיענערשאַפט.

די פּאַטריאָטישע פּאַרטיי האָט זיך אָבער נישט בערוהיגט. געגען ירמיהו'ן האָט זי אַרויסגעשטעלט אַ גאַנצע רייהע פון „פאַלשע נביאים", וועלכע האָבען דאָך גערופען דעם פאָלק צו מלחמה. זיי האָבען פערזיכערט דעם פאָלק אין זיין נצחון און אָנשטאָט די פינסטערע רעזולטאַטען, וואָס ירמיהו האָט פאָרגעזאָגט, האָבען זיי, די „פאַלשע נביאים", אין נאָמען פון גאָט, נביאות געזאָגט, אַז די מלחמה וועט נאָר גליק ברייגנען דעם לאַנד. ירמיהו'ס קאַמפּף איז אַלץ שווערער געוואָרען צוליעב דעם, וואָס דורך די פאַלשע נביאות איז פראָוואָצירט געוואָרען גאָט'ס וואָרט. ער האָט געמוזט זיך אָבצוימען פון די נישט גערופענע שליחים פון גאָט און ער האָט גערופען דאָס פאָלק צו פערשטעהן פון וועמעס מויל עס רעדט דער הייליגער אמת און ווער עס ווערט נאָר דורך בעטרוג בעגייסטערט:

„גאָט זאָגט: איך האָב געהערט, וואָס עס ריידען אין מיין נאָמען די נביאים פון פאַלשקייט: „איך האָב אַ חלום געזעהן"! ביז וואַנען וועלען זיי עס אַזוי נביאות זאָגען, די נביאים פון פאַלשקייט און די נביאים פון פערראַט, וועלכע מיינען צו מאַכען פערגעסען ביים פאָלק מיין נאָמען דורך זייערע חלומות, אַזוי ווי זייערע פאָרגעגנגער האָבען געמאַכט פערגעסען מיין נאָמען דורכ'ן בעל! דער נביא, וועלכער האָט אַ חלום, זאָל ער דערצעהלען אַ חלום, און דער נביא, וועלכער בעזיצט מיין וואָרט, יענער זאָל זאָגען מיין וואָרט. וואָרום זאָל דאָס שטרוי זיך מישען מיט די תבואה? — אַזוי זאָגט גאָט. איז דאָך מיין וואָרט צו פייער געגליכען — זאָגט גאָט — און אַזוי, ווי אַ האַמער צושמעטערט עס דעם פעלזען-שטיין. דערום — זאָגט גאָט — וועל איך זיך רעכענען מיט די נביאים, וועלכע גנב'נען מיינע רייד איינער פון דעם צווייטען! איך וועל זיך רעכענען מיט די נביאים — זאָגט גאָט — וועלכע נעהמען זייער צונג און זאָגען זייער זאָגעכטס! איך וועל זיך רעכענען מיט די נביאים פון פאַלשע חלומות — זאָגט גאָט — וואָס זיי דערצעהלען מיין פאָלק און פערפיהרען איהם מיט זייערע ליגענס און מיט זייער צוללאָזענקייט, דאַן ווען איך האָב זיי נישט געשיקט, ווען איך האָב זיי נישט געהייסען!"...

ירמיהו'ס ווירקונג ווערט אָבער דאָך אַלץ שוואַכער. דאָס פאָלק איז

אַלץ מעהר דורכגעדרונגען געוואָרען מיט דער אַגיטאַציע פון די פּאַטריאָטען; עס האָט נישט געקאָנט גלייכגילטיג פערטראָגען דעם פרעמדען יאָך אין לאַנד, ווי אויך צו זעהן, ווי די בעריהמטעסטע זיהן זיינע ווערען געפּייניגט אין דער פרעמד, אין בבל, וואו זיי זענען פערטריבען געוואָרען צוזאַמען מיט יהויכינ'ען. פון דאָרטען פלעגען קומען בקשות נאָך הילף. ירמיהו האָט די פערטריבענע געפרובט טרייסטען דורך בריעף און הייסען צו געדולד ביז דער רחמנות פון גאָט וועט ערוועקט ווערען. ער האָט זיי געראַטען צו בעטען גאָט פאַר דעם וואָהלשטאַנד פון לאַנד, וואו זיי וואָהנען, "ווייל דורך דעם וועט זיי אויך גוט זיין" — דאָס איז אויך געווען די מיינונג פון נביא יחזקאל בן־בוזי, וועלכער האָט זיך געפונען צווישען די פערטריבענע אין בבל. — די פּאַטריאָטען האָבען אָבער געפּלאַנט אַנ-אַלגעמיינעם אויפשטאַנד, ווי צווישען די אונטערטעניגסטע אין יהודה אַזוי אויך צווישען די פערטריבענע אין בבל. די שפּאַנונג אין לאַנד איז אַלץ געוואַקסען. דאָס פאָלק איז אַלץ ענטשלאָסענער געוואָרען. דער לעצטער בלוטיגער שריט איז שוין געוואָרען אוממערמיידליך.

און ס'איז ענדליך געשעהן. די מלחמה, אין וועלכער דאָס פאָלק האָט בעשלאָסען אָדער צו שטאַרבען אָדער צו זיגען, האָט אויסגעבראָכען. אויפ'ן אַכטען יאָהר, צייט צדקיהו איז מלך געוואָרען האָט דער נייער פּרעה חפרע פון מצרים זיך געגרייט צו בעגיינען די לאַנגיאָהריגע מלחמה מיט נבוכדנצר צוליעב דער הערשאַפט איבער סוריא. צו דער זעלביגער צייט איז דעם מלך פון בבל אויסגעקומען ווייטער צו בערוהיגען די אויפגעבונטעוועטע פיניציאַנישע געגענדען צור און צידון. צדקיהו האָט געמוזט מסכים זיין צו די פאָדערונגען פון דער פּאַטריאָטישער פּאַרטיי און ער האָט ערקלערט יהודה פון דאָסניי פאַר אַ זעלבסטשטענדיגען לאַנד, וואָס איז נישט אָבהיינגיג פון בבל, רעכענענדיג דעם דאָזיגען מאָמענט פאַר זעהר אַ גינסטיגען צו אַזאַ שריט. ,,ווען נבוכדנאצר האָט זיך דערוואוסט פון דעם אויפשטאַנד אין יהודה איז ער געוואָרען זעהר אויפגערעגט. ער האָט זיך דאַן געפונען מיט זיין הויפּט-לאַגער אין רבלה. פון דאָרטען האָט ער געשיקט אַ גרויסען חיל קיין יהודה מיט אַ פעראָג הרוב צו מאַכען ביזן גרונד דאָס צובונטעוועטע לאַנד. דער בבלישער חיל האָט זיך אַריינגעריסען אין יהודה, איינגענומען פיעל שטעדט און פעסטונגען, געראַבירט און פער-חאַפט אין געפענגעניש פיעל איינוואָהנער. די מאַסען זענען פון דער פּראָווינץ געלאָפען קיין ירושלים, וואו עס איז שוין אַזוי אויך געגוג ענג געווען. אַ דאַנק איהרע בערג און פעסטונגס-געביידען האָט זיך די הויפּט-

שטאָדט געקענט פֿאַר זיכער, װי אַנדערע פּונקטען — און די בעפֿעל־קערונג האָט בעשלאָסען זיך צו פֿערטיידיגען ביז דער לעצטער מעגליכקײט.

װינטער אין צעהנטען טבֿת (עשׂרה בטבֿת) אַרום 587-טען יאָהר האָט נבֿוכדנאצר'ס אַרמעע בעלאַגערט ירושלים און האָט אַנגעשאָטען הויכע װאַלען, פֿון װאַנען צו באָמבאַרדירען די שטאָדטישע װאַנט. די אײנװאָהנער פֿון ירושלים האָבען זיך גענומען פֿאַר'ן געװעהר. דער יהודישער חיל האָט העלדיש זיך געװעהרט געגען דעם שונא. שוין אַ גאַנץ יאָהר איז אַװעק צײַט די בעלאַגערונג האָט זיך אָנגעהויבען, נאָר ירושלים האָט נאָך נישט געדענקט זיך אונטערצוגעבען. דער הונגער האָט שוין גענומען שאַרפֿען זײַנע שפּיציגע צעהן, די אײנװאָהנער פֿון דער הויפּטשטאָדט האָבען אָבער בײַם לעבען נישט געװאָלט שענקען זייער פֿרײַהײַט אומזיסט. ירמיהו האָט נישט אויפֿגעהערט זײַנע נבֿיאות צו זאָגען. איהם איז דאָס פֿאָלק טײַערער געװען פֿון דעם נאַצ יאָנאַלען שטאָלץ. ער האָט דאַרום אין רעכטען מלחמה־ברען געפֿאָדערט מען זאָל אַװעקלעגען דאָס געװעהר און שלום מאַכען מיט'ן פֿײַנד, װעלכער װעט, לויט דער טיעפֿער איבערצײַגונג פֿון נבֿיא, ענדליך דאָך מנצח זײַן! — נאָר דאָ איז פּלוצלונג אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז פּרעה חפֿרע געהט מיט זײַן אַרמעע אַנצופֿאַלען אויף נבֿוכדנאצר'ן. די בבֿלים האָבען זיך געאײַלט צו פֿערלאָזען ירושלים און זענען אַװעק געגען די מצרים. די בעפֿעלקערונג פֿון ירושלים האָט זיך זעהר געפֿרעהט װעהרענדיג אין דעם דעם אָנפֿאַנג פֿון זייער נצחון. אײנער נאָר איז געבליבען נישט גערירט פֿון דער איבערראשענדער בשׂורה — דאָס איז געװען ירמיהו. מיט דער טיעפֿסטער איבערצײַגונג אין דער ריכטיגקײט פֿון זײַן שיטה האָט ער געענטפֿערט דעם מלך'ס שלוחים, װעלכע האָבען איהם געפֿרעגט זײַן מײנונג װעגען דעם גאַנג פֿון די קינפֿטיגע פּאַסירונגען:

„פּרעה'ס חיל װעט זיך נאָך אומקעהרען צוריק אין זייער לאַנד קיין מצרים, דאַן קומען פֿון דאָסניי די כּשׂדים און בעלאַגערען די שטאָדט, געהמען איהר אײַן און צינדען איהר אונטער. דען אַזוי האָט גאָט געזאָגט: איהר זאָלט אײַך נישט אײַנרעדען: „די כּשׂדים װעלען פֿון אונז אָבטרעטען" — זיי װעלען נישט אַװעקגעהן! און אויב זאָגאַר איהר װעט דעם גאַנצען חיל פֿון בבֿל אויסערגיענען און עס װעט פֿון איהם נאָר איבערבלײַבען דערשטאָכענע מענשען — דאָך װעט יעדער פֿון זײַן אָרט אויפֿשטעהן און פֿערברענען די דאָזיגע שטאָדט אין פֿײַער". —

שרעקליך קלינגען די דאָזיגע װערטער. אַזאַ זיכערהײַט בעזיצט נאָר

דער מענש, וועלכער קאן הערן זיין בעגאבטען הייליגען גייסט אריינדריניגען אין דער געזעצליכער לאגיק פון דער היסטארישער צוקונפט. די פאטריאטען האבען דאס אבער נישט געקענט בעגרייפען און זיי האבען חושד געווען, אז ירמיהו איז אונטערגעקויפט פון די כשדים. און ווען ער האט געוואלט פערלאזען ירושלים, נאכדעם ווי די כשדים האבען פערלאזען די שטאדט, און געהען בעטראכטען די פראווינצען, וואס האבען געליטען פונים שונא, האבען די שרים געזאגט, אז ירמיהו וויל אריבערגעהן צום פיינדליכען לאגער. דער מלך צדקיהו איז געצוואונגען געווען, געגען זיין אייגענעם ווילען און געגען זיין איבערצייגונג, צו פערזעצען ירמיהו'ן אין תפיסה. דארטען איז ער פיעל עגויים אויסגעשטאנען, ער האט אבער זיינע רייד נישט געביטען און ווען דער מלך האט צו איהם געשיקט פון דאסניי פרעגען אין דער שטיל וועגען דער צוקונפט פון יהודה, האט ער ווידערהאלט זיין שטענדיגע התראה: „דו וועסט אריינפאלען אין די הענד פון מלך בבל!"

דערווייל האט זיך די לאגע ווייטער געביטען אין ירושלים און — נישט צום גוטען. עס האט ווירקליך פאסירט, ווי ירמיהו האט פארויסגעזעהן. די בבלים האבען צוקלאפט די ארמעע פון מצרים און בענייט די בעלאגערונג פון ירושלים. דער שטורם פון שונא איז אלץ שרעקליכער געווארען און אלץ שווערער איז געווארען די פערטיידיגונג פון שטאדט. ירמיהו האט פון דער תפיסה ארויסגעזאגט זיינע נביאות וועגען דער שוידערהאפטער צוקונפט פון זיין פאלק, אויב עס וועט זיך נישט אונטערגעבען בעציימענס. די שרים האבען געפאדערט פון צדקיהו'ן, אז דער נביא זאל געטויטעט ווערען, „ווייל ער מאכט אבהענגיג דעם חיל און דאס פאלק מיט זיינע ווערטער; דער דאזיגער מענש ווינשט נישט דעם פריעדען פון לאנד, נאר זיין אונגליק!" — דער מלך האט געענטפערט: „ער איז דאך אין אייערע הענד, איך קאן געגען אייער פערלאנג גארנישט טהון!" — דאן ווערט ירמיהו אריינגעווארפען אין א ליים־גרוב, וואו ער האט געזאלט פערזינקען ווערען לעבעדיגערהייד. נאר איינער פון די הויף־קנעכט, א כושי, האט בעציימענס מיט דער ערלויבניש פון מלך אין דער שטיל ארויסגעראטעוועט דעם געטליכען מאן; דאך איז ביי איהם אבגענומען געווארען די פרייהייט און ער האט זיך די גאנצע צייט פון מלחמה געפונען אונטער דער וואך פונים מלך'ס הויף...

טאג פאר טאג איז דערווייל אין ירושלים אלץ גרעסער געווארען די מהומה. דאס ברויט איז אלץ געמינערט געווארען אין דער פולגעפאקטער הויפטשטאדט. צוזאמען מיט'ן הונגער האט זיך אין שטאדט א מגפה אנ־

געהויבען. אויף דעם שטאָדט-מויער זענען די זעלנער אָהן א צאָהל געפאַלען דורך די פייַלען פון דעם אונגעהויער גרויסען און מעכטיגען שונא, און די הייַזער זענען מענשען געשטאָרבען פון הונגער און פעסט. מענער און פרויען האָבען געבלאָנדזשעט, ווי שאָטענס, איבער די גאַסען, פאַרלענדיג און אָהנמאַכט; קינדער פלעגען וויינען: עסען, ברויט! אײדעלע מוטערס האָבען געקאָכט דאָס פלייש פון זייערע ליעבע, פון-הונגער-אויסגעגאַנגענע קינדער, אום צו דערהאַלטען דאָס לעבען. דער אויסגעמאַטערטער חיל האָט שוין נישט געקאָנט מיט דער פריהערדיגער דרייסטקייט פערטיידיגען די פעסטונגען. ענדליך אין חודש תמוז פון 586-טען יאָהר האָבען די בבלים דורכגעהאַקט אין איין אָרט די שטאָדט-וואַנט און זיך אַרייַנגעריסען אין ירושלים. דאַן האָט זיך אָנגעהויבען א וולאַכט: דער אויפגערייצטער חיל האָט געטוידט וועמען ער האָט נאָר אין וועג בעגעגענט, נישט שוינענדיג נישט קיין פרויען און נישט קיין קינדער. צוזאַמען מיט די בבלים האָבען זיך אין שטאָדט אַרייַנגעריסען פיעל רויבער-באַנדען פון דער שכנישער אדום, וועלכע זענען אַמאָל געווען אונטערטעניג יהודה און האָבען איצט געראַבירט און געהרגעט די אײנוואָהנער. דער מלך צדקיהו מיט אײניגע שרים און דיענער זענען בייַנאַכט ענטלאָפען פון דער הויפטשטאָדט מיטן וועג צום ירדן, נאָר אַרום יריחו האָבען זיי געכאַפּט די בבלישע רייטער און געבראַכט לעבעדיגערהייד פאַר נבוכדנאצר אין זיין הויפט-קוואַרטיר רבלה. דער מלך פון בבל האָט געלאָזט פאַר צדקיהו'ס אויגען אויסקוילענען זיינע זיהן, נאָכדעם האָט ער איהם אויסגעשטאָכען די אויגען און א געשמידטען אין קייטען, געלאָזט אַוועקפיהרען קיין בבל.

דערמיט האָט זיך אָבער דער דעספּאָט נישט בעגנוגענט. נבוכדנאצר האָט געשיקט נבוזראדנ'ען אינגאַנצען צו פערניכטען ירושלים. דער אכזריות'דיגער קריעגס-מאַן איז אָנגעקומען אין דער הויפטשטאָדט פון יהודה, צוגענומען אַלע אוצרות פון בית-המקדש, אַלע טייַערע הייליגע כלים פון גאָלד און פון זילבער און פון קופער און עס אַוועקגעשיקט אין זיין פאַטערלאַנד. דעם זיבעטען טאָג פון חודש אב האָט ער די שטאָדט אונטערגעצונדען, דעם נייַנטען טאָג האָט דער פייַער פערכאַפּט דעם בית-המקדש, וואָס האָט עקזיסטירט אַזוי פיעל צעהנדליגער יאָהרען — פון שלמה-המלך אָן. די לעבען געבליבענע אײנוואָהנער פון ירושלים האָט ער אין געפענגעניש פערזעצט. דעם כהן גדול שריה, זיין געהילף (סגן) צפניה מיט נאָך פיעל גרויסע שרים האָט ער אָבגעשיקט קיין רבלה, וואו זיי זענען געטוידט געוואָרען אין דער אַנוועזענהייט פון נבוכדנאצר. די איבעריגע

געפאנגענע, וועלכע האבען איבערהויפט אנגעהערט צו די העכערע, רייכערע קלאסען, זענען פערטריבען געווארען קיין בבל. אזוי איז ירושלים חרוב געווארען, אזוי איז דער בית-המקדש צושטערט געווארען. אזוי איז דוד המלך׳ס טראן אונטערגעגאנגען. דער השגחה איז נויטיג געווען, אז ירמיהו׳ס נביאות זאלען אינגאנצען מקוים ווערען, עס זאל זאגאר דאס מינדעסטע ניט פערפעהלט ווערען!

ירמיה׳ן אליין איז אויך אין אנהויב אויסגעקומען צו פערזוכען דעם טעם פון גלות. ווען נבוזראדן האט איהם געפונען אין דעם קעניגליכען הויף האט ער איהם, ווי ס׳שיינט, פאר א שר פערדרעכענט און צווישען די איבעריגע האט ער איהם אויך אין קייטען געשמידט און קיין בבל געטריבען. דער נביא, וועלכער איז אזוי שטרענג געווען צו זיין פאלק, כל זמן ער האט איהם געמיינט צו ראטעווען, האט זיך ארויסגעוויזען ווי א ליעבהארציגע מוטער, ווען די קלאג האט שוין אויסגעבראכען. ער בעגלייט זיין פערטריבענעם פאלק מיט א הימעל-רייסענדען יאמער:

„מיינע אויגען רינען אויס פון טרעהרען, מיינע געדערים זענען פערשרומפען, מיין לעבער שפייט איך אויס צו דער ערדד אויף דעם בראך פון מיין פאלק!״...

לויט א פערזאג פון נבוכדנאצר האט מען ירמיה׳ן אין מיטען וועג בעפרייט פון די קייטען, אזוי ווי ס׳איז קלאר געווארען, אז ער איז פון שטענדיג געווען געגען דער מלחמה מיט בבל; איהם איז פארגעלעגט געווארען צו בעזעצען זיך אין בבל, וואו ס׳וועט איהם אפגעגעבען ווערען פיעל עהרע און גרויסקייט; דער נביא האט זיך אבער ניט געוואלט בענוצען מיט דער טובה פון פיינד, און ער האט געבעטען ערלויבניש צו קעהרען זיך צוריק קיין ארץ-ישראל, וואו עס זענען נאך איבערגעבליבען אין דער פראווינץ מעהר אדער ווייניגער יודען פון די ארימערע קלאסען; ירמיהו האט געוואלט ראטעווען האטש דאס ארימע רעשטעל. און ווען ער איז צוריק אין דער פערוויסטער ירושלים געקומען, איז ער אויף די חורבות געפאלען און שרעקליכע קנות האבען זיך פון זיין הארצען ארויסגעריסען:

אֵיכָה יָשְׁבָה בָדָד הָעִיר רַבָּתִי עָם — — —

„ווי איינזאם איז געבליבען די שטאדט, וועלכע האט אזא גרויסע בעפעלקערונג געהאט״ —

א צובראכענעם הארץ, וועלכע איז פערברענט פון צער און פון צארן, בארט זיך אין די דאזיגע אייביגע קנות פון ירמיהו, אין דעם דאזיגען קוואל פון בלוטיגע, אונענדליכע טרעהרען. שוין טויזענדער

יאָהרען בעקלאָגט דאָס יודישע פאָלק יאָהר־יעהרליך זיין חורבן מיט די שרעקליכע קנות פון זיין גרויסען „מקונן". ווען דאָס אונגליק האָט פאַסירט, האָט דאָס פאָלק ענדליך פערשטאַנען, אַז אינים האַרצען פון דעם דאָזיגען שטרענגען נביא איז געווען מעהר ליעבע און איבערגעבענהייט צו איהם, ווי אין די הערצער פון די איבעריגע גוטע פריינד זיינע, וועלכע האָבען איהם כלומרש'ן געגלעט דעם קאָפּ. און וויפיעל אינערליכע ליידען האָט דער דאָזיגער ווירקליכער פּאַטריאָט געמוזט איבערטראָגען, ווען ער האָט געמוזט נביאות־זאָגען, אַז דאָס פאָלק זאָל מיט'ן גוטען ווילען איבערגעבען זיין היילינגען לאַנד אין פרעמדע הענד!... — צו שפּעט אָבער האָט'ס דאָס פאָלק פערשטאַנען!

נאָכ'ן חורבן פון ירושלים איז נאָך אין די פּראָווינצען פון ארץ ישראל געבליעבען אַ קליינע טייל יהודים פון די אָרימסטע קלאַסען. נבוכדנאצר האָט איבער זיי בעשטימט פאַר אַ שר גדליהו־בן־אחיקם'ן, וועלכער איז געווען באַקאַנט אַלס נאָהענטער פריינד פון ירמיהו'ן און אָנהענגער פון דער פריעדענ'ס־פּאַרטיי. ירמיהו איז אויך געבליעבען צווישען די דאָזיגע אָרימע און געפאַלענע. ער האָט געהאָפט, אַז מיט דער צייט וועט דער דאָזיגער קליינער הייפעל פון דאָסניי גרויס ווערען און דאָס יודישע פאָלק וועט דורך זיי אויפלעבען. די פערטריבענע וועלען זיך נאָך פיהלען דורך די דאָזיגע פערעמליך צוגעבונדען צו זייער היילינגען לאַנד און פון זייערע גלות־לענדער וועלען זיי פון דאָסניי שטרעבען צו ארץ ישראל. און ווירקליך האָבען זיך גענומען צוריקקעהרען אין זייער פאָטערלאַנד די יעניגע פּראָווינץ־יודען, וועלכע זענען נאָך פאַר'ן חורבן צולאָפען פון זייערע שטעדט אין די שכנות'דיגע לענדער, ווי אדום, מואב און אַנדערע, בעהאַלטענדיג זיך פון דער כשדי'ישער אַרמעע. די צוריקגעקומענע האָט ירמיהו געטרייסט און ער האָט זיי אויפגעמונטערט צו בעלעבען דאָס לאַנד, ווי פריהער, צו אַקערען, צו זייען און צו שניידען. צו דעם יאָך פון בבל האָט ער זיי געראָטען זיך צו פערהאַלטען געדולדיג, וואָרום דאָס וועט ניט לאַנג נאָך דויערען. חורב'ן חורבן און דורכ'ן גלות זענען די זינד פונם פאָלק און פונם לאַנד געלייטערט געוואָרען און גאָר אין גיכען וועט די באַרימהערציגקייט פון גאָט זיך ערוועקען איבער זיין איינציגער אומה.

ירמיהו'ס האָפנונגען האָבען זיך אָבער לײדער אויסגעלאָזען זעהר טרויריג. אין אַ קורצע צייט אַרום האָט דער מלך פון עמון שטילערהייד אונטערגעשיקט אַ באַנדע מערדערס קיין ארץ ישראל צו הרג'ענען דעם יודישען פערטרעטער גדליהו בן־אחיקם'ן. אָן דער שפּיץ פון דער באַנדע

איז געשטאַנען אַ יוד, ישמעאל בן־נתניה, וועלכער האָט געשטאַמט פֿון דער קעניגליכער פֿאַמיליע פֿון ירושלים. איהם האָט, ווי ס'שיינט, פֿערדראָ־סען די אָרימע גדולה פֿון גדליהו בן־אחיקם׳ן און ער האָט זיך בעשלאָסען דורכצופֿיהרען דעם פֿערברעכערישען פּלאַן. יוחנן בן קרח, אַ יודישער העלד און אַ נאָהענטער פֿריינד פֿון גדליהו, האָט מזהיר געוועזען דעם לעצטען, ער זאָל פֿאָרזיכטיג זיין אין דער בעציהונג צו ישמעאל בן־נתניה. האָט אָבער ער פֿרומער גדליהו געגלויבט אין די גוטע רייד פֿון דעם מערדער און האָט זיך פֿערהאַלטען צו איהם, ווי צו אַ גוטען פֿריינד. אין חודש תשרי זאָל דאָס האָבען פּאַסירט: ישמעאל בן־נתניה האָט ווירקליך גע־טוידט דעם אָנפֿיהרער. זיין באַנדע ווייטער האָט אויסגעקוילעט פֿיעל יודען און פֿיעל האָבען זיי פֿערכאַפּט אין געפֿענגעניש. די דאָזיגע לעצטע שחיטה איז פֿאָרגעקומען אין מצפה, וואו גדליהו האָט זיך בעזעצט און וואו ער האָט אַנ׳אהל פֿאַר גאָט אויפֿגעשטעלט. יוחנן בן־קרח, איז שוין אין מצפה נישט געוועזען, וואָס דאָס אונגליק האָט געטראָפֿען; אויפֿ׳ן צווייטען טאָג האָט ער זיך דערפֿון דערוואוסט. דאַן האָט ער צונויפֿגעזאַמעלט אַ חברה און ער האָט נאָכגעיאָגט ישמעאל׳ן און זיין באַנדע. יוחנן האָט געלונגען אָבצונעהמען די געפֿאַנגענע און צו נוקם זיין זיך אָן די מערדער; דעם אָנ־פֿיהרער האָט ער שוין אָבער נישט געכאַפּט: ישמעאל מיט נאָך אַכט מאַן האָבען בעוויזען צו ענטלויפֿען קיין עמון.

פֿינסטער איז געוועזען די לאַגע פֿון יוחנן און פֿון די, וועלכע זענען מיט איהם געבליעבען. אויסער דעם וואָס זיי זענען אַזוי שוטצלאָז געבליע־בען צווישען די אַרומיגע רויבער־פֿעלקער, האָבען זיי נאָך זיך געשראָקען, אַז נבוכדנאצר וועט זיך אָן זיי נוקם זיין פֿאַר גדליהו׳ס טוידט, זעלב־שטענדיג, אַז דאָס האָבען די יודען בכיון געטהון. זיי האָבען בעשלאָסען פֿערלאָזען די חורבות פֿון זייער פֿאָטערלאַנד און געהן זוכען אַ זיכערען פּלאַץ. זייער אויג האָט זיך אָבגעשטעלט אויף מצרים, אַלס דאָס נאָהענטס־טע רייכע קולטורעלע לאַנד, וועלכע איז געוועזען מיט יהודה שטענדיג אין מעהר אָדער וועניגער פֿריינדליכע בעציהונגען. ירמיהו׳ן איז געוועזען זעהר שווער צו זעהן, ווי דאָס לעצטע קניפּעל צווישען געטליכען פֿאָלק און געטליכען לאַנד ווערט פֿונאַנדערגעריסען. ער האָט געפּרובט בע־רוהיגען דעם איבערגעשראָקענעם טעראָריזירטען המון און אין דעם נאָמען פֿון גאָט האָט ער געזאָגט:

„אויב איהר וועט בלייבען זיצען אין דעם דאָזיגען לאַנד, וועל איך אייך פֿון דאַנען אויפֿבויען און וועל שוין מעהר אייך נישט צושטערען,

און איך וועל אייך פון דאסניי פערפלאנצען און וועל שוין מעהר אייך נישט אויסרייסען, דען מיר פערדריסט אויף דאס אונגליק, וואס איך האב אויף אייך געבראכט! און פאר דעם מלך פון בבל, פאר וועמען איהר האט מורא, זאלט איהר זיך נישט שרעקען — זאגט גאט — וויל איך בין מיט אייך צו העלפען אייך און צו ראטעווען פון זיינע הענד"...

אומזיסט אבער זענען געווען די רייד פון דעם נביא. דער המון האט בשום אופן נישט געוואלט בלייבען אונטער דעם פחד פון נבוכדנאצר'ס דעספאטישען שווערד. און די לעצטע פריי־געבליבענע יהודים האבען זייער פאטערלאנד פערלאזען.

ווי מיט טויזענדער יאהר צוריק, ווען די יודען האבען אין מדבר געוואנדערט, האבען זיי איצט זיך פון דאסניי אבגעריסען פון זייער באדען און געבלאנדזעט איבער די מדבריות פון אזיען, זיך צו זוכען אן־ארט אויף א ווײלע. ירמיהו האט מיט זיינע אויגען צוגעזעהן, ווי ס'איז פערלאשען געווארען דער לעצטער פונק פון דער יודישער מלוכה. ער אליין איז אבער אויך אין דעם וויסטען לאנד נישט געבליבען. דאס לעבעדיגע פאלק איז איהם וויכטיגער, ליעבער געווען פון דער צוטראטענער ערד. ער האט געוואוסט, אז זיין גייסטיגע הילף איז נויטיג ביי די פערטריבענע, גאט'ס ווארט איז נויטיג ביי די פערייתומ'טע, ביי די פערוואגעלטע. ער האט גענומען וואנדערען איבער די גלות־לענדער, בעזוכען זיינע ברידער, טרייסטען זיי, שטראפען זיי. אין מצרים האט איבערהויפט געשטעקט א געפאהר פאר'ן יודענטהום, עס זאל נישט פערשלונגען ווערען אין דער הויכער קולטור פון די עגיפטער. ירמיהו איז דארטען געקומען מזהיר צו זיין די יודישע פערוואגעלטע; זיי זאלען אין דער פרעמד אן זייער גאט נישט פערגעסען. ביי די פערטריבענע אין בבל האט ער געוועקט די שטרעבונג זיך צו קעהרען צו זייער לאנד און געלערנט זיי האפען אויף דער גיכער הילף פון גאט. אין דעם נאמען פון דער נבואה האט ער זיי מבשר געווען, אז אין קורצען וועט בבל ליידען א גרויסע מפלה פון פרס; דאן וועלען די יודען בעפרייט ווערען און ירושלים וועט אבגעבויט ווערען.

די טהעטיגקייט פון ירמיהו הנביא נאכ'ן חורבן איז געווען אונגעהויער וויכטיג. ער האט נישט געלאזען דאס צווייטע פאלק זאל פונאנדערפאלען. דורך גאט'ס ווארט האט ער צוזאמענגעבונדען די יודישע קינדער נאכדעם, ווי זיי האבען פערלוירען די קאנקרעטע נאציאנאלע פארמען, — דאס לאנד, דעם בית־המקדש, דעם טראן. און דאמאלס ערשט האבען זיך אנגעהויבען וויזען די זאנגען פון יענע קערנער, וועלכע די נביאים האבען נישט

אויפגעהערט די גאַנצע צייט צו פערזעצען אין די יודישע הערצער. דוקא נאָכ'ן חורבן פון בית־המקדש האָבען די יודען גענומען בעגרייפען זייער אַבסטראַקטען גאָט, דוקא נאָך דעם חורבן פון דער מלוכה האָבען זיי גענומען פיהלען זייער אַבסטראַקטען נאַציאָנאַלען־וועזען, דוקא נאָך דעם חורבן פון לאַנד האָבען זיי אָנגעהויבען משיג צו זיין די אַבסטראַקטע קדושה פון „ארץ־ישראל". אָט דער דאָזיגער ריינער, אַבסטראַקטער בעגריף פון גאָט, נאַציע און לאַנד האָט פעראייניגט די אַלע פערטריבענע און פערוואָגעלטע יודען פון אַלע לענדער. אַלע הערצער זענען געווען פעסט צונויפגעקניפּט צוזאַמען, און דאָס האָט זיי געגעבען דאָס רעכט צו האָפען אויף אַנ'אויסלעזונג, אויף אַ גאולה. — ירמיהו הנביא האָט די גאולה פאָרגעבעטען דורכדעם, וואָס ער האָט שטענדיג געוועקט ביי זיינע פערוואָגעלטע ברידער די שטרעבונג צו איהר. ער אַליין האָט אָבער נישט דערלעבט, די אויסלעזונג פון זיין פאָלק מיט זיינע אויגען צו זעהן. ער האָט זאָגאַר נישט זוכה געווען אומצוקעהרען זיך צו זיין געליעבטען לאַנד. אין גלות איז דער אַלטער נביא געשטאָרבען צווישען זיינע פעריאָגטע ברידער, אין טיעפען טרויער אויף דער אונגליקליכער פערגאַנגענהייט און מיט אַ אונענדליכען גלויבען אין אַ בעסערער צוקונפט. זיינע לעצטע ווערטער זענען געווענדעט צו די פערטריבענע אין בבל:

„ענטלויפט פון בבל, ראַטעוועט יעדערער זיין אייגענעם נפש, איהר זאָלט נישט פערדאַמט ווערען צוליעב איהרע זינד. עס קומט אָן די צייט פון דער געטליכער נקמה; גאָט צאָהלט בבל לויט איהרע פערדיענסטען!

ענדע פון ערשטען טייל.

דער צווייטער פעריאד.

ערשטעס קאפיטעל.

די גלות־עפאכע און דער צוריקקעהר קיין ארץ־ישראל.

די פאָרזאָגונג פון די נביאים ישעיה, ירמיהו און אז. וו., אַז פון גאַנצען פאָלק יהודה (יודענטהום) וועט נאָר אַ קליין רעשטעל בלייבען, איז, צום אונגליק, מקוים געוואָרען. זעהר אונבעדייטענד איז דאָס איבערגעבליבענע הייפעל געווען. פון די פיער מיליאָן, וועלכע האָבען אין דוד׳ס צייטען געבילדעט די בעפעלקערונג פון די צוועלף שבטים איז אויף דעם חלק פון יהודה און בנימין אויסגעקומען אַ מיליאָן נפשות, און אין דעם משך פון די שפּעטערדיגע דורות — פאַר די לעצטע פיער הונדערט יאָהר — איז די בעפעלקערונג נאָך פיעל גרעסער געוואָרען. דער חורבן האָט אָבער פיעל, פיעל פערטיליגט. הונדערטער טויזענדער זענען פערניכטעט געוואָרען דורכ׳ן שווערד, דורך הונגער און פעסט. אַ גרויסער טייל איז פערטריבען געוואָרען אין בבל; קלענערע גרופּעס האָבען זיך בעזעצט אין מצרים, אַנדערע — אין מדי, אין פיניציע. און וויפיעל זענען פערקויפט געוואָרען פאַר שקלאַפען אין גריכענלאַנד! אויף אַזאַ אופן זענען זעהר ווענינ יהודים (יודען—אידען) געבליבען. ווי אַזוי זשע האָט געזאָלט ערפילט ווערען דער אַנדערער טייל פון די נביאים׳ס פאָרזאָגונגען, אַז ישראל וועט קיינמאָל נישט אונטערגעהן? ווי אַזוי האָט דער דאָזיגער איבערגעבליבענער קליינער הייפעל, וועלכער איז געווען שוואַך קערפּערליך און גייסטיג, וועלכער איז געווען דורכגעדרונגען מיט ליידען און גלות, — ווי אַזוי האָט ער געזאָלט קענען זיך האַלטען, ווי אַזוי ער געזאָלט קענען בייסטעהן אויף לאַנג? דוכט זיך, אַז דאָס דאָזיגע רעשטעל יודען האָט גאַנץ געשווינד געדאַרפט און געמוזט כלה־ווערען אין דער פרעמד. דאָך איז עס נ׳ט אונטערגעגאַנגען, נאָר, פּונ־

קעהרט, זיך נאך ערהויבען פון דער שפלות און דערלעבט צייטען פון הערליכען גלאנץ, וואס עס קאן, אהן א שום צווייפעל, גערעכענט ווערען פאר נישט קיין קליינעם וואונדער!

נבוכדנאצר איז געווען גענוג ווייך זיך בעגאנגען מיט די פערטריבענע אין בבל. אין גרונד איז ער נישט געווען ערנליך צו די ווילדע זיגער פאר איהם און נאך איהם, וועלכע פלעגען, אויס דעם ענגען נקמה-געפיהל, ברענגען דעם בעזיעגטען פיינד ביז צו פאלשטענדיגער קראפטלאזיגקייט, אדער זיי פלעגען להלוטין איהם פערניכטען, ווי אנ'אונטערגעשאסענעם פויגעל. דעם מלך פון בבל איז דאס שאפען און דאס בויען אויך אזוי נאהענט צום הארצען, ווי דאס ערקעמפפען. ער האט געשטרעבט זיין מלוכה צו בעפעלקערען, צו מאכען עס רייך און גרויס. צו דער הויפטשטאדט בבל האט ער צוגעבויט א נייעם טייל ביים מזרח-זייט פון טייך פרת און האט עס ארום און ארום פערבויט מיט א וואנד, וואס האט געהאלטען רינגס-ארום אנ'ערך פון 56 קילאמעטער. אזא ריעזיגע שטאדט, אויב זי וויל נישט ענליך זיין צו א מדבר, מוז דאך בעזיצען א גרויסע בעפעלקערונג. ער האט דארום פאר די יודישע פערטריבענע, ווי אויך פאר די פערטריבענע פון די איבעריגע לענדער, אבגעגעבען פלאץ צום וואהנען אינעווייניג אין שטאדט, ארויסווייזענדיג דערביי זיין בעזונדערען גענאד צו די, וועלכע האבען זיך מיט'ן גוטען ווילען איבערגעגעבען אין זיין רשות אין דער צייט פון דער מלחמה. דער חסד פון מלך האט ביז אזוי ווייט דערגרייכט, אז גאנצע פאמיליעס און איינוואהנערס פון די שטעדט אין יהודה און בנימין צוזאמען מיט זייערע קרובים און קנעכט זענען איינע פון די אנדערע נישט אבגעריסען געווארען און האבען אין גלות אויך געלעבט צוזאמען. די פון ירושלים פערטריבענע פרינצען, וועלכע פלעגען אנגערופען ווערען דוד'ס-זיהן, האבען געבילדעט א בעסט פערקניפעלטע גרופע פון מענשען מיט אלגעמיינע אינטערעסען. די מיוחס'דיגע משפחות האבען זיך אין גלות געפיהלט ווי אין דערהיים. זאגאר די שפראך, וואס האט אין בבל געהערשט, האט זיי דערמאהנט אן זייער פאטערלאנד, זייענדיג זעהר ענליך צו דער העברעאישער שפראך, און די יודישע אריסטאקראטיע, אויב זי האט אפילו פאר'ן גלות אויף איהר נישט גערעדט, האט זי איהר אלענפאלס גוט פערשטאנען.

די מיוחס'דיגע פאמיליעס האבען אין אנפאנג פעסט געשטיצט זייער נאציאנאלען פערבאנד, ווייל אזוי ווי די איבעריגע פערטריבענע האבען זיי אויך געווארט אויף א גליקליכען צופאל, וועלכער וועט זיי ארויסרייסען פון געפענגעניש און זיי צוריקקעהרען צו דער פריהערדיגער ממשלה. נאר

די דאָזיגע אַריסטאָקראַטען האָבען זיך ווייניג וואָס אָבגעלעהרנט פון דער מאָים'דיגער שטראָף, וואָס גאָט האָט אויף זיי אָנגעשיקט, און געניסענדיג פון נבוכדנאצר'ס גענאָד, האָבען זיי די דאָזיגע גנעדיגקייט נישט געוואָלט אַרויסווייזען אין דער בעציהונג צו זייערע אייגענע שוואַכערע און אָרימערע ברידער; און צוליעב דעם האָבען זיי דער אַלגעמיינער נאַציאָנאַלער אויפלעבונגס-שטרעבונג נישט נאָר קיין נוצען נישט געבראַכט, נאָר, פערקעהרט נאָך פיעל געשטערט. גאוה און אכזריות — דאָס האָט ביי זיי אין האַרצען טיעפע וואָרצלען געלאָזען.

צום גליק איז די צוקונפט פון דעם יודישען פאָלק נישט אָבהענגיג געווען פון די דאָזיגע שטאָלצע און פערדאָרבענע יחסנים. די בעסערע פאָלק'סעלעמענטען, וועלכע זענען אויך אין געפענגעניש אַריינגעפאַלען, און וועלכע זענען געווען טיעף דורכגעדרונגען מיט דער פעלזען-שטאַרקער האָפנונג און מיט'ן גלויבען אין גאָט'ס באַרימהערציגקייט, אַז ער וועט נישט לאָזען זיין פאָלק ישראל אונטערגעהן, — זיי זענען געווען דער גרונד, אויף וועלכען עס האָט ענדליך געמוזט זיך אויסבויען די יודישע צוקונפט. זיי האָבען מיט זיך אין גלות געבראַכט זייער צווייטעס פאָטערלאַנד — זייערע גייסטיגע קולטורעלע אוצרות, די רייכסטע זאַמלונג פון די היילינע שעפּפונגען פון דעם יודישען גייסט. צווישען די דאָזיגע פערטריבענע האָבען זיך אַיינגעפונען די כהנים פון צדוק'ס הויזגעזינד, וועלכעס האָט זיך אין דעם פערלויף פון זיין פיעל-הונדערט-יאָהריגער עקזיסטענץ זיך קיינמאָל נישט פערשמוצט מיט דער שענדליכער געצענדיענעריי. אָט די דאָזיגע כהנים האָבען מיט זיך מיטגענומען אין גלות דעם „חומש", וועלכער האָט זיי געוויזען דעם וועג צו אַ היילינען לעבען, צו וואָס זיי האָבען אַליין געשטרעבט און אַנדערע געלערנט צו שטרעבען. ווייטער האָבען זיך צווישען זיי געפונען די לויים, די פערפאַסער און דיכטער פון „תהלים", וועלכע האָבען מיט זיך מיטגעבראַכט אין גלות זאַמלונגען פון לויב-מזמורים און תפלות. צו די כהנים און לויים זענען צוגעשטאַנען די ענוים, די נאָכפאָלגער פון די נביאים, וועלכע האָבען טיעף אין האַרצען געטראָגען די אידעאַלען פון זייערע גרויסע לעהרער און געשטרעבט זיי צו פערווירקליכען אין לעבען. זיי האָבען מיט זיך מיטגענומען די פיעלע און פערשיעדענע רעדען פון די נביאים, היסטאָרישע ספרים און די מאָראַלישע פערפאַסונגען פון פערשיעדענע יודישע חכמים. זיי אַלע האָבען געשעפּט דעם העכערען, געטליכען אמת פון דעם דאָזיגען רייכען גייסטיגען אוצר, אין וועלכען זיי האָבען זיך וואָס ווייטער אַלץ מעהר פערטיעפט, און עס אַנדערע אויך געלערנט. די ערנידערונג פון דעם

אמאליגען נאציאנאלען יודישען שטאלץ און די גרויסע יסורים פון גלות האבען אין זיי פערפעסטיגט די איבערצייגונג, אז אלע טרייסט-רייד פון די נביאים מוזען מקוים ווערען, פונקט אזוי ווי עס זענען מקוים געווארען זייערע רייה וועגען גאט'ס-שטראף. די קאנקרעטע נאציאנאלע רייכטימער זענען פערלוירען געגאנגען, געבליבען איז נאר דאס גייסטיגע, אבסטראקטע, וואס מען האט נישט געקאנט אבנעהמען, און דאס האט גוט פערהיט און פערטיידיגט דער קליינער, נאר בעוואוסטזיניגער גלות-קהלה. זייענדיג אבגעריסען פון דער מלוכה, האט זי זיך געשטיצט אויף דער כהונה, אין דעם ריין אבסטראקטען זין פונ'ם ווארט; זייענדיג פערשטויסען פון דער טעריטאריע, האט זי זיך באזירט אויף דער גייסטיג-קולטורעלער אויטאנאמיע.

די פערטריבענע האבען געשעפט זייערע ערהויבענע בעגריפען און זייער נאציאנאלע וועלט-אנשויאונג פון די היליגע ספרים, וואס זיי האבען מיט זיך מיטגעבראכט פון זייער פאטערלאנד; דער ערשטער גלות, דער גלות-בבל, האט אבער זוכה געוועזען אויך צום לעבעדיגען ווארט פון גאט; ער האט זיינע אייגענע נביאים געשאפען. איינער פון זיי איז געוועזען דער געטליכער יחזקאל בן-בוזי, דער עלטסטער אין דעם דאזיגען דור.

יחזקאל האט געשטאמט פון א מיוחס'דיגער משפחה פון כהנים אין ירושלים. געוואהנט האט ער אויף דעם טייך כבר, וועלכער פאלט אריין אין פרת, צווישען די פערטריבענע פון יהויכינ'ס צייט (אין 597-טען יאהר). זייענדיג אבגעריסען פונ'ם פאטערלאנד אין דער צייט, ווען ירושלים איז נאך נישט וויסט געווארען און דער בית-המקדש האט נאך עקזיסטירט, האט ער דאך זיך נישט געוואלט איינרעדען, ווי זיינע איבעריגע ברידער, אז יהודה וועט מנצח זיין אין דער מלחמה מיט'ן מעכטיגסטען נבוכדנאצר. צוערשט האט ער, צווישען די פאליטישע פאטריאטען, וועלכע זענען פערטריבען געווארען קיין בבל, פערנומען די זעלביגע פאזיציע, וואס ירמיהו האט פערנומען צווישען זייערע אנהענגער אין יהודה. די ערשטע רעדען פון יחזקאל, וועלכע געהערען צו דעם צעהנדליג יאהרען, וואס צווישען דעם גלות-יהויכין און דעם חורבן-ירושלים, טראגען דארום א כאראקטער פון שטראף-רייד, פון מוסר. דער נביא צושטערט אהן רחמנות די אילוזיעס פון זיינע ברידער און טענה'ט אהן אויפהער, אז ירושלים מוז און וועט אין גיכען חרוב ווערען צוליעב די זינד פונ'ם פאלק. אין דער מרידה, וואס צדקיהו האט פערקלערט געגען בבל, האט ער געזעהן נישט קיין נאציאנאלען העלדענטהאט, נאר אן אנ'אוננוצליכען פערראט געגען נבוכדנאצר'ן און א געפערליכען שריט פאר דער מלוכה פון יהודה. פאראויסזעהענדיג די אונפער-

מיידליכע קאטאסטראפע, האט יחזקאל געוואלט פארבערייטען צו איהר זיינע ברידער אין גלות, אבצוווענדען זיי פון דער פרוכטלאזער פאליטיק־מאכערי און ארויסרופען ביי זיי א התעוררות פון גייסטיגער ענערגיע, וועלכע זאל זיי געבען כהות אריבערצוטראגען דעם פארשטעהענדען קלאפ. ווען דאס אונגליק האט אבער ענדליך אויסגעבראכען און די ידיעה וועגען דעם האט געבראכט די פערטריבענע צו א פינסטערער פערצווייפלונג, האט דער נביא אומגעביטען דעם טאן און דעם אינהאלט פון זיינע רעדען. ער האט אויפגעהערט צו שטראפען און צו שרעקען, און אנגעהויבען צו מונטערען און צו טרייסטען זיינע מוטלאזיגע ברידער. די געוועזענע פאליטישע פאטריאטען האבען זיך נישט געקאנט פארשטעלען, אז דאס פאלק זאל קענען ווייטער עקזיסטירען אין גלות, זייענדיג צוזייעט און צושפרייט, אהן א מלוכה, אהן א לאנד, אהן א בית־המקדש. אין פערצווייפלונג פלעגען זיי טענה'ן: „אונזערע זינד און אונזערע פערברעכען ליגען אויף אונז און מיר ווערען דערשטיקט א־טער זייער לאסט". זיי האבען צו זיך צוגעפאסטען אן־אלטען ווערטעל: „די עלטערען האבען אומצייטיגע פירות געגעסען און ביי די קינדער ווערען די ציינער איילינ". דערויף האט זיי יחזקאל געענטפערט: „בעשטראפט ווערט נאר די זינדיגע נשמה: דער זוהן איז נישט פעראנטווארטליך פאר די זינד פון זיין פאטער, נישט דער פאטער — פאר די זינד פון זיין זוהן. די גערעכטיגקייט פון דעם גערעכטען ווערט נאר פאר איהם אליין פערעכענט און דאס שלעכטע פון דעם שלעכטען — ווערט נאר פאר איהם פארעכענט.

אויב ביי וועמען ס'איז געבוירען א זוהן, וועלכער, זעהענדיג די זינד פון זיין פאטער, וויל נישט נאכמהון זיינע מעשים, אויב אויף די במות האט ער (דער זוהן) קיין קרבנות נישט מקריב געווען, צו די אבגעטער האט ער נישט מתפלל געווען, דאס ווייב פון זיין חבר האט ער נישט אומריין געמאכט, קיינעם נישט גענארט, נישט גערויבירט, קיין רבית נישט גענומען, דעם הונגעריגען האט ער ברויט געגעבען, דעם נאקעטען האט ער קליידער אנגעטהון... וועט ער דאך נישט אומקומען צוליעב די זינד פון זיין פאטער... און אויב אפילו דער זינדיגער אליין וועט חרטה האבען פון זיינע זינד, וועלכע ער האט געטהון און וועט נעהמען היטען די געבאטען פון גאט און וועט שאפען נאר גערעכטיגקייט און גוטהערציגקייט — וועט ער אייך לעבען בלייבען, ער וועט שוין נישט שטארבען פאר זיינע פריהערדיגע זינד... פערלאנג איך דען דעם טוידט פונ'ם רשע? — זאגט גאט דער אלמעכטיגער. — איך וויל נאר, ער זאל זיך פון זיין וועג אומקעהרען, וועט ער

לעבען בלייבען... ווארפט זשע אראב פון זיך אייערע זינד, שאפט אייך א נייעם הארץ און א נייעם גייסט — ווארום זאלט איהר געטוידט ווערען, דאס הויז פון ישראל?!"....

אין דער נבואה פון יחזקאל איז צום ערשטען מאל בעגרינדעט געווארען דער פרינציפ פון רעליגיעזען אינדיווידואליזם, — דער פרינציפ, וועלכער איז טהאטזעכליך פרעמד געוועזען דער ביזאהעריגער יודישער וועלט-אנשויאונג, לויט וועלכער יעדער רעליגיעזער טהאט אדער פערברעך האט זיך גערעכענט אלס געזעלשאפטליכער אקט. יחזקאל איז מבטל די אלגעמיינע ערבות (פעראנטווארטליכקייט) אין דער בעציהונג צום גלויבען און מאראל. נישט די געזעלשאפט אין אלגעמיין טראגט די רעליגיעזע פפליכטען, נאר יעדע פערזאן בעזונדער. איבריגענס, לייקענט ער נישט אינגאנצען אין דעם יסוד פון געזעלשאפטליכקייט, נאר ער מאכט די געזעלשאפטליכקייט אבהענגיג פון דעם פערזענליכען פרינציפ. פון דער פרומקייט פון די בעזונדערע אינדיווידען איז אבהענגיג די אויפלעבונג פון דעם גאנצען פאלק, אבער נישט פערקעהרט. די אינדיווידועלע פאלקאמענהייט פיהרט צו דער פאלקאמענהייט פון דער געזעלשאפט, דער פערזענליכער מאראל לעגט דעם פונדאמענט פאר דער העכערער סאציאלער ארדנונג. דער נביא בענוגענט זיך אבער נישט מיט די שטראף-רייד פון א געוועהנליכען מאראליסט; ער קעמפפט אויך אונמיטעלבאר געגען דעם געפאלענעם נאציאנאלען גייסט, וועלכער האט ארומגעהאפט די יודישע פערטריבענע אין דער ערשטער צייט נאך דעם חורבן פון ירושלים. די געדריקטע שטימונג פון פאלק און דאס בעגייסטערטע גלויבען פון נביא ווערען דייטליך געשילדערט אין דער וואונדערליכער זעהונג פון יחזקאל וועגען די פערטריקענטע ביינער.

„גאט'ס האנד האט מיך בעריהרט און גאט האט מיר אין דער בעגייסטערונג גענומען און מיך געבראכט אין א טאל, וועלכער איז געוועזען מיט ביינער פול. האט ער מיר נעבען זיי ארומגעפיהרט, רינגס און ארום די ביינער; פיעל, פיעל זענען זיי געוועזען אין דעם טאל און טרוקען זענען זיי זעהר געוועזען. האט ער געזאגט צו מיר: דו מענשען-זוהן, וועלען נאך די דאזיגע ביינער אפלעבען? האב איך געזאגט: גאט דו אלמעכטיגער — דאס קאנסט דו דאך נאר וויסען! האט ער געזאגט צו מיר: זאג נביאות איבער די דאזיגע ביינער, זאג צו זיי: „פערטריקענטע ביינער, הערט גאט'ס ווארט! איך וועל אין אייך א נשמה אריינברענגען און איהר וועט אויפלעבען. איך וועל אויף אייך אדערען בעשאפען, איך וועל אויף אייך פלייש איבערברענגען,

איך וועל אויף אייך הויט אַרויפציהען און גייסט וועל איך אין אייך אַריינגעבען און איהר וועט לעבעדיג ווערען און איהר וועט וויסען, אַז איך בין גאָט דער בעשעפער!" און איך האָב גערעדט, ווי מיר איז פערזאָגט געוואָרען און ס'האָט זיך אַ שטים געלאָזט הערען, ווי איך האָב נאָר מיין נביאות געענדיגט, און אַ שטורם איז אויפגעשטאַנען און די ביינער האָבען זיך דערנעהרט — יעדער ביין צו זיין ביין. האָב איך געזעהן, ווי די אָדערען האָבען זיי פערוויקעלט און ווי דאָס פלייש האָט זיי בעדעקט און ווי דאָס הויט האָט זיך איבער זיי פערצויגען — נאָר קיין גייסט איז אין זיי נאָך נישט געווען. האָט גאָט געזאָגט: זאָג נביאות צו דעם ווינד, זאָג נביאות, מענשען-זוהן, און זאָג צום ווינד: אַזוי האָט גאָט דער אַלמעכטיגער פערזאָגט: פון אַלע פיער זייטען קום, דו ווינד, און בלאָז אַריין אַ אָטעם אין די דאָזיגע טויטע און זאָלען זיי אויפלעבען! און איך האָב גערעדט, ווי מיר איז פערזאָגט געוואָרען, און עס האָט אין זיי דער גייסט אַריינגעדרונגען און זיי האָבען אָפגעלעבט און זיי האָבען זיך אויף די פיס געשטעלט — אַ גרויסע, גרויסע אַרמעע!

„און גאָט האָט צו מיר געזאָגט: דו מענשען-זוהן! די דאָזיגע ביינער — דאָס איז דאָס גאַנצע פאָלק ישראל! זיי זאָגען: אונזערע ביינער זענען פערדאַרט, אונזער האָפנונג פערלוירען — מיר זענען פערפאַלען! דאַרום זיי מנבא און זאָג צו זיי: אַזוי האָט דער אַלמעכטיגער גאָט געזאָגט: איך וועל נאָך עפענען אייערע קברים, איך וועל אייך פון דאָרטען אַרויסגראָבען, פאָלק מיינס, און איך וועל אייך נאָך ברענגען צוריק אין דאָס לאַנד ישראל... און איך וועל אייך מיין גייסט שענקען און איהר וועט אויפלעבען און איך וועל אייך בערוהיגען אויף אייער אייגענער ערד און איהר וועט דאַן וויסען, אַז איך יהוה, אייער גאָט, האָב געזאָגט און געטהון..."

יחזקאל האָט זיך געמיהט אַריינצוגעבען זיינע צוהערערס דעם געדאַנק, אַז דאָס דאָזיגע צוקונפטיגע גליק וועט פערווירקליכט ווערען, ווען די יודען וועלען אויסגעלייטערט ווערען אין גלות פון זייערע זינד, ווען זיי וועלען ווירקליך אָנהויבען פיהלען אַ טיעפע שטרעבונג צו דער גייסטיגער בענייאונג. די אויסערליכע אויסגעלייטערטקייט מוז ברענגען צו אַן אינערליכער אויפלעבונג.

„איך וועל אייך צוזאַמענגעמען פון צווישען די פעלקער — רעדט גאָט מיט די ליפּען פון נביא — און איך וועל אייך צונויפזאַמלען פון אַלע לענדער און איך וועל אייך צוריקברענגען אויף אייער ערד. און איך וועל אויף אייך גיסען ריינע וואַסער, און איהר וועט געריינינגט ווערען. און איך וועל

אײך געבען אַ נײעס הארץ און אַ נײעם גײסט װעל איך אײך שענקען; אײער שטײנערנעס הארץ װעל איך בײ אײך אָפּנעהמען און אָנשטאַט איהם װעל איך אײך שאַפען אַ האַרץ פון פלײש... און איהר װעט װאָהנען אין דאָס לאַנד, װעלכעס איך האָב געגעבען אײערע אורעלטערען, איהר װעט זײן מײן פאָלק און איך װעל זײן אײער גאָט... איך װעל די שטעדט בעזעצען, און די חורבות װעלען אױפגעבױט װערען און די צוטראָטענע פעלדער װעלען בעאַרבײט װערען, און אַלע װעלען זאָגען — אָט איז דאָס װיסטע לאַנד, װי דער גאָרטען פון עדן איז עס געװאָרען..."

די אױפגעלעבטע מלוכה פון יהודה, אין דער פאַנטאַזיע פון דעם נביא, טראָגט דעם כאַראַקטער פון אַ שטרענגער טעאָקראַטיע (די הערשאַפט פון גײסטליכע). דאָס איז נישט אַזױ פיעל אַ פּאָליטישע, װי אַ רעליגיעזע אױפלעבונג. ירושלים — דאָס איז די קינפטיגע גײסטיגע הױפטשטאָדט, װײל דאָרט געפינט זיך דער גרױסער בית-המקדש. אין די לעצטע קאַפּיטלען פון „ספר יחזקאל" געפינט זיך אַ אױספיהרליכער פּלאַן פון דעם צוקינפטיגען בית-המקדש אין ירושלים מיט די בעשרײבונגען פון דעם אױסערליכען בױ-אױסזעהען און דער אינערליכער בעפוצונג. די קרבנות און די צערעמאָניע אין בית-המקדש פערנעהמען אין דעם לעבען פון דער קינפטיגער גײסטיגער מלוכה דעם װיכטיגסטען אָרט, לױט יחזקאלס נבואה. אין דער הינזיכט געהט זיך דער דאָזיגער נביא פונאַנדער מיט זײנע פאָרגענגער. אױך אין דעם טאָן פון זײנע רעדען אונטערשײדעט זיך יחזקאל פון די איבעריגע נביאים: ער איז שטענדיג בעהערשט פון אַ מיסטישער שטימונג. זײנע פּראָזאַגונגען טראָגען שױן אַ משיח'דיגען, נסים'דיגען כאַראַקטער; די צוקונפט איז פערהילט אין אַ פאַנטאַסטישער קלײד. דאָס איז געװען אונפערמײדליך אין דער צײט, װען אַלץ אַרום איז געװען אַזױ דונקעל און רעטונגלאָז, װען נאָר די פלאַמענדע פאַנטאַזיע האָט געקאָנט אָפּװענדען די געדאַנקען פון דער טרױעריגער װירקליכקײט. די ערהױבענע משיח'דיגע רעדען פון יחזקאל האָבען די יהודים געגעבען די קראַפט אַריבערצוטראָגען די לײדען פון צושטרײונג מיט דאָס אײגענע לאַנד און געשטיצט אין זײ זײער זאָגאַר אונדײטליכען גלױבען אין אַ בעסערער צוקונפט!—1) דעם נביא'ס רײד האָבען געטרײסט, געמונטערט, געװעקט די האָפנונגען. און אױב די אמת'ע גאולה איז נאָך געװען װײט, האָבען דאָך די פערטריבענע אין גיכען גענומען דערפיהלען אַ ערלײכטערונג אין זײער לאַגע. איבערהױפט האָט זיך זײ אָנגעהױבען פיעל

1) דובנאוו.

לייכטער צו אָטהעמען נאָך דעם טוידט פון נבוכדנאצר (אין יאָהר 561).

נבוכדנאצרים זוהן און יורש אויל-מרודך איז גאָרנישט געווען ענהליך צו זיין פאָטער. ער האָט נישט בעזעסען נישט קיין העלדישען כאַראַקטער, נישט קיין תאוה צו מלחמה און בכלל האָט ער זיך וועניג געזאָרגט פאַר די אינטערעסען פון זיין מלוכה. אין זיין הויף האָבען זיך איינגעפונען יודישע יונגע-קינדער, פון דער קעניגליכער פאַמיליע אין ירושלים, וועלכע האָבען פערטרעטען הויכע שטעלען. דער מלך אויל-מרודך האָט זיך געפונען אינגאַנצען אונטער דעם אַיינפלוס פון איינעם פון די דאָזיגע יודישע שרים, וועלכער האָט ביי איהם שטאַרק נושא-חן געווען און איז גיך געוואָרען דעם מלך'ס ליעבלינג; ער האָט געווירקט אויף אויל-מרודך, אַז ער זאָל זיך מיט חסד בעגעהן מיט דעם געפאַנגענעם מלך יהויכין, וועלכער איז פאַר דאָס גאַנצע לעבען פון נבוכדנאצר פערשלאָסען געזעסען אין אַ פינסטערער פעסטינג. אויל מרודך האָט נאָך אין דעם ערשטען יאָהר פון זיין הערשען איבערהויפּט לאַנד בעפרייט יהויכינ'ען פון דער תפיסה, וועלכע האָט געדויערט זיבען און דרייסיג יאָהר, פריינדליך מיט איהם געשמועסט, איהם געשאָנקען קעניגליכע קליידער, געלאַדען צו זיין טיש און צופריעדענגעשטעלט זיינע אַלע בעדערפענישען. ביי יעדער אונגעוועהנליכער פייערונג, ווען אַרום איהם פלעגען זיך פערקלייבען די גרעסטע מדינה-לייט, פלעגט דער מלך פון בבל איהם בעעהרען מיט אַ מעהר בכבוד'יגען אָרט, ווי די איבעריגע שרים, צו וועלכע ער איז געגוינט געווען. אומעדום איז בעוואוסט געוואָרען, אַז דער געוועזענער מלך פון יהודה האָט זוכה געווען צו אַ בעזונדערער פריינדשאַפט פון דעם הערשער אין לאַנד. ס'איז קיין צווייפעל נישט אין דעם, אַז אַ שטראַהל פון דער דאָזיגער פריינדשאַפט איז אויך געפאַלען אויף די איבעריגע קרובים פון יהויכינ'ען, ווי אויך אויף דאָס גאַנצע פערטריבענע פאָלק. צווישען די יודען האָט דאַן שוין גענומען גליהען אַ פונק פון האָפענונג אויף אַ נאָהענטער אויסלעזונג. ווער ווייסט, אפשר וואָלט אויל-מרודך, אין זיין ליעבליכער שטימונג צו די פערטריבענע, דערגאַנגען ביז דעם, פריי צולאָזען דאָס געפאַנגענע פאָלק, אומצוקעהרען איהם אין זיין לאַנד און אויפזעצען צוריק אויפ'ן טראָן אין ירושלים זיין בעליעבטען יהויכין? דער טוידט האָט אָבער די דאָזיגע אילוזיעס צושטערט. נאָך אַ צוויי-יאָהריגען הערשען איז אויל-מרודך געטוידט געוואָרען דורך זיין איידעם נרגל-שראצר (560-טען יאָהר).

נאָר נישט קוקענדיג אויף די אָבגענאַרטע האָפענונגען, זענען דאָך די בעסטע עלעמענטען פון דער יודישער פערטריבענער קהלה אַלץ מעהר

דורכגעדרונגען געוואָרען מיט דער אידעע פון דער אייביגקייט פון אברהמ'ס קינדער. די לעהרע פון די נביאים האָט אַליין טיפערע וואָרצלען געלאָזען אין דעם בעוואוסטזיין פון פאָלק. צווישען די פערטריבענע איז דעמסטמאָל געשאַפען געוואָרען די געשיכטע פון ישראל פון צייט ער האָט אָנגעפאַנגען עקזיסטירען אַלס פאָלק ביז דעם חורבן. ווי ס'שיינט זאָל דאָס האָבען געשריבען ברוך בן־נריה, ירמיהו הנביא'ס אַ תלמיד. דערביי האָט ער זיך בענוצט מיט די היסטאָרישע מאַטעריאַלען, וועלכע זענען געווען נאָך פון די פערגאַנגענע דורות געזאַמעלט; דאָס איבעריגע האָט ער אַליין צוגעגעבען, וואָס ער האָט אַליין מיט די אויגען געזעהן. די גאַנצע געשיכטע, וועלכע ענטהאַלט אין זיך די ספרים: יהושע, שופטים, שמואל און מלכים, פאַרזויבערט מיט איהר אייגנאַרטיגער הייליגקייט אינ'ם טאָן און אין דער שפּראַך, און איז דורכגעדרונגען מיט איין אידעע, וועלכע איז אייגענטליך שטענדיג ענטוויקעלט געוואָרען דורך די נביאים: די אַלע פּאַסירונגען פון פאָלק זענען פעסט צוזאַמענגעבונדען מיט די מעשים פון פאָלק: די געהאָרכזאַמקייט צו גאָט פיהרט צום גליק, דאָס ווידערשפּעניגען אָן איהם פיהרט צום אונגליק. די געשיכטע איז געוואָרען דאָס צווייטע פאָלקס־בוך פאַר די פערטריבענע; זיי האָבען נישט בלויז מיט גרויסער אויפמערקזאַמקייט עס געלעזען, נאָר גענומען נאָהענט צום האַרצען יעדע שורה און זיך געמיהט אַריינצודרינגען אין דעם טיפען געדאַנק. די לויים, וועלכע זענען געווען געניט אין דער קונסט פון שרייבען, האָבען די דאָזיגע געשיכטע איבערגעשריבען אין פיעל עקזעמפּלאַרען און עס פערשפּרייט צווישען דער פערטריבענער געמיינדע, און זי האָט די פערשטיינערטע הערצער פערוואַנדעלט אין לעבעדיגע און אַריינגעאָטעמט אין זיי אַ נייעם לעבענס־שטראָם.

דאָס שטענדיגע פערטיפען זיך אין דער דאָזיגער היסטאָרישער שעפּפונג האָט געבראַכט דעם פאָלק צו בעדיינקונג, און צו טיפער חרטה אויף דער לאַנגיאָהריגער זינדיגקייט און רעליגיעזער פערדאָרבענהייט. די פערגאַנגענהייט פון געצענדיענערייע און אונדאַנקבאַרקייט צום אמת'ען גאָט האָבען אַ סך פון יענע, וועלכע האָבען בעגריפען די גרויסקייט פון די זינד, געמיינט אויסצוקויפען מיט טרעהרען פון טיפען פערדרוס. זיי האָבען פערשטאַנען, אַז די שרעקליכע קלעפּ, וואָס האָבען זיך אויף זיי געשאָטען, זענען געווען פערדיענטע, נישט קיין אומזיסטע. „גאָט איז זיך מיט זיי בעגאַנגען לויט זייערע טהאַטען און אונרעכט" און דאָס מוז פערגעבען ווערען נאָר דורך געבעט און תשובה. די פיער יאָהר־צייטען פון די לעצטע פאָלקס־אונגליקען פאַר דער לעצטער עפּאָכע — דער טאָג, אין וועלכען נבוכדנאצר האָט

ד. בעלאַגערונג פון ירושלים אָנגעפאַנגען (דער צעהנטער טבת), דער טאָג פון נבוכדנאצרים נצחון (דער זיבעצעהנטער תמוז) דער טאָג פון חורבן-בית-המקדש (דער נײַנטער אָב) און דער טאָג פון גדליהו'ס טוידט (דער דריטער תשרי) — אָט די דאָזיגע פיער טעג אין יאָהר האָבען די פערטריבענע בעשטימט אַלס טרויער-טעג. אין די דאָזיגע טעג פלעגען זיי פאַסטען און וויינען, קליידען זיך אין שוואַרצען, זיצען אין אַש און אין פולען צער האַלטען די קעפּ צו דער ערד אַראָבגעלאָזען, צו די דאָזיגע טרויעריגע טעג האָבען די לויים, בעגײַסטערטע פון דעם פאָלקס-אונגליק, צוגעפאַסט פיעל יאָמערליכע געזאַנגען (תהלים), וועלכע האָבען אַרויסגערופען אַ ביטערע חרטה אויף דאָס פערגאַנגענע. אין די דאָזיגע געזאַנגען ווערט בעוויינט דער חורבן פון ירושלים, דער פערברענטער בית-המקדש, די לאַגע פון די פערטריבענע, און זיי פלעגען וועקען אין די הערצער פון די פערטריבענע די ליעבע צו זייער פערוויסטען לאַנד, די בענקשאַפט צו די שטיינער פון דער צושטערטער הויפּטשטאָדט, צו די אײַנגעפאַלענע חורבות. אונטער דעם אײַנפלוס פון די דאָזיגע תהלות האָבען זיך געבילדעט גאַנצע גרופּעס פון „אבלי-ציון", וואָס זייער נשמה איז געווען אָנגעפילט מיט ירושלים. דער משורר, וועלכער האָט אַזוי קלאָגליך-פּאָעטיש אויסגעדריקט די ערינערונגען פון דעם הייליגען לאַנד, האָט איבערגעגעבען די שטימונג פון די „אבלי-ציון" אין פאָלגענדע בילדער:

בײַ די טײַכען פון בבל דאָרט זענען מיר אַלע געזעסען,
און מיר האָבען געוויינט, אָן ציון דערמאָהנענדיג זיך.
אויף די ווערבעס פון טײַך האָבען מיר אונזערע האַרפּעס געהאָנגען—
אונזערע פּײַניגערס דאָרט האָבען פון אונז דאַן געזאַנגען געפאָדערט—
אונזערע מערדער דאָרט האָבען אונז דאַן זײַן-פרעהליך געהייסען:
„איהר זאָלט זינגען פאַר אונז די געזאַנגען פון ציון!"
אין אַ פרעמדען לאַנד געטליכע ליעדער ווי קאָנען מיר זינגען??
אָ, פערגעסען זאָל ווערען מײַן האַנד דאַן די רעכטע,
אויב איך וועל, ירושלים, אָן דיר נאָר פערגעסען —
זאָל מײַן צונג זיך בעהעפטען צום גומען,
אויב דערמאָהנען וועל איך דיר נישט אײביג!...

די, וואָס האָבען געטרויערט נאָך ציון פלעגען אין דער צײַט פון תפלה זיך ווענדען מיט'ן געזיכט צו ירושלים, ווײַל דאָס אָרט, אויף וועלכען עס איז פריהער דער בית-המקדש געשטאַנען, האָט נאָך אין זיך זײַן הייליגקײַט ענטהאַלטען און מען האָט געקאָנט האָפען, אַז גאָט וועט פון דאָר-

טען צוהערען דאס געבעט פון די פערטריבענע, וואס זוכען איהם און בענקען נאך איהם. אזוי ווי די גאטספארכטיגע האבען אין דער פרעמד נישט געקאנט ברענגען קיין קרבנות פאר גאט, האבען זיי בישלעכוויז זיך צוגעוואהנט צום געדאנק, אז תפלה קאן אינגאנצען פערבייטען א קרבן. צו מתפלל-זיין פלעגען זיך א גרעסערע אדער א קלענערע צאהל דריי מאל טעגליך צוזאמען פערקלייבען און דער בית-תפלה האט זיי אנשטאט א בית-המקדש געדיענט.

די יודישע רעליגיע איז געווארען אין א קורצער צייט זעהר בעקאנט אין בבל; די ארטיגע בעפעלקערונג האט זיך צו איהר בעצויגען מיט גרויס דרך-ארץ; פיעל האבען אליין אנגענומען דעם יודישען גלויבען. דאס האט ביי די פרומע פערטריבענע געוועקט זייער נאציאנאלען שטאלץ. די פערטריבענע אריסטאקראטען זענען אבער מייסטענס געבליבען, ווי פריהער, פערדארבען און מאראליש געפאלען. די ריעזיגע הויפטשטאדט בבל און די וואקסענדע כאלדעאישע מאכט האט געגאסען איהר גאלדענעם רעגען אויף די העכערע קלאסען, אויפגעדעקט פאר זיי ווייטע, ברייטע פערספעקטיוען און געגעבען זיי די מעגליכקייט צו ענטוויקלען זייערע קרעפטען. אין דער מלוכה פון בבל האט געבליהט דער האנדעל, די ערד איז געווען זעהר א פרוכטבארע און פערשיעדענע אויסגעארבייטע מאטעריעס, וועלכע זענען זעהר גאנגבאר געווען אין די ארומיגע לענדער, האבען אנגעפילט דאס לאנד. בבל אליין איז געווען זעהר א בעדייטענדער האנדעלס-פונקט. די רייכערע, פערמעגליכערע יהודים האבען גיך זיך בעקאנט מיט די בעדינגונגען פון דעם דארטיגען מסחר און האבען זיך מיט איהם בעשעפטיגט.

אויף אזא אופן האבען די יודישע סוחרים זיך דערשלאגען צו גרויסע עשירות, און ממילא אויך צו לוקסוס און צו גרויסער אויסברענגעריי. די רייכע יהודים פלעגען נאכטהון דעם אויסגעאדעלטען ארט לעבען פון די בבליים, האבען אויך אנגענומען דעם קולט פון געצענדיענעריי, פלעגען צו גרייטען א טיש מיט מאכלים פאר דעם גאט פון גליק (גד), פלעגען גיסען בעכערס וויין פאה דער געטין פון שיקזאל (מני), כדי זי זאל זיי העלפען אין זייערע אונטערנעהמונגען.

אויף אזוי ווייט האבען זיך די פערמעגליכע יודען צוגעוואהנט צו די בעדינגונגען פון לעבען אין גלות, אז זיי האבען ענדליך אינגאנצען פערגעסען אן זייער פאטערלאנד און אן ירושלים, וועלכע זענען נאך אט גאר נישט לאנג געווען פערעכענט פאר דעם ענדע-ציעל פון זייערע אלע שטרעבונגען. איצט האבען זיי פון דעם נישט געוואלט וויסען, נישט געוואלט

הערען און געדענקען. זיי האבען געוואלט זיין און אויף איביג פערבלייבען בבליער און זיי האבען אבגעלאכט פון די, וועלכע האבען נאך געטרוימט וועגען ירושלים. דאס איז געווען א שווידערליכער פלעק אויף דעם ליכטיגען פאן פון דער איבערגעבליבענער שטימונג צווישען די פערטריבענע. דער געגענזאץ איז געווען צו שארף. פון איין זייט האט געבליהט די פרימקייט, דער פלאמענדיגער אייפער פאר דעם יודישען גלויבען, די אידעאלע שטרעבונג צו ירושלים; און פון דער צווייטער זייט — תאוה, דאס נאכיאגען זיך נאך תענוגים און דאס פאלשטענדיגע פערגעסען די אלטע עראינערונגען. אין דעם לאגער פון די פערטריבענע האבען זיך אויסגעבילדעט צוויי פערפרעמדטע קלאסען, וועלכע זענען געווען פערבונדען צווישען זיך נאר דורך זייער אבשטאמונג, און בנוגע צו די געוויסע פאסירונגען און ערשיינונגען אין זייער לעבען, צו זייערע האפענונגען, סימפאטיען און אנטיפאטיען, האבען זיי איינע די אנדערע נישט געקאנט פערשטעהן. אין דער צייט ווען איינע האבען בעוויינט ציון און האבען זיך געטרייסט אין דער שטיל מיט דער האפנונג אויף א בעסערער צוקונפט, פלעגען די אנדערע, גארנישט קלערענדיג וועגען דער דאזיגער צוקונפט און וועגען דעם חורבן פון זייער לאנד זארגלאז פערברענגען די צייט אין פערגעניגענס און לוסטיגקייטען.

דער דאזיגער ווידערשפרוך האט זיך נאך קלעהרער ארויסגעוויזען א דאנק דער ענטוויקלונג פון די פאליטישע פאסירונגען. אין א יאהר זעקס ארום, נאך דעם געוואלט-טוידט פון אויל-מרודך, האט זיך אויפגעזעצט אויפ'ן טראן אין בבל איינער פון די כאלדייאישע מאגנאטען, מיט'ן נאמען נאבאנאד (555-טען יאהר). מיט אייניגע יאהר פריהער האט דער בעריהמטער פרסישער העלד כרש אראבגעווארפען פון טראן דעם מלך פון מדי אסטיאג און האט ביי איהם אבגענומען דאס גאנצע לאנד מדי מיט זיין הויפטשטאדט אכטאבאנא מיט די אונטערווארפענע פראווינצען און געמאכט עס אבהענגיג פון פרס. די מאכט פון פרס האט דאן אנגעפאנגען אונגעהויער שנעל צו וואקסען; כרש האט זיך פערגעבען מיט זעהר ברייטע פלענער וועגען בעקעמפפען די ארומיגע מלוכות. די פרומע און די איבערראשטע יודען האבען זיך זעהר אויפמערקזאם צוגעקוקט צו די דאזיגע ערשיינונגען, ווארטענדיג, אז די פאליטישע איבערקעהרעניש אין אזיען זאל זיי אויך עפיס א ישועה ברענגען. דערווייל האט זיך זיי אבער אין גלות נישט גוט געלעבט. די האפנונגען, וואס זיי האבען געלעגט אויף מרודך-בלאדן זענען מיט איהם צוזאמען אין דער ערד פערזונקען געווארען. נאבאנאד האט בשום אופן נישט געוואלט בעפרייען די געפאנגענע פון גלות, האטש

א געוויסען טייל פון די געפאנגענע פעניצער האט ער יא געלאזט זיך אומקעהרען אין זייער פאטערלאנד און ערלויבט אויסצוקלייבען פון זייערע מיט אנ'אייגענעם מלך. דאס האט אין די הערצער פון די ברענענדיגע נאציאנאליסטען-יהודים ארויסגערופען א פייערדיגע פיינדשאפט צו בבל און צו איהר מלך. זיי האבען גארנישט געזוכט די דאזיגע שנאה צו בעהאלטען. און זי האט זיך אפען אויסגעדריקט אין טהאטען און אין ווערטער. צו דער פיינדשאפט האט אין א געוויסער מאס געבראכט די פערטריבענע,— ביי וועלכע ס'איז אלץ מעהר געשטארקט געווארען זייער אמונה — אויך דער עקעל, וואס זיי האבען געפיהלט צו דער ארומיגער געצענדינערי, מיט וועלכער בבל איז געווען איבערפילט און מיט וועלכער זי האט זאגאר שטאל-צירט. די יהודים פלעגען גאנץ אפען ארויסזאגען זייערע איבערצייגונגען פאר די כשדים.

זאגט זיי: די געטער, וועלכע האבען הימעל און ערד נישט בעשאפען, וועלען אונטערגעהן!" — האט פאר זיינע חברים א רעדנער געפרעדיגט מיט היץ. די יהודים האבען אבגעלאכט פון דעם כאלדעאישען (כשדי'שען) געטערדיענסט, געלאכט פון די פערגעטערטע קלעצער, וועלכע זענען בעפוצט מיט גאלד און מיט זילבער און צוגעשלאגען מיט צוועקעס, זיי זאלען זיך נישט וואקלען, אדער וועלכע מען טראגט אויף די הענד, וויל זיי קאנען אליין נישט געהן. די שטימען פון די נביאים פלעגען פארזאגען, אז אין גיכען מוז פאלען דאס חאזיגע לאנד, וואס איז איבערפולט מיט געצענדינערי און אלע אנדערע פערדארבענהייטען. איין נביא האט געזאגט, אז דער שיקזאל פון סדום און עמורה וועט גרייכען אויך די מלוכה פון די כשדים. ווילדע חיות וועלען זייערע נעסטען זיך בויען אין די פאלאצען פון בבל. דעם מלך אליין האט ער פאראויסגעזאגט א שרעקליכען סוף. צוקוקענדיג זיך צו כרש'ס מארשרוט איבער אזיען, האבען די נביאים גע-זאגט, אז בבל מוז ענדליך ארונטערפאלען אונטער דער אויבערמאכט פון פרס.

ווען נאבאנאד האט זיך דערוואוסט פון די דאזיגע דרייסטע רעדען, איז ער געווארען זעהר אויפגערעגט. עס האבען זיך אנגעהויבען שרעקליכע רדיפות, קודם כל געגען די נאציאנאליסטען און פרומע; אכזריות'דיגע טוידט-שטראפען האבען זיי בעגעגענט, אזוי ווי דער שיקזאל וואלט געוואלט זיי אויפרובען און אויסלייטערען דורך פיין. אויף פיעל איז ארויפגעלעגט געווארען שווערע צוואנג'ס-ארבייט, פון וועלכע זאגאר פרויען און אלטע לייט זענען נישט בעפרייט געווארען. מיט אנדערע, ווידער, איז מען נאך שטרענגער

זיך בעגאַנגען. מען האָט זיי געוואָרפען אין פינסטערע גריבער, מען האָט זיי געשלאָגען און געפּייניגט מיט אַלערליי יסורים. די, וועלכע האָבען געוואָגט צו ריידען וועגען דער קינפטיגער מפּלה פון דעם כאַלדעאישען פאָלק, וועגען דער נידעריגקייט פון דאָס געצענדינערײַ און אַז. וו. זענען דורך מיתות-משונות געטוידט געוואָרען. אַ אייניקעל פון דעם געוועזענעם כהן גדול, וועלכער האָט מיט זיין לעבען בעצאָהלט ביים חורבן פון ירושלים,— מיט'ן נאָמען יהושע בן-יהוצדק, האָט מען געהאַט פאַר'משפּ'ט צום טוידט דורך פערברענען און אויף זיין נצול-ווערען האָט מען געקוקט, ווי אויף אַ נס. די דאָזיגע אַלע רדיפות האָבען די ענוים (די פרומע) איבערגעטראָגען מיט אַ אונגעהויערער געדולד און פעסטען כאַראַקטער. אַ נביא פון יענער צייט, וועלכער האָט צוזאַמען מיט זיינע חברים איבערגעליטען יסורים און פּיין פאַר דער אמונה, האָט געשילדערט די ליידענדע אין קורצע נאָר דיהרענדע שטריכען. בעטראַכטענדיג די ענוים אַלס קערענדעל פון פאָלק, רעדט ער וועגען זייערע ליידען, ווי וועגען די ליידען פון גאַנצען יודישען פאָלק:

„פערהאַסט און פערגעסען צווישען מענשען, איבערטראָגענדיג ליידען, דורכגעדרונגען מיט וועהטאָגען... האָט ער, אַ געדריקטער און אַ געפּייניגטער, קיין מויל נישט געעפענט; אַזוי ווי אַ שעפּעלע, וועלכע ווערט צום שלאַכט געפיהרט, שטום, ווי אַ שעפּס ביים שערען, האָט ער קיין מויל נישט געעפענט..."

פאַר די יודען אין בבל זענען שלעכטע צייטען אָנגעקומען, וועלכע האָבען אין פיעל הינזיכטען דערמאָהנט די צייטען פון גלות אין מצרים. דער אונטערשייד איז נאָר געווען אין דעם, וואָס, אַנשטאָט קנעכטשאַפט און געצוואונגענע אַרבייט ביי די געביידעס און אויף די פעלדער, האָט די יודען אין בבל ערוואַרטעט טורמעס און טוידט, און די, וועלכע האָבען זיך ענטזאַגט פון זייער נאַציאָנאַליטעט און זייער גלויבען, האָבען געלעבט אין זיכערהייט און רוה. גאַנץ בבל איז דורכגענומען געווען מיט איין אונאויפהערליכען הימעלשרייענדען יאָמער. די פינסטערע שטימונג פון די פרומע צוזאַמען מיט זייער טיעפען גלויבען און האָפען אויף אַ גאולה איז פאָלשטענדיג אויסגעדריקט אין די קאַפּיטלען תהלים, וועלכע זענען געשאַפען געוואָרען צו יענער צייט. נישט וועלענדיג טראָגען צוזאַמען די ליידען פון די דאָזיגע מענשען און אויך נישט וועלענדיג זיין פעראַנטוואָרטליך פאַר זייערע טהאַטען געגען די כאַלדעאישע הערשער, האָבען די יודען, וועלכע האָבען זיך שוין גאַנץ וואַרעם און רוהיג איינגעאָרדענט אין בבל, זיך אַלץ מעהר און מעהר פערפרעמדט פון זייערע ברידער און זיך אַלץ פעסטער און פעס-

טער פערא‏יינ‏יגט מ‏יט ד‏י בבליים. נאך מעהר: ז‏יי אליין האבען געהאלפען פערפאלגען די נאציאנאליסטען און דורך דעם פ‏יעל פערערגערט זייער שיקזאל. זיי האבען אויף די פרומע געקוקט, ווי אויף משוגעים, וועלכע מען מוז ווירקליך אונשעדליך מאכען; אלס בעלוידזן פאר זייער פערפרעמד-קייט צו זייערע אייגענע ברידער, פאר זייער פערראט געגען זייער נאציא-נאליטעט, האבען די בבליים נאך מעהר פערזיכערט זייער עקזיסטענץ: די בבליים-פריינד האבען געקליבען אוצרות אין לאנד און זיך געפרעהט מ‏יט'ן אייגענעם גליק.

דער ערפאלג און דער וואהלשטאנד פון די פערדעטער — ווי די פרומע האבען זיי גערופען — און פון צווייטען זייט די שרעקליכע לאגע פון די טרייע דיענער פון גאט האבען ארויסגערופען פערש‏יעדענע ספקות ביים המון, וועלכער האט מיטגעפיהלט די פרומע, נאר האט דאך נ‏ישט געקאנט זיך אויפהויבען ב‏יז צו דער מדרגה פון שטאנדהאפטער איבער-צייגונג. די לעהרער פון פאלק האבען זיך געמיהט איינצופלאנצען דעם געדאנק, אז דאס גליק, וועלכער ווערט דערגרייכט דורך דעם, וואס עס ווערט פערלאזען די תורה פון גאט, דער גלויבען און די האפנונג אין איהם — אז דאס דאזיגע גליק איז א צייטווייליגעס, א פערבייגעהענדעס. די משוררים פון תהלים האבען געזאגט אין טיעפסטער איבערצייגונג: „ווען די רשעים זאלען אפילו וואקסען ווי גראז, וועלען זיי דאך, אויך אזוי ווי גראז, גיך פערוועלקט ווערען". די קלוגע און ווייטזיכטיגע האבען גע-לערנט די משוררים — דארפען זוכען דעם גליק נ‏ישט אין דער אונדויער-האפטיגער געגענווארט, נאר אין דער צוקונפט. די פרומע, וועלכע ווערען איצט געפייניגט, מוזען זיך אלזא טרייסטען מ‏יט דער גאולה, וואס ער-ווארט זיי נאכהער:

„די טרייע צו גאט וועלען פון דאסניי דאס לאנד בעזעצען,
די פרומע וועלען אויף אייביג, אייב‏יג דארט בלייבען —
די רשעים וועלען איהר אבער קיינמאל, קיינמאל נ‏ישט זעהן מעהר!"...

דערווייל איז די פאליטיק אין דער פאדערשטער אזיען אליץ מעהר פערשארפט געווארען. עס איז אליץ נאהענטער געקומען דער מאמענט, וועלכער האט געזאלט בעשליסען דעם שיקזאל פון דער כאלדעאישער מלוכה, ווי אויך דעם שיקזאל פון די פערטריבענע. דער העלד כרש האט זיך אליץ פלייסיגער געגרייט צום אנפאל אויף בבל. די האפנונגען פון די נאציא-נאליסטען זענען אליץ דרייסטער געווארען. די שטימונג איז אהן א'נאויפהער געדאנק, אז דאס גליק, וועלכעס ווערט דערגרייכט דורך דעם, וואס עס

געגענדען זענען פערשוואומען געוואָרען מיט'ן פרס'ישען היל. כּרש'ס נאָמען איז אַליין מעהר בערימט געוואָרען. צווישען די פערטריבענע איז קלאָהר געוואָרען דער כאַראַקטער פון דעם יונגען העלד. זיין גרויסמוט, זיין גוטהערציגקייט צוזאַמען מיט זיין העלדישקייט האָט געלאָזט ערוואַרטען פון איהם זעהר פיעל. די שטים פון די גאולה-נביאים איז אַליין הילכיגער געוואָרען. נאָך מיט מעהר מוט, ווי פריהער האָבען זיי גערעדט וועגען דער נאָהנטער נקמה, וואָס גאָט נעהמט פון בבל פאַר דער שאַנד פון ציון, וועגען דער נאָהנטער ערלעזונג.

צווישען די גאולה-נביאים האָט זיך דענסטמאָל איבערהויפּט אויסגעצייכענט איינער, וועלכענס נאָמען עס איז צו אונז נישט דערגאַנגען, נאָר וועמעס נבואה-רעדען עס קענען דיענען אַלס קרוין פון רוח הקודש; די דאָזיגע נבואה-רעדען זענען צוגעגעבען געוואָרען צום „ספר ישעיה". צוליעב דעם דאָזיגען אומשטאַנד, ווערט דער אונבעוואוסטער געניוס אָנגערופען „ישעיה דער צווייטער".

דער דאָזיגער נביא, וועלכער האָט געלעבט צווישען די פערטריבענע אין בבל איז געוועזען דורך און דורכגעדרונגען מיט דעם אידעאַל פון פּאָליטישער און גייסטיגער בענייאונג פון זיין פאָלק. אויב אין די רעדען פון יחזקאל שפּיגעלט זיך אָב די לאַנגע נאַכט פון געפענגעניש, מיט איהרע מיסטישע זעהונגען און געשפּענסטער, שיינט אין ישעיהו דעם 2-טענס נבואות דער גלאַנץ פון דעם אויפגעהענדען מאָרגענשטערען, הערט זיך אין זיינע רעדען דער מונטערענדער אויפרוף צו בעפרייאונג, צו אַ נייעם לעבען, צו ברייטער נאַציאָנאַלער טהעטיגקייט. דער נביא הערט גאָט'ס-שטים, וועלכע ווענדעט זיך צו די אַנפיהרער פון'ם יודישען פאָלק:

„איהר זאָלט טרייסטען, איהר זאָלט טרייסטען מיין פאָלק. רעדט צו דעם האַרץ פון ירושלים, מאַכט איהר וויסען, אַז איהר טערמין איז שוין געענדיגט, אַז איהרע זינד זענען שוין פערגעבען, אַז פאַר איהרע אַלע פערברעכען איז זי שוין פון גאָט דאָפּעלט בעצאָהלט געוואָרען... עס רופט אַ שטים: אין דער וויסטעניש (צווישען בבל און יהודה) מאַכט ריין גאָטס-וועג, מאַכט גלייך דעם שטעג פאַר אונזער אַלמעכטיגען... געהט אַרויס פון בבל, לויפט פון כשדים — מיט ליב, מיט געזאַנג, זאָגט: דער גאָט יהוה האָט בעפרייט זיין קנעכט יעקב'ן!"

דער שליח פון גאָט'ס ווילען אין דער דאָזיגער איבערקעהרעניש איז דער פערסישער קעמפפער כרש: „אַזוי האָט גאָט געזאָגט וועגען זיין געזאַלבטען כרש: איך האָב פערפעסטיגט זיין רעכטע האַנד, איהם אונטערטעניג געמאַכט

פעלקער, ענטוואפענט מלכים, געעפענט פאר איהם די טהירען און אראב-גענומען די ריגלען פון די טויערען (פון די מלוכות)... (דאס אלעס האב איך געטהון) צוליעב מיין קנעכט יעקב'ן און מיין אויסדערוועהלטען ישראל. און זאל מען וויסען פון מזרח ביז מערב, אז אויסער מיר איז — גארנישט, אז איך, יהוה, בין גאט און מעהר איז נישטא. איך בעשאף ליכטיגקייט און מאך פינסטערניש, שאף פריעדען און ברענג אונגליק... איך האב די ערד געמאכט און בעשאפען דעם מענשען אויף איהר. מיינע הענד האבען בעצויגען דעם הימעל-געוועלב און איך האב זיינע פלאנעטען בעפוילען. איך האב כורש'ן ערהויבען צוליעב גערעכטיגקייט און אלע זיינע וועגען וועל איך גלייך מאכען; ער וועט אויפבויען מיין שטאדט און מיינע פער-טריבענע וועט ער פריי לאזען..."

אין אלע נבואה-רעדען פון ישעיהו דעם צווייטען ענטוויקעלט זיך דער פאלגענדער לאגישער אידעען-גאנג. די יודישע נאציאן האט אויסגעקויפט איהרע זינד אין גלות און לויט גערעכטיגקייט מוז זי שוין ענדליך בעפרייט ווערען. דער פערמיטלער אין דעם דאזיגען אקט פון בעפרייאונג איז כורש. פיעל האט געקאנט וואונדערן דער אומשטאנד, וואס אזא הייליגע מיסיאן איז ארויפגעלעגט געווארען נישט אויף א יודען גופא, נאר אויף א פרעמדען. נאר דער נביא ערקלערט, אז יהוה האט צום בעפרייען זיין פאלק בכיון אויסגעקליבען יענעם גרויסען קעמפפער, וועלכער האט איבערגעביטען די גורלות פון די מלכים און מלוכות. די אויפגעציטערטע וועלט זאל זעהן, אז דער העכסטער גאט, וועלכער האט איבערגעגעבען די מעכטיגסטע מלוכות אין כורש'ס הענד, האט דעם לעצטען געמאכט אויך פאר זיין שליח צו מאכען אויפלעבען די קליינע יודישע נאציאן, אז די שטאלצע בבל פאלט, כדי די יודישע געפאנגענע זאלען בעפרייט ווערען. דאס וועט אלעמען איבער-צייגען, אז דער גאט פון יודען איז צוזאמען דערמיט אויך דער פיהרער פון אלע אנדערע פעלקער. פארוואס איז דאס אזוי? דערפאר וואס דער גאט פון יודישען פאלק איז נישט געמאכט דורך מענשען-הענד, אזוי ווי אלע געטער, נאר ער אליין איז דער שעפער פון הימעל און ערד, ער איז דער מנהיג פון וועלט און מענשען, וועלכען עס קאנען נאר אויסערוועהלטע מיט זייער מוח בעגרייפען.

„מיט וועמען קאנט איהר גאט פערגלייכען? וואס פאר א בילד קאנט איהר פאר איהם בעטראכטען? מיינט איהר דען, אז ער איז ענהליך צו דעם געץ, וועלכען עס האט א מייסטער פון מעטאל אויסגעגאסען און וועלכען א גאלד-שמיד האט מיט גאלד בעדעקט, מיט גאלדענע קייטען צוגעשמיעדט? איז

אייך דען שוין לאַנג נישט וויסען געמאַכט געוואָרען? איז אייך דען נאָך נישט קלאָר די וועלט-אויפבויאונג? גאָט איז יענער, וועלכער אויפזיצט אויף דעם קרייז פון דער ערד, געגען וועמען אידען בעזיצער זענען געגליכען צו פליגען, יענער, וועלכער האָט פערשפּרייט דעם הימעל, ווי אַ וועבונג, וועלכער האָט איהם פונאַנדערגעוואָרפען, ווי אַ געצעלט. פירשטען פער-וואַנדעלט ער צו גאָרנישט און ערדישע-פיהרער — אין כאָאָס"...

אַלזאָ, די אידעע פון וועלט-בעשעפער, די אידעע פון דער העכסטער סובסטאַנציע, וועלכע פיהרט אָן מיט דעם שיקזאַל פון דער מענשהייט און דער בעגריף וועגען יהוה, דער ספּעציעלער בעשיצער פון ישראל — גיסען זיך צוזאַמען אין איין אידעע פון אַ וועלט-גאָט. דער נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ר ג אָ ט פון יודען ווערט פערוואַנדעלט אין אַן אוניווערסאַלען איינאיינציגען ג אָ ט. נישטאָ קיין גאָט אויסער יהוה און ישראל איז זיין אויסערוועהל-טער — דאָס איז דער לאָזונג, וועלכער קלינגט אין אַלע רעדען פון ישעיה'ס צווייטען. „דער קנעכט פון גאָט" — דאָס איז זיין בעליעבטער עפּיטעט, מיט וועלכען ער רופט אָן גאַנץ אָפט דאָס פאָלק ישראל. דאָס איז דאָס פאָלק, וועלכעס איז בעשטימט געוואָרען צו פערקערפּערן אויף דער ערד דעם אידעאַל פון העכערען אמת; עס מוז אויסשטעהן ליידען און בעליידי-גונגען, מוז פערפאָלגט ווערען פון אַלע פעלקער, נאָר ענדליך מוז עס דאָך גובר זיין, מוז עס דאָך זיעגען אין דעם קאַמפּף פאַר געטליכקייט; דאָס פאָלק ישראל וועט זיין „דאָס ליכט פון אַלע פעלקער", דער פאָהן-טרעגער פון דער וואַהרהייט פאַר דער גאַנצער מענשהייט. די בריק צווישען דעם נאַציאָנאַליזם און צווישען דעם אוניווערסאַליזם איז אַלזאָ פעסטגעשטעלט. דאָס יודענטהום אַרבייט פאַר דעם נוצען פון דער גאַנצער מענשהייט. עס בעהאַלט נישט עגאָאיסטיש זיינע גייסטיגע אוצרות, נאָר שענקט זיי אַלע נויטבעדערפטיגע, ווייל דאָס איז זיין היסטאָרישע מיסיאָן. דער גלות פון בבל מוז מיטווירקען צום איבערגאַנג פון דער נאַציאָנאַלער רעליגיאָן ביז דער אַלוועלטליכער: דאָס איז אַ לעהר-שוהל פאַר אַ מיסיאָנערען-פאָלק, וועלכער מוז פיעל אויס-שטעהן, מיט פיעל זיך צוזאַמענשטויסען, כדי צו ערפילען ווי בעסטע זיין שליחות.

פונדעסטוועגען בלייבט דער נביא נישט שטעהן ביי דעם אידעאַל פון אַ ריין-גייסטיג פאָלק. איהם בעגייסטערט אויך די פּערספּעקטיווע פון דער פּאָליטישער אויפלעבונג פון יהודה אין דער נאָהענטסטער צוקונפט. די דורך יסורים אויסגעלייטערטע נאַציע מוז זיך צוריקקעהרען אין איהר לאַנד, צו דיענען פאַר דער וועלט אַלס מוסטער פון גייסטיגער מעכטיגקייט ביי פער-

העלטניסמעסיג געפאלענע פאליטישע בעדינגונגען. דער נביא איז מבטיח דעם בעפרייטען פאלק נישט קיין קריעג'ס-שטארקייט, נישט קיין הערשאפט איבער אנדערע פעלקער דורך שווערד און געוואלד, נאר דאס בעקעמפפען די הערצער דורך דעם פערשפרייטען די אידעען פון ווארהייט און גוטס. אין רעליגיעזען לעבען פון ישעיהו דעם צווייטען, אין געגענזאץ צו יחזקאל'ן, ווערט דער גרעסטער פלאץ אבגעגעבען נישט קיין אויסערליכע מנהגים און טעמפעל-צערעמאניאלען, נאר דער גייסטיגער פאלקאמענהייט. אין זעהר שארפע אויסדריקען טרעט ער ארויס געגען דעם אויסערליכען רעליגיעזען תשובה-טהון, אין דער פארם פון פאסטען און דאוונען, וואס איז נישט צוזאמענגעבונדען מיט דער גייסטיגער אויפלעבונג פון דעם בעל-תשובה. אין דער פאנטאזיע פון ישעיהו דעם צווייטען וועגען דער בענייטער יהודה, פערנעהמט דער פון דאסניי אויפגעבויטער בית-המקדש נישט אזא וויכטיגען ארט, ווי אין דער נבואה פון יחזקאל. דער נעבעלדיגער מיסטיציזם פון דעם לעצטען איז אויך פרעמד דעם נייעם נביא. אין די רעדען פון ישעיהו דעם צווייטען הערשט הויפטזעכליך די ליכטיגע, לעבענסדורשטיגע שטימונג: אין זיי קלינגט דער דרייסטער, מונטערער אויפרוף צו טהעטיגקייט, אבער נישט צו פאסיווער אבווארטונג:

„ערוואך דיך, ערוואך דיך, קלייד דיך אן אין דיין מעכטיגקייט, ציון, ציער דיך אויס אין דיין פראכטפאלער קליידונג, ירושלים, היילגע שטאדט; עס וועט אין דיר נישט ארייננדרינגען מעהר קיין אונבעשניטענער און קיין אומ-ריינער. טרייסעל אב פון זיך דעם שטויב, שטעה אויף, מעכטיג דיך, ירושלים, צורייס די קייטען פון דיין האלדז, געפאנגענע ציון'ס-טאכטער". — „ציון זאגט: עס האט מיין גאט מיך פערלאזען, עס האט מיין האר מיך פערגעסען!"— קאן דען די מוטער איהר זויג-קינד פערגעסען, קאן זי זיך דען אויף די פרוכט פון איהר בויך נישט ערבארעמען? ווען זאגאר אזעלכעס זאל קאנען פאסירען, קאן איך (גאט) דיך אבער נישט פערגעסען. אט איילען שוין צו דיר דיינע קינדער און דיינע פערוויסטער וויכען פון דיר. הויב אויף דיינע אויגען און קוק דיך ארום: זיי (דיינע קינדער) האבען זיך פערזאמעלט און ענגען צו דיר שוין געקומען. זיי וועלען אויפבויען דיינע חורבות און ענג וועט אין דיר זיין פאר דעם גרויסען איבערפלוס פון דער בעפעלקערונג." — „ווי שען אויף די בערג געהען אויף די פיס פון דעם שטאפעט, דער וואס איז מבשר וועגען שלום, דער וואס איז מודיע וועגען גליק, דער וואס זאגט אן וועגען ערלייזונג, דער וואס רעדט צו ציון: דיין גאט בענייט זיין מלוכה! דיינע וועכטער האבען אויפגעהויבען זייער שטים און זינגען צוזאמען, ווייל

אויג-אין-אויג האָבען זיי דערזעהן, ווי גאָט קעהרט זיך אום צוריק קיין ציון!"...

דער איינדרוק פון ישעיהו'ס רייד איז געווען אונגעהויער. די פערטריבענע געמיינדע האָט מיט אונגעדולד געהאָפּט אויף איהר גיכסטער בעפרייאונג, און ווייל דער נביא האָט צוזאַמענגעקניפּט די גאולה מיט דער מפּלה פון בבל, האָבען די יודען געוואַרט אויף דעם רעזולטאַט פון דער מלחמה צווישען די פּערס'ער און כאַלדעער פיעל מעהר, ווי דער מלך נאַבאָנאַד (בלשאצר) און דאָס פאָלק פון בבל. די ענדע פון דער מלחמה האָט אָבער נישט געלאָזען לאַנג אויף זיך וואַרטען. נאָך איידער די בבלי'ער האָבען בעוויזען זיך אַרומצוקוקען אויף זייער לאַגע, איז שוין כּרש געשטאַנען ביי די טויערען פון דער הויפּטשטאָדט מיט זיין גרויסער, מלחמה-דורשטיגער אַרמעע און נאָך האַלבער-נאַכט האָט ער זיך אַריינגעריסען אין שטאָדט, אין דער צייט, ווען די איינוואָהנער האָבען זיך זאָרגלאָז לוסטיג געמאַכט אויף בעלער און טענץ. ווען דער טאָג איז אָנגעקומען, איז דאָס שטאָדט פול געווען מיט'ן פיינד, און יעדער ווידערשטאַנד איז געווען אוננוצליך. אַזוי איז געפאַלען די זינדיגע בבל נאָך אַ צוויי-יאָהריגער מלחמה (539-טען יאָהר), ווי ס'איז פאָראויסגעזאָגט געוואָרען דורך די יודישע נביאים. קיין בעזונדערע שטראָף אָדער בעליידיגונג האָט נישט בעגעגענט נישט דעם מלך, נישט דאָס פאָלק פון בבל. כּרש איז געווען אַ באַרמהערציגער זיעגער. דאָך איז אין יענעם טאָג געפאַלען דאָס עקעלהאַפטע געצענדיענערייי. דער קולט פון די פּרס'ער איז געווען פיעל העכער פון דעם כאַלדעאישען. ביי די פערסער זענען נאָר געווען צוויי געטער — אַהורמיז, דער גאָט פון גוטס און אַהרימון, דער גאָט פון שלעכטס — ביידע מעהר אָדער וועניגער אַבסטראַקטע און זיי, די פערסער, האָבען נישט געליטען קיין געצענדיענערייי.

די מפּלה פון בבל האָט פאָלשטענדיג און אויף אייביג אויסגעהיילט דער יודישער געמיינדע פון דער פריהערדיגער געצענדיענערישער קרענק. מיט די אייגענע אויגען האָט דאָס פאָלק געזעהן, ווי די געטער, פאַר וועלכע מ'האָט נאָך נעכטען געקניעט און זיך געבוקט, זענען היינט אויסגעמישט געוואָרען מיט שטויב; ווי בל איז געפאַלען, ווי מרודך איז הרוב, דער חורבן פון בבל האָט אויף אַזאַ אופן פערענדיגט די איפגאַבע פון די נביאים אין די פערגאַנגענע דורות. עס זענען ווייך געוואָרען די הערצער פון ישראל. אַלע האָבען זיך געווענדעט צו גאָט, סיי זינדיגע, סיי פערזונקענע אין הבלי-העולם. עס האָבען אַלע אַרויסגעזעהן בעשיינפערליך, ווי זיין הייליג וואָרט, וואָס ער האָט אַריינגעגעבען אין מויל פון די נביאים, איז מקוים גע-

וארען. די ענוים, וועלכע פלעגען פריהער שטענדיג ציון בעוויינען, האבען אויפגעהערט צו זיין פערהאסט און פערפאלגט; איז געגענטייל, מ׳האט זיי אנגעהויבען צו אכטען און די פערטריבענע קהלה האט זיי געשטעלט אין איהר שפיץ. דערווייל האט זיך כרש אויפגעזעצט אויפ׳ן טראן אין דעם פאלאץ פון בבל. ער האט געוואלט, מען זאל אויף איהם קוקען, ווי אויף דעם מלך פון בבל, ווי אויף א יורש פון די אמאליגע העלדישע בבלישע מלכים, און די יאהרען פון זיין מלוכה האט ער אנגעהויבען צו צעהלען זייט ער האט זיך אין בבל בעזעצט (538). אלע דיענער פון קעניגליכען הויף, וועלכע האבען פריהער געציטערט און זענען אויף די הענד געקראכען פאר נאבאנאדען, זענען געווארען די דיענער פון כרש. צווישען זיי האבען זיך אויך געפונען סריסים פון דער יודישער קעניגליכער פאמיליע, מענשען, וועלכע זענען עהרליך און טריי געבליבען זייער פאלק און זייער רעליגיאן. מיט די דאזיגע האבען אנגעהויבען זיך משתדל צו זיין פאר כרש׳ן (דערביי האט מסתמא מיטגעווירקט אויך זרובבל, דער אייניקעל פון מלך יהויכין), אז ער זאל בעפרייען זייערע ברידער. קודם כל זענען בעפרייט געווארען פון די טורמעס די יעניגע, וועלכע זענען דורך נאבאנאד׳ן פערמשפט געווארען פאר זייער רעליגיעזער קנאה. וואס ווייטער האט מען ביי כרש׳ן אלץ מעהר געפועל׳ט. ענדליך האט ער צופריעדען געשטעלט דעם הויפט-בעגעהר פון די פערטריבענע יודען: ער האט זיי ערלויבט זיך אומצוקעהרען אין זייער לאנד און צוריקצושטעלען זייער בית-המקדש. מיט דעם נצחון איבער בבל זענען ממילא אריבערגעגאנגען אונטער כרש׳ס רשות אלע פעלקער און לענדער, וואס נבוכדנאצר האט אין דעם פריהערדיגען דור איינגענומען, פון פרת ביז מצרים. די יודען, וויעדער, זענען אין אלע הינזיכטען געווארען אבהענגיג פון איהם. וועלכע מאטיוען די דרייסטע יודישע שתדלנים האבען אלזא געקאנט ארויסשטעלען פאר׳ן מעכטיגען קעמפפער, ווען זיי האבען געבעטען נישט נאר פרייהייט פאר זייער פאלק, נאר זאגאר פאליטישע זעלבסטשטענדיגקייט פאר זייער לאנד? און וואס האט כרש׳ן געטריבען, צו פערווירקליכען דעם דאזיגען דרייסטען חלום? איז עס געווען בלויז א מאמענטאלע שטימונג? אדער אפשר האט איהם איינער פון די נביאים — ווי צווישען יודישען פאלק האט זיך נאכדעם דערצעהלט — מגלה געווען, אז דאס איז זיין בעשטימונג פון גאט, דער פערטריבענער יודישער געמיינדע צו בעפרייען און צוריקצושטעלען? איז אפשר כרש׳ן געפעהלען געווארען די יודישע אמונה, וועלכע איז אין גרונד עטוואס ענליך צו דער פערסישער, און דערפאר האט ער זיך מיט אזוי פיעל חסד בעצויגען צו איהרע נאכ-

פֿאָלגער? — ווי דאָס זאָל נישט האָבען געוועזען און וואָס דאָ זאָל נישט האָבען
געדיענט אַלס אורזאַך, בלייבט נאָך אַלץ אונפֿערשטענדליך דאָס, וואָס
כרש האָט גלייך, נאָך זיין איינגעהמען בבל, צושיקט דורך זיינע העראָלדען
שריפֿטליכע עדיקטען איבער זיין גאַנצער נייער מלוכה, אין וועלכער ער
האָט שטרענג בעפֿוילען, אַז קיינער זאָל נישט וואַגען צו שטערען די יודען
אומצוקעהרען זיך קיין ירושלים און אויפֿצובויען זייער בית=המקדש. ער האָט
אויך ערלויבט די פֿערבליבענע אין גלות צו פֿערזאָרגען און שטיצען זייערע
צוריקקעהרענדע ברידער מיט גאָלד און מיט זילבער, ווי אויך מיט בהמות,
וועלכע זאָלען איבערפֿיהרען אין פֿאַטערלאַנד פֿערשיעדענע משאות אין ענד=
ליך האָט ער בעפֿוילען זיין קאַנצלער מיטראַדאַט'ן, אָבצוגעבען די צוריקקעה=
רענדע די הייליגע כלים פֿון בית=המקדש, וועלכע נבוכדנאצר האָט פֿער=
נומען און אַוועקגעשטעלט אין דעם טעמפּעל פֿון בל, אַלס אַנדענקען
פֿון זיין גרויסען נצחון.

ווי נאָר די דאָזיגע ערלויבניש אויף אומצוקעהרען זיך אינ'ם לאַנד
איז געגעבען געוואָרען, האָבען זיך באַלד איינגעפֿונען מענשען, וועלכע
האָבען גענומען אויף זיך, צו אָרגאַניזירען די זאַך און צו בעזייטיגען פֿאָראויס
די שטערונגען און שוועריגקייטען, וועלכע דער ישוב (צוריקקעהר) האָט
געקאָנט בעגעגענען אויפ'ן וועג פֿון זיין רעאַליזירונג. אַן דער שפּיץ פֿון דער
ישוב=בעוועגונג זענען געשטאַנען צוויי גרויסע לייט, וועלכע זענען געוואָרען
דורכ'ן פֿאָלק אַנערקענט*) אַלס אָנפֿיהרער, צוליעב זייער גרויסען יחוס. דער
ערשטער איז געוועזען זרובבל, דער אייניקעל פֿונ'ם מלך יהויכין, אַ שפּראָצלינג
פֿון הוד'ס משפּחה; דער צווייטער איז געוועזען—יהושע דער זוהן פֿון בעה"המטען
כהן=גדול יהוצדק. צו זיי זענען צוגעשטאַנען נאָך צעהן מאַן, אַזוי אַז די צאָהל
פֿון די אַלע ראשים האָט אויסגעמאַכט צוועלף, וואַהרשיינליך אַנטקעגען די
צוועלף שבטים. צו זרובבל'ן האָט זיך כרש בעצויגען מיט אַ בעזונדערער
ליעבשאַפֿט און אַכטונג. ער האָט איהם בעשטימט אַלס פֿערטרעטער פֿון
דער געגענד, אין וועלכען עס וועלען זיך בעזעצען די צוריקקעהרענדע;
זרובבל האָט דאָרט געזאָלט זיין אַ מין רעגענט. אין דער ווירקליכקייט
איז דאָס פֿאַר יהויכינ'ס אייניקעל געוועזען אַ שטאַפּעל צום טראָן פֿון ירושלים.
ביי די דאָזיגע צוועלף אָנפֿיהרערס האָבען זיך פֿערשריבען די אַלע, וועלכע
האָבען געוואָלט פֿערלאָזען דעם גלות און זיך קעהרען אַהיים (העולים). די
צאָהל פֿון די לעצטע איז געוועזען פֿיעל קלענער אין פֿערגלייך מיט די,
וואָס זענען אַמאָל אַרויס פֿון מצרים, דאָך איז עס געוועזען מעהר, ווי מען
האָט געקאָנט דענקען: צוויי און פֿערציג טויזענד דריי הונדערט זעכציג

נפשות, מאַנסלײַט, פרויען און קינדער פון צוועלף יאָהר אָן, זענען פון בבל „אויפגעגאַנגען" צוריק אין זייער אייגענעם הייליגען פאָטערלאַנד. דער גרעסטער טייל פון די „עולים" זענען געווען פון שבט יהודה און שבט בנימין, נאָכדעם — פיער גרופּעס כהנים און אַ רעכטע צאָהל לויים. ווײַטער זענען געווען צווישען די „צוריקקעהרער" מענשען פון די איבעריגע שבטים, ווי אויך נישט וועניג „גרים", וואָס האָבען אָנגענומען דעם יודישען גלויבען.

אונגעהויער איז געווען די פרייד צווישען די, וואָס האָבען זיך געגרייט צו דער צוריקקעהרונג. זיי האָט ווי אַ זיסער חלום אויסגעזעהן די מעגליכקײַט, פון דאַסנײַ אָנצווזעהען דאָס אייגענע ליעבע לאַנד, פון דאָס־נײַ צו בעפעלקערען עס, פון דאָס־נײַ דעם בית־המקדש אויפצובויען. די דאָזיגע געוואַלטיגע פאַסירונג האָט פעראינטערעסירט אַלע אַרומיגע פעלקער, און זיי האָבען וועגען דעם גערעדט, ווי וועגען אַ נס, וואָס דער גאָט פון ישראל האָט געטהון מיט זײַן פאָלק. עס איז צווישען יודען געבליבען אַ געזאַנג, אין וועלכען עס דריקט זיך אויס די ערהויבענע שטימונג, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די דעמאָלסטיגע „צוריקקעהרער".

„ווען גאָט האָט אונז, געפאַנגענע פון ציון,
אין אונזער היים צוריקגעקעהרט פון גלות,
דאַן זענען מיר פונקט ווי פער'חלומ'טע געווען —
אַ אונענדליכע פרייד האָט אָנגעפילט דאַן אונזער מויל,
און אונזער צונג האָט דאַן אונאויפהערליך געזונגען..
געוואונדערט האָבען זיך די פעלקער דאַן אַרום:
„עס האָט גאָט גרויסעס מיט אָט די געטהון!"
גאָט האָט מיט אונז דאַן גרויסעס געטהון —
אַ אונענדליכע פרייד האָט אָנגעפילט דערום אונזער האַרץ--

ווען דאָס פאָלק האָט זיך געגרייט, אויסצונוצען זײַן פרײַהײַט און אומצוקעהרען זיך קיין ירושלים, האָט איין משורר אין אַ שיר געזאָגט, אַז יעדערער מוז זיך פריהער אויספּרובען, צו האָט ער דעם דאָזיגען גענאַד פון גאָט פערדיענט. נאָר גרויסע בעלי־זכיות, וועלכע שטרעבען צו גאָט און זוכען זײַן הייליגקײַט, זענען ראוי צו פערזאַמלען זיך אין דער הייליגער שטאָדט. ווערזשע אָבער האָט דאָס געקאָנט אונטערשיידען צווישען די גוטע און די שלעכטע?...

צווייטעס קאַפּיטעל.

(537–342).

אין דעם זעלבען מאָנאַט, ווען די אָבות (537—542) זענען מיט אַכט אָדער
ניין יאָהרהונדערטען צוריק אַרויס פון מצרים, האָבען די אור־אייניקלעך
ניין יאָהרהונדערטען צוריק אַרויס פון מצרים, האָבען די אור־אייניקלעך,
נאָך אַ פופציג־יאָהריגען גלות, פערלאָזען בבל, אומצוקעהרען זיך און פון
דאָס־ניי צו בעזעצען זיך אין דעם לאַנגפערלאָזענעם לאַנד, צו וועלכען זיי האָבען אַזוי הייס געשטרעבט.

אין אַ טרויעריגען צושטאַנד האָבען די „צוריקקעהרענדע" געפונען זייער הייס געליעבטער יהודה. דער צענטרום פון לאַנד ירושלים און זיינע אומגעגענדען איז געווען כמעט גאָר אָהן מענשען, אומעדום זענען נאָך געווען טיעף קענטיג די צייכענס פון חורבן, וואָס נבוכדנאצר האָט געמאַכט. אין דער פראָווינץ האָבען געוואָהנט פונאַנדערגעוואָרפען אָרימע יודישע דאָרפסלייט, וואָס דער בעזיעגער האָט איבערגעלאָזען. זיי האָבען אָבער פערנומען נאָר אַ קליינע טייל פון דער טעריטאָריע אין יהודה. דאָס איבעריגע האָבען שוין געהאַט פערכאַפּט די אַרומיגע האַלב־ווילדע שבטים, וועלכע האָבען אויסגענוצט די שוואַכקייט פונ'ם לאַנד. די אַמאָליגע יודישע שונאים, די אדומ'ער, האָבען פערכאַפּט דעם דרומ'דיגען געגענד פון יהודה, דעם בערגעדיגען נגב, און זיי האָבען נאָך געשטרעבט צו ווייטערדיגע פערכאַפּונגען. צו מערב־צד האָבען געוואָהנט די אשדוד'ער (אשדודים); די עמונ'ער, וועלכע זענען געקומען פון יענער זייט ירדן און אויך פערכאַפּט אַ געוויסע שטיק יודישע ערד. פון צפון־זייט, אין דער געוועזענער מלוכה פון ישראל, האָבען געוואָהנט די שומרונ'ער (שומרונים), וועלכע זענען בעשטאַנען פון אַ קליינעם אַסימילירטען טייל פון דער פריהערדיגער ישראל־בעפעלקערונג און פון

אַ גרויסער מענגע פון דער פרעמד אָנגעקומענע עלעמענטען. אַזאַ אויס־געמישטען כאַראַקטער האָט אויך געטראָגען די רעליגיע פון די שומרונ'ער: זיי האָבען געהיט דעם אַלטען האַלב־יודישען קולטוס פון יהוה, וועלכער האָט אַמאָל אין לאַנד געהערשט, צומישענדיג צו איהם פערשיעדענע מנהגים פון די אָנגעקומענע געצענדיענערישע שבטים. די שומרונ'ער זענען אַלזאָ געווען האַלבע יודען אַי לויט זייער ראַסע, אַי לויט זייער גלויבען.

זייענדיג אַרומגערינגעלט מיט אַזוינע שכנים, האָבען די יודען געברויכט אָנווענדען ניט ווייניג קרעפטען, אום צו בעקומען פון דאָס־ניי די אויבער־מאַכט איבער דער פריהערדיגער אייגענער טעריטאָריע און פון דאָס־ניי אויפצושטעלען די צושטערטע געזעלשאַפטליכע אָרדנונג. פון איין זייט איז זיי אויסגעקומען אַרויסצושטופען די פרעמדע שבטים פון די אָפגעריסענע יודישע געגענדען, און פון דער צווייטער זייט — אויפצובויען די פער־נאַכלעסיגטע ירושלים און די אַרומיגע שטעדט. אָהן דער הילף פון דער פערס'ישער ממשלה האָבען זיי אין אָנהויב ניט געקאָנט זיך בעגעהן. ווי ס'שיינט אָבער, איז די דאָזיגע הילף געווען ניט בעדייטענד. די נייע זיעגער האָבען נאָך ניט בעוויזען אַריינצובריינגען אַ נייע אָרדנונג אין דער פאַ־לעסטינישער פראָווינץ, און ס'איז אונבעוואוסט, אין וואָס עס האָט זיך אויסגעדריקט זייער מיטווירקונג בנוגע צו דער רעסטוראַציע פון יהודה. בערשיעדענע היסטאָרישע דאָקומענטען זענען פאַרהאַן וועגען דעם, ווי אַזוי די ערשטע „צוריקקומענדע" האָבען זיך איינגעאָרדענט אין דער אַלטער היימאַט, און ווי אַזוי עס איז צוגעגאַנגען ווייטער דער ענין פון שיבת־ציון. פאַר בעשטימט קאָן מען רעכענען נאָר דאָס, אַז די ערשטע צוריקקעהרענדע האָבען זיך בעזעצט אין ירושלים און אין די נאָהענטסטע געגענדען אַרום, בילדענדיג אויף אַזאַ אופן אַ פעסטע און ענג צוזאַמענגעבונדענע קאָלאָניע.

איינע פון די ערשטע זאָרגען פון די צוריקגעקומענע יודען, איז גע־ווען צו בעניייען די רעליגיעזע גאָטעס־דיענסטען אין ירושלים. דאָס האָט גע־פאָדערט דאָס אָנגעשטרענגטע רעליגיעזע געפיהל פון פאָלק, וואָס האָט סימבאָליש צוזאַמענגעבונדען די גרויסע געשעהעניש פון זיין בעפרייאונג מיט דעם צוריקקעהר פון גאָט אין זיין היילינגער שטאָדט און היילינגען בית־המקדש. ווען ס'איז אָנגעקומען דער זיבעטער מאָנאַט תשרי, ווען עס פאַלען אויס די גרויסע יודישע הערבסט־ימים־טובים, האָבען זיך אין ירושלים פערזאַמעלט גרויסע מאַסען פון אַלע אַרומיגע אומגעגענדען. אויף דעם וועל־כיגען אָרט, וואו אַמאָל איז געשטאַנען דער מזבח אין שלמה־המלך'ס בית־המקדש, איז געוואָרען אויסגעשטעלט אַ נייער אַלטאַר און באַלד איז בע־

נייט געווארען דער סדר פון קרבנות, וועלכער איז בטל געווארען צוזאמען מיט'ן הורבן פון ירושלים.

גלייך נאכדעם, ווי ס'דערצעהלט די מסורה, האבען זיך אנגעהויבען די הכנות אויפצובויען א נייעם בית-המקדש פאר גאט אין ירושלים, אויף דעם אלטען ארט, אויפ'ן בארג מוריה. עס זענען געשלאסען געווארען קאנטראקטען מיט די פיניצעער פון צור און צידון, צו צושטעלען צעדער-געהילץ פון לבנון פאר בעלוינונג מיט געלד און מיט פראדוקטען. עס זענען אויך געדונגען געווארען ארבייטער אויסצוגראבען און אנצוהאקען שטיינער פון די ארומיגע בערג. ווען די דאזיגע פארבערייטונגען זענען געענדיגט געווארען, איז מען צוגעטרעטען צום בנין פון דעם געטליכען הויז; דאס איז אויסגעפאלען אין דעם פריהלינגס-מאנאט איר, אויפ'ן צווייטען יאהר נאכדעם, ווי די געפאנגענע האבען זיך צוריקגעקעהרט אין זייער פאטערלאנד. די אנפיהרער און די עלטסטע פון פערשידענע קהלות זענען אנגעקומען צו דער גרויסער עהרליכער פייערונג, ווען עס איז אוועקגעלעגט געווארען דער ערשטער שטיין צו דעם יסוד פונ'ם נייעם בית-המקדש. די כהנים זענען פון דאס-ניי ערשיענען אין זייערע הייליגע אנקליידונגען, די לויים פון אסף'ס-הויז האבען געזונגען דאנק'ס-הימנונ'ען, וועלכע זענען צו אונז דערגאנגען אין דער זאמלונג פון תהלים, און ווייט, ווייט האבען געהילכט די פריידענס-אויסגעשרייען פון פאלק. צווישען דעם דאזיגען פרייערנדען המון זענען אבער געשטאנען די געעהרטע זקנים און האבען הויך געוויינט: די דאזיגע אלטע-לייט האבען נאך זוכה געווען מיט זייערע אייגענע אויגען צו זעהען דעם ערשטען בית-המקדש אין זיין פולער פראכט, און איצט פערגלייכענדיג מיט איהם דעם נייעם, ארעם-געגרינדעטען בית-המקדש האבען זיי נישט געקאנט איינהאלטען זייערע טרעהרען. „און דאס פאלק—גיט צו דער כראניקער פון יענער צייט — האט נישט געקאנט אונטערשיידען די פריידענס-געשרייען פון דעם קלאגליכען יאמער“.

די וויטערדיגע אפבייט ביי דער אויפשטעלונג פונ'ם בית-המקדש האט אבער זיך געמוזט באלד אפשטעלען צוליעב די „פיינד פון יהודה און בנימין“. צו די דאזיגע פיינד האבען אנגעהערט די ארומיגע שכנ'ישע שבטים, וועלכע האבען פערכאפט געוויסע טיילען פון דער יודישער טעריטאריע און וועלכע האבען דערום נישט געוואלט, אז ס'זאל זיך פון דאס-ניי בילדען א צענטרום פון דעם יודישען פאלק אין דעם יודישען לאנד. א פיינדליכע פאזיציע אין דער בעציהונג צו יודען האבען פערנומען אויך די האלבע-קרובים, די שומרונ'ער. ווען זרובבל און די עלטסטע זענען צוגעטרע-

מען צו בויען דעם בית=המקדש, האבען די שלוחים פון די שומרונ'ער זיי ערקלערט, אז אויך די שומרונ'ער, אלס דיענער פון יהוה, װעלען אנ'אנטייל נעהמען אין דעם בנין פון דעם ירושלים'דיגען בית=המקדש. דער פערלאנג פון די שומרונ'ער האט געשטאמט נישט אזוי פון זייער רעליגיעזער התלהבות, ווי פון געוויסע פאליטישע אויסזיכטען: זיי האבען גערעכענט, אז דער פערבאנד מיט די יודען, צו וועלכע דער הערשער פון פרס בעציהט זיך מיט א בעזונדערער אויפמערקזאמקייט, וועט זיי קענען דיענען אלס מיטעל, אויף צו געווינען די סימפאטיע פון דער העכסטער מאכט אין לאנד. זרובבל און די עלטסטע האבען אבער בעשלאסען אבצוזוארפען דעם פארשלאג פון די שומרונ'ער. זיי האבען מורא געהאט, אז די פעראייניגונג מיט די האלב=געצענדיענערישע שכנים וועט וייטער ברינגען צו דער פערשפרייטונג פון פערקרימטע רעליגיעזע בעגריפען און שלעכטע, פערדארבענע זיטען. דער דאזיגער בעשלוס האט אויפגערעגט די שומרונ'ער, און זיי האבען אנגעהויבען מיט א פערביסענער שנאה, רודף צו זיין דער יודישער געמיינדע און איהר צושטערען אין אלע איהרע אונטערנעהמונגען אדער מיט כח, אדער מיט רמאות. זיי האבען זאגאר די פרס'ישע בעאמטע אופגעהעצט געגען יודען און ווען די לעצטע האבען זיך געווענדעט צו דער העכערער פרס'ישער מאכט מיט אנקלאגעס, האבען די שומרונ'ער זיך געמיהט דורך שוחד און אנדערע דרכים צו שטערען דעם ערפאלג פון זייערע שתדלנות. צוליעב די דאזיגע שטערענישען האט זיך געמוזט אבשטעלען די הייליגע ארבייט פון בנין בית=המקדש, וועלכע האט זיך אזוי פייערליך אנגעהויבען — און אין א משך פון פונפצעהן יאהר האט זי זיך נישט געקאנט בענייען.

אין דער דאזיגער קורצער צייט האבען די יודען איבערגעטראגען נאך גרעסערע אונאנגענעהמליכקייטען.. כרש איז געשטארבען און איהם האט געירשנט זיין זוהן קמביז. ווי נאר ער איז ארויף אויפ'ן טראן, האט דער נייער מלך זיך אנגעהויבען גרייטען צו א מלחמה, מיט'ן צוועק צו פערנעהמען מצרים און כוש. די אבטיילונגען פון דער גרויסער פרס'ישער ארמעע זענען דורכגעגאנגען דורך יהודה און איהר איז אויסגעקומען צו פערזוכען דעם טעם פון די אלע צרות, וואס זענען געווענליך פערבונדען מיט א מלחמה. די שכנישע האלב=ווילדע פעלקער האבען בעאונרוהיגט די יודען מיט זייערע שטענדיגע אנפאלען און בענוצענדיג זיך מיט דער קריעגס=מהומה, האבען זיי זיך ערלויבט אלע מעגליכע געוואלט=טהאטען. אויף שטיצע פון דער פרס'ישער מלוכה, איז נישט געוועזען צו האפען, ווארום, וואס האבען איהר

געקענט אין אזא ערנסטען מאמענט אנגעהן די יודען מיט זייערע געשעפטען? ווען קאמביז האט זיך אומגעקעהרט פון דער בעריהמטער מלחמה מיט מצרים און איז געשטארבען אויפ'ן וועג אין סיריא, האט איינער סמערדיז פערכאפט דעם טראן און די מלוכה-ארדנונג אין דער גרויסער פרסישער מאנארכיע איז אינגאנצען געשטערט געווארען. צו דער פאליטישער שוצלאזיגקייט פון יהודה, זענען נאך צוגעקומען פערשידענע עקאנאמישע אונגליקען. איינע יאהר נאכאנאנד האבען זיך אין לאנד געצויגען די אונגערעטענישען אויף די פעלדער. די פערדיענסטען זענען געווען שלעכטע, דער האנדעל האט זיך נישט געקאנט ענטוויקלען, ווייל די קאראוואנען-וועגען זענען געווען נישט אונגעפעהרליך צוליעב די מלחמות און מהומות אין פרס. די שטימונג ביים פאלק איז געווען א געדריקטע, דער טרויער פון גלות האט זיך נאך אזוי ווי געצויגען. די נאציאנאלע תענתים, וועלכע זענען איינגעפיהרט געווארען אין בבל, האבען דא אויך נישט אויפגעהערט אבגעהיט צו ווערען.

עטוואס פרייער האבען יודען אבגעאטעמט פאר דער ממשלה פון דריוש היסטאספ, וועלכער האט פון דאס-ניי פעסטגעשטעלט די מלוכה-ארדנונגען אין פרס און אין איהרע פראווינצען. דער נייער מושל, איז, ווי ס'שיינט, געווען גענייגט צו יודען נישט ווייניגער פון כרש'ן, און האט גארנישט געהאט דאגעגען, אז ירושלים זאל פון דאסניי בילדען א רעליגיעזען צענטרום אין יהודה. אין אנפאנג פון דריוש'ס ממשלה זענען אין ירושלים ארויסגעטראטען צוויי נביאים, חגי און זכריה, וועלכע האבען געוועקט דאס פאלק, זיך צו נעהמען פון דאסניי צום בויען דעם בית-המקדש. זיי האבען געשטרעבט צו איבערצייגען דאס פאלק, אז זיין ארימקייט און זיין אונגליקליכע פאליטישע לאגע קאן נאך נישט דיענען פאר קיין פערענטפערונג קעגען דעם, וואס „דאס געטליכע הויז" איז נאך נישט געווארען אויפגעבויעט; פערקעהרט, די טרויעריגע לאגע פון פאלק איז בלויז א רעזולטאט דערפון, וואס דאס פאלק איז צופיעל גלייכגילטיג צו דער הייליגער ארבייט. ווענדענדיג זיך צו די אנפיהרער, צו זרובבל'ן און יהושע'ן רעדט דער נביא חגי:

„דאס פאלק זאגט, אז ס'איז נאך די צייט נישט געקומען, גאט'ס הויז צו בויען. און אייך איז יא צייט צו זיצען בעקוועם אין אייערע וואהנונגען, ווען דאס דאזיגע הויז פון גאט איז וויסט און פערלאזען?... בעטראכט אייערע וועגען. איהר זייעט פיעל און שניידט ווייניג, איהר עסט נישט צו זאט, איהר טרינקט נישט צו בעפריעדיגונג, איהר קליידט אייך און נישט צוווארעם, און דער, וואס ארבייט, לעגט זיין פערדיענסט אין א

לעכערדיגער קעשענע... וואָרום איז עס אַזוי? דאָס איז דערפאַר, זאָגט גאָט, וואָס מיין הויז איז פערגעסען, ווען יעדער פון אייך לויפט אין זיין שטוב. דערפאַר האַלט איין דער הימעל דעם טוי, און די ערד — איהר פרוכט. איך האָב גערופען די טריקעניש אויף די פעלדער, אויף די בערג, אויף די ווייַנגערטנער, אויף די איילבערטבוימער און אויף אַלץ, וואָס עס ברייַנגט די ערד אַרויס, אויך אויף דעם מענשען, אויך אויף די בהמות, אויך אויף יעדע האַנד־אַרבייט."

דאָס בעגייסטערטע וואָרט פון דעם נביא האָט געווירקט. זרובבל, יהושע און די אַנדערע עלטסטע פון פאָלק האָבען ווייטער פלייסיג זיך גענומען צום בויען דעם בית־המקדש. די אַרבייט האָט זיך בעגייט אין צווייטען יאָהר פון דריוש'ס ממשלה און האָט זיך געצויגען אַ יאָהר פינף. אין פערלויף פון דער דאָזיגער צייט, האָבען די אָנפיהרער פון פאָלק געמוזט, אָנווענדען זייערע אַלע קרעפטען, כדי צו דערפיהרען ביז'ן ענדע די אָנגעפאַנגענע זאַך און בעזייטיגען די פאָרשטעהענדע הינדערנישען.

די מסורה דערצעהלט, אַז איינמאָל, אין דער צייט פון דער אַרבייט בייַ'ם בית־המקדש, איז קיין ירושלים אָנגעקומען מיט זיין סוויטע דער פערסישער פערטרעטער תתני, וועלכער האָט פערוואַלטעט מיט דער פראָווינץ „עבר־הנהר" (סוריא) און ער איז פערוואונדערט געוואָרען, אָנקוקענדיג די פראַכטפאָלע געביידע פון בית־המקדש. ער האָט געפרעגט די עלטסטע: ווער האָט זיי ערלויבט צו בויען דעם דאָזיגען בנין? — און ער האָט בעקומען אַן ענטפער, אַז אַזאַ ערלויבעניש האָבען די ערשטע צוריקגעקומענע קיין ירושלים בעקומען פון כורש, און אַז דער בנין האָט זיך נאָך אָנגעפאַנגען פאַר דעם פערסישען פערטרעטער ששבצר. אויסהערענדיג די דאָזיגע ערקלערונג, האָט תתני נישט אָבגעשטעלט די אַרבייט, נאָר ער האָט באַלד וועגען דעם צו וויסען געגעבען דעם מלך דריוש. דער מלך האָט געהייסען נאָכזוכען אין די אַרכיווען און באַלד איז ווירקליך געפונען געוואָרען אין דער מדי'שער שטאָדט עקבאַטאַנאַ דעם מלך כורש'ס פערזאָג, וועגען דעם בנין בית־המקדש אין ירושלים. דאַן האָט דער פחה תתני בעקומען פון דריוש'ן אַ בעפעהל, נישט צו שטערען דאָס בויען פון בית־המקדש, נאָר פערקעהרט נאָך, מיט אַלע מעגליכקייטען צו שטיצען די אַרבייט.

דער בנין פון בית־המקדש איז פערענדיגט געוואָרען אויפ'ן זעקסטען יאָהר פון דריוש'ס ממשלה (516) אין דעם דריטען טאָג פון חדש אדר, ווען עס האָט זיך געענדיגט זיבעציג יאָהר צייט עס איז חרוב געוואָרען דער ערשטער בית־המקדש. (דערום ווערט אין די יודישע הייליגע ספרים

גערעכענט, אז דער גלות פון בבל האט געדויערט זיבעציג יאהר). דער כהן יהושע און דער נשיא זרובבל האבען איינגעאָרדענט א פייערליכע בעניאונג פון בית-המקדש, און באלד נאכדעם איז געפייערט געוואָרען דער חג הפסח, אין דער אנגעוועזענהייט פון א זעהר גרויסען המון, וועלכער איז זיך צוזאמענגעפאָהרען קיין ירושלים.

ביים יודישען פאָלק איז וייטער געווען צו בעמערקען א אונגעוועהנ-ליכע, ערהויבענע שטימונג. די נביאים חגי און זכריה האבען מיט זייערע רעדען בעגייסטערט די ירושלים-לייט און האבען אין זיי אריינגעגעבען האָ-פענונגען אויף א ליכטיגער צוקונפט. חגי האט געזאָגט, אז דעם נייעם „צווייטען בית-המקדש" שטעהט פאר אזא גרויסער רוהם, וועלכען עס האט נישט געהאט אפילו דער ערשטער בית-המקדש, וואס איז געבויט גע-וואָרען דורך דעם מלך שלמה, און האט זיך אויסערליך אויסגעצייכענט מיט א פיעל גרעסערען פראכט. דער נביא האט אנגערופען זרובבל'ן „דער אויסדער-וועהלטער פון גאט" און האט איהם געהיימניספול פאָרויסגעזאָגט זעהר גרויסע עתידות. נאך מעהר געהיימניספול און מיט א מעהר-פייערליך-משיחו-דיגען גייסט צייכענען זיך אויס די רעדען פון נביא זכריה. די רעדען טראָגען אין גרעסטען טייל א פאָרם פון פּאָעטישע זעהונגען (וויזיאָנען), וועלכע דער-מאָהנען צייטענווייז די זעהונגען פון יחזקאל. אין איינער פון די דאָזיגע זעהונגען זאָגט דער מלאך אָן דעם נביא, אויף איבערצוגעבען דעם נשיא זרובבל, די דאָזיגע ווערטער פון גאט, וועלכע זענען נאכהער געוואָרען דער דעוויז פון דעם גאנצען יודענטום, אלס פאָלק פון גייסט: „נישט מיט קיין ארמעע און נישט מיט קיין קראפט, נאר מיט מיין גייסט (וועסט זיעגען)!" דער נביא האט געפּרעדיגט, אז יהודה וועט זיך ראטעווען נישט מיט מאטעריעלע, נאר מיט גייסטיגע כלי זין. ער שטעלט שטענדיג אין איין רייהע יהושע דעם כהן גדול, אלס פאָרשטעהער פון דאס גייסטיגע לעבען, מיט זרובבל דעם נשיא, אלס פאָרשטעהער פונ'ם פּאָליטישען לעבען. פאר דעם בליק פונ'ם נביא טראָגט זיך דאס בילד פון דעם קינפטיגען קרוינ-טרעגער פון דוד'ס הויז, וועלכער געוועלטיגט איבער יהודה, צוזאמען מיט דעם שפּראָצלינג פון די כהנים גדולים פון צדוק'ס-הויז. זכריהו זעהט פאָר אין דער צוקונפט צייטען פון מנוחה און גליק פאר דער בעפרייטער יהודה: אזוי האט גאט געזאָגט: איך האב זיך מיר ווידערגעקעהרט קיין ציון און זיך בעזעצט אין ירושלים; און ירושלים וועט אָנגערופען ווערען „די שטאָדט פון וואהרהייט" און דער בארג פון גאָט — דער הייליגער בארג. עס וועט נאך קומען א צייט, ווען אלטע לייט און אלטע פרויען וועלען זיצען

אין די גאסען פון ירושלים און יעדער וועט זיך מיט'ן האנד אויפ'ן שטעקען שטיצען צוליעב דער טיעפער עלטער. און פול וועלען זיין די גאסען פון שטאדט מיט יונגלעך און מיידלעך, וועלכע וועלען זיך פרעהליך שפיעלען".

ווען עס האט זיך אנגעהויבען א פראגע צווישען די כהנים וועגען דעם, צי מ'דארף נאך אלץ אבהיטען די תעניתים, וועלכע זענען מיט יאהרען צוריק אין גלות איינגעפיהרט געווארען צום אנדענקען פון חורבן ירושלים, — האט דער נביא געזאגט, אז עס וועט קומען א צייט, ווען די דאזיגע תעניתים וועלען זיך פערוואנדלען אין ימים־טובים. דערביי האט ער, אזוי ווי די פריהערדיגע נביאים, זיך געמיהט קלאר צו מאכען דעם פאלק, אז נישט מיט דער אויסערליכער פרומקייט קאן מען זיך ראטעווען, נאר מיט גוטע מעשים און מיט וואהרהייט. „אט וואס איהר זאלט טהון: רעדט נאר אמת איינער דעם צווייטען, גערעכטיגקייט און פריעדענסגעריכט זאלט איהר שאפען אין אייערע שטעדט; נישט פערטראכט אין אייער הארצען קיין שלעכטס איינער געגען צווייטען, האסט דאס פאלש־שווערען, ווייל דאס אלעס פערטראג איך נישט — אזוי זאגט גאט!"

דאס אויפשטעלען פון דאס־ניי דעם רעליגיעזען צענטרום אין ירושלים, האט אויף א געוויסער צייט אויפגעהויבען דעם גייסט פון פאלק, נאר די ליכטיגע האפנונגען פון די נביאים זענען נאך נישט אזוי גיך מקוים געווארען. די טעג פון פרייהייט און גליק זענען אין יהודה נאך נישט אנגעקומען. ווי פריהער איז זי נאך געוועזען אן ארימע פראווינץ, וועלכע איז געווען אבהענגיג פון די פערסישע פערטרעטער. דער שפראצלינג פון דוד'ס בוים, זרובבל, דער איינינקעל פון מלך יהויכין, האט זיך נישט דערווארט, צו טראגען די קרוין אויף זיין קאפ. נאכדעם, ווי דער בית־המקדש איז אויסגעבויט געווארען, ווערט ער אינגאנצען פערשוואונדען פון דעם יודישען האריזאנט, און אין די היסטארישע דאקומענטען, וועלכע זענען צו אונז דערגאנגען פון יענער צייט, ווערט זיין נאמען מעהר נישט דערמאנט. א שפעטיגערע יודישע מסורה זאגט, אז זרובבל האט זיך אומגעקעהרט צוריק אין בבל און איז שוין דארט געבליבען. עס עקזיסטירט א מיינונג, וועלכע זעהט אויס ריכטיג צו זיין, אז די פערסישע רעגירונג האט מורא געהאט דערפאר, אז זרובבל, אלס איינער פון די זרע המלוכה, זאל נישט נעהמען פרעטענדירען אויף דעם קעניגליכען טראן אין יהודה. און דערפאר האט זי איהם דער־ווייטערט פון זיין פאטערלאנד. די הנהגה איבער דער יודישער קהלה אין ירושלים איז איבערגעגעבען געווארען אין די הענד פון כהן גדול יהושע

בן יהוצדק, וועלכען עס האָט נאָך זיין טוידט געירשנ'ט זיין זוהן יהויקים.

די ווייטערדיגע געשיכטע פון יהודה פאַר דער ממשלה פון דריוש און זיין טראַנספאָלגער קסערקס 1 (אחשורוש) בלייבט אינגאַנצען נישט בעוואוסט. אין ספר „עזרא" געפינט זיך נאָר אַ אונדייטליכע בעמערקונג, אַז אין אָנפאַנג פון אחשורוש'ס ממשלה האָבען די יודישע פיינד זיך געפּרובט אָנריידען רשעות אויף יהודה פאַר דעם פּערסישען מלך. ביים פאָלק אָבער איז געבליבען אַ מסורה (מגלת אסתר) וועגען דעם, ווי אַזוי איינער פון זיינע שרים, המן בן-המדתא, אַ צורר היהודים, האָט אָנגערעדט דעם מלך צו פערטיליגען דאָס יודישע פאָלק אין אַלע פּראָווינצען פון זיין בריימסטער מלוכה, און ווי אַזוי דער מלך האָט שוין געהאַט דערויף איינגעשטימט און האָט שוין זאָגאַר אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל צו זיינע אַלע סאַטראַפּען אין אַלע מדינות, אויסצוהרג'ענען אַלע יודען אין איין טאָג; נאָר דורך אַ נס זענען יודען דאַן נצול געוואָרען, מיט דער הילף פון דער שענער יודין אסתר און דעם פרומען שר מרדכי. צוליעב דער גרויסער ישועה ווערט יאָהר יעהרליך ביי יודען געפייערט אין חדש אדר דער 14-טער טאָג, וועלכער ווערט אָנגערופען פורים, ווען לויט דער גזירה און לויט דעם גורל (פור) האָט געזאָלט אויסקומען די פערטיליגונג פונ'ם יודישען פאָלק.

די ערשטע צוריקשטעלונג פון דעם יודישען נאַציאָנאַלען לעבען דורך זרובבל און יהושע, איז געווען עהנליך צו דער ערשטער פערמאַקערונג פון אַ פערלאָזענעם פעלד, וועלכע פערזיכערט נאָך נישט קיין גערעטעניש. דער אויפגעשטעלטער רעליגיעזער צענטרום אין ירושלים איז נאָך נישט געווען גענוגענד, אויף צו בעזייטיגען אַלע צרות, וועלכע האָבען זיך איבערהויפט גענומען פון דער אונשטאַנדהאַפטיגקייט אין דעם געזעלשאַפט-ליכען און עקאָנאָמישען לעבען פון פאָלק. יהודה האָט זיך גענויטיגט אין אַ ברייטער און פעסטער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, וועלכע זאָל אַרומ-נעהמען אַלע ספערען פון פאָלקס-לעבען, די דאָזיגע אַרבייט האָט נאָך אָבער געוואַרט אויף איהרע שעפער און אָרגאַניזאַטאָרען. אין דער נאָהענטסטער צייט פאַר דער רעסטוראַציע, האָבען זיך אַזעלכע טהעטיגע לייט נישט בעוויזען. יהודה האָט נאָר געבילדעט אַ רעליגיעזע געמיינדע, וועלכע איז אָנגעפיהרט געוואָרען דורך די מיוחס'דיגע פאַמיליעס, וואָס אָן זייער שפּיץ איז געשטאַנען דער כהן-גדול. נאָך יהויקים'ן, יהושע'ס זוהן, האָט דעם דאָזיגען פּאָסטען פערנומען דער אייניקעל פון דעם לעצטען — מיט'ן נאָמען אלישיב (460-טען יאָהר). נאָהנט צו דער אָליגאַרכישער (אָליגאַרכיע-ממשלה

פון נישט פיעל מיוחסים) הנהגה איז געשטאנען די געלד-אריסטאקראטיע. די עקאנאמישע אונגלייכהייט האט זיך שוין דאן דייטליך ארויסגעוויזען: געגען א קליינעם הייפעל רייכע לייט איז געשטאנען א גרויסע, ארעמע מאסע. די רייכע האבען זיך בענוצט מיט זייער נאהענטקייט צו דער פערוואלטונג אין לאנד, כדי צו דריקען עקאנאמיש די ארעמע קלאסען. אין די יאהרען פון אונגערעטעניש פלעגען די ארימע פערקויפען צו די רייכע אדער פערזעצען ביי זיי זייערע פעלדער, זייערע וויינגערטנער, זייערע הייזער, אפטמאל זאגאר די קינדער, אום צו בעקומען אלס א פראצענטיגע הלואה, אדער תבואה צו דערנעהרען זיך, אדער געלד, צו בעצאהלען מס (צינשען) דעם פערסישען פחה.

דער ערשטער דור פון די פערטריבענע, וואס זענען נאך פאר כרש'ן אנגעקומען צוריק אין ארץ־ישראל, האט זיך געהאלטען ווייט פון יענע, וועלכע זענען גאר אין אנפאנג פערבליבען אין לאנד און האבען אנגעהערט איבערהויפט צו די נידעריגערע קלאסען; די ווייטערדיגע דורות אבער האבען זיך שוין מיט זיי אויסגעמישט דורך הייראט'ס-פערבאנדען און געמיינדע-ארגאניזאציעס. די דאזיגע צונויפגיסונג האט געהאט פאר ביידע צדדים זעהר וויכטיגע פאלגען. די פאלעסטינישע יודען זענען געשטאנען אין גייסטיגען זין פיעל נידעריגער פאר די אנגעקומענע פון בבל, וועלכע זענען שוין געלייטערט געווארען אין דעם פייער פון צרות; אין זייער גלויבען זענען נאך געבליבען פיעל רעשטען פון די אלטע האלבהיידישע בעגריפען און מנהגים, וועלכע זיי האבען, זאגאר אין א שוואכער פארם, געירש'ענט פון זייערע אורעלטערען. פון צווייטען זייט אבער האט זיך די פון בבל צוריקגעקעהרטע — איינגעגעבען, אויפצוהויבען די דאזיגע מאסען אין א געוויסער מדרגה צו זיך און אבצוריינען זייערע רעליגיעזע פארשטעלונגען וועגען גאט און מענש. דער פון דאס ניי אויפגעבויעטער בית-המקדש איז געווארען דער צענטרום פון גאטעס דיענסט, און דער אלטער במות-קולטוס האט שוין מעהר נישט געקאנט בייזשטעהן געגען איהם. די פיעלצעהליגע כהנים און לויים האבען זיך קאנצענטרירט אין דער הייליגער שטאדט ארום בית-המקדש. דער געזעצליכער קולטוס פון דער תורה און דער כהנים-שטאט פון יחזקאל, האבען ארויסגעשטופט די נישטצוגעפאסטע פאלקס-מנהגים. נישט לייכט איז אנגעקומען דער יודישער געמיינדע אויסצוהאלטען אט דעם דאזיגען בית-המקדש־קולטוס. זי האט געמוזט צושטעלען בהמות פאר די אלטעגליכע און יום-טוב'דיגע קרבנות און אויסהאלטען א גרויסען שטאט פון כהנים און לוים. דאס האט אויסגעמאכט זעהר א גרויסער אבצאהל,

וואס איז געווען בערך נישט נאך די קרעפטען פון די ארימע קלאסען, וועלכע זענען אויסער דעם געווען בעלעסטיגט נאך מיט פיעל אנדערע מסים. די פערשידענע מתנות-כהונה און מתנות-לויה (תרומה, מעשר א.ד.ג.) פלעגען אפט צוגעשטעלט ווערען אין א קארגער מאס, און דאס ווידער, האט זיך זעהר נישט גינסטיג אבגעשפיגעלט אויף דער לאגע פון דעם גייסטליכען שטאנד.

מיט דער צייט האבען זיך אין דער יודישער געמיינדע אריינגעריסען אויך פרעמדע עלעמענטען. פיעל הייד̇ען פון די ארומיגע קליינע פעלקער זענען אריבערגעגאנגען צו דער יודישער אמונה און אזעלכע גרים זענען אין זייערע רעכטע פערגליכען געווארען מיט די בירגער פון לאנד. זיי האבען געדינט אלס צוזאמענבינדענדע קייט צווישען די יודען און די ארומיגע שבטים; זיי האבען אונטערגעהאלטען די פאמיליען-פערבאנדען און פלעגען זיך מתחתן זיין מיט זייערע פריהעריגע קרובים, וועלכע זענען נאך פערבליבען ביי זייער געצענדינערײַ. מיט זייערע ביישפיעלען האבען זיי שלעכט געווירקט אויף די אמת'ע יודען, וועלכע האבען זיך אנגעהויבען צו חבר'ן מיט דער געצענדינערייַ און זיך משדך צו זיין מיט זייערע געצענדינערישע שכנים. אין יודישע פאמיליעס האט מען שוין געקאנט בעגעגענען פרויען פון די עמונ'ער, אשדוד'ער און שומרונ'ער. דאס איז איבערהויפט געווען צו בעמערקען צווישען די יודישע אריסטאקראטען און רייכע, וועלכע האבען זיך בעטייליגט אין דער פערוואלטונג פון פאלק און האבען דרום געהאט די מעגליכקייט צו דערנעהנטערען זיך מיט די יחסנ'ישע און אײַנפלוסרייכע פארשטעהער פון די שכנ'ישע פעלקער. אזעלכע געמישטע חתונות האבען געשמעקט מיט א גרויסער געפאהר פאר דער ריינקייט פון דער יודישער ראסע און דער יודישער אמונה. דאס יודענטהום איז נאך אליין נישט אזוי פיעל פעסט נאציאנאל און גייסטיג געווען, אום אריינצונעהמען אין זיך פרעמדע עלעמענטען, נישט אונטערפאלענדיג אין א געוויסען זין אונטער זייער ווירקונג. דאס יודישע פאלק האט זיך דאן גענויטיגט אין א שטרענג נאציאנאלער אבגעזונדערטקייט; ווייל איהם איז פארגעשטאנען די געפאהר, צוגאנגען און צוגאסען צו ווערען, ווי שניי אין וואסער, צווישען אנדערע פעלקער, און דעם יודענטהום — פערוואנדעלט צו ווערען אין א וועלכען ס'איז פארמלאזען מאנאטעאיזם, אהן א שום בעזונדערען פראקטישען יסוד.

געגען דער דאזיגער געפאהר זענען ארויסגעטראטען די בעסטע קרעפטען פון פאלק. עס איז ענטשטאנען א נאציאנאלע אפאזיציע, וועלכע האט

אויף זיך גענומען די אויפגאבע, צושיצען דאס יודישע פאלק פון דער שעדליכער אסימילאציע. אונדייטליכע אבקלאנגען פון דעם דאמאלסדיגען קולטור־קאמפף זענען צו אונז דערגאנגען אין נישט פיעל רעדען פונ'ם נביא מלאכי. דער נביא ווארפט פאר זיינע ברידער דאס, וואס זיי טרעטען איבער דעם פערזאג פון היילינקייט, וואס איז דעם יודישען פאלק פון גאט אנגעבאטען געווארען — די ריינקייט פון דער ראסע און דער אמונה.

„יהודה האט גאט אבגענארט און א פערברעך איז בעגאנגען געווארען צווישען ישראל און ירושלים; יהודה האט פערשוועכט די היילינקייט פון גאט דורכדעם, וואס ער האט ליעב בעקומען און איז דער מאן געווארען פון דער טאכטער פון א פרעמדען גאט". דער נביא פראטעסטירט געגען געמישטע הייראטס־פערבאנדען און איבערהויפט שטראפט ער די, וועלכע גט'ען זיך מיט זייערע יודישע ווייבער, כדי צו הייראטען מיט אנדערע פון פרעמדע פעלקער, געגען געזעץ. „א זוהן עהרט זיין פאטער, א קנעכט ציטערט פאר זיין הארן. בין איך אייך א פאטער — זאגט יהוה — טא וואו איז דאס עהרע־געפיהל צו מיר, בין איך אייך א האר, וואו זשע איז דער שרעק פאר מיר?"

מלאכי שטראפט בעזונדער שטרענג די כהנים און די נביאים, וועלכע בעציהען זיך גלייכגילטיג צו זייערע בית־המקדש'דיגע פליכטען, ווי אויך צו זייער ראליע אלס רעליגיאנס־לעהרער. אין געגענזאץ צו די אמאליגע נביאים, גיעט ער אב כמעט דעם העכסטען ארט אין דער געזעלשאפט די גייסטליכע פון בית־המקדש. „די לעפצען פון כהן מוזען היטען די וויסענשאפט, ביי איהם מוז מען לעהרע זוכען, וויל ער איז דער געשיקטער פון גאט". „איהר אבער — ווענדעט ער זיך צו די גייסטליכע פון זיין צייט — האט זיך אבגענייגט פונ'ם געטליכען וועג, פיעל האט איהר פערפיהרט געגען דעם געזעץ — און אט פארוואס איך האב אייך געמאכט פאר די פערהאסטע און ערנידעריגסטע צווישען פאלק". ווערטער אליין זענען אבער נאך וועניג געווען, אום אויסצוראטהען די נייע פערברעכען אין יהודה. דא האט מען געמוזט ענערגיש ארויסטרעטען און קעמפפען געגען א גאנצע רייהע געפעהרליכע שטרעמונגען. אין יהודה האט זיך אבער נישט געפונען, ווער עס זאל ראוי זיין צו אזא אויפגאבע. דעם נייעם קעמפפער פאר דער יודישער ארינינאליטעט, פאר דער יודישער אבגעזונדערטקייט און פאר דעם ריין יודישען גייסט האט וויטער געשאפען דער גלות: פון צווישען די פערבליבענע יודען אין בבל איז ער אין זיין פאטערלאנד געקומען, פול מיט ענערגיע, מיט שטארקן ווילן, מיט

געטליכען גייסט. מיט מלאכי'ן ווערט פערענדיגט דער פעריאָדע פון נבואה ביים פאָלק ישראל, דער רוח-הקודש ווערט אָבגעטהון; דערפאַר אָבער הויבט זיך דאַן אָן אַ נייער פעריאָד פון „סופרים", פון געלעהרטע עסקנים; פראַקטישע כלל-טהוער, וועלכע אַרבייטען אָהן אויפהער, אָהן רוה צו פערפאָלקאָמען דאָס געזעלשאַפטליכע און גייסטיגע לעבען פון זייער פאָלק.

דער ראש פון דער נייער תקופה איז עזרא הכהן.

עזרא, וועלכער האָט געוואָהנט אין בבל, האָט געשטאַמט פון כהנים-גדולים. זיין אורעלטער-פאָטער איז געוועזען דער בעריהמטער כהן גדול חלקיהו, וועלכער האָט אין מלך יאשיהו'ס צייטען געפונען די ספר-תורה אין בית-המקדש און דורכדעם געבראַכט צו אַ גאַנצער איבערקעהרעניש אין'ם גייסטיגען לעבען פון לאַנד; זיין זיידע איז געוועזען דער כהן גדול שריהו, וועלכען נבוכדנאצר האָט געלאָזט הרג'ענען אין דער צייט פון חורבן, און די קינדער פון וועלכען עס האָבען אין גלות מיטגעבראַכט די היילינגע ספרים פון זייער פאָטערלאַנד. עזרא אַליין, וועלכען מ'האָט אין די שפּעטערדיגע דורות פערגליכען מיט משה בן-עמרם, איז געוועזען צווישען די פערטריבענע אין בבל בעריהמט אַלס גרויסער געלעהרטער, און האָט בעקומען דעם טיטול סופר. ער האָט טיעף ערלעהרענט די יודישע רעליגיעזע ליטעראַטור און האָט זיך געמיהט זי צו פערשפּרייטען צווישען פאָלק אין קאָפּיעס, וואָס ער אַליין האָט, ווי ס'שיינט, צוגעגרייט. „עזרא — דערצעהלט די מסורה — האָט אָנגעברייט זיין האַרץ, אויסצופאָרשען גאָט'ס תורה און איהר מקיים צו זיין, ווי אויך צולעהרנען דאָס פאָלק ישראל געזעצליכקייט און וואָהרהייט". עזרא האָט קלאָהר פערשטאַנען, אַז די יודישע נאַציע וועט נור דאַן אַ קיום האָבען, ווען זי וועט זיך אין איהר אינערליכען לעבען האַלטען נאָר ביי איהר נאַציאָנאַלען גייסט. אין דער דאָזיגער ריכטונג האָט ער געווירקט צווישען די יודישע קהלות אין בבל און פרס. דערוויסענדיג זיך פון דעם געמיינהייט, וואָס הערשט אין דער יודישער געמיינדע פון ירושלים, האָט ער אָנגענומען אַ בעשלוס, צו בעזעצען זיך דאָרטען, מיט דעם צוועק אַרויסצורופען ביים פאָלק אַ שטרעבונג צו אַ גייסטיגער בענייאונג. כדי צו בעוואָהרענען זיך אַ גרעסערען ערפאָלג אין דער אַרבייט אין יהודה און כדי צו האָבען אַ מעגליכקייט צו רעפאָרמירען אַלע געביטען פון דעם געזעלשאַפטליכען, גייסטיגען און פאַמיליען-לעבען פון פאָלק אין דעם גייסט פון משה'ס לעהרע, האָט עזרא געמוזט בעזיצען אַ וועלכע נישט איז קראַפט און האָבען אַ פאָלמאַכט פון דער פרס'ישער רעגירונג. אַזאַ מין בעפאָלמעכטיגונג איז איהם טאַקי געלונגען צו בעקומען פון דעם פרס'ישען מלך

ארתחשסתא דעם ערשטען (465—425). עזרא'ן איז געגעבען געוואָרען דאָס רעכט צו בעשטימען אין יהודה ריכטער און צו לערנען זיי, ווי צו משפט'ען, לויט די געזעצען פון יודאַיזם. אויסער דעם איז איהם ערלויבט געוואָרען, צו קלויבען ביי יודען אין בבל געלד פאַר דעם בית־המקדש אָדער פאַר די פערצאָרימטע פאַמיליעס אין ירושלים, ווי אויך מיטצונעהמען מיט זיך קיין יהודה יענע גלויבענס־ברידער, וועלכע ווילען פערלאָזען דעם גלות. אזעלכע „צוריקקעהרענדע" האָבען זיך אָנגעזאַמעלט אַרום אָנדערטהאַלבען טויזענד מאַן, מאַנסלייט; צו זיי זענען נאָך צוגעשטאַנען אַ גרופּע לוים און כהנים. אַלס פערזאַמלונגס־פּונקט פאַר דעם דאָזיגען קאַראַוואַן האָט געדיענט אַ פלאַץ אויף דעם ברעג פונ'ם טייך אהבה. דאָרט האָט עזרא פערזאָגט די פערזאַמעלטע צו פאַסטען און גאָט בעטען וועגען אַ גליקליכען וועג, ווייל איהם איז אונאַנגענעהם געווען צו פאָדערען ביי אַרתחשסתא'ן אַ היל־שמירה פאַר די „צוריקקעהרענדע". אין אַ געוויסער מאָס האָט געקאָנט עזרא'ן און זיין חברה בעשיצען דאָס, וואָס ער האָט מיט זיך געפיהרט קעניגליכע בריעף צו דעם פּחה פון „עבר הנהר" (סוריא און מעסאָפּאָ־טאַמיען), וואָס האָט זיך אַיינגעפונען אויפ'ן וועג קיין ארץ־ישראל און איז געווען מיט איהר פערבונדען אין אַדמיניסטראַטיווער הינזיכט. די מסורה לעגט נאָך צו, אַז עזרא האָט געפיהרט זעהר רייכע געשאָנקען פון פּרסישען מלך און פון די „בני־הגולה" קיין ירושלים פאַר'ן בית־המקדש. אין צוועלפטען טאָג פון חודש ניסן האָט זיך עזרא געלאָזען אין וועג אָן דער שפּיץ פון זיין סוויטע, און דעם ערשטען טאָג אין חודש אָב איז די גאַנצע פּאַרטיע אָנגעקומען אין דער הויפּשטאָדט פון יהודה. נאָך אַ דריי־טאָגיגער רוה, האָט עזרא איבערגעגעבען די מתנות אין בית־המקדש און די פּערסישע בעאַמטע האָט ער געוויזען דעם בעפעהל פון אַרתחשסתא וועגען דעם, אַז אין יהודה מוז איינגעפיהרט ווערען אַ נייע געזעלשאַפטליכע אָרדנונג, און וועגען דעם, וואָס פאַר אַ ראָליע עס ווערט איהם, עזרא'ן, אָנגעצייכענט אין דער דאָזיגער געזעלשאַפטליכער רעפאָרם־בעוועגונג.

אין ירושלים גופא האָט זיך אַיינגעפונען אַ געוויסער טייל היזיגע פּאַטריאָ־טען, וועלכע האָבען זיך בעצויגען זעהר פיינדליך צו דער אַסימילאַציע און, ווי נאָר ס'איז אָנגעקומען פון בבל דער נייער רעפאָרמאַטאָר, זענען זיי באַלד צו איהם צוגעשטאַנען. פון די דאָזיגע איינפערשטענדיגע האָט זיך עזרא דערוואוסט פיעל ערגערע זאַכען, ווי ער האָט זיך געקאָנט פאָרשטעלען. ער האָט זיך אויך גיך איבערצייגט, אַז די אָבשוואַכונג פון דעם נאַציאָנאַל־רעליגיעזען גייסט אין פערשיעדענע שיכטען פון דער יודישער געזעלשאַפט

נעהמט-אָן וואָס ווײַטער אַלץ מעהר געפעהרליכע פאָרמען, און אַז די הויפּט-אורזאַך דערפון זענען די געמישטע חתונות. אַנ'אויפגערעגטער פון אַלץ, וואָס ער האָט זיך דערוואוסט, האָט עזרא זײַן פערביטערט הארץ אויסגעגאָסען עפענטליך אין אַ תפלה אין בית-המקדש אין דער צײַט פון דער פאַרנאַכטיגער עבודה. דאָס פאָלק איז גערירט געוואָרען פון דעם ערנסטען צער און פון די הײסע טרעהרען פון דעם געלעהרטען מאַן. אַ פאָרשטעהער פון דער פאַטריאָטישער פאַרטײ האָט זיך געווענדעט צו עזרא'ן מיט פאָלגענדע ווערטער: מיר זענען ווירקליך שולדיג געגען גאָט דערפאַר וואָס מיר האָבען גענומען פרעמדע ווײַבער; נאָר מיר האָבען נאָך אַ האָפענונג: לאָמיר זיך דאָ פאַר גאָט פערפליכטען אַוועקצולאָזען אונזערע אַלע אַזעלכע ווײַבער פון פרעמדע פעלקער און די קינדער, וואָס זיי האָבען אונז געבוירען, לויט דעם געבאָט פון גאָט און פון די, וועלכע געהען אין זײַנע וועגען, זאָל פון איצט אָן געהיט ווערען די געזעצליכקײַט! שטעה-זשע אויף פון דער ערד, ווײַל אויף דיר ליעגט דער חוב דאָס דורכצופיהרען און מיר וועלען זיך מיט דיר פעראייניגען און דיר העלפען אין דײַן אַרבייט. שטאַרק דיך און ווירק!״ — עזרא האָט געפאָלגט דער דאָזיגער אויפפאָדערונג און דאָ אויפ'ן אָרט האָט ער פון אַלעמען אַ שבועה גענומען, אַז זיי וועלען געהן אין די וועגען פון דעם נאַציאָנאַל-יודישען גײַסט און פון דעם יודישען גלויבען.

באַלד האָט ער צוזאַמענגערופען אין ירושלים אַ גרויסע פאָלקס-פערזאַמלונג פון אַלע אָרטיגע און אַרומיגע אײַנוואָהנער. די פערזאַמלונג איז אויסגעקומען אין דעם 20-טען טאָג פון מאָנאַט כסליו, אויף דעם פלאַץ פאַר'ן בית-המקדש. עס האָט געגאָסען אַ גרויסער רעגען און די פערזאַמעלטע — ווי ס'דריקט זיך אויס דער חראָניקער — האָבען געציטערט פון קעלט און פון אויפרעגונג. עזרא האָט זיי ערקלערט זײַן פאָדערונג — אַוועקצולאָזען די פרעמדע פרויען און אין אַלגעמײן זיך אָבצושיידען פון די פרעמדע פעלקער. דאָס פאָלק האָט הויך אויסגעדריקט זײַן אײַנשטימיגקײַט, נור פון זײַן זײַט האָט עס געפאָדערט, אַז ס'זאָלען געגרינדעט ווערען בעזונדערע ראַטהען פון עלטסטע און ריכטער, צו בעטראַכטען די פערשײַדענע מיספערשטענדנישען, וואָס וועלען אויסוואַקסען אויף דעם באָדען פון די פאַמיליען-צושײַדונגען. באַלד האָט זיך אין ירושלים געבילדעט, אונטער דער לײַטונג פון עזרא הסופר, אַ ראַטה, וועלכער פלעגט אויספאָרשען אַלע צופאַלען פון געמישטע חתונות און מיטהעלפען זיי צו צורײַסען. דאַן זענען אויך צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען רשימות פון די פאַמיליעס, וואו עס האָבען זיך אײַנ-

געפונען פרויען פון פרעמדע פעלקער, און עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז פיעל פון די גרויסע מיוחס'דיגע משפחות, זאגאר פון די כהנים, זענען געווען בעשמוצט מיט דעם דאזיגען זינד. עזרא'ס מיה איז וואהרשיינליך נישט געווען אומזיסט. די פרעמדע פרויען זענען דערהייטערט געווארען פון פיעל יודישע פאמיליעס. דאס איז געווען א שטרענג מיטעל, מיט וועלכען ס'איז פערבונדען געווען די פונאנדעררייסונג פון הונדערטער שטארקסטע פאמיליענ־פערבאנדען און פערזענליכע ביגונגען; דער דאזיגער שווערער קרבן איז אבער נויטיג געווען, צו פערפעסטיגען דעם פאלקס־ארגאניזם. די פרעמדע עלעמנטען האבען געמוזט דערווייטערט ווערען פונ'ם יודענטום, וויל זיי האבען געטראגען אין זיך א געפאהר פאר דער ריינקייט פון די יודישע רעליגיעזע בעגריפען.

די דאזיגע פאטריאטישע בעוועגונג אין יהודה געגען די געמישטע התונה־פערבינדונגען און בכלל געגען די צו־נאהנטע פערבינדונגען מיט די פרעמדע פעלקער האט אבער ביי די ארומיגע שכנים ארויסגערופען א גרויסע אויפרעגונג. די פרעמדע פרויען, וועלכע זענען ערווייטערט געווארען פון יהודה און וועלכע האבען געמוזט זיך אומקעהרען אין זייערע לענדער, האבען אויפגעוועקט ביי זייערע פריינד און נאהנטע געפיהלען פון נקמה פאר דער אנגעטהוענער בעליידיגונג. צו דערזעלבער צייט זענען אין דער סורי'שער פראווינץ, צו וועלכער עס האט אויך אנגעהערט פאלעסטינא, פארגעקומען גרויסע פאליטישע מהומות. דער פחה פון סוריא האט מורד געווען געגען ארתחשסתא און אין א משך פון איינגע יאהר האט ער מלחמה געהאלטען געגען איהם, כדי אבצורייסען זיין פראווינץ פון פרס. מיט די דאזיגע מהומות האבען זיך בענוצט די שבטים, וועלכע זענען געווען פיינדליך צו יודען. זיי האבען זיך אריינגעריסען אין ירושלים, וועלכע איז דאן געווען נאך אונבעפעסטיגט פון אויסערן, האבען צובראכען די איבערגעבליבענע טיילען פון דעם אלטען שטאדט־מויער און אונטערגעצונדען די שטאדט־מויערען. די עמונ'ער, די אשדוד'ער, די שומרונ'ער האבען בעקומען א פרייען צוטריט צו דער הויפטשטאדט און האבען דארט געבעל־הבית'עוועט, ווי ביי זיך אין דערהיים..

דאס האט זעהר געקרענקט די פאטריאטען פון ירושלים, וועלכע זענען געווען עזרא'ס אנהענגער. זיי האבען זיך איבערצייגט, אז צו דער אינערליכער אבגעזונדערטקייט פון פאלק איז נויטיג איהם אויסערליך אבצוזונדערן, אז ירושלים מוז ווערען א פערפעסטיגטע, פערשלאסענע שטאדט, וואו עס זאלען זיך נישט קאנען לייכט אריינרייסען קיין רויבערישע שונאים. ארומצו־

בויען די הויפּטשטאָדט מיט פעסטע ווענט — איז פון דאַן אָן געוואָרען די הייסעסטע שטרעבונג פון די יודישע פּאַטריאָטען. זייער הויפּטמאַן עזרא, וועלכער האָט אָנגעפאַנגען צו רעפאָרמירען דעם געזעלשאַפטליכען לעבען אינ'ם גייסט פון דער יודישער לעהרע און דעם יודישען פאָלקס-געפיהל, האָט זיך גענויטיגט אין אַ מיטהעלפער, וועלכער זאָל בעזיצען פּאָליטישע און צייטענוויישע דיפּלאָמאַטישע פעהיגקייטען און זאָל קאָנען פערפעסטיגען די אויסערליכע פּאָזיציע פון דעם יודישען פאָלק צווישען די אַרומיגע שבטים. אַזאַ פּערזאָן איז ווידער ערשיענען אין גלות. דאָס איז געוועזען נחמיה בן-חכליה, וועלכער האָט פערנומען דעם פּאָסטען פון שר-המשקים אין דעם קעניגליכען הויף אין פרס פאַר'ן מלך ארתחשסתא I אין דער הויפּטשטאָדט שושן.

פון זיין ברודער חנני, וועלכער איז, נאָך די נייע אומגליקען, וואָס האָבען זיך געשאָטען אויף ירושלים, געקומען פון יהודה קיין פרס, האָט זיך נחמיה דערוואוסט אין וואָס פאַר אַ פינסטערער לאַגע עס געפינט זיך זיין פאָלק און זיין פאָטערלאַנד. נחמיה, דער נאָהנטסטער און געליבטסטער שר פון מלך פרס, איז שרעקליך געריהרט געוואָרען פון די טרויעריגע ידיעות. ניט קוקענדיג אויף דעם גרויסען פּלאַץ, וואָס ער האָט פערנומען אין גלות, האָט דאָך אין זיין האַרצען געברענט די הייליגע ליעבע און די אונענדליכע בענקשאַפט צו דער הייליגער שטאָדט, צום בית-המקדש, צו זיינע ברידער, און די שרעקליכע נאַכריכט האָט אין איהם אַ ביטערען טרויער געוועקט. פונדעסטוועגען איז נחמיה ניט אָבהענדיג געבליבען. דאָס איז געוועזען אַ מענש מיט אונגעוועהנליכער ענערגיע, אונגעוועהנליכע פעהיגקייטען און אונגעוועהנליכער שטאַנדהאַפטיגקייט. ביי'ם הויף האָט ער זיך אויסגעלעהרנט די קונסט פון פערוואַלטען, די קונסט פון הערשען איבער מענשען מיט דער הילף פון אונבויגזאַמען ווילען, אויסניצענדיג אַלערליי געשעהעניסען. ער האָט פעסט בעשלאָסען, פּערזענליך צו געהן קיין ירושלים און מאַכען אַן ענדע צו דער טרויעריגער לאַגע. זיין הויכער פּאָסטען האָט איהם אָבער ניט ערלויבט מיט אַמאָל צו פערלאָזען פרס. דאָס האָט איהם זעהר געקרענקט. זיינע שווערע אינערליכע ליידען האָבען זיך אָבגעשפּיגעלט אויף זיין אויסערליכען אויסזעהן: זיין געזיכט איז בלייך געוואָרען און די אויגען — אויסגעלאָשען, און ווען ער האָט איינמאָל, אַלס שר המשקים דערלאַנגט דעם קעניג און דער קעניגין דעם באָקאַל, האָט זיין אויסגעמאַטערטער בליק פערוואונדערט ארתחשסתא'ן. „וואָרום זעהסטו אויס אַזוי שלעכט? — האָט דער קעניג געפרעגט — דו ביסט, דאַכט זיך,

נישט קראנק?!" — „ווי אזוי זאל איך אויסזעהן גוט — האט נחמיה געענטפערט — ווען די שטאדט, אין וועלכער עס געפינען זיך די קברים פון מיינע אור־עלטערען, איז צוראינירט און איהרע טויערען זענען פערברענט". — דאן האט נחמיה ארויסגעזאגט פאר'ן מלך זיין היסעסטען פערלאנג, אומצוקעהרען זיך אין זיין פערוויסטען פאטערלאנד, כדי מיטצוהעלפען די ארבייט פון זיין בענייאונג. ארתחשתא איז געווען אויף אזוי פיעל גענעדיג, אז ער האט איהם אלץ ערלויבט: אונטערצונעהמען זיין רייזע קיין ירושלים אבצובויען איהרע ווענט, און פון דאס־ניי צו ברענגען אין ארדנונג די צורודערטע געמיינדע. ער האט איהם געגעבען בריף צו זיינע בעאמטע מיט א בעפעהל, איהם נישט צו מאכען קיינע שטערונגען אויפ'ן וועג און פערזארגען מיט בוי־מאטעריאל. ער האט איהם געגעבען א מהנה פון פוכגעהער און רייטער און האט איהם בעשטימט אלס פערטרעטער פון יהודה. נאר איין בעדינגונג האט ארתחשתא געשטעלט נחמיה'ן: ער זאל דאך נישט זעהר לאנג פערבלייבען אין ירושלים און אין א געוויסער צייט ארום זיך צוריקקעהרען אין הויף.

מיט נחמיה'ס אנקומען קיין ירושלים הויבט זיך אן א נייע תקופה אין דער געשיכטע פון די יודישע קהלות אין יהודה. אין דער בעגלייטונג פון א גרויסער סוויטע פערוואנדטע, בעדינטע און וואך האט נחמיה פערלאזען די הויפטשטאדט שושן און אזוי ווי דורכרייזענדיג דורך דער געוועזענע אפרים־מלוכה, האט נחמיה געמוזט ווייזען דעם פחה דעם קעניגליכען בעפעהל, האבען די אנפיהרער פון די יודישע שונאים, די שומר'נ'ער סנבלט און טוביה, זיך באלד דערוואוסט דעם צוועק פון נחמיה'ס רייזע, און זיי האבען באלד דערפיהלט, אז ס'הויבט זיך אן פאר זיי א צייט פון א נייעם קאמפף. זיי איז איבערהויפט נישט אנגענעהם געווען דאס, וואס א יוד ווערט בעשטימט פאר א רעגירונגס־פערטרעטער, און דערצו א יוד, וועלכער האט בדעה ענערגיש צו בעשיצען זיינע פערפאלגטע ברידער.

אנקומענדיג קיין ירושלים, האט נחמיה זיך אין ערגעץ נישט געוויזען. ער האט פריהער געוואלט גוט אויסשטודירען דעם באדען פון זיין טהעטיגקייט און די מענשען, מיט וועלכע ער וועט איצט מוזען קומען אין געוויסע בעציהונגען. דערווייל האט ער זיך ארומגערינגעלט מיט פראכטפאלער הערליכקייט; בעזיצענדיג ריעזיגע רייכטימער, האט ער געלעבט ווי א פירשט. דעם צוועק פון זיין אנקומען האט ער צוערשט געהאלטען אויף אזוי ווייט בסוד, אז אפילו די יודישע מאגנאטען האבען אויך וועגען דעם גארנישט געוואוסט: ער האט זיי נישט זעהר אנגעטרויט. איינמאל איז ער ארויסגע-

פאהרען ביינאכט הינטערן שטאדט צו בעטראכטען די צובראכענע שטאדט-מויערען, כדי אויסצוארביטען א פלאן, ווי אזוי זיי אויפצושטעלען. נאכהער האט ער פערופען די הויפטלייט פון די בתי-אבות (אבשטאמונגען), און זיי מגלה געווען, צו זייער גרויסער בעוואונדערונג, אז נישט נאר ער איז בעפאלמעכטיגט אויפצובויען די צובראכענע שטאדט-ווענט, נאר אויך אריינצוברענגען ארדנונג אין דעם גאנצען לאנד. צום לעצט האט ער אויך צוגעגעבען, אז ער וויל מאכען אן'ענדע צו דער שאנדע און דעם אונגליק פון דער יודישער געמיינדע אין איהר פאטערלאנד. אלע האבען איהם אויסגעדריקט זייער גרייטקייט, אנצווענדען זייערע אלע קרעפטען פאר דער אלגעמיינער זאך. זאגאר די, וועלכע האבען זיך גע'חבר'ט מיט די ארומיגע שכנות'דיגע פעלקער און זענען געווען מיט זיי אין גוטע בעציהונגען, האבען ארויסגעוויזען זייער צופרידענהייט. אבער דאך איז אונגעוועהנליך שווער געווען דורכצופיהרען די אויפגאבע, וואס נחמיה האט אויף זיך גענומען. ער האט געמוזט ברענגען אין ארנונג די פאלשטענדיג צורואינירטע געמיינדע, וואס איהרע מיטגלידער האבען זיך דאך נישט געקענט בעשליסען, זיך געגענצושטעלען דער געפאהר, צוליעב זייער שרעק, צוליעב זייער שוואכקייט, צוליעב זייערע אייגענליעבע אדער צוליעב פערשידענע אנדערע פאראורטיילען. די ערשטע זארג זיינע איז געווען צו פערפעסטיגען ירושלים, וויל אהן דעם וועט אוממעגליך זיין יעדע אונטערנעהמונג, יעדע רעפארם.

מיט דער ארבייט פון פערפעסטיגונג האט אנגעפיהרט נחמיה אליין; פערשידענע גרופען האט ער בעשטימט אלס אויפזעהער. דערוויל איז אבער די זאך נישט אזוי לייכט פארווערטס געגאנגען. ווייטער האבען די שומרונים מיט סנבלט און טוביה אן דער שפיץ געפאדערט, אז מען זאל זיי לאזען אנ'אנטייל נעהמען אין דער אויפבויאונג פון דער הייליגער שטאדט, נאר נחמיה האט זיי אויך, ווי זיינע פארגענגער אבגעשטויסען. „קיין טייל, קיינע פערדיענסטען, קיין אנדענקונג דארפט איהר נישט האבען אין ירושלים". דאן האבען זיי אויף אזוי פיעל אנגעהויבען שטערען דעם פערטרעטער אין זיין ארבייט, אויף וויפיעל יענער האט ארויסגעוויזען אונגעוועהנליכע פלייסיגקייט, צו דערפיהרען ביז'ן ענדע די אנגעהויבענע זאך. אין אנהויב האבען זיי זיך בענוצט מיט רמאות.. זיי האבען זיך געפרובט אנריידען, ווען מען האט געדארפט, אז נחמיה טראגט זיך מיט'ן געדאנק, אבצורייסען יהודה פון פרס און דענקט אליין צו ווערען דער יודישער מלך. נאכהער האבען זיי געמיינט אריינצוברענגען די יודישע ארביטער אין פערצווייפלונג

דורכדעם, וואס זיי האבען אבגעלאכט פון זייער בנין און גערעדט, אז אפילו א פוקס וועט די גאנצע וואנט קאנען איינווארפען, אזוי טאנדעט איז עס געמאכט. ווען אבער דער מויער איז שוין ביז העלפט אויפגעבויט געווען, האבען זיי זיך צונויפגערעדט מיט די איבעריגע פיינדליכע שבטים, צו מאכען א געהיימען אנפאל אויף די ארבייטער, אום פון דאס-ניי צו צוברעכען דאס אויפגעשטעלטע.

נחמיה איז אבער געווען געניג מונטער און וואך. אלס וועכטער האט ער ביי'ם מויער אוועקגעשטעלט א טייל פון זיינע מענשען אונטער דער השגחה פון יודישע פיהרער; די ארבייטער זענען געווען בעוואפענט מיט געוועהר, און די משאות-טרעגער האבען אין איין האנד געהאלטען דעם שווערד און אין דער צווייטער -- דאס מאטעריאל. כדי אונטערצואיילען די ארבייט, האט נחמיה פעראָרדענט, אז עס זאל געארבייט ווערען פון זונענאויפגאנג ביז וואנען די שטערען בעווייזען זיך; א טייל פון די ארבייטער האבען ביינאכט געמוזט וואך זיין און היטען, אז קיינער זאל אין שטאדט פון דער פרעמד נישט אריינדרינגען. די בעוואפענטע פלעגען זיך לאנג נישט אויסטהון. נחמיה אליין פלעגט זיך שטענדיג געפינען אויף דעם פלאץ פון דער ארבייט, בעווייזענדיג זיך דא און דארטען אין דער בעגלייטונג פון א טראמפעטיסט. סנבלט און זיינע חברים זענען דאן געפאלען אויף אנדערע מיטלען, ווי צו שטערען נחמיה'ן אין דער ארבייט. זיי האבען געוואלט אין דעם יודישען לאגער גופא ארונטעררייסען דעם צוטרוי צו נחמיה'ן און שאפען געגען איהם פיינד צווישען זיינע אייגענע ברידער. פאר געלד האבען זיי געפונען אין יהודה גופא פעררעטער. די הויפטלייט פון יענע משפחות, וועלכע זענען פון פריהער געווען אין פריינדליכע בעציהונגען מיט די שונאים פון ירושלים האבען דורך בריעף זיך פערבונדען מיט טוביה'ן, סנבלט'ס חבר. דאך האבען אט די אלע הינדערנישען נישט געקאנט אבטוידטען אין נחמיה'ן זיין ריעזיגע ענערגיע: ער האט פערענדיגט די אנגעהויבענע ארבייט מיט א אונגעוועהנליכער פלייסיגקייט און מיט זיין געלאסענקייט און אויסגעהאלטענקייט האט ער פערוואונדערט זאגאר זיינע אייגענע פיינד.

צו דער אייגענער צייט, וואס נחמיה האט געפיהרט דעם קאמפף מיט די אויסערליכע שונאים, איז איהם אויך אויסגעקומען צו ראנגלען זיך מיט די אינערליכע שונאים פון פאלק. געוויסע מיוחס'דיגע משפחות, וועלכע האבען געשפיעלט אין לאנד א צווייטיגע ראליע, האבען, ווי אויבען איז דערמאהנט, געדיענט אין דער שטיל דעם פיינד, אונטערשטיצענדיג איהם

אין די פערשידענע בלבולים געגען נחמיה'ן. אויסער דעם האבען זיי אויס'ן הערכסטען אכזריות'דיגען אופן געדריקט זייערע ארימע ברידער. ווען די ארימע פלעגען לייהען ביי די רייכע געלד אויף דעם ערד-צינז, צו בעצאהלען דעם פרס'ישען הערשער אדער ברויט אין אונגערעטעניש-יאהר, צו שפייזען זייערע הויזגעזינדער און פלעגען דערביי פער'משכונ'ען זייערע פעלדער, וויינגערטנער, איילבערטבוימער, הייזער אדער זאגאר קינדער, פלעגען די מלוים (קרעדיטארען) פערהאלטען אין זייער אייגענטום די ערד פון בעל-חוב, ווען ער פלעגט צום טערמין נישט בעצאהלען, און זיינע זיהן און זיינע טעכטער פלעגען זיי פערקויפען אין קנעכטשאפט. ווען די אנקלאגעס פון די, וואס פלעגען לייִדען פון דער דאזיגער אכזריות, האבען אנגעהויבען אליך אפטער און אפטער זיך צו דערטראגען צו נחמיה'ס אויערען, האט ער בעשלאסען צו פאדערן אנ'ערקלערונג פון די הארצלאזע עשירים. ער האט געלאזען צוזאמענרופען א גרויסע פערזאמלונג און געהאלטען א רעדע, אין וועלכער ער איז שארף ארויסגעטראטען געגען דער אכזריות, וואס איז אזוי פערפלוכט דורך דעם יודישען געזעץ. „מיר, אין פרס,— האט ער אין זיין רעדע געזאגט — קויפען שטענדיג אויס אונזערע ארימע ברידער, וועלכע איהר פערקויפט צו די געצענדיענער; אויף אזא אופן, פערקויפט זיי לכתחלה צו אונז". די בעדייטונג פון נחמיה איז געווען אזוי גרויס, זיין שטים איז געווען אזוי וויכטיג און צוזאמען מיט דעם זענען די רייכע און די ווירקונגספולע געווען אזוי אויפמערקזאם צו די געזעצען פון דער תורה, אז זיי האבען באלד צוגעזאגט נישט נאר פריי צו לאזען די קינדער פון זייערע בעלי-חובות, נאר אויך אומצוקעהרען זיי זייערע פעלדער, און זייערע גערטנער און זייערע הייזער, זאגאר זיי אינגאנצען מוחל צו זיין די חובות. נחמיה האט זיך בענוצט מיט דער גינסטיגער שטימונג און ער האט זיך געאיילט צו נעהמען ביי די רייכע א שבועה, אז זיי וועלען פינקטליך ערפילען זייער צוזאג.

דאס איז געווען א בעדייטענדער נצחון, וואס איז אבגעהאלטען געווארען דורך נחמיה'ן אינ'ם נאמען פון געזעץ איבער דער אייגענוציגקייט פון די רייכע. דער יודישער פערטרעטער אליין האט דער ערשטער געוויזען דעם ביישפיעל פון גרויסמוטיגקייט. ער האט נישט נאר ענטזאגט זיך פון זיין געהאלט, נאר ער האט נאך אליין געליהען ארימע לייט געלד און ברויט און אין א גויט האט ער זיי מוחל געווען די חובות; קוקענדיג אויף איהם זענען זיך זיינע קרובים און זיינע דיענער אויך אזוי בארמהערציג און גרויסמוטיג בעגאנגען מיט די אונפערמעגליכע קלאסען.

מיט דער הילף פון אזא הנהגה איז נחמיה׳ן געלונגען גובר צו זיין אלע שוועריגקייטען פון זיין וועג און פון דאסניי צו שאפען א נארמאלען גאנג פאר דער ענטוויקלונג פון דער יודישער געמיינדע. דאס פאלק האט זיך צוגעהערט צו זיינע ווערטער מיט התפעלות, מיט דרך־ארץ, מיט הכנעה און מיט׳ן גוטען ווילען אדער זיגאר מיט בייזען איהם נאכגעטהון. — די הינדערנישען האבען אבער נאך אלץ נישט אויפגעהערט. ווען די וועגה פון שטאדט־מויער זיינען שוין געווען פארטיג און די טויערען אויפגעשטעלט, האט זיך געלאזט פיהלען א מאנגעל אין לוים, — די שטענדיגע שומרים און אויפזעהער פון בית־המקדש. זיי האבען זיך צוזייעט איבער דער פראווינץ, ווייל צייט די לעצטע מהומות אין דער הויפטשטאדט האט דאס פאלק אויפגעהערט צו ברינגען זייער מעשר (דעם צענטעל פון די תבואה) און זיי האבען נישט געהאט מיט וואס זיך צו ערנעהרען. דערצו איז אויך די אלגעמיינע בעפעלקערונג פון דער הויפט־שטאדט געווען צו קליין אויף צו קאנען איהר פערטיידיגען אין א אונגליקס־צופאל. מען האט אלזא געמוזט בעפעלקערען ירושלים און בעזארגען דעם בית־המקדש מיט בעדינערס.

נחמיה האט צושיקט אויפרופען צו אלע, וועלכע האבען פערלאזען ירושלים נאך די אנפאלען פון די שומרונ׳ער און די עמונ׳ער, און אויך צו די. וואס האבען לכתחלה זיך בעזעצט אין דער פראווינץ, אז זיי זאלען זיך בעזעצען אין דער הויפט־שטאדט. א סך פון יענע, וואס האבען ארויסגעשטאמט פון גרויסע יחוס׳דיגע משפחות, האבען מיט׳ן גוטען ווילען דערצו איינגעשטימט. נאר אזוי ווי די צאהל פון די פריינווילליגע האט דאך נישט געקלעקט אויף צו בעפעלקערען גאנץ ירושלים, איז בעשטימט געווארען אריבערצופיהרען אהין א צענטעל טייל פון די דארפסלייט. נחמיה האט אבער נישט אלעמען געפונען פאר פאסענד אויף צו בעזעצען זיך אין אין דער הויפטשטאדט און ווייניגער פון אלץ האט ער, פערשטעהט זיך, געוואלט איינווילליגען אויף דעם, אז אין ירושלים זאלען וואהנען די געבוירענע פון די געמישטע התונות. צוליעב דעם האט ער געפאדערט פון אלע, וואס האבען געוואלט זיך בעזעצען אין דער הויפטשטאדט, אז זיי זאלען דערווייזען דעם יחוס פון זייער אבשטאמונג. דערביי איז נחמיה זיך בעגאנגען גאנץ שטרענג. דריי משפחות פון 642 מיטגלידער זענען געווארען ארויסגעזעצט פון ירושלים, דערפאר, וואס זיי האבען נישט געקאנט דערווייזען, אז אין זייער אדערען פליסט ריין יודיש בלוט; אזוי אויך האט ער אבגענומען דעם גייסטליכען טיטול פון דריי כהנים־פאמיליעס,

וועלכע האָבען נישט געקאָנט דייטליך דערווייזען, אַז זייער שטאַמען פון אהרן הכהן. צוליעב דער פערטיידיגונג פון בית-המקדש, כדי איהם אָבצוהיטען פון אַן'אָנפאַל דורך די ערווייטערטע און גע'פסל'טע משפחות, האָט ער פון צפון-זייט אויסגעבויעט אַ פעסטונג מיט'ן נאָמען בירות, וועלכע האָט צולעצט געשפּיעלט אַ בעדייטענדע ראָליע אין'ם לעבען פון דער הויפּט-שטאָדט.

אויף אַזאַ אָרט האָט נחמיה פערפעסטיגט ירושלים און איהר פערזאָרגט מיט אַ ריין יודישער בעפעלקערונג; ער האָט דערמיט געמיינדע אַ צענטרום געגעבען, און דעם פאָלק — אַ קערפּער, וועלכער איז פעהיג געוועזען צו פערטיידיגען זיך; נאָר דאָס אַליין איז נאָך נישט גענוג געוועזען; מען האָט נאָך געדאַרפט אין דעם קערפּער אַ נשמה אַריינבלאָזען, מען האָט געדאַרפט אַ טראַכט טהון וועגען איינפיהרען אין גאַנצען לאַנד געזעצליכקייט און ערליכקייט. דערצו איז שוין נויטיג געוועזען די הילף פון די געלעהרטע און היילige ספרים. דאַן איז פון דאָסניי אַרויסגעטרעטען עזרא, וועלכער איז פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס נחמיה האָט אין לאַנד אָרדנונג געמאַכט, געשטאַנען ווי מיט אַ שאָטען בעדעקט. אין דעם ערשטען טאָג פון דעם זיבעטען מאָנאַט, דאָס הייסט, אום ראש השנה, האָט זיך דאָס גאַנצע פאָלק פערזאַמעלט אין ירושלים אויף אַ ברייטען פּלאַץ פאַר'ן בית-המקדש. דאָ זענען געווען אויפגעשטעלט הויכע שטאַפּלען, אויף וועלכע עזרא האָט געזאָלט אַרויסגעהן און לעזען די ספר-תורה פאַר'ן עולם. מען האָט זיך געמיהט צו שאַפען אַ פייערליכע שטימונג. די פערזאַמלונג איז געווען אַ פיעלצאָהליגע; דאָ האָבען זיך איינגעפונען נישט בלויז מאַנסלייט, נאָר אויך פרויען און קינדער. ווען עזרא האָט נאָר פונאַנדערגעוויקעלט די תורה האָבען אַלע אָנגעוועזענע זיך אויפגעהויבען, אויסדריקענדיג מיט דעם זייער הכנעה פאַר דעם היילigסטען ספר. און אַז ער האָט אַ תפלה אַרויסגעזאָגט, איידער ער האָט די ערשטע זייטען געלעזען, האָט דאָס פאָלק מיט אַ דונער אויסגעשריען „אָמן". דאַן האָט עזרא מיט אַ הילכיגער שטים אָנגעפאַנגען צו לעזען די תורה און די פערזאַמעלטע האָבען זיך צוגעהערט מיט אַן'אָנגעשטרענגטער אויפמערקזאַמקייט. די, וועלכע זענען נישט געווען אימשטאַנד צו בעגרייפען דעם אינהאַלט, איבערהויפּט, די פרויען און דאָרפס-לייט, האָבען די לויים אַלץ גענוי ערקלערט, וואָס עזרא האָט פון גאָטס-בוך געלעזען. די לעזונג האָט געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק. עזרא איז צוגעקומען צו דער שטעל אין דער היילigער תורה, וואו עס ווערען געשילדערט די גרויסע אונגליקען, וואָס וועלען מיט'ן פאָלק געשעהן,

ווען עס וועט פון גאָטס-וועג אָבטרעטען. ביים פאָלק האָט זיך ערוואַכט דאָס בעוואוסטזיין פון זיין זינדיגקייט, און עס איז געוואָרען געפאַלען ביי זיך. אַ ביטערער יאָמער האָט אויסגעבראָכען ביי די צוהערער. נחמיה, עזרא און די לויים האָבען געמוזט בערוהיגען און טרייסטען די בעטריבטע צוהערער. נאָר נאָכדעם, ווען זיי זענען אַביסעל צו זיך געקומען, איז הערליך געפייערט געוואָרען דער דאָזיגער טאָג, און דער עולם האָט זיך געפרעהט מיט דעם, וואָס ער האָט די תורה פערשטאַנען און בעגריפען. דאָס ערשטע מאָל האָט דאָס פאָלק אין זיין האַרצען איינגעשלאָסען דעם בוך פון דער געטליכער געזעצליכקייט. די מהפכה אין דעם יודישען בעוואוסטזיין, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען נאָך אין גלות, איז איצט פערענדיגט געוואָרען. די סופרים האָבען פערענדיגט דאָס, וואָס עס האָבען אָנגעפאַנגען זייערע פאָרגענגער — די נביאים.

דאָס פאָלק איז אַזוי בעגייסטערט געוואָרען פון דער תורה, וועלכער עס האָט פריהער אַזוי ווייניג געאַכטעט, אַז עס האָט זי געוואָלט הערען און הערען אָהן אויפהער. די זעלביגע לייט, וואָס זייערע עלטערען האָבען פריהער אַזאַ ווידערשטאַנד געוויזען די נביאים, פלעגען טאָג טעגליך קומען צו עזרא׳ן און בעטען ער זאָל ווייטער לעזען די תורה פאַר׳ן פאָלק, און איהם לערנען די מצות פון גאָט. עזרא האָט פאָרגעלייענט די שטעלע וועגען די ימים-טובים, וועלכע דאַרפען געפייערט ווערען אין זיבעטען מאָנאַט, אין תשרי. דאַן האָבען די אַנפיהרערס צושיקט שלוחים איבער גאַנץ יהודה, מודיע צו זיין דער בעפעלקערונג, אַז אַלע זאָלען אָנגרייטען בלעטער און צווייגען פון איילבערטבוימער און פון טייטעלבוימער און פאַלמען-בוימער אויף צום בויען יום-טוב-סוכות. דאָס פאָלק האָט מיט אַ פרעהליכער פלייסיגקייט זיך גענומען פאַר דער אַרבייט און האָט דעם יום-טוב פערבראַכט אין אַזאַ ליכטיגער שטימונג, ווי קיינמאָל נישט ביז איצט. אין דעם פערלויף פון די אַלע אַכט יום-טוב-טעג זענען פאַר׳ן פאָלק אין בית-המקדש טעגליך געלעזען געוואָרען פרשיות און קאַפּיטלען פון דער הייליגער תורה. פון דאַן אָן איז דאָס לעזען געוואָרען אַ טייל פונ׳ם גאָטעס-דיענסט אין בית-המקדש.

די דאָזיגע אויפגעהויבענע שטימונג האָבען עזרא און נחמיה אויסגענוצט, כדי צו דערוועקען די יודען אינגאַנצען זיך אָבצושיידען פון די פרעמדע פרויען, אויף וויפיעל אַזוינע געמישטע פאַמיליען-פערבינדונגען האָבען זיך נאָך אין לאַנד איינגעפונען. צוליעב דעם טאָג איז בעשטימט געוואָרען אַ תענית און עס איז צוזאַמענגערופען געוואָרען אַ פאָלקס-פערזאַמלונג. אַלע

זענען געקומען אין בית-המקדש אין טרויער-קליידער, בעשאָטען מיט אַש. דאַן האָבען די לויים זיך מתודה געווען אין דעם נאָמען פון גאַנצען פאָלק פאַר זיינע זינד. עזרא האָט פאָרגעלעזען און ערקלעהרט די פּרשה אין דער תורה, וואו עס ווערען פערבאָטען התונות מיט קינדער פון פרעמדע פעלקער, און וואו עס ווערט דייטליך אָנגעוויזען, וואָס פאַר אַ נאַציאָנאַלע געפאַהר דערפון קאָן אַרויסקומען. באַלד האָבען די יודען, וועלכע האָבען געהייראַטעט מיט פרעמדע ווייבער, זיך צושיידט מיט זיי און אַלע האָבען זיך פייערליך ענטזאַגט פון צו האָבען ווייטער וועלכען ס'איז פאַמיליען-פערקעהר מיט די שומרונ'ער. און ווידער האָבען די אָנפיהרער פערשטאַנען אויסצונוצען די היימע מינוט: זיי האָבען פון דער פערזאַמלונג אַ פייערליכע שבועה אַרויסבעקומען, צו היטען די געזעצען פון דער תורה און מעהר זיך נישט צולאָזען פערפיהרען אין יענע זינד, צוליעב וועלכע דאָס לאַנד איז וויסט, דער בית-המקדש צושטערט און דאָס פאָלק פערטריבען געוואָרען. די געמיינדע האָט ווייטער געדאַרפט זיין דורכגעדרונגען מיט דעם גייסט פון דער תורה, וואָס משה האָט ישראל'ן פון גאָט געגעבען. זאָגאַר די פרויען און די קינדער האָבען געשוואָרען צו היטען גאָט'ס געבאָטען. איבער-הויפּט האָבען די איניציאַטאָרען פון דער פערזאַמלונג, עזרא און נחמיה, אונטערגעשטראָכען פיעל מאָל דעם איסור אָבצוגעבען יודישע טעכטער פאַר מאַנען פון פרעמדע פעלקער און נעהמען פון זיי פרויען פאַר די זיהן; די פראַגע איז געווען אַ ברענענדיגע און עזרא און נחמיה האָבען געמוזט איינמאָל פאַר אַלע מאָל מיט דער זאַך אַנ-ענדע מאַכען. ווייטער איז געשטעלט געוואָרען די פאָדערונג, שטרענג אָב-צוהיטען שבת און יום-טוב; נישט בלויז קיינע מלאכות אין די דאָזיגע טעג נישט טהון, נאָר זאָגאַר נישט קויפען און נישט פערקויפען, נישט ביי קיין יודען און נישט ביי קיין פרעמדען. דאַן איז אויך בעשטימט גע-וואָרען צו מאַכען יעדען זיבעטען יאָהר שמיטה פאַר די פעלדער, זיי זאָלען נישט געאַקערט און נישט געזייעט ווערען; אין דעם זעלביגען יאָהר מוזען אויך געשאָנקען ווערען אַלע הובות, וואָס זענען ביז דער צייט נישט אויס-געמאָהנט געוואָרען, און עס מוזען אומגעקעהרט ווערען אַלע משכנות. אויף די הוצאות פון בית-המקדש מוז יעדער יוד שענקען אַ האַלבען שקל יעהרליך און אין אַ געוויסען טערמין צושטעלען האָלץ פאַר'ן מזבח. ווייטער מוז יעדען יאָהר געבראַכט ווערען די ערשטע פרוכט (בכורים) פון די בוימער און פון די פעלדער אין בית-המקדש, פאַר די כהנים און די לויים — דאָס, וואָס קומט זיי לויט'ן געזעץ — די תרומות און מעשרות.

דער אינהאַלט פון די אַלע פליכטען איז פערשריבען געוואָרען אויף אַ בעזונדערער מגלה און די הויפט-לייט פון אַלע משפחות האָבען זיך געדאַרפט אונטער'התמ'ענען מיט זייערע נעמען. דער ערשטער האָט זיך אונטערגע'התמ'עט נחמיה און אין אַלעמען זענען געווען ביז 85 אונטערשריפטען פון די אָנגעזעהענסטע לייט פון פאָלק. עס איז אָבער נויטיג געווען צו האָבען די חתימות פון אַלע 120 פאָלקס-פערטרעטער און זיי האָט מען צונויפגעזאַמעלט דורכדעם, וואָס מען האָט צו זיי אין זייערע הייזער די מגילה צוגעשיקט און זיי האָבען זיך אונטער איהר גע'התמ'עט.

פיעל, אונגעהויער פיעל האָט נחמיה אויפגעטהון אין אַזאַ קורצע צייט! ער האָט נישט בלויז אויפגעבויעט די צופאַלענע געמיינדע און איהר פערפעסטיגט בנוגע צו אויסערליכע שונאים דורך דער פערשטאַרקטער הויפט-שטאָדט, נאָר ער האָט פעראייניגט דאָס פאָלק מיט זיין תורה!

נחמיה האָט מיט אַ כיון זיך בענוצט מיט דעם סיסטעם פון גרויסע פאָלקס-פערזאַמלונגען, ווייל ער האָט געשטרעבט אַלץ מעהר צו פערטיעפען דעם איינדרוק אויף די אָנוועזענדע. אַזוי האָט ער אַ צווייטען מאָל פעררופען דאָס פאָלק צו בעהייליגען די שטאָדט-וואַנד, וועלכע זענען אויפגעבויט געוואָרען אַ דאַנק זיין מיה. דאָ האָבען זיך אויך, ווי ביי דער ערשטער תורה-לעזונג, איינגעפונען פרויען און קינדער; אַזוי ווי ער האָט געוואָלט, אַז די דאָזיגע פייערונג זאָל אַרויסרופען אַ פרעהליכע שטימונג; האָט נחמיה אַרויסגערופען אין ירושלים די לוים-משוררים, זיי זאָלען לוסטיג מאַכען די הערצער מיט דער הילף פון זינגען און שפיעלען. ער האָט איינגעטיילט דעם עולם אין צוויי גרויסע גרופּעס, וועלכע זענען אַרומגעגאַנגען אַרום דער וואַנד אין געגענזייטיגע ריכטונגען און האָבען זיך געמוזט צוזאַמענטרעפען אין בית-המקדש. פאַר יעדען טייל איז געגאַנגען אַ קאַהל פון משוררים, וואָס האָבען געזונגען לויב-און דאַנק-געזאַנגען; נעבען די משוררים זענען געגאַנגען צו אַכט לויים, וועלכע האָבען דאָס געזאַנג בעגלייט מיט שפיעלען אויף די האַרפען און אַנדערע אינסטרומענטען. הינטער איין קאַהל איז געגאַנגען עזרא, הינטער דעם צווייטען — נחמיה — די ביידע געמיינדע-פערוואַלטער. יעדער טייל האָט אין זיך ענטהאַלטען אַ גלייכע העלפט פון פערזאַמעלטען פאָלק, פירסטען, פרויען און קינדער. אויף אַזאַ אַרט, איז איין טייל אַרומגעגאַנגען אַרום דער שטאָדט-וואַנד פון מערב, דרום-און מזרח-זייט, און דער צווייטער אַרויסגעהענדיג פון זעלביגען פונקט, איז אַרומגעגאַנגען אַרום די מערב-צפון-און מזרח-זייטען פון שטאָדט. ווייט, ווייט האָבען געהילכט די קלאַנגען פון די טראָמפּייטען,

פון די הארפען און די געזאנגען פו די לויים; עס האט זיי בעגריעסט דער אָבקלאנג פון די ארומיגע הויכע בערג און די הערצער זענען איבעהפילט געוועזען מיט פייערליכקייט און פרייד. נאָך די טרויער-טעג איז אָנגעקומען די אלגעמיינע שמחה.

נחמיה האָט אויך צוגעווענדעט זיין אויפמערקזאמקייט אויף דעם נאָרמאלען גאנג פון דער הנהגה אין בית-המקדש. אום דאָס קרבנות-דיענסט זאָל זיך מעהר נישט איבעררייסען, האָט מען געמוזט פערזאָרגען די כהנים און לויים מיט א זיכערער מאטעריעלער שטיצע. די ערד-בעזיצער האָבען זיך געוועהנליך פערפליכטעט אָבצוגעבען פינקטליך תרומה פאר די ערשטע און מעשר פאר די צווייטע; דאָס האָט אָבער נחמיה'ן נאָך נישט געקאָנט צופריעדען שטעלען. מען האָט געדארפט א שטענדיגע השגחה דערויף. לויט זיין אָרדנונג פלעגען די לויים אין דער צייט פון שניט דארפען ארומרייזען איבער'ן לאנד, צונויפקלייבען די תרומות און די מעשרות און ברייגען עס קיין ירושלים. כדי די צוטיילונג נאָכהער זאָל אויסקומען עהרליך און קיינער זאָל נישט זיין בעטריגט און גענארט, האָט נחמיה געלאָזט בויען גרויסע שפייכלערס פאר די צונויפגעזאמעלטע תבואות אין פ זכטען. פון די דאָזיגע שפייכלערס האָט געמוזט יעדען כהן און יעדען לוי א-ויסגעגעבען ווערען זיין חלק; דערויף האָבען געמוזט אויפזעהן בעזונדערע בעאמטע.

ווי ס'איז שוין דערמאָהנט געווען, האָט זיך נחמיה געזאָרגט פאר דעם, אז די ליידיגע ירושלים זאָל בעפעלקערט ווערען; צוזאמען דערמיט אָבער האָט ער געזוכט צו פערזאָרגען דער בעפעלקערונג מיט וואָהנונגען. די אָרימע, וועלכע האָבען נישט געהאט קיין אייגענע מיטלען צו בויען זיך הייזער, האָט נחמיה פון זיין אייגענעם פערמעגען דערויף געלד געגעבען; און בכלל האָט ער אָהן אויפהער זיך געזאָרגט פאר אלע נויטבעדערפטיגע. אויף אזא אופן האָט ער אויסגעבויעט כמעט א נייע שטאָדט, וואָס איהר פּאליטיק און בעשטימונג איז בעשטאנען אין דעם, אז זי זאָל שטרענג אָבהיטען די געבאָטען פון געזעצליכקייט. צוועלף יאָהר האָט ער פערוואלטעט מיט יהודה, אלס פערטרעטער פון דער פרסישער הערשאפט (432—44). דאן איז געקומען דער טערמין, ווען ער האָט זיך געמוזט אומקעהרען צום הויף פון מלך ארתחשסתא. ער האָט זיך פעראָבשיידעט מיט זיין פאָטערלאנד אין טיעפער האָפנונג, אז דער בנין, וואָס ער האָט אויפגעשטעלט, וועט לאנג בלייבען אונבעריהרט פון אויסענוועניג און ביי זיין פעסטער אָרדנונג — אינווענדיג.

די ארבייט פון דעם שטערבליכען מענשען איז אָבער קיינמאָל נישט

בעוואָרענט. נחמיה האָט קוים נאָר בעוויזען אָבצופאָהרען און אין יהודה האָט זיך שוין בעוויזען אַ פערדאָרבענע שטרעמונג, וואָס אָן איהר שפּיץ איז געשטאַנען דער כהן גדול אלישיב. אין ווידערשפּרוך צו דעם בעשלוס פון דער גרויסער פערזאַמלונג, האָבען איניגע פון דאָסנײַ געשלאָסען אחדות מיט די שומרונ'ער און מיט די געבוירענע פון געמישטע חתונות. צו פערזיכערן דעם בונד מיט זײ האָט איינער פון כהן־גדול'ס פאַמיליע, מיט'ן נאָמען מנשה, פער'שדכ'ענט זיך מיט סנבלט'ס טאָכטער. דעם בײַשפּיעל פון כהן־גדול'ס הויז האָבען באַלד נאָכגעטהון פיעל אַנדערע, וועלכע זענען אין האַרצען נאָך פריהער נישט געווען צופרידען מיט דעם שטרענגען בעשלוס פון עזרא און נחמיה. טוביה, דער צווייטער פײַנד נחמיה'ס האָט זיך אינגאַנצען בעזעצט אין ירושלים. אין דער פאָדערשטער עזרה פון בית־המקדש איז איהם אָבגעגעבען געוואָרען אַ גרויסע, געראַמע וואָהנונג.

די דאָזיגע פלוצלינגע איבערקעהרעניש האָט אַרויסגערופען אין לאַנד אַ גרויסע מהומה; הײַנט איז אָפען ערלויבט געווען דאָס, וואָס נעכטען איז אַזוי שטרענג פערוועהרט געוואָרען. דאָס פאָלק איז אָבער געווען אַזוי אויפגערעגט געגען כהן גדול און זײַנע אָנהענגער, אַז עס האָט איהם אַרויסגעוויזען אַ עפענטליכע שנאה. די ערדבעזיצער האָבען אויפגעהערט צו ברענגען תרומות און מעשרות. אויף אַזאַ אופן האָבען אויך געליטען אונשולדיגע. די לוים האָבען פערלוירען זייער הונה און ליידענדיג גרויס דחקות, האָבען זיי געמוזט פערלאָזען דעם בית־המקדש, ווי אויך די הויפּט־שטאָדט. ס'האָבען אויך אויסגעפעהלט נדבות אויף קרבנות, און גאָט'ס מזבח איז פערגעסען געוואָרען, און גאָט'ס הויז איז ליידיג געוואָרען. פיעל ערגער דערפון איז נאָך געווען די שפּאַלטונג, וואָס די אויבען דערמאָהנטע איבערקעהרעניש האָט געשאַפען אין דער יודישער געזעלשאַפט. אין יעדען הויז זענען אַרײַנגעדרונגען קריגערײַען און מחלוקת. די עלטערען און די קינדער האָבען זיך צוטיילט אין זייערע אַנשויאונגען און זייערע בעציהונגען צו די געשעהענישען אין לאַנד. טיעף פרומע, וועלכע האָבען זייערע איבערצײַגונגען אַיינגעהיט אונבעריהרטערהייד, האָבען זיך פעראייניגט צווישען אַנאַנדער און האָבען געזוכט מיטלען, ווי צו בעזײַטיגען די טרויעריגע ערשײַנונגען. זייערע בליקען האָבען זיך געווענדעט צו נחמיה'ן, וועלכער האָט זיך אַיינגעפונען בײַם הויף פון אַרתחשסתא. וואָלט ער פון דאָסנײַ געקומען אין ירושלים, וואָלט ער זיכער מיט אַמאָל אַנ'ענדע געמאַכט צו דעם אונערטרעגליכען אונרעכט און פון דאָסנײַ אַרײַנגעבראַכט פריעדען

און איינגקייט אין דער הויפּשטאָדט, און פון דאָסניי אויסגעהיילט די געמיינדע!

די גאָטספאָרזיכטיגע האָבען לאַנג נישט געברויכט צו וואַרטען אויף זייער נייסטיגען גואל. נחמיה, זיצענדיג אין קעניגליכען הויף, וויים פון זיינע ברידער, האָט נישט אויפגעהערט צו טראַכטען וועגען זיין פאָטער־לאַנד. זיין גוף איז געווען אין פרס, אָבער זיין נשמה האָט געשוועבט אין ירושלים. און ווי נאָר ער האָט זיך דערוואוסט, וועגען דעם, וואָס אין דער הייליגער שטאָדט קומט פאָר, האָט ער באַלד פון דאָסניי געבעטען ערלויבניש ביי זיין הערשער זיך אומצוקעהרען אין יהודה. דער מלך פון פרס האָט נישט אָבגעזאָגט זיין ליעבלינג אין זיין ביטע און ווי נאָר ער איז אָנגעקומען אין ירושלים (צווישען 430—425), האָט ער גלייך אָנגעהויבען אַרבייטען. זיינע אָנהייגער האָבען איהם פערגליכען צו אַ שמעלץ־פייער, צו אַ ריינ־גונגס־פייער, און ער האָט ווירקליך אָבגערייניגט די געמיינדע פון די געפעהרליכטע עלעמענטען. די ערשטע זאַך האָט ער אַרויסגעטריבען טוביה'ן דעם עמונ'ער פון זיין פּלאַץ, וואָס ער האָט פערנומען אין דעם הויף פון בית־המקדש, און זיין בעשיצער און מחותן, דעם כהן גדול אלישיב, האָט ער דערוויטערט פון זיין גייסטליכען פאָסטען. נאָכדעם האָט ער צוזאַמענגערופען די פאָלקס־מנהיגים און זיי שטאַרקע פאָרווירפע געמאַכט דערפאַר, וואָס צוליעב זייער נאַכלעסיגקייט האָבען די לויים געמוזט דעם בית־המקדש פערלאָזען, ווייל זיי האָבען נישט געזאָרגט וועגען דער פּינקטליכקייט פון דאָס מעשר־אויפמאָהנען. איין אויפרוף פון נחמיה'ן איז געווען גענוג, אום די ערדבעזיצער זאָלען מקים זיין זייער חוב פאַר די לויים און די לעצטע האָבען זיך אומגעקעהרט אין ירושלים. נאָר פאַר דער וויכטיגסטער אויפגאַבע האָט נחמיה גערעכענט דאָס פונאַנדערשיידען די שדוכים מיט די קינדער פון די פרעמדע פעלקער.

דאָס האָט איהם געבראַכט צו אַ צוזאַמענשטויס מיט די מיוחסים פון לאַנד. מנשה, דער פערוואַנדטער פונ'ם כהן־גדול האָט פאַר קיין פאַל נישט געוואָלט זיך צושיידען מיט זיין פרוי ניקסה, די טאָכטער פון סנבלט. נחמיה איז געווען אַזוי פיעל פעסט ביי זיך, אַז ער האָט זיך בעשלאָסען איהם אַרויסצוטרייבען פון לאַנד. עס זענען פון יהודה דערוויטערט געוואָרען אויך אַנדערע כהנים און לוים, וועלכע האָבען נישט געקאָנט זיך איינלעבען מיט די שטרענגע סדרים, וואָס נחמיה האָט פון דאָסניי איינגעפיהרט אין יהודה. ווען די אָרדנונג אין דער הויפּשטאָדט איז געוואָרען צוריקגעשטעלט

אין דעם גייסט פון דער תורה, האט זיך נחמיה אװעקגעלאזען אין דער פראװינץ, אום אויך דארטען אויסצוװארצלען דאס שלעכטס. אין די ערטער, װאו די יודען האבען געלעבט אין נאהענטער שכנות מיט די פרעמדע שבטים, מיט די אשדוד׳ער, מיט די עמונ׳ער, מואב׳ער און שומרונ׳ער, האבען די געמישטע שדוכים געבראכט צו אזא רעזולטאט, אז זייערע געבוירענע קינדער האבען טיילװייז גערעדט אויף דער שפראך פון זייערע פרעמדע מוטער׳ס און די הייליגע שפראך פון זייער פאלק איז זיי געװען גאנץ פרעמד. די דאזיגע װייטקייט פון דאס אייגענע, נאציאנאלע, האט נאכמעהר אויפגערעגט נחמיה׳ן און ערװעקט אין איהם זיין גאנצע ענערגיע. ער האט שטרענג פארגעװארפען די עלטערען, זיי געשאלטען און געשטראפט, און א דאנק זיין ענערגישער טהעטיגקייט איז איהם געלונגען זיין ציעל צו דערגרייכען.

ארומרייזענדיג איבער דער פראװינץ האט נחמיה בעמערקט, אז שבת װערט זעהר נאכלעסיג אבגעהיט. די דארפס־לייט פלעגען אום שבת דריקען די װיינטרויבען אין קעלטער, אנלאדעװען זייערע אייזלען מיט פערשיעדענע פראדוקטען און פיהרען עס אין שטאדט. װען די פויערען האבען זיך פערזאמעלט אויפ׳ן מארק, האט נחמיה פאר זיי א רעדע געהאלטען און זיי ערקלעהרט, אז זיי זינדיגען פאר גאט מיט אזעלכע מעשים. זיי האבען געפאלגט. מיט מעהר ענערגיע איז ער ארויסגעטראטען ביי א צװייטען צופאל. די פיניצער סוחרים פון צור האבען זיך געהאט א מנהג, צו ברייגגען צו פיהרען אום שבת פיש און אנדערע סחורות און פערקויפען זיי אין ירושלים. נחמיה האט געלאזען פערשליסען די טויערען פון שטאדט און זיי נישט עפענען דעם גאנצען שבת׳דיגען טאג אזוי, אז זיי האבען אין שטאדט נישט געקאנט אריינטרעטען. ער האט געבראכט דערצו, אז דער שבת איז אבגעהיט געװארען אין לאנד מיט דער העכסטער שטרענגקייט. די װייטערדיגע טהעטיגקייט פון נחמיה האט זיך איבערהויפט אויסגעדריקט אין דעם: אליץ מעהר צו פערפעסטיגען די װאנט צװישען דעם יודישען פאלק און די פרעמדע פעלקער, אום עס זאל שוין קיינמאל נישט מעגליך זיין איהר דורכצוברעכען. אלץ, װאס נחמיה האט אויפגעטהון, האט ער פערשריבען אין א בעזונדערען ספר, װאס טראגט זיין נאמען (נחמיה). בעטראכטענדיג אליין די פערשיעדענע שטרענגע מיטלען, װאס ער האט אנגענומען ביים דורכפיהרען זיינע נייע ארדנונגען אין לאנד, ערקלעהרט ער עס שטענדיג דערמיט, װאס דאס איז געװען צו יענער צייט אונבעדינגט נויטיג, כדי צו ראטעװען דאס פאלק און דאס לאנד פון אויסמישונג מיט די ארומיגע

שבטים. יעדעס מאָל גיעט ער צו: „זאָל דאָס מיר מיין גאָט צו גוטען געדענקען, וואָס איך האָב געטהון פאַר מיין פאָלק!" דער נאָמען פון נהמיה איז אויף אייביג געבליבען פערהייליגט ביי דעם יודישען פאָלק. איהם און עזרא'ן, די שעפּער פון די העכסטע, גייסטיגע שטרעמונגען, שרייבט דאָס פאָלק צו אַסך גוטע איינפיהרונגען אין דעם יודישען נאַציאָנאַלען לעבען, וואָס זייערע קוועלען זענען געבליבען נישט בעוואוסט.

דריטעם קאפיטעל:

דער סופרים־פעריאד.

די פיינדשאפט, וואס קוועלט ארויס פון ליעבע, איז שטארקער און ליידענשאפטליכער פון דעם צארן, וואס שפראצט ארויס פון דער אונפערשטענדליכער פערהאסונג, פון קנאה אדער פון איינפאכער נקמה. סנבלט מיט די איבעריגע שומרונים און זייערע חברים האבען מיט זייערע אלע קרעפטען זיך געמיהט צו דערשלאגען דערצו, אז זיי זאלען ווערען אנגענומען אין דער יודישער געמיינדע, בלויז אוים ליעבע צו דעם גאט, וועלכער איז היילינג געוועזען אין ירושלים און צו וועלכען זיי האבען זיך שוין געהאט צוגעוועהנט מיט׳ן גאנצען הארצען. די ליידענשאפטליכקייט פון סנבלט׳ס פיינדשאפט צו נחמיה׳ן האט זיך אייגענטליך גענומען פון ליעבע; ער האט געוואלט איבער געוואלד זיך צוזאמענגיסען מיט זיינע פיינד. ווערענדיג אבער אזוי פיעל מאל אבגעשטויסען, האט די דאזיגע ליידענשאפטליכע ליעבע זיך פערוואנדעלט אין א פייערדיגער שנאה. סנבלט האט געמיינט, אז א דאנק זיין מתחתן־זיין־זיך מיט דעם כהן גדול, האט ער שוין דערגרייכט זיין ציעל. נאר גיך איז איהם אויסגעקומען זיך צו ענטטוישען, — ווען זיין איידים מנשה איז ווירקליך פאר די דאזיגע זינד ארויסגעטריבען געווארען פון לאנד. דאס האט שוין דערפילט די מאס. מיט זיין אנגעבוירענע ערמומיות, האט ער אויסגעקלערט א פלאן, ווי אזוי זיך אונטערצוגראבען אונטער דער יודישער געמיינדע דורך איהרע אייגענע מיטגליעדער. וואס װעט זיין ווען ער וועט פאר דעם דאזיגען גאט אויסבויען א בית־המקדש, וועלכער וועט קאנקורירען מיט דעם ירושלים׳דיגען, וועט ער דען נישט קאנען אבנעהמען ביי איהם די בכורה? האט ער דאך, סנבלט הייסט דאס, כהנים פון אהרן׳ם קינדער, וועלכע וועלען קאנען אויספיהרען די עבודה אין

בית-המקדש לויט די געזעצען פון דער תורה. זיין איידים מנשה, וועלכע שטאמט פון יהודה'ן, ווערט בעקומען דעם טיטול כהן-גדול און די איבעריגע ארויסגעטריבענע כהנים פון יהודה. וועלען פול מאכען דעם קאמפלעקט פון בית-המקדש-בעדיענטע. אלעס האט, ווי ס'איז צו זעהן, געזאלט זיין זעהר גינסטיג פאר זיין נייעם פלאן. אויף אזא אופן האט געקאנט פערווירקליכט ווערען זיין שטרעבונג צו בעהעפטען זיך מיט דעם גאט פון ישראל און ס'האט געקאנט בעפריעדיגט ווערען זיין פערלאנג צו שטעלען זיך אן דער שפיץ פון דער געמיינדע.

סנבלט האט נישט אבגעלעגט זיין אידעע אויף לאנג. אויף דעם שפיץ פון בארג גריזים, נעבען דער שטאדט שכם, אין דער געגענד, וועלכע קאן זיך ווירקליך רעכענען אלס צענטרום פון ארץ-ישראל, האט ער אויסגעבויעט א בית-המקדש, מסתמא, נאך דעם טוידט פון ארתחשסתא (420). דער אויסוואהל פון דעם פלאץ איז אנגעוויזען געווארען דורך די כהנים, די געלעהרטע אין דער תורה, וועלכע זענען ארויסגעטריבען געווארען דורך נחמיה'ן פונ'ם לאנד. פון דעם דאזיגען בארג האט אמאל, לויט דער אנווייזונג פון משה רבנו, יהושע געבענשט די, וואס וועלען היטען גאט'ס געבאט. איבעריגענס, די שומרונים האבען געגעבען דערצו אני'אנדער פירוש. זיי האבען גערעכענט און רעכענען ביז היינטיגען טאג דעם דאזיגען בארג גריזים אלס א „בארג פון גליק". זאגאר די דערביי'איגע שטאדט שכם איז ביי זיי אנגערופען געווארען „בענטשונג" (מאבראכטא). סנבלט, אדער די כהנים פון בית-המקדש אויפ'ן בארג גריזים, האבען זיך געמיהט צו דערוויזען, אז די שומרונ'ער שטאמען נישט פון דער אויסגעמישטער בעפעלקערונג, וואס סנחריב האט אמאל אהער געבראכט אנשטאט די פערטריבענע ישראלים, נאר פערקעהרט — זיי שטאמען פון די אמת'ע בני-אפרים, וואס זענען אין לאנד פערבליבען נאך דעם חורבן פון שומרון. יעדענפאלס האבען זיך ווירקליך צווישען זיי געקאנט איינגעפינען איניגע ישראל-פאמיליעס פון אמאל, וועלכע האבען זיך נאך דער מפלה פון דער צעהן-שבטים'דיגער מלוכה אויפגעהאלטען אין שכם. דאך האט זייער שפראך ארויסגעוויזען זייער צומישטע אבשטאמונג. דאס איז געווען א ווילדער געמישער, עפעס אנ'אויסמישונג פון ארמיש, אבעסיניש, כאלדעאיש און אנדערע ווילדע עלעמענטען, וואס ס'איז אונמעגליך געווען צו בעשטימען זייער אבשטאמונג.

דערווייל איז אבער דאס הויפט-ציעל דערגרייכט געווארען. די שומרונ'ער האבען געהאט א בית-המקדש, ארום וועלכען זיי האבען געקאנט זיך קאנ-

צענטרירען, זיי האבען געהאט כהנים פון אהרנ'ס הויזגעזינד, מיט דרייסטקייט האבען זיי זייער בארג גריזים אנטקעגען געשטעלט דעם הייליגען בארג מוריה, זיי האבען דערוויזען אויף דעם גרונד פון דער תורה, אז גאט אליין האט אויסדערוועהלט דעם דאזיגען בארג, אלס דעם איינציגען ארט פאר קרבנות־ברייגגען, און זיי האבען מיט שטאלץ זיך אנגערופען ישראלים. סנבלט און זיינע אנהייגגער האבען געשטרעבט דערצו, צו צוציהען צו זיך וואס מעהר ווירקליכע יודען. יענע יודען, וועלכע פלעגען זיך בעוועצען צווישען זיי, פלעגען זיי, די שומרונ'ער, אבגעבען פארטיגע הייזער און פעלדער און געשטיצט זיי מאטעריעל. די יודען, וואס זענען עפעס א פערברעכען בעגאנגען אין יהודה און האבען מורא געהאט פאר א שטראף, פלעגען דעריבער לויפען צו די שומרונ'ער, וואו זיי פלעגען אנגענומען ווערען אלס טייערע געסט. פון אזעלכע עלעמענטען האט זיך אויסגעבילדעט די נייע האלב־יודישע געזעלשאפט, אדער סעקטע שומרונ'ער אין דער געגענד פון שומרון, וואו אלס צענטרום האט געדיענט אדער די שטאדט, וואס האט דער געגענד איהר נאמען געשאנקען, אדער די שטאדט שכם. די אנהייגגער פון דער דאזיגער סעקטע האבען געבילדעט א רוהיגע, נאר שטארקע געמיינדע, וואס האט זיך מיט הוילע וואונדער דערהאלטען ביז היינטיגען טאג, נישט קוקענדיג אויף איהר קליינקייט און אויף דער אונבעדייטענדע צאהל פון איהרע מיטגליעדער. דער קיום פון דער דאזיגער סעקטע איז אייגענטליך דער נצחון פון דעם יודישען גלויבען און דער העכסטער בעווייז פון זיין גרויסקייט און לעבענספעהיגקייט, ווארום אט האט אזא מישמאש פון פערשידענע שבטים, ווי די שומרונים, געקאנט זיך פעראייניגען דורך דער דאזיגער רעליגיע, אויסקויבען איהר פאר זייער וועג־פיהרערין און, נישט קוקענדיג אויף אלע צרות און אונגליקען, וואס זיי האבען געמוזט דעריבער אויסשטעהן, זיך קיינמאל מיט איהר נישט געשיידעט. די שומרונ'ער, פונקט אזוי ווי די יודען, האבען זיך שטענדיג געהאלטען און האלטען זיך נאך ביז היינטיגען טאג ביי דער תורה, וואס די ארויסגעטריבענע כהני פון יהודה האבען מיט זיך צו זיי געבראכט, און איהרע געבאטען שטעלען פאר מיט זיך די פארמען פון זייער רעליגיעזען און געזעלשאפטליכען לעבען. טראץ אבער די דאזיגע אלגעמיינע גרונדשטריכען, האט דאס יודישע פאלק גארנישט פערדיענט פון דעם דאזיגען צוקומעניש, וואס האט כלומרשט געטיילט זיך מיט איהם זיין אמונה. די דאזיגע ערשטע יודישע סעקטע האט געבראכט יודען נישט ווייניגער ליידען, וויפיעל די איבעריגע סעקטעס, וואס האבען פון איהר אין די שפעטערדיגע דורות ארויסגעשפראצט. די

שומרונ'ער האָבען נישט נאָר זיך פערהאַלטען מיט אַ שטאַרקער שנאה צו דעם יודישען פאָלק, נאָר זיי האָבען זאָגאַר געפּרובט פיעל מאָל זיך אונטערגעגראָבען אונטער איהם. עס האָט זיך זיי געוואָלט אַליין בלייבען אַלס די אָבשטאַמונג פון ישראל, זיי האָבען געלייקענט אין דער הייליגקייט פון ירושלים און איהר בית־המקדש און זיי פלעגען אַרויסשטעלען דאָס, וואָס איז געשאַפען געוואָרען דורכ'ן יודישען פאָלק, אַלס אַ פאַלשע נאָכאַהמונג פון דעם ווירקליכען אַלטען ישראל'טהום. און נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס זיי פלעגען שטענדיג זיך צוקוקען צו דעם, וואָס עס קומט פאָר ביי זייערע שונאים, אום איינצופיהרען ביי זיך אַלץ, וואָס דאָרטען ווערט איינגעפיהרט, וואָלטען זיי דאָך מיט פערגניגען פערניכטעט זייער אייגענעם אידעאַל, ווען דאָס וואָלט נאָר געווען אין זייער רשות. פון דער יודישער זייט איז די פיינדשאַפט צו זיי אויך געווען נישט קלענער. די יודען פלעגען די שומרונ'ער אָנרופען „די פערשאָלטענע כותים". די שנאה צווישען ירושלים און שומרון האָט ווידער אויפגעלעבט, אַזוי ווי אין די צייטען פון דער אפרים־מלוכה. זי האָט שוין מעהר נישט געטראָגען קיין פּאָליטישען האַראַקטער; איהר אינהאַלט איז געווען געגרינדעט אויף אַנ'אינערליכען, רעליגיעזען באָדען, און דעריבער איז זי געווען פיעל ליידענשאַפטליכער.

די ענטשטעהונג פון דער שומרונ'ישער סעקטע האָט געהאַט זעהר אַ גרויסע ווירקונג אויף דער גייסטיגער ענטוויקלונג פון דעם יודישען פאָלק. איינגעפינענדיג זיך אין אַ נאָהענטע שכנות און צוזאַמענשטויסענדיג זיך שטענדיג מיט דער דאָזיגער סעקטע, אויסהערענדיג שטענדיג מיינונגען, וועלכע זענען פאַר זיי געווען העכסט שעדליך, האָבען די ישראלים אַלץ שטייפער זיך פערבונדען מיט אַנאַנדער. די שומרונ'ער האָבען מיטגעווירקט צו פערטיעפען ביי די יודען זייער זעלבסטבעוואוסטזיין, וועלכען זיי האָבען געשעפּט הויפּטזעכליך פון דער הייליגער תורה. די תורה איז געוואָרען ביי זיי נישט נאָר דער באַזיס פון דער רעליגיאָן, נאָר דער פונדאַמענט פון זייער נאַציאָנאַלען וועזען. אַזוי ווי עס איז אין די צייטען פון נביאים גרוים געווען ביים פאָלק די גלייכגילטיגקייט צו דעם דאָזיגען „ספר המצות והחקים"; אַזוי איז אין דער עפּאָכע נאָך עזרא און נחמיה גרוים געוואָרען די פערעהרונג זיינע. דאָס פאָלק האָט אויף דער תורה גענומען קוקען, ווי אויף אַ קוועלע פון אונענדליכער געטליכער חכמה. די יודישע פּאָעזיע צו יענער צייט האָט איהר ערהויבען און בעזונגען מיט הימעלשע לויב־ליעדער און געטליכער התפעלות. זעלבסטפערשטענדליך, אַז די תורה האָט דערום געמוזט ווערען דער יסוד פון געזעצליכקייט אין דער קליינער מלוכה פון יהודה,

בײַ יעדען אומשטאַנד פלעגט געפאָרשט װערען אין דעם „בוך פון גאָט", אויב ס'איז בעגאַנגען געװאָרען עפ"י דין. צו יענער צײַט איז אינגאַנצען פערשװאונדען געװאָרען אין דעם יודישען לאַנד דער מנהג פון קנעכטשאַפט. אז א יוד האָט געװאָלט זיך פערקױפען פאַר א קנעכט האָט ער נישט געהאַט, װער ס'זאָל איהם קױפען. דאָס יודישע פאָלק איז דורכגעדרונגען געװאָרען מיט דעם בעװאוסטזײַן פון זײַן הײליגקײט און העכסטער געטליכער בעשטימונג. יעדער יוד איז א קנעכט פון גאָט („כי לי בני ישראל עבדים"), און קאָן נישט דינען אַלס קנעכט פון א „בשר ודם". דער הויפּט־פּרינציפּ פון דעם דערמאָהנטען מנהג, לויט װעלכען מ'האָט געקאָנט א מענשען פערזעצען אָדער פערקױפען, דער פּרינציפּ, װאָס האָט דאַן עקזיסטירט בײַ אַלע פעלקער, איז אין יהודה אינגאַנצען אויסגעמעקט געװאָרען דורכדעם, װאָס יעדער חוב האָט געמוזט בטל װערען אין'ם יאָהר פון שמיטה. די פּערזאָן פון יעדען מענשען איז דורכדעם ערהויבען געװאָרען, געהײליגט געװאָרען, איהר פרײַהײט און זעלבסטשטענדיגקײט איז אונבעדינגט בעשטעטיגט געװאָרען. די דאָזיגע בעציהונג צו יעדען יודען בכלל האָט ממילא געמוזט װעקען אין הערצען רחמנות צו יעדען אונגליקליכען מיטגליעד פון פאָלק. געבען נדבות איז פערעכענט געװאָרען אַלס אײנע פון די גרעסטע מצות. אין יעדער שטאָדט זענען געװען אויסגעקליבען בעזונדערע ממונים, אָנצופיהרען מיט די געזעלשאַפטליכע צדקה־ענינים. די פריהערדיגע געװאַלדען פון די נביאים װעגען דער אכזריות, װאָס האָט געהערשט אין לאַנד אין דער בעציהונג צו די אָרימע און הילפסלאָזע, האָבען איצט אין יהודה מעהר קײן אָרט נישט געהאַט.

די אויפפיהרונג פון געריכט איז אין יהודה געװען די פאָלקאָמסטע; די פערשידענע מיספערשטענדנישען צװישען אַנאַנדער פלעגען געלעזט װערען מיט אזא רײַנהערציגער עהרליכקײט, אז די אינסטיטוציע האָט דאַן געקאָנט דינען אַלס מוסטער פאַר אַלע פעלקער פון דער װעלט. פאָלשטענדיגע גלײַכהײט פאַר'ן געזעץ איז פאַר יעדען געװען אַזוי קלאָהר, אז דאָס איז גאָר געװען איבעריג אונטערצושטרײַכען. צװײ מאָל אין װאָך פלעגען פאָרקומען געריכטס־זיצונגען אין אַלע שטעדט און שטעדטלעך, נאָמענטליך: אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג. צוליעב די ספקות, װאָס דאַבען געקאָנט אָפטמאָל אַרױסזאַקסען אין פערשידענע פראַגען, װעלכע װערען נישט דירעקט בעצײכענט אין דעם ספר־התקים, האָט געדאַרפט געגרינדעט װערען א העכסטער צענטראַל־געריכט, װאָס זאָל אין אַזעלכע צװײפעלהאַפטע צופאַלען בעשטימען דעם דין לויט דעם אַלגעמײנעם גײַסט

פון דער תורה. די לײט, װעלכע זענען געשטאנען אן דער שפיץ פון דער געמײנדע נאך עזרא און נחמיה האבען דעם דאזיגען „העכסטען געריכט" געשאפען; ער איז בעשטאנען פון א מאן זיבעציג, װעלכע זענען געװען די „עלטסטע" אין זײערע משפחות און געאכטעט אינ'ם גאנצען לאנד. די דאזיגע אײגענארטיגע אינסטיטוציע, װעלכע האט עקזיסטירט אין יהודה ביז דעם צװײטען חורבן און װעלכע איז שטענדיג געשטאנען אויף דער װאך, אבצוהיטען די געזעצליכקײט, האט זיך אײגענטליך אויסגעבילדעט פון די שטענדיגע פאלקס-פערזאמלונגען, װאס נחמיה האט אײנגעריכטעט; זי האט בעשלאסען אלע װיכטיגע רעליגיעזע, געריכטליכע און זיטליכע פראגען. די פרס'ער האבען זיך, װי ס'שײנט, צום „העכסטען געריכט" פערהאלטען מיט עהרע און סימפאטיע און האבען איהם פארגעשטעלט דאס רעכט, צו פערװאלטען מיט דער געמײנדע, דערום האט ער געהאט אויך א געװיסע פאליטישע בעדײטונג. דאס דאזיגע געריכט („סנהדריה-גדולה" אדער „בית-דין") איז געשטאנען אונטער דער אויפזיכט פון א פארזיצענדען מיט דעם טיטול „אב-בית-דין" און „ראש-הסנהדרין"; די איבעריגע מיטגלידער זײנען צװישען פאלק אנגערופען געװארען „סופרים" — ד"ה געלעהרטע. דער סנהדרין האט גלײך מיט זײן ענטשטעהונג אנגעהויבען צו װירקען אינ'ם גײסט פון עזרא און נחמיה: ארײנצובריינגען אין יודישען לעבען און אין די יודישע געװאהנהײטען גערעכטיגקײט און יודישקײט. ער האט ארויסגערופען א װירקליכע איבערקעהרעניש אין לאנד; און אלע ענדערונגען, װאס מען האט נאכהער, אין א יאהר צװײ הונדערט ארום, געקאנט בעגעגענען אין דער יודישער געמײנדע, זענען געשאפען געװארען בלויז נאר מיט זײן הילף. די נײע אײנריכטונגען, װעלכע די מסורה איז מיחס צו עזרא'ן, זענען אײגענטליך אויך זײן שאפונג. ער האט אװעקגעלעגט דעם גרונד פאר דעם בנין, װעלכער עקזיסטירט שוין בײ יודען טויזענדער יאהרען. פריהער פון אלץ האט ער אײנגעפיהרט רעגעלמעסיגע פעריאדישע פארלעזונגען פון דער תורה פאר׳ן פאלק. יעדען שבת און יעדען יום-טוב האט געמוזט געלעזען װערען א געװיסע טײל פון דער תורה פאר דער פערזאמעלטער געמײנדע. נאכהער זענען אויך אין די װאכעדיגע טעג אײנגעפיהרט געװארען אזעלכע פארלעזונגען אום מאנטאג און דאנערשטאג, װען די דארפס-לײט פערזאמלען זיך אין שטאדט צוליעב די געריכטס-זיצונגען. דאס האט געזאלט אלץ טיעפער צוזאמענבינדען דאס פאלק מיט דער תורה. דער טעקסט פון דעם געטליכען בוך איז אבער געװען נישט פאר אלעמען לײכט צום לעזען. ביז יענער צײט פלעגען די הײליגע ספרים געשריבען װערען מיט דעם פיניציאישען שריפט.

וועלכער איז צוליעב זיין שווערינקייט בעקאנט געוועזען נאר פאר די געלעהרטע. פאר די יודען, וועלכע האבען געוואוינט אין פרס, איז נאך דער דאזיגער שריפט פיעל שווערער און אונפערשטענדליכער געוועזען און דערום איז די תורה געוועזען פאר זיי נאך מעהר פרעמד, נאך מעהר ניט צוגענגליך.

אויף אזא ארט האט זיך אויסגעבילדעט א נייע בעדערפעניש, צו פערבייטען די אלטע פיניציאישע בוכשטאבען מיט נייע, וועלכע זענען שוין דאן געברויכט געווארען ביי די פעלקער, וואס האבען געוואוינט ארום די טייכען חדקל און פרת. דער דאזיגער נייער קאנטיגער שריפט (רבוע), וואס איז שוין פון לאנג ארייו אינ'ם אלטעגליכען געברויך ביי די פאלעסטינישע און איבערהויפט ביי די פערסישע יודען, איז איינגעפיהרט געווארען פאר דער תורה און פאר די „נביאים“, ווי אויך פאר די איבעריגע הייליגע ספרים און האט בעקומען דעם נאמען אשור-שריפט (כתב-אשורי), ווייל ער איז צוערשט ערפונדען געווארען אין די אשורישע פראווינצען. די שומרונער, אין געגענטייל, אויס שנאה צו יודען, האבען איינגעהיט בלויז פאר דער תורה און די איבעריגע הייליגע ספרים דעם אלטען פערפלאנטערטען פיניצער-כתב, הגם אין אלטעגליכען לעבען האבען זיי אויך שוין לאנג זיך ניט בענוצט מיט איהם. זיי פלעגען מאכען יודען פאראוואורפע, אז זיי בעגעהן א פערברעך דערמיט, וואס זיי האבען געביטען דעם כתב פון משה און די נביאים, און נאך ביז היינטיגען טאג זענען ביי די שומרונער די ספרי-תורה געשריבען מיט דעם אלטען כתב, וועלכער איז פרעמד זאגאר זייערע איינענע גייסטליכע.

ווען ס'איז איינגעפיהרט געווארען דער נייער שריפט און די תורה איז געווארען ווירקליך א פאלקס-בוך, וואס יעדער האט איהם געקאנט לייכט לעזען און פערשטעהן, האבען די סופרים איינגעארדענט א נייעם אנשטאלט: שולען פאר דער יוגענד. דארטען האט מען די יונגע יודישע קינדער געלעהרנט די יסודות פון רעליגיאן, פון געזעצליכקייט און איינגעפלאנצט אין זיי א בעזונדער ליעבשאפט צו דעם אלעמען. די גייסטיגע פיהרערס פון פאלק אדער, ווי זיי זענען אנגערופען געווארען: די „אנשי כנסת-הגדולה“, האבען געפאדערט פון די קומענדיגע דורות זיי זאלען שאפען „וואס מעהר געלעהרטע יונגע לייט“ (העמידו תלמידים הרבה); פערשטעהט זיך, אז זיי אליין האבען זיך געמיהט דורכצופיהרען אין לעבען דאס, וואס ס'האט געהאט אין זייערע אויגען אזא גרויסע נאציאנאלע בעדייטונג. אזא שול פאר דער יוגענד איז געגרינדעט געווארען אין ירושלים. די לעהרער זענען געוועזען די זעלביגע „ספרים“ אדער „הכמים“; די שילער האבען זיך אנגערופען „תלמידי-

הכמים". די טהעטיגקייט פון די דאזיגע חכמים איז געווען א דאפעלטע. פון איין זייט האבען זיי זיך פערנומען דערמיט, וואס זיי האבען ערקלערט און אויסגעטייטשט די תורה; פון צווייטען זייט האבען זיי זיך געמיהט איינצופיהרען אין לעבען די פארשריפטען פון דאזיגען הייליגען כפה, דורך דער ווירקונג אויף די תלמידים. זייערע ערקלערונגען צו דער תורה האבען בעקומען דעם נאמען „מדרש". דאס איז געשאפען געווארען נישט לויט דעם פרייען ווילען נאר לויט געוויסע רעגעלען, וועלכע פיעל פון זיי האבען געהאט בקבלה פון די פריהערדיגע דורות ביז די זקנים, יהושע און משה. די שולען און די „סנהדריה גדולה" האבען געארבייט צוזאמען אין איין און דערזעלבער ריכטונג און האבען ערגענצט איינע די צווייטע.

די העכסטע גייסטיגע איינריכטונג, די „סנהדריה גדולה" האט זיך בעגנוגענט מיט די קאמענטאריעס (פירושים) צו דער תורה, און מיט דעם, וואס זי האט איהרע געזעצען דורכגעפיהרט אין לעבען; זי האט אויך ארויסגעגעבען זעלבסטשטענדיגע דינים, צו רעגולירען און פערפעסטיגען די רעליגיעז-מאראלישע טהעטיגקייט ביים פאלק. אן אלטער שפריכווארט פון יענער צייט זאגט אן לדורות: „מאכט אן אבצאמונג פאר דער תורה" („עשו סיג לתורה"). אין די דאזיגע ווערטער דריקט זיך אויס דער כאראקטער פון דער ריכטונג, ביי וועלכער ס'האט זיך געהאלטען די דעמאלסטיגע געזעצגעבונג: עס מוזען פערוועהרט ווערען געוויסע ערלויבטע זאכען, וועלכע גרענעצען זיך זעהר נאהענט מיט אונערלויבטע און קאנען אלזא ווערען פערביטען איינע מיט די צווייטע. די דאזיגע שטרעבונג צו פערהיטען פאראויס פון אן עבירה, די דאזיגע אבצאמונג, האט אין יענער צייט געהאט א געוויסען גרונד. די פאלקסמאסען, וועלכע זענען געווען אונענטוויקעלט, האבען געדארפט אויף אזא אופן זיך צו געוואהנען, צו פאלגען די געזעצען און צו ערפילען זייערע פליכטען. א דאנק דער דאזיגער אויפגאבע, אבצוהאלטען דאס פאלק פון א זינד, זענען געשאפען געווארען א גאנצע רייהע דינים, וועלכע געהערען צו דעם דור פון די „סופרים" („דברי סופרים"). די קאטעגאריען פון קרובה'שאפט, צ. ב. ש., מיט וועלכע עס איז לויט דעם דין פון דער תורה (מדין תורה) פערוועהרט געווארען צו הייראטען, איז פיעל פערברייטערט געווארען מהיגי סופרים (עריות). מיט א בעזונדערע זארגזאמקייט זענען פערהיט געווארען די עבירות געגען אינשולד. א מאנספערשוין האט זיך נישט געטארט געפינען איינער אליין מיט א פרעמדער פרויענצימער אין א פערבארגענעם ארט (יחוד). געגען דער לייכטזיניגקייט, מיט וועלכער די בעפעלקערונג האט זיך פערהאלטען צום שבת אין נחמיה'ס צייטען,

איז געשאפען געווארען א הארבע, שטרענגקייט פון שבת=פערהייליגונג. צו פערהיטען די מעגליכקייט פון חלול שבת און יום=טוב איז איינגע= פיהרט געווארען פאר א חוב, צו פערענדיגען אלע וואכיגע ארבייטען ערב שבת און יום=טוב נאך א צייט פאר זון=אונטערגאנג.

לויט דעם גייסט פון די סופרים, האבען די הייליגע שבת'דיגע און יום= טוב'דיגע טעג געדארפט ארויסרופען אין הארצען פון יעדען יודען א פייערליכע געטליכע שטימונג, און ברענגען צום פערגעסען די אלטעגליכע אינטערעסען און וואכעדיגע ליידען. פרעהליכקייט און בעגייסטערונג האבען געדארפט בעלעבען די יודישע נשמה. צו דעם צוועק האט יעדער יוד געמוזט ביי'ם אנקומען און ביי'ם אוועקגעהן פון שבת אויסטרינקען א כוס ויין. ביי'ם אנקומען דערמאהנט זיך, מיט א תפלה אויף די ליפען, די הייליגקייט פון טאג (קדוש); ביי'ם אויסגעהן, — אום דער טאג זאל מאכען אן'איינדריק אויך אויפ'ן וואך (הבדלה). א דאנק די דאזיגע און נאך פיעל דינים וועלכע זענען ביי'ם פאלק נישט פערשטיינערט געווארען, האט דער שבת אנגענומען מיט דער צייט זעהר א שענעם און ערהויבענעם האראקטער. די זעלביגע הייליגקייט האבען אויך בעקומען די פערשידענע ימים=טובים א דאנק די בעזונדערע תקנות פון די סופרים.

א גרויסען תקון האבען זיי, די סופרים, אויך געשאפען בנוגע צו דעם גאטעס=דיענסט. די נביאים נאך, זענען אויך שוין א סך מאל שארף ארויס= געטרעטען געגען די קרבנות, וועלכע האבען זיך פערוואנדעלט אין א טרוקענעם צערעמאניאל און האבען גארנישט געווירקט, אויפצוהויבען דעם מענשליכען גייסט. די סופרים האבען מתקן געווען, אז צוזאמען מיט די קרבנות זאלען איינגעפיהרט ווערען רעגעלמעסיגע תפלות (גאט'ס=געבעטען), צו וואס די יודען האבען זיך נאך אין דעם פאריגען גלות צוגעוואהנט. מען האט גע= ברויכט מתפלל צו זיין דריי מאל טעגליך: מיט זונענאויפגאנג, (שחרית), מיט זונענאונטערגאנג (ערבית) און אין האלבען טאג (מנחה). די תפלות זענען פארגעקומען בצבור נישט נאר אין בית=המקדש, נאר אויך אין פער= שידענע שטעלען, ווי אין ירושלים אזוי אויך אין דער פראווינץ, אין ספעציעלע הייזער, וואס האבען געטראגען דעם נאמען „בית=הכנסת". די סופרים האבען נישט בלויז איינגעפיהרט די ארדנונג פון דאווענען, נאר זיי האבען זאגאר געשאפען די הויפט=תפלות פון דאווענען (סדור), וועלכע זענען ביי'ם יודישען פאלק איבערגעגאנגען דערנאך פון דור צו דור. אין די תפלות ווערט, אין א גרויסארטיגער הערליכער פארם, איבערהויפט געלויבט די גרויסקייט פון דעם איינציגען, ענדלאזען גאט, דעם בעשעפער פון דער

וועלט, דעם פֿאָטער פֿון יודישען פֿאָלק; אין זיי ווערט געבעטען פֿון גאָט ליעבע, גענאָד, און בארמהערציגקייט צו ישראל, צו דער וועלט, צו אַלע בעשעפֿענישען. אַ גרויסען אָרט פֿערנעהמט די תּפֿלה וועגען דער תּורה, אַז זי זאָל אַריינדרינגען אין די הערצער און אָנפֿילען זיי מיט הייליגקייט, מיט גוטסקייט און פֿערשטענדיגקייט.

די תּפֿלות פֿון שבתים און ימים-טובים האָבען זיך כּמעט ווי נישט אונטער-געשיידט פֿון די תּפֿלות פֿון דער וואָך. עס איז בלויז צוגעקומען אַ תּפֿלה, וועלכע האָט אונטערגעשטריכען די הייליגקייט פֿון טאָג. דער צערעמאָניאַל פֿון דאַוונען אין די יום-טוב'דיגע און שבת'דיגע טעג האָט זיך אָבער אויסגע-צייכענט מיט דעם, וואָס דאַן פֿלעגט זעהר פֿיעל געלייענט ווערען פֿון דער תּורה (קריאת התּורה). דערצו נאָך פֿלעגען צוגעגעבען ווערען געקליבענע שטע-לען פֿון די נביאים, וועלכע האָבען געהאַט אַ שייכות אָדער צום טאָג אָדער צו דאָס געלעזענע פֿון דער תּורה (הפֿטרה). אַרויסגערופֿען אין אַ געוויסען זין דעם מנהג פֿון דער הפֿטרה האָט דער אַנטאַגאָניזם צווישען די יודען און די שומרונער. די לעצטע, וועלכע האָבען געלייקענט אין ירושלים און אין דעם דאָרטיגען בית-המקדש, האָבען אינגאַנצען אָבגעשטויסען די נביאים, וועל-כע שטרייכען אונטער שטענדיג דאָס „געטליכע הויז" און די „געטליכע שטאָדט" פֿון יהודה. אויף אַזאַ אַרט האָט פֿון דאָסניי אָבגעהילכט דאָס וואָרט פֿון די נביאים, וועלכע האָבען ביים לעבען געהאַט פֿאַר זיך וועניג צוהערערס און נאָכפֿאָלגערס. דאָס דאָזיגע וואָרט האָט געקלונגען אין יעדען בית-הכּנסת און בילעכווייז האָט עס אַריינגעטראָגען אַ ערהויבענע בעגייסטע-רונג אין די הערצער פֿון פֿאָלק. דאַן האָט זיך געלאָזט פֿיהלען אַ נויטיגקייט צונויפֿצוזאַמלען די רעדען פֿון די נביאים, ברענגען זיי אין אַ פֿאָל-שטענדיגע אָרדנונג און אַזוי ו.. דערמיט האָבען זיך, ווי ס'שיינט, אויך די סופֿרים בעשעפֿטיגט. אין דער דאָזיגער זאַמלונג זענען אַריינגעגאַנגען די פֿיער היסטאָרישע ספֿרים: יהושע, שופֿטים, שמואל, מלכים (נביאים ראשונים). דריי גרויסע ספֿרים פֿון די נביאים: ישעיה, ירמיה, יחזקאל; צוועלף קלענערע נבואה-ספֿרים: הושע, יואל, עמוס, עובדיה, יונה, מיכה, נחום, חבקוק, צפֿניה, חגי, זכריה, מלאכי (נביאים אחרונים).. די אַלע צונויפֿגעזאַמעלטע ספֿרים האָבען בעקומען דעם טיטול „הייליגע שריפֿטען" און הגם זיי זענען נישט אַזוי הייליג ווי די תּורה גופֿא, דאָך פֿערנעהמען זיי נאָך איהר דעם ערשטען פּלאַץ.

אין דער עפּאָכע פֿון די כּנסת-הגדולה זענען אַלזאָ פֿעסטגעשטעלט געוואָרען צוויי אופֿנים פֿון גאָטעס-דיענסט: קרבּנות און תּפֿלה. דאָס ערשטע

פלעגט פארקומען נאָר אין בית־המקדש, דאָס צווייטע איבערען גאַנצען לאַנד, ווייל גאַנץ יהודה איז בעדעקט געוואָרען מיט בתי־כנסיות. די ביידע פאָרמען פון עבודה (גאָטעס־דיענסט) האָבען געבילדעט איין איינגקייט, ערגענצענדיג איינע די צווייטע און אָבלעזענדיג זיך איינס פון צווייטען. די תפלה איז אָבהענגיג געוועזען פון די קרבנות אין בעציהונג צו דער צייט. אין דער זעלבער צייט ווען די כהנים פלעגען אין בית־המקדש צוטרעטען צו די קרבנות, פלעגט דער צבור אין בית־הכנסת זיך פערזאַמלען צו תפלה. אום שבת און יום־טוב ווען עס פלעגען פיער קרבנות געבראַכט ווערען, פלעגט צו די דריי טעגליכע תפלות צוגעגעבען ווערען אַ פירטע — מוסף. דער סדר פון קרבנות האָט זיך אויך נישט געקאָנט בעגעהן אָהן דאָס לעבענדיגע וואָרט און עס זענען דערביי איינגעפיהרט געוואָרען אַלס חוב די ליעב־געזאַנגען פון די לויים.

דער ענין פון עבודה און קרבנות האָט געהאַט אין זיך אַ מערקווירדיגען מאָמענט. דאָס איז דער בעשטאַנד פון „ריינליכקייט" און „אונריינליכקייט" (דיני טומאה וטהרה). די געזעצען פון דער תורה גיעבען דערויף גאַנץ דייטליכע רעגעלען. דער אומריינער טאָר נישט מקריב זיין קיין קרבנות, טאָר נישט אַריינקומען אין בית־המקדש; איבערהויפט טאָר ער נישט עסען דאָס, וואָס ס'איז פערהייליגט געוואָרען דורכ'ן דין. ס'שיידען זיך אונטער פערשיעדענע מדרגות אין טומאה; יעדע מדרגה האָט זיך איהר בעזונדערען דין אין בעציהונג צו קדושה. דאָס געזעץ ווייזט אויך אָן די מיטלען, דורך וועלכע דאָס אונריינע קאָן גערייניגט ווערען. בעזונדערע כללים זענען געשטעלט געוואָרען פאַר די, וואָס זענען אומריין געוואָרען צוליעב'ן אָנריהרען זיך אָן אַ טוידטען קערפער (טמא מת). פרישעס קוואַל־וואַסער שפיעלט אין דעם ענין פון אָבריינינגען זיך פון טומאה זעהר אַ וויכטיגע ראָליע.

אין דער דאָזיגער צוויי הונדערט יעהריגער עפּאָכע האָט זיך די גאַנצע טהעטיגקייט פון דער יודישער געמיינדע אויסגעדריקט אין איהר אינערליכער גייסטיגער פערפאָלקאָמענונג. אינ'ם וואָכעדיגען לעבען האָט דער יוד זיך בעשעפטיגט בלויז מיט רוהיגער, פריעדליכער אַרבייט. מיט מלחמה־אַנגעלעגענהייטען האָט ער זיך נישט אינטערעסירט זאָגאַר אויף אַזוי פיעל, אויף וויפיעל דאָס איז נויטיג געוועזען צו פערטיידיגען די אייגענע גרענעצען פון די שכניישע אָנפאַלען. אין דער ווירקליכקייט איז מקוים געוואָרען דאָס, וואָס עס האָט פאָראויס געזאָגט דער נביא יחזקאל, שילדערענדיג דעם קינפטיגען צושטאַנד פון דער יודישער מלוכה נאָכדעם, ווי דאָס פאָלק וועט זיך אומקעהרען פון גלות אין זיין פאָטערלאַנד. אַ מלוכה פון גייסט, וועלכע

וועט נישט וויסען פון קריעג און פיינדשאַפט — אַזוי האָט אויסגעזעהען דאָס בילד פון דער צוקונפטיגער יודישער געמיינדע אין דער פאָרשטעלונג פונ׳ם נביא. אין דער תקופה פון די סופרים האָט דאָס בילד אָנגעפאַנגען פערקערפּערט צו ווערען. די יודען האָבען קיין אַנטהייל נישט גענומען אין די מלחמות, וואָס זענען צו יענער צייט פאָרגעקומען נעבען זייערע גרענעצען. פאַר ארתחשתא דעם 2־טען און ארתחשתא דעם 3־טען האָבען די אונטערטעניגע מצרים (עגיפּטער) געפּרובט פון זיך אַראָבוואַרפען דעם יאָך פון פּרס און ווערען פון דאָסניי זעלבסטשטענדיג. אָפט זענען פאַרביי די יודישע ברעגען פון מיטלענדישען־ים פאַרביי־געגאַנגען די פּרסישע חילות קיין מצרים, אָדער די מצרים׳דיגע חילות קיין פוניציאַ, ווי אויך די געדונגענע גריכישע אַרמעען, וועלכע פלעגען העלפען מלחמה־האַלטען אַמאָל דעם צד, אַמאָל יענעם צד פון די שטרייטערס, פלעגען פאַרביי־גייען אַהין און צוריק, און פון זייערע הויכע בערג האָבען די יודען געקאָנט בעאָבאַכטען דאָס קריעגס־טעאַטער. נאָך אַלעמען אָבער האָבען זיי פונדעסטוועגען פאַרט נישט שטענדיג געקאָנט בלייבען פּאַסיווע צושויערס בנוגע צו די קריעגס־געשעהענישען, וואָרום אויב זיי זענען נישט געווען מחויב צושטעלען קיין מענשען פאַר דער פּרסישער אַרמעע, האָבען זיי דאָך אויף זיך געהאַט אַנדערע מלחמה־פליכטען, ווי צושטעלען פּראָדוקטען און אַזוי ווי. די בעציהונגען פון דער פּרסישער רעגירונג צו זיי אין יענער צייט איז פיעל ערגער געוואָרען. צוליעב דער השפעה פון גריכענלאַנד, מיט וועלכער פּרס איז דאַן געקומען אין נאָהנטסטען פערקעהר, זענען די פּרס׳ער גענויגט געוואָרען צו דער וועלדער געצענדינערייע און זיי האָבען ביי זיך אין לאַנד איינגעפיהרט דעם קולט פון פיעל גריכישע געטער. איבערהויפּט איז דאָרט זעהר פּאָפּולער געוואָרען די געטין פון גראָבע קערפּערליכע פערגעניגענס — אַפראָדיטאַ, וועלכער די אויסגעלאַסענע פּרס׳ער האָבען געדינט, צו איהר זיך געבוקט און קרבנות געבראַכט. צוליעב די גרויסע נצחונות זייערע, איז דאָס לאַנד אומגעהויער רייך געוואָרען און די בעפעלקערונג האָט זיך איבערגעגעבען אינגאַנצען צו פערשיעדענע ווילדע תאוות, וואָס נאָר די געטין אַפראָדיטאַ האָט עס געקאָנט בעגריסען. אָננעהמענדיג דעם קולט פון דער דאָזיגער תאוה־געטין האָבען זיי איהר אַ נאָמען געגעבען אַנאַיטאַ און צוגערעכענט צו זייערע אייגענע געטער. ארתחשתא דער דריטער האָט איהר קעניגליך סאַנקציאָנירט, אַליין האָט ער צו איהר זיך געבוקט און פערזאָגט אויסצושטעלען איהרע סטאַטועען אומעדום אין זיין גרויסער מאָנאַרכיע — אין בבל, אין שושן און אין עקבאַטאַן, אין די דריי הויפּטשטעדט זיינע, נאָכהער אין דמשק, אין סאַרדעס און אין

אַלע איבעריגע שטעדט פון פרס און מדי. אויף אַזאַ אופן האָט דער רײן פרס'ישער קולט בעקומען אַ דאָפּעלען קלאַפּ: עס זענען אַרײנגעפיהרט געוואָרען פרעמדע געטער אין לאַנד און דאָס ווילד-מגושמ'דיגע-געצענדיענסט, פון וואָס פרס איז שטענדיג רײן געווען, האָט זיך דאָרטען אַ פעסטען נעסט אויסגעפלאָכטען. אַ דאַנק דער רעליגיעזער איבערקעהרעניש אין פרס, איז פונאַנדערגעריסען געוואָרען דער אײנציגער גײסטיגער פאָדעם, וואָס האָט די פרס'ער פערבונדען מיט'ן יודענטום, — די פעראַכטונג צו דער געצענדיענערײ. אין פרס האָט מען אויפגעהערט צו אַכטען דעם גײסטיגען, אַבסטראַקטען יודישען גאָט. ווי ס'זעהט אויס, האָט ארתחשתא, צווינגענדיג זײנע אַלע אונטערטעניגסטע פעלקער אָנצונעהמען דעם קולט פון דער תאוה-געטין, זיך אויך געפרובט דאָס זעלבע צו טהון אין יהודה; די מסורה דערצעהלט, אַז די יודען האָבען דאַן פון די פרס'ישע פערטרעטער פערשידענע בעלײדיגונגען איבערגעטראָגען; אַז די דאָזיגע פערטרעטער האָבען זײ גענויט צו פערלאָזען דעם גאָט פון זײערע עלטערן; די יודען האָבען אָבער בעסער אויסגעליטען אַלע מיני יסורים, זאָגאַר זיך געלאָזען הרג'ענען דורך שווערע ענוים, און נישט כוגד געווען אין זײערע איבערצײגונגען און אין זײער אמונה.

ס'איז פערהאַן אַ ידיעה, אַז ארתהשסתא אחס האָט אין דער צײט פון דער מלחמה מיט מצרים (361 — 360) פעריאָגט פיעל יהודים פון זײער לאַנד און האָט זײ בעזעצט אין אירקאַניע אויפ'ן קאַספּיש'ען ים.

אין ירושלים גופא האָבען די יודען געליטען פיעל צרות פון אײנעם פון די פערזאָנען, וואָס האָבען אָנגעהויבען אונגעהויער גיך וואַקסען און מאַכט בעקומען בײ'ם פרס'ישען הויף, צוליעב דעם כאַאָס און אונאָרדנונג, וואָס האָט געהערשט אין דער פרס'ישער אימפּעריע און אין דעם פרס'ישען רעגירונגס-מעכאַניזם צו יענער צײט. דאָס איז געווען דער סריס בהוזס, וועלכער האָט פאַר ארתחשסתא דעם 3-טען בעקומען אַ גרויסע קראַפט און ווירקונג. זײן מעכטיגקײט איז ענדליך געוואָרען אַזוי גרויס, אַז ארתהשסתא און זײן גאַנצע משפחה זענען אײנגאַנצען אויסגעראָטען געװאָרען און ער, בהוזס, האָט פערהאַפּט דעם טראָן. פריהער אָבער, אײדער ער האָט נאָך די מלוכה בעקומען, האָט ער אויסגענוצט זײן גינסטיגע לאַגע אין דער אַרמעע, וועלכע האָט זיך אײנגעפונען אין סוריא און פיניציאַ, כדי אָנצוזאַמלען אַ סך עשירות. מיט דעם דאָזיגען מאַן האָט זיך דאַן געחבר'ט דער זוהן פון כהן גדול, וועלכער האָט געהאָפט, אַז דורך שוחד, וועט איהם דער פרס'ישער שר העלפען צו בעקומען די כהונה-גדולה און צו

בעזייטיגען זיין עלטערען ברודער, יהוחנן, וועלכען דער טיטול האט גע-הערט לויט דער אָרדנונג פון ירושה. דער לעצטער האט זיך בעצייטענס דערוואוסט פון זיין ברודערס שטרעבונגען; ער איז צוליעב דעם זעהר אויפגערעגט געוואָרען און האט גע'הרג'עט אין בית-המקדש גופא זיין ברודער יהושע, דעם ליעבלינג פון בגוים. דער דאָזיגער אומשטאנד איז געווען א טרויעריגער צייכען פאר דער צוקונפט. וואָרום דערוויסענדיג זיך וועגען דעם, וואָס האט פאסירט אין ירושלים, האט דער סריס בעפעהלען אין דער הויפטשטאָדט פון יהודה, נישט נוקם צו זיין זיך פאר זיין פריינד, נאָר, אלס שטראָף, ארויסצודריקען פון דער בעפעלקערונג וואָס מעהר געלד. דאָס פאָלק האט געמוזט פאר יעדען טעגליכען קרבן-תמיד צאָהלען א גע-וויסען אויסקויף-געלד, וואָס האט געמוזט יעדען פריהמאָרגען איינגעצאָהלט ווערען פאָראויס.

די יודען האָבען געמוזט אין די דאָזיגע פינסטערע צייטען פון דאָבני' קעמפפען פאר זייער עקזיסטענץ. אין אלגעמיין זענען אין דעם משך פון די דאָזיגע צוויי יאָהר-הונדערט אין דעם יודישען לאנד פאָרגעקומען זעהר ווייניג ליכטיגע מאָמענטען: א ווייליע האט פאר דעם יודישען פאָלק א ליכט געגעבען די זון פון גליק פאר דריוש דעם ערשטען, וועלכער האט זיך צו זיי זעהר פריינדליך פערהאלטען; נאָכהער איז אויך גיך פערשוואונדען געוואָרען די לעבהאפטע תקופה פון נחמיה און עזרא. דערנאָך הערשט שוין אין לאנד איינגאנצען א ניעדערגעשלאָגענע שטימונג. עס שטארקט זיך די אָרימקייט, די הילפלאָזיגע לאגע רופט ארויס א ביטערען רחמנות. דאָס פאָלק האט זיך ווי פערלוירען, די געזיכטער פון זיינע זיהן האָבען אויס-געדריקט דעם ביטערען פערצווייפלונגס-אויסרוף: „מאין יבוא עזרי?" — „פון וואנען וועט די הילף אָנקומען?". די געדריקטע שטימונג פון דער דאָזיגער צייט האט געהאט איהר ווירקונג אויף די שעפּפונגען פון יענע צוויי יאָהר-הונדערטען. אין דער צייט פון גלות האָבען דאָס לעבעדיגע אונגליק צוזאמען מיט דער לייַדענשאפטליכער שטרעבונג צו פרייהייט געהאלטען דעם פאָלקס-גייסט שטענדיג אין אנגעשטרענגטען בעשטאנד און א דאנק דעם איז געשאפען געוואָרען די וואונדערליכע אויפבליהונג פון נביאות און פאָעזיע. ווען אָבער די אויפרעגונג האט זיך איינגעשטילט, און די האָפנונגען זענען פערוואנדעלט געוואָרען אין ווירקליכקייט, איז אָבגעשוואכט געוואָרען אויך דער גייסטיג-פאָעטישער פלוג. אויסגעשעפּט איז געוואָרען דער שאפענדער גייסט פון די משוררים, די בעלי-תהלים, וועלכע ווידערהוילען זיך אונ-ענדליך אין בענוצען זיך אָפט מיט די מוסטערען פון די פריהערדיגע דורות.

די פערצייכנונג פון די היסטארישע פאסירונגען איז אינגאנצען פערלאָרען געוואָרען. זאָגאר די עטליכע מעמוארען, וועגען יענער תקופה, וואָס זענען געבליבען פון עזרא און נחמיה, זענען אויך ווייניג בעארבייט בנוגע צו דער אויסערליכער ליטעראַרישער פאָרם.

זאַנייע עפאָכע אין דעם יודישען לעבען הויבט זיך אָן צוזאַמען מיט דער ענדע פון צווייטען יאָהרהונדערט נאָכ'ן גלות בבל. דאָס פאָלק האָט געמוזט פון דאָסניי אָנווענדען אלע זיינע קרעפטען, אָנשטרענגען דעם גאַנצען געניוס, כדי צו ראַטעווען זיין זעלבסטשטענדיגקייט. די דאָזיגע עפאָכע איז אָנגעקומען, אדאַנק דער ווירקונג פון העלעניזם. דאָס גריכישע פאָלק און דער גריכישער גייסט האָבען פערוואַכט א בעדייטענדע איבערקעהרעניש אין דעם אַרט דענקען, אין דער מאָראל און אין די אַלגעמיינע לעבענס־פאָרמען פון דער גאַנצער מענשהייט. זיי האָבען אויף פיעל שטאַפלען העכער אויפגעהויבען יענע פעלקער, וועלכע זענען געוועזן פעהיג צו ענטוויקלען זיך. די פערברייטערונג פון דעם גריכישען גייסט איז אָבער אין אייראָפע און אין אזיען אָנגעקומען נישט דירעקט פון גריכענלאַנד, נאָר דורך די מוקדונ'ער (מאַקעדאָניע), וועלכע האָבען אפילו געשטאַמט פון דעם זעלביגען מקור, וואָס די גריכען, נאָר וועלכע זענען שוין דאָך געוועזן אויסגעמישט אויך מיט פרעמדע פעלקער. מוקדוניא, וועלכע האָט אין איהר צייט אויפגע'רעשט די גאַנצע וועלט מיט איהרע נצחונות, האָט אויך אויסגעמונטערט דעם יודישען פאָלק פון זיין מיטלאָזיגקייט און היימעל.

פיערטעס קאפיטעל.

ארץ־ישראל אונטער דער הערשאפט פון די מוקדוני'ער.

.(175–332)

אלכסנדר דער גרויסער, דער מלך פון מוקדוניא, וועלכען א יודישער נביא האט פערגליכען מיט א לעמפערט, וואס איז בעגאבט מיט אדלער־פליגלען, צוליעב זיינע וואונדערליך־געשווינדע נצחונות, האט געגעבען א טוידט־קלאפ דער פרסישער מאנארכיע. קליין־אזיען, סיריא, פיניציא זענען געלעגען פאר זיינע פיס, פיעל מלוכות און לענדער האבען איהם מיט'ן גוטען ווילען זיך אונטערגעגעבען. צור, נאך א זיעבען־חדשים'דיגער, און עזה, נאך א צוויי־חדשים'דיגער בעלאגערונג, זענען איינגענומען געווארען און פאר זייער שטאלץ האט זיי בעגעגענט א ביטערער שיקזאל. וואס איז געשעהן מיט דער קליינער שוואכער יהודה פאר דער צייט פון דעם גרויסען קעמפפער, פאר וועלכען עס האט געמוזט דעם קאפ בויגען זאגאר דאס לאנד פון די פרעה'ס? די היסטארישע אנדענקונגען רעדען וועגען דעם אין דער פארם פון לעגענדעס און גיבען אלזא נישט קיין דייטליכען בעגריף פון די געשעהענישען אין יענעם אלמעכטיגליך־וויכטיגען מאמענט. עס איז שווערליך צו גלויבען, אז די יודען זאלען זיך האבען ענטזאגט צו אנערקענען מיט'ן גוטען ווילען די הערשאפט פון אלכסנדר צוליעב דעם, ווייל זיי זענען געווען פערבונדען מיט א שבועה געטריי צו זיין פרס. ערשטענס, איז אין ערגיץ נישט דערמאהנט, אז די יודען זאלען ווען ס'איז האבען געגעבען אזא שבועה. צווייטענס, האבען די שלעכטע בעציהונגען פון די פרס'ער צו זיי אין די לעצטע יאהרען נישט געדארפט זיי לאזען לאנג צווייפלען. עס געפינט זיך א מסורה, אז אלכסנדר איז שוין געווען אנגעקומען נאהענט צו יהודה, און די צערעמאניע פון די גייסטליכע, וואס ער האט בעגעגענט,

האט איהם געבראכט דערצו, אז ער זאל זיך מיט חסד בעגעהן מיט'ן יודישען פאלק. דער כהן־גדול אין זיין הייליגער קליידונג, דערצעהלט די לעגענדע, מיט א גרויסער מיינגע כהנים און לויים איז איהם ארויס אנטקעגען; די דאזיגע פייערליכע פראצעסיע האט אויף דעם יונגען מלך געמאכט אזא געוואלדיגען איינדרוק, אז ער האט היים בעגריסט די מיינגע, זיין צארן איז פערוואנדעלט געווארען אין גענאד און זיין סוויטע האט ער ערקלערט, אז נאך אין מאקעדאניע, אין חלום, האט ער געזעהן דאס געשטאלט פון דעם דאזיגען הייליגען מאן, פון דעם כהן־גדול, אין דער בעגלייטונג פון דער זעלביגער מענגע כהנים און לויים, און דער כהן־גדול האט איהם אין חלום פאראויסגעזאגט, אז ער וועט אומעדים אבהאלטען גרויסע נצחונות. דער ערשטער צוזאמענשטויס פון די ביידע וועלטען, פון דעם יודאאיזם מיט דעם העלעניזם, איז אויף אזא אופן פארגעקומען אויפ'ן פריעדליכען שטייגער. יהודה איז פערעכענט געווארען אלס א טייל פון דער געגענד, וועלכע האט זיך איינגעפונען צווישען די בערג תבור און לבנון, פון צפון־זייט, און מצרים — פון דרום זייט, און האט בעקמען דעם נאמען צעלאסוריא. דער מוקדוניש'ער פערטרעטער פון דער דאזיגער ריעזיגער פראווינץ, וואס האט זיך מיט א געווסער צייט פריהער געטיילט אויף אזוי פיעל גרויסע און מעכטיגע מלוכות, האט זיך בעזעצט אין שומרון, וועלכע איז געוועזען, ווי ס'שיינט א זעהר פערמעסטיגטע שטאדט. אויסער דעם האט זי פערנומען דעם צענטרום אין דער פראווינץ און איז געוועזען ארומגערינגעלט מיט זעהר גוטע פעלדער. דער ערשטער פערטרעטער איז דא געוועזען אנדרומכוס.

ס'איז שווער צוזאגען, פארוואס זענען די שומרונ'ער נישט געוועזען צופריעדען מיט דעם דאזיגען כבוד? האט זיי אפשר פערדראסען דאס, וואס אלכסנדר האט די יודען, זייערע פיינדליכע שכנים און פערוואנרטע, ארויסגעוויזען מעהר אכטונג ווי זיי? א פאקט אבער איז, אז זייער אויפרעגונג איז דערגאנגען ביז אזוי ווייט, אז זיי האבען, גארנישט טראכטענדיג וועגען די פאלגען, געהאפט אנדרומכוס'ען און פערברענט אין פייער (331). ווען אלכסנדר האט זיך דערוואוסט פון דער דאזיגער אונזיניגער רציחה, האט זיין ווילדער צארן פאר זיך גאר קיין גרענעץ נישט געהאט. גאנץ מצרים ליעגט געווארפען אונטער זיינע פיס, און אזא קליין פאלק על וועט וואגען איהם צו טהון דערווידער?! פון מצרים, וואו ער האט דאן פערענדיגט זיין זיעג, איז ער גיך אנגעקומען קיין שומרון, זיך נוקם צו זיין אן די מערדער. ער האט זיי שרעקליך געפייניגט, נ...ער האט ער

בעשטימט א נייעם פערטרעטער מיט'ן נאמען מעמנאן; אויסער דעם האט ער אין שומרון בעזעצט א בעדייטענדע צאהל מוקדוניער. נאר דאן האבען זיך די שומרוניער בערוהיגט. און אזוי ווי אלכסנדר האט געוואוסט, ווי שטארק ס'איז די שנאה פון די שומרוניער צו די יודען, האט ער נאכמעהר חסדים געטהון מיט די לעצטע, כדי צו ווייזען אויף אזא אופן זיין אונצופריעדענהייט מיט די ערשטע. איניגע גרענעץ-שטעדט צווישען שומרון און יהודה, וועלכע האבען שטענדיג ארויסגערופען מחלוקת צווישען די ביידע שכנ'ישע לענדער, האט אלכסנדר לחלוטין אבגעגעבען יהודה; אויסער דעם האט ער דאס גאנצע לאנד בעפרייט פון מס (צינשען) פאר יעדען שמיטה-יאהר. די דאזיגע גנעדיגע בעציהונגען פון הערשער צו זייערע שונאים האט אויפגעבראכט די שומרוניער. יעדעס פרישע ווינטעל האט מיט זיך געבראכט נייען ברען-מאטעריאל.

דערווייל אבער, כל זמן אלכסנדר האט געלעבט, זענען די שומרוניער געווען געצוואונגען צו בעהאלטען זייערע געפיהלען. דער מלך פון מוקדון האט נישט געליטען, אז ווער ס'איז פון זיינע אונטערטעניגע פעלקער זאל זיך ערלויבען צו טהון אהן זיין וויסען. זיינע ראשיגע און גליקליכע נצחונות, וועלכע האבען איהם צוגעבראכט אזש ביז קאווקאז, האבען געהאלטען אלע פעלקער, ווי אין קייטען, און האבען איינגעשמידט יעדע זעלבסטשטענדיגע בעוועגונג. פון גריכענלאנד ביז הודו און פון כוש (אבעסיניען) ביז'ן קאספישען ים, אין די אלע לענדער, וועלכע ער האט איינגענומען און וועלכע האבען איהם געטריי געדיענט, האט געהערשט פאלשטענדיגער פריעדען. אלכסנדר איז געווען דער ערשטער הערשער, וועלכער האט געקוקט אויף דער געדולדיגקייט אין בעציהונג צו דער אריגינאליטעט פון פרעמדע פעלקער, ווי אויף אנ'אונבעדינגטען פרינציפ אין דער פאליטיק. ער האט אויך געאכטעט די פערשידענהייטען פון די פרעמדע רעליגיעס און פון די קולטוס-פארמען. אין מצרים האט ער ארויסגעוויזען זיין פערגעטערונג צו אפימ'ען און אמאנ'ען (דער גאט פון דער זון), אין בבל האט ער ארויסגעוויזען זיינע עהרע-געפיהלען פאר בל און נבו. אין מיטען, איידער ער האט נאך בעוויזען צו ענדיגען זיינע גראנדיעזע פלענער וועגען איין גרויסער וועלט-מלוכה, וועלכע זאל אלע פעלקער פעראייניגען און פערוואנדלען אין ברידער פון איין אלוועלטליכער מאנארכיע, איז דער גרויסער קריעגס-געניע געשטארבען, נישט איבערלאזענדיג נאך זיך קיין יורש; אין מאקעדאניא האט זיך קיין צווייטער נישט געפונען, וועלכער זאל קאנען פערבייטען דעם גרויסען אלכסנדר און פארזעצען זיינע ריזיגע

פלענער. א ווילדע הילפסלאזיגקייט און צוטומלעניש האט זיך אנגעפאנגען צווישען די פעלקער פון אלע לענדער אין דער וועלט, ווי אויך צווישען דער מיליאניגער אלכסנדר'ס ארמעע, פונקט ווי ווען אין די נאטור-געזעצען וואלט פארגעקומען א איבערקעהרעניש, וואס צווינגט צו צווייפלען אין דעם ווייטערדיגען רעגעלמעסיגען גאנג פון טאג און נאכט. אלכסנדר האט איבערגעלאזען א גרויסע צאהל קריעגס-אנפיהרער, וואס זייער קריעגס-קונסט און זייערע קריעגס-פעהיגקייטען זענען שוין געווען גענוג אויסגעפרובט אויף פיעל שלאכטפעלדער אזוי, אז זיי זענען געווען אימשטאנד אונטערצוהאלטען דער ווייטערדיגער עקזיסטענץ פון דער מוקדוניא-מלוכה, ווען צווישען זיי וואלט געהערשט אחדות. זיי האבען אבער פון די גריכען געירש'ענט — הגם אין זייערע אדערען האט געפליעסט אויך בלוט פון אנדערע פעלקער — דעם גייסט פון אונאבהענגיגקייט און זעלבסטשטענדיגקייט, די שטרעבונג צו שטעלען די אייגענע פערזענליכקייט העכער פאר דעם גליק פון דער מלוכה; זיי האבען אויך, ווי די גריכען, געקוקט אויף דער מאכט, ווי אויף א מיטעל, צו בעקומען וואס מעהר תענוגים און רייכקייט, מיט איין ווארט, זיי האבען זיך אבגעלערענט פון די העלענער אלץ, וואס אין יענע איז געווען שלעכטעס און אונמאראלישעס. עס האבען זיך אנגעפאנגען אויף דער גאנצער ברייט פון דער מוקדונישער מאנארכיע בלוטיגע מלחמות, וועלכע האבען צוזאמען פארגעשטעלט מיט זיך איין אונגעהויערען ריעזען-קאמפף. די זאך איז דערגאנגען אזוי ווייט, ביז ס'איז פונאנדערגעפאלען די מלוכה פון מוקדוניא און די פערטרעטער פון איהרע פערשיעדענע פראווינציען האבען איהר צווישען זיך פונאנדערגעטיילט. תלמי דער ערשטער (פטאלאמעאוס I), וועלכער האט בעקומען מצרים אויף זיין הלק, האט דורכ'ן שווערד בעקומען אויך צעלאסוריא און יהודה. ווען אויף זיין פאדערונג זיך אונטערצוגעבען, האבען די איינוואהנער פון ירושלים זיך ענטזאגט איהם צו פאלגען, איז ער פלוצלונג אנגעפאלען אויף דער הויפטשטאדט, אום שבת, ווען די יודען האבען נישט געוואגט זיך נעהמען פאר'ן געווער צוליעב דער הייליגקייט פון טאג. ער האט זיך מיט זיין היל אריינגעריסען אין שטאדט און האט פיעל פון דער בעפעלקערונג פערטריעבען אין געפענגעניש קיין מצרים. שומרון, וועלכע האט אויך אין אנפאנג ארויסגעוויזען א ווידערשטאנד געגען דעם בעזיעגער, האט בעגעגענט דער זעלבינער שיקזאל.

יהודה און די שומרונער האבען אין דער ווירקליכקייט געקאנט לעבען גאנץ גליקליך, ווען זיי וואלטען אויף לאנג געבליעבען אונטער דער הער-

שאַפט פון תלמי. ער איז געווען בכלל זעהר אַ הומאַניִשער קריעגס-העלד און האָט געוואוסט צו שוינען פרעמדע מעלות; ער האָט קיינמאָל ניִשט פערשאַפט זיינע פיינד מעהר שאָדען, ווי דאָס איז נויטיִג געווען צו זיין נצחון. איהם האָט נאָך אָבער געפעהלט דאָס פאָלקאָמע רעכט אויף צע-לאַסוריא און יהודה. די אָנפיהרער פון דער מוקדוני'ישער מלוכה האָבען ניִשט געוואָלט בשום אופן איהם אַנערקענען אַלס הערשער פון די דאָזיגע פראָווינצען. דימיטריוס האָט ענדליך ערקלערט תלמי'ן אַן ענטשלאָסענע מלחמה נעבען עזה. דימיטריוס האָט דאָ בעקומען אַ גרויסע מפלה. און דאַגעגען האָט זיך אין דער דאָזיגער מלחמה אָנגעפאַנגען אויסצוצייכנען סיליוקוס, תלמי'ס היל-אָנפיהרער. אין אַ געוויסער צייט אַרום האָט אָבער דימיטריוס אָנגעזאַמעלט פון דאָסניי אַ גרויסען חיל און איז אַרויסגעטראָטען געגען תלמי. דאַן איז תלמי געצוואונגען געווען אָבצוטרעטען געגען פיינד; ער האָט דערום געמוזט חרוב מאַכען אַלע פעסטונגען פון אַרום מיטעללענדישען ים ווי אויך פיעלע פון אינעווייניג אין לאַנד גופא, איבערהויפט די אויס-געצייכענטסטע אין עכו, יפו, עזה, שומרון און אויך ירושלים — כדי די זאָלען ניִשט קאָנען דינען אַלס פערטיידיגונגס-פונקטען פאַר'ן שונא. נאָך איניגע יאָהר האָט געדויערט די מלחמה, ביז תלמי האָט ענדליך אָבגעהאַלטען אַ פאָלשטענדיגען נצחון איבער'ן פיינד, מיט דער הילף פון נאָך דריי בעריהמטע מוקדוני'שע קריעגס-אָנפיהרער: סיליוקוס, קאַסאַנדער און ליזימאַך. (301). די דאָזיגע פיער העלדען האָבען פון דאָסניי צוטיילט צווישען זיך די מוקדוני'שע מאָנאַרכיע. תלמי האָט בעקומען גאַנץ מצרים און אַלע איהרע אומגעגענדען צוזאַמען מיט יהודה, און ביי סעלעווקוס'ן איז געבליבען כמעט גאַנץ אַזיע, סוריא, צוזאַמען מיט פרס, ביז'ן טייך הודו (אינד). אויף אַזאַ אופן זענען די יודען פון יהודה אָבהענגיג געוואָרען אָן תלמי'ן און זיינע יורשים, און די יודען פון פרס און בבל — אָן סיליוקוס'ן און זיינע יורשים.

איבריגענס האָט זיך די לאַגע פון די יודען אין יהודה פון דער דאָזיגער פאָליטישער איבערקעהרעניש אויסערליך ניִשט קיין סך געענדערט. די זעל-ביגע צינשען, וועלכע פלעגען אין לאַנד געזאַמעלט ווערען און פריהער אָבגעשיקט ווערען קיין פרס, פלעגען נאָר איצט אָבגעשיקט ווערען קיין מצרים. די פרייהייט און די זעלבסטשטענדיגקייט איז ווי פריהער ניִשט בע-גרענעצט געוואָרען. אין דער הינזיכט זענען, פערקעהרט, נאָך געגעבען געוואָרען געוויסע פריווילעגיעס. דער כהן-גדול, וועלכער איז נאָך פון פריהער פעראַנטוואָרטליך געווען פאַר די צינשען, איז דורך דער מצרים-מוקדוני'שער

רעגירונג אַנערקענט געוואָרען פאַר דעם פּאָליטישען הויפּטמאַן אין לאַנד. תלמי, ווי געזאָגט, איז געווען אַ מענש אַ גוטער פון דער נאַטור און יעדע שריט זענער איז געווען אויסגערעכענט בלויז לויט די נוצען, וואָס ער קאָן איהם ברינגען. צו דריקען דעם יודישען פאָלק האָט ער נישט געהאַט קיין אורזאַך. די נייע שטאָדט אלכסנדריא, וואָס אַלכסנדר האָט ביים ים אין מצרים אויסגעבויעט, און וואָס דער ערשטער מצרים־מוקדוניִשער הערשער תלמי האָט פאַר זיין רעזידענץ געמאַכט, האָט זיך גענויטיגט אין אַ גרויסע בעפעלקערונג, כדי זי זאָל קאָנען בעקומען די עקאָנאָמיש־פּאָליטישע־און קולטורעלע בעדייטונג, אַלס אַ פונקט, וועלכער פערבינדט אַלע דריי וועלט־טיילען: אַזיע, אַפריקע און אייראָפּע; תלמי׳ן האָט נאָר געקאָנט פרעהען דאָס, וואָס די יודען האָבען זיך דאָרטען מאַסענווייז בעזעצט פון די שכנישע לענדער. אין דער אונרוהיגער צייט פון דער מלחמה מיט דימיטריוס האָבען קיין אַלכסנדריא עמיגרירט פיעל יודען, וועלכע תלמי האָט גלייך געמאַכט אין זייערע בירגערליכע רעכטע מיט אַלע זיינע אונטערטאַנער. אויף אַזאַ אופן איז געגרינדעט געוואָרען די יודיש־אַלכסנדרישע געמיינדע, וועל־כע פערנעהמט נאָכהער אין דער געשיכטע אַ וויכטיגען פּלאַץ. יודישע קאָלאָניעס האָבען זיך צו דער זעלבער צייט געגרינדעט אויך אין אַנדערע ערטער אין מצרים. תלמי האָט אַליין בעזעצט פיעל יודען אין די פעסטונגס־שטעדט, זענענדיג איבערצייגט אין זייער טריַיהייט. סיליקוס, דער נייער הערשער פון פרס (אַזיען), האָט אויך זיך בענוצט מיט יודישע עלעמענ־טען ביים בעפעלקערען נייע געגענדען. אין יאָהר (300) האָט ער געגרינדעט אַ נייע שטאָדט אַנטיוכיא, אין וועלכער ער האָט זיך בעזעצט מיט זיין הויף. די שטאָדט, וויפיעל אַנדערע נייע שטעדט, האָבען זיך אויך גענויטיגט אין אַיינוואָהנער. סיליקוס האָט דאָרטען אַריבערגעפיהרט פיעל יודען פון פרס און בבל. אויך דער דאָזיגער הערשער האָט געשאָנקען די יודען פאָלשטענדיגע גלייך־בערעכטיגונג.

פונקט אַזוי, ווי די יודישע קאָלאָניעס האָבען זיך פערשפּרייט אין די גריכיש־מוקדוניִשע געגענדען, אַזוי אויך האָבען זיך אָנגעפאַנגען צו ענטוויקלען גריכישע קאָלאָניעס אויף דעם יודישען באָדען. אין דער לענג פון דעם ברעג פון דעם מיטעללענדישען ים אין פּאַלעסטינא זענען אויסגע־בויעט געוואָרען נייע פאָרט־שטעדט; איינינגע פון די אַלטע זענען בענייט, פערברייטערט און פערפּוצט געוואָרען לויט דעם גריכישען געשמאַק און האָבען בעקומען גריכישע נעמען. די נאָכפאָלגער פון דעם גרויסען אַלכסנדר, האָבען אויך געשטרעבט צו רעאַליזירען דעם גראַנדיעזען פּלאַן פון צוזאַמ־

שמעלצען דעם מערב מיט'ן מזרח, און צו דעם צוועק האבען זיי קיין בעסערן צונויפגיעסונגס=מאטעריאל, ווי די יודישע מאסען, נישט געקענט געפינען. אין אלעקסאנדריע האבען יודען געלעבט גאנץ אבגעזונדערט פון דער ארטיגער קאפטישער בעפעלקערונג; דאגעגען אבער האבען זיי זיך זעהר גערן דערנעהנטערט צו די געבילדעטע גריכען, און די ווירקונג פון דער גריכישער קולטור האט זיך באלד ארויסגעוויזען אין אלע זייטען פון דעם יודישען לעבען אויך אויסער די גרענעצען פון אלעקסאנדריע. גאנץ יהודה איז פון אלע זייטען געווען ארומגערינגעלט מיט א גריכיש=רעדענדער בעפעלקערונג, און וואס ווייטער האט די גריכישע שפראך אלץ מעהר ארויסגעשטופט דעם אראמע'אישען דיאלעקט, מיט וועלכען עס האבען זיך ביז דאן בענוצט אלע יודען פון דער פאדערשטער אזיען. צוזאמען מיט דער גריכישער שפראך האבען זיך, נאטירליך, ארייננעריסען אין דעם יודישען לעבען אויך די גריכישע גוטע און שלעכטע זיטען, און נאר די שטעדט טיעפער אין לאנד האבען פארגעשטעלט מיט זיך אנ'אויסנאהם אין דער הינזיכט. דא האבען געוואוינט די ארימערע קלאסען פון דער יהודה'שער בעפעלקערונג, און זייער רעליגיעז=בעטריבטע ערנסטקייט האט זיך גאנץ ווייניג געלאזען בעאיינפלוסען פון דער גריכיש=אפיקור'סישער לייכטזיניגער קולטור; אויך דא אבער האבען זיך דערטראגען מאסען גריכישע ווערטער פון די שכנ'ישע בעפעלקערונגען, און זיי זענען ביסליכווייז אריינגענומען געווארען אין דער אומגאנגס=שפראך.

ווי געזאגט, איז די רעכטליכע לאגע פון יהודה אונטער דער הערשאפט פון די תלמי=מלכים געווען גאנץ בעפריעדיגענד. די גאנצע הנהגה פון פאלק איז געווען קאנצענטרירט אין די הענד פונ'ם כהן=גדול, וועלכער איז געווען כמעט דער פאקטישער הערשער פון לאנד און האט געקענט ענטוויקלען און ווייטער ציהען די יודישע אייגענטימליכקייט און דעם יודישען געדאנקענגאנג; אינערליך, גייסטיג איז אבער דאס פאלק אין יהודה שרעקליך ארעם געווען, און פון נחמיה'ן אן האט עס קיין איין פערזענליכקייט נישט ארויסגעגעבען, וואס זאל געבען א געוויסע ריכטונג זיין גייסטיגער ענטוויקלונג און איהם העלפען אויסבילדען זיין וועזען און זיין אריגינעלע אנשויאונג. דער צענטר פון דעם יודישען גייסטיגען לעבען, פון וועלכען די יודען אין יהודה האבען ביז אהער זייער יניקה געצויגען, איז געווען בבל און פרס, און איצט, נאך דער פאליטישער איבערקעהרעניש, וואס האט איבערגעגעבען די דאזיגע ביידע

לענדער אין די הענד פון אנ'אנדער דינאסטיע, — איז יהודה פון דעם צענטר אינגאנצען אבגעריסען געווארען. די יודען פון יהודה האבען שוין נישט געקענט איצט אזוי לייכט און פריי פערקעהרען מיט זייערע ברידער ארום די טייכען פרת און חדקל, ווייל די רעגירענדע דינאסטיען פון די ביידע מלוכות, די תלמי'אידען און סעלייקי'דען, האבען געקוקט מיט חשד איינע אויף דער אנדערער, און די אפטע בעזוכען פון די סעלייקי'דישע אונטערטאנען אין ירושלים, וואלט דעם חשד נאך מעהר פערשטארקט. קוים וואלט דאס פאלק אין יהודה נישט געקענט איצט אויסקומען אהן דער הילף פון זיינע אויסוועניגסטע גייסטיגע פיהרער, וואלט עס, אלזא, בעשטימט אונטערגעהן, אזוי ווי עס זענען אונטערגעגאנגען יענע אלע פעלקער, וואס האבען זיך אליין נישט געקענט דערהאלטען און געמוזט ציהען זייער גייסטיגע השפעה פון אויסוועניג. פון אנ'אנדער לאנד; דאס איז אבער נישט געווען דער פאל מיט דעם יודישען פאלק, און אויף דער ארענע פון דעם יודישען לעבען האט זיך צו דער רעכטער צייט בעוויזען א גרויסע, ליכטיגע געשטאלט, וואס לייכט ארוים, ווי א בעוואקסענער, פערצווייגטער בוים פון א וויסטען מדבר. דאס איז געווען שמעון הצדיק, דער זוהן פון חוניו I (פון 300 ביז 270). די געשיכטע פון דער יודישער טעאקראטיע (כהנים־הערשאפט) האט צו פערצייכנען עטליכע נעמען פון גוטע און שלעכטע כהנים גדולים, וואס האבען פערטרעטען דעם דאזיגען פאסטען ביז שמעון הצדיק; די יודישע לעגענדע אבער האט איבערגעלאזען פאר די קומענדיגע דורות דעם אנדענקען בלויז פון דעם איינציגען כהן גדול, וואס האט ווירקליך עטוואס געטהון פאר זיין פאלק און געלאזען נאך זיך בעדייטענדע שפורען אין דער געשיכטע פון יענער צייט. „ער האט געזארגט פאר זיין פאלק, עס זאל נישט צופאלען ווערן”, און געזוכט צו בעפעסטיגען זיין לאגע אין אלע היגזיכטען: ער האט אויסגע'פועל'ט ביים קעניג אנ'ערלויבניש, ווידער אויפצובויען יענע מויערן פון שטאדט, וועלכע תלמי דער ערשטער האט געהאט צושטערט; דעם בית המקדש, וועלכער איז זעהר אבגעלאזען געווארען פאר די צוויי הונדערט יאהר, וואס ער איז געשטאנען, האט ער געלאזען אבפרישען און בענייען; אויסער דעם האט ער נאך געלאזען ציהען אנ'אונטערערדישען קאנאל ביז צום טייך איתם (עטליכע שעה וויים פון ירושלים) און אויף אזא אופן פערזארגט מיט פרישען וואסער נישט בלויז דעם בית המקדש (וואס האט זיך גענויטיגט אין א סך וואסער צוליעב די אפטע וואשונגען פון די לויים און כהנים),

נאָר אויך דער גאַנצער שטאָדט.

די פּערזאָן פון שמעון הצדיק אַלס כהן גדול, ביי דעם צערעמאָנ־יאַל פון גאָטעס־דינענסט, וואָס האָט זיך אויסגעצייכענט אין זיין צייט מיט אַן אונגעוועהנליכער פּראַכט, איז מיט בעגייסטערטע ווערטער געשילדערט געוואָרען פון דעם דיכטער, וואָס האָט געלעבט אין אַ צייט אַרום, ישוע בן־סירא:

ווי הערליך איז ער געוועזען, ווען ער האָט דעם היכל פערלאָזען,
ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען פון הינטערן פּרוכת!
ווי דער מאָרגענשטערן, וואָס שיינט אַרויס פון צווישען די וואָלקען,
ווי די פולע לבנה אין די טעג פונ׳ם פריהלינגס־יום־טוב (פּסח).

— — — — — — — — — — — —

אָט טוט ער אָן זיינע עהרענקליידער,
און הילט זיך איין אין די פּרעכטיגע געוואַנדען.

— — — — — — — — — — — —

און ער שטעהט איבער דעם אויפגעלעגטען שייטער־הויפען (פון מזבח),
אַרומגענומען, ווי מיט אַ קראַנץ, פון זיינע ברידער. —
די יונגע צעדערן פון לבנון.

— — — — — — — — — — — —

אָט האָט ער געענדיגט די עבודה ביים מזבח,
און אהרנ׳ס זיהן, די כהנים, בלאָזען אין די שופרות,
און רופען אויס אין דער הויך, דערמאָהנענדיג גאָט׳ס נאָמען.
אַלע שטערבליכע פאַלען גלייך מיט׳ן פּנים צו דר׳ערד,
זיך בוקענדיג פאַר דעם אַלערהעכסטען, פאַר דעם הייליגסטען פון ישראל.

עס האָבען זיך דערהערט די שטימען פון די זינגער׳ס
און אַנגעצונדען האָט זיך דאָס האַרץ פון פאָלק,
און געפרעהט האָבען זיך אַלע מענשען פון דר׳ערד!...

דער דאָזיגער כהן גדול איז געשטאַנען נישט בלויז אָן דער שפּיץ פון בית המקדש און פון דער יודישער געמיינדע; ער איז געזעסען בראש אויך פון דער כנסת הגדולה און פערנומען דעם גרעסטען פּלאַץ צווישען די לעהרער פון דער ישיבה, וואָס האָט אויסגעטייטשט און געלעהרנט דעם פאָלק גאָט׳ס וואָרט. ער האָט איבערגעלאָזען זיינע תלמידים דעם

פאָלגענדען אַפאָריזם: „אויף דריי זאַכען שטעהט די וועלט (די יודישע קהלה), אויף לעהרנען (תורה), אויף גאָט בעטען (עבודה) און אויף וואוילטעטיגקייט (גמלות חסדים)”, און אַלס וועג-ווייזער און לעהרער קען מען איהם צושרייבען אַ געוויסען חלק אויך אין דעם אַפאָריזם, וואָס עס האָט געלאָזען נאָך זיך איינער פון זיינע בעדייטענדסטע תלמידים, אַנטיגנום פון סוכו (אַנטיגנום איש סוכו): „איהר זאָלט נישט זיין, ווי די שקלאַווען, וואָס דינען זייער האַר, אום צו בעקומען זייער בעלויהנונג, נאָר ווי יענע דינער, וואָס דינען טריי זייער האַר, נישט ערוואַרטענדיג קיין שום שכר”.

די דאָזיגע רוהיגע צייט האָט זיך אָבער לאַנג נישט געצויגען, און נאָך דעם טוידט פון שמעון הצדיק ברעכען אוים אין לאַנד אינערליכע סכסוכים און קריגערייען, וואָס רואינירען אויף אַ לאַנגע צייט דאָס נאָרמאַלע לעבען פון פאָלק און קאָסטען איהם אַ סך ביטערע קרבנות. שולדיג אין די סכסוכים זענען געווען די קינדער פון דעם זעלביגען שמעון הצדיק — זיין איידים, וואָס האָט אויך געשטאַמט פון אַ מיוחס׳דיגער כהנים-פאַמיליע, טוביה, און זיין זוהן חוניו, וואָס האָט איבערגענומען פון פאָטער דעם כהן-גדול-שטוהל און געשפּילט אַ בעדייטענדע ראָליע אין דער געשיכטע פון דעם יהודה׳שען פאָלק, אַ דאַנק די מלחמה-שפּילען פון די סעלייקי׳דען (דער צווייטער, דריטער און פירטער) מיט די תלמי׳אידען (דער צווייטער און דריטער) איבער צעלאָסוריע, וואָס האָבען זיך געצויגען צעהנדליגער יאָהרען און געווירקט אויך אויף דעם גורל פון יהודה.

יהודה, צוזאמען מיט צעלאָסוריע, האָבען געלעבט גאַנץ רוהיג אונטער דער אויבער-הערשאַפט פון מצרים, און ווי די ערשטע צוויי מלכים פון דער תלמי-דינאַסטיע, האָט אויך דער דריטער, עווערגעטוס, זיך גאַנץ פריינדליך בעצויגען צו זיי און זיי אַלע פרייהייטען געגעבען; האָט אָבער דער צווייטער פון די סעלייקי׳דען, קאַליניקאָס, דורכאוים געוואָלט אָברייסען די דאָזיגע פּראָווינצען פון עגיפּטען און, ווי ס׳ווייזט אוים, האָט זיך איהם איינגעגעבען איבערצוציהען אויף זיין זייט אויך די העכערע ספערען פון דער יודישער בעפעלקערונג אין ירושלים מיט דעם כהן גדול חוניו II אין דער שפּיץ. דער לעצטער האָט אויף דעם סמך זיך אָבגעזאָגט אַריינצוטראָגען אין דער צענטראַלער עגיפּטישער רעגירונגס-קאַסע דעם בעשטימטען יעהרליכען מס פון 20 טאַלאַנטען און דאָס האָט נאַטירליך אַרויסגערופען אַ שטאַרקען כעס אין דעם עגיפּ-

טישען הויף, וואו מ'האָט געקוקט אויף דעם דאָזיגען קליינעם אָפּצאָהל, ווי אויף דעם איינציגען צייכען פון אונטערטעניגקייט. תלמי III האָט דאַן געשיקט קיין ירושלים זיינעם אַ שליח, אַנטהעניאָנ'ען, מיט דער פאָדערונג, גלייך אַריינצוטראָגען די דערמאָהנטע סומע, דראָהענדיג דער בעפעלקערונג, אַז אי'ם פערקעהרטען פאַל, וועט ער די גאַנצע ערד פון יהודה פונאַנדערטיילען צווישען די גריכישע קאָלאָניסטען, חוניו האָט זיך אָבער איינגע'עקשנ'ט און נישט געוואָלט נאָכגעבען. דאָס האָט אויפגעבראַכט געגען איהם די ברייטערע שיכטען פון פאָלק, וועלכע זענען גאַנץ צופרידען געווען מיט דער אויבער-הערשאַפט פון די תלמי'איידען, און עס האָט שוין געהאַלטען ביי אַ בלוטיגען אויפשטאַנד געגען דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי, וואָס האָט אויפגעשטעלט דאָס פאָטערלאַנד אין אַזאַ ביטערער לאַגע. דאַן האָט זיך אַנ'ענערגישער, ענטשלאָסענער מענש בעוויזען אויפ'ן האָריזאָנט פון דעם יודישען פּאָליטישען לעבען, און איהם איז געלונגען די זאַך אין אָרדנונג צו ברענגען.

גערופען האָט מען דעם מענשען, וואָס האָט אַ נייע ריכטונג געגעבען דעם גאַנג פון די געשעהענישען אין לאַנד, יוסף בן טוביה — ער איז געווען אַ זוהן פון שמעון הצדיק'ס איידים, טוביה, ד. ה. אַלזאָ אַ שוועסטערנ-זוהן פונ'ם כהן גדול. ענערגיש, ערפינדעריש, ענטשלאָסען און אַנציהענד, איז אָט דער אייניקעל פון דעם אַלטען שמעון הצדיק, ווי געבוירען געוואָרען צום הערשען, איהם איז אָבער אין וועג געשטאַנען זיין אַלטער פעטער, דער כהן גדול, וועלכער איז אויך געווען דער פּאָליטישער פיהרער פון פאָלק, און דער איצטיגער צוזאַמענשטויס מיט דער עגיפּטישער מאַכט האָט איהם געדיענט אַלס גינסטיגע געלעגענהייט, אַריינצונעהמען די הנהגה אין זיינע הענד. בעקומענדיג די ידיעה וועגען תלמי'ס שליח, וואָס איז געקומען מיט אַזאַ שטרענגער פאָדערונג קיין ירושלים, און וועגען דער אונצופרידענהייט מיט'ן כהן גדול, וואָס וואַקסט אין פאָלק און נעהמט אָן אַ שטורמדיגען כאַראַקטער, האָט ער גלייך פערלאָזען זיין געבורטסאָרט און איז געקומען צום פעטער מיט דעם ביטערסטען פאָרוואורף פאַר זיין עקשנות, וואָס שטעלט אין געפאַהר די עקזיסטענץ פון גאַנצען פאָלק, און מיט דער עצה, — ער, דער פעטער, זאָל פאָהרען צו תלמי'ן און בעטען ביי איהם מחילה. אויף דעם האָט דער שטאָלצער חוניו געענטפערט, אַז ער וועט גיכער זיך אָבזאָגען אינגאַנצען פון זיין טיטול, איידער זיך אַזוי צו ערניעדריגען, דאַן האָט יוסף ביי איהם די ערלויבניש געבעטען, אַליין קיין אַלעק-

סאַנדריע צו פֿאָהרען און אונטערהאַנדלונגען צו פֿיהרען וועגען דעם קאָנפֿליקט, און גלייך נאָכדעם, ווי ער האָט די דאָזיגע בעפֿאָלמעכטיגונג בעקומען, האָט ער צונויפגערופען אַ גרויסע פֿאָלקס-פֿערזאַמלונג אין בית-המקדש, וואו ער האָט בערוהיגט דער בעפֿעלקערונג און צוגעזאָגט דעם גאַנצען סכסוך בשלום אויסצוגלייכען, — אויב דאָס פֿאָלק וועט איהם נאָר זיין צוטרוי שענקען, און דאָס פֿאָלק האָט איהם זיין צוטרוי געשענקט — עס האָט איהם דעם טיעפֿסטען דאַנק אויסגעדרוקט און מיט דעם טיטול פֿאָלקס-פֿיהרער בעקרוינט (230).

מעהר האָט יוסף נישט געדאַרפֿט: פֿון דער מינוט אָן טרעט ער אַרויס מיט דער פֿעסטער ענטשלאָסענקייט פֿון אַ מאַכט-בעזיצענדער פֿערזאָן און שטעלט זיך פֿאַר קיין זאַך נישט אָב, ווען עס האַנדעלט זיך אום דעם — זיין ציעל צו ערגרייכען. ער קען גוט די שוואַכע זייטען פֿון דער גריכישער נאַטור און בעשיט דעם שליח פֿון אַלעקסאַנדריע מיט חניפֿות, מתנות און גלענצענדע מאַהלצייטען. אַנטהעניאָן איז ענטציקט פֿון דעם ליעבענסווירדיגען, עלעגאַנטען און אינטעליגענטען יודישען אַריסטאָקראַט, און פֿאָהרט צוריק קיין אַלעקסאַנדריע אַ געטרייסטער, אַ צופֿריעדענער. אין דער זעלביגער צייט פֿיהרט יוסף אונטערהאַנדלונגען מיט זיינע גוטע פֿריינד אין שומרון וועגען אַ גרויסער געלד-הלואה, — אום אויפֿגענומען צו ווערן בכבוד אינ'ם עגיפּטישען הויף, מוז ער פּרעכטיגע קליידער טראָגען, רייכע געשפּאַנען בעזיצען און אַ סך געלד ביי זיך האָבען, און זיין פֿערמעגען איז קליין און אין גאַנץ יהודה וועט ער אַזוי פֿיעל געלד נישט קריגען: די בעפֿעלקערונג לעבט פֿון לאַנדווירטשאַפֿט און האָט קיין עשירות זיך נאָך נישט אָנגעזאַמעלט; שומרון אָבער לעבט פֿון האַנדעל און האָט אַ סך געלד-מאַגנאַטען.

יוסף האָט דאָס געלד בעקומען און זיך געלאָזען אין וועג אַריין קיין אַלעקסאַנדריע, און דאָרט איז שוין אַנטהעניאָן געוועזען, און מיט בעגייסטערטער ענטציקונג גערעדט פֿון דעם יודישען פֿערטרעטער, וואָס דאַרף אָנקומען. דער קעניג אַליין וואַרט אויף יוספֿ'ן און וויל איהם שוין זעהען וואָס שנעלער, און נאָך דער ערשטער אויפֿנאַהמע, איז ער אויך בעצויבערט פֿון איהם און לאַדעט איהם איין אויף דעם באַל, וואָס דאַרף פֿאָרקומען אין הויף. די געזאַנדטע פֿון די פּאַלעסטינישע און פֿעניציִשע שטעדט זעהען, ווי דער פֿערהעלטניסמעסיג נישט זעהר-רייך אויפֿגעפּוצטער יודישער פֿערטרעטער ווערט אַריינגענומען אינ'ם ענגסטען קרייז פֿון קעניגליכען הויף, און זענען איהם מקנא; ער גיט זיי אָבער באַלד די

געלעגענהייט איהם מעהר, ווי מקנא צו זיין.

יוסף בעגעגענט זיך אין אלעקסאנדריע מיט די אָבצאָהלונגס-חוכרים (אַרענדאַטאָרען) פון אלע עגיפּטישע פּראָווינצען, וועלכע זענען זיך צוזאַמענגעקומען אין דער רעזידענץ, אום אין דער געגענוואַרט פון קעניג און הויף אָנצובאָטען זייערע פּרייזען און די אַרענדע צו בעקומען פון די קעניגליכע אָבצאָהלונגען — יעדערער אין זיין שטאָדט אָדער פּראָווינץ. זענענדיג אלע גלייך פּעראינטערעסירט אין דער זאך, שליסען זיי צווישען זיך יד-אחת און באָטען דעם קעניג, נאַטירליך, וואָס וועניגער. דאַן רופט זיך יוסף אַרויס צו צאָהלען דעם קעניג נאָכאַמאָל אַזוי פיעל פון דער אָנגעבאָטענער סוממע. איבערראַשט און ערשטוינט האָבען די אַנוועזענדע חוכרים אָנגעקוקט דעם חוצפּה'דיגען יוד, וואָס האָט אויסגעזעהען, ווי אַ בעטלער געגען זיי; די סימפּאַטיע פון קעניג איז שוין אָבער לאַנג געווען אויף זיין זייט און דערצו איז זיין סוממע צוויי מאָל אַזוי פיעל געווען פון זייערער. יוסף האָט פערזיכערט דעם קעניג, אַז זיין סוממע וועט נאָך אויך געבען אַ שענעם ריוח, און ווען דער לעצטער האָט פערלאַנגט פון איהם, ער זאָל דער קרוין גאַראַנטירען די סוממע, וואָס ער פערפליכטעט זיך צו צאָהלען, האָט דער יודישער שתדלן שאַרפזיניג געענטפערט, אַז ער גיט די בעסטע גאַראַנטיע, וואָס איז נאָר מעגליך — דעם קעניג מיט דער קעניגין. דער דרייסטער און אין דער זעלביגער צייט חנופה'דיגער ענטפער, איז עורגעטום'ן שטאַרק געפעלן געוואָרען און יוסף איז געוואָרען דער הויפּט-אָבצאָהלונגס-אַרענדאַטאָר פון אַלע צעלאָסורישע און פיניצעאישע פּראָווינצען. בעקומענדיג נאָך דערצו אַ מחנה פון צוויי טויזענד סאָלדאַטען, וואָס זאָלען איהם בעהילפיג זיין ביים איינמאָהנען די שטייערן.

און דער קעניג האָט זיך מיט איהם ווירקליך נישט גענאַרט. בעזיצענדיג אַזאַ קראַפט, האָט יוסף מיט דער אויסערגעוועהנליכסטער שטרענגקייט אויפגעמאָהנט די שטייערן, און אין יענע שטעדט, (עזה און בית-שאָן), וואו די גריכישע בעפעלקערונג האָט געפּרובט אויסלאַכען דעם אידען-אַרענדאַטאָר און זיך אָבזאָגען פון צאָהלען, — האָט ער די פאָרנעהמסטע און רייכסטע בירגער געלאָזען טויטען און זייער פערמעגען קאָנפיסקירט. די דאָזיגע אַכזריות'דיגע שטרענגקייט האָט געווירקט אויף די אַרומיגע שטעדט, און דער נייער אַרענדאַטאָר האָט פערדאָפּעלט די הכנסות פון דער מלוכה, און אויסער דעם נאָך פיעל טייערע מתנות געשיקט אין הויף, אום צו בעפעסטיגען זיין לאַגע. יוסף איז אויף אַזאַ

אופן געוואָרען דער פאַקטישער הערשער איבער גאַנץ פּאַלעסטינא, פאַרשטעלענדיג מיט זיך די איינציגע פּערזאָן, וואָס איז געשטאַנען צווישען פאָלק און דעם אַלעקסאַנדרישען הויף.

צוויי־און־צוואַנציג יאָהר האָט יוסף געהאַלטען אין זיינע הענד די הויפּט־שטייערונגס־פערוואַלטונג פון גאַנץ צעלאָסיריען און פעניציע און, ערווערבענדיג זיך אין דעם פערלויף פון דער צייט אונגעהויערע רייכטימער, האָט ער געשפּיעלט אַ בעדייטענדע ראָליע אויך אין דעם פּאָליטישען לעבען פון די דאָזיגע ביידע פּראָווינצען. פאַר דער צייט האָט זיך ענטוויקעלט אין לאַנד דער קאַפּיטאַליזם, עס האָט זיך פערברייטערט דער אינטערנאַציאָנאַלער עקאָנאָמישער פערקעהר און צוזאַמען דערמיט איז אַלץ טיעפער אַריינגעדרונגען אין אַלע ספערען פון פאָלק אויך די גריכישע קולטור; יוסף האָט אָבער די דאָזיגע רייכע רעפּובליקען נישט געשוינט, און אונטער דער הערשאַפט פון דעם IV־טען תלמי, פילאָפּאַטאָר (222 ביז 206), האָט ער אויך מיט אַזאַ אַכזריות געדריקט דער בעפעלקערונג ביים אויפמאָהנען די שטייערן, אַז דאָס פאָלקס־ווערטעל האָט זיך געקלאָגט אויף איהם: „יוסף האָט פון גאַנץ סוריא דאָס פלייש אָבגעשונדען און נאָר די ביינער איבערגעלאָזען".

דאַן האָט זיך פאַר איהם אויך אַן־אונרוהיגע צייט אָנגעהויבען. אינ׳ם בלוט פון דער תלמי׳אידישער דינאַסטיע האָבען זיך שוין געהאַט דאַן טיעף איינגעזויגען די אַלע שוואַכע זייטען פונ׳ם העלעניזם: די ליידענשאַפטליכע נייגונגען צו פערשווענדעריי, אונזיטליכקייטען און דעמפּאַטיזם, — וואָס מ׳האָט, נאַטירליך, זיך שלעכט אָבגערופען אויך אויף דער אַרמעע און אויף דער פערטיידיגונג פון די אַלגעמיינע מלוכה־אינטערעסען. אין דער צייט איז אָבער די סעלייקי׳דישע דינאַסטיע געווען געזונד און קרעפטיג, און אַנטיאָכוס III „דער גרויסער" האָט זיך אַרומגעטראָגען מיט געוואַלדיגע קריגס־פּלענער, שטרעבענדיג צו פערוואַנדלען זיינע פערשידענע פּראָווינצען אין איין גרויסער וועלט־מלוכה. איצט ביי דעם דעמאָראַליזירטען צושטאַנד פון דער עגיפּטישער אַרמעע, האָט ער געגלויבט פאַר זיך אַ גוטע געלעגענהייט צו האָבען און אויסנוצענדיג דעם פערראַט פון איינעם פון די עגיפּטישע פעלדמאַרשאַלען, האָט ער אַריינגעפיהרט זיין מיליטער אין צעלאָסוריא און פעניציע און פערנומען דאָרט עטליכע שטעדט צוזאַמען מיט שומרון. דאָס איז אָבער געווען אַ נצחון בלויז אויף אַ קורצע צייט, ווארום באַלד נאָכדעם האָט זיך פילאָפּאַטער אויסגעניכטערט פון זיינע פער׳שכור׳טע

אויסגעלאַסענקייטען, און צוטרעטענדיג מיט זיין אַרמעע ביז נאַפּיאַ,
האָט ער געצוואונגען דעם שונא צו אַנטלויפען און אינגאַנצען אויפצוגע-
בען דעם פּלאַן וועגען איינגעהמען צעלאָסוריא. דאָס האָט יוסף'ן ווידער
אויף די פיס געשטעלט, און דערצו נאָך האָט איהם פּילאָפּאַטאָר נישט
פערגעסען אויך דאָס, וואָס יהודה מיט ירושלים אָן דער שפּיץ, — וואו
יוסף'ס ממשלה איז בעזונדער שטאַרק געווען — איז פון אָנהויב אָן טריי
געבליבען דעם עגיפּטישען טראָהן און האָט זיך אַנטיוכס'ן נישט אונ-
טערגעגעבען.

און דער וואוילשטאַנד פון פאָלק איז דערווייל געוואַקסען. די גרוי-
סע רייכטימער, וואָס יוסף האָט זיך ערוואָרבען, האָבען אַריינגעבראַכט
אין לאַנד (בעזונדער אין די גרעסערע שטעדט) אונגעהויערע קאַפּיטאַלען,
און צו איהם זענען צוגעקומען נאָך הונדערטער יודישע בעאַמטע, מיט
וועלכע ער האָט זיך בענוצט ביים אויפמאָהנען די שטייערן אין די אַלע
פּראָווינצען, וואָס האָבען זיך געפונען אונטער זיין רשות, און וועלכע
זענען אויך רייך און גרויס געוואָרען. די דאָזיגע רייכטימער, צוזאַמען
מיט יוסף'ס חשיבות אין קעניגליכען הויף און זיינע סאָלדאַטען-אָבטיילונ-
גען, מיט וועלכע ער האָט אין דער מורא געהאַלטען די פּלשתים, פּי-
ניקיער, אדומ'ער און זאָגאַר אויך די גריכיש-מאַקעדאָנישע קאָלאָניעס, —
האָבען אויפגעהויבען דעם פּרעסטיזש נישט בלויז פון איהם אַליין מיט
זיין קרייז, נאָר אויך פון דער אַלגעמיינער יודישער בעפעלקערונג; דער-
ביי זענען די יודען פון יהודה אַלץ מעהר און מעהר אַרונטערגעפאַלען
אונטער דעם איינפלוס פון העלעניזם, און אַלע זייערע אויסערע לעבענס-
פאָרמען האָבען שוין געטראָגען אויף זיך דעם שטעמפּעל פון דעם פיינעם
גריכישען געשמאַק. אַזוי האָבען די יודישע וואוינונגען, למשל, אָנגע-
הויבען שענער געבויט צו ווערן און אויך די מאַלעריי האָט אָנגעהויבען
בענוצט צו ווערן אין דער יודישער גאַס. די יודען פון אַלעקסאַנדריע,
וואָס האָבען איבער הונדערט יאָהר זיך געפונען אין אַ גריכישער אומגע-
בונג און זענען שוין אינגאַנצען העלעניזירט געווען, האָבען אויך געווירקט
אין דער ריכטונג אויף די איבריגע צענטערן פון יהודה, דורך דער פער-
מיטלונג פון די יודען, מיט וועלכע זיי זענען געקומען אין פערבינדונג
אַ דאַנק יוסף'ס געשעפטען, און דאָס יודישע פאָלק האָט זיך אַזויערנאָך
ביסליכווייז אינגאַנצען בעפרייט פון יענע אונגעשליפענע אַזיאַטישע
מנהגים, וועלכע האָבען אַ סך הונדערטער יאָהרען געהערשט אין דעם
יודישען לעבען.

די דאזיגע אויסערליכע פיינקייט און די אלע איבריגע גוטע זייטען פון דער גריכישער קולטור האבען אבער מיטגעבראכט מיט זיך אין דער יודישער נאס אויך די שלעכטע זייטען איהרע, און אנשטאט דעם נאטירליכען פראצעס פון צופאסען זיך צו א פרעמדען פאלק און איבערנעהמען זיינע בעסערע זיטען און מנהגים, היטענדיג דערביי דעם אייגענעם פאלקס-וועזען און די גוטע נאציאנאלע אייגענטימליכקייטען — איז דא די זאך גאנץ אנדערש צוגעגאנגען: די יודישע אריסטאקראטען האבען אנגעהויבען צו פערגעטערן די גריכישע קולטור און נאכצואהמען, ווי אפען, דאס גאנצע גריכישע לעבען מיט אלע זיינע ווילדע מנהגים און אויסגעלאסענקייטען, פערלאכטענדיג אינגאנצען די טראדיציאנעלע תמימות פון פאלק און זיין היסטארישע זיטען-ריינהייט. די גריכען האבען ליעב געהאט געזעלשאפט, אלגעמיינע מאלצייטען און אויסגעלאסענע פערוויילונגען, און די יודישע אריסטאקראטיע האט עס כלומר'שט נאכגעמאכט אין אן'אונשולדיגער פארם: זי האט אויך אנגעהויבען אזעלכע געמיינשאפטליכע מאלצייטען איינצוארדנען, ביי וועלכע די פערזאמעלטע זענען געלעגען צו-דריי אויף א רוהע-בעט, און דערביי האט זי איינגעפיהרט וויין, מוזיק און ליעדער. דערמיט אליין האט זיך אבער די רעפארם נישט געענדיגט — באלד האט זיך ארויסגעוויזען, אז די דערמאהנטע מיטלען זענען נאך ווייניג אויף ארויסצורופען א פאלשטענדיגע הייטערע שטימונג, און די אויסגעלאסענקייט האט איהרע קרבנות אלץ טיעפער און טיעפער אראבגעצויגען אינ'ם תהום פון אונזיטליכקייט און פערברעכען. יוסף האט אפט פערבראכט אין פילאפאטאר'ס הויף, וואו די ווילדע פרעהליכקייט האט איהר טריאומף געפייערט און פון קיין גרענעץ נישט געוואוסט. דא איז די אונצוכט אפען ארומגעגאנגען און האט פערפיהרט דאס פאלק און די ארמעע; פילאפאטאר האט זיך איינגערעדט, אז זיינע אורעלטערן זענען ארויסגעקומען פון דעם וויינגאט דיאניזאס (באקחוס); ער האט זיך דעריבער געפיהלט פערפליכטעט צו דיענען דעם דאזיגען גאט מיט וואס-מעהר פער'שיכור'טע ווילדקייטען און אויסגעלאסענקייטען, און ווער עס האט געוואלט געווינען דעם חסד פון קעניג אדער פון זיינע מקורבים, האט געמוזט אן'אנטייל נעהמען אין די דיאניזישע ארגיען און דערביי וואס-מעהר ווילדקייט ארויסווייזען. פון דער דאזיגער קעניגליכער עהרע האט אויך יוסף גענאסען, און ביי איינעם פון די הויף-מאלצייטען, האט זיך אין שמעון הצדיק'ס אייניקעל אזוי צופלאקערט די ליעבע צו איינער פון די דארטיגע טענצערינ'ס, אז ער האט

זײַן ברודער סאָלימיאַס דרינגענד געבעטען , ער זאָל איהם זי בעזאָרגען און דערהײַם שטילערהייד , ווײַל דאָס יודישע געזעץ האָט איהם פערבאָטען זיך צו דערנעהנטערן צו אַ פרוי פון אַ פרעמדען פאָלק . און ער איז שוין דאַמאָלס אַ פאָטער געווען פון זיבען קינדער !

דערבײַ אַליין האָט זיך יוסף נאָך נישט אָבגעשטעלט . פאַר איהם איז וועניג געווען דאָס , וואָס ער אַליין האָט זיך אַזוי ענג צוזאַמענגעלעבט מיט די פערדאָרבענע זיטען פון דער גריכישער אַריסטאָקראַטיע — דעם כהן-גדול'ס אייניקעל האָט זיך געוואָלט דעם גאַנצען קולט פון ווײַן און ווײַב אײַנפלאַנצען אויך אויף דעם יודישען באָדען , און צו דעם צוועק האָט ער אין ירושלים אײַנגעפיהרט איינעם פון די דיאָניזישע יום-טובים , וועלכע זײַן בעשיצער , דער קעניג , האָט אַזוי ליעב געהאַט . אין דער איבערגאַנגס-צײַט פון ווינטער צום פריהלינג , ווען דער ווײַנשטאָק האַלט אין רעכטען בליהען און דער ווײַן געהט צום צווייטען מאָל אויף אין די פעסער , פלעגען די גריכען פײַערן איינעם פון זייערע גרעסטע דיאָניזיען-יום-טובים ; צוויי טעג פלעגט דער דאָזיגער „ווײַן-יום-טוב" געדויערן , און ביידע טעג זענען געווידמעט געווען דער אַרבייט פון שכור'ן און אונצוכט טרײַבען . גוטע פרײַנד פלעגען זיך איינע די אַנדערע שענקען אין דער צײַט אָנגעפילטע קריגלעך מיט ווײַן , און דער , וואָס האָט אַממעהרסטען געטרונקען , איז אַלס זיעגער געפײַערט געוואָרען . אָט דעם שכורים-יום-טוב האָט יוסף-בן-טוביה אויך אין יהודה אײַנגעפיהרט — צוויי טעג אין יאָהר האָבען יודען דעם ווײַנגאָט געדיענט , און אום דעם דאָזיגען פרעמדען יום-טוב כלומר'שט אַ יודישען כאַראַקטער צו געבען , איז אײַנגעפיהרט געוואָרען , אַז די רײַכערע זאָלען אין די טעג שענקען מתנות פאַר אָרעמע !

און וואו עס האַנדעלט זיך וועגען אַ באַקחוס-יום-טוב , דאָרט בלײַבט עס שוין נישט בײַם ווײַן אַליין : דער יודישער אַדעל האָט די געזעצען פון זײַן פאָלק פערלאָזען און די צניעות פון זײַנע עלטערן זוים-געלאַכט , און זינגערינס , טענצערינס און אויסגעלאַסענע פרויען האָבען די רײַנע לופט פון יהודה מיט שענדליכקײַטען און שמוציגע מעשים פערפעסטעט .

נאַטירליך , האָבען זיך אין פאָלק געפונען נישט וועניג אַזעלכע , וואָס דאָס האַרץ האָט זיי געבלוטעט , צוזעהענדיג די שרעקליכע הנהגה פון זײַנע פיהרער , און בײַ איינעם פון די דאָזיגע טריי-געבליבענע יודען האָט זיך פון האַרצען אַ וואָרנונג אַרויסגעריסען :

קום נישט קיין אויסגעלאסענער פרוי אנטקעגען,
אום דו זאלסט אין איהר אבגרונד נישט אריינפאלען

פערבערגענג נישט ביי קיין טענצערין,
אום דו זאלסט אין איהרע (צויבער=) קינסטלעריען נישט גע=
פאנגען ווערן.

די שטימע פון אזעלכע איינצעלנע יודען איז אבער פערזונקען געווארען אין דעם ברויזענדען שטראם פון די העלעניסטישע אידעען, וואס האבען זיך אריינגעריסען אין דער יודישער גאס און ארויסגערופען אנ׳אמת׳ע איבערקעהרעניש אין דער גאנצער יודישער וועלט=אנשויאונג. דער גריכישער אידעען=גאנג האט זיך אונטערגעגראבען אונטער די יסודות פון דער יודישער אמונה און א גרויסער טייל פון פאלק האט אנגעהויבען ערנסט צו צווייפלען אין דעם, צי איז ווירקליך אמת דאס אלץ, וואס די יודישע תורה לעהרנט; צי פערלאנגט טאקי די געטליכקייט פון׳ם מענשען, ער זאל זיך אבזאגען פון אלע וועלטליכע פערגעניגענס און צי בעשעפטיגט זיך די גאטהייט איבערהויפט מיט אונזער וועלט און מיט דעם מענשען. דאס זענען אבקלאנגען געווען פון עפיקור׳ס לעהרע, וועלכע האט צו יענער צייט געהערשט אין דער גריכיש=מאקעדאנישער וועלט און, ווי ס׳איז זיך לייכט פארצושטעלען, האט דער שטארקער צוזאמענשטויס צווישען די ביידע היסטארישע קולטורען געמוזט ארויסרופען אנ׳אנגעשטרענגטע גייסטיגע טעטיגקייט ביי די יודישע שריפטשטעלער און דענקער, פאר וועלכע עס זענען איצט ענטדעקט געווארען נייע האריזאנטען, נייע שאפונגס=פארמען און נייע געביטען פון דעם מענשליכען גייסט און פערשטאנד.

עס עקזיסטירט דעריבער א השערה, אז אין יענער עפאכע זענען געשאפען געווארען די ביידע ווערק, וועלכע די טראדיציע האט צוגעשריבען דעם קלוגען שלמה: „שיר השירים” און „קהלת”. דאס ערשטע פון די דאזיגע ביידע ווערק, וועלכע זענען אריינגענומען געווארען אין דעם לעצטען טייל פון דער ביבעל, שטעלט פאר מיט זיך א דראמאטישע פאעמא, וואס בעזינגט די ליעבע פון א וואונדער=שענער פאסטוך=מעדעל צו איהר פריינד, „וועלכער פיטערט (זיינע שאף) אין די רויזען=פעלדער”. דאס איז א הערליך=שענעם קונסטווערק, געשאפען אונטער דעם איינפלוס פון דעם איבערגעטראגענעם העלעניזם, אין וועלכען עס שפיגעלט זיך אב דער דאזיגער גלאנץ פון דער דאמאלדיגער גליקליכער, ליכטיגער יודישער געגענווארט; אין וועלכען עס פיהלט זיך די

לעבענספרעהליכע זארגלאָזיגקײַט פון היטערע הימלען, גרינע פעלדער און בערוישענדע בלומען. עס איז דאָס ליעד איבער אַלע ליעדער און דאָס אײנציגע ווערק אין דער גאַנצער אַלט-העבּרעאישער ליטעראַטור, וואָס איז אונגעוועהנליך רײַך אין ווירקלִיכקײט, אין טיעפע עמפּפינדונגען און אין מאַלערישע נאַטור-שילדערונגען, און בעזונגט אויף דעם נאַטירליכסטען אופן, אָהן אַ שום רעליגיעזער שאַטירונג, דעם בערוישענדען צויבער פון דער ליעבע.

דער געפיהלפולער דיכטער האָט טיעף אײַנגעזויגען אין זיך דעם גלאַנץ און די שענע שאַפונגס-פאָרמען פון דער גריכישער קונסט-וועלט, אין זײַנע פערזען הערען זיך די שענע קלאַנגען פון טעאָקריט און אַנאַקרעאָן, — דאָס אַלץ אָבער האָט זיך בײַ איהם אָרגאַניש צונויפגעשמאָלצען מיט די האַרציגע טענער פון דער יודישער ליריק, און דער גאַנצער אינערליכער גײַסט, מיט וועלכען עס איז דורכגעדרונגען זײַן „שיר השירים“, טראָגט אויף זיך אַנ'אָריגינעל-יודישען שטעמפּעל. אינ'ם געגענזאַץ צו דער נישט-זויבערער און אויסגעלאַסענער ליעבע פון די גריכישע ווענוס-טעכטער און באַקחוס-פרויען, האָט ער אַנ'אידעאַל-בילד געשאַפען אין דער געשטאַלט פון עמינדב'ס שענער פאַסטוך-טאָכטער שולמית, די פלאַמענדע ליעבע פון וועלכער עס איז דורכגענומען מיט אַ בעצויבערנדער נאַאיוויטעט און מיט אַ ריהרענדער צניעות'דיגער אײַנפאַכקײט. שולמית פערקערפּערט מיט זיך די פאָלקאָמענע שענהײַט: איהר שטימע איז זיס, איהר געזאַנג — פער'שכור'נד, איהר טאַנצען — געטליך-רײַצענד; זי אַנטלויפט אָבער פון שטאָדט, פיהלט זיך געפּײַניגט אינ'ם קעניגליכען שלאָס און בענקט נאָך די „ווײַנשטאָקבוימער פון עין גדי“ און נאָך די אײַנזאַמע „ליליען-פעלדער“, וואו איהר פרײַנד פיטערט זײַנע שאָף. אָט דעם „פרײַנד“ ליעבט זי מיט דעם גאַנצען גלוט פון איהר יונגען האַרצען, און רײַן בלײַבט די דאָזיגע גליהענדע ליעבע, — רײַן פון יעדען נישט-אַנשטענדיגען וואָרט, פון יעדער נישט-זויבערער האַנדלונג, פון יעדען אונרײַנעם געדאַנק.

איהר געליעבטער זינגט צו איהר:

שטעה אויף, געליעבטע מײַנע, שענהײַט מײַנע,
און געה-דיר!
דען דער הערבסט איז שוין אַריבער
און די רעגענס זענען שוין פערבײַ,
די בליטען האָבען זיך געוויזען אויף דר'ערד;

די צייט פון נאַכטיגאַל איז אָנגעקומען,
און די שטימע פון דער טירקעל-טויב הערט זיך אין אונזער לאַנד.
עס זענען צייטיג געוואָרען די שפּראָצען פון'ם פייגענבוים,
און די בליטען פון די וויינשטאָק-בוימער האָבען אָנגעהויבען שמעקען.
שטעה אויף, געליעבטע מיינע, שענהייט מיינע,
און געה דיר!

— — — — — — — — — — — —

ביז עס וועט אַ בלאָז טהון דער טאָג
און די שאָטענס וועלן אַנטלויפען,
וועל איך געהן צו דעם באַרג פון די מירטע
און צו די היגלען פון'ם וויירויך
מיט מיר פון לבנון, כלה!
מיט מיר פון לבנון וועסטו געהן.
דו וועסט אַראָבקוקען פון'ם שפּיץ-באַרג אמנה,
פון די שפּיץ-בערג שניר און חרמון,
פון די לייבען-הויהלען
פון די לעמפּערט-בערגער.
און שולמית ענטפערט:
קום, מיין טייערער!
מיר וועלן אַרויסגעהן אין פעלד,
מיר וועלן נעכטיגען אין די דערפער.
מיר וועלן זיך פרעהן צו די וויין-גערטנער,
מיר וועלן זעהען, צי עס האָט געבליהט דער וויינשטאָק,
צי עס האָבען זיך געעפענט די בליטען,
צי עס האָבען זיך פונאַנדערגעלאָזען די מילגראָמען —
דאָרט וועל איך געבען מיין ליעבע דיר!

און אזוי ווערט כסדר געשילדערט די שטימונג פון דער העלדין, אַלס טאָכטער פון דער נאַטור, אי'ם געגענזאַץ צו דער שטימונג פון די וועלטליכע „ירושלים'ס טעכטער", און איהר צניעות'דיגע, אונשולדיגע ליעבע געגען דער ליידענשאַפטליכער אונציכטיגקייט פון די עפענטליכע טענצערינס און זינגערינס, וואָס האָבען אָנגעפילט דאָס ווילד-אויסגעלאַסענע לעבען פון די שטאָדט-איינוואוינער.

ענדיגען ענדיגט זיך די פּאָעמא מיט דעם אפּאָטעאָז: „שטאַרק, ווי דער טוידט איז די ליעבּע... איהרע פייערדיגע פונקען זענען — אַ פלאַם פון גאָט. אַ סך וואַסערן קענען נישט אויסלעשען די ליעבּע און טייכען — וועלן זי נישט פערפלייצען״; און אויב דער דאָזיגער ליע-בּעס-הימן איז, ווי מיר האָבען שוין דערמאָהנט, אַריינגענומען געוואָרען שפּעטער אין די „הייליגע שריפטען״, איז עס געשעהען בלויז דעריבּער, וואָס יודען האָבען דאַן — זענענדיג שוין דערווייטערט פון אַזא זונען-גלאַנץ און פון אַזעלכע ליכטיגע לעבּענסבּילדער — אָנגעהויבען בּעטראַכ-טען דאָס ווערק, ווי אַ מין אַלעגאָריע, אין וועלכער די כנסת ישראל (שולמית). טענה׳ט זיך אוים מיט איהר געליעבּטען (גאָט) און גיעסט אוים פאַר איהם איהרע צערטליכסטע, הייליגסטע געפיהלען.

אַ גאַנץ אַנדער האַראַקטער, דאַגעגען, טראָגט אויף זיך דאָס צווייטע ווערק פון יענער עפּאָכע, „קהלת״. די יודישע אגדה האָט חאַ-ראַקטעריזירט די דאָזיגע בּיידע ווערק, וועלכע די טראַדיציע האָט, צוזאַ-מען מיט׳ן ספר „משלי״, צוגעשריעבּען שלמה המלך׳ן, אין דעם פּאַל-גענדען אַפאָריזם: „ווען דער מענש איז יונג, זינגט ער ליעדער (שיר השירים); ווען ער ווערט עלטער, זאָגט ער משלים (משלי); און ווען ער ווערט גאָר אַלט, זאָגט ער הבל הבלים (קהלת)״. און ס׳איז ווירקליך אַזוי: „שיר השירים״ איז דאָס ליעד פון דער לעבּענספרעהליכער יוגענד, פונ׳ם בּליהענדען פריהלינג, און דאַגעגען איז „קהלת״ די פערצווייפלונג פון דער עלטער, די בּעטריעבּטע שטימונג פון אַ מענשען, וואָס איז אי פיזיש, אי גייסטיג איבּערזעטיגט, און געפינט נישט מעהר אין לעבּען נישט קיין מאַטעריעלען גליק און נישט קיין מאָראַלישע בּערוהיגונג *). דאָס גאַנצע ווערק איז דורכגעדרונגען מיט אַ פינסטערן, פערצאָרנטען פּעסימיזם, וואָס טרעט מיט די פיס אַלע בּלומען פון לעבּען און זעהט אין דעם גאַנצען סיסטעם פון דער וועלט, — אַ נאַרעשע שפּיעל. אויך דאָ, ווי אין „איוב״, רעדט זיך וועגען גאָטספאָרכטיגקייט און פרומקייט; קהלת לאָזט אָבּער די דאָזיגע טענער פערזינקען אין דער מעלאַנכאָלי-שער שטימונג, וואָס עס רופט אַרוים די אַלגעמיינע נישטיגקייט, די אַל-געמיינע פוסטקייט פון לעבּען. די סקעפּטישע געדאַנקען פערגיפטען יע-דען גאָטספאָרכטיגען געפיהל אַלץ איינם ווי יעדעז פערגניגען, ווי יעדען

*) דובּנאָוו.

לעבענס=געניס, און אַ ביטערער פערצווייפלונגס=אויסרוף רייסט זיך פון הארצען אַרויס: „גאָרנישט מיט גאָרנישט, אַלץ איז גאָרנישט!"

נאַרעש און מאַנאָטאָן איז דער גאַנג פון די מעשים אין דער נאַטור, וואָרום „אַ דור געהט אַוועק און אַ דור קומט און די ערד בלייבט אייביג שטעהן; וואָס עס איז געוועזן, דאָס וועט זיין, און וואָס ס'איז איינמאָל געשעהען, וועט געשעהען נאָכאַמאָל — און ס'איז קיין גייעס נישט פאַרהאַן אונטער דער זון". לעבען און שטערבען, זוכען און פערלאַנגען, פאָרשען און דערגעהן — „דאָס איז אויך אַ פערבלענדעניש פון גייסט, וואָרום וואָס מעהר חכמה, אַלץ מעהר פערדרוס, און וואָס מעהר וויסען — אַלץ מעהר וועהטאָג". געניסען פון די ערדישע פערגניגענס קען אויך נישט גערעכענט ווערן פאַר קיין בעפרידיגונג: „דאָס איז אויך גאָרנישט". עס קומט אַלזאָ ממילא אויס, אַז דער נאַר און דער חכם, דער רשע און דער צדיק — אַלעמענס גורל איז גלייך, און דאָס בעסטע פאַר'ן מענשען איז, „ער זאָל עסען און טרינקען און זיך לאָזען וואויל געהן אין זיין מאַטערניש", ווייל דאָס איז אויך פון גאָט געגעבען.

אים געגענזאַץ צו דעם גייסט פון נסים און איבערנאַטירליכע וואונדער, וועלכער הערשט אין די פריהערדיגע פראָזאַאישע און פאָעטישע ווערק פון דער ביבעל, בעמיהט זיך קהלת פעסטצושטעלען די צוועקמעסיגקייט פון דער נאַטור און דעם אייביגען זיכערן גאַנג פון די געשעהענישען אינ'ם וועלטאַל; גראָד דער געדאַנק פערזוכט איהם אָבער אויך טיפע ליידען, ווייל ער קען נישט צוזעהן דעם סיסטעמאַטישען נצחון פון דאָס שלעכטע איבער דאָס גוטע, פון דער אַכזריות איבער דער גערעכטיגקייט: „און איך האָב צוגעזעהען די אַלע רויבערייען, וואָס טוען זיך אָב אונטער דער זון, און אָט איז די טרער פון די בערויבטע, וואָס האָבען קיין טרייסטער נישט" — — —; „און איך לויב די טוידטע, וועלכע זענען שוין געשטאָרבען, בעסער פון די לעבעדיגע, וואָס לעבען נאָך; און בעסער פון די ביידע — דעם, וואָס איז נאָך גאָרנישט געוועזן, וואָס האָט נישט געזעהען די שלעכטע מעשים, וואָס טוען זיך אָב אונטער דער זון".

און פון דעם דאָזיגען פינסטערן, סקעפּטישען פעסימיזם, קעהרט ער זיך אָפּט צוריק אום צו די טרייסטענדע טענער פונ'ם עפּיקורעאיזם: „פרעה דיך, בחור, אין דיין קינדהייט און לאָז דיר דיין הארץ וואויל געהן אין די טעג פון דיין בחור'שאַפט און געה אין די וועגען פון דיין

הארץ און (פאָלג) די וועהינגען פון דיינע אויגען, און טו אָב דעם כעם פון דיין הארצען און דערווייטער דאָס שלעכטע פון דיין לייב, דען די קינדהייט מיט דער יוגענד זענען — גאָרנישט".

דאָס איז אָבער נישט די אייגענטליכע פילאָזאָפישע לעזונג פון דעם אונענדליכען לעבענס-פּלאָנטער. קהלת ראַט דעם מענשען צו לעבען, צו געניעסען פון לעבען, צו עקספּלאָאטירען דאָס אַלץ, וואָס דאָס לעבען איז אימשטאַנד צו געבען, — נישט ווייל דאָס איז דער זין פון לעבען, נישט ווייל ער זעהט אין דעם די אינערליכע אידעע פון דער וועלט-הנהגה, נאָר ווייל דאָס איז אַ מיטעל אויף צו פערטויבען דעם שרעקליכען „יתוש", וואָס הערט נישט אויף צו לעכערן דעם מענשליכען מוח מיט זיינע אייביגע שאלות און ספקות.

ענדיגען ענדיגט זיך דאָס ווערק מיט דעם צוגעגעבענעם גאָטס-פאָרכטיגען פסוק: „דאָס לעצטע וואָרט: אַלץ איז געהערט געוואָרען; האָב מורא פאַר גאָט און היט אָב זיינע מצוות, דען דאָס איז דער גאַנצער מענש" (דער גאַנצער זין פון לעבען), און אַ דאַנק דעם, ווי אויך אַ דאַנק דער טראַדיציע, וואָס האָט צוגעשריבען דאָס ווערק דעם קעניגליכען מחבר פון „שיר השירים" און „משלי", — איז „קהלת" אריינגענומען געוואָרען אין דער רייהע פון די ביבעל-ווערק.

דאָס איז געווען די פרוכט פון דער יודישער געדאַנקען-טעטיגקייט אין יענער עפּאָכע פון וואוילשטאַנד און פאָלקס-גליק; באַלד אָבער האָבען זיך אָנגעהויבען וואָלקענס צו ווייזען אויף דעם הימעל פון יהודה און פון דער יהודה'שער בעפעלקערונג. אין דער פאַמיליע פון דעם קעניגליכען אַרענדאַטאָר יוסף בן טוביה האָבען זיך אָנגעהויבען גרויסע מחלוקות, און דאָס האָט זיך שלעכט אָבגערופען אויך אויף דער פּאָליטישער לאַגע פון לאַנד; אָנגעהויבען האָט זיך די מחלוקת צווישען יוסף'ס זיבען זיהן פון זיין ערשטער פרוי און דעם יונגסטען זוהן, הורקנוס, די פרוכט פון יוסף'ס נישט גאַנץ-כשר'ן פערקעהר מיט זיין ברודער'ס טאָכטער סאָלימיע. אַ דאַנק זיינע בעסערע פעהיגקייטען און זיין געשיקטקייט, איז הורקנוס געוואָרען דער ליעבלינג פון'ם אַלטען אַרענדאַטאָר, און ווען בײַם קעניג פילאָפּאַטאָר איז אונערוואַרטעט אַ זוהן געבוירען געוואָרען (210) און אַלע פערטרעטער פון צעלאָסיריען האָבען זיך געקליבען קיין אַלעקסאַנדריע צו בעגריסען די בעגליקטע קעניגליכע עלטערן און זיי מתנות צו ברענגען, האָט יוסף, נישט קענענדיג אַליין פאָהרען, אויסגעקליבען זיין יונגסטען זוהן, אַלם דעם פּאַסענדסטען קאַנדידאַט

אויף צו פערטרעטען זיין פלאץ ביי דער דאזיגער פייערליכער מיסיע. די עלטערע ברידער האט עס, נאטירליך, שטארק געקרענקט און זיי האבען געגעבען א וואונק אין אלעקסאנדריע, מ'זאל איהם אברוימען פון וועג; דאס האט זיך זיי אבער נישט איינגעגעבען: דער געשיקטער הורקנוס האט זיך גלייך ערווארבען די סימפאטיע פון גאנצען הויף און מיט זיינע פערשווענדערישע מתנות — הונדערט שענע שקלאפען פאר'ן קעניג און אזוי פיעל שענע שקלאפינס פאר דער קעניגין, וועלכע האבען אלע געהאלטען אין די הענד צו איין טאלאנט אויף איבערצוגעבען עס זייערע נייע געביטער — האט ער אין שאטען געשטעלט אלע איבעריגע פערטרעטער פון לאנד. און דערמיט אליין האט זיך נאך זיין ערפאלג נישט געענדיגט; ער האט מיט זיין אינטעליגענץ און שארפזיניגען וויץ פילאפאטאר'ן אליין בעצויבערט, און איז זיין נעהנטסטער ליעבלינג געווארען. שטאלץ און טריאומפירענדיג האט זיך דאן הורקנוס צוריקגעקעהרט קיין ירושלים; און וויעדער האבען זיינע ברידער געלויערט אויף איהם אין מיטען וועג מיט זייערע מענשען, אום איהם צו דער'הרג'נען. דאס גליק האט איהם אבער אויך דאס מאל נישט פערלאזען, און ארויסטרעטענדיג צוזאמען מיט זיינע בעגלייטער געגען די אנפאלער, האט ער צוויי פון זיינע ברודער געטויט.

הורקנוס איז בשלום אהיים געקומען. דא האט אבער דער צארעניגער פאטער אנגעהויבען צו איהם טענות צו האבען פאר אלע זיינע לעצטע מעשים און בעזונדער פאר די אונגעהויערע סומען געלד, וואס ער האט פערשוועגדעט; דאס האט געבראכט דערצו, אז הורקנוס האט נישט געקענט לענגער בלייבען אין ירושלים און איז אוועק צוריק קיין אלעקסאנדריע.

אין א קורצע צייט ארום איז יוסף געשטארבען (208), און דאן האט זיך די מחלוקת צווישען די קינדער נאך שטארקער צופלאקערט. די שטייער-ארענדע צוזאמען מיט די אלע דערמיט פערבונדענע הכנסות און כבודים איז, ווארשיינליך, איבערגעגאנגען צו פילאפאטאר'ס ליעבלינג, ד. ה. צו דעם יונגסטען פון יוסף'ס זיהן. דער האס פון זיינע ברידער צו איהם איז געוואקסען, און ווען ער איז קיין ירושלים געקומען, אום איבערצונעהמען די שטייער-פערוואלטונג, זענען זיי אפען ארויסגעטרעטען געגען איהם און אנהענגער געזאמעלט, אום מיט געוועהר אין די הענד איהם פון שטאדט צו פערטרייבען. נאטירליך האט הורקנוס אויך נישט געשוויגען, און ארגאניזירט א גאנצע פארטיי פון זיינע אנ-

העָנגער, וועלכע זענען גרייט געוועָן אַרויסצוטרעטען אין אַן׳אָפּענער בלוטיגער בירגער-מלחמה. און געקומען איז דער קאַמף ביז אַזוי ווייט, אַז די עלטערע ברידער, אָדער ווי מ׳האָט זיי גערופען די טוביה׳אידען, האָבען זיך, אין צוזאַמענהאַנג מיט די פּאָליטישע געשעהענישען פון יענער צייט, גלייך ערקלערט פאַר אָפענע אָנהענגער פון דער סעלייקי׳דישער דינאַסטיע, און צו זייער צד איז צוגעשטאַנען אויך דער כהן גדול שמעון II, דער זוהן פון יענעם חוניו II, וועלכער האָט געפיהרט אַן׳אַגיטאַציע געגען די תלמי׳אידען נאָך פאַר פּטאָלאָמעאוס עוערגעט III. הורקנוס איז דאַן אַנטלאָפען קיין אַלעקסאַנדריע, אום זיך צו בעקלאָגען געגען די ברידער; דאָרט האָט זיך אָבער דערווייל די לאַגע אינגאַנצען געענדערט און קיינער האָט זיך אויף איהם נישט אומגעקוקט. זיין בעשיצער, דער קעניג פילאָפּאַטאָר, איז געשטאָרבען, איבערלאָזענדיג נאָך זיך אַלס טראָנפאָלגער דעם מינדעריעהריגען פּטאָלאָמעאוס V עפּיפאַנוס; דאָס האָט אַרויסגערופען אין די עגיפּטישע רעגיערונגס-קרייזען אַ גאַנצע איבערקעהרעניש, און מיט דער שוואַכקייט פון דעם תלמי׳אידישען הויף האָבען זיך דערווייל געוואָלט בענוצען די ביידע שכני׳שע שטאַרקע מלכים, אנטיוכס דער גרויסער פון סיריען און פיליפּ פון מאַקעדאָניען, אום צו פערחאַפען גאַנץ עגיפּטען מיט אַלע פּראָווינצען.

ווי געזאָגט, האָט זיך אין ירושלים שוין געהאַט אויסגעבילדעט אַ שטאַרקע פּאַרטיי מיט׳ן כהן גדול אָן דער שפּיץ, וואָס האָט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון דעם סעלייקיד אנטיוכס; דאָס האָט דעם לעצטען געגעבען די מעגליכקייט מיט גאַנץ לייכטע קרעפטען איינצונעהמען יהודה. די טוביה׳אידען האָבען פאַר׳ן קעניג פון סיריען די טויערן פון ירושלים געעפענט און איהם בעגריסט; די אָנהענגער פון דעם עגיפּטישען הויף, האָבען זיך אויך געמוזט אונטערגעבען דער שטאַרקערער מאַכט. אַזוי איז יהודה נאָך הונדערט יאָהר עקזיסטירען אַלס אַ טייל פון צעלאָסיריען אונטער דער אויבערהערשאַפט פון די פּטאָלאָמעער, איבערגעגאַנגען אין דעם רשות פון די סעלייקידען (202).

די אַלעקסאַנדרישע רעגיערונג האָט זיך אָבער אַזוי לייכט נישט אונטערגעגעבען, און אָנשטרענגענדיג די לעצטע כחות, האָט זי אַרויסגעשיקט דעם אַטאָלישען קריעגספיהרער סקאָפּאַס מיט אַן׳אַרמעע פון געדונגענע סאָלדאַטען, אום דעם קאַמף געגען די סירישער אונטערצונעהמען און זיי אַרויסצושטופען פון די פערחאַפטע פּראָווינצען אַרום ירדן. אומזיסט האָבען זיך דאַן די טוביה׳אידען מיט זייערע אָנהענגער אָנגע-

שטרענגט, אויסצוהאַלטען דעם אָנגריף פון דער דאָזיגער אַרמעע און ניט אַרונטערצופאַלען ווידער אונטער דער געוואַלט פון די פּטאָלאָמעער — סקאָפּאַס מיט זיין ווילדער מחנה האָט ירושלים מיט'ן שטורם איינגענומען און אין שטאָדט אַ חורבן אָנגעמאַכט. מיט אַ וואוטיגען צאָרן האָט ער זיך אויפ'ן בית־המקדש אַרויפגעוואָרפען און אַלע מיטגלידער פון דער סעלייקידישער פּאַרטיי זענען דורך איהם גע'הרג'ט אָדער אַכזריות'דיג געפייניגט געוואָרען. אַ סך איינוואוינער פון ירושלים זענען דאַן אַנטלאָפען פון שטאָדט און, אום די איבערגעבליבענע פון דער בעפעלקערונג אין דער מורא צו האַלטען, האָט ער זיך אַ וויכטיגען פּונקט גלאָזען און בעזעצט מיט סאָלדאַטען די פעסטונג באַריס אָדער עקרא, אין צפון־מערב זייט פון בית־המקדש.

נאָך דעם אַלעמען אָבער איז סקאָפּאַס'ן דאָך ניט געלונגען, פּאַקטיש אָבצונעהמען צוריק פאַר דער עגיפּטישער קרוין די צעלאָסירישע פּראָווינצען. אין דעם שענעם טאָל צו־פוסענס פון באַרג חרמון, ביי די שטראָמען פון ירדן, האָט זיך אַ בלוטיגע שלאַכט צופלאַקערט, אין וועלכער סקאָפּאַס מיט זיין מחנה איז אינגאַנצען צושלאָגען געוואָרען. ווידער איז אַנטיוכס געוואָרען דער הערשער פון דעם גאַנצען ראַיאָן, אין וועלכען ס'איז אַריינגעגאַנגען אויך יהודה, און ווידער האָט זיך אין ירושלים די ביטערע מחלוקת אָנגעהויבען. יהודה איז געגליכען געווען אין יענער צייט צו אַ שיף אין מיטען אַ שטורמדיגען ים, וואָס ווערט געשליידערט פון איין זייט אין דער אַנדערער. ביידע קריעג־פיהרענדע פּאַרטייען האָבען דעם לאַנד שווערע וואונדען געלאָזען און פיעל פון די איינוואוינער זענען אין געפאַנגענשאַפט אַוועקגעפיהרט געוואָרען.

געזיעגט האָט אָבער דאָך די סעלייקידישע פּאַרטיי, און ווען אַנטיוכס איז צוגעקומען מיט זיין אַרמעע — נאָכדעם, ווי ער האָט שוין געהאַט איינגענומען די פּראָווינצען אַבילאַ און שומרון פון ביידע זייטען ירדן — צו די טויערן פון דער הייליגער שטאָדט, זענען די אָנגעזעהענסטע מיטגלידער פון דער קהלה צוזאַמען מיט די כהנים איהם אַרויסגעגאַנגען אַנטקעגען, האָבען איהם מיט פּאַראַד אַריינגעפיהרט אין שטאָדט און לעבענסמיטעל געגעבען פאַר דער אַרמעע און די עלעפאַנטען. די עקרא־פעסטונג איז אָבער נאָך בעזעצט געווען מיט אַטאָלישע סאָלדאַטען, און אין דעם קאַמפף, וואָס אַנטיוכס האָט אונטערגענומען, אום צו פערניכטען דעם דאָזיגען שפּור פונ'ם עגיפּטישען גאַרניזאָן, האָבען איהם די איינוואוינער פון ירושלים פיעל געהאָלפען.

אַנטיוכס, וואַהרשײַנליך, האָט זעהר אָבגעשאַצט די דאָזיגע הילף פון דעם יודישען מיטגעפיהל, און דערום האָט ער אָנגעזאָגט זײַן שר תלמי, אַז ער זאָל זיך בעגעהן מיט חסד. ער האָט אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל, צו רעמאָנטירען דעם בית־המקדש און אָבצובויען די חורבות פון שטאָדט. אַנטיוכס האָט דעם יודישען פאָלק געשאָנקען פיעל זכיות און איהם ערלויבט צו האָבען אַן׳אינערליכע, אייגענע פערוואַלטונג לויט די אייגענע געזעצען. אויסער דעם האָט ער פערוועהרט אַלעמען, וועלכע געהערען נישט אָן צו דעם יודישען פאָלק, מיט געוואַלד אַרײַנצורײַסען זיך אין בית־המקדש און אַרײַנצוברענגען אין ירושלים נבלות און פגרים, כדי נישט מטמא צו זײַן די הייליגע שטאָדט.

אַנטיוכס איז אויף אַזאַ אופן געבליבען דער העררשער פון סוריא צוזאַמען מיט יהודה. ער האָט זיך אָבער מיט דעם אַליין נישט בעגנוגענט, איהם האָט געצויגען צו מצרים און איהרע אומגעגענדען, וועלכע חעלען, ווי עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען, זײַן גרינג צו בעקעמפּפען, דערפאַר וואָס זיי האָבען זיך געפונען אונטער דער מאַכט פון אַ נישטווירדיגען העררשער. און ווען די רוימער, זיגענדיג נײַע מלחמות, נאָכדעם ווי זיי האָבען אײַנגענומען קרתגא און מנצח געווען דעם בעריהמטען האַניבאַל׳ען, האָבען איהם צוגעזאָגט זייער הילף, האָט ער, אַנטיוכס, שוין דאַן פערקלעהרט אַ פּלאַן, ווי אַזוי צו בעזיגען די רוימער גופא און צו פערחאַפּען גאַנץ קליין־אַזיען צוזאַמען מיט דעם אַלטען גריכענלאַנד. אין די קליינע מדינה׳לעך פון קליין־אַזיען, וועלכע זענען שוין געווען איהם אונטערגעוואָרפען, האָט ער בעזעצט פיעל פאַמיליעס פון יודען, האַלטענדיג צו זיי אַ בעזונדער צוטרוי און גלויבענדיג, אַז צווישען די פײַנדליכע בעזיגטע עלעמענטען, וועלכע זענען איבערהויפּט בעשטאַנען פון גריכען, וועלען די איהם איבערגעגעבענע יודען דיענען אַלס אַ זיכערע שטיצע. אַנטיוכס האָט די דאָזיגע קאָלאָניסטען־עמיגראַנטען געשאָנקען אויך אַלע בירגערליכע רעכט און נאָך צוגעגעבען פיעל גרויסע הנחות. די דאָזיגע פאַמיליעס האָבען געלעגט דעם ערשטען פונדאַמענט פאַר די יודישע קהלות אין די קליין־אַזיאַטישע שטעדט — אין עפעס, פאַרדעס און פערגאַם. אין זייער נײַעם פאָטערלאַנד האָבען זיי אײַנגעהיט זייער צוגעבונדענקײַט צו יהודה, צו ירושלים, צום בית־המקדש אין אַ משך פון הונדערטער יאָהרען.

די וואַקסענדע מאַכט פון זײַן העררשאַפט האָט אָבער אַנטיוכס אַליין מיט זײַנע אייגענע הענד פערניכטעט, האָבענדיג אַ צו הויכע פאַר־

שטעלונג וועגען זיין אונבעגרענעצטער גרויסקייט. ער האט זיך נישט געוואלט רעכענען מיט דעם וואוקס פון דער רוימישער מלוכה. אנטיוכס האט זיין פאליטיק געפירט מיט א זינלאזער דרייסטקייט; די רוימער, וועלכע ער האט געגלויבט ארויסצוטרייבען פון גריכענלאנד מיט דער הילף פון בלויזע אנשרעקונגען, האבען איהם (190) אזוי צוקלאפט (ביי מאגנאזיע), אז ער האט געמוזט זיי אבגעבען אלע זיינע שטעדט אין גריכענלאנד און קליין-אזיען, זיין גאנצען פלאט און דערצו נאך זיך מתחייב זיין אין א משך פון צוועלף יאהר צו צאהלען קאנטריבוציע, פונפצעהן טויזענד טאלאנטען יעהרליך. צו פערזיכערען דעם אבמאך און די קאנטריבוציע, האט ער געמוזט שיקען קיין רוים אלס משכון זיין צווייטען זוהן אנטיוכס עפיפנוס, אויף וועלכען ס'איז שפעטער אויסגעפאלען דער גורל אריינצושרייבען א בלוטיגען בלאט אין דער געשיכטע פונ'ם יודישען פאלק. זעהר שלעכט האט זיך אבגעשפיעגעלט אויף דער סליקוס-מלוכה דער בלוטיגער טעות פון אנטיוכס בנוגע צו זיינע אייגענע קרעפטען; אום אומשטאנד צו זיין איינצוצאהלען יעהרליך אין רוים אזא גרויסע סומע פאר די מלחמה-הוצאות, האט ער, דער מלך פון סוריא, געמוזט רויבען די הייליגטומען פון די אונטערטעניגסטע פעלקער; דאס האט, געוועהנליך, ארויסגערופען געגען איהם א ביטערע שנאה און זאגאר די רוהיג-געשטימטע פעלקער האט עס גערופען צום ווידערשטאנד. אנטיוכס, וועלכער האט זיך גערופען דער גרויסער, איז ווירקליך דער'הרג'עט געווארען ביי אזא אנפאל. זיין זוהן האט אבער נישט אויפגעהערט צו בערויבען די אונטערדריקטע פעלקער, און געבראכט ענדליך דערצו, עס זאל אבגעשוואכט ווערען די מלוכה פון די סיליוקידען און אין דער יודישער מלוכה זאל אנ'אויפשטאנד אויסברעכען.

דערווייל האט זיך נאך אבער אין יהודה אלץ געפירט אויפ'ן אלטען שטייגער. דער העלעניסטישער גייסט, וועלכען דער מוכס יוסף האט אריינגעבלאזען אין ירושלים, האט זיך אלץ טיעפער איינגעווארצעלט אין לאנד. די יודישע גריכען, די העלעניסטען, האבען געבילדעט א שטארקע פארטיי אין פאלק, וואס איז הויפטזעכליך בעשטאנען, נאטירליך, פון די רייכע אריסטאקראטישע פאמיליעס, וועלכע זענען פערבלענדעט געווארען פון דעם גלאנץ פון דער גריכישער קולטור. צו דער דאזיגער פארטיי האט אויך אנגעהערט דער כהן גדול ישוע, וועלכער האט אין זיין נייגונג צום העלעניזם זאגאר זיין נאמען איבערגעענדערט אויף יזון, כדי עס זאל קלינגען מעהר גריכיש. די מעשים פון כהן גדול

האָבען שוין ממילא נאָכגעטהון פיעל אַנדערע פון די בני אהרן, און דאָס האָט בעזונדער שטאַרק געווירקט אויף די ברייטערע פאָלקס=מאַסען. אָן דער שפּיץ פון דער העלעניסטישער פּאַרטיי זענען געשטאַנען יוסף דעם מוכס׳ניקס זיהן און אייניקלעך, וועלכע האָבען געבילדעט אינאיינעם אַ פערדאָרבענע באַנדע פון געלדגייציגע לייט. דער הויפּט ציעל פון די אָנפיהרער פון דער דאָזיגער פּאַרטיי איז געוועזען, צו געפעלען אַנטיוכס׳ן, וועלכער איז געוועזען אַליין אַ גריך און האָט זעהר געשעצט דעם גריכישען פאָלק און די גריכישע קולטור, חאָטש ער האָט זיך נישט געמישט אין די אינערליכע רעליגיעזע אַנגעלעגענהייטען פון יהודה.

אין׳ם היסטאָרישען לעבען פון יעדען פאָלק, וועלכעס איז נאָך גענוג לעבענספעהיג, פּאַסירט עס אָפט, אַז איין עקסטרעם, איין צושטאַרקע נייגונג צו איין זייט, רופט אַרויס אַ צווייטען עקסטרעם, אַ צושטאַרקע נייגונג אין דער צווייטער זייט. די, וואָס האָבען מיט טיעפען בעדויער און צאָר׳ן זיך צוגעקוקט צו די שטרעבונגען פון די העלעניסטען, האָבען זיך פעראייניגט אין איין געזעלשאַפט, וועלכע האָט זיך געשטעלט אַלס ציעל, פעסט צו האַלטען ביי דער איינענער אמונה און ביי די איינענע פאָלקס=מנהגים און היטען די תורה, ווי דעם שוואַרצאַפּעל פון אויג. זיי האָבען זייער געזעלשאַפט אַ נאָמען געגעבען „כת חסידים“. די דאָזיגע חסידים, אין גענענזאַץ צו די מופקרים׳דיגע העלעניסטען, האָבען גערעכענט יעדע קלענסטע אָבנייגונג פון דעם יודישען געזעץ פאַר אַ פערברעך געגען גאָט און געגען פאָלק. קיין שאַרפערע הפכים פון די צוויי פּאַרטייען קאָן מען זיך נאָרנישט פאָרשטעלען; זיי האָבען געקוקט איינע אויף די צווייטע, אַזוי ווי ווען זייערע מיטגליעדער וואָלטען גאָרנישט געוועזען קיין קינדער פון איין פאָלק און קיין ברידער פון איין פאַמיליע. דאָס, וואָס ביי די העלעניסטען איז פעררעכענט געוועזען פאַר אַ אידעאַל, פאַר אַ ציעל, האָבען די חסידים גערעכענט פאַר אַ פערברעך, פאַר אַ פערדאָרבענעם זינד, פאַר אַ פעררראַט. זייערע געגנער האָבען זיי אָנגערופען „רשעים“ און „בוגדים“. די העלעניסטען, האָבען געקוקט ווידער, אויף אַלץ, וואָס איז געוועזען טייער און הייליג ביי די חסידים, ווי אויף ווילדקייטען און נאַרעשקייטען, און האָבען אין דעם געזעהען אַ הינדערניש פאַר׳ן גליק פון דער יודישער געמיינדע. צו די חסידים, וועלכע האָבען זיך ווירקליך אויסגעצייכענט מיט זייער שטרענגער עהרליכקייט און מיט זייער אונצווייפעלהאַפטער פרומקייט האָבען געהערט די בעריהמטע חכמים יוסי בן יועזר איש צרידה און יוסי בן

יוחנן איש ירושלים. דאָס זענען שעפּפער פון צוויי ריכטונגען אין יודישען רעליגיעזען לעבען. דער ערשטער האָט איבערהויפּט צוגעגעבען אַ גרויסע בעדייטונג דעם ענין פון לערנען די תורה (למוד), דער צווייטער ווידער האָט בעזונדער שטאַרק געהאַלטען פון מקיים זיין די תורה (מעשה). יוסי בן יועזר פלעגט זאָגען: זאָל דיין שטוב זיין אַ פערזאַמלונגס=הויז פאַר תלמידי חכמים, וואַלגער דיך אין דעם שטויב פון זייערע פיס און טרינק מיט דורשט זייערע רייד; זיין חבר יוסי בן=יוחנן פלעגט אָבער לערנען: זאָל דיין שטוב זיין ברייט פאַנאַנדערגעעפענט, זאָלען די אָרימע זיין דיינע הויז=לייט און מייד אויס דאָס איבעריגע שמועסען מיט דער פרוי. די מעהרהייט פון פאָלק, ווי דאָס פאַסירט שטענדיג, איז נישט צוגעשטאַנען נישט צו דער, נישט צו יענער פון די עקסטרעמע פּאַרטייען — דעם המון איז פון איין זייט געפעלען געוואָרען דאָס אויסערליך גלאַנציגע און פרעהליכע לעבען פון די גריכען און ער האָט נישט געקענט מיט=שטימען מיט דער גרויזאַמער שטרענגקייט פון די חסידים; ער האָט אָבער אויך נישט געשעצט די גרויסע התעלות פון די העלעניסטען פאַר דער גריכישער קולטור. די מאַסע האָט נישט געקאָנט זיך שיידען מיט איהר פערגאַנגענהייט און נאָך מעהר האָט זי נישט געקאָנט דערלאָזען אינגאַנצען עס צו פערניכטען דורך די נייע איינפיהרונגען און גריכישע נאָכאַהמונגען. אין דעם ליידענשאַפטליכען קאַמפף צווישען די חסידים און די העלעניסטען, האָבען ענדליך, געמוזט זיך אריינמישען די פאָלקס=מאַסען.

די פרומע נאַציאָנאַליסטען האָבען נאָך פעסט געהאַלטען אין זייערע הענד די הנהגה אין ירושלים. אָן דער שפּיץ פון די דאָזיגע איז געשטאַנען דער כהן גדול חוניו III, שמעון דעם צווייטענס אַ זוהן, וועלכער איז אין דער זעלבע צייט געווען אויך זייער פּאָליטישער אָנפיהרער. דאָס איז געווען אַ גאַנץ אויסגעצייכענטער מענש און חאָטש ער איז פון דער נאַטור געווען ווייך און נאָכגיעביג, איז ער דאָך געווען העכסט אייפעריג אין דער בעציהונג צו דער תורה; אַ פיינד פון די רשעים און אַ שיצער פון די חסידים, האָט ער מיט דער גרעסטער שטרענגקייט איינגעצוימט די שטרעבונגען פון די העלעניסטען און דערום האָבען זיי איהם שרעקליך פיינד געהאַט. זיינע הויפּט=געגנער זענען געווען דריי בירגער פון אַ בעריהמטע פאַמיליע פון שבט בנימין, וועלכע האָבען זיך כמעט אַלע גלייך אויסגעצייכענט מיט זייער נאַרע=

שער דרייסטקייט. דאס זענען געווען: שמעון, חוניו (דער זעלבער האט זיך אויך גערופען מיט'ן גריכישען נאמען מענעלאס) און ליזימך. צו זיי דארף מען צורעכענען אויך די טוביה'אידען. די לעצטע האבען זיך פיינדליך בעצויגען צום כהן גדול נישט בלויז דערפאר, וואס ער איז געווען געגען זייערע נייע גריכישע איינפיהרונגען, נאר אויך צוליעב דעם, וואס ער איז געשטאנען אין פערבינדונגען מיט הורקנוס'ען, וועלכען זיי האבען געהאסט נאך פון די אלטע צייטען. אט דער הורקנוס, האט זיך, ווי ס'ווייזט אויס, ענדליך ערווארבען די סימפאטיע פון דעם יונגען אלכסנדרישען מלך, תלמי דעם פינפטען, און ער האט א דאנק דעם בעקומען די חכירה (ארענדע) פון די אבצאהלונגען אין די געגענדען פון יענער זייט ירדן. דארטען אין די געגענדען פון חשבון און מי-דיבו, האט ער אויסגעאיבט זיינע פליכטען מיט דער זעלביגער אונבארמהערציגקייט, מיט וועלכער ס'איז זיך בעגאנגען אויך זיין פאטער, יוסף, אין צעלאסוריא. ער האט צונויפגעזאמעלט גרויסע רייכטימער און נישט ווייט פון חשבון האט ער זיך א פאלאץ אויפגעשטעלט אויף א בארג, וועלכען ער האט ארומגעצוימט מיט א גרויסער פעסטונג, וואס האט בעקומען דעם נאמען צור.

מורא האבענדיג צו האלטען ביי זיך איבעריגע אוצרות, פלעגט הורקנוס פון צייט צו צייט זיינע געלד און זילבער אריבערשיקען קיין ירושלים, כדי צו בעהאלטען עס אין בית-המקדש, וועלכען די געצענדיענער זאגאר האבען געהאלטען פאר אונבעריהרליך. הורקנוס איז געשטאנען אין פריינדליכע בעציהונגען מיט'ן כהן גדול און האט איהם דערום אנגעטרויט זיין געלד; צוליעב דעם און צוליעב זיין שנאה צו דער גריכישער קולטור, וועלכע די העלעניסטען האבען געוואלט איינפלאנצען אין יהודה, האט שמעון, דער אנפיהרער פון דער העלעניסטישער פארטיי, צוזאמען מיט די טוביה'אידען, אזוי שרעקליך פיינד בעקומען דעם פרומען כהן-גדול חוניו, אז אין ירושלים האט געמוזט שנעל אויסברעכען א ביטערליכער ברידער-קאמפף. שמעון האט אויך געהאט א שטעלע אין בית-המקדש און ער האט, ווי ס'שיינט, אומעטום זיך געמיהט צו בילדען אנ'אפאזיציע געגען דעם כהן-גדול. אום אנ'ענדע צו מאכען צו דער לאגע, האט חוניו ארויסגעטריבען פון בית-המקדש שמעונ'ען און צוזאמען מיט איהם אויך טוביה'ס פאמיליאנטען. דערמיט אבער האט ער נאך פונאנדערגעבלאזען דעם פייער פון מחלוקת.

שמעון — צי ער אַליין, צי מיט דער הילף פון זיינע פּאַרטייט האָט אויסגעאַרבייט אַ ניעדערטרעכטיגען פּלאַן, ווי אַזוי נקמה געהמען פון זיין הויפּט־פיינד. ער האָט זיך געווענדעט צום אָנפיהרער פון חיל אין צעלאָסוריאַ און פיניצעאַ, צו אַפּאָלאָניוס, און אָנגעוויזען אויף דעם, אַז אין בית־המקדש פון ירושלים געפינען זיך איין אוצרות, וועלכע געהערען נישט צום גאָטעסדיענסט און האָבען בכלל קיין בעל־הבית נישט, און דערום מוזען זיי לויט דעם געזעץ אָבגענומען ווערען פאַר דער רעגירונג. אַפּאָלאָניוס האָט, פערשטעהט זיך, אומגעזאַמט צו־וויסען געגעבען דערפון דעם מלך פון סוריאַ, סיליוקוס IV (187 — 186); דער לעצטער האָט זיך דאַן זעהר גענויטיגט אין געלד, אום איינצוצאָהלען די יעהרליכע קאָנטריבוציע אין רוים און אָנהאַפּענדיג זיך אָן דעם דאָזיגען בלבול, האָט ער געגעבען אַ בעפעהל זיין שאַץ־מייסטער אליודור, ער זאָל קומען אין ירושלים און פערנעהמען די אוצרות פון בית־המקדש. ווי מען האָט געקאָנט פאָראויסזעהן, האָט חוניו נישט געוואָלט מיט'ן גוטען ווילען פאָלגען דעם אונגעזעצליכען בעפעהל. אליודור האָט אָבער דורכאויס געפאָדערט מקיים צו זיין דעם פערזאָג פון מלך; גרויס איז געווען די אויפרעגונג פון דער בעפעלקערונג אין ירושלים, ווען זיי האָבען געזעהן, ווי דער געזענדיענער האָט זיך אַריינגעריסען אין בית־המקדש, כדי איהם צוראַבירען. דאָ האָט אָבער, פּאַסירט עטוואָס אַזוינס, וואָס האָט אליודור'ן געשטערט אויסצופיהרען זיין פּלאַן. וואָס איינענטליך עס האָט דאָ געטראָפען, איז אונבעוואוסט; די מסורה דערצעהלט פון אַ נס, וואָס איז געשעהן: ווען אליודור איז אַריין אין בית־המקדש, אין קודש הקדשים, וואו אַ יוד זאָגאַר האָט נישט געטאָרט אַריינטרעטען, האָט זיך איהם בעוויזען אַ מלאך אויף אַ ווייסען פערד און האָט איהם צו דר'ערד געוואָרפען.

שמעון האָט זיך אָבער נאָך אַלץ נישט בערוהיגט און ער האָט כסדר געזוכט מיטלען, ווי נקמה צו נעהמען פון זיין פיינד דעם כהן־גדול. ער האָט זאָגאַר צוגעשיקט צו חוניו מערדער, אין דער שטיל זיין לעבען אָבצונעהמען. חוניו האָט זיך דעריבער אַרומגעזעהן, אַז די רוהיגקייט און דער שלום וועט נאָך דאַן אין ירושלים צוריק פעסט געשטעלט ווערען, ווען דער מלך וועט וויסען די ווירקליכע לאַגע פון די פּאַרטייען אין ירושלים; ווען ער, חוניו, וועט סיליקוס'ן דערצעהלען וועגען די אונרעכטען, וואָס זיינע געגנער בעגעהן אנטקעגע

געגן איהם און די חסידים און וועט בעטען ביים מלך שטיצע. ער האט דערום זיך בעשלאסען צו פאהרען קיין אנטיוכא און זיין ברודער ישוע (יזון) האט ער דערוויל געלאזען אויף צו פערטרעטען זיין שטעלע אין בית־המקדש. די דאזיגע צייט פון זיין אבוועזענהייט האבען די העלעניסטען אויסגענוצט און האבען זיך גענומען שטארקער צו זייערע מעשים. זיי העבען געוואלט דורכאויס אבנעהמען פון איהם דעם טיטול כהן־גדול און אויסקלויבען אנשטאט איהם וועמען עס איז פון זייערע. א כהן־גדול פון זייערע וואלט געווען ניט נאר דער בעל־הבית פון די אוצרות פון בית־המקדש, נאר אויך דער פיהרער פון פאלק. ער וואלט געקאנט גילער דורכפיהרען די רעפארמען אין העלעניסטישען גייסט, צו וועלכע זיי האבען געשטרעבט, און עס בעהייליגען מיט׳ן גייסטליכען אמט; ניט קוקענדיג אבער אויף דעם, וואס זיי האבען געהאלטען זייערע מעשים בסוד, איז זייער שטרעבונג דאך ענטדעקט געווארען, און דאס האט שרעקליך אויפגערעגט יענע, וועלכע האבען נישט געקאנט קוקען גלייכגילטיג אויף דעם פאקט פון ארונטערווארפען די אלטע ארדנונג און פערשוועכען די הייליגסטע זכרונות פון דער פערגאנגענהייט.

אין יענער צייט האט געלעבט דער דיכטער און דענקער בן־סירא, אליעזר׳ס זוהן פון ירושלים. איהם האבען שטארק געקרענקט די דאזיגע אלע געשעהענישען, און ער האט זיך געסטארעט צו פערהיטען פון אונטערגאנג יענע, וועלכע זענען געגאנגען אויפ׳ן פאלשען וועג. די אונארדנונגען, וועלכע ער האט אליין איבערגעלעבט אין זיין אייגענער שטאדט, האבען איהם פערשאפט זעהר פיעל פערדרוס און צער און ער האט בעשלאסען ארויסצוגעבען א ספר פון משלים, כדי אויפצווייזען דעם פאלק זיינע פעהלערען און איהם ארויפצופיהרען אויפ׳ן דרך הישר. פון יוגענד אן האט ער זיך איבערגעגעבען דער תורה, די נביאים און אנדערע הייליגע שריפטען. איבערהויפט האט ער טיעף און גרינדליך ערלערענט די משלי־שלמה און פון דארט האט ער גענומען די פארם פאר זיינע משלים.

בן־סירא האט ניט אנגעהערט צו יענע חסידים, וועלכע האבען זיך אליין אבגעזאגט פון ערלויבטע פערגעניגענס און אנדערע אויך פערבאטען צו געניסען פון לעבען. ער האט זעהר פיעל געהאלטען פון געמיינזאמע מאלצייטען מיט וויין און מוזיק, און וועגען יענע אסקעטען, וועלכע האבען געזוכט אויסצומיידען יעדע לעבעדיגע און

פרעהליכע פערוויילונג, האט ער איראָניש געזאָגט:

„הקירה־זיך מיט ליעפער געלעהרזאמקייט,
„ווי עס פאַסט פאַר דיר; נאָר ניט שטער דאס געזאַנג.
„דאָרט, וואו מ'טרינקט וויין, ניט קום מיט דיינע הקירות.
„מיהע דיך ניט צו זיין אַ חכם דאָרט, וואו דאס איז איבריג.
„ווי אַ בריליאַנטענער פינגערל אין אַ גאָלדענער פאַסונג,
„אַזוי איז דאס ליעד ביים זיסען וויין.

בן־סירא האט פערטיידיגט די מעדיצין געגען די אַנפאַלען פון יענע, וועלכע האבען עס געהאַלטען פאַר אַ גרויסע זינד, וויל נאָך זייער מיינונג שיקט גאָט אַ רפואה צו יעדער קראַנקהייט, ווען מ'איז מתפלל צו איהם. בן־סירא האט אויסגעוויזען די נויטיגקייט פון רופאים און רפואות, וועלכע גאָט אַליין האט בעשאַפען פאַר'ן מענשען. ניט מיט ווייניגער היץ האט ער געאַרבייט אויפצוהייבען דעם זיטליכען און רעליגיעזען שטאַנד פונ'ם פאָלק. מיט שטעך־ווערטער האט ער געמאָדעלט די גאוה און די פאַלשקייט פון די רייכע, וועלכע האבען געבילדעט מיט זיך די מעהרהייט פון דער העלעניסטישער פאַרטיי, — יענע, וועלכע האבען זיך געבוקט צום ממון (דעם גאָט פון געלד), געזאָגט נאָך טענצערינס און זינגערינס און בכלל אַריינגעבראַכט אין דער יודישער גאס די אַלע פעהלערן און אויסגעלאַסענקייטען פון דעם גריכישען לעבען. דערביי ווערען ביי איהם די יודישע טעכטער אויך געמאָלט נישט מיט קיין אַנציהענדע פאַרבען.

בן־סירא האט געגלויבט, אז די הויפט אורזאַך פון דער זיטליכער פערדאָרבענהייט איז די אויבערפלעכליכע בעציהונג צו דער יודישער אמונה. און ער האט זיך גענומען שטרייטען געגען דער דאָזיגער ערשיינונג. בן־סירא האט אויך בעריהרט די שווערע פראַגע, מיט וועלכער עס האבען זיך פערנומען די העכערע קרייזען אין ירושלים: די חוצפה'דיגע מעשים פון די העלעניסטען און זייער שטרעבונג אַבצונעהמען פון כהן־גדול זיין טיטול און אויסקלייבען אַנשטאַט איהם אייגעם פון זייערע. זיי האבען געשטעלט אַ פראַגע: צי דען מוז דער טיטול כהן־גדול איבערגעהן בירושה און בלייבען נאָר אין די גרענעצען פון איין פאַמיליע? געגען דעם דאָזיגען עהרגייץ און געגען דער שטרעבונג איבערצוקעהרען די אַלטע אָרדנונג האט בן־סירא גע־

קאָמפּפט אין זיינע ספרים; אָפען רעדען האָט ער אָבער נים געקאָנט און ער האָט זיך געמוזט בעגנוגענען מיט רמזים:

וואָרום אונטערשיידעט זיך איין טאָג פון'ם אנדערן,
און פון דעסטוועגען שיינט די זון אין יעדערן פון זיי?
דורך דער חכמה פון גאָט אונטערשיידען זיי זיך איינער
פון'ם אנדערן.
גאָט האָט בעשטימט ימים טובים און אנדערע טעג.
איינינגע פון זיי האָט ער ערהויבען און בעהייליגט,
די איבעריגע האָט ער בעשטימט פאַר אַרבייט.
אַלע מענשען זענען אַרויסגעקומען פון ערד:
אָדם איז בעשאַפען געוואָרען פון ערד,
און פונדעסטוועגען האָט גאָט מיט זיין חכמה זיי
פונאַנדערגעטיילט,
. . . .
איינינגע פון זיי האָט ער געבענשט און ערהויבען,
איינינגע האָט ער בעהייליגט און ערנעהנטערט צו זיך.

דער פּאָעט מיינט דערמיט צו זאָגען, דאָס אַזוי ווי די יום-טובים צייכענען זיך אויס צווישען אַלע טעג, אַזוי צייכענט זיך אויך אויס אַ וועלכע עס איז פאַמיליע מיט דעם זכות צו דינען גאָט אין בית-המקדש. אָט די אָרדנונג טאָר דער מענש נישט צושטערען. ער האָט זיך געמיהט צו דערוויזען מיט משלים פון דער יודישער פערגאַנגענהייט, מיט וועלכע גליקליכע רעזולטאַטען עס איז געווען פערבונדען די איבערגעבענהייט צו דער אמונה און צו די אַלטע טראַדיציעס און וועלכע אונגליקען עס האָבען געבראַכט די פּראָבעס, אַרונטערצוואַרפען די אַלטע אָרדנונג. צו דעם צוועק רעכענט ער אויס אַ לאַנגע רייהע פון היסטאָרישע פּערזענליכקייטען און שילדערט קורץ זייערע גוטע און שלעכטע מעשים. מיט אַנ'אָפענער כונה שטעלט זיך בן-סירא אָב אויף דעם אויפשטאַנד פון אַ באַנדע חצופים, וועלכע האָבען ווילד און שרעקליך מקנא געווען אהרן'ען. נאָר „זיי זענען אומגעקומען דורך אַ פלאַם-פייער, און אהרנ'ס שיין איז נאָך קלערער און ליכטיגער געוואָרען". דאָס איז געווען אַ רמז, אַז מיט די וועלכע שטעלען זיך געגען כהן-גדול, קאָן אויך טרעפען דאָס, וואָס עס האָט

געטראָפען מיט יענער באַנדע. ער רעדט זעהר פיעל אויך וועגען פנחס'ן, אהרן'ס זוהן; אין קורצען שילדערט ער די אונגליקליכע עפּאָכע פון צושפּאַלטונג און זינדיגקייט אין דער יודישער געשיכטע, און שטעלט זיך בעזונדער אָב אויף דער טהעטיגקייט פון די נביאים. פון דער עפּאָכע, וואָס נאָכ'ן גלות=בבל, דערמאָהנט ער נאָר זרובבל'ן, דעם כהן גדול יהושוע און נחמיה'ן. צום סוף שילדערט בן=סירא מיט מעהר סימפּאַטישע שטריכען דעם דערמאָהנטען שמעון הצדיק פון דער נאָהנטער פערגאַנגענהייט, זיינע מעשים און זיין גייסטיגע גרויסקייט. אזוי ווי די פאַמיליע פון די דעמאָלדיגע כהנים גדולים, אויך די טוביה'אידען, האָבען געשטאַמט פון שמעון הצדיק, האָט בן=סירא'ס בייַשפּיעל געדאַרפט ווירקען אויף זיי, אַלס אַ מוסר און התראה און אָבוועגדען די עהרגייציגע פון זייערע פלעגער.

אָנשטאָט דער געווינשטער אחדות האָט זיך אָבער פערשטאַרקט נאָר די קנאה און די שנאה און דאָס יודישע פאָלק איז אַ דאַנק דער טהעטיגקייט פון די זעלביגע העלעניסטען, צוגעקומען צום ברעג פונ'ם תהום.

פינפטעס קאפיטעל.

די שרעקליכע גזירות געגען דער יודישער אמונה אין דער צייט פון אנטיוכס עפיפאנוס.

אויף דער היסטארישער ארענע האט זיך בעוויזען א מענש, וועלכער האט נאך מעהר פערגרעסערט די איבּיגע אונארדנונגען אין דעם יודישען לעבען און געבראכט אויף דעם יודישען פאלק אזעלכע אונגליקען און צרות, פון וועלכע עס האט נאך קיינמאל ניט געוואוסט. דאס איז געוועזען אנטיוכס עפיפאנוס, — א מענש מיט א משונה'דיגען קאמפליצירטען כאראקטער: גוט און שלעכט, פאלש, אויסגערעכענט און אין דער זעלבער צייט פול מיט אלערליי קאפריזען, קליין אין גרויסע זאכען און גרויס אין קלייניגקייטען. די מענשען פון זיין צייט האבען זיך ניט געקאנט פונאנדערקלייבען אין זיין נאטור און ניט געקאנט פערשטעהן די אורזאך פון זיינע פערשידענע משוגעת'ן (עפילאנעס). צי האט ער באמת געהאט א גייסטיגען פעהלער, אדער ער האט נאר געטראגען א מאסקע?

די שול, וועלכע ער איז דורכגעגאנגען אין די יוגענד, האט פיעל געווירקט אויף דעם, אז ער זאל אראבגעהן פון גלייכען וועג. זיין פאטער האט איהם געשיקט אין רוים אלס אנ'ערבות פאר די מלחמה־הוצאות, וועלכע ער האט זיך אנגענומען צו בעצאהלען. אנטיוכס האט דארטען פערבראכט צוועלף יאהר. רוים איז דאן געווארען, א דאנק די נצחונות איבער קארטאגא, מאצעדאניען און סיריען — אנ'אלוועלטליכע רעזידענץ. עס האט זיך שוין אנגעהויבען

מערקען דער איבערגאנג פון קאנטאנ'ס שטרענגער זיטליכקייט צו דער צולאזענקייט פון די קלוידיוס'ן, וועלכע האט שוין אינגאנצען געטראגען אויף זיך דעם שטעמפעל פון דער גריכישער אויסגעלאסענקייט. בעזונדער אבער האט זיך אנטיוכס אויסגעלערנט אין רוים פעראכטען מענשען, נאציאנאלע אנשטאלטען און מנהגים; ער האט זיך דארט ערווארבען די גרויזאמקייט, וועלכע ווייס ניט פון קיין רחמנות, און האט ליעב זיך אנצושפיעלען מיט'ן קרבן, איידער זי מאכט פון איהם א סוף.

אנטיוכס האט גע'פועל'ט, אז אנשטאט איהם זאל מען שיקען אלס אנ'ערבות קיין רוים זיין שוועסטער־קינד דימיטריוס, דעם זוהן פון מלך סיליוקוס פילאפאטער. אנטיוכס אליין האט זיך אומגעקעהרט פון רוים קיין סוריא איבערצונעהמען דעם טראן פון זיין ברודער. איהם האט אבער אנ'אנדערער מקדים געווען: איינער פון די הויף־שרים האט דער'הרג'עט סיליוקוס'ן און פערכאפט דעם טראן (175). עס איז ניט בעוואוסט, צי אנטיוכס האט עפעס געהאט א שייכות צו דער רציחה. ער איז דאן געווען אויפ'ן וועג קיין אתונא. עמיטענעאוס, דער מלך פון פערגאם, און זיין ברודער אטאלוס, האבען געהאלפען אנטיוכס'ן ארויסטרייבען דעם מערדער עליאדארוס און ווערען מלך פון סיריען און אזיען. אנטיוכס איז אלזא ארויף אויפ'ן טראן מיט דער הילף פון בעטרוג און אונרעכט, ווייל דער כסא־המלוכה האט אייגענטליך נאר געהערט צו דעם זעלבינגען דימיטריוס'ען, וועלכער איז געשיקט געווארען אנשטאט איהם קיין רוים אלס אנ'ערבות.

די רוימער האבען בעשאטען אנטיוכס'ן מיט זייערע חסדים, האפענדיג אז דורכדעם, וואס זיי וועלען זייהען אונארדנונגען און קריעג אין דער קעניגליכער פאמיליע, וועט זיך זיי לייכטער איינגעבען אבצושוואכען די מלוכה, וועלכע זיי האבען נאך נישט אינגאנצען געהאט אין זייערע הענד; אנטיוכס האט אבער געוואלט נאך איבערשטייגען די רוימער. ער האט איינגעפיהרט אין אנטיוכיא די רוימישע גלאדיאטאר־שפיעלען, און די קריעגס־געפאנגענע אדער קנעכט האבען זיך געמוזט אזוי לאנג ראנגלען צווישען זיך, ביז איינער פון זיי איז ניט געפאלען פערוואונדעט אדער גע'הרג'עט. אנטיוכס האט בכלל ניט געהאלטען פון קיין רעליגיע. „ער האט ניט געשעצט די געטער פון זיינע עלטערען, און האט אין אלגעמיין ניט אנערקענט קיין גאט, ווייל ער האט זיך געהאלטען העכער פון אלע".

און אָט אונטער דער הערשאַפט פון אַזאַ מין בעשעפעניש, וואָס האָט נישט געהאַט אין האַרצען קיין פונק אַכטונג צו וועלכע ס'איז מענשען, געזעצען און רעליגיאָנען — האָבען זיך די יודען געפונען.

ווען צווישען די לעצטע וואָלט געווען אַחדות וואָלט אפשר אַנטיוכס זיך אַזוי פיעל ניט אינטערעסירט מיט פּאַלעסטינע; די געוואַלדיגע סכסוכים אָבער, וואָס די העלעניסטען האָבען אַרויסגערופען אין לאַנד, האָבען ממילא געמוזט פיהרען דערצו, אַז ער זאָל זיך אָנהויבען אַריינמישען אין די אינערליכע יודישע ענינים. ערשטענס האָבען די העלעניסטען איהם אויפמערקזאַם געמאַכט אויף הורקנוס'ן, וועלכער האָט געקליבען ציניז אין נאָמען פונם מצרים'שען מלך, און הורקנוס, וועלענדיג אויסמיידען די שענדליכע שטראָף, האָט זיך אַליין דאָס לעבען גענומען. דאַן האָבען זיך די העלעניסטען גענומען פערווירקליכען זייער אַלטען פּלאַן: צו אָבנעהמען פון חוניון דעם טיטול כהן גדול. חוניו'ס אייגענער ברודער, יזון, האָט צוגעזאָגט אַנטיוכס'ן אַ גרויסע סומע געלד, אויב ער וועט איהם איבערגעבען דעם טיטול כהן גדול און אַזוי ווי אַנטיוכס, — וועלכער האָט אַגב חושד געווען חוניו'ן, אַז ער איז אַן אָנהענגער פון די תלמי'ס, האָט זיך דאַן זעהר גענויטיגט אין געלד, האָט ער, נישט פיעל קלערענדיג, ערפילט זיין בקשה (174). נאָכדעם האָבען די העלעניסטען, אָדער דער כהן גדול יהושע-יזון, געבעטען אַנטיוכס'ן, אַז יענע יודען, וועלכע וועלען זיך גוט אויסלערנען די גריכישע שפּיעלען, זאָלען אַנערקענט ווערען אַלס מוקדונער אָדער אַנטיוכ'ער, אָדער זיי זאָלען בעקומען פולע בירגער-רעכט און מעגען אַן אָנטהייל נעהמען אין אַלע עפענטליכע פערוויילונגען פון די גריכען. די גריכען האָבען שטענדיג ערנסט געקוקט אויף די פערוויילונגען און האָבען זיי געהאַלטען פאַר אַ לעבענס-ציעל; די פּאַלעסטינישע און פיניציאַנישע גריכען האָבען אונטערגעהאַלטען זייער נאַציאָנאַלען פערבאַנד דורך דעם, וואָס זיי האָבען אַריבערגעטראָגען אין פרעמדע לענדער די טראַדיציאָנעלע אָלימפּישע פערוויילונג. דער, ווען די גריכען האָבען צוגעלאָזען צו זייער פערוויילונג, האָט עס געהאַלטען פאַר אַ גרויסען כבוד פאַר זיך, ווייל דאָס האָט געהייסען כמעט דאָס זעלבע, ווי מען וואָלט איהם צוגעשריבען צו דער גריכישער אַריסטאָקראַטיע. יזון און די העלעניסטען האָבען גערעכענט צו גרינדען אין ירושלים אויסער די גימנאַסטישען פערוויילונגען, אויך אַ גימנאַזיע, וואו יודען וואָלטען ערלערנט גרינדליך די גריכישע גע-

וועצגעבונג. דערמיט האבען זיי געהאפט אבצושוואכען די שנאה, מיט וועלכער די גריכען האבען פערפאלגט די יודען און ווי נאר יזון האט בעקומען אויף דעם אנ׳ערלויבניש פון אנטיוכס׳ן, האט ער אונגעזאמט אנגעהויבען איינפיהרען די גימנאסטישע איבונגען, אהן וועלכע מען האט ניט געקענט קיין אנטייל נעהמען אין די אלימפישע שפיעלערייען. צו דעם צוועק האט דער כהן גדול אבגעצוימט אנ׳ארט פאר די איבונגען, פאר דער גימנאזיע און פאר דער נידעריגער שול אין אקרא, צו צפון=מערב זייט פון בית=המקדש. וואהרשיינליך, האט מען געדונגען גריכישע לעהרער צו לערנען יודישע יונגע לייט די מלחמה=שפיעל, וועלכע איז בעשטאנען אין לויף=קאנקורסען, אין שפרינגען, אין ראנגלען זיך, און אין האנדגעשלעג.

אין גיכען אבער האבען זיך די יודען אויף די דאזיגע פערוויילונגען בעגעגענט מיט פיעל אונבעקוועמליכקייטען. בעשעפטיגענדיג זיך מיט דער מלחמה=שפיעל, האט מען געדארפט זיך אויסטאן נאקעט,—אזוי האט געפאדערט דער גריכישער מנהג. די יודישע יונגע לייט האבען געמוזט דעריבער אראבווארפען פון זיך די גאנצע בושה, שטעהענדיג נאקעטערהייד נעבען בית=המקדש, און דערצו פלעגט זיך דערביי, געוועהנליך, ארויסווייזען דער יודיש=נאציאנאלער לייב=צייכען, וועלכער האט ארויסגערופען ביי די גריכען געלעכטער און שפאט. האבען שוין יודען נאכדעם געקאנט אנ׳אנטייל נעהמען אין די אלימפישע פערוויילונגען? מ׳האט אבער דערצו אויך א מיטעל געפונען. מען האט איבער זיך געלאזט מאכען פערשיעדענע ספעציעלע אפעראציעס, כדי אויסערליך ניט זיין עהנליך צו קיין יודען. די גימנאזיע איז געווארען גאנץ גיך איבערפולט מיט שילער, יונגע כהנים פלעגען אוועקווארפען די עבודה אין בית=המקדש, כדי זיך צו בעטייליגען אין די מלחמה=איבונגען. פרומע יודען האבען מיט שרעק געקוקט אויף דעם, זיי האבען אבער געמוזט שווייגען. אפילו יזון׳ס אנהענגער אליין זענען שוין אויך אונצופריעדען געווען מיט זיינע מעשים, וועלכע האבען געפיהרט דאס יודענטום אויף דעם וועג פון פערניכטונג, און אויף דעם באדען האט זיך אבגעשפיעלט א חאראקטעריסטישע סצענע: ווען ס׳האבען געדארפט פארקומען אין צור די אלימפישע פערוויילונגען, אויף וועלכע מען פלעגט ברענגען קרבנות דעם גריכישען גאט צעאוס, וועמענ׳ס נאמען ס׳זענען געווידמעט גע=

ווען די פערוויילונגען, האָט יזון אוועקגעשיקט אהין פאָרשטעהער פון
יודען, וועלכע האָבען גוט געוואוסט די מלחמה=שפּיעל און אויף אזא
אופן האָבען זיי זיך געקענט בעטייליגען אין דעם גריכישען יום=טוב.
די קרבנות (פאַר דעם גאָט צעאוס) האָבען געפאָדערט אַ געוויסע
סומע געלד, און דאָס האָט דער כהן גדול יזון מיטגעגעבען די יו=
דישע דעלעגאַטען, וועלכע זענען, געוועהנליך, געווען ערצויגען אין
דעם גריכישען גייסט. יודען אָבער זענען די דאָזיגע דעלעגאַטען דאָך
געווען און אום צו ברענגען אַ קרבן פאַר דעם גריכישען גאָט, האָ=
בען זיי געמוזט שטאַרק קעמפּפען פריהער מיט זייער געוויסען; זיי
האָבען דעריבער אויסגענומען אַ תנאי, אַז זיי מעגען דאָס געלד פער=
נוצען אויף אַנאַנדער זאַך, אויב דאָס וועט נויטיג זיין. אַזוי טיעף
איז געווען איינגעוואָרצעלט דער יודישער בעגריף וועגען געטליכקייט
אפילו ביי די, וועלכע האָבען געהערט צו די העלעניסטישע פאַרטייען!

אין ירושלים האָט זיך דערווייל די מחלוקת צופלאַקערט ביז דער
העכסטער שטופע. יזון האָט אין גיכען אָנגעוואָרען דעם חן ביי די
העלעניסטען, אָדער צוליעב זיין עהרגייציגקייט, אָדער ווייל ס'האָבען
זיך געפונען אַזעלכע, וואָס ס'האָט זיך זיי געדאַכט, אַז ער אַרבייט
נאָך אַלץ וועניג ענערגיש אָבצושאַפען די אַלטע אָרדנונג. דורך איי=
נעם פון די אונצופריעדענע העלעניסטען, חוניו=מענעלאַס, פלעגט יזון
שיקען דעם מלך ציגוש. מענעלאַס האָט צוגעזאָגט דעם מלך צאָהלען
יעהרליך מיט 300 טאַלענטען (מטבעות) מעהר, אויב ער וועט איהם
מאַכען פאַר אַ כהן גדול. ער האָט איהם פערזיכערט, אַז אַ דאַנק
זיין ווירקונג און איינפלוס, וועט ער האָבען די מעגליכקייט צו אַרביי=
טען פאַר דעם מלך'ס אינטערעסען ענערגישער פון יזון'ן. אַנטיוכס
איז, זעלבסטפערשטענדליך, מרוצה געוואָרען, אָבצוגעבען דעם טיטול
כהן=גדול דעם, ווער עס האָט געגעבען פאַר איהם מעהר (172 —
171). ער האָט באַלד געשיקט אין ירושלים זיין בעאַמטען סאָקראַ=
טעס מיט חיל, צו דערשטיקען יעדען ווידערשטאַנד, וועלכער קאָן
אויסברעכען געגען אָט דער פעראָרדנונג. סאָקראַטעס האָט זיך אַוועק=
געשטעלט מיט'ן חיל אין אקרא און געמעלדעט די איינוואוינער פון
ירושלים, אַז יזון איז אָבגעזאָגט פון זיין שטעל אַלס כהן גדול. דער
לעצטער האָט געמוזט אַנטלויפען פון ירושלים.

דער דאָזיגער פאַקט האָט דעם טומעל אין ירושלים נאָך פער=
גרעסערט. דער גרעסטער טייל פון פאָלק איז געווען זעהר אויפגע=

רעגט דערפון, וואס אויף אהרנ'ם שטוהל זעצט זיך איינער, וועלכע שטאמט גארנישט פון דער כהנים־דינאסטיע און איז בעוואוסט אלס א געגנער פון דער יודישער אמונה.

מיט מענעלאס'ען זענען נישט געווען צופריעדען אויך יענע, וועלכע האבען געשטרעבט צו רעפארמען און נייע איינפיהרונגען. צו אזעלכע האבע געהערט טיילווייז יזונ'ס אנהענגער און טיילווייז יענע, וועלכע האבען זיך נאך ניט איינגאנצען אבגעריסען פון יודענטהום. זיי האבען אבער אלע געמוזט שווייגען, מורא האבענדיג פאר דעם סירי'שען בעאמטען מיט זיין חיל, און ערשט אין א קורצע צייט ארום האט זיך די שטארקע אונצופריעדענהייט געלאזען פיהלען. שולדיג אין דעם איז געווען מענעלאס אליין; ער האט צוגעזאגט אנטיוכס'ן צו צאהלען צינזש מעהר, ווי פיעל ער האט געקאנט. מענעלאס האט זיין הבטחה נישט געקאנט מקיים זיין און אנטיוכס איז געווארען אויפגערעגט און איהם ארויסגעפאדערט צו זיך; דער לעצטער האט געמוזט אבפאהרען אין אנטיוכיא. אויף זיין ארט האט ער איבערגעלאזען זיין ברודער ליזימאכעס, ארויסגנב'ענענדיג פון בית־המקדש פיעל אוצרות, מיט וועלכע ער האט געהאפט צופריעדענצושטעלען אנטיוכס'ן. מענעלאס פערברעך האט זעהר אויפגערעגט חוניו'ן, דעם געוועזענעם כהן גדול, וועלכער האט זיך דאן געפונען אין אנטיוכיא. ער האט איהם בעשולדיגט אין בערויבען דעם בית־המקדש, אויף וואס די גריכען האבען אויך געקוקט ווי אויף א גרויסען פערברעך. צום בעדויערען, האט זיך די בעשולדיגונג אויסגעלאזען ביטער פאר חוניו'ן. מענעלאס האט אונטערגעקויפט איינעם פון די שרים, אנדראניקאס'ן, וועלכער האט גענומען אויף זיך צו טויטען חוניו'ן, נאך איידער דער מלך וועט זיך דערוויסען פון דעם פערברעך אין בית המקדש. חוניו, מורא האבענדיג פאר שונאים, איז דאן געווען אין אפאלאנ'ס טעמפעל אין דאפנע, ביי אנטיוכיא. אנדראניקאס'ן איז אבער געלונגען איהם ארויסצונארען פון דארטען מיט אלערליי שבועות און פערזיכערונגען, און האט איהם געטויטעט אויפ'ן שוועל פון טעמפעל (171). דער פאקט פון הרג'ענען א פרומען כהן גדול איז ניט געפעלען געווארען אפילו די סירישען גריכען, און אנטיוכס האט געמוזט בעשטראפען דעם מערדער אנדראניקאס. מענעלאס ווידער האט געדארפט יעצט געפינען מיטלען, ווי מפצה צו זיין דעם מלך און נושא חן צו זיין ביי איהם אויף ווייטער. צו דעם צוועק האט ער געהייסען זיין ברודער ליזימאכעס ארויסנעהמען פון בית־המקדש נאך אוצרות און איהם צושיקען. דאס האט אבער ניט געקאנט אראבגעהן גלאט. חוצפען האט אנגעהויבען וועגען דעם צו ריידען און אנווייזען אויף ליזימאכעס'ן,

אַז ער האָט בערויבט דעם בית־המקדש, איז דאָס פֿאָלק שרעקליך אויפֿגערעגט געוואָרען, און די אויפֿרעגונג האָט אָנגענומען אַ ערנסטען כאַראַקטער. די, וואָס האָבען געוואוינט אַרום ירושלים, דערהערענדיג וועגען די מעשים פֿון די ביידע ברידער, האָבען זיך אַלע געטהון קיין ירושלים און האָבען געוואָלט טייטען די פֿערברעכער. ליזימאַכוס האָט בעוואָפֿענט זיינע אָנהענגער אונטער דער אָנפֿיהרונג פֿון אַוראַנוס — אַן איינגעוואָרצעלטער בעל־עבירה. דאָס אונבעוואָפֿענטע פֿאָלק האָט זיך אָבער נישט אָבגעשראָקען און איז זיי בעפֿאַלען מיט שטיינער און שטעקענס. פֿיעל זענען געטויטעט געוואָרען, אַנדערע זענען פֿערוואונדעט געוואָרען פֿון די קלעפּ אָדער זענען זיך צולאָפֿען. ליזימאַכוס אַליין איז דערהרג'עט געוואָרען נעבען בית־המקדש. מענעלאוס האָט זעלבסטפֿערשטענדליך, דערלאַנגט אַן אָנקלאַגע אויף די מורדים אין ירושלים, און דער מלך האָט אין צור פֿעראָרדענט אַ געריכטס־זיצונג אויסצופֿאָרשען די געשיכטע. דריי מיטגליעדער פֿון סנהדרין, וועלכע דאָס פֿאָלק האָט אויסגעקליבען צו דעם צוועק, האָבען אַזוי קלאָר דערוויזען די שולד פֿון ליזימאַכוס'ן און זיין ברודער אין'ם בערויבען דעם בית־המקדש און אין די בלוטיגע געשעהענישען אין ירושלים, אַז מענעלאוס האָט בעדאַרפֿט בעקומען אַ האַרבען שטראָף. דעם לעצטען אָבער האָט זיך איינגעגעבען איבערצוציהען אויף זיין זייט אַ מערדער, ווי ער אַליין, וועלכענ'ס מיינונג ס'האָט פֿיעל געווירקט אויפֿ'ן מלך. אנטיוכס האָט די שולדיגע פֿריי־געשפּראָכען. ער האָט פֿריי געמאַכט מענעלאוס'ן און פֿער'משפּט צום טויט די דריי פֿון די סנהדרין. די צור'ער, וועלכע זענען געווען עדות פֿון אַזאַ געוואַלד־טהאַט, האָבען אויסגעדריקט זייער אונצופֿריעדענהייט דערמיט, וואָס זיי האָבען אַרויסגעוויזען מיטגעפֿיהל די דריי אונשולדיגע קרבנות אויף זייער לויה. מענעלאוס האָט געקליבען נחת; ער איז פֿערבליבען כהן גדול איבער דעם פֿאָלק, וועלכעס האָט איהם שרעקליך געהאַסט, און כדי צו דערשטיקען אַט די שנאה, האָט ער גענומען בעקלערען נייע רציחות.

ער האָט אָנגעהויבען מסר'ן פֿאַר אַנטיוכס'ן אויף זיינע שונאים, ד. ה. אויף דעם גאַנצען פֿאָלק. ערשטענס האָט ער בעשולדיגט זיינע שונאים אין דעם, אַז זיי זענען אָנהענגער פֿון מצרים'שען הויף און זיי פֿערפֿאָלגען איהם, מענעלאוס'ן, דערפֿאַר, ווייל ער שטערט זיי אויסצופֿיהרען זייערע פּלענער; צווייטענס, האָט ער אָנגערעדט רכילות אויף דאָס גאַנצע יודענטהום; ער האָט ערקלערט, אַז משה'ס געזעצען זענען פֿול מיט מענשען־האַס, אַז די תורה פֿערווערט אַ יודען איינצולאַדען צום טיש אַ ניט-

יודען און אין אַלגעמיין זיך גוט צו בעציהען צו איהם. אַנטיוכס האָט זיך געקליבען איינעהמען מצרים. מענעלאס'עס מסירות האָבען דעריבער געמוזט פיעל ניט איז ווירקען, און אנטיוכס האָט אָנגעהויבען מיט חשד צו קוקען אויף זיינע אונטערטהעניגע יודען. עס איז איהם זעהר נישט בעקוועם געוועזען צו האָבען הינטער זיך אַ שונא אין אַ צייט פון אַגעפעהרליכער מלחמה.

אַנ'אויסרייד צו אַ מלחמה האָט אַנטיוכס גיך געפונען. זיין שוועסטער קלעאָפּאַטרע, תלמי דעם פינפטענ'ס פרוי, איז געשטאָרבען און האָט איבערגעלאָזען צוויי אומינדיגע זיהן: פילאמעטאָר און פיסקאָנעס. דער עלטערער האָט זיך גערעכענט פאַר אַ מלך, נאָר אָנשטאָט איהם האָבען רעגירט צוויי אַפּוטרופּסים, איילעאוס און לענעאוס. אַנטיוכס האָט אָנגעהויבען זאָמלען מיליטער, כדי צו בעפאַלען מצרים אונטער דעם אויסרייד, אַז ער וויל בעשיצען זיינע צוויי פּלימעניקעס פון זייערע אַפּוטרופּסים. מורא האָבענדיג פאַר די רוימער, האָט אַנטיוכס לאַנג אָבגעצויגען די הכנות. נאָר ווען די רוימער האָבען אָנגעהויבען פיהרען אַ מלחמה מיט פערסעאוס'ן, דעם מוקדוניישען מלך, האָט ער ענדליך בעשלאָסען זיך אַריינצורייסען אין מצרים. ביידע אַפּוטרופּסים מיט'ן יונגען מלך פילאמעטאָר זענען ענטלאָפען. אַנטיוכס האָט פערנומען גאַנץ צפון־מצרים און האָט בעלעגערט אלכּסנדריא. דערווייל האָבען די איינוואוינער אויסגעקליבען פאַר אַ מלך תלמי'ס יונגערען זוהן, פיסקאָנעס'ן, און האָבען אָנגעהויבען בעשיצען די שטאָדט אַזוי ענערגיש, דאָס אַנטיוכס האָט זיך מיאש געווען איהר איינצונעהמען. ער האָט דעריבער אַרויסגערופען אין מצרים דעם עלטערען ברודער, האָט געשלאָסען מיט איהם אַנ'אָבמאַך און איהם צוגעזאָגט מלחמה צו האַלטען, נאָר פאַר זיינע אינטערעסען.

אין יהודה האָט מען אויפמערקזאַם געקוקט אין אונגעדולדיג געוואַרט אויף דעם אויסגאַנג פון דער מלחמה. אין פאַל ווען מצרים וואָלט מנצח געווען, וואָלט מען געקאָנט האָפען אויף אַ סוף צו די אַלע קריגערייען און אונגליקען, וועלכע עס האָט אַרויסגערופען דער פערהאַסטער כהן גדול. דער מצרים'שער הויף האָט מיטגעפיהלט דער נאַציאָנאַל־יודישער פּאַרטיי און פלעגט אויפנעהמען די יודישע פּאַטריאָטען, וועלכע זענען אַהינצו אַנטלאָפען, זיך צו שיצען פון אַנטיוכס'עס און מענעלאס'עס געוואַלד־טהאַטען.

דערווייל איז געקומען דער פריהערדיגער כהן־גדול יזון־יהושע פון די בני עמון, וואו ער האָט זיך בעהאַלטען, און האָט געבראַכט מיט זיך מיליטער צו פערנעהמען ירושלים. מענעלאַוס האָט געהייסען פערשליסען

די טויערן און אָבשטויסען איהם פון שטאָדט. דאַן האָט אויסגעבראָכען אַנ׳אמת׳ע בירגער־קריעג צוליעב דער עהרגייציגקייט פון די צוויי מענשען, פון וועלכע יעדערער האָט געוואָלט זיין כהן־גדול און אויף אַזאַ אופן בעקומען די מאַכט. אַזוי אָבער ווי נאָר איינינע פון די שטאָדט־איינוואוינער האָבען זיך אָנגענומען פאַר דעם פערהאַסטען מענעלאאוס׳ן, איז יזון׳ען מיט זיין אָבטיילונג מיליטער געלונגען צו פערנעהמען די שטאָדט. מענעלאוס האָט געמוזט אַנטלויפען און זיך בעהאַלטען אין אקרא.

אַנטיוכס איז דאַן געגאַנגען פון מצרים מיט פיעל רויב. ער האָט זיך, ווי עס ווייזט אויס, געקליבען אויפצואַמלען נאָך מיליטער. ווען ער האָט דער־הערט וועגען די געשעהעניששען אין ירושלים, האָט זיך אין איהם אָנגעצונדען אַ שרעקליכער צאָרן אויף דעם גאַנצען יודישען פאָלק. ער איז פלוצלונג בעפאַלען ירושלים און האָט דאָרט אָנגעמאַכט אַ שרעקליך־בלוטיגען חורבן; אין זיין גרויזאַמער אונמענשליכקייט האָט ער נישט רחמנות געהאַט נישט אויף קיין אַלטע, נישט אויף קיין קינדער, נישט אויף קיין פרויען. און קיין הלוק נישט געמאַכט צווישען פריינד און פיינד. ער האָט זיך אַריינגעריסען אין בית־המקדש און אין קדשי־קדשים, האָט צוגענומען אַלע אוצרות, דעם גאָלדענעם מזבח, די מנורות, דעם שלחן, אַלע גאָלדענע כלים און אַלע קאָסטבאַרקייטען, וואָס זענען דאָרטען געווען. אינם בערויבען דעם בית המקדש האָט איהם געהאָלפען מענעלאס. כדי זיך צו פערענטפערן און כדי גיעשר צו ווערען פון די אַלע פערברעכען, האָט אַנטיוכס פערשפרייט אַ העסליכען רכילות, צו וועלכען עס האָט איהם טיילווייז צוגערעדט דער כהן גדול און וועלכע האָט אַריינגעוואָרפען אַ שאַנד־פלעק אויף דעם גאַנצען יודישען פאָלק. ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט געפונען אין קדשי־קדשים אַ שטיינערנעם בילד פון אַ מאַן מיט אַ לאַנגער באָרד, וועלכער איז געזעסען אויף אַנ׳איזעל מיט אַ ספר אין האַנד. אַנטיוכס האָט געזאָגט, אַז אָט די סטאַטוע שטעלט פאָר מיט זיך דעם יודישען געזעץ־געבער משה, וועל־כער האָט געגעבען די יודען מענשען־פיינדליכע, העסליכע געזעצען, לויט וועלכע מען דאַרף זיך האַלטען אָבגעזונדערט פון אַלע פעלקער און נים טהון זיי קיין שום טובה. פון דעמאָלט האָבען די גריכען און רוימער גענומען טיינען, דאָס די יודישע אמונה איז אינגאַנצען געבויט אויף דער פערגע־טערונג פון אַנ׳איזעל. דער זעלבער אַנטיוכס האָט פערשפרייט נאָך אַ העסליכען ליגען. ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט געפונען אין קדשי־קדשים אַ גריעך, וועלכער איז געלעגען דאָרט געבונדען און האָט איהם, אַנטיוכס׳ן, געבעטען, ער זאָל איהם בעפרייען פון דער יודישער אַכזריות. דער גריעך

האָט איהם געזאָגט, דאָס יעדער יאָהר טוידטען די יודען אַ גריעך כּדי אויפצועסען זיינע געדערין, און דערביי שווערען זיי, צו האַסען און צו פערניכטען די גריכען. עס איז ניט בעוואוסט, צי האָט אנטיוכס אַליין אויסגעקלעהרט אָט דעם ליגען, צי אַנדערע רכילות'ניקעס, האָבען איהם דאָס אין מויל אַריינגעלעגט, נאָר ווי ס'זאָל נישט זיין, האָט אנטיוכס דער ערשטער פערשפּרייט די מיינונג, אַז דאָס יודענטהום לערנט זיינע נאָכפאָלגער צו האַסען און צו פערניכטען אַנדערע פעלקער.

אין טרויער האָט זיך אָנגעטהון ירושלים, און יעקב'ס הויז איז בעדעקט געוואָרען, מיט שאַנדע. דערימט אַליין האָט זיך עס נאָך נישט געענדיגט. דעם לאַנד יהודה איז בעשערט געווען אויסצושטעהן נאָך שרעקליכערע טעג. אנטיוכס האָט ווידער ערקלערט אַ מלחמה מצרים, און די יודען האָבען געמוזט אַריבערטראָגען אַלע זיינע אכזריות'ען. ביידע קעניגליכע ברידער אין מצרים האָבען צווישען זיך שלום געשלאָסען, אַ דאַנק דער אַריינמישונג פון זייער שוועסטער און די רוימער, און דער עלטערער פילאָמעט, איז געוואָרען מלך אין אלכסנדריא. ווען אנטיוכס האָט דאָס דערהערט, איז ער געוואָרען שטאַרק אויפגעבראַכט, און אַזוי ווי די רוימער זיינען נאָך געווען פערנומען אין מאַקעדאָניען, האָט ער זיך בעשלאָסען ווידער אָנצופאַלען אויף מצרים (1168). ער האָט נישט בעגעגענט קיין שום ווידערשטאַנד און איז אויף אַזאַ אופן דערגאַנגען ביז אלכסנדריא. די מצרים'שע מלכים האָבען אַוועקגעשיקט שלוחים קיין רוים, צו בעטען שטיצע, און דער רוימישער סענאַט האָט זיי ניט אָבגעזאָגט און געשיקט קיין מצרים דריי הילפאָבטיילונגען, אָבצושטעלען אנטיוכוסן. נאָך דעם גליקליכען געשלעג ביי פידנע, ווען דאָס מאַקעדאָנישע מיליטער האָט געהאַט אַ גרויסע מפּלה און דער מלך פערסעאוס אַליין איז אַנטלאָפען, זענען די דריי רוימישע שרים געקומען צו אנטיוכסן אין לאַגער (22 יוני 168) און האָבען איהם איבערגעגעבען דעם בעפעהל פון סענאַט — אין דער מינוט אָבצוטרעטען פון מצרים; און ווען דער סורישער מלך האָט געבעטען וויפיעל עס איז צייט, אויף אַ ישוב־הדעת, האָט פּאָמפּיליוס לענאַס געמאַכט אַ צירקעל מיט זיין שטעקען אין געזאָגט, אַז איידער ער וועט דורכגעהן דורכ'ן צירקעל, דאַרף אנטיוכס בעשליסען און אויסקלייבען איינס פון די ביידע: שלום מיט רוים, אָדער מלחמה. אנטיוכוס האָט גאַנץ גוט געקאָנט די עקשנות פון די רוימער און בעשלאָסען גלייך אָבצוטרעטען. אויסער זיך פון כעס און ערגערניש האָט זיך אנטיוכוס אומגעקעהרט אין זיין רעזידענץ־שטאָדט, און איבערהויפּט האָט איהם געקרענקט דאָס, וואָס

ער האָט געמוזט פאַר די רוימער, זיינע ביטערסטע שונאים, שפּילען די ראָליע פון אַ גוטען פריינד.

כל המתי האָט אנטיוכוס דאָן אויסגעגאָסען אויף די יודישע קעפּ. צי האָבען זיך די יודען אָפט געפרעהט אויף זיין מפלה, אָדער זיי האָבען צו הויך געגערדט וועגען דעם, אַז גאָט, וועלכער ערנידעריגט בעלי־גאוה׳ס האָט איהם בעשטראָפט? ווער קאָן עס זיכער בעשטימען. בעשטראָפט זענען זיי אָבער געוואָרען אויף אַ שרעקליכען אופן. איינער פון אנטיוכוס׳עס שרים, אַפּאָלאָניוס, איז מיט אַ גאַנצער רויבער־באַנדע געקומען אין ירושלים, כלומר׳שט מיט פריינדליכע רייד און אַ פאַלשער מינע פון שלום. נאָר אין אַ שבת־טאָג, ווען די בעפעלקערונג האָט ניט געקאָנט זיך ווידערשטעלען מיט געוועהר, איז דאָס מאַקעדאָנישע חיל בעפאַלען די איינוואוינער, האָט געטוידט פיעל דערוואַקסענע מענער, געפאַנגען פרויען און קינדער און זיי צוזאַמענגעפיהרט אין פרעמדע לענדער, צום פערקויפען אַלס שקלאַפען. ווער עס האָט געקאָנט, איז אַנטלאָפען פון שטאָדט. פיעל בנינים זענען פערוואַנדעלט געוואָרען אין חרבות, די טויערען פון ירושלים זענען צובראָכען געוואָרען, דעם בית־המקדש אָבער האָט דער מערדער אַפּאָלאָניוס און זיין באַנדע געלאָזען צוריה, ווייל, — אַנטיוכוס האָט איהם צוליעב אינבעוואוסטע טעמים — נישט געוואָלט בעריהרען. דערפאַר אָבער האָבען זיי ניט גע־שוינט די אויסערליכע בנינים, האָבען פערברענט די הילצערנע טויערען און האָבען צישטערט די גאַלערעען מיט העק און האַמערס. אין בית המקדש איז ניט געווען וואָס צו ראַבירען. אויף די ליידיגע גאַסען פלעגט מען קאָנען טרעפען נאָר העלעניסטען, סירישע סאָלדאַטען און אויסלענדער. „ירושלים איז געוואָרען אַ פרעמדע שטאָדט פיר איהרע אייגענע קינדער”. דער בית־המקדש איז געוואָרען ליידיג. דער מאַרק פון אקרא האָט געבילדעט אין ירושלים נאָך אַ שטאָדט. דאָרט האָבען זיך בעזעצט די סירישע סאָלדאַטען, דאָרטען האָבען אויך געוואוינט די העלעניסטען. כדי צו בעשיצען אקרא פון אַנפאַל, האָט מען איהר אַרומגערינגעלט מיט פעסטע וואַנד און הויכע טורעמס, העכערע ווי די וואַנד פונ׳ם דערבייאיגען בית־המקדש, און זיך פערזיכערט מיט געוועהר און עסענוואַרג.

מענעלאוס, וועלכער האָט געבראַכט צו די אַלע שוידערהאַפטע חורבנות, איז אָבער אויך ניט געווען צופריעדען מיט דער פרוכט פון זיין אַרבייט. וואָרום פאַר וועמען האָט ער איצט געוואָלט שפּיעלען די ראָליע פון אַ כהן גדול, — איצט ווען קיינער האָט דעם בית־המקדש נישט בעזוכט, ווען

דאָס גאַנצע פאָלק האָט זיך אָבגעקעהרט פון איהם? ער איז געבליבען אַליין: ער האָט אין בית־המקדש געהערט נאָר דאָס עכאָ פון זיין אייגענעם קול, און דאָס האָט ביי איהם אַרויסגערופען אַ נייעם פּלאַן. דאָס יודענטום, דאָס געזעץ, די תורה אַלץ דאַרף פערניכטעט ווערען און די יודען דאַרפען אָננעהמען דעם גריכישען קולטוס. זענענדיג שטאַרק אויפגעבראַכט אויף די יודען און זייער רעליגיאָן, האָט ער אַקצעפּטירט דעם פּלאַן און מיט גרויס אכזריות זיך גענומען איהם פערווירקליכען. דאָס יודישע פאָלק מוז איינגאַנצען העלעניזירט ווערען און טריי דינען אַנטיוכוס'ן — דאָס איז געווען די אידעע פון דעם נייעם בעפעהל, וועלכער האָט געדראָהעט מיט טויט־שטראָף יעדען, וואָס וועט וואַגען איהם עובר צו זיין.

דערמיט האָט אַנטיוכס געוואָלט דערוויזען די אונמאַכט פון גאָט, וועמען דאָס יודישע פאָלק איז געווען אַזוי שטאַרק איבערגעגעבען און געטריי. אַנטיוכס, פערהאַלטענדיג זיך גלייכגילטיג צו זיינע אייגענע געטער, האָט זיך געפונען פערזענליך בעלייריגט דערפון, וואָס די יודען, נישט קוקענדיג אויף די בלוטיגע פערפאָלגונגען און רדיפות, וואָס זיי זענען אויסגעשטאַנען און שטעהען אויס ביז יעצט, גלויבען פון דעסטוועגען אין זייער גאָט און הערען נישט אויף צו האָפען, אַז ער וועט פערניכטען אַלע זייערע פיינדער און רשעים. אָט דעם יודישען גאָט האָט ער געוואָלט מנצח זיין, און צו דעם צוועק האָט ער אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל, וועלכער איז פּובליקירט געוואָרען דורך ספּעציעלע בעאַמטע אין אַלע שטעדט פון יהודה, אַז מען זאָל אויפהערען מקים זיין די מצות פון דער תורה און מען זאָל מקריב זיין קרבנות נאָר פאַר די גריכישע געטער. דערצו האָט מען אומעטום געדאַרפט אוועקשטעלען מזבחות און סטאַטועןָ. אַנטיוכס האָט געוואָלט טרעפען מיט זיין קויל אין מיטען הארצען פון יודענטום און האָט דעריבער געהייסען, מען זאָל נויטען יודען, מקריב צו זיין אויף די מזבחות אומריינע בהמות און איבערהויפּט חזירים.

די הייליגסטע דריי געזעצען, מיט וועלכע יודען האָבען זיך אונטערשיידט פון די געצענדינער: מילה, אָבהיטען שבת און נים עסען קיין טרפ'ע שפּייז, — זענען איצט שטרענג פערבאָטען געוואָרען און דעם מלך'ס בעאַמטע האָבען אָהן רחמנות געטויט יעדען, וועה עס פלעגט האַנדלען געגען דעם מלך'ס ווילען.

אָנגעהויבען האָט מען מיט'ן בית־המקדש. אַנטיוכס האָט צוגעשיקט אין ירושלים איינעם פון זיינע שרים, ער זאָל פון בית־המקדש מאַכען אַ טעמפּעל פאַר'ן גריכישען גאָט צעאוס, אויפ'ן מזבח פון דער פאָדער-

שטוב (עזרה) האָט מען מקריב געווען אַ חזיר, מיט זיין בלוט האָט מען פערשפריצט דעם קדשי-קדשים, דאָס פלייש האָט מען אויסגעקאָכט און מיט דעם פעטס האָט מען פערגאָסען די הייליגע תורה. נאָכדעם האָבען דער כהן גדול און די איבעריגע יודישע העלעניסטען געמוזט אויפעסען דעם געבראָטענעם קרבן. די תורה, וועלכע מען האָט געפונען אין בית-המקדש, האָט מען געשענדעט און פערברענט, ווייל לויט אנטיוכס'עס מיינונג, האָט זי געפלאַנצט אין די הערצער ניט ריינע מדות און מענשען-ליעבע, נאָר שנאה און האַס. נאַכהער האָט מען אוועקגעשטעלט אויפ'ן מזבח די אָבבילדונג פון צעאוס, און פאַר איהם האָט מען געדאַרפט מקריב זיין קרבנות (אַרום 17 תמוז — יולי 168).

אַזוי איז דער גאָט פון ישראל פערטריעבען געוואָרען דורך צעאוס'ן און ווידער איז געשענדעט און פערשמוצט געוואָרען דאָס איינציגע אָרט אויף דער וועלט, וואָס איז געווען גלייך הייליג פאַר יעדען יודען!

די טיעפע ליידען און שמערצען, וואָס ס'האָבען געפיהלט די יודישע הערצער, זעהענדיג דעם חלול-הקדש און די נאַציאָנאַלע אונגליקען, האָבען געפונען אַנ'אויסדריק אין צוויי קאַפּיטלען פון תהלים, וועלכע אונבעקאַנטע משוררים-לוים האָבען פערפאַסט. אין איינעם פון זיי ווערט געזאָגט:

> א פייער האָבען זיי אָנגעצונדען אין בית-המקדש,
> פערשוועכט האָבען זיי דעם משכן פון דיין נאָמען....
> נישטאָ ביי אונז נישט קיין מופת, נישט קיין נביא....
> און קיינער פון אונז ווייס ניט, ביז ווי לאַנג,
> ביז ווי לאַנג, אָ גאָט, וועט דער בעליידיגער דיין
> הייליגקייט פערשוועכען,
> דער שונא דיין נאָמען לעסטערן?...

און דאָס פאָלק? ווי האָבען זיך די ברייטערע פאָלקס-שיכטען פאַקטיש פערהאַלטען צו די דאָזיגע שענדליכע בעפעהלען פון דעם קעניגליכען טיראַן, וועלכע האָבען געהאַט פאַר זיך דעם איינציגען צוועק, — אָבצורייסען יודען פון זייער גאָט און אויסצולעשען אין זיי דעם לעצטען פונק פון זייער נאַציאָנאַלען געפיהל?

אַ שרעקליכען נסיון האָבען יודען געהאַט דאָס מאָל אויסצושטעהן. די תליה האָט ערוואַרטעט יעדען, וואָס האָט געוואַגט עפענטליך צו הי-

טען די געזעצען פון דער תורה; זאגאר מיט דעם נאמען יהוד'ער (יוד) איז פערבאטען געווארען זיך אנצורופען! און דאס אלץ האט פון דעסטוועגען ניש.. געהאלפען, אויסצומעקען דעם יודישען נאמען און גאט'ס ווארט צו פערניכטען! שטראמען פון מערטירער-בלוט האבען די ערד פון יהודה פערפלייצט, די בעסטע קינדער פון פאלק זענען געהאנגען און אכזריות'-געפייניגט געווארען, און — יודען האבען זייער גאט נישט פערלאזען און זיינע געזעצען נישט פערשוועכט.

די יודען פון די סירישע און פעניקישע שטעדט, וועלכע האבען געלעבט צווישען די גריכען און צוזאמען מיט זיי, האבען, אמת נישט אויסגעהאלטען די שרעקליכע צוואנגסמיטלען פון אנטיוכס'עם בעאמטע און געבויגען זייערע קעפ פאר די גריכישע אבגעטער, פערלייקנענדיג, אדער טראגענדיג בעהאלטען טיעף אין הארצען, זייער גלויבען און זייער צוגעבונדענקייט צו דעם יודישען פאלק; אויך דא אבער האבען זיך געפונען אזעלכע, וועלכע האבען די ערשטע געגעבען דעם ביישפיעל פון העלדישען מערטירערטום, אפפערנדיג אלע ערדישע פערגניגענס, אויסשטעהענדיג די שרעקליכסטע ענויים און אוועקגעבענדיג זאגאר דאס גאנצע לעבען — פאר דעם אידעאל, פאר דאס הייליגע און אמת'ע, פאר דעם זין פון לעבען. אין אנטיוכיא גופא איז אן'אלטער געלעהרטער, מיט'ן נאמען אליעזר, אויסגעשטאנען די שרעקליכסטע יסורים און ענדליך אויך דאס לעבען מקריב געוועזען דערפאר, וואס ער האט נישט געוואלט עפענטליך אויפעסען דאס שטיקעל כשר פלייש, וואס אנטיוכס'עם משרתים האבען איהם דערלאנגט מיט דעם צוועק, דאס פאלק זאל מיינען, אז ער עסט חזיר. די פאלקס-לעגענדע ווייסט אויסער דעם צו דערצעהלען אויך פון א מוטער מיט איהרע זיעבען זיהן, וועלכע האבען זיך איינער נאכ'ן אנדערן אבגעזאגט צו ערפילען אנטיוכס'עם פערלאנג, און זענען דעריבער אכזריות'דיג נעפייניגט געווארען דער מוטער אין די אויגען. לעבעדיגערהייד האט מען זיי אויפ'ן פייער געברענט, די הויט האט מען פון זיי אראבגעשונדען און איינצעלנע גליערער אבגעשניטען, — און די יודישע מוטער איז געשטאנען און האט געקוקט און האט נישט אויפגעהערט אויפצומונטערן די קינדער, זיי זאלען די שרעקליכסטע יסורים אריבערטראגען, אבי גאט'ס נאמען נישט שענדען, אבי פאר די אבגעטער דעם קאפ נישט בויגען!

אין יהודא גופא איז די צאהל פון די מערטירער נאך גרעסער געוועזען; וואו נאר אנטיוכס'עס בעאמטע זענען געקומען, האבען זיי גלייך

מזבחות אויפגעשטעלט און געפאָדערט פון דער בעפעלקערונג אינ׳ם נאָמען פון קעניג, זי זאָל מקריב זיין חזירים פאַר דעם גאָט צעאוס און דאָס פלייש עסען, זי זאָל עפענטליך אַרבייטען אום שבת, און אין די דיאָני־זישע וויין־יום־טובים איז נאָך דערצו צוגעקומען אויך די גזירה, אז יודען זאָלען פייערליכע פראָצעסיעס איינאָרדענען לכבוד דעם גריכישען וויין־גאָט און איהם עהרען מיט אַלערליי אויסגעלאַסענקייטען און שכור׳ע שמחות. קיין ערפאָלג האָבען אָבער די דאָזיגע בעאַמטע נישט געהאַט: זייערע אויפרופען האָבען גאַנץ ווייניג יודען צוגעבראַכט וויל די מעהר־היַיט פון זיי איז שוין פון פריהער געהאַט אַנטלאָפען פון שטאָדט און זיך בעהאַלטען אין די הייהלען און טאָלען פון די יהודה׳אישע בערג גרעדער אין די מדבריות׳ען אַרום דעם ים־המלח. דער דאָזיגער פערעקשנ׳טער ווי־דערשטאַנד האָט אַנטיוכס׳ען נאָך מעהר אויפגערייצט, און ער האָט געשיקט איין בעפעהל נאָכ׳ן אַנדערן צו בעשטראָפען די „איינגעשפּאַרטע״ יודען מיט דער גרויזאַמסטער אַכזריות. די בעאַמטע האָבען די דאָזיגע בעפעהלען, נאַטירליך, דורכגעפיהרט: געפונענע מגילות פון דער תורה זענען דורך זיי צוריסען און פערברענט געוואָרען; די יודען, וועלכע האָבען אין די דאָזיגע הייליגע מגילות אַ טרייסט געזוכט, אויף צו שטילען דעם וועהטאָג פון זייערע בלוטיגע פערפאָלגונגען, זענען אויף דעם גרויזאַמסטען אופן געטויט און געשענדעט געוואָרען, אַלע שוהלען און ישיבות אינ׳ם לאַנד האָבען זיי צושטערט און פערוויסט, און הונדערטער שוואַכע פרויען, וועלכע האָבען אין דער אָבוועזענהייט פון זייערע מענער אַריינגעבראַכט די קינדער אינ׳ם בונד פונ׳ם יודישען פאָלק (מילה), זענען דורך די אונמענשליכע טיראַנען אויפגעהאָנגען געוואָרען אויף דער מויער פון שטאָדט מיט זייערע צאַרטע קינדער אויפ׳ן האַלז. —

די ווירקונג פון די דאָזיגע אונמענשליכקייטען און גרויזאַמקייטען איז אָבער געווען פונקט דער היפך דערפון, וואָס אַנטיוכס האָט פון זיי ערוואַרטעט: אַנשטאָט אָבצושרעקען דעם פאָלק, האָבען זיי איהם נאָך מעהר פערביטערט און נאָך מעהר פערעקשנ׳ט; דער טוידט האָט זיין שרעקליכקייט פערלוירען, און צוזאַמען מיט די פערפאָלגונגען איז געוואַקסען אויך די אינערליכע גרויסקייט, די שטאַנדהאַפטיגקייט, דער רעליגיעזער עקסטאַז. די דאָזיגע בעגייסטערונג איז אונטערגעהאַלטען און נאָך שטאַרקער צופלאַקערט געוואָרען אַ דאַנק דער פייערדיגער אַגיטאַציע פון די חסידים. דורך בעהאַלטענע וועגען פלעגען זיי זיך פון זייערע מערות אַרויסגגב׳נען און אַרומגעהן פון שטאָדט צו שטאָדט

און פון דאָרף צו דאָרף, צונויפרופענדיג אומעטום די איינוואוינער און בעשווערענדיג זיי מיט פייער און גלות, זיך נישט אונטערצוגעבען, נישט צו פערשוועכען גאָט'ס תורה און זיך מוסר-נפש צו זיין פאַר גאָט'ס נאָמען.

די סורישע בעאַמטע אין ירושלים זענען אָבער באַלד געוואָהר געוואָרען, פון וואַנען עס שטאַמט די העלדישע עקשנות, און דער פיהרער פונ'ם גאַרניזאָן, פיליפוס, האָט זיך אַוועקגעלאָזען אין די בערג, אום אויפצוזוכען די אַלע פערנומענע מערות און בעהעלטעניש'ען. ווי די לעגענדע דערצעהלט, האָט ער אין אַ געוויסען שבת'דיגען טאָג געלאָזען זיינע סאָלדאַטען אַרומרינגלען איינע פון די דאָזיגע מערות, אין וועלכער עס האָבען זיך געפונען טויזענדער מענער, פרויען און קינדער, און זיי אויפגעפאָדערט, אַרויסצוגעהן און זיך אונטערצוגעבען אַנטיוכס'עס בעפעהל. די בעלאַגערטע האָבען איינשטימיג געענטפערט: „ניין, מיר וועלען זיך אַנטיוכס'עס בעפעהל נישט אונטערגעבען, און די היילינקייט פון שבת וועלען מיר נישט פערשוועכען". פיליפאָס האָט דאַן בעפעהלען זיינע סאָלדאַטען זיך אַריינצורייסען אין דער מערה, און די חסידים האָבען, נישט וועלענדיג מחלל שבת זיין, קיין שטיין פון דר'ערד נישט געריהרט, אום דעם אַריינגאַנג צו שטערן, און בלויז הימעל און ערד פאַר עדות גענומען, אַז זיי ווערן אָהן אַ שום זינד געטויט. אַלע בעלאַגערטע זענען דאַן דער'הרג'עט, דערשטיקט און פערברענט געוואָרען דורך דער דאָזיגער מערדער-באַנדע, וועלכע האָט אין אַלע עפנונגען פון דער מערה פייער-קנויטען אַריינגעשליידערט, אום עס זאָל זיך קיינער נישט קענען ראַטעווען.

טיעף איז געווען דער שמערץ פון די טריי געבליבענע יודען, הערענדיג וועגען די דאָזיגע שרעקליכע קרבנות, און אויך די מוטיגסטע פון זיי האָבען אָנגעהויבען אַרובצופאַלען ביי זיך. מיט וואָס וועלען זיך די אונערטרעגליכע צרות ענדיגען? און פון הימעל זעהט זיך קיין צייכען נישט, וואָס זאָל טרייסטען און האָפנונג איינפלאַנצען; און קיין נביא שטעהט נישט אויף, וואָס זאָל פיהרען און דעם וועג וויזען, וואָס זאָל גאָט'ס וואָרט מיט זיך ברענגען און אָנזאָגען, ווי לאַנג די בלוטיגע פערפאָלגונגען וועלען דויערן.

דאָס איז איינע פון די שרעקליכסטע צייטען געווען אין דער געשיכטע פון דער יודישער מאַרטיראָלאָגיע.

זעקסטעס קאַפּיטעל.

דער מכבי׳שער אויפשטאַנד.

(106—107)

וועֶן די בלוטיגע רדיפות האָבען שוין דערגרייכט זייער העלכסטע מדרגה, צוברעכענדיג דעם אידישען פאַרק ביז דעם תהום פון אונטערגאַנג און פערניכטונג, האָט אין יהודה אויסגעבראָכען אַנ׳אויפשטאַנד. די אָנפיהרער פונ׳ם אויפשטאַנד זענען געווען פון דער פאַמיליע חשמונאים אָדער מכב׳עער, וועלכע האָבען זיך, אויסער זייער איבערגעגעבענהייט צו דער אמונה, אויסגעצייכענט אויך מיט זעלטענער קלוגהייט, אונגעוועהנליכער גבורה, און געלאַסענער פאָרזיכטיגקייט. איין גרייז-גראָהער פאָטער מיט זיינע פינף זיהן האָבען אויפגעהויבען די פאָהן פונ׳ם אויפשטאַנד, וועלכער האָט אַריינגעבלאָזען אַ גייסט פון שטאַרקייט און מוט אין די אידישע הערצער אויף לאַנגע לאַנגע יאָהרען; דער פאָטער האָט געהייסען מתתיהו, יוחנן׳ס זוהן און דער אייניקעל פון שמעון חשמונאי, וועלכער האָט געשטאַמט פון אהרן הכהן. ער האָט פריהער געוואוינט אין ירושלים, נאָר צוליעב די רדיפות האָט ער זיך געמוזט איבערקלייבען אין דעם קליינעם שטעדטיל מודעית (12 קילאָמעטער צו צפון פון ירושלים). פון זיינע פינף זיהן האָט יעדער געהאַט אַנ׳אַרמ׳יש צונאָמען: יוחנן הגדי, שמעון התרסי, יהודה המכבי, אלעזר אברן און יונתן אפוס.

די דאָזיגע חשמונאים האָבען זיך מיט אַ טיעפען צער צוגעקוקט צו דער שרעקליכער לאַגע פונ׳ם פאָטערלאַנד. „אַלע בתי-מדרשים זענען צושטערט, יהודה איז אַ שקלאַפין געוואָרען, טאָ וואָס טויג אונז נאָך אונזער לעבען?״ אַזוי האָט דער אַלטער מתתיהו געזאָגט צו זיינע זיהן און ענדליך בעשלאָסען, זיך נישט צו בעהאַלטען מעהר אין פערבאָרגענע ווינקעלעך און הוהלען, נאָר אַרויסצוטרעטען מוטיג און רעטען דאָס פאָלק פון פערטיליגונג, אָדער — שטאַרבען פאַר דעם

הייליגען אידעאל! ווען איינער פון די סורישע בעאמטע, אפולאס, איז געקומען אין מודעית, נויטען די איינוואוינער, זיי זאלען דיענען די גריכישע געצען און האט אנגעהויבען פאדערען פון מתתיהו, אז ער, אלס דער אנגעזעהענסטער מענש און פארשטעהער, זאל דער ערשטער ווייזען א ביישפיעל פון געהארכזאמקייט און אונטערטעניגקייט, האט דער לעצטער געענטפערט: ווען אפילו אלע פעלקער פון דער סורי'שער מלוכה וועלען זיך ענטזאגען פון זייער רעליגיאן, איך אבער, מיינע זיהן און מיינע ברידער וועלען פערבלייבען טריי דער אמונה. עס האט זיך געפונען דארט איין איד, וועלכער האט געוואלט געפעלען ווערען דעם סורי'שען בעאמטען און איז צוגעגאנגען צום מזבח מקריב צו זיין א קרבן פאר צעאוס'ן. דא האט ענדליך געפלאצט מתתיהו'ס געדולד; עס האט זיך אין איהם אנגעצונדען דאס פאטריאטישע און רעליגיעזע פייער און ער איז בעפאלען דעם בוגד און איהם געטויט נעבען דעם אלטאר; זיינע זיהן, בעוואפענט מיט מעסערס, זענען בעפאלען אפולעס'ן און זיין חיל, האבען זיי דערהרג'ט און דעם אלטאר האבען זיי צובראכען. די דאזיגע פאסירונג איז געווען פאר אלע טרייע נאציאנאליסטען א סיגנאל ארויסצוטרעטען געגען שונא אין א ענטשלאסענעם קאמפף אויף לעבען און טויט און ניט צו פאלען, אזוי ווי שלאכט-קרבנות.

מתתיהו האט גלייך נאך דער דאזיגער געשיכטע ארויסגעלאזען אנ'אויפרוף: „ווער עס וויל נקמה נעהמען פאר דער תורה און אמונה, זאל געהן נאך מיר!״ באלד זענען צו איהם צוגעשטאנען די איינוואוינער פון מודעית און פון דער אומגעגענד, און מתתיהו האט געזוכט פאר זיי א געשיצטען ארט אין די בערג פון אפרים. דא איז צו איהם צוגעשטאנען אויך דאס ביסעל חסידים, וועלכע האבען זיך געראטעוועט פון טויט און די אלע, וועלכע זענען געקומען צולויפען אהער פון די שרעקען און רדיפות, און אזוי איז אלץ מעהר און מעהר געוואקסען די צאהל פון די פערטיידיגער פונ'ם פאטערלאנד און פון דער אמונה. מתתיהו האט זיי פריהער געזאגט אז זיי וועט אויסקומען צו פיהרען א שווערען און בלוטיגען קאמפף און האט זיי צוגעגרייט, מפקיר צו זיין דאס לעבען פאר דער הייליגער זאך. מ'האט בעשלאסען זיך צו בעשיצען מיט געוועהר פון א'אנפאל אפילו אום שבת, נישט ווי די חסידים, וועלכע האבען נישט געוואגט אויפצוהייבען א שטיין אין דעם הייליגען טאג. עס האט זיך אנגעהויבען א

הײסע בעװאָפונגס-אַרבײט און אפילו יענע חסידים, װעלכע האָבען געװאוסט בלױז זיך צו פערטיעפען אין הײליגע ספרים, האָבען מאַססען-װײז געקומען צושטעהן צו מתתיהו'ס מחנה און זיך פערזאָרגען מיט כלי-זיין. די לאַגע אין לאַנד איז געװען אַזױ װי אין דער צײט פון נאָך די שופטים; די אײנװאױנער זענען צוזײהט און צושפרײט געװען אין הײהלען איבער די בערג, אַ טײל האָט געהאַלטען פאַר'ן שונא, און נאָר אַ קלײנער הײפעל איז געװען גרײט אױסצולײזען דעם פאָטערלאַנד מיט'ן אײגענעם בלוט; האָט אָבער דער הײפעל װעניג געװעהר געהאַט און איז בכלל גאַנץ װעניג אײנגעאיבט געװען אין דער קונסט פון מלחמה. אַ נצחון איז איצט, אַלזאָ, נאָך מעהר אונמעגליך געװען, װי אין אָנהױב פון שאול'ס מלוכה.

מתתיהו האָט אױסגעמיטען אַנ'אָפענעם געשלעג מיט די סורי'ער, װיסענדיג, אַז די צאָהל פון זײן חיל איז זעהר קלײן. נור זענענדיג בעקאַנט מיט יעדען װינקעל פון דעם לאַנד, איז ער מיט זײנע זיהן און חיל פלינק איבערגעגאַנגען פון אײן שטאָדט אין דער אַנדערער, האָט צעשטערט די אַלטאַרען פון די גריכישע געטער, בעשטראָפט די אײנװאױנער, װאָס האָבען געהאַלטען פאַר'ן שונא, און פערפאָלגט די גריכען, װעלכע האָבען זיך איהם געטראָפען אױפ'ן װעג. עס איז איהם אײניגע מאָל געלונגען אױך צו צושלאָגען אַ שװאַכען סורי'שען חיל, אָן װעלכען ער האָט זיך אָנגעשטױסען. װען דער סורי'שער בעאַמטער פלעגט אַרױסשיקען פון ירושלים געגען די מורדים אַ גרעסערן חיל, פלעגען זײ מיט אַ מאָל נעלם װערען און מ'האָט זײ ניט געקענט געפינען. קורץ, מתתיהו האָט געפיהרט געגען דעם שונא אַ מלחמה, װעלכע איז מעגליך נאָר אין געבירגיגע געגענדען און קען פערמאַטערן זאָגאַר דעם שטאַרקסטען געגנער.

װען דער אַלטער מתתיהו האָט געהאַלטען בײ'ם שטאַרבען, האָט ער פאַר אַ ראָט-געבער בעשטימט זײן עלטערן זוהן שמעון און אַלס אָנפיהרער פונ'ם אױפשטאַנד דעם יונגער'ן, יהודה. ער האָט זײ אָנגעזאָגט, אַז זײ זאָלען נישט קוקען אױף לעבען און טױט און שטרײטען ביז'ן לעצטען טראָפען בלוט פאַר זײער גאָט און פאָטערלאַנד. באַלד װי יהודה המכבי איז געװאָרען אָנפיהרער האָט דער װידערשטאַנד אָנגענומען נאָך אַ שאַרפערען חאַראַקטער. ער איז געװען אַ העלד, װעמעס גלײכען די אידען האָבען נישט אָנגעזעהן פון דוד'ס און יואב'ס צײטען אָן. פון זײן העלדען-נשמה האָט געשטראָמט אַזאַ

אונזיכטבארע קראפט, וואס האט די אלע, וועלכע האבען זיך געפו=
נען אונטער זיין אנפיהרונג, מיט טוידט=מוט אנגעפילט. דערצו איז ער
געוועזען בעגאבט מיט א שארפזיכטיגען אנפיהרער=בליק, אנצוהויבען א
קאמפף צו דער צייט, אויסצונוצען די שוואכע זייטען פון שונא און
אבנארען איהם דורך א כלומר'שטער אטאקע. פון איין זייט „איז ער
געוועזען גלייך ווי א לייב אין זיין צארן” און פון דער אנדערער זייט
„ווי א טויב, מיט זיין ווייכקייט און צערטליכקייט”. ער איז געוועזען
טריי דער אמונה, ווי די בעסטע פערזענליכקייטען אין דער אידישער
פערגאנגענהייט. ער פלעגט זיך ניט פערלאזען אויף זיין אייגענער
קראפט, נאר אויף גאט'ס הילף, צו וועלכער ער פלעגט זיך ווענדען
פאר יעדען ארויסטריט. יהודה המכבי איז געוועזען אנ'אמת'ער אידי=
שער העלד, וועלכער פלעגט זיך ערלויבען בלוט פערגיסען נאר אין
נויט, אום צו בעפרייען און ערהויבען דאס אונטערדריקטע און גע=
פאלענע פאלק, און די גאנצע עפאכע פון דעם דאזיגען אויפשטאנד
טראגט אויך זיך זיין נאמען, זיין שטעמפעל און זיין כאראקטער.

אין אנהויב האט ער נאכגעטאן זיין פאטער און פלעגט זיך בע=
נוגענען מיט'ן בעשטראפען די בוגדים, מיט'ן צוציהען צו זיך די,
וועלכע האבען זיך נאך ניט אבגעריסען פון יודענטום און אנטהון שא=
דען קליינע אבטיילונגען פונ'ם סורי'שען חיל; ווען די צאהל פון זיי=
נע אנהענגער איז אבער פערגרעסערט געווארען דורך די, וועלכע
האבען שוין נישט געקענט מעהר רוהיג בלייבען אונטער דעם פרעמ=
דען יאך, האט יהודה בעשלאסען ארויסצוגעהן אפען געגען דעם גרי=
כישען חיל, וועלכער האט זיך געפונען אונטער דער אנפיהרונג פון
אפאלאניוס.

דער ערשטער אפענער געשלעג, וועלכען יהודה האט דורכגע=
מאכט, האט זיך אויסגעלאזען זעהר גליקליך: (166) אפאלאניוס איז
געפאלען טויט אויפ'ן שלאכט=פעלד און זיינע סאלדאטען זענען אדער
פערוואונדעט געווארען אדער זיך צולאפען. דער בעזיעגטער סורי'שער
חיל איז אפילו געוועזען ניט פיעל אין צאהל, פונדעסטוועגען האט
דער דאזיגער נצחון צוגעגעבען מוט די יודישע קעמפפער. דעם ער=
שטען מאל האבען זיי דעם שונא גלייך אין די אויגען געקוקט און
עס האט זיי אבגעגאלטען! זיי האבען דעריין געזעהן א צייכען, אז
גאט האט נישט פערלאזען זיין פאלק, נאר ער בעשיצט עס מיט
זיין אונזיכטבארער האנד. יהודה האט אבגענומען ביי דעם דער'הרג'=

טען אַפּאָלאָניוס'ן זיין שווערד און האָט מיט איהם געקעמפפט ביז'ן לעצטען אָטעם-צוג.

דאַן איז געגען יהודה'ן אַרויס דער סורי'שער קריעגס-פיהרער העראָן מיט אַ גרויסען חיל; מיט איהם זענען מיטגעגאַנגען בוגדים-העלעניסטען, אום צו ווייזען איהם בעקוועמע וועגען איבער די בערג, וואו יהודה האָט זיך געפונען. ווען די יודישע קעמפפער האָבען צו-ערשט דערזעהן די גרויסע מחנה פונ'ם פיינד נעבען בית חורון האָבען זיי אויסגעשריען: „ווי וועלען מיר עס וואַגען צו שטרייטען געגען אַזאַ גרויסען חיל?" נאָר יהודה האָט זיי בערוהיגט און אויפגע-מונטערט און זיי דערמאָהנט אַלץ, וואָס זיי האָבען דאָ צו פערטיי-דיגען — זייער לעבען, זייערע קינדער און זייער תורה. נאָכדעם איז ער שטורמיש בעפאַלען די סוריער און האָט זיי אינגאַנצען צו-שלאָגען. אַכט הונדערט מאַן פון העראָנ'ס חיל זענען געבליעבען אויפ'ן שלאַכט-פעלד און די איבריגע זענען אַנטלאָפען צו מערב-זייט אין לאַנד פון די פלשתים. יהודה'ס ערשטער פאָלשטענדיגער נצחון איבער'ן שטאַרקען שונא ביי בית חורון האָט פונאַנדערגעפלאַקערט אין די יודישע הערצער די האָפנונג, אַז דער אויפשטאַנד וועט זיך גליקליך ענדיגען, און אַלע שכנ'ישע פעלקער האָבען אָנגעהויבען מורא האָבען פאַר דער העלדענקראַפט פון די מכב'ער.

אַנטיוכס'ן האָט אין אָנהויב ווייניג וואָס געקימערט דער אויפ-שטאַנד אין יהודה, ווייל ער איז זיכער געוועזען, אַז זיין חיל איז נאָך גענוג שטאַרק, אום צו אונטערדריקען דעם אויפשטאַנד אין רעכטען אָנהויב; ווען אָבער ער האָט אָנגעהויבען בעקומען אָפטע ידיעות וועגען די מפלות פון זיינע חיל-אָבטיילונגען אין יהודה, און דערהערט וועגען דעם יודישען העלד יהודה המכבי, האָט ער פער-שטאַנען, אַז זיין רעכנונג בנוגע צו דער יודישער קראַפט איז געוועזען אינגאַנצען פאַלש. שטורמיש-צוקאָכט און אויפגעברויזט האָט ער בע-שלאָסען צו מאַכען איין מאָל פאַר אַלע מאָל אַ סוף פון יודען אינגאַנ-צען; ער האָט אָבער דעם דאָזיגען פּלאַן ניט געקענט באַלד אויספיה-רען, ווייל האָבענדיג אַ קליינעם גאַרניזאָן חיל, האָט ער געמוזט דינגען סאָלדאַטען. צו דעם צוועק האָט ער געדאַרפט האָבען געלד, און דאָס האָט איהם גראָד געפעהלט, ווייל זיינע ווילדע פערשווענדונ-גען און הוצאות האָבען ווייט איבערגעשטיגען די הכנסות; ערוואַרטען די אָבצאָהלונגען און מסים פון יהודה האָט ער שוין געוויס ניט גע-

קענט. דערצו זענען נאך צוגעקומען אנדערע פערלעגענהייטען אויך: „שרעק-נאכריכטען זענען איהם אנגעקומען פון מזרח און צפון". ארזא-צעס, זיין סאטראפ פון אדום, האט זיך אבגעריסען פונ'ם סוריש-בבל-שען מלך און בעפרייט דאס פאלק פון זיין יאך; ארטאקסיאס, דער מלך פון ארמעניען, האט זעהר וועניג אונטערטהעניגקייט ארויסגעוויזען צו אנטיוכס'ן און האט זיך געפיהרט ווי א אונאבהענגיגער פירשט. די איינוואוינער פון אראדוס און אנדערע פיניצעאישע שטעדט זענען איהם אויך וועניג וואס געהארכזאם געוועזען. דאס אלץ האט שטארק געווירקט אויף צו פערקלענער'ן זיינע הכנסות. כדי ווידער פול צו מאכען זיין קאסע, האט ער געמוזט פיהרען מלחמות מיט די דאזיגע פעלקער, און אום די דאזיגע מלחמות צו פיהרען, האט ער ווידער געמוזט געלד האבען. אין אזא פערצווייפעלטער לאגע האט זיך אנטיוכס געפונען.

איהם האט פונדעסטוועגען פארט זיך איינגעגעבען אבצושפארען וויפיעל עס איז געלד און דינגען חיל אויף איין יאהר. מיט א העלפט פון דעם דאזיגען חיל האט ער גערעכענט אליין ארויסצוטרעטען געגען די פעלקער אויף יענער זייט פרת, וועלכע האבען זיך פון איהם אב-געריסען, און די אנדערע העלפט האט ער איבערגעלאזען אונטער דער אנפיהרונג פון איינעם פון דער קעניגליכער פאמיליע, ליזיאס, וועלכען ער האט איבערגעגעבען זיין יונגען זוהן צו ערציהען. בנוגע ווידער צו דעם יודישען פאלק האט ער זיין פלאן אינגאנצען געענ-דערט. ניט צו העלעניזירען די אידישע מאסע האט ער איצט גע-שטרעבט — דאס האט שוין פאר איהם קיין רייץ ניט געהאט. ער האט דאן פעסט בעשלאסען, אינגאנצען צו פערניכטען און צו פער-טיליגען דאס איבערגעליבענע פון דער אידישער בעפעלקערונג. צו דעם צוועק האט ער ליזיאס'ן בעפוהלען, ארויסצוטרעטען מיט'ן חיל געגען יהודה'ן, און צו פערניכטען יעדען שפור פון אידען, אויסצומע-קען יעדער זכר פון דעם אידישען נאמען און צו בעזעצען אינ'ם לאנד אנדערע פעלקער, דערביי איז חאראקטעריסטיש דאס, וואס אינ'ם כלל פון דעם דאזיגען פערניכטונגס-פלאן זענען אריינגעגאנגען אויך די יודישע העלעניסטען.

באלד ווי עס איז בעוואוסט געווארען דער דאזיגער פלאן, איז ארויפגעפאלען אנ'אימה אין א שרעק אויף אלע יודען און איבערהויפט אויף די, וועלכע האבען געוואוינט צווישען פרעמדע פעלקער. קיינער האט ניט געקענט גלויבען, אז יהודא'ס קליינער חיל וועט קענען זיך

ווידער-שטעלען געגען אַזאַ מחנה קריעגסגעלערנטען מיליטער, אונטער דער אָנפיהרונג פון אַזאַ בעוואוסטען פעלד-מאַרשאַל, ווי ליזיאַס. אין יעדען לאַנד און שטאָדט, וואו עס איז אָנגעקומען דעם מלך'ס בעפעהל, איז ביי די יודען אַ גרויסער טרויער אויסגעבראָכען געוואָרען; מ'האָט געפאַסט, געוויינט און געקלאָגט, מ'האָט זיך אָנגעטאָן אין צוריסענע בגדים און זיך געוואַלגערט אין אַש. דערפאַר אָבער האָט דער דאָזיגער אונגעהערטער פּלאַן, צו פערניכטען דאָס גאַנצע פאָלק, מענער פרויען און קינדער, — שטאַרק פערגרעסערט די צאָהל פון די פּאַטריאָטישע העלדען און קעמפּפער פאַר'ן פאָטערלאַנד. צו די מכבי'ער זענען יעצט צוגעשטאַנען אפילו יענע, וועלכע האָבען זיך נישט אַזוי שטאַרק איבערגענומען מיט'ן יודענטום, ווייל זיי האָבען שוין קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט. אום צו פערפעסטיגען און אונטערצוהאַלטען צווישען די קעמפּפער די הויכע שטימונג, איז פערפאַסט געוואָרען אַ אייגענאַרטיגער ספר, וועלכער איז דערנאָך פערשפּרייט געוואָרען אין'ם גאַנצען לאַנד; דאָס איז דער ספר דניאל. פערפאַסט איז דער ספר געוואָרען דורך די חסידים און איז געווען געווענדעט צו די, וועלכע זענען געווען איבערצייגט אין גאָט'ס השגחה אויף דעם יודישען פאָלק און געקענט גלויבען אין זיינע נסים.

די פרומסטע און טייערסטע פון פאָלק האָבען דאָך אָנגעהויבען צווייפלען אין די חסידים, וואָס גאָט טוט מיט יודען, דען עס האָט זיך ניט בעוויזען קיין נביא, וועלכער זאָל פאָראויס זאָגען אַ סוף צו די אונגעהויערע צרות און אונגליקען. דער ספר דניאל האָט דעריבער געדאַרפט בערוהיגען די דאָזיגע גלויביגע און בעפרייען זיי פון'ם שעדליכען סקעפּטיציזם, איבערצייגענדיג זיי, אַז די נביאי'שע קראַפט איז נאָך ביי יודען נישט אויסגעגאַנגען.

צו ערשט ווערען אין דניאל געבראַכט ביישפּיעלען פון רעליגיעזער שטאַנדהאַפטיגקייט און זעלטענער מסירת-נפש בנוגע צו דער אמונה, און דערביי קומען, די ביישפּיעלען פון אַזעלכע מענשען וועלכע זענען לויט זייער ערציהונג צוגעוואוינט געווען צו פרעמדע זיטען. אַזוי ווערט דאָרט גערעדט וועגען דניאל'ן, חנניה'ן, מישאל'ן און עזריה'ן, וועלכע זענען ערצויגען געוואָרען אין כאַלדעאישען (כשדים'שען) און פערסישען הויף.

זייענדיג פעסט איבערצייגט, אַז די מלוכה, וועלכע שטיצט זיך אויף גזלנישער קראַפט, און געוואַלדטאַט קאָן קיין קיום נישט האָבען, זאָגט

דער מחבר פון דניאל נביאות וועגען דער נאָהנטער מפּלה פון דער סורי'שער מלוכה. די נביאות ווערט, אמת, אַרויסגעזאָגט האַלב פערוויקעלט, האַלב פערדונקעלט, דאָך איז עס געווען גענוג פערשטענדליך צו יענער צײַט. די פירטע מלוכה אויף דער ערד — בבל, פרס, און אַלכּסנדר מוקדן, וועלכע האָבען געהערשט איבער ארץ=ישראל, וועגען די ערשטע דרײַ — וועט גאָט לעסטערען און שטערבען זײַנע הייליגע לײַט צו פערניכטען און זײַן פאָלק פון זײַנע געזעצען אָבצוריסען. די הייליגע לײַט וועלען זאָגאַר מוזען איהם זיך אונטערגעבען איין צײַט און צוויי צײַטען און אַ האַלבע צײַט (אַ יאָהר און צוויי יאָהר און אַ האַלבען יאָהר). דאַן וועט די הערשאַפט איבערגעהן צום הייליגען פאָלק אויף אייביג און אַלע מלכים וועלען איהם לויבען. אין אַ'נאַנדער פאָרם ווערט דאָס זעלבע אויסגעדריקט אַזוי: די חוצפה'דיגע סורי'שע מלוכה, דער קלײנער האָרן פון דער פריהערדיגער גרויסער פרסי'שער און מוקדוני'שער אימפעריע, וועט זיך פונאַנדערוואַקסען ווײַט און ברײַט קײן מזרח, מערב און צפון, וועט זיך ביז'ן הימעל ערהויבען, וועט די שטערען אַראָבשלײַדערן און מיט די פיס צוטרעטען; וועט זיך אויפהויבען איבער דעם בעשעפער פון די שטערען, וועט די טעגליכע קרבנות שטערען און אין בית=המקדש אַ געץ אויפשטעלען. אויף דער פראַגע, ווי לאַנג וועט דאָס געדויערען, ווי לאַנג וועט דער קרבן=תמיד בטל זײַן, ווי לאַנג וועט דער געץ אין בית=המקדש געוועלטיגען, ווי לאַנג וועט דאָס הייליגטום געטראָטען ווערען? — ענטפערט די שטים פון דער נבואה: ביז אָוועגד און פריהמאָרגען צוויי טויזענד דרײַ הונדערט דאַן וועט ענדליך דער בית=המקדש אויסגעלעזט ווערען.

דער רעטעניש=פולער ספר דניאל מיט זײַן טיעף=דורכגעדרונגענעם נבואה=טאָן, מיט זײַנע טיעף=ריהרענדע בילדער=פאַרבען איז זעהר פיעל געלעזען געוואָרען צווישען די חסידישע קרײַזען. די מלאכים, וואָס פינורירען אין ספר, די נסים, וואָס ווערען דאָרט דערצעהלט, דערצו די אַפּאָקאַליפּטישע פאָרם, אין וועלכער יעדער שטריך האָט זיך זײַן כונה און דערצו אויך די בעדײַטונג, וועלכע שפּיגעלט אָב די לאַגע פון דער געגענוואַרט, מאַכט נאָך דאָס הייליגע ווערק פיעל שפּאַנענדער. די געהיימניספולע שפּראַך, האַלב העברעאיש און האַלב אַראַמיש (כּאַלדעאיש), מאַכט נאָך גרעסער די ווירקונג. אין דער צײַט, ווען די נביאים זענען שוין פערשוואונדען געוואָרען, האָט דאָס פערפאָלגטע פאָלק אין דעם דאָזיגען ספר אַ נײַע געטליכע ערשײַנונג געזעהען און געזוכט אין דעם צו געפינען אַ רמז אויף זײַן ערלעזונג!...

דערווײַל רוקט זיך אַלץ נעהענטער אָן די געפֿאַהר איבער דעם אידישען לאַנד. ווען אנטיוכוס איז מיט אַ טײל חיל צום מזרח אַוועק, האָט זײַן שטעלפֿערטרעטער ליזיאַס בעשטימט אַלס שר-צבא תּלמי׳ן און אַלס געהילפֿען ניקנור און גורגיאַש. דעם לעצטען איז אָבגעגעבען געוואָרען אַ בעפֿעהל אָנצוהויבען די מלחמה געגען יהודה; ער האָט געפֿיהרט זײַן חיל — לויט דער מסורה אַ מאַן 40,000 אויסער רײַטער — בײַ׳ם ברעג פֿון ים גלײַך צום צענטער פֿון דעם הײַליגען לאַנד. די שומרונ׳ער און די פּלשתי׳מער, די אײביגע שונאים פֿון יהודה — זענען איהם צו הילף געקומען. ער איז אַזוי זיכער געווען אין זײַן נצחון, אַז ער האָט שוין פֿעררופֿען פֿאָרויס אין זײַן לאַגער די שקלאַפֿען-הענדלער מיט געלד און קײטען צו קויפֿען און צו בינדען די געפֿאַנגענע יודען. אין דער צײַט, ווען דער פֿײַנד פֿערקויפֿט שוין פֿאָראויס זײערע לײַבער, קלויבען זיך די יודישע חילות צונויף אונטער דער פֿאָהן פֿון יהודה המכּבי, זײער צאָהל גרייכט קוים זעקס טויזענד. אײדער זײ אויף׳ן שלאַכט-פֿעלד צופֿיהרען, האָט זײער גרויסער אָנפֿיהרער געוואָלט זײ מיט העלדעמוטיגער בעגײַסטערונג אָנפֿילען; ער האָט דערום בעשטימט אַ פֿײַערליכע פֿערזאַמלונג אין דער היסטאָרישער בערגשטאָדט מצפּה.

אַ מערקווירדיגע איבערחזר׳ונג! מיט נײַן דורות צוריק האָט דער נביא שמואל אַ׳עהנליכע פֿאָלק׳ס-פֿערזאַמלונג צונויפֿגערופֿען אין דער זעלביגער שטאָדט, ווען דעם פֿאָלק איז אַ׳עהנליכע געפֿאַהר פֿאָרגעשטאַנען ווען איבער׳ן לאַנד איז געהאָנגען די שווערד פֿון פֿערניכטונג. יהודה האָט מצפּה אויסגעוואוילט אויף דרום, ווײַל דאָס אָרט איז נאָך אַמאָל פֿערהײליגט געווען בײַם פֿאָלק און ווען דער בית-המקדש איז חרוב געוואָרען, פֿאַר גדליה׳ס צײַטען, האָט די דאָזיגע שטאָדט פֿאַר אַ צענטרום געדיענט פֿאַר די איבערגעבליבענע פֿון חורבן אין פֿערטרײַבונג, און דאָרטען איז אויך אַ הײליגטום צום בעטען אויפֿגעשטעלט געוואָרען. יהודה המכּבי האָט אין מצפּה גערופֿען זײַן חיל צו בעטען פֿאַר גאָט. אַ גרויסע פֿאָלקס-מענגע פֿון די אַרומיגע שטעדט האָבען זיך דאָרט פֿערזאַמעלט, כּדי אַ׳אַנטײל צונעהמען אין דער פֿײַערליכער תּפֿלה פֿאַר דער ישועה פֿון לאַנד. זײ זיצען אַ גאַנצען טאָג אין אַ שטרענגען תּענית, טוען זיך אָן אין טרויער-קלײדער און פֿערגיסען ביטערע טרערען פֿאַר גאָט, ער זאָל זיך פֿון זײַנע הויכע הימלען איבער זײַן אונגליקליכען פֿאָלק דערבאַרימען און זײַן אונגליקליכען לאַנד אַ הילף שיקען. אַ ספֿר-תּורה, וואָס איז פֿון בית-המקדש אַרויסגעראַטעוועט געוואָרען פֿון אנטיוכוס׳ס הענד

און וועלכע דער חיל האט מיט זיך גענומען אלס פאהן פון קאמפף, ווערט פונאנדערגעשפרייט און געלייענט, און די פערזאמעלטע ווייגען, זיך דערמאהנענדיג, אז דער שונא וויל דאס דאזיגע היילינגטום פון זייער הארצען ארויס רייסען, כדי זיי פאר געצען־דינער צו מאכען. ווען די דאזיגע בעגייסטערענדע פארבערייטונגען זענען געענדיגט געווארען, האט יהודה זיך פערנומען מיט דער סטראטעגישער איינארדנונג פון זיין חיל. ער צוטיילט עס אויף פיער טיילען און איבער יעדען טייל בעשטימט ער אלס אנפיהרער איינעם פון זיינע דריי איבעריגע ברידער. לויט דעם געזעץ פון דער תורה הייסט יהודה אויסרופען צווישען חיל: ווער עס האט נאר וואס געהייראטעט און מיט זיין פרוי זיך נאך נישט אנגעפרעהט, אדער ווער עס האט נאר וואס א הויז געבויעט און נאך איהם נישט בעוואוינט, אדער ווער עס האט נאר וואס א ווייגארטען געפלאנצט און נאך נישט גענאסען, זאל אהיים גיין... אדער וועמען דאס הארץ שרעקט פאר דער מלחמה, יענער זאל די מחנה פערלאזען און א היים זיך קעהרען! נאכדעם טרעט ער מיט זיין חיל ארויס געגען דעם שונא אין עמאוס, איינינע שטונדען וועג פון מצפה. גיאורגיאש האט זיין לאגער פון א מאן פינף־טויזענד פוסגעהער אין א מאן טויזענד רייטער אויף דעם זעלביגען פלאץ אויפגעשטעלט, וויל דורכדעם פונקט איז איהם לייכטער געוועזען ארייננצודרינגען אין יהודה און אויך אנצופאלען אויף דעם חיל פונ'ם מכבי. דער סוריש'ער ארמעע־אנפיהרער האט געמיינט צובעפאלען פלוצלונג ביינאכט די אידישע מחנה. יהוה המכבי האט אבער זיך נישט געלאזט פערנארען. ווי נאר עס איז טונקעל געווארען און די נאכט איז צוגעפאלען האט יהודה זיין חיל איבער בעקאנטע וועגען שטילערהייד אריבערגעפיהרט און האט זיך דעם פיינד הינטען געשטעלט. ווען גיאורגיאש איז געקומען אויף דעם ארט, וואו דער אידישער חיל איז פריהער געשטאנען און האט איהם ליידיג געפונען, האט ער גערעכענט, אז יהודה'ס מחנה האט זיך פאר'ן פיינד דערשראקען און איז אבגעטראטען צוריק אין די בערג. דאן טראכט ער נישט לאנג און יאגט איהם כלומר'שט נאך. דערויף איז אבער געוועזען אויסגערעכענט יהודה'ס פלאן. ער איז אנגעלאפען די סוריא'ער פון רוקען, איז אנגעקומען ביז זייער לאגער, האט איהם אונטערגעצונדען און איז זיי ווייטער נאכגעלאפען. נאר ווען עס האט אנגעהויבען טאגען, האט ערשט דאן גיאורגיאש בעמערקט, אז דעם פיינד, וועלכען ער האט געדענקט צו זוכען אין די בערג, שטעהט ביי איהם פון הינטען און איז גאנץ מונטער און דרייסט צו מלוחמה גערייט. א גרויסער טייל

פון זיין מחנה איז שוין אבער געווען ווייט אוועק, און זייענדיג געצוואונגען שוין ארויסצוטרעטען אין קאמפף, האט ער נאר געקאנט א קליינע אבטהיילונג בעפעהלען, זיך אבצושטעלען. דערווייל האט יהודה אויך זיין חיל אין ארדנונג געבראכט און איהם בעגייסטערט מיט הייסע ווערטער, צו ריימפפען פאר'ן פאלק, פאר'ן לאנד, פאר גאט און פאר'ן גלויבען. זיין יונגערער ברודער, שמעון, לייענט אויף גיך פאר איינינע בעגייסטערענדע שטעלען פון דער תורה און גיעט די סאלדאטען א פאראל, אויף צו דערקענען איינער דעם צווייטען — תשועת ד' (גאט'ס הילף). די צאהל פון דעם אידישען חיל האט אריבערגעשטיגען די קליינע אבטהיילונג פון די סוריא'ער סיי אין צאהל און סיי אין דער בעגייסטערונג, אזוי אז ער האט איבער'ן פיינד א גיכען און גרינגען נצחון אבגעהאלטען און גיאורגיאש מיט זיין מחנה האט געמוזט אבטרעטען. יהודה האט אבער געווארענט זיין חיל נישט צו פערנעהמען זיך דערווייל מיט'ן רויב פון דעם בעזיעגטען שונא, ווייל דער גרעסטער טייל פון די סוריא'ער, וועלכע זענען אוועק פארויס, זענען נאך נישט בעזיעגט און זיי קאנען יעדער ווייל זיך אומקעהרען און דעם קאמפף בעניייען. און ווירקליך, ווען די פאראויסגעהענדע סוריא'שע מחנה האט זיך ארומגעזעהען, אז זייער קריעגס-האר מיט זיין אבטהיילונג איז נישטא, האבען זיי זיך אומגעקעהרט איהם זוכען. יהודה האט באלד פארברייטעט זיין חיל דעם פיינד צו בעגעגענען, נאר צו א צווייטען צוזאמענשטויס איז דאס מאל נישט געקומען. ווי נאר די סוריא'שע מחנה האט צוריק-וועג'ס פון דער ווייטענס דערזעהן דעם רויך, וואס איז אויפגעשטיגען פון זייער געוועזענעם לאגער-פלאץ, האט זי עס נישט געקאנט בעגרייפען. אנ'אונגעהויערע שרעק איז אויף זיי אנגעפאלען און זייענדיג אבגעשיידט פון זייער אנפיהרער זענען זיי זיך צולאפען אין אלע עקען. „א גרויסע ישועה איז געשעהן אין יענעם טאג,” און דער ווירקליכקייט האט דאס געשלעגט ביי עמאוס געהאט א גרויסע מאראלישע בעדייטונג. ווי דער נצחון זאל נישט זיין קליין, האט ער דאך אריינגעגעבען דעם יודישען חיל מוט און געוועקט אין זיין הארץ דאס געפיהל פון צוטרוי צו די אייגענע קרעפטען. ס'איז אויפגעהויבען געווארען די שווערד איבער'ן קאפ פון פיינד, וועלכער האט דורות-לאנג פערשקלאפט דאס פאלק און בעהערשט דאס לאנד און וועלכער האט זיך גערעכענט פאר א אונבעזיעגבארען ריעז אין דער בעציהונג צו דער קליינער, גערדריקטער און געפלאגטער יהודה!

און אויב די האנד וועלכע האט צוערשט די שווערד איבער דעם אונבעזיגבארען שונא אויפגעהויבען, האט אין אנהויב געציטערט, האט זי דאך געמוזט וואס ווייטער ווערען שוין דורכדעם אליין, וואס אינ'ם בעוואוסטזיין איז זי שוין בעפרייט געווארען פון איהר בעדריקער. מיט לויב און געזאנג קעהרען זיך די גליקליכע בעזיגער צוריק פון שלאכט-פעלד צו זייער זאמעלפונקט קיין מודעים און די הויכע בערג פון יהודה זענען, נאך א פיעל-יאהריגען טרויעריגען שטום זיין, פערהילכט געווארען פון א פריידיגען דונער-אויסברוך:

„הודו לד' כי טוב, כי לעולם חסדו!“

די בעזיגער האבען נאך אבער זייער כלי-זין פון האנד נישט געקאנט ארויסלאזען. זיי זענען געווען גאנץ איבערצייגט, אז ליזיאש, וועלכער האט פון זיין מלך דעם בעפעהל בעקומען, גאנץ יהודה צו פערטיליגען, וועט זיך צוליעב דער מפלה פון איינעם פון זיינע שרים נישט אבזאגען פון זיינע פלענער; פערקעהרט, מען האט געקאנט ערווארטען, אז דער דאזיגער פערביסענער יודען-פיינד וועט די סורי'שע מחנה אין יהודה נאך פערגרעסערן. זיי זענען דערום געבליבען בעוואפענט און קריעגס-פערטיג, צו יעדע צייט דעם שונא אין לאנד צו בעגעגנען. זיי האבען געהאט דאס גליק צו זעהען, ווי זייערע רייהען וואקסען אהן אויפהער און דערגרייכען שוין די צאהל פון א מאן צעהן טויזענד, און אויב די געשיכטע ווייסט צו דערצעהלען פון „הייליגע מלחמות“, האט די דאזיגע מכבי'ער-מלחמה געוויס דעם דאזיגען נאמען פערדיענט. אין א יאהר ארום, ווען ליזיאש איז מיט א געוואלדיג גרויסען חיל אנגעקומען קיין יהודה און פון דאס ניי אנגעהויבען די מלחמה, האט ער שוין דארט געטראפען א שטארקע פערטיידיגונג, נאך א פיעל שטאנדהאפטיגערע און מוטיגערע, ווי פריהער. ער פערפעסטיגט זיין לאגער אין בית-צור, א שעה פינף גאנג פון ירושלים. יהודה המכבי געהט איהם אבער אנטקעגען מיט זיין צעהנ-טויזענדיגער מחנה; עס צופלאקערט זיך א ביטערע מלחמה, און די העלדיש-שטורמדיגע ענטשלאסענקייט פון די יודישע קעמפפער האט דורכאויס גובר געווען די קריעגס-קונסט פון די סורי'ער. אהן מוט ציהט ליזיאש אב פון יהודה, זיך איבערצייגענדיג, אז די יודען זענען געווען צוגעגרייט נישט נאר צום קאמפף, נאר אויך צום אמת'ען טוידט; געגען אזא בעגייסטערונג האט ער זיך אינגאנצען מאכטלאז געפיהלט; ער האט אבער געהאפט, אז אין גיכען וועט

זיך איהם ענדליך דאָך איינגעגעבען אַנ,ענדרע צו מאַכען מיט'ן יודישען פאָלק, ווען ער וועט זיין אַרמע פעסטער און גרעסער מאַכען. דערוויל איז אָבער יהודה ציטווייליג בעפרייט געוואָרען פון דעם סורי'שען יאָך און איינפלוס; נאָר אין עקרא האָבען נאָך די העלע-ניסטען מיט מענעלאַס'ן אין דער שפּיץ זיך געהאַט פערפעסטיגט, וואָהרשיינליך מיט דער הילף פון איינינע סורי'שע אָבטהיילונגען.

אַ דאַנק די צוויי ענטשלאָסענע נצחונות ביי עמאות און בית-צור האָט זיך די לאַגע אין לאַנד פאָלשטענדיג געענדערט. די בע-דראָהענדע געפאַהר איז פאַרביי, און מערקווירדיג: צייט די רדיפות אויף דער יודישער אמונה האָבען זיך אָנגעהויבען און צייט דער בית-המקדש איז דורך די סוריא'ער פעראונרייניגט געוואָרען, זענען פאַרביי-געגאַנגען אַרום דריי און אַ האַלב יאָהר, פּונקט ווי עס האָט פאָראויסגעזאָגט דער ספר דניאל. איצט האָט דאָס לאַנד אָנגעפאַנגען זיך צו בערוהי-גען. דעם דאָזיגען גינסטיגען מאָמענט האָט דער מכבי און זיינע אָנהענגער אויסגענוצט זיך אַריבערצוציהען קיין ירושלים, כדי די היי-ליגע שטאָדט צו בעניינען. דאָס אויסערליכע אויסזעהן פון דער הויפּט-שטאָדט האָט געמאַכט אַנ'האַרצרייסענדען איינדריק אויף איהרע זיהן, וועלכע האָבען נאָר וואָס זייער בלוט פערגאָסען פאַר איהר הילף און רעטונג. זי איז ענהליך געווען צו אַ מדבר, אין וועלכען ווילדע חיות האָבען נאָר וואָס זייער ווילדען רויב-שפּיעל געענדיגט. בעזונ-דערס פערוויסט איז דער בית-המקדש געווען. דער אולם איז געוועזען פערברענט, די עזרות — צושטערט, אומעטום — געצען-אַלטאַרען און ביי יעדען אַלטאַר — דאָס בילד פון גריכישען אָבגאָט צעאוס און די געשטאַלט פון דעם פּרעכען אַנטיוכוס. די העלדישע פאָלקס-קעמפּפער האָבען זיך אָבער נישט געוואָלט איבערגעבען די טרויער-געפיהלען און די האַרץ-שמערצען; זיי האָבען גענוזט וואָס שנעלער זיך נעהמען צו דער בעוואָפנונג'ס-אַרבייט, כדי זיי זאָלען נישט גע-שטערט ווערען פּלוצלונג דורך די אינערליכע און אויסערליכע פיינד. ערשטענס האָבען זיי צושמעטערט די צעאוס-בילדער, צובראָכען די אַלטאַרען און דאָס אַלץ, ווי אויך אַלע איבעריגע אונריינינקייטען, אַרויסגעשליידערט פון דעם בית-המקדש-הויף. צוזאַמען דערמיט האָ-בען זיי אָבער אויך דעם מזבח צושטערט, געפינענדיג, אַז נאָך די אַלע אומווירדיגקייטען, וואָס זענען אויף איהם דורך די סוריא'ער און העלעניסטען אויסגעאיבט געוואָרען, איז ער שוין מעהר נישט ראוי

צו קיינע היילינע עבודות. עס ווערט א נייער מזבח אויפגעשטעלט, א נייער אולם אויפגעבויט און איננאנצען ווערן נייע בית=המקדש=כלים אריינגעבראכט. אין א משך פון דריי וואכען ווערט די דאזיגע ארבייט פארטיג און אין פריהמארגען פון דעם פינף=און=צוואנציגסטען כסליו (166) ווערט געפייערט די בענייאונג (חנוכה) פון בית=המקדש מיט קרבנות און תפלות. אזוי התפעלות'דיג און אזוי טיעף איניג זענען די פאריגע בית=המקדש=בענייאונגען נישט געוועזען. די אנוועזענדע זענען בעגייסטערט געוועזען פון די ריינסטע, דערהויבענסטע געפיהלען; דער טיעפער טרויער און די ביטערע ליידען, וואס האבען געפרעסט דאס הארץ פון פאלק די לעצטע יאהרען זענען פערשוואונדען געווארען; עס האט אויפגעלעבט די האפנונג אויף א גליקליכער צוקונפט. דער „חנוכת=הבית" פון בית=המקדש איז דורכ'ן פאלק בעטראכט געווארען אלס א נצחון פון יודענטום איבער'ן העלעניזמוס, אלס א נצחון פון דעם יודישען גאט איבער די גריכישע אבגעטער. די בענייאונג האט געדויערט גאנצע אכט טעג, די לויים האבען כארען=וויזע דאנק און לויב=געזאנגען און תהלים=קאפיטלען געזונגען. די לעצטע ישועה האט זיי שטאף געגעבען צו פאעטישע שעפפונגען. דאס גאנצע פאלק פון אלע שטעדט אין יהודה האבען זיך אין דער דאזיגער פייערונג בעטייליגט און, ווי ס'שיינט, האבען די איינוואוינער פון ירושלים אין די טעג אנגעצונדען פייער'ן פאר דער טהיר פון הויז אלס סימבאלישען צייכען פון דער אויפלעבונג פון דער היילינער תורה, וועלכע איז צו ליכט געגליכען. די חשמונאים מיט די איבערגעבליבענע מיטגליעדער פון דער כנסת=הגדולה האבען עס דאן בעשטימט אלס א געזעץ פאר זייערע ברידער אויף איביג: די אכט טעג פון 25=טען כסליו אן מוזען יאהר=יעהרליך אלס א יום=טוב אבגעהיט ווערען; יעדערער איז מחויב אין יענע טעג לויב=געזאנגען פאר גאט צו זינגען צום אנדענקען פון דער בענייאונג, און די אבענדען מיט ליכט אילומינירען. שוין העכער צוויי טויזענד יאהר ווערט דער מנהג ביי יודען אבגעהיט און יעדעס מאל וועקט ער אין הארצען ביי יעדען מיטגליעד פון פאלק אלטע ערינערונגען און נייע האפנונגען!...

פערשטעהט זיך, אז די אלטע ארדנונג אין בית=המקדש איז פון דאסניי אויפגעשטעלט געווארען, די כהנים און די לויים האבען פון דאסניי זייערע שטעלען פערטרעטען. נאר יענע בני=אהרן, וועלכע האבען זיך, אונטער דעם איינפלוס פון העלעניזמוס בעטייליגט אינ'ם גע=

צענדיסטט, זענען בעזײַטיגט געוואָרען פון'ם בית=המקדש און פון אַלץ, וואָס איז מיט איהם פערבונדען. אין דער צײַט, ווען די רײַניגונג פון בית=המקדש איז פאָרגעקומען, האָט יהודה המכבי, נישט פונאַנדערלאָזענדיג זײַן חיל, אַרויפגעלעגט אויף איהם די אַרבײַט פון בעוואַכען די שטאָדט אום צו פערהיטען איהר פון איין אָנפאַל, און ווי נאָר די בענײַאונג האָט זיך געענדיגט, האָט ער אַרומגעמויערט דעם בית=המקדש=באַרג מיט אַ הויכען מויער און איהם אַרומגעצוימט מיט פיעל טורעמס. פאָראויסעהענדיג, אַז דאָס פאָלק וועט נאָך מוזען פיעל מלחמות אויסשטעהן, ביז וואַנען עס וועט זיך די ווירקליכע פרײַהײַט ערווערבען, זאָרגט ער אָהן אויפהער פאַר דער בעשיצונג פנו'ם לאַנד, בויט פעסטונגען, פערשטאַרקט די וואַך און א. וו. די שטאָדט בית=צור, וואו ליזיאַש האָט געמײַנט דעם לעצטען מאָל זיך אײַנצואָרדענען מיט זײַן לאַגער, האָט יהודה אויך געלאָזען בעפעסטיגען, און ענדליך איז דער פּלאַץ געוואָרען אַ וויכטיגער פערטײַדיגונג'ס=פונקט געגען די אדומ'ער.

דער נצחון פון די יודישע פרײַהײַט'ס=קעמפפער געגען די גוט בעוואָפענטע און אײַנגעריכטעטע סוריא'ער האָט אַרויסגערופען אַ שטאַרקע קנאה בײַ די אַרומיגע פעלקער און פערשטאַרקט די פײַנדשאַפט צו אידען. זיי הויבען אָן צו פערפאָלגען די אידישע אײַנוואוינער, וואָס האָבען זיך שוין פון לאַנג=אָן בעזעצט אין די פרעמדע לענדער פון דער אומגעגענד. די פלשתים'ער אין דרום=מערב, די פיניציער אין צפון=מערב, די עמונ'ער פון יענער=זײַט ירדן, די סוריא'ער און מקדוני'ער אין דער גאַנצער שכונה — אַלע זענען געוואָרען גלײַך דורכגעדרונגען מיט אַ פערביסענער שנאה צום אידישען פאָלק; מעהר פון אַלע האָבען אָבער זיך אין דער הינזיכט אויסגעצײַכענט די אדומ'ער. די רוהע פון פּאַלעסטינא האָט געפאָדערט אײַנצושטילען די דאָזיגע פײַנדליכע שכנים. יהודה המכבי האָט אונטערגענומען אַ קריעגס=צוג געגען די בני=עשו, האָט אָבגעהאַלטען איבער זיי אַ גלענצענדען נצחון און פערנומען בײַ זיי אַ שטיק לאַנד. גיך און ראַשיג בעפאַלט ער נאָכהער די עמונ'ער פון איבערן ירדן, וועלכע האָבען געהאַט אַלס אָנפיהרער דעם בעריהמטען תימטיאוס, אַן עקשנות'דיגער און אונערמידליכער אידען=פײַנד. מיט זײַנע גלענצענד=געלונגענע קריעגס=צוגען האָט יהודה פערזיכערט די לאַגע פון די אידען, וואָס האָבען געוואָהנט אין די דאָזיגע געגענדען און אויף די אידישע שונאים האָט ער אַ שרעק אָנגעוואָרפען, צווינגענדיג זיי צו אַכטען די אידישע קראַפט אויב זיי האָבען ביז איצט נישט געוואוסט צו אַכטען דעם אידישען גײַסט...

ווען דער אידישער חיל האט זיך אבער צוריקגעקעהרט קיין
ירושלים, האט איהם דארט פון דאס ניי א טרויעריגע ידיעה בעגע=
גענט, א ידיעה וועגען נייע אידישע פערפאלגונגען. פון גלעד און
בשן האבען די אידען צו יהודה המכבי שלוחים געשיקט מיט יאמער=
ליכע בקשות, זיי צו ראטעווען, ווייל די ארטיגע געצענדינער האבען
זיך פערזאמעלט און בעשלאסען, זיי צו פערטיליגען. שוין טויזענד מאן
האבען זיי אויסגעקוילעט און קינדער און פרויען אין קנעכטשאפט פער=
קויפט. אומגעזאמט קומען אן אזעלכע בקשות אויך פון גליל—דארטען
געפינען זיך אויך די יודען אין גרויס געפאהר, אומעטום איז נויטיג
די גיכסטע הילף, אומעטום מוז רעטונג געשיקט ווערען. יהודה המכבי
טיילט זיין חיל אויף איינגע טיילען: איין טייל גיט ער איבער זיין
ברודער פון גליל; די איבעריגע צוויי טייל נעהמט ער צוזאמען מיט
זיין ברודער יהונתן, מיט וועלכען ער קומט גיך אן קיין גלעד און
בשן; אויף די איבריגע אבטהיילונגען בעשטימט ער צוויי אנפיהרער,
וועלכע מוזען אין לאנד בלייבען, צו בעוואכען די מערב=גרענעצען פון
יהודה געגען די אנפאלען פון די פלשתים ער. שמעון ערפילט זיין
שליחות שנעל און גליקליך. די פיינדליכע חילות, וועלכע בעגעגענען
איהם פון פערשידענע זייטען, ווערען דורך איהם פאלשטענדיג צו=
שלאגען, פערטריבען און ביז די האפען=שטעדט פערשטויסען. שמעון
בעפרייט דעם גאנצען גליל=געגענד און די אידישע איינוואוינער פון
דארטען רעדט ער צו, זיך איבערצוציהען אין צענטרום פון פאלעסטי=
נא, כדי דאס לאנד זאל שטארקער, בעפעלקערטער און בעפעסטיג=
טער ווערן. א פיעל שווערערען קאמפף איז זיין ברודער יהודה'ן אויס=
געקומען צו פיהרען; אין גלעד און אין בשן זענען געווען פעסטע,
אויף בערג געבויטע און גוט געשיצטע פיינדליכע שלעסער און יהודה
האט זיי געמוזט מיט'ן שטורם נעהמען. אויפ'ן וועג האבען איהם יע=
דעס מאל בעגעגענט גרויסע פיינדליכע מחנות, וועלכע זענען אנגע=
פיהרט געווארען פון דעם זעלביגען יודען=פיינד תימטאוס. יהודה'ן
האט זיך אבער דער קאמפף דאך איינגעגעבען: ער פערנעהמט דעם
גרעסטען טייל פון דעם שונא'ס פעסטונגען, צושטערט זיינע מויערען,
מאכט די איינוואוינער אונשעדליך און בעפרייט פון דארטען די יודען,
וועלכע ער פיהרט איבער'ן ירדן קיין יהודה. ארום שבועות צייט קומט
ער אן מיט זיין חיל און מיט די ארויסגערעטעטע יודען צוריק קיין
ירושלים (164). פון אלע שטעדט אין יהודה קומט דאס פאלק בע-

גריסען די זיעגער און דעם יום-טוב צו פייערען מיט פרייד-און דאנק-געזאנגען. נייע לויב-הימנען פערהילכען דעם בעניימען בית-המקדש!

אונטער דער צייט, וואס יהודה׳ס שווערד האט געהאלטען אין איין וואנדער שאפען אויף רעכט׳ס און אויף לינקס, האט זיך דער קעניגליכער הויף פון סוריא גארנישט געפרובט איהם וועלכע ס׳איז שטערונגען צו מאכען. האט די סוריא ער געפעהלט חיל? האבען זיי געליטען פון מאנגעל אין געלד-מיטלען? און אפשר זענען אנדערע פאליטישע אורזאכען דערביי געווען? עס ווערט אנגעוויזען, אז אין הויף האט בעקומען א גרויסע ווירקונג איינער א מאן פון עהרליכען געוויסען מיט׳ן נאמען תלמי מרקון, וועלכער זאל האבען געוועזען גע-גען די יודישע פערפאלגונגען און וועלכער האט נעשטיצט די פרייהייט פון דער יודישער רעליגיע. דערוויל איז אנטיוכ׳ס שטערבליך-קראנק געווארען, לאזענדיג נאך זיך דעם אונמינדיגען טראן-פאלגער אופטער, און האט פאר א רעגענט בעשטימט זיין פערטרויטען פיליפוס׳ן ליזיאש׳ן וועלכער איז געווען דעם מלך׳ס רעכטע האנד אין דער רעגירונג, האט די זאך פערדראסען און נאך אנטיוכס עס טוידט — די לעצטע יאהרען פון זיין לעבען איז ער משוגע געווען — הויבען זיך אן אין הויף שטארקע אינטריגעם.

צוליעב די דאזיגע אינערליכע קריגעריען האט מען אין סוריא כמעט ווי אין גאנצען געהאט פערגעסען אן פאלעסטינא.

אויב אבער פאלעסטינא איז רוהיג געווען פון די אויסערע מלחמות, האט זיך נישט געענדערט די אינערליכע לאגע אין לאנד. אין ירושלים זענען געווען צוויי פערפעסטיגטע פלעצער, וואו די פיינדליכע פאר-טייען פלעגען זיך ארומרייסען. אין עקרא האבען נאך ווי פריהער געהערשט די העלעניסטען מיט זייער כהן-גדול מענעלאאוס, וועלכע האבען פארטגעזעצט זייערע פיינדליכע ארויסטרעטונגען געגען די נאציא-נאליסטען, געגען די חסידים און געגען דעם בעניימען בית-המקדש. יהודה המכבי האט בעשלאסען אינגאנצען צו פערניכטען דעם אינערליכען שונא. ער טרעט דעריבער ארויס מיט זיין חיל געגען עקרא, בויט אויף וואלען, שטעלט אויף שליידער-מאשינען, און נעהמט זיך די העלענים-טישע פעסטונג צו צושטורמען. ווען די העלעניסטען האבען זיך געפיהלט שוואך געגען יהודה׳ס אנגריף, האבען זיי געשיקט שלוחים קיין סוריא צו בעטען ביי אופטער׳ן הילף. זיי ערקלערען דעם קעניג אדער זיין רעגענט, אז אויב עקרא וועט איבערגעהן אין די הענד פון די חשמונאים, פער-

ליערט סוריא אינגאנצען איהר איינפלוס אין פאלעסטינא; זיי האבען אלזא געפאדערט, אז דער מלך זאל שיקען חיל קיין פאלעסטינא און מיט געוועהר אויפשטעלען די העלעניסטישע ווירקונג אין לאנד. די פריעדליכע שטימע פון תלמי מרקון, וועלכער האט זיך געפרובט פערטיידיגען די אינערליכע זעלבסטשטענדיגקייט פון דעם יודישען פאלק, האט מעהר קיין איינדרוק נישט געמאכט, און ווידער האט זיך פונאנדערגעפלאקערט א פייערדיג-בלוטיגע מלחמה. גראד איז יענער מאמענט געוועזען נישט קיין גינסטיגער פאר'ן יודישען פאלק. עס איז געוועזען דאן דאס שמיטה-יאהר, ווען דאס לאנד איז נישט געאקערט און נישט געזייהט געווארען. די בעפעלקערונג האט זיך נאר ערנעהרט מיט די פרוכט פון די בוימער און מיט די גרינסען פון די לאנקעס, וואס די ערד גיט פון זיך ארויס. עס איז אלזא אונמעגליך געוועזען צו מאכען די געהעריגע זאמלונגען פון תבואה און נאהרונגס-מיטלען פאר'ן חיל און פאר די פעסטונגען.

ליזיאש איז ארויסגעטראטען (162) אין בעגלייטונג פון דעם טראן-פאלגער אופטער מיט א גרויסען שטארקען חיל און אויך מיט עלעפאנטען געגען יהודה און האט געשטרעבט צו געהן מיט דעם וועג קיין דרום, גלויבענדיג, אז דורך יענער זייט וועט איהם לייכטער זיין אין לאנד אריינצודרינגען. דער מכבי האט נאר געקאנט ארויסשטעלען געגען איהם איניגע טויזענד סאלדאטען אויפ'ן שלאכטפעלד, ווייל ער האט געמוזט א געוויסען טייל פון זיין חיל איבערלאזען צו פערטיידיגען די הויפשטאדט, דעם בית-המקדש, די פעסטונגען און אויך בית-צור. די לעצטע האבען פערשאפט דעם פיינד פיעל שוועריגקייטען אין זיינע בעוועגונגען. דער גארניזאן, וואס האט דעם דאזיגען פונקט בעשיצט האט געשטריטען מיט גרויסער מסירות-נפש, געמאכט אפטע ארויסטרעטונגען און פערדארבען דעם פיינד'ס שטורם-מאשינעס. דאך האט בית-צור לאנג זיך נישט געקענט האלטען געגען דעם שונא, ווייל אין שטאדט גופא האט פערפעהלט שפייז און די געהיימע וועגען, דורך וועלכע עס פלעגט צוגעפיהרט ווערען פראוויאנט פאר'ן גארניזאן, [זענען דורך ליזיאש'ן פערלאפט געווארען, נאכדעם ווי איינער א פעררעטער פון דעם יודישען לאגער האט איהם דעם סוד ענטדעקט. דער גארניזאן איז געצוואונגען געוועזען די פעסטונג צו פערלאזען. ליזיאש האט זיך שוין געגרייט צו געהן גלייך אויף ירושלים. יהודה המכבי איז נאר געבליבען מיט זיין טייל חיל דעם פיינד צו בעגעגענען. אין בית-זכריה, נישט

ווייט פון בית־צור, האָבען די יודען פון דאָסמאָל געהאַט די געלעגענהייט זייער העלדענמוט אַרויסצוווייזען. אלעזר, איינער פון דעם מכבי׳ס ברידער, זעהענדיג אויף אַ עלעפאַנט איינעם פון די אויסגעפּוצטע סוריא׳־שע שרים, האָט געמיינט, אַז דאָס רייט דער מלך אַליין, איז ער אונ־טער דעם עלעפאַנט אַרונטערגעקראָכען און איהם דערשטאָכען, אלעזר אַליין איז דערשטיקט געוואָרען אונטער דער שווערער משׂא פון דער גע־פאַלענער חיה. דאָך האָט די גרויסע מענגע פון סוריא׳שען חיל גובר געווען דעם קליינעם הייפעל ערבּיטערטע פרייהייטס־קעמפּפער. יהודה המכבי מוז אָב און ציהט זיך צוריק קיין ירושלים. ליזיאַש יאָגט איהם נאָך. ער איז שוין אין דער הויפּטשטאָדט אַריינגעדרונגען, יהודה פערטיידיגט מיט העלדענמוט דעם בית המקדש, וועלכען ליזיאַש בעלאַ־גערט, די בעלאַגערונג געדויערט זעהר לאַנג. אין בית־המקדש האָט דערווייל אָנגעהויבען צו פערפעהלען שפּייז; דאָס שמיטה־יאָהר געדויערט נאָך און דער חיל געהט אוים פון הונגער. איינציגווייז פערלאָזען די קעמפּפער, פערדאַרטע און פערשמאַכטע, זייער פּלאַץ. נאָר יהודה המכבי מיט זיינע ברידער און אַ קליינע צאָהל איבערצייגטע אַנהענגער, אַנערקענען נישט ניט דעם פיינד און נישט דעם הונגער. זיי שטרייטען אָהן אויפ־הער און בעקעמפּפען דעם פיינד. דאָך ווערט זייער לאַגע פון מינוט אונערטרעגליכער. נישט קיין לעבעדיגע מענשען פון פלייש און בלוט, נאָר שאָטענס, בעגייסטערטע פון פרומקייט און פאָלק׳ס־ליעבע, שטעהען בּיים טורם פון בית־המקדש. וואָלט עס דען געקאָנט לאַנג געדויערען? פּלוצלינג איז אָבער אַ וואונדער געשעהען.

יענער פיליפּוס, וועלכען דער פערשטאָרבענער אַנטיוכס האָט אַלס רעגענט בעשטימט און ביי וועלכען דער פאַלשער ליזיאַש האָט די מאַכט אָבגענומען, האָט אין פּרס און מדי פערזאַמעלט חיל און איז געגאַנגען אויף אַנטיוכיא, די הויפּט־שטאָדט פון סוריא, כדי ביי זיין געגנער די ממשלה פון די הענד אַרויסצורייסען. ווי נור ליזיאַש האָט זיך דערפון דערוואוסט, איז ער געצוואונגען געווען זיין חיל פון ירושלים אַרויסצופיהרען, כדי איהם געגען פיליפּוס׳ן צו פיהרען. ער רעדט איין דעם יונגען מלך מיט די אידען שלום צו שליסען. יהודה איז אָבער איינגעגאַנגען מיט׳ן פיינד שלום צו מאַכען נאָר אונטער דער בעדינגונג, אַז די אידישע גלויבענס־פרייהייט זאָל בשום אופן מעהר נישט בעשרענקט ווערען. אַזוי האָט זיך די דאָזיגע מלחמה געענדיגט צום גונסטען פון די אידישע פרייהייט׳ס־קעמפּפער. זייער ערפאָלג איז

א צווייפאכיגער געווען: ערשטענס, איז די אידישע רעליגיע בעפרייט געווארען פון דער פרעמדער בעדריקונג; צווייטענס, האט דער סוריא׳שער הויף אבגעטון זיין שיצענדע האנד פון די העלעניסטען, און זיי האבען דאך געמוזט ענדליך זייער פעסטונג עקרא פערלאזען. מענעלאוס, וועלכער האט דעם אידישען פאלק אזוי פיעל ליידען פערשאפט, ווערט דורך ליזיאש׳ן גופא אנערקענט פאר א פערדארבענעם מענשען, און נאכדעם ווי ער האט צעהן יאהר די כהונה־גדולה מיט זיינע מעשים פערשוועכט, האט ער דורך דעם סוריא׳שען חיל־אנפיהרער זיין טוידט־שטראף בעקומען.

נאך דעם פרידענס־אבמאך צווישען דעם סוריא׳שען הויף און דעם יודישען פאלק, נאכדעם ווי אין לאנד איז ווידער רוהיג און די ארדנונג פון דאס ניי אויפגעשטעלט געווארען, האט געמוזט וויעדער געוועהלט ווערען א כהן־גדול, וועלכער זאל זיין דער פערטרעטער פון פאלק און בעפאלמעכטיגטער פון לאנד. און ווער איז געווען מעהר פאסענד פאר דעם היילינגען פאסטען און פאר דער ממשלה פון יהודה המכבי? ער בעטרעט ווירקליך די דאזיגע שטעל און נוצט איהר אויס פאר דעם גליק פון זיין געליעבטען פאלק און צום גונסטען פון זיין היילינגען גלויבען.

אין דער דאזיגער רוהע־צייט האבען די קעמפפער געקאנט אוועקלעגען די שווערד פון האנד און זיך פערנעהמען מיט פריעדליכער ארבייט. דער לאנד־בעזיצער האט זיין פעלד בעארבייט, די געלעהרטע האבען תורה געלערנט, די טיעפע וואונדען פון דער נאהענטסטער פערגאנגענהייט האבען שוין אנגעהויבען זיך צו פערהיילען און מיט א פרישע הויט בעצויגען צו ווערן; די רוהיגקייט איז אבער נישט קיין דויערהאפטע געווען. צוליעב די פריהערדיגע פארטיי־סכסוכים זענען די גייסטער נאך צו אויפגערעגט געווען, אום די נאהענטע פערגאנגענהייט אזוי שנעל מיט א שלייער צו פערדעקען. אין ירושלים האבען זיך נאך איינגעפונען אפענע אדער געהיימע העלעניסטען, וועלכע האבען אין הארצען געטראגען א שנאה צו יהודה המכבי און צו זיינע אנהענגער. די זעלביגע האבען אויסגענוצט יעדע גינסטיגע פאליטישע געלעגענהייט, אום פון זייער געגנער נקמה צו נעהמען. גראד איז צו יענער צייט א גרויסע ענדערונג פארגעקומען אין סורי׳שען הויף. דער פרינץ דימיטריוס, דער פרעטענדענט אויפ׳ן טראן, האט די ממשלה פערכאפט און אופטער׳ן, ווי אויך ליזיאש׳ן,

בעזייטיגט פון דער רעגירונג. די העלעניסטען האבען יהודה=המכבי'ן מיט זיינע אנהענגער פער'מסר'ט פאר'ן נייעם מלך. אין דער שפיץ פון די דאזיגע מוסרים איז געשטאנען דער כהן אליקום אדער אלקימאס, פון וועלכען ס'איז בעוואוסט נאר דאס, אז ער איז געווען דעם בעריהמטען יוסי בן יועזר'ס פלעמעניק; אלקימאס איז געווען בעזונדערס אויפגעבראכט אויף יהודה המכבי דערפאר, וואס יענער האט איהם בעזייטיגט פון בית=המקדש צוליעב זיין געצענדיענערישער פערגאנגענהייט אין מענעלאס'ס צייט. מיט פערשידענע גאלדענע מתנות האט ער זיך א וועג צום מלך אויסגעטרעטען, און דאס האט ער אויסגענוצט, אויף צו פער'מסר'ן יהודה=המכבי מיט די חסידים. איבערהויפט איז די מסירה געווענדעט געווען געגען דעם ערשטען, און ער מיט זיינע חברים האבען איינגעשמועסט דעם קעניג, אז כל זמן די חשמונאים לעבען וועט קיין רוה אין לאנד נישט זיין. דימיטריוס איז פון דער מסירה געווען שטארק צופריעדען: דאס האט איהם געגעבען אנ'אויסרייד פון דאס ניי אונטערצווארפען אונטער דער מאכט פון די סורי'ער דאס קליינע האלב=בעפרייטע מדינה'לע. ער האט אבער נישט געוואלט אנהויבען די אונטערדריקונג פון פאלעסטינא מיט די זעלביגע מיטלען, מיט וועלכע עס האבען זיך בענוצט זיינע פארגענגער, די פריהערדיגע הערשער פון אנטיוכיא. ער האט נישט געוואלט אפען בעשרענקען די יודישע רעליגיאנ'ס=פרייהייט; לכתחלה האט ער נאר געוואלט, אז דאס יודישע פאלק זאל אנערקענען דעם כהן=גדול, וועלכען ער וועט בעשטימען און וועלכער דארף אין דער זעלבער צייט זיין אויך דער פערטרעטער פון לאנד. דאס האט דעם פאלק געדארפט שטענדיג דערמאהנען אן זיין אבהענגיקייט. כדי צו=פערהיטען וועלכען עס איז ווידערשטאנד שיקט ער קיין ירושלים זיין ווילד=גראבען קריגס=העד בכחידס מיט א גרויסען חיל. דער זעלביגער איז אין דער אידישער הויפשטאדט אנגעקומען מיט פריעדען אויף די ליפען, אבער יהודה, מיט זיינע ברידער און טרייע אנהענגער האבען זיך נישט געלאזען פערפיהרען. זיי זענען געווען איבערצייגט, אז בכחידס זוכט זייער טוידט און זיי האבען זיך בעצייטענס געראטעוועט, פערלאזענדיג ירושלים. די חסידים, ווייטער, נישט האבענדיג אין הארצען קיין שום חשד, האבען זיך געלאזען איינרעדען. זיי האבען געגלויבט אלקימאס'ן, וועלכער שטאמט פון אהרן הכהן. א גרויסער פערזאמלונג פון אנגעזעהענע סופרים, אפשר אויך דער גאנצער קאר=

פום פון דער בעניטער כנסת=הגדולה גיעבען זיך אונטער אלקימאס'ן, און בכחידס'ן דריקען זיי אוים זייער צוטרוי און בעטען, צו זארגען פאר דער רוהיגקייט פונ'ם לאנד, און א'עגדע מאכען צו די געוואלדטאטען. דער נייער כהן=גדול פון זיין זייט פערזיכערט, אז דאס זעלבע איז אויך זיין ציעל און זיין שטרעבונג, דאס לאנד ענדליך צו בערוהיגען און די ארדנונג אויפצושטעלען. ער זוכט נאר דאס גליק פון זיין פאלק און זיין וואוילשטאנד, דערויף גיעט ער אויך א שבועה אין בית=המקדש. ווי נאר אבער ער האט בעקומען די הערשאפט איבער'ן בית=המקדש און איבער דער שטאדט ירושלים, האט ער באלד אין איין טאג געלאזען אויסקוילענען זעכציג חסידים פון דער כנסת=הגדולה, צווישען וועלכע עס האט זיך אויך איינגעפונען זיין פעטער יוסי בן=יועזר. דער דאזיגער שענדליכער טאט צוזאמען מיט דער שבועה=פעלשונג האט באלד אויפגעבראכט דאס גאנצע לאנד געגען דעם מערדערישען כהן=גדול, און דאס פאלק האט זיינע פערוויינטע אויגען ווידער צו די מכבי'ער אויפגעהויבען. א סך פון יענע, וועלכע זענען אין אלקימאס'ס פארטיי איבערגעגאנגען, פערלאזען איהם אויף דאס ניי און לויפען צו די חשמונאים קיין מודיעים.

ווען בכחידס האט נישט ווייט פון ירושלים ארומגערינגעלט א גרופע אלקימאס'ס געגנער און זיי געטוידט, האט זיך אין לאנד פונ'סניי פונאנדערגעפלאקערט די בירגער=קריעג. עלטערע לייט און יונגערע מענשען, וועלכע זענען דורכגעדרונגען געוועזען מיט ליעבע צום פאלק און לאנד, מיט טרייהייט צו דער אמונה און א שטרעבונג צו פרייהייט, האבען זיך ווי פריהער, צונויפגעקליעבען ארום די חשמונאים=ברידער. נאך אלקימאס'ן, ווייטער, זענען נאכגעגאנגען די אלע עהרגייציגע, אלע זינדיגע און פערדארבענע. אזוי שטעהען ווידער אמאל צוויי פיינדליכע פארטייען געגען אנ'אנדער. אין אנפאנג איז די העלעניסטישע פארטיי שטארקער געוועזען. האט זי דאך געהאט צו הילף דעם סוריא'שען חיל! מיט דעם זעלביגען האט אלקימאס דאס לאנד ארומגערייזט און געצוואונגען די איינוואוינער געהארכזאם צו זיין דימיטריוס'ן און איהם, אלקימאס'ן, צו אנערקענען אלס כהן גדול. אומעטום און אהנאויפהער וואקסט אבער דער אויטאריטעט פון יהודה המכבי; ער בעניצט דעם קאמפף געגען די העלעניסטען, בעשטראפט די פעררעטער און ווארפט אן אויף זיינע געגנער אזא אימה, אז די אנהענגער

פון אַלקימוס'ן קאָנען זיך עפּענטליך אין דער פּראָווינץ מעהר נישט ווייזען, זיי בלייבען בעגרענעצט נאָר אין ירושלים. אַלקימאָס האָט אויך אַזוי ווי זיין פאָרגענגער מענעלאוס, געשטיצט זיין מאַכט נישט אויף דער ליעבע פון פאָלק, נאָר אויף דער סוריא'שער אַרמעע. ער קומט פון דאָסניי קיין אַנטיוכיא מיט נייע מסירות אויף יהודה המכבי און זיינע פּאַרטייליים, און בעגעגענט שטענדיג די געהעריגע אויפמערקזאַמקייט.

מיט די יודישע מורדים האָט דימיטריוס געהאָפּט גיך פאַרטיג צו ווערען; ער שיקט קיין פּאַלעסטינאַ איינעם פון זיינע פעלד-מאַרשאַלען מיט'ן נאָמען ניקנור, מיט דעם בעפעהל אָנצווענדען אַלע שטרענגקייטען געגען די אויפגעבונטעוועטע. דער סוריא'שער שר האָט אָבער נישט געקאָנט באַלד צו דער אַרבייט צוטרעטען. ער האָט געמוזט אָבוואַרטען נאָך אַ טייל חיל, וועלכער איז איהם בעשטימט געוואָרען. דערווייל האָט ער זיך אָנגעהערט פיעל ערצעהלונגען פון יהודה'ס גבורה און העלדענמוט; פיעל גרויסע מעשים האָט ער וואַהרשיינליך אַליין צוגעזעהן; ענדליך איז דער דאָזיגער סוריא'שער פעלדמאַרשאַל געוואָרען יהודה'ס פערעהרער און ער האָט זיך בעמיהט שלום צו מאַכען צווישען איהם און דעם מלך. ער האָט געשיקט צו דעם מכבי דריי בעפאָלמעכטיגטע מיט אַ פריעדענס-פּלאַן, ווי אַזוי די קריעג אויסצוגלייכען. די שלוחים זענען אויך באַלד יהודה'ס פריינד געוואָרען און זענען ווירקליך אויסען געווען אַנ'ענדע צו מאַכען צו דער בלוטיגער שלאַכט. אין דער זעלבער צייט האָבען זיי אויך ניקנור'ן און דעם מכבי צוזויפגעפיהרט, אום זיי זאָלען זיך פערזענליך דורכרעדען. דער איינדרוק פון דעם יודישען העלד אויף דעם סורישען פעלדמאַרשאַל איז געווען אַ בעזונדערער. דער לעצטער האָט איהם געוואונשען, אַז די דורות וואָס וועלען פון איהם אַרויסקומען, זאָלען אין איהם געראָטען זיין. די דאָזיגע גוטע בעציהונגען צווישען ניקנור'ן און דעם מכבי האָט אַלקימוס געזוכט צוצושטערן. ער האָט פאַר'ן מלך גע'מסר'ט, אַז ניקנור שפּיעלט דאָ אַלס פערמיטלער זעהר אַ פאַלשע ראָלע, אַז ער זוכט נאָר יהודה'ס טובה, אַז ער האָט איהם צוגעזאָגט צו בעשטימען פאַר אַ כהן-גדול. דאַן שיקט דימיטריוס זיין פעלדמאַרשאַל אַ שטרענגען בעפעהל, אַז ער זאָל זיך אָבהאַלטען פון אַלע אונטערהאַנדלונגען מיט'ן יודישען לאַגער, און אַז פריעדען וועט נאָר דאַן קאָנען געשלאָסען ווערע, ווען יהודה וועט אַ געשמידטער אין קייטען קיין אַנטיוכיא געבראַכט ווערען.

יהודה בעקומט אנ'אנצוהערעניש, אז ער זאל די פריינדליכקייט פון די סוריא'ער מעהר נישט אנטרויען און ער פערשליעסט זיך פון דאס נייע צווישען די בערג. ניקנור מיט זיין חיל יאגט איהם דארטען נאך; צווישען ביידע לאגערען איז פארגעקומען א צוזאמענשטויס, אין וועלכען די סוריא'ער האבען געליטען א גרויסע מפלה; ניקנור האט געמוזט צוריק קיין עקרא אבטרעטען. זעהר פערביטערט פון דעם אונגעלונגענעם געשלעג זוכט ניקנור די מלחמה צו בענייען מיט פערגרעסערטע קרעפטען. נאר דער עיקר האט ער געזוכט יהודה'ן גופא אין געפענגעניש צו פערכאפען. ער איז ארויפגעשטיגען אויף דעם בית־המקדש־בארג (הר־הבית) און פון דארטען געלאזט דאס יודישע פאלק פערזאמלען. ווען די כהנים און די מיטגליעדער פון דער כנסת־הגדולה האבען אויסגעדריקט זייערע אונטערטעניגסטע געפיהלען דעם מלך פון אנטיוכיא אינ'ם נאמען פון גאנצען לאנד, ענטפערט ער זיי זעהר גראב, הויבט אויף דראהענדיג זיין האנד געגען בית־המקדש און שווערט, אז ער וועט דאס דאזיגע הייליגטום אין פייער פערברענען, אויב יהודה המכבי וועט איהם נישט ארויסגעגעבען ווערען. און כדי נאך מעהר צו ווירקען אויפ'ן פאלק, האט ניקנור געלאזען פאנגען דעם געעהרטסטען און בעליעבטסטען מאן פון ירושלים, מיט'ן נאמען רגש, וועלכער איז צוליעב זיין גרויסער חשיבות אנגערופען געווארען „דער פאטער פון יודען". ער האט איהם אין קייטען געשמידעט און פאר א משכון גענומען אנשטאדט יהודה המכבי; דער אלטער רגש האט אבער אליין זיך דאס לעבען גענומען, כדי זיין אויסלעזונג זאל נישט צווינגען דאס פאלק צו בעגעהן א שענדליכען און שעדליכען טהאט. ניקנור האט נישט גערוהט און האט ענדליך אויפגעזוכט יהודה'ן צווישען די בערג, וואו דעם יודישען העלד האט א גרויסע מענגע בעגלייט. די נייע שלאכט איז פארגעקומען אין בית־חורון. דארטען האט יהודה ארויסגעשטעלט געגען דעם צעהנטויזענדיגען סוריא'שען חיל בלויז דריי טויזענד מאן; די דאזיגע פערהעלטניסמעסיג קליינע צאהל קעמפפער זענען אבער געווען בעגייסטערט מיט אונענדליכער ליעבע צו זייער פאלק און גרענעצלאזער פיינדשאפט צו זייערע בעדריקער. דאס רעזולטאט פון דעם געפעכט איז געווען נאך גלענצענדער פון די פריהערדיגע: דער יודישער חיל בעזיגט דעם שונא און ניקנור אליין לאזט זיין לעבען אויפ'ן שלאכט־פעלד; די סוריא'ער, פערליערענדיג זייער אנפיהרער, לויפען זיך פונאנדער אין דער גרעסטער אונארדנונג און ווערען פערשוואונדען צווישען די בערג.

די מלחמה בײַ בית=חורון (אָדער ריכטיגער: אדרתא) איז פאָרגעקומען אין 160-טען יאָהר, דעם 13-טען, און דער אײַנדרוק פון דעם וואונדערבאַרען נצחון איז געוועזען אַזוי גרויס, אַז יאָהרען לאַנג איז דער דאָזיגער טאָג געפײַערט געוואָרען צווישען יודען אונטער דעם נאָמען יום=ניקנור. דער קאָפּ און דער אָרעם פון דעם געהרג'עטען סוריא'שען מאַרשאַל איז געבראַכט געוואָרען קײַן ירושלים און איז אויפגעהאַנגען געוואָרען בײַ'ם טויער אַלס צייכען פון גרויסען זיעג.

יהודה און די חשמונאים=פּאַרטײַ זענען ווידער געוואָרען די בעלי=בתים פון ירושלים, פון וואַנען אַלקימאָס איז ענטלאָפען, נאָך דער מפּלה פון סוריא'שען מיליטער. יהודה המכבי האָט אָבער פערשטאַנען, אַז דער נײַחון איז נאָך נישט קײַן פאָלשטענדיגער. דימיטריוס איז נישט ענהליך צו די פריהערדיגע מלכים פון אַנטיוכיא: ער איז מעהר עקשן פון זײַ און כל זמן ער האָט נאָך בײַ זיך מיליטער, וועט ער פון מלחמה זיך נישט ענטזאַגען. יהודה האָט דאַרום פערקניפּט בעציהונגען מיט רוים און מצרים, וועלכע האָבען איהם צוגעזאָגט הילף; ווײַטער פון צוזאָגען זענען זײַ אָבער נישט געגאַנגען.

דערווײַל האָט דימיטריוס ווירקליך צוזאַמענגעשטעלט אַ פרישע אַרמעע, וועלכע ער האָט געשיקט קײַן ירושלים אונטער דער אָנפיהרונג פון דעם פריהערדיגען אַכזריות'דיגען באַקחידס'ן. דער זעלביגער האָט זײַן כישרות דורכגעמאַכט דורכ'ן גליל און האָט אויפ'ן וועג חרוב געמאַכט פיעל שטעדט און אויסגעהרג'עט פיעל יודען. יהודה האָט דערווײַל פערלאָזען די הויפּט=שטאָדט: איהר שיצען איז שוין געוועזען אונמעגליך, ווײַל ניקנור נאָך האָט איהר פעסטונג און מויער צובראָכען. די בערג האָבען שוין אויך מעהר נישט געקענט דיענען אַלס זיכערונג פאַר'ן יודישען חיל; דער פײַנד האָט פאַר דער צײַט פון די לעצטע מלחמות שוין געוואוסט אַלע זייערע בעהעלטעגישען.

דער מכבי פערפעסטיגט זיך אין דרום פון פּאַלעסטינאַ און דערווײַל לאָזט ער אַרויס אַנ'אויפרוף צום פאָלק: יעדערער, וועה עס האָט נאָך אין האַרצען אַ פונק ליעבע צום פאָטערלאַנד, צו גאָט און צו זײַן תורה, זאָל צו איהם אין לאַגער קומען און פאַר דאָס געוועהר זיך נעהמען. אויף דעם אויפרוף זענען אַ מאַן דרײַ טויזענד געקומען צו יהודה קײַן אלעשה; באַקחידס פערפאָלגט אָבער דעם יודישען חיל מיט אַ אונגעהויערער אַרמעע, מיט פוסגעהער, רײַטער און עלפאַנטען. שוין אַליין בײַם אָנקוקען פון דער דאָזיגער אונצעהליגער

מענגע פאלט ביי די יודישע קעמפפער דער מוט. זיי בעשליסען ביי זיך, די שלאכט דורכאויס נישט אנצוהויבען. זיי ווילען דערוויל זיך צושפרייטען איבערן לאנד און אבווארטען ביז וואנען זייער מחנה וועט פערגרעסערט ווערען, ווען פון דער פראווינץ וועלען נאך יונגע לייט אנקומען. אומזיסט האט יהודה אנגעווענדעט זיין רעדע=קראפט, זיי צו ערמונטערען, זיי זאלען ביי זיך פעסט זיין. דער גרעסטער טייל איז זיך פונאנדערגעגאנגען, נאר א מאן אכטהונדערט זענען מיט יהודה'ן געבליבען. מיט דעם קליינעם איבערגעבענעם הייפעל פאלט יהו' אן אויף באקחידס'ס רעכטען פליגעל און רופט דארט ארויס א פאלשטענדיגען חורבן: די חיל=אבטיילונגען טרעטען אב, נאר יהודה מיט א טייל קעמפפער פערפאלגט זיי ביז'ן סאמע גרענעץ פון בארג בנימין. דערוויל האבען אבער די איבערגעבליבענע יודישע סאלדאטען געמוזט אריינטרעטען אין שטרייט מיט דעם רעכטען פליגעל, וועלכען זיי האבען נישט געקאנט בייסטעהן. און ווען יהודה האט זיך פון דער נאכיאגעניש אומגעקעהרט, האט ער שוין די שלאכט געפונען אין רעכטען ברען; ער ווייזט פון דאס ניי שרעקליכע וואונדער פון דרייסטקייט, גבורה און קלוגשאפט. פון ביידע זייטען פאלען טוידטע און פערוואונדעטע; די שלאכט געדויערט פון מארגענס ביז שפעט אין דער נאכט. דאך ביי דער קליינער צאהל פון די יודישע העלדען, ווערט אלץ קענטיגער דער פערלוסט (אבידה) פון יעדען איינציגען, וועלכען דאס בלוטדורשטיגע פעלד רויבט אוועק. דעם פיינד געלינגט ענדליך דעם קליינעם העלדישען יודישען גארניזאן ארומצורינגלען; דאך הערען די ארומגערינגעלטע נישט אויף צו קעמפפען. ענדליך פאלט אבער דורך א פייל דער גרויסער, דער מעכטיגער יהודה המכבי מיט'ן שווערד אין דער האנד. דאן צולויפען זיך די עטליכע איבערגעבליבענע קעמפפער; די ברידער פון יהודה דענקען שוין נישט וועגען נצחון, זיי שטרייטען נאר איבער זייער ברודער'ס טוידטען קערפער און זיי געלינגט איהם פון פיינד אבצונעהמען, כדי עס זאל קיין שענדליכער שפאט איבער דעם געפאלענעם העלד נישט פאלען. די שלאכט ביי אלעשא (160) האט געמאכט צו נישט די אלע גרויסע נצחונות, וואס די לייבען=העלדישע יודישע קעמפפער האבען איבער דעם פיינד ביז אהער אבגעהאלטען. דעם מכבי'ס חיל איז צוזייהט געווארען און אלקימאס בע=

קומט פון דאָס נײַ די מאַכט איבער דער הויפּטשטאַנד און איבער'ן בית=המקדש.

די יאָהרען=לאַנג=דויערענדע מכבים=מלחמות זענען אָבער דאָך נישט שפורלאָז פערלוירען געגאַנגען. זיי האָבען דאָס פאָלק פון זײַן מוטלאָזינקײַט געוועקט; דער אַלט גרײַזער ישראל איז יונגער, פרישער געוואָרען. מען זאָגט, אַז מאַרטירער=בלוט הײלט וואונדען, און דער ווירקליכקײַט זענען פיעל אַלטע וואונדען בײַ'ם פאָלק אויסגעהײלט געוואָרען מיט דעם בלוט, וואָס די יודישע קעמפפער האָבען פערגאָסען אונטער יהודה=המכבי'ס פאָהן. די גריכען עפּענע שוין מעהר נישט זײער מויל צום לאַכען, ווען זיי בעגעגנען אַ יודישע מחנה, און די יודען ברויכען שוין מעהר נישט מיטצומאַכען די קינדישע אָלימפּען=שפּיעלען, כדי זײער העלדישקײַט צו ווײַזען. נאָך די ערשטע אין מלחמה געפאַלענע קעמפפער, האָט דאָס פאָלק זיך אַלײַן דערקענט און זײַן היסטאָרישע אויפגאַבע פערשטאַנען; עס האָט זיך אַרויסגעוויזען אַלס אַ פאָלק, וואָס עקזיסטירט און מוז עקזיסטירען, טראָגענדיג אין זיך זײַן אײגענע תורה און זײַן אײגענעם מאָראַל; און דערוויזען האָט עס, אַז עס האָט גענוג קראַפט די דאָזיגע הײליגע גיטער צו בעשיצען: דער העררליכסטער בעווײַז און דער געטליכסטער צײכען איז דאָס פערגאָסענע בלוט פון די מכבים=העלדען!...